STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06620

FOMA GORDEYEV

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקסים גאָרקי

פאָמאַ גאָרדעיעוו

ייִדיש א. י. גראָדזענסקי

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND
Maksim Gorki — „Foma Gordiejew"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

וועגן „פאָמאַ גאָרדעיעוו“.

אַלס װוּנדפּונקט אין דער געשיכטע פון גאָרקים שאַפן דאַרף באַטראַכט
װערן זײַן גרױסע דערצײלונג „פאָמאַ גאָרדעיעוו“, וואָס איז דערשינען אין יאָר
1899. גאָרקי בלײַבט דער זינגער פון קראַפט, נאָר ער הײבט צום ערשטן
מאָל אָן שאַרף צוצוגײן צום סאָציאַלן אַנאַליז פון די געזעלשאַפטלעכע
כוחות, וואָס ווירקן אויף דער לעבנס=אָרענע. צום ערשטן מאָל שטײט זײַן
אינדיווידואַליזם נישט מהוין דעם לעבן. צום ערשטן מאָל שטרעבט ער צו
פאַרנעמען אַן אָרט אין לעבן און צו קעמפן אין זײַנע גרענעצן. אויך דאָ,
אמת, קומט פאָר די אָפּשאַצונג פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, כמעט ווי
פריער, פון זײַן עסטעטישן באַנעם, פון זײַן פאַרלאַנג, פון זײַן קולט פון אַ
מעכטיקער, בױענדיקער, שטאַרקער און פרײַער מענטשלעכער פּערזענ=
לעכקײט. נאָר צום ערשטן מאָל ווערט פאַר אונדז קלאָר, אַז גאָרקי שפּירט
דאָס בײַזײַן פון צוויי הויפּט=קלאַסן, וואָס שטײען אײנער קעגן דעם צווייטן.
לאַנג וואַנדערנדיק איבער דער רוסישער ערד, לאַנג באַאָבאַכטנדיק די שײנ=
קײט און קראַפט בעיקר אין דער סביבה פון די אַרויסגעוואָרפענע איבערן
לעבנס=ברעג, הײבט גאָרקי אָן איצט צו זוכן, כמעט אומבאַוואוסטזיניק, יענע
כוחות אין דער מיט פון דער געזעלשאַפט גופא, אויף וועלכע מען קען זיך
שטיצן אין זײַנע זוכענישן נאָך אמת, אין זײַנע אײביקע טראַכטענישן וועגן
דעם „ווי אַזוי צו מאַכן, אַז דאָס לעבן אויף דער וועלט זאָל ווערן שענער“.
בלי=ספק זײַנען די דאָזיקע צוויי כוחות — מאַיאָקין און דער אַרבעטער=קלאַס.
דאָס זײַנען רעאַלע כוחות, וואָס קעמפן פאַר דער מאַכט איבערן לעבן, וועלכע
באַשטימען זײַן באַוועגונג.

די צווייטע אײגנאַרטיקײט פון דאָזיקן ראָמאַן איז, וואָס גאָרקי שטעלט
אַוועק צום ערשטן מאָל זײַנע העלדן אינם העלן ליכט פון לעבנסשטײגער
און מנהגים, וויקלט פונאַנדער אַ ריזיקן לײַוונט פון רוסישן לעבן, מאָלט אָפּ
פאַרשײדענע קלאַסן, נעמט דאָס לעבן מיט אַ ברײטן פאַרנעם. מיר זעען נישט
נאָר פאָמאַ גאָרדעיעוון, ווי מיר האָבן געזען טשעלקאַשן אָדער קאָנאָװאַ=
לאָװן, בעת זײערע באַגעגענישן מיטן מחבר. מיר ווערן געוואָר די גאַנצע
געשיכטע פון זײַן לעבן, פאַר אונדז עפענען זיך אויף אַלע פעדים, וועלכע
פירן צו יענעם סאָציאַלן קוואַל, פונוואַנען ס'איז אויסגעוואַקסן דער דאָזיקער
כאַראַקטער, פונוואַנען ס'איז אויפגעקומען די באַשטימטע וועלט=אָנשויונג און

װעלט=באַנעמונג. דאָ זײַנען די העלדן נישט איזאָלירט, זײ װערן באַטראַכט נישט אַלס אײַנזאַמע פֿאַרשלאָסענע װעלטן. צום ערשטן מאָל האָט גאָרקי גענעבן די מעגלעכקײט אַזױ קלאָר צו פֿילן דעם צוזאַמענהאַנג פֿון דער אינערלעכער װעלט פֿון דער אײנצלנער פּערזענלעכקײט מיט דער אַרומיקער װירקלעכקײט. די דאָזיקע װירקלעכקײט איז שױן נישט קײן פּאַן, דאָס איז נישט קײן פּלעק, װאָס איז פֿאַרדעקט מיט סימבאָליק און ראָמאַנטיק, אַ פּלעק, אין װעלכן ס'צײכענען זיך קוים אָן די בלאַסע קאָנטורן פֿון די מאַסן, װאָס רינגלען אַרום די העלדן. דאָס איז נישט יענע אומקלאָרע, פֿאַראַכטנדיקע שמײכיקע און קריכנדיקע מיאוסקײט פֿון לעבן, װאָס אַלס גאַנצעס שטערט זי דעם שװאונג פֿון דערהױבענעם גײַסט. די פֿאַראײנפֿאַכטע אַנטיטעזע, — דער שײנער פֿאַנטאַזיאָר, און דאָס געמײנע בירגער=לעבן, — איז שױן נישט גענוג. מ'דאַרף אױסשטודירן די דאָזיקע נישט=קלאָרע פּלעקן, מ'דאַרף באַטראַכטן די באַזונדערע פֿיגורן און באַזונדערע גרופּעס אין דער דאָזיקער מאַסע. דער אימפּרעסיאָניסט איז געװאָרן אַ רעאַליסט, און װען גאָרקי האָט זײ באַטראַכט, װען ער האָט אַרונטערגענומען אונטערן אַנאַליז דאָס, װאָס ער האָט פֿריער גענומען אין זײַן אומצעגלידערטן גאַנצעס, דאַן האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז נישט אַלץ דאַרף באַצײכנט װערן, אַז אין דער טיפֿעניש פֿון דער העסלעכער געזעלשאַפֿט איז דאָ אַ געזונטער יסוד און לעבנס=פֿעיִקע כּוחות, און אַנשטאָט צו שלײַדערן קללות דעם גאַנצן, דאַרף מען נאָר פֿירן אַ פּלאַנמעסיקן קאַמף, אַרױסגײענדיק פֿון די דאָזיקע כּוחות.

פֿאָמאַ גאָרדיעװ איז דער זון פֿון אַ װאָלגער שיף=אײגנטימער, אַ רײַכער און אַ קלוגער מענטש, װאָס האָט אָנגעהױבן זײַן קאַריערע אַלס אַן אָרעמער װאַסער=גיסער אױף אײנע פֿון די שיפֿלעך פֿון אַ רײַכן סוחר. דורך שװערער אַרבעט און דורך דער שװערער שול פֿון לעבן איז פֿאָמאַס פֿאָטער געקומען צו זײַן רײַכטום. לױט דער קאָנסטרוקציע דערמאָנט אָט דער ראָמאַן פֿון מ. גאָרקי אָן די גרױסע ביאָגראַפֿישע ראָמאַנען, װי דיקענס „דוד קאָפּערפֿילד“. עס קען זײַן, אַז אַלײן נישט װיסנדיק עס, האָט גאָרקי דערצײלט די געשיכטע פֿון דער פֿאָרמירונג פֿון אַ מענטשלעכן כאַראַקטער. ס'איז כאַראַקטעריסטיש די סצענע, װי דער פֿאָטער שלאָגט דעם מאַטראָס יעפֿים אין דעם ייִנגלס אױגן, אַ סצענע, איבער װעלכער פֿאָמאַ האָט זיך צום ערשטן מאָל פֿאַרטראַכט װעגן די באַציִונגען צװישן אונטערנעמער און די עקספּלאָאַטירטע, און װי דער פֿאָטער װיקלט פֿאַר אים דאָס ערשטע מאָל פֿונאַנדער די סיסטעם פֿון אָנשװיגנגען און מידות פֿון אַ געזונטן און גרױזאַמען אונטערנעמער=קאַפּיטאַליסט:

„און אױב דו זעסט אַ שטאַרקן, פֿעיִקן צום ענין מענטש, האָב רחמנות אױף אים, העלף אים אַרױס, און אױב אײנער איז שװאַך, טױג נישט צום עסק, שפּײַ אױף אים, גײ פֿאַרבײַ. זאָלסט װיסן, אַז דער מענטש, װאָס קלאָגט זיך אױף אַלץ, זיפֿצט און קרעכצט, איז קײן גראָשן ניט װערט, ס'איז אַן עבֿירה אױף אים רחמנות צו האָבן און דו װעסט אים גאָרנישט ברענגען קײן נוצן, אַפֿילו

ווען דו וועסט אים אַרויסהעלפן... איך, ברודער, האָב אַליין אַדורכגעמאַכט די דאָזיקע לעבע, נישט ווייניק ביטערנישן אויפגעגעסן אין מײַנע יאָרן... פֿאַר אונז, זון מײַנער, איז דאָס לעבן נישט קײַן לײַבלעכע מוטער, זי איז אונ־זער שטרענגע באַלעבאָסטע"... אין דער שילדערונג פֿון דעם דאָזיקן שטאַרקן און שרעקלעכן רויבער איז נישט פֿאַראַן קיין כּעס און שנאה. „פֿאָמאַ האָט געפֿילט אין איגנאַטס רייד עפּעס נײַס, מער קלאָרס און פֿאַרשטענדלעכס, אײַ־דער אין די מעשׂהלעך, און דאָך נישט ווייניקער אינטערעסאַנטס; אין קליינעם הערצל האָט אַ צאַפּל געטאָן עפּעס שטאַרקס און הייס און ס'האָט אים געצויגן צום פֿאָטער".

נאָר דאָס בעסטע בילד פֿון אַ קאַפּיטאַליסט, איינס פֿון די מערקווערדיקסטע בילדער פֿון דער רוסישער ליטעראַטור, האָט גאָרקי געגעבן אין דער פּערזאָן פֿון יאַקאָוו מאַיאַקין, פֿאָמאַס אַ לײַב־קנעכט, בײַ וועמען ער האָט זיך דערצויגן נאָך פֿאָמאַס טויט. מאַיאַקינס פֿילאָסאָפֿיע איז אַ פּשוטע, דאָס איז די פֿילאָ־סאָפֿיע פֿון אַ רויבער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער עפּאָכע פֿון קאָנקו־רענץ: „יעדער ווינטשט זיך אַלדאָס גוטס... און וואָס איז דאָס, דאָס גוטע? — ניין פֿאָרויס פֿאַר אַלע, שטיין העכער פֿאַר זיי. אָט דעריבער באַמיען זיך אַלע צו פֿאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אין לעבן... איינער אויף אַזאַ אופֿן, דער אַנ־דערער אויף אַן אַנדערן... נאָר אַלע ווילן דווקא, אַז מ'זאָל זיי זען פֿונדערווײַטנס, ווי פֿון אַ גלאָקן־טורעם". מאַיאַקין דאַרף נישט די מענטשלעכע ליבע, ער איז צופֿרידן פֿון דער אַכטונג און מען אַכטעט, לויט זײַן מיינונג, נאָר דעם, פֿאַר וועמען מען האָט מורא. ער שטיצט זיך נאָר אויף כּוח, ער איז אַ דעראָבערער און איז אין העכסטן גראַד באַשאָנקען מיט דעם, וואָס ניטשע רופֿט אָן „ווילן צו מאַכט". אויך ער זעט דעם שקר אין דעם עקסיסטירנדיקן לעבנס־סדר, אָבער דעם דאָזיקן שקר טײַטשט ער אויס אויף זײַן שטײַגער. ס'איז נישט ריכטיק, וואָס די פּריצים און באַאַמטע קאָמאַנדעווען, „הײַנטיקע צײַטן זײַנען די שטאַרקסטע מענטשן — סוחרים, דער סוחר איז דער ערשטער כּוח אין דער מלוכה, ווײַל ער האָט די מיליאָנען". ס'האָט נישט קײַן זין, אַז דער סוחר זאָל בויען אַ הויז, אויב דאָס דאָזיקע הויז איז נישט זײַנס. דעריבער איז קליגער צו שטיין אָן אַ זײַט און וואַרטן ביז, איבערצײַנדיק זיך אין זייער אָנמאַכט, וועלן נישט קומען צו אים די קאָמאַנדירנדיקע, פֿאַרניינענדיק זיך, און אײַנ־שליסן די סוחרים אין דער צאָל פֿון „די בויער פֿון לעבן". מיט איין וואָרט: מאַיאַקין פֿאָדערט די מלוכהשע מאַכט פֿאַר דעם סוחרטום.

ער גיט אָפּ כּבוד דעם מענטש, „אויב דאָס לעבן איז נישט זײַנס, און ער דרייט דערמיט אויף זײַן שטײַגער". מאַיאַקין „דרייט" מיטן לעבן אויף זײַן שטײַגער. כּדי ער זאָל עס קירעווען אין זײַן אייגענער קאָריטע, זשאַלעוועט ער גאָרנישט. ער האָט צוגעפּאַסטע אַ פּלאַן, ער האָט אַן אידעע, ער קלערט נישט בלויז וועגן זיך, נאָר אויך וועגן נאָכפֿאָלגער פֿון זײַן געשעפֿט. ער האָט באַשלאָסן התונה צו מאַכן זײַן טאָכטער

ליובאַ מיט פֿאָמאַ, ווייל זיינע אייגענע קינדער זיינען נישט קיין געראָטענע, ער האָט ענמת-נפֿש, וואָס פֿאָמאַ האָט זיך אויסגעוויזן פֿאַר אַ נישט-פֿעיִקן, וואָס פֿאָמאַ איז נישט יענער אייזערנער מענטש, וואָס איז נייטיק צו פֿירן ווייטער דאָס געשעפֿט. אָנטרעפֿנדיק אויף אַ ווידערשטאַנד מצד פֿאָמאַ, האָט ער אים צעקוועטשט אויף אַן אומברחמנותדיקן אופֿן. ער האָט צעבראָכן דאָס לעבן פֿון זיין טאָכטער, וואָס האָט דעם פֿאָטערס אידעאַל פֿון קאַמף און קאָנקורענץ אַנט-קעגנגעשטעלט דעם אידעאַל פֿון אַלגעמיינעם גליק און גלייכהייט. פֿון דעם דאָזיקן קאַמף צווישן פֿאָטערס און קינדער גייט מאַיאַקין אַרויס אַלס זיגער, בלי-ספֿק, איז אין מאַיאַקינען פֿאַראַן עפּעס פֿון ניטשעאַנישן, קעמפֿנדיקן אינדיווידואַליזם. גאָרקי האָט פֿאַרשטאַנען די פֿאַרדאָרבנדיקע באַדייטונג פֿון מאַיאַקינס אין לעבן. די צעטרייסלענדיקע סצענע פֿון דער הוליאַנקע לאָזט נישט איבער קיין שום ספֿק אין דער הינזיכט, אין דער סך-הכל פֿון מאַיאַקינס טעטיקייט ווערט אונטערגעפֿירט אין פֿאָמאַס דעמאַסקירנדיקער רעדע: „וואָס האָט איר געטאָן? נישט קיין לעבן האָט איר געמאַכט, נאָר אַ תּפֿיסה, נישט קיין אָרדענונג האָט איר אַריינגעפֿירט — נאָר קייטן האָט איר אויסגעשמידט פֿאַרן מענטש... דער מענטש גייט אונטער... איר זענט נשמה-פֿאַרדאַרבערס! צי פֿאַרשטייט איר, אַז איר לעבט נאָר אַדאַנק דער מענטשלעכער געדולד? די קאָפּיקע — אָט דאָס איז אייער גאָט! בלוט-זויגערס! פֿון פֿרעמדער פּראַצע לעבט איר... מיט פֿרעמדע הענט אַרבעט איר: פֿאַר דעם אַלעם וועט איר באַצאָלן... אויספּגרן וועט איר — אַלץ וועט אייך פֿאַררעכנט ווערן! אַלץ — ביז דער מינדסטער טרער... וויפֿיל מענטשן האָבן מיט בלוט געוויינט צוליב אייערע גרויסע געשעפֿטן?"

און דאָך איז דאָ עפּעס צווייִקס אין גאָרקיס באַציִונג אַלס קינסטלער צו מאַיאַקינען. עס איז דאָ עפּעס, וואָס מאַכט שלום מיט אים, אַדאַנק זיין קראַפֿט און ווילן צו דער מאַכט, און דער עיקר: פֿאָמאַ קאָן גאָרנישט אַנטקעגנשטעלן זיין האַרטן און פֿעסטן לעבנס-פּלאַן. וועגן דעם ריידן קלאָר פֿאָמאַס נאַכט-ווידזיעס, ווען דאָס לעבן איז געקומען צו אים אין דער געשטאַלט פֿון אַ פֿינסטערער מאַסע מענטשן, אַ שרעקלעכע מיט איר ריזיקייט, ווען צווישן דער מאַסע האָבן זיך באַוויזן זיינע באַקאַנטע מענטשן, צווישן זיי אויך מאַיאַקינס טויט-פֿאָטער, וואָס „דרייענ-דיק זיך ווי אַ שלאַנג, דאָ שפּרינגענדיק אויף דער פּלייצע, דאָ אַדורכקריכנ-דיק צווישן די פֿיס פֿון די מענטשן, אַרבעט ער מיט זיין טרוקענעם, אָבער פֿעסטן און „אָדערדיקן קערפּער". פֿאָמאַ האָט געוואָלט אָפּשטעלן דעם דאָזיקן זינלאָזן האַרמידער, אַריינגיסן עפּעס נייע אין דעם גערויש און הו-האַ פֿון זייער לעבן, זאָגן עפּעס הויכע, נייע ווערטער, ריכטן זיי אין איין זייט, נישט איינעם דערווייטערן פֿון צווייטן. „ס'האָט זיך אים געוואָלט אָנכאַפּן זיך ביים קאָפּ מיט זיינע הענט, אָפּרייסן איינעם פֿון צווייטן, שלאָגן איינע, גלעטן די אַנדערע, באַרויִקן אַלע, זיי באַלויכטן מיט עפּעס אַ פֿייער!" אָבער ס'איז גאָרנישט געווען אין אים, נישט די נייטיקע ווערטער, נישט קיין פֿייער. „ס'איז נאָר אין אים

געווען איין פאַרלאַנג, וואָס איז אים געווען פאַרשטענדלעך, אָבער נישט אויספירבאַר". ער וואָלט געקענט שרייען צו די מענטשן: „ווי לעבט איר? צי איז נישט קיין חרפה?" נאָר, ווען דערהערנדיק זיין קול, וואָלטן זיי געפרעגט: „און ווי דאַרף מען לעבן?" — וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַזאַ פראַגע וואָלט אים אויסגעקומען צו מאַכן אַ „קאָזשעלעק" פון דער הייך אַראָפ, אונטער די פיס פון די מענטשן.

פאָמאַ — דאָס איז אַ נייער וואַריאַנט אויף דער טעמע וועגן סאָקאָל, אַ שטורמישע בונטאַרישע קראַפט, וואָס ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דער געזעלשאַפט. וואָס האָט זיך געשמידט מיט קייטן, נאָך אַלץ יער זעלבער אומבאַשטימטער דראַנג פון אַן אינדיווידואַליסט. אָבער גאָרקיס באַציִונג צו דער דאָזיקער פראָטעסט=פאָרם האָט זיך, בלי=ספק געענדערט. איצט שטעלט שוין גאָרקי די פראַגע וועגן אַ פאָזיטיוון סאָציאַלן אידעאַל. ער פאָדערט אַן ענטפער אין שייכות צו דער לעבנס=פאָרם, וואָס קען אַנטקעגנגעשטעלט ווערן דער עקסיסטירנדיקער פאָרם; איצט באַנוגנט ער זיך שוין נישט מיט דער אידעאַליזירונג פון דעם בונטאַרישן פראָטעסט אַלס אַזעלכן, אים שטעלט שוין נישט צופרידן אַ העלד, וואָס ברענגט גאָרנישט אָנשטאָט דעם בירגערטום, אַחוץ דער שענק, אַחוץ דער באָסיאַקישער פרייהייט.

אין זיין ראָמאַן „פאָמאַ גאָרדעיעוו" האָט גאָרקי צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם קלאַס, וועלכן ס'איז פאָרגעשטאַנען צו לייזן די אויפגאַבע, וואָס איז נישט געלייזט געוואָרן דורך פאָמאַ. ביים ליטעראַט יעזשאָוו האָט פאָמאַ באַגעגנט „עפעס אייגנאַרטיקע מענטשן, וועלכע, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, האָבן אַלץ געוואוסט, אַלץ פאַרשטאַנען, קענען אַלץ זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אין אַלץ געזען אָפנאַרעריי און פאַלשקייט". איינמאָל האָט יעזשאָוו מיטגענומען פאָמאַן אויף אַן אַרבעטער=מאַיעווקע. צום ערשטן מאָל האָט דאָ גאָרקי אַזוי אַנטשלאָסן אַנטקעגנגעשטעלט דעם אינטעליגענט די אַרבעטער. מיט בולטע שטריכן מאָלט ער פשוטע און געזונטע מענטשן. דער קאָנטראַסט פון זייערע טרעפלעכע באַמערקונגען אין פאַרגלייך מיט יעזשאָווס פלוידעריִען — איז אַ בילד, וואָס זאָגט אָן גאָרקיס ווייטערדיקן וועג אין זיין הילכן אַ בעסער לעבן. ער האָט אָנגעטאַפט דעם וועג, וואוהין מען קען אַוועקגיין פון דער קרענקלעכער און באָדנלאָזער אינטעליגענץ פון דעם טיפ פון די מערעזשקאָווסקיס און סאָלאָגובס.

פ. קאָגאַן

I.

מיט אַ יאָר זעכציק צוריק, ווען אויף דער וואָלגע האָט מען מיט אַ לעגענדאַרישער שנעלקייט געמאַכט מיליאָניקע פאַרמעגנס — האָט אויף איינער פון די בערלינעס פון רייכן סוחר זאַיעוו געדינט אַלס וואַסער־גיסער דער יונגער בחור איגנאַט גאָרדעיעוו.

אַ העלדיש־געבויטער, אַ שיינער און ניט קיין נאַר, איז ער געווען איינער פון יענע מענטשן, וועמען ס'האָט תמיד און אין אַלץ געגליקט דאָס מזל — ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן ליב צו אַרבעטן און פאַרמאָגן טאַלאַנט, נאָר גיכער צוליב דעם, וואָס האָבנדיק אַ געוואַלדיקע ענערגיע, קענען זיי זיך קיינמאָל ניט פאַרטראַכטן, אויפן וועג צו זייערע צילן, וועגן אויסוואַל פון די מיטלען. און חוץ זייער אייגענעם ווילן ווייסן זיי ניט און אָנערקענען ניט קיין אַנדער געזעץ. אַמאָל ריידן זיי מיט מורא וועגן זייער געוויסן, צייטנווייז פייניקן זי זיך אין קאַמף מיט אים, — אָבער דאָס געוויסן איז אַ אומבאַזיגטער כוח נאָר ביי די שוואַכע אין גייסט; די שטאַרקע באַהערשן אים גיך און פאַרשקלאַפן אים צו זייערע פאַרלאַנגען, ווייל זיי פילן באַוואוסטלאָז, אַז אויב זיי זאָלן דעם געוויסן געבן פרייהייט אין ברייטקייט — וועט ער צעברעכן זייער לעבן. זיי זיינען אים מקריב די טעג; אויב ס'פּאַסירט, אַז דאָס געוויסן דערדריקט זייערע נשמות, זיינען זיי, הגם באַזיגט פון אים, דאָך קיינמאָל ניט צעבראָכן און לעבן ווייטער אַזוי געזונט און שטאַרק אונטער זיין השפעה, ווי זיי האָבן ביז אַהער געלעבט אויך אָן אים...

צו פערציק יאָר איז שוין איגנאַט אַליין געווען אַ באַלעבאָס פון דריי אייגענע דאַמפּערס און פון אַ צענדליק בערלינעס. אויף דער וואָלגע האָט מען פאַר אים געהאַט דרך־ארץ, ווי פאַר אַ רייכן און קלוגן מענטשן, מען האָט אים אָבער געגעבן אַ צונעמעניש

„דער ווילדער“, ווייל זיין לעבן איז געפֿלאָסן ניט גלייך מיטן גראָדן שטראָם, ווי ביי אַנדערע זיין גלייכן, נאָר האָט בונטאַריש געוואָרפֿן זיך אין זיג-זאַגן, געברויזט און געריסן זיך אין דער זייט פֿון פֿאַרדינסטן, דעם הויפּט-ציל פֿון דער עקסיסטענץ ביים דאָזיקן מענטשן. פּונקט ווי ס׳וואָלטן געוועזן דריי גאָרדעיעווס — אָדער אין איגנאַטס גוף וואָלטן געוועזן דריי נשמות. איינע, און די שטאַרקסטע, איז געוועזן געלט-גייציק, גיריק, און בעת איגנאַט האָט געלעבט אונטער אירע באַפֿעלן — איז ער דאַן געוועזן אַ מענטש אַ פֿאַרכאַפּטער פֿון אַ אומבאַזיגטן חשק צו אַרבעט. ס׳האָט געברענט אין אים טאָג און נאַכט. ער איז געוועזן אינגאַנצן פֿאַרשלונגען פֿון תאווה נאָך געלט. כאַפּנדיק אומעטום הונדערטערס און טויזנטערס, האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט אָנזעטיקן מיטן קנאַק און קלאַנג פֿון געלט. ער איז געפֿלויגן איבער דער וואָלגע הין און צוריק, פֿאַרשטאַרקנדיק און אויסציענדיק אויף איר די נעצן, מיט וועלכע ער פֿלעגט פֿאַנגען גאָלד; ער האָט צונויפֿגעקויפֿט ברויט אין די דערפֿער און געפֿירט אין ריבינסק אויף זיינע בערלינעס; אָפּגענאַרט, אַמאָל האָט ער אַליין ניט באַמערקט, וואָס ער טוט, אַמאָל — יאָ באַמערקט און טריומפֿירנדיק, האָט ער אָפֿן אָפּגעלאַכט פֿון די אָפּגענאַרטע און אין זיין משוגענעם יאָגן זיך נאָך געלט האָט ער זיך דערהויבן ביז פּאָעזיע. אָבער אַוועקגעבנדיק אַזוי פֿיל כוחות דאָס יעיג נאָך געלט, איז ער פֿונדעסטוועגן ניט געווען אַזוי געלט-גייציק אין ענגן זין און צייטנווייז פֿלעגט ער אַפֿילו אַרויסווייזן אַן אומפֿאַרשטענדלעכע אָבער אינערלעכע גלייכגילטיקייט צו זיין פֿאַרמעגן. איינמאָל, בעתן אייזגאַנג אויף דער וואָלגע, איז ער געשטאַנען ביים ברעג און צוקוקנדיק זיך ווי דאָס אייז צעברעכט זיין נייע פֿערציק-קלאַפּטערדיקע בערלינע, צודריקנדיק זי צום גלאַטן ברעג, האָט איגנאַט אַרויסגערעדט דורך די ציין:

— גוט אַזוי... נו, נאָך... דריק, קוועטש!... נו, נאָך אַמאָל!... רר...

— נו, וואָס, איגנאַט, האָט אים געפֿרעגט זיין ידיד מאַיאַקין, צוגייענדיק צו אים, — דער אייז קוועטשט דיר אַרויס פֿון טייסטער אַ צען טויזנטער, האַ?

— ס'איז גאָרנישט! מירן נאָך פֿאַרדינען הונדערט... דו זע נאָר אָקאָרשט, ווי די וואָלגע אַרבעט דאָס! האַ? נישקשה? זי, די מוטערל, קאָן דיר אַזוי צעוואַרפֿן די גאַנצע ערד ווי אַ קעז מיט אַ מעסער... זע נאָר, זע! אָט איז זי, מיין „באָאַרינאַ:״ סך־הכל איינמאָל געשוואומען אויף איר און שוין... נו, מיר וועלן איר אפשר מאַכן אַ סעודה?

די בערלינע איז צעטראָגן געוואָרן אויף שפּענדלעך. איגנאַט מיט מאַיאַקינען זיינען געזעסן אין שענק ביים ברעג, געטרונקען בראָנפֿן און געקוקט אין פֿענסטער, ווי אין איינעם מיטן איז האָבן זיך איבער דער וואָלגע געטראָגן די שיריים פֿון דער „באָאַרינאַ״.

— אַ שאָד דאָס געשיר, איגנאַט? האָט מאַיאַקין געפֿרעגט.

— וואָס פֿאַר אַ שאָד? די וואָלגע האָט געגעבן, די וואָלגע האָט צוגענומען. אַ האַנט האָט זי דאָך מיר ניט אָפּגעריסן...

— פֿונדעסטוועגן...

— וואָס — פֿונדעסטוועגן? גוט וואָס איך זע דאָס אַליין ווי דאָס געשעט... וועל איך נאָך אַמאָל וויסן. אָט ווען ס'האָט ביי מיר געברענט „וואָלגאַר״, איז מיר געווען אַ שאָד — וואָס איך האָב ניט געזען. אָט דאָס מוז זיין שיין, בעת איבן וואַסער פֿלאַקערט אין דער פֿינסטערער נאַכט אַזאַ פֿייער, האַ? אַ היפּשער דאַמפּערל געווען.

— האָסט דאַן אויך ניט געזשאַלעוועט?

— דעם דאַמפּער? דער דאַמפּער איז מיר טאַקע געווען אַ שאָד... אָבער דאָס איז דאָך בלויז נאַרישקייט — אַ שאָד! ווער ווייס? ווייַן, אדרבה, וועסט מיט טרערן ניט פֿאַרלעשן די שריפֿה. נו, זאָלן זיי, די דאַמפּערס, ברענען... און אַפֿילו אַלץ זאָל ברענען—איז וואָס? אַ שפּיי! וואָלט אַזוי די נשמה געברענט צו דער אַרבעט... און אַלץ וועט זיך צוריק רירן פֿון ס'ניי... ניט אמת?

— נו, יאָ, — האָט מאַיאַקין געזאָגט מיט אַ שמייכל. — דו רעדסט שטאַרקע ווערטער. און ווער ס'רעדט אַזוי — איז טו אים כאָטש אויס נאַקעט, וועט ער אַלץ בלייבן אַ גביר.

באַציִענדיק זיך אַזוי פֿילאָסאָפֿיש צו די אבידות פֿון טויזנטער, האָט איגנאַט פֿונדעסטוועגן געוואוסט דעם ווערט פֿון יעטווידער קאָ־

פּיקע. אַפילו אַן אָרעמאַן האָט ער זעלטן געגעבן אַ נדבה. געגעבן האָט ער נאָר די, וועלכע זיינען שוין געווען אינגאַנצן אומפעיק צו אַרבעט. אויב ס'האָט בײַ אים געבעטן אַ נדבה אַ ביסל אַ געזינטערער, האָט איגנאַט שטרענג געזאָגט:

— טראָג זיך אָפּ!... קענסט נאָך אַרבעטן... גיי העלף דעם סטרוזש אויסראַמען דעם מיסטקאַסטן, וועסטו באַקומען אַ זעקסער...

אין דער צייט, וואָס ער איז געווען פאַרכאַפּט אין דער אַרבעט, האָט ער זיך צו אַלעמען באַצויגן שטרענג און אָן רחמנות. אַפילו זיך אַליין ניט געגעבן קיין רגע רו, פאַנגענדיק כסדר דעם רובל. און פּלוצלונג — טרעפן פלעגט דאָס געווײנלעך אין פרילינג, ווען אַלץ אויף דער ערד ווערט אַזוי כישופדיק שיין און ווייט אַזוי פון ריינעם הימל מיט צערטלעכן פאָרוואורף און פאַרדראָס אויף דער נשמה — פלעגט איגנאַט ווי דערפילן, אַז ניט ער איז דער באַלעבאָס פון זיינע געשעפטן, נאָר עמעצער אַ נידעריקער שקלאַף. דאַן פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן, און אַרומקוקנדיק זיך נײַגעריק אין אַלע זייטן דורך זיינע געדיכטע אָנגעכמורעטע ברעמען, פלעגט ער גאַנצע טעג אַרומגיין אַן אומעטיקער און בייזער, ווי ער וואָלט שווייגנדיק עפּעס געמאָנט און מורא געהאַט צו פרעגן דאָס אויפן קול: דעמאָלסט פלעגט זיך אין אים אויפכאַפּן די צווייטע נשמה — די מרידהשע און תאוותדיקע נשמה פון אַ צערייצטער הונגעריקער חיה. זייענדיק צו אַלעמען חוצפּהדיק און ציניש, פלעגט ער כסדר טרינקען, שיכּורן און אָנשיכּורן אויך אַנדערע. דעמאָלסט האָט ער זיך געפונען ווי אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד און אין אים פלעגט זיך צעקאָכן אַ וואולקאַן פון טומאה.

ס'האָט געהאַט אַ פּנים, ווי ער רייסט ווילד די קייטן, וועלכע ער האָט אַליין מיט זיינע אייגענע הענט אויף זיך געשמידט און געטראָגן, ער רייסט זיי, די קייטן, און האָט ניט קיין כוח זיי צו צערייסן. אַ צעשויבערטער, אַ שמוציקער, מיט אַ געשוואָלענער צורה פון שיכּרות און פון שלאָפלאָזע נעכט, מיט אויגן פון משוגעת, האָט ער זיך געטראָגן אַ גרויסער, אַ ברומענדיקער מיט אַ הייזעריקן קול איבערן שטאָט, איבער די ווײַן־קעלערס, געשאָטן, ניט ציילנדיק, מיט געלט, געווײנט אונטערן געזאַנג פון אומעטיקע פאָלקס־

ניגונים און געטאַנצט, און עמעצן געשלאָגן און אין ערגעץ און אין קיין זאַך ניט געפונען פאַר זיך קיין מנוחה.

איינמאָל האָט פּאַסירט — אַז צו דער קאָמפּאַניע, וואָס האָט געהוליעט צוזאַמען מיט איגנאַטן, איז צוגעשטאַנען, ווי ס'שטייט צו אַ שטיק בלאָטע צו אַ שטיוול, אַ געוועזענער דיאַקאָן. דאָס איז געווען אַ נידעריק און גראָב מענטשל, מיט אַ צעלעכערטער ריאַסע און מיט אַ פליכיקן קאָפּ. גאָרניט קיין נפש, אַ פאַרקריפּלטע און מיאוסע פּאַרזעניש, האָט ער געשפּילט די ראָלע פון אַ טיפּש: מען האָט אים געריבן דעם פּליך מיט זענעפט, געצוואונגען אים צו קריכן אויף אַלע פיר, טרינקען אַ געמישעכץ פון פאַרשיידענע וואַסער, טאַנצן ציניש האָפּקעס; ער האָט אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט אים געהייסן, שווייגנדיק, מיט אַ אידיאָטישן שמייכל אויף זיין געשוואָלענעם פּנים, און, אויסשטרעקנדיק די האַנט מיט דער דלאָניע אַרויף, האָט ער כסדר ניט אויפגעהערט בעטן:

— גיט אַ רובעלע...

מען האָט פון אים חוזק געמאַכט, געגעבן אים אַמאָל אַ צוואַנציקער, אַמאָל גאָרניט, נאָר ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז מען פלעגט אים צוואַרפן אַ צענרובלדיקע און אַפילו מערער...

— דו, מינוף איינער! — האָט צו אים איגנאַט איינמאָל אַ געשריי געטאָן, — זאָג ווער דו ביסט אַזעלכער?

דער דיאַקאָן האָט זיך דערשראָקן פון געשריי, און בוקנדיק זיך נידעריק פאַר איגנאַטן, געשוויגן.

— נו, זאָג! ווער? — האָט איגנאַט געברומט.

— אַ מענטש... אויף צו זידלען מיך...—האָט געענטפערט דער דיאַקאָן און די גאַנצע חברה האָט זיך צעלאַכט איבער זיין ענטפער.

— ביסט אַ מנוול? — האָט שטרענג געפרעגט איגנאַט.

— אַ מנוול פון צרות און שוואַכקייט פון מיין גייסט.

— קום אַהער, — האָט אים איגנאַט צוגערופן, — קום, זעץ זיך לעבן מיר.

מיט ציטערדיקע טריט, טרייסלענדיק זיך פון שרעק, איז דער דיאַקאָן צוגעגאַנגען צום שיכורן סוחר און זיך געשטעלט לעבן אים.

— זעץ זיך גלייך! האָב קיין מורא ניט! — האָט איגנאַט געריעדט, אָננעמענדיק פאַרן האַנט און אַוועקזעצנדיק דעם דער־שראָקענעם דיאַקאָן לעבן זיך, — ביסט מיר אַ נאָענטער מענטש... איך בין אויך אַ מנוול: דו — פון צרות, איך — פון חוצפה... איך בין אַ מנוול — מחמת אומעטיקייט! פאַרשטייסט?

— כ׳פאַרשטיי... — האָט שטיל אַרויסגעזאָגט דער דיאַקאָן.

און חברה האָט געלאַכט...

— איצט ווייסטו שוין ווער איך בין?

— איך ווייס.

— טאָ זאָג: דו, איגנאַט, ביסט אַ מנוול!

דער דיאַקאָן האָט נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט מיט שרעק גע־קוקט אויף איגנאַטס געוואַלדיקער פיגור און זיך אָפּגעטרייסלט מיטן קאָפּ. חברה האָט געהילכט — ווי אַ דונער וואָלט געדונערט. איגנאַט האָט אָבער בשום אופן ניט געקאָנט פועלן ביים דיאַקאָן, ער זאָל אים זידלען. דאַן האָט איגנאַט אָנגעווענדט אַן אַנדער מיטל:

— געבן דיר געלט? — האָט איגנאַט געפרווט.

— גיט! — האָט זיך דער דיאַקאָן אַ צאַפּל געטאָן.

— אויף וואָס דאַרפסטו?...

דער דיאַקאָן האָט ניט געוואָלט ענטפערן. האָט אים איגנאַט אָנגענומען פאַרן קאָלנער און אַרויסגעטרייסלט פון זיינע שמוציקע ליפּן אַזאַ לשון, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט פחד און שטיל, כמעט סאָפּענדיק:

— איך האָב אַ בת... אַ בתולה... אַ יאָר זעכצן... אין דער שול פאַר גייסטלעכע. פאַר איר... קלייב איך דאָס... ווייל, אַז זי וועט אַרויס פון שול... וועט אפילו גאָט זיין מיט וואָס צו פאַרדעקן דאָס נאַקעטע מוטערלייב...

— אָ... — האָט געזאָגט איגנאַט און אָפּגעלאָזט דעם דיאַקאָנס קאָלנער. דערנאָך איז ער לאַנג געזעסן אַ פאַרקלערטער, אַ פינסטערער, און ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דיאַקאָן. פּלוצלונג האָבן זיך זיינע אויגן צעלאַכט:

— דו זאָגסט ניט קיין ליגן, שיכור?

דער דיאַקאָן האָט זיך שווייגנדיק איבערגעצלמט און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

— ס'איז אמת! — האָט באַשטעטיקט דעם דיאַקאָנס ווערטער עמעצער פון דער חברה.

— פאַראַן? זאָל זיין אַזוי! — האָט איגנאַט אַ געשריי געטאָן און, דערלאַנגענדיק אַ קלאַפּ מיטן פויסט איבערן טיש, האָט ער זיך געווענדט צום דיאַקאָן:

— העי, דו! פאַרקויף מיר דיין בתולה! וויפיל ווילסטו?!

דער דיאַקאָן האָט אַ ציטער געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט.

— טויזנט ווילסטו?

חברה האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער, זעענדיק, ווי דער דיאַקאָן קאָרטשעט זיך, ווי מען וואָלט געגאָסן אויף אים קאַלט וואַסער.

— צוויי! — האָט געגוואַלדעוועט איגנאַט, און זיינע אויגן האָבן געפייערט.

— וואָס רעדט איר?... ווי קען מען דאָס?... — האָט געפּלאַפּלט דער דיאַקאָן, אויסציענדיק צו איגנאַטןביידע הענט.

— דריי!

— איגנאַט מאַטוועיעוויטש! — האָט מיט אַ דינער קלינגענדיקער שטים זיך צעקוויטשעט דער דיאַקאָן — דעם האַר גאָט צוליב... קריס־טוסן צוליב! געמאַכט... כ'פאַרקויף! פאַר איר טובה וועגן פאַרקויף איך!

אין זיינע קולות, אַזעלכע קרענקלעכע שאַרפע, האָט געקלונגען אַ וואָרענונג פאַר עמעצן, און זיינע אויגן, וועלכע קיינער האָט פריער ניט באַמערקט, האָבן געגליט ווי קוילן. נאָר חברה שיכּורים האָט פון אים געלאַכט ביז משוגעת.

— שש! — האָט ביז אַ געשריי געטאָן איגנאַט, אויסגלייכנדיק זיך ווי גרויס ער איז געווען און באַוועגנדיק מיט די ברעמען. — איר פאַרשטייט, טייוואָלים, וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך? דערפון קען מען זיך צעוויינען און איר כיכיקעט...

ער איז צוגעגאַנגען צום דיאַקאָן, אַראָפּגעלאָזט זיך פאַר אים אויף די קני און האַרט אַרויסגעזאָגט:

— דיאַקאָן! איצטער זעסטו שוין, סאַראַ מנוול איך בין. נו, שפּיי מיר אין צורה.

ס'איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען אי לעכער־לעך, אי ווילד. דער דיאַקאָן האָט זיך געוואָרפן צו איגנאַטס פיס און ווי אַ גרויסע טשערעפּאַכע געפּויזעט אַרום אים, געקוּשט אים די קני און עפּעס געבאַלעמוטשעט מיט אַ יאָמער. איגנאַט האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים, אויפגעהויבן דעם דיאַקאָן פון דער פּאָד־לאָגע און צו אים געשריען אי בּאַפעלעריש, אי בעטנדיק זיך:

— שפּיי! גלייך אין מיינע אומפאַרשעמטע אויגן!

חברה, וואָס איז געווען אויף אַ רגע צעטומלט פון איגנאַטס שטרענגן געשריי, האָט זיך ווידער צעהילכט מיט אַ געלעכטער, אַזוי אַז אין שענק האָבן געציטערט די שויבן.

— הונדערט זילבערנע גיב איך — שפּיי.

און דער דיאַקאָן האָט נאָך אַלץ געפּויזעט אויף דר'ערד און געיאָמערט, צי פון שרעק, צי פון גליק, הערנדיק ווי דער דאָ־זיקער מענטש בעט זיך אַזוי, ער זאָל אים מבזה זיין.

ענדלעך האָט זיך איגנאַט אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע, מיטן פוס אַ שטויס געטאָן דעם דיאַקאָן, צוגעוואָרפן אים אַ פּעקל געלט און שמייכלענדיק מיט כעס זיך אָפּגערופן:

— מנוולים!... ווי קאָן זיך דאָס אַ מענטש מתוודה זיין פאַר אַזעלכע? אַנדערע האָבן מורא צו הערן יענעמס ווידוי, אַנדערע לאַכן געווים פון די בעל־עבירהניקעס... איך בין אינגאַנצן צע־גאַנגען געוואָרן... דאָס האַרץ האָט מיר אַ צאַפּל געטאָן... לאָמיך, טראַכט איך מיר... און גאָרניט אַזוי איז דאָס! גיי אַוועק! און מער זאָלן דיך מיינע אויגן ניט אָנקוקן — די הערסט?

— אַך, אַ משונהדיקער! — איז חברה ווייכער געוואָרן.

וועגן זיינע ליאַמעס פלעגן אין שטאָט אַרומגיין לעגענדעס. אַלע האָבן אים באַרעדט, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זיינע איינלאַדונגען אָנטיילצונעמען אין זיינע אָרגיעס. אַזוי האָט דאָס געדויערט וואָכנלאַנג, ביז ער פלעגט זיך גאָר אומגע־

ריכט װײזן אין דער הײם, נאָך אַ דורכגעזאָפּטער מיטן ריח פון דעם שענק, אָבער שױן אַ באַרויִקטער און אײַנגעשטילטער. מיט נידעריק־אַראָפּגעלאָזטע אױגן, אין װעלכע ס'האָט געברענט בושה, פלעגט ער שװײַגנדיק אױסהערן דער װײַבס מוסר, אַ רויִקער און אַ טעמפּער, װי אַ שאָף, אַװעקגײן צו זיך אין חדר און זיך דאָרט פאַרשליסן. עטלעכע שעה כּסדר פלעגט ער אָפּשטײן אױף די קני פאַרן הײליקן בילד, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אױף דער ברוסט; הילפלאָז זײַנען געהאַנגען זײַנע הענט, זײַן רוקן האָט זיך געבױגן און ער האָט געשװיגן, ניט װאַגנדיק תּפילה צו טאָן. צו דער טיר פלעגט אױף די שפּיץ פינגער צוגײן דאָס װײַב און זיך אײַנהערן, שװערע זיפצן פלעגן זיך טראָגן פון יענער זײַט טיר — װי דאָס סאָפּען פון אַ פאַרמאַרטערטן און קראַנקן פערד.

— גאָט! דו זעסט... — האָט איגנאַט קוים געשעפּטשעט, דריקנדיק מיט כּוח די דלאָניע פון זײַן האַנט צו דער ברוסט.

אין די טעג פון תּשובה פלעגט ער טרינקען נאָר װאַסער און עסן בלױז ברױט. דאָס װײַב פלעגט אים אינדערפרי אַרײַנשטעלן אין טיר אַ גראַפין װאַסער און אָנדערהאַלבן פונט ברױט מיט זאַלץ. ער פלעגט אָפּשליסן די טיר, צונעמען דאָס דאָזיקע געריכט און זיך װידער פאַרשליסן. מער האָט מען אים אין יענע טעג ניט באַאומרויִקט. מען האָט זיך אַפילו געהיט װײַזן זיך אים אױף די אױגן... אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך װידער באַװיזן אױף דער בירזשע, געװיצלט זיך, געלאַכט און װידער אָנגעהױבן אָננעמען באַשטעלונגען אױף ברױט און טאָן פלעגט ער דאָס שאַרפזיניק, װי אַ געניטער גזלן און געניטער קענער פון אַלץ, װאָס האָט אַ שײַכות צו געשעפט.

און אין אַלע דרײַ פּעריאָדן פון זײַן לעבן האָט איגנאַטן ניט אָפּגעלאָזט אײן לײַדנשאַפטלעכער פאַרלאַנג — צו האָבן אַ זון. װאָס עלטער ער איז געװאָרן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אים געװאָלט האָבן אַ זון. אָפט פלעגט צװישן אים און זײַן װײַב פאָרקומען אַ שמועס װעגן דעם. אינדערפרי, בײַ דער טײ, אָדער בײַטאָג בײַ מיטאָג פלעגט ער אומעטיק קוקן אױף דער װײַב, אַ גראָבע אָנגעפרעסענע

פרוי, מיט אַ רויטן פּנים און פאַרשלאָפענע אויגן און ער פלעגט איר בעת מעשה פרעגן:

— דו שפּירסט גאָרניט?

דאָס ווייב האָט געוואוסט וועגן וואָס ער פרעגט איר, און פלעגט כּסדר ענטפערן:

— ווי זאָל איך ניט שפּירן? אַז פויסטן האָסטו אַזעלכע — ווי געוויכטער...

— וועגן דיין בויך פרעג איך, שוטה...

— פון אַזעלכע קלעפּ קען מען דען ווערן טראָגעדיק?

— ניט פון די קלעפּ ווערסטו ניט מעוברת, נאָר דערפון, וואָס דו פרעסט אַ סך. שטאָפּסט זיך אָן אַ בויך מיט כּל המינים מאַכלים — איז ניטאָ קיין אָרט פאַרן קינד.

— ווייניק האָב איך דיר דען געבאָרן?

— נקבות רק! — האָט מיט פאָרוואורף געזאָגט איגנאַט. — איך דאַרף האָבן אַ זון! פאַרשטייסט? אַ זון, אַ יורש! וועמען וועל איך נאָכן טויט איבערלאָזן מיין קאַפּיטאַל? ווער וועט נאָך מיר דאַווענען פאַר מיינע עבירות? אפשר זאָל איך פאַרן מאָנאַס־טיר אָפּשרייבן? שוין גענוג אָנגעגעבן זיי... ס'וועט זיי קלעקן! אפשר פאַר דיר איבערלאָזן; דאַוונערקע מיינע... אין קלויסטער אַפילו טראַכסטו דאָך כּסדר וועגן פיש און קאָטלעטן, און אַז איך וועל שטאַרבן, וועסטו געווים ווידער חתונה האָבן... און מיין געלט וועט דאַן אַריינפאַלן צו אַ טיפּש... צי אפשר פאַר אים האָרעווע איך דאָס, עד דו...

און אים פלעגט אַרומכאַפּן אַ בייזע בענקעניש, ווייל ער האָט געפילט, אַז זיין לעבן איז אָן אַ ציל, אויב ער וועט ניט האָבן קיין זון, וועלכער זאָל פאָרזעצן זיין לעבן...

פאַר די 9 יאָר, וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט, האָט אים דאָס ווייב געבאָרן 4 טעכטער, נאָר אַלע זיינען זיי אויסגעשטאָרבן. דערוואַרטנדיק יעדן מאָל מיט ציטערניש זייער געבורט, פלעגט איגנאַט ווייניק טרויערן איבער זייער טויט — אַליין איינס האָט ער זיי ניט געדאַרפט. דאָס ווייב האָט ער געשלאָגן שוין אויפן צווייטן יאָר נאָך דער חתונה. תּחילת האָט ער זי געשלאָגן שיכּורערהייט

אָן סכּנות, פּשוט לווטן חוסישן ווערטל: „האָב ליב דאָס ווייב ווי די נשמה, נאָר טרייסל זי אויס ווי אַ באַרן־בוים“; נאָר שפּעטער, נאָך יעדן קימפּעט, אַן אָפּגעגאַרטער אין זיינע דערוואַרטונגען, האָט זיך זיין שנאה צו זיין ווייב צעבּרענט און ער פּלעגט זי שוין שלאָגן מיט הנאה, נעמענדיק נקמה פון איר, וואָס זי געבוירט אים ניט קיין זון.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך געפונען געשעפטלעך אין סאַמאַרער גובערניע, האָט ער פון דער היים באַקומען אַ דעפּעש פון זיינע קרובים, אַז זיין ווייב איז געשטאָרבן. ער האָט זיך איבערגעצלמט, אַ קלער געטאָן, און אָנגעשריבן צו זיין ידיד מאַיאַקין:

„באַערדיקט זי אָן מיר אין גיט אַכטונג אויפן פאַרמעגן“.

בעטנדיק פאַר דער נשמה־רויִקייט פון דער צו גאָט־געקומענער אַקולינע, האָט ער גענומען טראַכטן וועגן דעם, אַז ער מוז וואָס גיכער חתונה האָבן.

אים איז דאַן געווען 43 יאָר; אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, האָט ער גערעדט מיט אַ גראָבן באַס, ווי אַן אייבער־דיאַקאָן; זיינע גרויסע אויגן האָבן געקוקט פון אונטער זיינע פינסטערע ברעמען דרייסט און קלוג, אין זיין האָריקן פּנים, באַוואַקסן מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער באָרד און אין זיין גאַנצער מעכטיקער פיגור איז געלעגן אַ סך ריין רוסישס און אַ געזונטע גראָבע שיינקייט; פון זיינע שווימענדיקע באַוועגונגען און שטאָלצן, ניט אײַליקן גאַנג האָט געוויט מיט באַוואוסטזיין פון אַ קראַפט און שטאַרקער זיכערקייט אין זיך. די פרויען פלעגט ער געפעלן און זיי ניט אויסמיידן.

ס'איז נאָך ניט אַריבער קיין האַלב יאָר פון דער ווייבס טויט, האָט ער זיך שוין נעשידכנט צו אַ טאָכטער פון זייִנעם אַ באַקאַנטן סוחר, אַן אוראַלער קאָזאַק, אַ מאָלאָקאַנער. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אויך אויף אוראַל האָט איגנאַט געהאַט אַ שם פאַר אַ „ווילדן“, האָט דאָך דער כּלהס פאָטער אויסגעגעבן פאַר אים זיין טאָכטער און שוין צו האַרבסט־צו איז איגנאַט געקומען צו פאָרן אַהיים מיט זיין יונגער ווייבל — דער קאָזאַטשקע. גערופן האָט מען זי נאַטאַליאַ. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט גרויסע בלויע אויגן און מיט אַ

לאַנגן טונקעלן, האָריקן צאָפּ, איז זי געווען אַ בּכבודיקע פּאָר פּאַרן
שיינעם איגנאַט. איגנאַט האָט געיובלט, געווען שטאָלץ מיט זיין ווייב
און האָט זי ליב געהאַט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער ליבע פון אַ
געזונטן זכר. אָבער אינגיכן האָט ער אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו
איר שאַרף און אַ פּאַרטראַכטער; אויף דעם שמאָל-לאַנגן שטרענג-
גראַדיקן געזיכט אירן, האָט זיך זעלטן ווען געזען אַ שמייכל, —
זי האָט כּסדר ווי וועגן עפּעס געקלערט, געקלערט וועגן פרעמדס
און אין אירע בלויע אויגן, תמיד אַזעלכע רויִקע, האָט צייטנווייז
געגלאַנצט עפּעס אומהיימלעכס און טונקלס. בּעת זי איז פריי
געווען פון דער באַלעבאַטישקייט, פלעגט זי זיך אַנידערזעצן ביים
פענסטער אין גרעסטן צימער פון הויז, און פלעגט אַזוי אַוועקזיצן
שווייגנדיקערהייט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, אַמאָל 2 און אַמאָל
3 שעה מיטן פּנים כּסדר צו דער גאַס. נאָר איר בליק איז געווען
אַזוי גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס האָט זיך דאָרט באַוועגט און גע-
לייגט הינטערן פענסטער — און אין דער זעלביקער צייט אַזוי קאָנ-
צענטרירט טיף, ווי זי וואָלט אַריינגעקוקט אין זיך אַליין. איר
גאַנג איז עפּעס אויך געווען אַ מין אויסטערלישער — נאַטאַליע האָט
זיך באַוועגט איבער די ברייטע צימערן פון הויז, לאַנגזאַם און
פּאָרזיכטיק, ווי עפּעס אַ ניט-זעעוודיקס וואָלט געדריקט די פרייהייט
פון אירע באַוועגונגען. דאָס הויז איז געווען אויסגעשטאַט מיט אַ
שווערן און מגושמדיק-גאַווהדיקן שיק און לוקסוס, אַלץ האָט גע-
גלאַנצט און געשריען וועגן דער עשירות פון באַלעבאָס. נאָר דאָס
קאָזאַקישע ווייבל פלעגט פאַרבייגיין ווי אָן אַ זייט און שרעקעוו-
דיק פאַרביי די טייערע מעבל און וואַזעס, אָנגעפילטע מיט זילבער.
פּונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז די חפצים וועלן זי אַ כאַפּ
טאָן און דערווערגן.

דאָס טומלדיקע לעבן פון דער גרויסער האַנדלסשטאָט איז,
ווייזט אויס, ניט אָנגעגאַנגען דער דאָזיקער שווייגיקער פרוי און
בעת זי פלעגט אַרויספאָרן מיטן מאַן — זיינען אירע אויגן געווען
געווענדט צו דעם שמייסער אין רוקן. אַז דער מאַן האָט זי גע-
רופן אין געסט, איז זי מיט אים געגאַנגען און האָט זיך דאָרטן
געהאַלטן פּונקט אַזוי משונהדיק ווי אין דער היים; אַז געסט פלעגן

קומען צו איר, פלעגט זי זיי האַרציק געבן צו טרינקען און צו עסן, ניט אַרויסווייזנדיק קיין שום אינטערעס ניט צו זיי גופא, ניט צו זייערע רייד, און האָט זיך צו קיין איינעם פון זיי ניט באַצויגן מיט מער אַכטונג, ווי צו אַן אַנדערן. בלויז מאַיאַקין, איגנאַטס קרוב, אַ חכם און פלוידערזאַק, פלעגט צייטנווייז אַרויסרופן ביי איר אַ ניט־קלאָרן שמייכל, ווי אַ שאָטן. ער פלעגט וועגן איר זאָגן אַזוי:

„אַ בוים — ניט קיין ווייב! אָבער דאָס לעבן איז ווי אַ שייטער פאַקל, וואָס פאַרלעשט זיך ניט, אויך מיר אַלע וועלן אין דאָזיקן פאַקל אויפפלאַקערן און די מאַלאָקאַנקע וועט זיך אויך אָנצינדן. וואַרט נאָר, האָב צייט, וועלן מיר דעמאָלט זען מיט וואָס פאַר אַ בלומען זי וועט זיך צעבליען“...

— עי, קולוגורקאַ! — פלעגט איגנאַט מיט שפאַס אַ זאָג טאָן צום ווייב, — וואָס האָסטו זיך דאָרטן פאַרקלערט? בענקסט אפשר נאָך דיין דאָרף? זיי פריילעכער!

זי האָט געשוויגן און רויק געקוקט צו אים.

— צו אָפט גייסטו מיר אין די קלויסטערס... וואָלסט אָפּגעוואַרט אַ ביסל. וועסט נאָך צייט האָבן תשובה צו טאָן פאַר דיינע עבירות... זינדיק אַפריער. וועסט ניט זינדיקן, וועסטו קיין חרטה ניט האָבן. וועסטו קיין חרטה ניט האָבן, וועסטו זיך ניט ראַטעווען!... דו זינדיק אָקאָרשט, כל־זמן ביסט יונג. לאָמיר זיך אפשר דורכפאָרן?

— ס'ווילט זיך ניט...

ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר, אַרומגענומען זי, די קאַלטע, וואָס ענטפערט אַזוי קאַרג אויף זיינע צערטלעכקייטן און אַריינקוקנדיק איר אין די אויגן, זיך אָפּגערופן:

— נאַטאַליאַ! זאָג — פאַרוואָס ביסטו ניט קיין פריילעכע? דיר איז אומעטיק מיט מיר? האַ?

— ניין, האָט זי קורץ געענטפערט.

— טאָ וואָס־זשע דען — צו דייניקע בענקסטו?

— ניין... אַזוי זיך...

—טאָ וועגן וואָס קלערסטו כסדר?

— איך קלער גאָרניט...

— טאָ וואָס־זשע דען?

— אַזוי זיך...

איינמאָל האָט ער בײַ איר אַרויסבאַקומען שוין אַ מער זאַציקן ענטפער:

— אין האַרצן בײַ מיר... איז עפּעס פאַרשטעלט. אויך אין די אויגן... און אַלץ אַרום ווײַזט זיך מיר אויס פאַר ניט קיין אמתע.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַרום זיך, איבערן וואַנט, איבער די מעבל, איבער אַלץ. איגנאַט האָט איבער אירע רייד זיך ניט פאַרטראַכט און לאַכנדיק אַרויסגעזאָגט:

— אומזיסט מיינסטו אַזוי! דאָס אַלץ איז אמתע... יעדער חפץ איז דאָ שטאַרק און קאָסט טייער... נאָר אויב דו ווילסט — וועל איך אַלץ פאַרברענען, פאַרקויפן, אַוועקשענקען — און אַרײַנפירן נײַע. נו, ווילסט?

— צו וואָס? — האָט זי רויק געפרעגט.

אים האָט געוואונדערט, וואָס זי, אַזאַ יונגע און געזונטע, לעבט, ווי זי וואָלט געשלאָפן. קיין זאַך וויל זי ניט, אין ערגעץ גייט זי ניט, אויסער אין קלויסטער, און כּסדר האַלט זי זיך פון אַלעמען, ווי אַ פרעמדע. ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי קומט דאָס צו איר. און ער פלעגט זי טרייסטן:

— אָט וואַרט — וועסט מיר האָבן אַ זון — וועט בײַ דיר אַוועק גאָר אַן אַנדער לעבן. ביסט אומעטיק דערפאַר, וואָס דו האָסט ווייניק דאגות, און ער וועט דיר שוין געבן גענוג דאגות — וועסט מיר האָבן אַ זון, האַ?

— אַז גאָט וועט געבן!... האָט זי געענטפערט אַרונטערלאָזנדיק דעם קאָפּ.

שפּעטער פלעגט איר שטימונג אים אויפרעגן.

— נו, מאַלאַקאַנקאַ, וואָס האָסטו אויפגעהויבן די נאָז? גייסט — גלייך ווי אויף אַ גלאָז... אַ פּנים האָסטו — ווי דו וואָלסט אומגעבראַכט עמעצנס אַ נשמה! עך! ס'אַראַ יאָדערדיקע ווײַב דו ביסט, און קיין געשמאַק האָסטו ניט אין גאָרניט... אַ שוטה!

קומענדיק איינמאָל אַהיים שיכּור, האָט ער גענומען צושטיין צו איר מיט צערטלעכקייטן. זי האָט זיך אָבער פון אים אַרויסגעמאַכט. ער איז געוואָרן אין כּעס און אויסגעשריען:

— נאַטאַליאַ! מאַך זיך ניט נאַריש, הערסט!

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים און געפרעגט:

— אַניט, וואָס וועט זיין?

איגנאַט איז געוואָרן בייז פון אירע ווערטער און פון דעם, וואָס זי האָט פאַר אים ניט מורא.

— וואָס? — האָט ער אַרויסגעברומט, זיך לאָזנדיק צו איר.

—ווילסט מיך שלאָגן— — האָט זי געפרעגט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט און ניט באַוועגנדיק מיט קיין אויג.

איגנאַט איז געווינט געווען, אַז פאַר זיין כּעס זאָל מען ציטערן, און ס'איז געווען פאַר אים אַ באַליידיקונג און ווילד צו זען איר רויִקייט.

— אָט־וואָס... — האָט ער אַ געשריי געטאָן, פאַרמעסטנדיק זיך אויף איר. זי האָט לאַנגזאַם, אָבער באַצייטנס אויסגעמיטן זיין קלאַפּ, דאַן אָנגעכאַפּט זיין האַנט, זי אָפּגעשטויסן פון זיך און ניט אויפהויבנדיק העכער איר קול, זיך אָפּגערופן:

— ווערסטו מיך נאָר אָנרירן — איז ווערסטו שוין צו מיר מער ניט צוגיין. איך וועל דיך ניט צולאָזן צו זיך!

אירע גרויסע אויגן זיינען ווי קלענער געוואָרן, און זייער שאַרפער, שניידיקער בליק האָט איגנאַטן אויסגעניכטערט. ער האָט דערקענט אין איר פּנים, אַז זי איז אַ שטאַרקע חיה, און ווען זי וועט ניט וועלן צולאָזן אים צו זיך, איז כאָטש דערהרגע זי אויף טויט.

— או־או, קוליגורקאַ! — האָט ער אַ בורטשע געטאָן און אָפּגעטראָטן.

אָפּטרעטנדיק פון איר איין מאָל, וואָלט ער דאָס אַ צווייטן מאָל ניט געטאָן: ער האָט ניט געקאָנט פאַרליידן, אַז אַ פרוי, דערצו נאָך זיין ווייב, זאָל זיך אים ניט אונטערוואַרפן: דאָס וואָלט געווען פאַר אים אַ בזיון. אויב ער זאָל דאָס טאָן נאָכאַמאָל, וועט אים שוין זיין ווייב קיינמאָל און אין קיין זאַך ניט פאָלגן און ער

האָט געשפּירט, אַז צווישן אים און איר מוז פּאָרקומען אַ פּאַר־עקשנטער קאַמף, ווער ס'זאָל זיין דער איבערהאַר.

„מילא! מירן זען, ווער — ווּעמען". — האָט ער אויפן אַנדער טאָג געטראַכט, נאָכקוקנדיק דאָס ווייב מיט אַן אומעטיקער ניי־געריקייט און אין אים האָט זיך שוין צעברענט אַ שטורמישער חשק, אָנצוהייבן די מלחמה, כּדי גיכער הנאה האָבן פון נצחון...

נאָר אין אַ טאָג אַרום האָט נאַטאַליאַ פּאָמינטשאַ געמאָלדן איר מאַן, אַז זי איז שוואַנגער. איגנאַט האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון שמחה, איר שטאַרק אַרומגענומען און הייזעריק אַרויסגערעדט:

— אַ בריהשאַפט, נאַטאַליאַ! נאַטאַליאַ... אויב — אַ זון, הערסט, אויב דו וועסט האָבן אַ זון — וועל איך דיך אָפּגילטן! אַ משרת וועל איך ביי דיר זיין! אָט ווי פּאַרן אייבערשטן. כ'וועל זיך דיר וואַרפן אונטער דיינע פיס, נאַ, טרעט מיך וויפיל דו ווילסט!

— דאָס ווענדט זיך שוין ניט אָן אונז — נאָר אָן אייבערשטן... האָט זי שטיל און פאַרטראַכט אַרויסגעזאָגט.

— יאָ... אָן אייבערשטן! — האָט מיט ביטערניש אויסגע־רופן איגנאַט און אומעטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. פון דער רגע אָן האָט ער אָנגעהויבן נאָכגיין דער ווייב, ווי נאָך אַ קליין קינד.

— וואָלסט זיך ניט געזעצט לעבן פענסטער? ס'וועט דיר אָנ־בלאָזן אין זייט, וועסט נאָך חלילה קראַנק ווערן... — פלעגט ער איר זאָגן אי שטרענג, אי ווייך. וואָס לויפסטו איבער די טרעפּ? וועסט זיך נאָך אויסגליטשן און אַרויסטרייסלען דאָס קינד... דו עס בעסער מער, עס פאַר צווייען, כּדי ס'זאָל פאַר אים אויך קלעקן...

זינט דער שוואַנגערשאַפט איז נאַטאַליע געוואָרן נאָך מער שווייגיקער און אָנגעשטרענגטער. זי האָט זיך ווי אַריינגעטאָן מער אין זיך, פאַרשלונגען אינגאַנצן פון נייעם לעבן, וואָס האָט גע־שלאָגן אונטער איר האַרצן. דערפאַר איז דער שמייכל אויף אירע ליפּן געוואָרן קלערער און אין די אויגן האָט צייטנווייז אויפגע־פלאַמט עפּעס נייס, ווי עפּעס שוואַכס און ציטערדיקס, ווי דער ערשטער שטראַל פון מאָרגן־אויפגאַנג.

ווען ס'איז סוף־כל־סוף געקומען די צייט פון געבורט, — דאָס איז געווען אין אַ פריען פרימאָרגן פון אַ האַרבסט־טאָג, איז איג־

נאַט בלייך געוואָרן פון ערשטן געשריי, וואָס האָט זיך ביי דער ווייב אַרויסגעריסן פון ווייטאָג. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַרויס פון שלאָף־צימער, וואו דאָס ווייב האָט זיך געקאָרטשעט פון יסורים, — און אַראָפּ אונטן אין אַ קלייניקן חדרל, וואָס איז געווען דאָס געבעט־שטיבל פון זיין פאַרשטאָרבענער מוטער. ער האָט זיך געהייסן אַריינברענגען בראַנפן, געזעצט זיך צום טיש און אַ פאַרצערטער אָנגעהויבן צו טרינקען, איינהערנדיק זיך צום טומל אין שטוב און צו די זיפצן פון דער מעוברת, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון דער הויך. אין ווינקל פון צימער, וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַ צאַנקענדיקן הייליקן לעמפל, האָבן זיך נעפלדיק אויסגעמאָלט די פנימער פון די הייליקע בילדער, אַזעלכע פינסטערע און גלייכגילטיקע. דאָרט, אינדערהויך, איבער זיין קאָפּ, האָט מען געקלאַפּט און געשאַרט מיט די פיס, געשלעפּט עפּעס אַ שווערע כלי איבער דער פאָדלאָגע, ס׳האָט געקלונגען געשיר, איבער די טרעפּ איז מען געלאָפן אַרויף און אַראָפּ מיט אַ רעש... אַלץ האָט זיך געטאָן אַזוי גיך און אַזוי אײַליק, בלויז די צייט איז געגאַנגען פּאַמעלעך... צו איגנאַטס געהער האָבן זיך דערטראָגן אײַנגעהאַלטענע קולות.

אַפּנים, אַז זי וועט אַזוי גרינג ניט האָבן... מען וואָלט באַדאַרפט שיקן אין קלויסטער עפענען די קייסערלעכע טויערן...

אין שכנותדיקן צימער איז אַריינגעקומען די צוגענומענע קרובה וואַסושקאַ און הויך מורמלענדיק גענומען מתפלל זיין:

— גאָט, אונזער האַרעלע... באַווייליק דיין לייטזעליקייט פון הימל, זי זאָל האָבן אַ לייכטן געבורט ווי די הייליקע גאָטס מוטער... העלף דאָס שוואַכע מענטשלעכע באַשעפעניש... זיי מוחל דיין קנעכט...

און ווי פאַרטויבנדיק אַלע קלאַנגען פלעגט זיך פּלוצלונג דערהערן אַן אוממענטשלעכער געשריי, וואָס פלעגט מאַכן שווידערן די נשמה, אָדער אַ לאַנג־דויערנדיקער קרעכץ פלעגט שטיל אַרומשווימען איבער די צימערן פון הויז און אָפּשטאַרבן אין די ווינקלען, וועלכע זיינען שוין געווען פול מיט אָוונט־חשכות... איגנאַט

האָט געוואָרפֿן פֿינסטערע בליקן צו די הייליקע בילדער, האָט שווער געאָטעמט און געטראַכט:

— צי דען ווידער אַ מיידל?

צייטנווייז, פֿלעגט ער זיך אויפֿהויבן, שטיין בלייבן סתּם אינ־מיטן צימער און שווייגנדיק זיך געצלמט, געקוקט צו די הייליקע בילדער, נאָכהער זיך ווידער אַוועקגעזעצט ביים טיש, געזופּט בראַנפֿן, וואָס האָט אים ניט שיכּור געמאַכט אין די דאָזיקע שעהן, און געדרעמלט. אַזוי האָט ער פֿאַרבראַכט אַ גאַנצן אָוונט און די גאַנצע נאַכט און אויך דעם פֿרימאָרגן ביזן האַלבן טאָג...

ענדלעך איז פֿון אויבן האַסטיק אַראָפּגעלאָפֿן די הויב־אַם, שרייענדיק צו אים מיט אַ דינעם, פֿריילעכן קול:

— מזל־טוב, איגנאַט מאַטוועיעוויטש, אַ זון!

— זאָגסט אַ ליגן? — האָט ער הייזעריק געענטפֿערט.

— וואָס איז מיט דיר, פֿעטערל!...

און אַריינאָטעמענדיק מיט דעם גאַנצן כּוח פֿון זיין ברייטער ברוסט, איז איגנאַט אַנידערגעפֿאַלן אויף די קני און מיט אַ ציטערדיקן קול געמורמלט, דריקנדיק פֿעסט מיט דער האַנט צו דער ברוסט:

— געלויבט ביסטו, גאָטעניו! האָסט ניט געוואָלט מיין שטאַם זאָל זיך איבעררייסן. איצט וועל איך שוין ניט פֿאַרבלייבן אָן אַ קדיש פֿאַר דיר... אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם.... אָך! — און שטעלנדיק זיך תּיכּף אויף די פֿיס, האָט ער שרייענדיק אָנגעהויבן אָפּצוגעבן באַפֿעלן:

— ע, זאָל עמעצער צופֿאָרן צו ניקאָלקען נאָכן פּאָפּ, זאָגן אים, אַז איגנאַט מאַטוועיעוויטש בעט אים, ער זאָל אָפּריכטן אַ תּפֿילה פֿאַר דער קימפּעטאָרן...

ס׳האָט זיך באַוויזן די דינסט און אומרויִק געמאָלדן:

— איגנאַט מאַטוועיעוויטש! נאַטאַליאַ פֿאָמיטשנאַ רופֿט אייך, זיי איז שלעכט...

— וואָס עפּעס שלעכט? ס׳וועט איבערגיין! האָט ער געברומטשעט פֿון שמחה, און די אויגן ביי אים האָבן געגלאַנצט — נו זאָג איר, אַז איך קום שוין! זאָג איר — זי איז אַ בריה! איך וועל איר

גענבן אַ מתנהלע. וואַרט: גרייט אָן פּאַרן פּאָפּ עפּעס צוצובייסן... שיקט נאָכן פעטערל מאַיאַקין!

זיין גרויסע פיגור איז ווי אויסגעוואַקסן און אַ פאַרשיכּור־טער פון פרייד, האָט ער זיך געוואָרפן פון איין ווינקל צום צווייטן; ער האָט געשמייכלט, געריבן זיך די הענט און וואַרפנדיק ווילדע בליקן צו די הייליקע בילדער, האָט ער זיך כּסדר געצלמט ברייט־פונאַנדערנעמענדיק די הענט... ענדלעך איז ער אַרויף צו דער ווייב.

דאָרט האָט זיך אים קודם־כּל געוואָרפן אין די אויגן אַ קליינינקער רויטער גופל, וואָס די הויב־אַם האָט געוואַשן אין אַ מולטער. דערזעענדיק דאָס גופל, האָט זיך איגנאַט געשטעלט אויף די שפּיץ־שטיוול, פאַרלייגט די הענט הינטערן רוקן און אַזוי צו־געגאַנגען צום גופל מיט פאַמעלעכדיקע טריט און מיט קאָמיש־אַראָפּגעהאַנגענע ליפּן. דאָס גופל האָט זיך געצאַפּלט אין וואַסער, אַ נאַקעטער, אַ אומבאַהאָלפענער, אַ נעבעכדיקער און רחמנותדיקער.

— דו... זיי אָקאָרשט פאָרזיכטיק... ער האָט דאָך נאָך קיין ביינדעלעך ניט — האָט איגנאַט זיך געווענדט צו דער הויב־אַם מיט אַ בקשה און האַלבן קול.

זי האָט זיך פון אים פונאַנדערגעלאַכט, עפּענענדיק דעם אָנ־ציינערדיקן מויל און לייכט איבערוואַרפנדיק דאָס קינד פון איין האַנט אויף דער צווייטער.

— גיי בעסער צו דער ווייב...

ער האָט געפאָלגט און גענומען זיך דערנענטערן צום בעט און שוין בעתן גיין געפרעגט:

— נו, נאַטאַליאַ?

דערנאָך, שוין זייענדיק נאָענט, האָט ער אָפּגערוקט דעם פאָרהאַנג, וואָס האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויפן בעט.

— איך שטאַרב... — האָט זיך דערהערט אַ שטילער, כרי־פענדיקער קול.

איגנאַט האָט געשוויגן, שאַרף קוקנדיק דער ווייב אין פּנים. איר קאָפּ איז פאַרזונקען געווען אין ווייסן קישן, וואו עס האָבן זיך צעשפּרייט, ווי געשטאָרבענע שלאַנגען, אירע טונקעלע האָר־

קנוילן, אַ געלבּלעכע, אָן לעבּן, מיט שוואַרצע פּלעקן אַרום אירע גרויסע ברייט־צעעפנטע אויגן — האָט זי אים איצט אויסגעזען, ווי אַ פרעמדע, און דער קוק פון אירע שרעקלעכע אויגן, וועלכע זיינען געווען אומבּאַווענלעך געווענדט ערגעץ ווייט איבּערן וואַנט — איז אויך געווען אינגאַנצן ווי אומבּאַקאַנט. און צונויפגעדריקט פון אַ שווערן פאַרגעפּיל, האָט זיין האַרץ גענומען קלאַפּן לאַנגזאַמער און ניט אַזוי פרייִלעך ווי פריער.

— ס'איז גאָרניט... גאָרניט... דאָס איז תּמיד אַזוי... האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, איבּערבּויגנדיק זיך איבּערן ווייבּ, כּדי איר אַ קוש צו טאָן. אָבּער גלייך אין פּנים האָט זי אים אַריינגע־קרעכצט:

— איך שטאַרבּ, איך וועל ניט לעבּן...

אירע ליפּן זיינען געווען פייכטע, קאַלטע און ווען ער האָט זיך צו זיי צוגערירט מיט זיינע ליפּן, האָט ער ערשט פאַרשטאַ־נען, אַז דער טויט איז שוין אין איר.

— אָ, גאָט! — האָט ער מיט אַ דערשראָקענעם געמורמל אַרויסגערעדט, פילנדיק ווי אַ פּחד דריקט זיין האַלז און לאָזט אים ניט אָטעמען.

— נאַטאַשאַ! און וואָס וועט זיין מיטן קליינינקן? ער דאַרף דאָך די בּרוסט? וואָס איז דיר?

ער האָט זיך שיר ניט צעשריען אויפן ווייבּ. לעבּן אים האָט זיך אַרומגעדרייט די הויבּ־אַם און היינבּדיק דאָס וויינענדיקע קינד אין דער לופט, האָט זי עפּעס איבּערצייגנדיק גערעדט צו אים, נאָר ער האָט גאָרניט געהערט און ניט געקענט אָפּרייסן זיינע אויגן פון ווייבּס שרעקלעכן פּנים. אירע ליפּן האָבּן זיך קוים בּאַוועגט און צו אים האָבּן דערגרייכט שטילע ווערטער, וועלכע ער האָט אָבּער ניט פאַרשטאַנען. זיצנדיק אויפן בּרעג בּעט, האָט ער גע־רעדט מיט אַ טויבּן און ציטערדיקן קול.

— בּאַקלער נאַר... ער וועט דאָך אָן דיר ניט קאָנען לעבּן... ער איז דאָך אַן עופעלע! דו שטאַרק זיך בּעסער אין גייסט: טרייבּ אַוועק דעם געדאַנק פון דיר! טרייבּ אַוועק...

געראָדט און פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן רײדן איז אומזיסט. טרערן האָבן אין אים אויפֿגעקאָכט, און אויף זײַן ברוסט האָט זיך געלייגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען שווער ווי אַ שטיין און קאַלט ווי אײַז.

— זײַ מיר מוחל... זײַ מיר מוחל!... היט אים אָפּ... זע, טרינק ניט... האָט נאַטאַליע געשעפּטשעט אָן אַ קלאַנג.

ס'איז געקומען דער גלח, און צודעקנדיק מיט עפּעס איר פּנים, האָט ער אָנגעהויבן לייענען אין דער שטיל אַ תּפֿילה:

„אַלמעכטיקער גאָט פֿון אַלע לעבעדיקע, הייל אויס אַלע קרענק... און אויך די קימפּעטאָרן, דײַן שקלאַפֿין נאַטאַליע, הייל אויס... הייב זי אויף פֿון קראַנקן־בעט, וואו זי ליגט... פֿאַרנעם די רייד פֿון נביא דוד; מיר גייען אויס אין אומגערעכטיקייטן און מיר ליידן אַלע פֿאַר דיר“...

די שטים פֿון אַלטן פּאָפּ האָט זיך איבערגעהאַקט, זײַן דאַר פּנים איז געווען שטרענג, און פֿון זײַנע קליידער האָט זיך געטראָגן אַ גערוך פֿון ווײַרויך. ...„פֿאַרהיט פֿון בייז איר נײַ־געבוירע־נעם קינד... פֿון שלעכטס... פֿון כּלערליי שטורעמס... פֿון בייזע רוחות, סײַ בײַטאָגיקע, סײַ בײַנאַכטיקע“...

איגנאַט האָט געהערט די תּפֿילה און האָט געוויינט אָן ווער־טער. זײַנע טרערן, אַזעלכע גרויסע, און וואַרעמע, זײַנען אַראָפּגע־פֿאַלן אויף דער ווײַבס אָפּגעדעקטער האַנט. נאָר איר האַנט האָט, קענטיק, ניט געפֿילט, ווי די טרערן פֿאַלן אויף איר: זי איז פֿאַר־בליבן ליגן אומבאַוועגלעך און דאָס הויט האָט אויף איר ניט אויפֿ־געציטערט פֿון קלאַפּן פֿון די טרערן. נאָך דער תּפֿילה איז נאַ־טאַליע אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד און אויפֿן אַנ־דערן טאָג איז זי געשטאָרבן, ניט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט, גע־שטאָרבן אַזוי שווייגנדיק, ווי זי האָט געלעבט.

מאַכנדיק דער ווײַב אַ גרויסאַרטיקע לוויה, האָט איגנאַט געלאָזט טויפֿן זײַן זון און אים אַ נאָמען געגעבן פֿאָמאַ. שטאַרקנדיק זיך דאָס האַרץ, האָט ער דאָס קינד אַוועקגעגעבן צום דערציען דער

פֿאַמיליע פֿון זיין טויפֿפֿאָטער — זיין אַלטן פֿריינט מאַיאַקין, וועמעס ווייב איז אויך ניט לאַנג פֿאַר דעם געלעגן געוואָרן. אין איג־נאַטס גערדיכטער שוואַרצער באָרד האָט דער טויט פֿון זיין ווייב פֿאַרזייט אַ סך ווייסע הערעלעך, דערפֿאַר אין אומעטיקן גלאַנץ פֿון זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ נייער אויסדרוק — אַ ווייכער און העל־צערטלעכער.

.II

מאַיאַקין האָט געוואוינט אין אַ גרויסן, צוויי־עטאַזשיקן מויער, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן גאָרטן, אין וועלכן ס'האָבן זיך צעוואַקסן אַלטע מעכטיקע ליפּעס. די געדיכטע צווייגן פלעגן אָפּט פאַרשטעלן ווי מיט טונקעלע שפּיצן די פענסטער. די זון פלעגט זיך מיט שוועריקייט אַדורכרייסן דורך די דאָזיקע שטאָרן מיט אירע צעבּרעקלטע שטראַלן אין די קליינע צימערן, וועלכע זיינען געווען ענג אָנגעשטעלט מיט פאַרשיידנאַרטיקע מעבל און מיט גרויסע קאַסטנס, פון וועלכע ס'האָט אין די צימערן תמיד געהערשט אַ שטרענגער, אומעטיקער האַלב־טונקל. די פאַמיליע מאַיאַקינס איז געווען אַ פרומע — דער ריח פון חלב, ווייַרויך און קעראָסין האָט אָנגעפילט דאָס הויז. אין דער לופט האָבן זיך תמיד געטראָגן ווערטער און זיפצן פון תפילות און תשובה. די מנהגים פלעגן ווערן אָפּגעהיט פּינקטלעך אָן אָפּנייגונגען און אָן אָפּהייכונגען, אַריינטוענדיק אין זיי מיט פאַרגעניגן די גאַנצע פרייע קראַפט פון די נשמות פון די באַוואוינער פון דער הויז. אין דער בין־השמשותדיקער, דריקנדיקער און שווערער אַטמאָספער האָבן זיך אָן רעש באַוועגט איבער די צימערן פרויען־געשטאַלטן אָנגעטאָן אין טונקעלע בגדים, שטענדיק מיט אַן אויסדרוק פון גייסטיקער צעבראָכנקייט אויף די פּנימער און מיט ווייכע טופּלעס אויף די פיס.

די פאַמיליע פון יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש מאַיאַקין איז באַשטאַנען פון אים, זיין ווייב, אַ טאָכטער און 5 קרובהטעס, וואָס דער סאַמע יינגסטער פון זיי איז געווען 34 יאָר. אַלע זיינען זיי געווען פרומע, ניט זעלבשטענדיק און אונטערגעוואָרפן אַנטאָנינע איוואַנאָוונע, דער באַלעבאָסטע פון הויז, אַ פרוי אַ הויכע, אַ דאַרע,

מיט אַ טונקעלן געזיכט און מיט שטרענגע גרויע אויגן, וועלכע האָבן געגלאַנצט קלוג און הערשעריש. מאַיאַקין האָט אויך געהאַט אַ זון טאַראַס, נאָר זיין נאָמען פלעגט מען אין דער פאַמיליע ניט דערמאָנען; די באַקאַנטע האָבן געוואוסט, אַז זינט דער 19־יאָריקער טאַראַס איז אַוועקגעפאָרן אין מאָסקווע לערנען זיך און האָט דאָרט אין 3 יאָר אַרום חתונה געהאַט קעגן ווילן פון פאָטער, — האָט זיך יאַקאָוו אָפּגעזאָגט פון זון. טאַראַס איז פאַרפאַלן געוואָרן אָן שום ידיעות. מען האָט גערעדט, אַז ער איז פאַר עפּעס פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר...

יאַקאָוו מאַיאַקין האָט געהאַט זייער אַ משונהדיק געשטאַלט; אַ נידעריקער, אַ דאַרער, אַ לייכטבינקער, מיט אַ פייערדיק־געלער שפּיציקער בערדל, האָט ער מיט זיינע גרינלעכע, כיטרע אויגן געקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט אַלעמען און יעדערן באַזונדער געזאָגט:

— באַרויִקט זיך, מיין הער, ס'איז גאָרניט! איך פאַרשטיי אייך אַפילו, נאָר אַז איר וועט מיך ניט טשעפּען, — וועל איך אייך ניט טשעפּען...

זיין קאָפּ איז געווען ענלעך אויף אַן איי און איז געווען משונהדיק גרויס. זיין הויכער שטערן, דורכגעשניטן מיט קנייטשן, האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט אַ פּליך, און ס'האָט געהאַט אַ פּנים, אַז דער מענטש האָט 2 צורות — איין צורה אַ קלוגע און דורכדרינגענדיקע, מיט אַ לאַנגער דין־ביינערדיקער נאָז, וואָס אַלע האָבן געזען, און אונטער אָט דער צורה — אַ צווייטע צורה אָן אויגן און אָן אַ מויל, בלויז מיט קנייטשן, וואָס הינטער זיי האָט מאַיאַקין באַהאַלטן די אויגן און ליפּן — באַהאַלטן זיי ביז אַ צייט... און ווען די צייט וועט קומען, — וועט ער אַ קוק טאָן אויף דער וועלט מיט אַנדערע אויגן און אַ שמייכל טאָן מיט אַן אַנדער שמייכל.

ער האָט געהאַט אַ זאַוואָד פון קאַנאַטן און געהאַלטן ביים האַפן אַ קראָם. אין קראָם, וואָס איז געווען ביז דעם באַלקן אָנגעלייגט מיט שטריק, קאַנאַטן, פאַקלעס און פענקעס, האָט ער געהאַט אַ קליינינקן צימערל מיט אַ גלעזערנער סקריפּעדיקער טיר. אין צימערל איז געשטאַנען אַ גרויסער, אַלטער, צעקאַלעטשטער

טיש, פאַרן טיש אַ טיפער צעראַטענער פאָטעל, אין וועלכן מאַיאַקין פלעגט זיצן גאַנצענע טעג, און טרינקענדיק טיי, לייענען תמיד די „מאָסקאָווסקיאַ וועדאָמאָסטי“, וואָס ער פלעגט אויסשרייבן זיין גאַנצן לעבן יעדן יאָר. צווישן דער סוחרימשאַפט האָט מען זיך באַצויגן צו אים מיט חשיבות, און ער איז צווישן זיי געווען באַרימט אַלס אַ מענטש מיט אַ קאָפּ. ער האָט ליב געהאַט אַלעמאָל צו דערמאָנען זיין יחוס, אַרויסזאָגנדיק דערביי מיט אַ ניט־קלאָרער שטים:

— מיר — די מאַיאַקינס, זיינען נאָך ביי דער מוטערל יעקאַטערינע געווען סוחרים... הייסט עס, איך בין אַ מענטש מיט יחוס.

אָט ביי דער דאָזיקער פאַמיליע האָט געלעבט איגנאַט גאָרדעיעוו זון גאַנצע 6 יאָר. אויפן זיבעטן יאָר איז פאָמאַ געווען אַ גרויס־קעפּיקער און ברייט־ברוסטיקער יינגל, וואָס האָט אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן סיי אין וואוקס, סיי אין ערנסטן בליק פון זיינע מאַנדלדיק־לענגלעכע, טונקעלע אויגן. אַ שטילער, אַ שווייגיקער, אַ פאַרעקשנטער אין זיינע פאַרלאַנגען, פלעגט ער גאַנצע טעג פאַרברענגען מיט זיינע שפּילצייג, צוזאַמען מיט מאַיאַקינס טאָכטער — ליובאַ, אונטער דער שטומער השגחה פון איינער פון די מומעס, אַ דיקער, אַלטער געפּינטלטער מויד, וועמען מען האָט, ווער ווייס פאַרוואָס, גערופן „בוזי“. דאָס איז געווען אַ באַשעפעניש איינגאַנצן אַ שווייגיקע, און זוי עפּעס אַ אָנגעשראָקענע; אַפילו מיט די קינדער פלעגט זי ריידן מיט אַ האַלבן קול, מיט איינזאַציקע ווערטער. וויסנדיק אויף אויסווייניק אַ סך תפילות, פלעגט זי פאָמען דערציילן ניט ווייניק מעשהלעך.

מיט דער מיידל האָט פאָמאַ געלעבט בשלום. נאָר ווען זי פלעגט אים מיט עפּעס אַריינברענגען אין כעס, אָדער סתם אַזוי זיך רייצן מיט אים, פלעגט ער דעמאָלט ווערן בלייך, זיינע נאָזלעכער פלעגן זיך צעשפּרייטן און מיט קאָמיש־אויסגעשטעלטע אויגן פלעגט ער זי אָנהייבן שלאָגן מיט אַזאַרט. זי פלעגט אָנהייבן וויינען — אַנטלויפן צו דער מוטער און מסרן אויף אים. נאָר אַנטאָנינע האָט ליב געהאַט דאָס יינגל און פלעגט זיך ווייניק־וואָס צוהערן צו דער טאָכטערס טענות. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט

צווישן ביידע קינדער די פֿריינטשאַפֿט. פֿאָמעס טאָג איז געווען לאַנג און איינפֿאַרביק. אויפֿהייבנדיק זיך אינדערפֿרי פֿון בעט, פֿלעגט ער באַלד נאָכן אַרומוואַשן זיך אַוועקשטעלן לעבן הייליקן בילד און אונטערן געמורמל פֿון דער געפּינטלטער בוזי, פֿלעגט ער נאָכבאַמקען לאַנגע תּפֿילות. נאָכדעם פֿלעגט מען טרינקען טיי און ביים טיי עסן מילכיקע בולקעס, טשאַסטעס און קיכעלעך. נאָכן טיי — אויב ס'איז געווען זומער — פֿלעגט מען די קינדער אַוועקשיקן אין גערטכטן גרויסן סאָד, לעבן אַ גראָבן, וואו ס'איז געווען טונקל. פֿון דאָרט פֿלעגט בלאָזן מיט פֿייכטקייט און מיט עפּעס מוראדיקס. די קינדער פֿלעגט מען אַפֿילו ניט צולאָזן נאָענט צום ברעג פֿון גראָבן, און דאָס האָט פֿאַר זיי אָנגעווייט אַ מורא פֿאַרן גראָבן. ווינטער — פֿלעגט מען פֿון פֿרימאָרגן־טיי ביז מיטאָג שפּילן זיך אין שטוב. אויב אינדרויסן איז געווען זייער אַ שטאַרקער פֿראָסט פֿלעגט מען אַרויס אין הויף גליטשן זיך פֿון הויכן אייז־באַרג.

מיטאָג פֿלעגט מען עסן האַלבן טאָג — „לויטן רוסישן מנהג“, ווי מאַיאַקין פֿלעגט דאָס רופֿן. מען פֿלעגט אַוועקשטעלן אויפֿן טיש אַ גרויסע שיסל פֿעטן באָרשטש מיט קאָרענע סוכאַרעס אָן פֿלייש, נאָכדעם פֿלעגט מען דעם זעלבן באָרשטש עסן אויך מיט פֿלייש, צעשניטן אויף קליינע חלקימלעך. דערנאָך פֿלעגט מען דערלאַנגען געבראָטנס, אַ חזירל, אָדער אַ גאַנז, אָדער קאַלב־פֿלייש, אָדער אַן אויסגעפּילטן מאָגן מיט קאַשע־קוגל — נאָכהער פֿלעגט מען ווידער דערלאַנגען אַ שיסל זופּ מיט דרייבקעס אָדער לאָקשן און מען פֿלעגט דעם מיטאָג פֿאַרענדיקן מיט אַ זיסער זאַך, אָדער מיט מילכיקע געבעקס, מען פֿלעגט טרינקען קוואַס פֿון רויטע, אָדער שוואַרצע יאַגדעס, אָדער ברויטענע, — אַנטאָנינאַ איוואַנאָוונאַ האָט תּמיד געהאַט דערפֿון עטלעכע סאָרטן. עסן פֿלעגט מען שווייגעדיקערהייט, בלויז פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זיך אַרויסרייסן אַ קרעכץ פֿון מידקייט; די קינדער האָט מען דערלאַנגט אַ באַזונדער שיסעלע פֿאַר ביידן, די דערוואַקסענע פֿלעגן עסן פֿון באַזונדערע. מיד ווערנדיק פֿון אַזאַ מיטאָג — פֿלעגט מען זיך לייגן שלאָפֿן און 2—3 שעה בסדר פֿלעגט זיך אין מאַיאַקינס הויז הערן אַ כראָפּען און אַ סאָפּען פֿון די שלאָפֿיקע.

נאָכן שלאָף, פלעגט מען טרינקען טיי און ביים טיי פלעגט מען שמועסן וועגן שטאָטישע נייס, וועגן זינגענדיקע דיאַקאָנעס, וועגן חתונות, וועגן דער שלעכטער אויפפירונג פון דעם אָדער יענעם באַקאַנטן סוחר... נאָך טיי פלעגט מאַיאַקין זאָגן צו דער ווייב:

— אַנו־וישע, מוטערל, דערלאַנג אַהער די ביבל...

אָפטער פון אַלץ פלעגט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש לייענען איובן. אָנגעטאָן די שווערע זילבערנע ברילן אויף זיין גרויסן פליישיקן נאָז, פלעגט ער מיט די אויגן אַ וואָרף טאָן איבער די צוהערער — צי אַלע זיינען אויף די ערטער.

זיי פלעגן זיך אַלע אויסזעצן אויף די ערטער, אויף וועלכע ער איז זיי געוויינט געווען צו זען, און אויף זייערע פנימער פלעגט זיך אָפשפּיגלען דער אים שטענדיק באַקאַנטער אויסדרוק פון פרומ־קייט — תמיד אַ טעמפּער און דערשראָקענער.

— „אַ מענטש איז געווען אין לאַנד עוץ“... — פלעגט אָנ־הייבן מאַיאַקין מיט אַ ניט דייטלעכער שטים, און פאָמאַ, וועלכער איז געזעסן מיט ליובען אויף דער סאָפע אין ווינקל פון צימער, האָט געוואוסט, אַז באַלד וועט זיין טויפּאָטער אַנטשווייגן ווערן און אַ גלעט טאָן מיט זיין האַנט זיין פּליך. ער איז געזעסן, איינגעהערט זיך און פאַרגעשטעלט זיך דעם מענטש פון לאַנד עוץ. דער מענטש האָט זיך אים געמאָלט אַ הויכער, אַ נאַקעטער, מיט גרויסע אויגן ווי ביי דעם געטלעכן מאַן אויפן הייליקן בילד, זיין קול איז גע־ווען ווי פון אַ גרויסער קופּערנער פּלייט, אויף וועלכער ס'שפּילן זעלנער אין די לאַגערס. דער דאָזיקער מענטש איז מיט יעדער מינוט געוואַקסן; אויסוואַקסנדיק ביזן הימל, — האָט ער אַריינגע־שטעקט זיינע טונקעלע הענט אין די כמאַרעס, צעריסן זיי און אויסגעשריען מיט אַ מוראדיקן קול:

— „צו וואָס איז דעם מענטשן געגעבן געוואָרן ליכט, ווי באַלד זיין וועג איז אים פאַרשטעלט און גאָט האָט אים אַרומגע־רינגלט מיט פינסטערניש?“

פאָמען פלעגט אַרומנעמען אַ ציטער און ער פלעגט אָנהייבן מורא האָבן. דער דרעמל פלעגט פאַרשווינדן פון זיינע אויגן און

ער האָט בלויז געהערט די שטים פון זיין טויפּפּאַטער, וועלכער פלעגט צופן דאָס בערדל און מיט אַ לייכטן שמייכל אַרויסזאָגן:

— אָט, ס'אַראַ עזות...

דאָס יינגל האָט געוואוסט, אַז דער טויפּפּאַטער האָט דאָס געזאָגט וועגן דעם מענטש פון לאַנד עוץ, און דעם טויפּפּאַטערס שמייכל פלעגט אים באַרויִקן — ער וועט דעם הימל ניט צעברעכן, ער וועט אים ניט צערייסן מיט זיינע שרעקלעכע הענט, אָט דער דאָזיקער מענטש, און ווידער האָט פּאַמאַ דערזען דעם מענטש — ווי ער שלאָפט אויף דער ערד. „זיין גוף איז באַדעקט מיט ווערים און מיט שטויביקע וואונדן, זיין הויט פּוילט". נאָר איצט איז ער אַ קליינינקער און אַ רחמנותדיקער נעבעך, פּשוט — ווי אַ קבצן אויף די טרעפּלעך פון קלויסטער.

און דער מענטש זאָגט:

— „וואָס איז דער זין פון דעם מענטש, ווי זאָל ער זיין ריין און אָרענטלעך, אַז ער איז געבאָרן פון אַ פרוי?"

— דאָס רעדט ער אַזוי צו גאָט... — דערקלערט מאַיאַקין מיט איבערצייגונג. — ווי קאָן איך, זאָגט ער, זיין ריין פון זינד, אַז איך בין אַ זרע? דאָס איז אַ קשיה צו גאָט? ריכטיק אַזוי?

און מאַיאַקין וואַרפט אַ פרעגנדיקן בליק, ווי מיט נצחון, אויף זיינע צוהערערינס.

— ער איז ווערט... דער צדיק... — ענטפערן זיי אַלע מיט אַ קרעכץ.

יאַקאָוו מאַיאַקין קוקט אויף זיי שמייכלענדיק און זאָגט אַרויס מיט ביטול:

— שוטים... גייט לייגט די קינדער שלאָפן...

איגנאַט פלעגט קומען צו די מאַיאַקינס אַלע טאָג און מיטברענגען פאַרן זון שפּילצייג, דערביי פלעגט ער אים כאַפּן אויף די הענט און דריקן אים צו זיך. נאָר צייטנווייז פלעגט ער זיין עפּעס אומצופרידן און מיט אַ באַהאַלטענער אומרויִקייט פלעגט ער דאַן טרוקן פרעגן פּאָמען:

— וואָס ביסטו אַזאַ גלאָמפּ? אוי-אוי! פאַרוואָס לאַכסטו אַזוי זעלטן?

און פֿלעגט זיך אויך באַקלאָגן פֿאַרן ידיד:

— איך האָבֿ מורא, אַז מײַן פֿאָמקע איז געראָטן אין דער מאַמען... זײַנע אויגן זײַנען עפּעס אויך ניט אַזעלכע פֿריילעכע.

— ס'איז נאָך אַ ביסעלע פֿרי צו באַאומרויִקן זיך, פֿלעגט מאַיאַקין לאַכן פֿון איגנאַטן.

ער האָט אויך ליבֿ געהאַט דאָס טויף־קינד, און ווען איגנאַט האָט אים איינמאָל געמאָלדן, אַז ער נעמט שוין צו פֿאָמען צו זיך, — האָט מאַיאַקין געהאַט דערפֿון אמתן צער.

— לאָז אים איבֿער... — האָט ער זיך געבֿעטן. — זע — ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו אונז, דער קלײנער... אָט, ער וויינט שוין...

— ער וועט אויפֿהערן... ניט פֿאַר דיר האָבֿ איך אים געבאָרן, בײַ אײַך איז דאָ בכלל אַ שווערע סבֿיבֿה... אומעטיק ווי אין אַן אַלטן קלויסטער. פֿאַרן קינד איז דאָס שעדלעך, און מיר גופֿא איז אָן אים אויך ניט פֿריילעך. קומסט צו גיין אינדערהיים — קיינער ניטאָ, פּוסט. איך וועל זיך דאָך צוליבֿ אים ניט אַריבֿערקלײַבן צו דיר... ניט איך בין פֿאַר אים — נאָר ער איז — פֿאַר מיר. אַזוי איז דאָס, איצט איז געקומען צו פֿאָרן צו מיר די שוועסטער אַנפֿיסאַ — וועט זי שוין אויף אים אַכטונג געבֿן.

און מ'האָט דאָס ייִנגל געבראַכט אין פֿאָטערס הויז.

דאָרטן האָט אים אויפֿגענומען אַ קאָמישע זקנה מיט אַ לאַנגער פֿאַרדרייטער נאָז, מיט אַ גרויסן מויל אָן ציינער. אַ הויכע, אַ ביסל אַן אײַנגעבויגענע, אָנגעטאָן אין אַ גראָער קלייד און מיט גראָע האָר, אונטער אַ שוואַרץ זײַדן טיכל. תחילת איז זי דעם ייִנגל ניט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט זיך פֿאַר איר געשראָקן. נאָר ווען ער האָט אויף איר צעקנייטשטן געזיכט דערזען אירע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן מילד געשמייכלט צו אים, — האָט ער באַלד מיט צוטרוי אַוועקגעלייגט זײַן קאָפּ אויף אירע קני.

— יתומל מײַנער, שלאָפֿינקער! — האָט זי גערעדט צו אים מיט אַ סאַמעטענעם קול, וואָס האָט געציטערט פֿון דער פֿולקייט פֿון קלאַנג, און זי האָט אים שטיל געגלעט מיט די הענט דאָס פּנימל. — אָט, זיך צוגעטוליעט אַזוי... קינדעלע טײַערינקע!

אין איר צערטלען איז געווען עפּעס ווייכס און מתיקותדיקס, וואָס איז פֿאַר פֿאָמען ביז אַהער געווען אינגאַנצן פֿרעמד. דאָס איז פֿאַר אים געווען ניי. און ער האָט דער אַלטער געקוקט אין די אויגן אַריין מיט נייגעריקייט און מיט דערוואַרטונג. די דאָזיקע אַלטע האָט אים אַריינגעפֿירט אין אַ נייער פֿאַר אים ביז אַהער אומבאַקאַנטער וועלט. ווען זי האָט אים דעם ערשטן טאָג געלייגט שלאָפֿן, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין בעטל און איבערבויגנדיק זיך איבערן קינד געפֿרעגט אים:

— דערציילן דיר, פֿאָמושקאַ, אַ מעשהלע?

פֿון דאַן אָן פֿלעגט פֿאָמאַ תמיד איינשלאָפֿן אונטער די כּמעט־קלאַנגען פֿון דער אַלטערס שטימע, וואָס פֿלעגט מאָלן פֿאַר אים אַ לעבן פֿול מיט כּישוף: גבורים, וועלכע פֿלעגן בייקומען שרעקלעכע חיות, קלוגע בת־מלכּות, נאַרן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר קלוגע — גאַנצע המונים פֿון וואונדערלעכע נייע מענטשן פֿלעגן דורכגיין דעם יינגלס באַגייסטערטן דמיון, און זיין נשמה האָט זיך דורשטיק גענערט מיט דער געזונטער שיינקייט פֿון דער פֿאָלקס־שאַפֿונג. די אוצרות פֿון זכרונות און דמיונות זיינען געווען אָן אַ סוף ביי דער דאָזיקער אַלטיטשקער, וועלכע פֿלעגט זיך אים ווי דורך אַ חלום שטענדיק אויסווייזן ווי די „באַבאַ יאַגאַ“ מיט אירע מעשהלעך, — אָבער אַ גוטע און מילדע „באַבאַ יאַגאַ“ איז דאָס געווען, — אַמאָל איז זי ענלעך געווען אויף דער שיינער, קלוגער וואַסיליסאַ. מיט ברייט־געעפֿנטע אויגן, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, פֿלעגט דאָס יינגל קוקן אין נאַכט־חושך, וואָס פֿלעגט אָנפֿילן דעם צימער. ער האָט געזען, ווי דער חושך ציטערט שטיל פֿון פֿייערל פֿון לעמפּל, וואָס האָט געברענט לעבן הייליקן בילד... און פֿאָמאַ פֿלעגט דעם דאָזיקן חושך אָנפֿילן מיט וואונדערלעכע בילדער פֿון דעם לעבן פֿון די מעשהלעך. שטומע, אָבער לעבעדיקע שאָטנס זיינען געקראָכן איבער די ווענט און איבערן דיל; דאָס יינגל פֿלעגט אי מיט פּחד, אי מיט פֿאַרגעניגן קוקן אויף זיי, באַמאָלט זייערע פֿורעמס מיט פֿאַרבן און באַשאַפֿנדיק פֿון זיי לעבנס, — פֿלעגט ער זיי אין איין הרף־עין צעשטערן מיט דער באַוועגונג פֿון זיינע ברעמען. אין זיינע טונקעלע אויגן האָט זיך באַוויזן עפּעס נייס, מער קינדיש און נאַיווס און ווייניקער ערנסטס; די איינזאַמקייט און

פֿינסטערניש פֿלעגט געבוירן אין אים אַ פּחדיק געפֿיל פֿון שטענ־דיקער דערוואַרטעניש, וואָס פֿלעגט אים באַאומרויִקן און אויפֿרייצן זיין נייגעריקייט און צווינגען אים צוצוגיין אין פֿינסטערן ווינקל, אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט ליגט אַזוינס באַהאַלטן אין די געדיכטע טעפּיכער פֿון חושך? ער איז געגאַנגען אַ קוק טאָן, נאָר האָט דאָרט קיין זאַך ניט געפֿונען, ער האָט אָבער ניט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג צו געפֿינען...

פֿאַרן פֿאָטער האָט ער מורא געהאַט און האָט געהאַט פֿאַר אים אָפּשיי: אינגאַנצן געוואַלטיקע געשטאַלט, זיין טרייסלדיקע שטימע ווי פֿון אַ שופֿר, זיין האָריקער פּנים, זיין קאָפּ מיט דער געדיכטער היטל פֿון גראָע האָר, די לאַנגע שטאַרקע הענט זיינע, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אינגאַנצן ענלעך צו די גזלנים פֿון די מעשהלעך.

פֿאָמאַ פֿלעגט אויפֿציטערן, ווען ער פֿלעגט דערהערן דעם פֿאָטערס קול, אָדער זיינע שווערע האַרטע טריט; נאָר ווען דער פֿאָטער האָט גוטמוטיק געשמייכלט און גערעדט צו אים עפּעס אַזוי ווייך מיט אַ רושם, נעמענדיק אים בעת מעשה אויף די קני אָדער אונטערהויבנדיק אים אויף די ברייטע דלאָניעס אינדערהויך אין דער לופֿט — פֿלעגט דאַן פֿאָמעס מורא פֿאַרשווינדן.

— איינמאָל, ווען אים איז שוין געגאַנגען דאָס אַכטע יאָר, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן ביים פֿאָטער, ווען יענער האָט זיך נאָר־וואָס צוריקגעקערט פֿון ערגעץ אַ ווייטער און לאַנגער נסיעה:

— טאַטע! וואו ביסטו געווען?

— אויף דער וואָלגע...

— געגזלט? — האָט פֿאָמאַ שטיל ווייטער געפֿרעגט.

— וואָס־ס? — האָט אינגאַנצן אָנגעשטעלט זיינע אויגן און זיינע ברעמען האָבן אַ ציטער געטאָן.

— דו ביסט, טאַטע, אַ גזלן? איך ווייס שוין... האָט פֿאָמאַ איבערגעחזרט זיין קשיא, אויסגלאָצנדיק כיטרע זיינע אייגעלעך, אַ צופֿרידענער מיט דעם, וואָס ער איז אַזוי לייכט אַריינגעדרונגען אין די סודות פֿון זיין פֿאָטערס לעבן.

— איך בין אַ סוחר! — האָט אינגאַנצן שטרענג געענטפֿערט און באַלד איבערקלערנדיק, האָט ער גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן

און מוסיף געווען: — אַך, דו נאַרעלע!... איך האַנדל מיט ברויט, איך אַרבעט מיט דאַמפּערס... האָסט געזען „יערמאַקן" ? נו, דאָס איז מיין דאַמפּער... און אויך דיינער...

— ס'אַראַ גרויסער אַזאַ... — האָט פּאָמאַ זיך אָפּגערופן, אָפּ־ציענדיק דעם אָטעם.

— נו, וועל איך דיר קויפן אַ קליינינקן, כּל־זמן דו ביסט נאָך אַליין אַ קליינינקער, רעכט?

— גוט! — האָט פּאָמאַ מסכּים געווען, נאָר שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער זיך פאַרטראַכט און ווידער מיט אַ באַדויער אויסגע־צויגן: — און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אויך אַ גזלן... אָדער אַ גבור...

— איך זאָג דאָך דיר — אַז אַ הענדלער! — האָט איגנאַט איבערגעזאָגט מיט איבערצייגונג און באַטאָנונג, און זיין בליק האָט דערזען אויף דעם אַנטוישטן געזיכט פון זיין זון עפּעס אַ ניט־צופרידנקייט, כמעט אַ שרעקעדיקייט...

— ווי דער זיידע פיאָדאָר, דער בעקער? — האָט פּאָמאַ גע־פרעגט.

— נו, אָט ווי ער... נאָר איך בין רייכער פון אים, כ'האָב מער געלט פאַר פיאָדאָרן...

— אַ סך געלט האָסטו?

— נו... ס'איז דאָ נאָך מער...

— וויפל האָסטו קאַסטנס?

— וואָס?

— געלט?

— נאַרעלע! צי מיט קאַסטנס מעסט מען געלט?

— מיט וואָס־זשע דען? — האָט פּאָמאַ לעבעדיק אויסגערופן, און אַ קער טוענדיק זיין געזיכט אינגאַנצן צום פאָטער, האָט ער, ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, גענומען האַסטיק דערציילן אים: ערגעץ אין אַ שטאָט איז געקומען דער גזלן מאַקסימקאַ און אָנ־געשאָטן זיך 12 קאַסטנס מיט געלט, עפּעס ביי איינעם אַ רייכן דאָרטן... און זילבער אַ סך, און דעם קלויסטער באַראַבעוועט. איין מענטשן האָט ער צעשניטן מיט זיין שווערד און אים געוואָלט

אַראָפּוואַרפֿן פֿון שפּיץ קלויסטער... דער מענטש האָט גענומען פּיקן אין די גלעקער.

— דאָס האָט דיר די מומע דערציילט? — האָט אים איגנאַט איבערגעשלאָגן, קלייבנדיק נחת פֿון זונדלס לעבעדיק״ט.

— און אַז זי — איז וואָס?

— גאָרניט! — האָט איגנאַט געענטפֿערט מיט געלעכטער... דאָס האָט זי געמאַכט דעם טאַטן פֿאַר אַ גזלן.

— און אפשר ביסטו, קען זיין, אַמאָל געווען טאַקע? — האָט פּאָמאַ צוריקגעקערט צו זיין טעמע און ס'איז געווען צו זען אויף זיין פּנים, אַז ער וואָלט זייער געוואָלט, אַז דער פֿאָטער זאָל זאָגן, אַז יאָ.

— איך בין קיינמאָל ניט געווען... וואַרף דאָס אַוועק...

— ניט געווען?

— איך זאָג דאָך דיר, אַז ניט. ס'אַראַ מאָדנער דו ביסט... מיינסט אַ גזלן איז אַ גוטע זאַך... זיי זיינען אַלע זינדיקע, די גזלנים. גלויבן ניט אין גאָט... ראַבעווען די קלויסטערס... זיי זיינען פֿאַרשאָלטן פֿון קלויסטער... ג״יאָ... אָט־וואָס, זונעלע, — דו דאַרפֿסט זיך שוין אָנהייבן לערנען! שוין צייט, ברודערל, אינגיכן וועסטו ניין יאָר... הייב אָן מיט מזל. ווינטער וועסטו זיך לערנען און אויף פֿרילינג וועל איך דיך מיטנעמען אין וועג אַריין אויף דער וואָלגע מיט מיר...

— איך וועל גיין אין שול? — האָט פּאָמאַ אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ שעמעוודיקייט.

— פֿריער וועסטו זיך לערנען אין שטוב מיט דער מומען...

שפּעטער פֿלעגט דאָס יינגל שוין פֿון פֿרימאָרגן זיצן ביים טיש און מיטן פֿינגער אַרומפֿאָרן איבערן סלאַוויאַנישן אַלף־בית און חזרן נאָך דער מומען:

— אַז... בוקי... וועדי...

אַז מען האָט געהאַלטן שוין ביי בראַ, ווראַ, גראַ, דראַ, האָט דאָס יינגל לאַנג ניט געקאָנט איינהאַלטן זיך פֿון געלעכטער אַרויסברענגענדיק די זילבן. פֿאָמען האָט זיך די דאָזיקע תּורה איינגעגעבן גרינג, כּמעט אָן אָנשטרענגונג און אָט לייענט ער שוין דעם ערשטן קאַפּיטל פֿון תּהילים:

— וואויל איז דעם מאַן... וואָס גייט ניט.... אין די וועגן פון די שלעכטע...

— אַזוי, טייערינקער, אַזוי, פּאַמושקאַ, ריכטיק אַזוי! — האָט די מומע אים מילד געחזרט, זייענדיק באַגייסטערט פון זיין דערפּאָלג...

— אַ בריה ביסטו, פּאַמאַ! — האָט צוגעגעבן איגנאַט מיט אַן ערנסטער מינע, נאָכפּרעגנדיק זיך אויף זיין לערנען... אויף פרי־לינג פאָרן מיר אין אַסטראַכאַן נאָך פיש און אויף האַרבסט — וועסטו שוין גיין אין שול.

דעם יינגלס לעבן האָט זיך געקייקלט פּאָרויס ווי אַ פּילקע באַרג אַראָפּ. זייענדיק זיין לערערין, איז די מומע גלייכצייטיק אויך געווען זיין חברטע אין זיינע שפּילן. ס'פלעגט קומען צו גיין ליובאַ מאַיאַקין און דאַן פלעגט די אַלטע פּאַרוואַנדלט ווערן אויך אין אַזאַ קינד — ווי זיי. מען האָט זיך צוזאַמען געשפּילט אין באַ־העלטעניש, אין בלענדעניש, פאַר די קינדער איז געווען קאָמיש און אָנגענעם צו זען, ווי אַנפיסאַ, פאַרבונדן מיט אַ טיכל אַרום די אויגן, מיט צעשפּרייטע הענט, גייט אַרום פּאָרזיכטיק איבערן צימער און שטויסט זיך אָן אויף די שטולן און טישן, אָדער ווי זי פלעגט, זוכנדיק זיי, קריכן איבער אַלע באַהאַלטענע ווינק־לען און ניט אויפהערן צו ריידן:

— אַך, איר ליגנער, וואָס איר זייט... אַך, איר באַנדיטן... וואו האָט איר זיך דאָס אַהינגעטאָן?... האַ?

און די זון האָט ווייך און פריילעך אַזוי באַלויכטן דעם אַלטן, אויסגעטראָטענעם גוף, וואָס האָט נאָך פאַרהיט אין זיך אַ יונגע נשמה, באַשטראַלט דאָס אַלטע לעבן, וואָס האָט ווי אַ צירונג באַפּוצט לויט די כּוחות און מעגלעכקייטן דעם לעבנס־וועג פון די ביידע קינדער....

איגנאַט פלעגט גלייך אינדערפרי אַוועקלויפן אויף דער בערזע און פלעגט זיך גאַנץ אָפט ניט ווייזן אַזש ביזן אָוונט. אינאָוונט פלעגט ער פאָרן אין ראָטהויז, אין געסט, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו. אַמאָל פלעגט ער קומען אַהיים אַ שיכּורער. — תּחילת פלעגט פּאַמאַ אין אַזאַ פאַל אַנטלויפן פון פאָטער און זיך באַ־

האַלטן. נאָכדעם איז ער שוין דערצו געוווינט געוואָרן און אַפילו אײַנגעפונען, אַז אַ שיכורער טאַטע איז נאָך בעסער ווי אַ ניכטע־רער: ער איז ווייכער, שטאַרקער און אַ ביסל קאָמישער. אויב דאָס פלעגט טרעפן בײַנאַכט — פלעגט זיך דאָס ייִנגל תמיד אויפכאַפּן פון זײַן שאַלנדיקער שטים:

— אַנפיסאַ־אַ! שוועסטער טײַערע! לאָז מיך צים זון... צום יורש לאָז מיך!

און מיט אַ וויינענדיקן קול, פול מיט פאַרוואורפן, פלעגט די מומע אים אײַנריידן:

— גיי, גיי פּאַפּן, טײַוול, דו זינדיקער. אָנגעזויפן זיך, אַ? ביסט דאָך שוין אַ גראָער.

— אַנפיסאַ! דעם זון קען איך זען? כאָטש מיט איין אויג?

— זאָלן זיי דיר בײדע אויסרינען פון שיכרות.

פּאָמאַ האָט געוואוסט, אַז די מומע וועט דעם פאָטער בשום אופן ניט צולאָזן צו אים און אונטערן טומל פון זייערע בײדנס קולות פלעגט ער ווידער אײַנשלאָפן. ווען איגנאַט פלעגט קומען שיכור בײַטאָג, — פלעגן זײַנע גוואַלדיקע לאַפּעס באַלד אַ כאַפּ טאָן דעם זון און מיט אַ שיכורן, גליקלעכן געלעכטער פלעגט ער אים אַרומ־טראָגן איבער די חדרים און נאָכאַנאַנד פרעגן אים:

— פּאָמקאַ! וואָס ווילסטו? זאָג! וואָס ווילסטו? גוטע זאַכן? שפּילצײַג? אַנו, בעט נאָר! ווײַל דו דאַרפסט וויסן, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין זאַך אין דער וועלט, וואָס איך זאָל דיר ניט קענען קויפן. איך האָב אַ—מיליאָן! כאַ־כאַ־כאַ! און איך וועל האָבן נאָכ־מער! פאַרשטייסטו שוין? אַלץ איז דײַנס! כאַ־כאַ!

נאָר פּלוצלונג פלעגט זײַן התפּעלות פאַרלאָשן ווערן, ווי עס ווערט פאַרלאָשן אַ ליכט פון אַ שטאַרקן ווינט־בלאָז. דאָס שיכורע געזיכט פלעגט אויפציטערן, די אויגן פלעגן רויט ווערן און אָנגיסן זיך מיט טרערן און די ליפּן פלעגן זיך אויסציִען מיט אַ דערשראָקענעם, געפּאַלענעם שמייכל:

— אַנפיסאַ! אויב חלילה ער וועט שטאַרבן — וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן?

און באַלד דערויף פלעגט אים באַפאַלן דאָס משוגעת:

— אַלץ וועל איך אונטערצינדן! פלעגט ער ברומען מיט ווילד־אויסגעגלאָצטע אויגן ערגעץ אין פינסטערן חלל פון צימער — איך וועל אַלץ חרוב מאַכן! מיט פולווער אויפרייסן!

— ווערסט שוין האָבן דיין סוף, דו מיאוסער נפש. ווילסט דערשרעקן דאָס קינד, ס׳זאָל חלילה קראַנק ווערן? — פלעגט אַנפיסאַ אים באַלד אַריינצעילן, און דאָס איז שוין געווען גענוג, איגנאַט זאָל מאַכן פיס און האַסטיק נעלם ווערן, בורטשענדיק:

— נו־נו־! איך גיי שוין, איך גיי... דו שריי נאָר ניט אויף מיך! מאַך ניט קיין טומל, שרעק אים ניט.

אַז פאָמאַ פלעגט זיין ניט געזונט, פלעגט איגנאַט אַוועקוואַרפן אַלע זיינע געשעפטן און אין ערגעץ ניט אַרויסגיין, ניט אָפטרעטן פון שטוב און דערעסנדיק כסדר דער שוועסטער און דעם זון מיט אומגעלומפערטע שאַלות און עצות, פלעגט ער אַ פינסטערער, מיט אַ פחד אין די אויגן אַרומשפּאַנען איבער די צימערן אויס מענטש און קרעכצן.

— וואָס דערצאָרנסטו דאָרטן גאָט? — פלעגט אַנפיסאַ אים אָפשטעלן אַמאָל, — זע נאָר, דיין בורטשען זאָל ניט דערגיין צו גאָט, וועט ער דיך שוין באַשטראָפן צוליב דיינע טענות אויף זיין חסד, וואָס ער טוט מיט דיר...

— עך, שוועסטער! פלעגט איגנאַט אָפזיפצן. — דו פאַרשטייסט מיך — טאָמער חס־וחלילה עפעס... וועט דאָך מיין גאַנץ לעבן אונטערגיין! צו וואָס האָב איך געלעבט?... ווער ווייס...

אַזעלכע סצענעס אין שאַרפע איבערגאַנגען ביים פאָטער — פון איין שטימונג צו אַן אַנדערער, האָבן פון אָנהייב געשראָקן דאָס ייִנגל, נאָר ער איז גיך געוויינט געוואָרן דערצו, און דערזעענדיק אָפט אין פענסטער, ווי דער פאָטער קריכט שווער אַרויס פון שליטל, פלעגט ער זיך גלייכגילטיק אָפרופן:

— מומע! דער טאַטקע איז ווידער געקומען שיכּור.

ס׳איז אָנגעקומען דער פרילינג. האַלטנדיק זיין צוזאָג האָט איגנאַט מיטגענומען דעם זון אויפן דאַמפער, און פאַר פאָמען האָט זיך געעפנט אַ ניי לעבן, אַ נייע וועלט, רייך מיט איינדריקן.

שנעל טראָגט זיך מיטן שטראָם דער שיינער און שטאַרקער „יערמאַק“ — דער משא־דאַמפּער פון סוחר גאָרדעיעוו, און ביי זיינע ביידע זייטן באַוועגן זיך אים אַנטקעגן, פּאַמעלעך, די ברעגעס פון דער מעכטיקער שיינער וואָלגע, — דער לינקער ברעג, אינגאַנצן אַ באַגאָסענער פון זון. ס׳שפּרייט זיך אויס ביזן ברעג הימל אַ גרינער, פּרעכטיקער טעפּעך; און דער רעכטער ברעג האָט אַ וואָרף געטאָן צים הימל זיינע שפּיצן בערג, באַוואַקסענע מיט וואַלד און איז אַזוי ווי אַן אָפּגעשטאָרבענער אין אַ מוראדיקן שטילשווייגן.

און צווישן זיי האָט זיך מאַיעסטעטיש צעשפּרייט דער ברייטברוסטיקער טייך; אָן טומל, פּייערלעך און ניט אײַלנדיק זיך, פּליסן זיינע וואַסערן אין באַוואוסטזיין פון זייער אומבאַזיגטן כוח; דער באַרגיקער ברעג שלאָגט אין זיי אָפּ ווי אַ שוואַרצער שאָטן, און פון דער לינקער זייט באַצירן גאָלד און גרינער סאַמעט די זאַמדיקע דיונעס און די ברייטע לאָנקעס. דאָ און דאָרט ווייזן זיך, אויף בערג און לאָנקעס, דערפער, די זון גלאַנצט אויף די שויבן און פענסטער פון די הייזלעך און אויף די געלע שטרויענע דעכער, ס׳גלאַנצן דורך די גרינע ביימער־צווייגן די צלמים פון די קלויסטערס. פויל דרייען זיך ערגעץ אין לופט די גראָע פליגל פון די מילן, פון די פאַבריק־קוימענס קנוילט זיך צום הימל אַ רויך מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער מראה, אַ חברה יאַטלעך אין בלאָע, רויטע און ווייסע העמדלעך שטייען ביים ברעג, באַגלייטן מיט הויכע קולות דעם דאַמפּער, די קולות וועקן די שטילקייט אויפן טייך און פון אונטער די רעדער פון דאַמפּער לויפן צו די פיס פון די קינדער פריילעכע כוואַליעס און צעקלאַפּן זיך אָן ברעג. אָט האָט זיך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יאַטלעך אַריינגעזעצט אין אַ שיפל און זיי רודערן האַסטיק צום מיטן טייך, כדי צו קייקלען זיך אויף די כוואַליעס, ווי אויף אַ וויג.

פון וואַסער קוקן אַרויס די שפּיצן ביימער, אָפּטמאָל זיינען גאַנצע קופּעס פון זיי פאַרטרונקען פון פרילינגס־אויסגוס און זיי שטייען אַזוי אינמיטן וואַסער, ווי אינזלען. פון ערגעץ־וואו דערטראָגט זיך פון ברעג מיט אַ שווערן זיפץ אַן אומעטיק געזאַנג:

— אָ—ע... אָ—אָ—אָ נאָך אַ—מאָל!

דער דאַמפּער יאָגט אַריבער פּליטן, פאַרשפּריצנדיק זיי מיט וואַסער. די קלעצער גייען האַסטיקער אונטער די קלעפּ פון די אָנלויפנדיקע כוואַליעס; די פליטניקעס, אין די בלאָע העמדלעך, צעשאָקלען זיך אויף די פיס, קוקן אויפן דאַמפּער, לאַכן און שרייען עפּעס אַריבער צו אים. אַ דיקע, געזונטע יפי-פיה, אַ ווייס הויטיקע, גייט מיט דער זייט פון טייך; דער געלער הובל, וואָס זי טראָגט אויף זיך, שיינט ווי גאָלד אויף דער זון, און שלאָגט געפלדיק אָפּ אין שמוציקן פרילינגס-וואַסער. אַנטקעגן גייט אַ פּאַסאַזשיר-דאַמפּער און פייפט. דער אָפּקלינגענדיקער הילך פון פייף באַהאַלט זיך אין וואַלד, אין די שפּאַלטן פון באַרגיקן ברעג און שטאַרבט דאָרט אָפּ. אינמיטן טייך צעקלאַפּן זיך די כוואַליעס אָן ביידע שיפן, שלאָגן זיך אָפּ אויף זייערע זייטן, און די שיפן צעווויגן זיך אין וואַסער. אויפן משופּעדיקן באַרגיקן ברעג זיינען אויסגעשפּרייט גרינע טעפּעכער פון נאָך האַרבסטיקן גראָז, ברוינע פּאַסן ערד אויף דורכצוגיין זיי און שוואַרצע, צעאַקערטע אויף פרילינגס-תבואה. איבער זיי פליען פייגלען, ווי קליינינקע פינטעלעך, וועלכע זעען זיך דייטלעך אויפן בלאָען שפּיגל פון הימל; ניט ווייט פּיטערט זיך אַ סטאַדע, — פון ווייטן זעען די קי אויס, ווי שפּילצייג; די קליינע פיגור פון פּאַסטעך שטייט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקל און קוקט אויפן טייך.

אַרום און אַרום בלאַנקט דאָס וואַסער, אַרום און אַרום איז רחבות און פרייהייט, פרייליך, גרינע לאָנקעס און העלע, מילדע, בלאָע הימלען; אין דער רויקער באַוועגונג פון וואַסער שפּירט זיך אַן איינגעהאַלטענע קראַפט, אין הימל ברענט איבערן טייך די ברייטע זון פון חודש מאַי, די לופט איז אָנגעזאַפּט מיטן זיסן ריח פון די שטעכלקעס פון די ביימער און פון דער פרישקייט פון גרינס, און די ברעגעס גייען אַלץ אַנטקעגן, גלעטנדיק די אויגן און די נשמה מיט זייער שיינקייט און אַלץ מער נייע בילדער עפענען זיך אויף זיי.

אויף אַלץ אַרום ליגט אַ שטעמפּל פון עפּעס אַ לאַנגזאַמקייט: אַלץ — די נאַטור און די מענטשן לעבן אומגעלומפּערט-

פֿויל, נאָר אין דער פֿוילקייט פֿילט זיך, ווי עפּעס אַן אייגנאַרטיקע גראַציע, און ס'דאַכט זיך, אַז הינטער דער פֿוילקייט באַהאַלט זיך אַ גוואַלטיקע קראַפֿט, אַ קראַפֿט אַן אומבאַזיגטע, — נאָר אויך אַן אומבאַוואוסטזיניקע, וואָס ווייסט נאָך ניט קלאָר אירע פֿאַרלאַנגען און צילן... און אָט דאָס פֿעלן פֿון באַוואוסטזיניקייט אין דאָזיקן האַלב-שלאָפֿנדיקן לעבן, ליגט אויפֿן גאַנצן שטח אַ שאָטן פֿון בענקעניש. אַ אונטערטעניק געדולד, אַ שטומער וואַרטן אויף עפּעס נייס און מער לעבעדיקס הערט זיך אויך אין געשריי פֿון קוקו, וואָס קומט צו פֿליען מיטן ווינט פֿון ברעג אויפֿן מיטן טייך... איינזאַמע געזאַנגען בעטן זיך ווי אויף הילף... צייטנווייז קלינגט אין זיי אָפּ די העלדישקייט פֿון יאוש... דער טייך ענטפֿערט אָפּ די געזאַנגען מיט אַ זיפֿצן, און פֿאַרטראַכטע וויגן זיך די שפּיצן ביימער. אַ שטילקייט...

גאַנצענע טעג האָט פֿאָמאַ פֿאַרבראַכט אויפֿן בריקל פֿון קאַפּיטאַן צוזאַמען מיטן פֿאָטער. מיט ברייט-צעעפֿנטע אויגן האָט ער שווייגנדיק געקוקט אויף דער אומענדלעכער פֿאַנאָראַמע פֿון די ברעגעס, און אים האָט אויסגעדאַכט, אַז ער באַוועגט זיך אויף אַ ברייטער זילבערנער וועג צו יענע וואונדערלעכע מדינות, וואו עס לעבן די כּישוף-מאַכער און די גבֿורים פֿון די אים באַקאַנטע מעשהלעך. צייטנווייז פֿלעגט ער אָנהייבן פֿונאַנדערפֿרעגן ביים פֿאָטער וועגן אַלץ, וואָס ער פֿלעגט זען. איגנאַט פֿלעגט אים גערן און אויספֿירלעך ענטפֿערן, אָבער דעם יינגל זיינען ניט געפֿעלן געווען דעם פֿאָטערס תּשובֿות; ער האָט ניט געשפּירט אין זיי קיין שום אינטערעסאַנטס און פֿאַרשטענדלעכס פֿאַר אים, און ער האָט ניט געהערט אין זיי דאָס, וואָס אים האָט זיך געוואָלט הערן. איינמאָל האָט ער מיט אַ קרעכץ געמאָלדן דעם פֿאָטער:

— די מומע אַנפֿיסאַ ווייסט בעסער פֿאַר דיר...

— וואָס ווייסט זי? — האָט איגנאַט געפֿרעגט לאַכנדיק.

— אַלץ, — האָט דאָס יינגל געענטפֿערט מיט איבערצייגונג.

די וואונדערלעכע מדינות האָבן זיך פֿאַר אים ניט באַוויזן. נאָר אָפֿט פֿלעגן זיך אויפֿן ברעג פֿון טייך באַווייזן שטעט, דורכאויס אַזעלכע ווי די שטאָט, אין וועלכער פֿאָמאַ האָט געלעבט. אַנ-

דערע גרעסערע, אַנדערע קלענערע, נאָר די מענטשן, די הייזער, די קלויסטערס — אַלץ איז אין זיי געווען אַזוי, ווי בײַ אים אין שטאָט. פּאָמאַ פּלעגט זיי מיטן פֿאָטער באַקוקן און תּמיד פּלעגט ער בלײַבן אומצופֿרידן מיט זיי, און ער פּלעגט זיך צוריקקערן אויפֿן דאַמפּער אַן אומעטיקער און פֿאַרמאַטערטער.

— מאָרגן קומען מיר שוין אין אַסטראַכאַן, — האָט איינמאָל געמאָלדן איגנאַט.

— אויך אַזאַ שטאָט, ווי די איבעריקע?

— נו, פֿאַרשטייט זיך... וועלכע דען־זשע?

— און נאָכהער וואָס?

— דער ים... דער קאַספּישער רופֿט מען אים.

— וואָס איז אין אים פֿאַראַן?

— פֿיש, נאַרעלע? וואָס קען דען זיין אין וואַסער?

— און וואו איז די שטאָט קיטעזש, וואָס שטייט אין וואַסער...

— דאָס איז עפּעס אַנדערש! קיטעזש איז אַמאָל געווען... דאָרט האָבן בלויז געלעבט צדיקים.

— און אויפֿן ים זיינען ניטאָ אַזעלכע שטעט?

— ניטאָ... — האָט איגנאַט געענטפֿערט, און אָפּשווייגנדיק אַ ווײַלע, מוסיף געווען: — דאָס וואַסער פֿון ים איז ביטער און מ׳קען עס ניט טרינקען...

— און נאָכן ים איז ווידער ערד?

— פֿאַרשטייט זיך, דער ים מוז דאָך האָבן אַ ברעג. ער איז ווי אַ בעכער.

— און נאָכדעם זיינען ווייטער שטעט?

— ווידער שטעט... ווי־זשע דען? נאָר דאָרטן איז שוין ניט אונזער לאַנד, נאָר פּערסיע... האָסט געזען אַמאָל די פּערסיאַנערין, וועלכע קנאַקט אויפֿן מאַרק ניסלעך און... שעפּטשעט עפּעס?...

— געזען... — האָט פֿאָמאַ געענטפֿערט און פֿאַרטראַכט זיך. איינמאָל האָט ער בײַם פֿאָטער אַ פֿרעג געטאָן:

— נאָך אַ סך ערד פֿאַראַן?

— ערד, ברודער... איז נאָך פאַראַן זייער אַ סך. אַז מען זאָל כסדר גיין אויף איר צופוס... וועט מען זי אויך אין אַ יאָר צען ניט דורכגיין.

און לאַנג האָט איגנאַט דערציילט דעם זון וועגן דער גרייס פון דער ערד און פאַרענדיקט:

— און פונדעסטוועגן ווייסט מען ניט, ווי גרויס זי איז און וואו זי ענדיקט זיך...

— און אומעטום איז אויף דער ערד רק דאָס זעלבע?

— וואָס הייסט?

— רק שטעט און נאָך...

— נו, פאַרשטייט זיך, שטעט, ווי שטעט... הייזער, גאַסן... אַלץ ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

נאָך אַ סך אַזעלכע שמועסן האָט דאָס יינגל אָנגעהויבן זעלטענער און שוין ניט אַזוי פאַרעקשנט קוקן אין דער ווייט אַריין מיט דעם כסדרדיקן פראַגע־בליק אין זיינע שוואַרצע אויגן.

די קאָמאַנדע פון דאַמפּער האָט אים ליב געהאַט און ער האָט זיי אויך ליב געהאַט, אָט די וואוילע יונגע, ברוינע פון זון און ווינט, וועלכע האָבן פריילעך געשטיפט מיט אים. זיי האָבן אים געמאַכט פאַרשיידענע פיש־פאַנג־מכשירים, שיפלעך פון האָלץ־קאָרע, געדרייט זיך מיט אים, געשיפט זיך מיט אים אויפן טייך, בעתן אַנקערן פון דאַמפּער, ווען איגנאַט פלעגט אַוועקגיין אין שטאָט וועגן זיינע געשעפטן. דאָס יינגל האָט אָפט געהערט, ווי מען זידלט דעם פאָטער אונטער די אויגן, נאָר האָט אויף דעם ניט געלייגט קיין אַכט און האָט קיינמאָל ניט דערציילט דעם פאָטער, וואָס ער האָט געהערט וועגן אים. נאָר איינמאָל, ווען דער דאַמפּער האָט אָנגענומען ברענהאָלץ, האָט פאָמאַ דערהערט ווי דער מאַשיניסט פּעטראָוויטש בייזערט זיך:

— האָט געהייסן אָנלייגן אַזוי פיל האָלץ... טפו, ס'אַראַ ניט־פאַרשטענדיקער מענטש! אָנלאָדן ביזן דעק דעם דאַמפּער און דער־נאָך שרייט ער נאָך... די מאַשין, זאָגט ער, מאַכסטו מיר קאַליע... נאַפט, זאָגט ער, ברענסטו מיר אויס אָן אַ שיעור...

אים האָט געענטפערט די גראָבע, בייזע שטים פון לאָצמאַן:
— און ס'אַראַ געלט־גייציקער דאָס איז... רק געלט און געלט אָן אַ מאָס... דאָ באַקומט מען בילינגער האָלץ, איז פיר אים אַזש אַהער... אָ, אָ, ס'אַראַ געלט־גייציקער, אַ טייוול!
— או־אוך, ס'אַראַ געלט־גייציקער.
דאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרטע וואָרט איז אים אַריין אין זכרון, און אינאָוונט, עסנדיק אָוונברויט מיטן פאָטער, האָט ער אים פלוצלינג אַ פרעג געטאָן.
— טאַטע!
— וואָס?
— דו ביסט אַ געלט־גייציקער?
אויף די שאלות פון פאָטער האָט ער אים איבערגעגעבן דעם שמועס צווישן לאָצמאַן און דעם מאַשיניסט. איגנאַטס פנים איז געוואָרן פינסטער און זיינע אויגן האָבן געברענט פון כעס.
— אָט ווער זיי זיינען... — האָט ער אַרויסגערעדט, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ, — דו אָבער רייד ניט מיט זיי... דו הער זיי ניט. זיי זיינען דיר ניט קיין חברים, דו דריי זיך וואָס ווייניקער אַרום זיי. דו ביסט זייער באַלעבאָס און זיי דיינע — משרתים, זאָלסטו עס וויסן. אַז מיר וועלן ביידע וועלן, וועלן מיר זיי אַלעמען אַרויסוואַרפן אויפן ברעג... זיי קאָסטן ביליג, און זיי זיינען אומעטום דאָ ווי די הינט. פאַרשטאַנען? זייריידן אויף מיר אַזוי פיל בייז... דערפאַר, וואָס איך בין זייער גאַנצער באַלעבאָס. די גאַנצע זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס איך בין אַ בר־מזל און אַ גביר און דעם גביר זיינען אַלע מקנא. אַ גליקלעכער מענטש — האָט אַלעמען פאַר שונאים...
אין אַ טאָג צוויי אַרום האָט זיך אויפן דאַמפער באַוויזן אַ נייער לאָצמאַן און אַ נייער מאַשיניסט.
— און יאַקאָוו וואו איז? — האָט דאָס יינגל זיך נאָכגעפרעגט.
— איך האָב אים אָפּגעזאָגט... דורכגעטריבן.
— פאַרוואָס? — האָט פאָמאַ געוואָלט דערגיין.
— אָט דערפאַר...

— און פעטראָוויטשן?

— אים אויך...

פּאָמען איז געפעלן דאָס, וואָס זיין פאָטער קאָן אַזוי שנעל בייטן מענטשן אויפן דאַמפער. ער האָט זיך געחנפהט צום פאָטער און דער פאָטער האָט אים דערלויבט אַראָפּצוגיין אונטן אויפן דעק. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ מאַטראָס, וועלכער איז דאָרט געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע און געפלאָכטן אַ קאַנאַט, מאַכנדיק דערפון אַ באַרשט.

— אַ נייער לאָצמאַן בײַ אונז, — האָט פּאָמאַ אָנגעהויבן.

— מיר ווייסן... אַ נעזונט צו דיר, פּאָמאַ איגנאַטיטש! ווי האָסטו געשלאָפן? וואָס מאַכסטו?

— און אַ מאַשיניסט האָבן מיר אויך אַ נייעם...

— און אַ מאַשיניסט אויך... אַ שאָד פעטראָוויטשן.

— ניין.

— נו? ער איז דאָך מיט דיר געווען אַזוי גוט...

— פאַרוואָס האָט ער אָבער געזידלט דעם טאַטן?

— אָ? ער האָט אים דען געזידלט?

— געוויס געזידלט, איך האָב אַליין געהערט...

— מם... און דער פאָטער האָט, הייסט עס, אויך געהערט?

— ניין, דאָס האָב איך אים דערציילט...

— דו... אַזוי־י... — האָט דער מאַטראָס אויסגעצויגן און אַנטשוויגן געוואָרן, נעמענדיק זיך ווייטער פאַר זיין אַרבעט.

— און דער טאַטע האָט מיר געזאָגט: דו ביסט דאָ אַ באַלעבאָס, האָט ער מיר געזאָגט... דו קאָנסט, האָט ער מיר געזאָגט, אַלעמען דורכטרייבן, אויב איך וויל נאָר...

— אַזוי גאָר... — האָט דער מאַטראָס געזאָגט און פינסטער אַ קוק געטאָן אויפן יינגל, וועלכער האָט זיך אַזוי לעבעדיק באַרימט מיט זיין מאַכט פון אַ באַלעבאָס.

פון יענעם טאָג אָן האָט פּאָמאַ באַמערקט, אַז די שיף־קאָמאַנדע באַציט זיך צו אים עפּעס אַנדערש, ווי פריער: אַנדערע זיינען צו אים געוואָרן נאָכמער ווייכער און צוגעלאָזענער, אַנדערע באַרקערט, האָבן גאָר מיט אים ניט געוואָלט ריידן, און טאָמער

האָבן זיי יאָ גערעדט מיט אים, איז דאָס געווען מיט כּעס און ניט כּדי צו פאַרווײַלן אים, ווי דאָס איז געווען פריִער.

פּאָמאַ האָט ליב געהאַט צו קוקן, ווי מען וואַשט די דעק: מיט פאַרקאַשערטע הויזן ביז די קני אָדער אינגאַנצן אָן הויזן פלעגן די מאַטראָסן, מיט בערשט און בעזימער אין די הענט, לײַכט אַרומלויפן איבערן דעק, פאַרגיסן זי מיט עמערס וואַסער, שפּריצן איינער אויפן אַנדערן, לאַכן, שרײַען, פאַלן... אומעטום זײַנען גערונען שטראָמען וואַסער און דער לעבעדיקער גערויש פון די מענטשן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן פריילעכן פּלעסק פון וואַסער. פריִער האָט דאָס ייִנגל ניט נאָר ניט געשטערט די מאַטראָסן אין דער דאָזיקער שפּאַסיקער און לײַכטער אַרבעט, נאָר פלעגט אויך נעמען אין איר אַ טעטיקן אָנטייל. פאַרשפּריצנדיק די מאַטראָסן מיט וואַסער, פלעגט ער מיט אַ געלעכטער אַנטלויפן פון די דראָונגען, אַז מען וועט אים אָפּגיסן. אָבער נאָכדעם, ווי מען האָט אָפּגעזאָגט פּעטראָוויטשן און יאַקאָוון, האָט ער געפילט, אַז איצטער איז ער פאַר זיי אַלעמען אַ שטער. קיינער וויל זיך מיט אים ניט שפּילן, און אַלע קוקן זיי אויף אים עפּעס אַזוי [illegible] פריינדלעך. אַ פאַרוואונדערטער און אַן אומעטיקער איז דאָס ייִנגל צוריק אַוועק פון דעק אינדערהויך צום שטורוואַל, אַנידערגעזעצט זיך, און ווי אַ באַליידיקטער גענומען פאַרטראַכטערהייט קוקן אויפן ווײַטן, בלאָען ברעג און אויפן צײַנערדיקן פאַס וואַלד. אונטן אויפן דעק האָט פריילעך געפּלוסקעט דאָס וואַסער און פריילעך האָבן געלאַכט די מאַטראָסן... אים האָט זיך זייער געוואָלט צו זיי, נאָר עפּעס האָט אים צו זיי ניט געלאָזט.

— „האַלט זיך וואָס ווײַטער פון זיי, — האָט ער זיך דערמאָנט דעם פאָטערס ווערטער: — דו ביסט זייער באַלעבאָס“...

אים האָט זיך געוואָלט עפּעס אַ געשריי טאָן צו די מאַטראָסן — אַ געשריי טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיי שרעקן, באַפעלעריש, ווי דאָס טוט דער פאָטער. ער האָט לאַנג געקלערט וואָס צו טאָן און האָט גאָרניט צוגעקלערט... ס'זײַנען אַוועק נאָך צוויי, דריי טעג, און ער האָט דײַטלעך פאַרשטאַנען, אַז די שיף-קאָמאַנדע האָט אים ניט ליב. אים איז געוואָרן אומעטיק אויפן דאַמ-

פער און לאַנגווײליק און אַלץ אָפטער און אָפטער איז פאַר אים
אין פאַרשיידנפאַרביקן נעפּל פון די נײַע אײַנדרוקן אַרויסגעשוואומען
דאָס פאַרהילטע געשטאַלט פון דער גוטער, פריינדלעכער מומע אַנ־
פיסאַ מיט אירע מעשהלעך, מיט איר ווייכן שמייכל און צאַרט־
קלינגענדיקן געלעכטער, פון וועלכן ס'האָט אויף זיין קינדישער נשמה
געווייט מיט אַ פריילעכער וואַרעמקייט. ער האָט נאָך אַלץ געלעבט
אין דער וועלט פון מעשהלעך, נאָר אַן אומגעזעענע און אומברחמנות־
דיקע האַנט פון דער ווירקלעכקייט האָט שוין אײַפערזיכטיק געריסן
דאָס דינע שיינע געוועב פון דאָס וואונדערלעכעס, דורך וועלכן דאָס
יינגל האָט געקוקט אויף אַלץ אַרום. דער צופאַל מיטן לאָצמאַן
און מאַשיניסט האָט אָפּגעווענדט דעם יינגלס אויפמערקזאַמקייט
אויף דאָס אַרומיקע, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט; פּאַמעס אויגן
זיינען קלערער געוואָרן: אין זיי האָט זיך באַוויזן אַ באַוואוסטזיניקע
גענויקייט און אין זיינע קשיות, וואָס ער פלעגט פרעגן ביים פאָטער,
האָט געקלונגען אַ שטרעבונג צו פאַרשטיין יענע פעדים און ספּרו־
זשינעס, וועלכע פירן אָן מיט די מעשים פון די מענטשן.

איינמאָל האָט זיך פאַר אים אָפּגעשפּילט אַזאַ סצענע: די
מאַטראָסן האָבן געטראָגן האָלץ. איינער פון זיי, דער יונגער,
האָריקער און פריילעכער יעפים, האָט, טראָגנדיק אַ בינטל שייט־
לעך איבער דער דעק פון שיף, ניט אויפגעהערט צו בורטשען
אויפן קול און מיט כעס:

— ניין, דאָס איז שוין גאָר אָן אַ געוויסן! איך האָב קיינ־
מאָל ניט אָנגענומען קיין תּנאַי, אַז איך מוז אויך שלעפּן האָלץ.
אַ מאַטראָס בין איך — נו, איז קלאָר, הייסט עס, וואָס איך האָב
צו טאָן... אָבער שלעפּן נאָך האָלץ... אַדאַנק! אָט דאָס הייסט
שינדן די הויט, וועלכע איך האָב ניט פאַרקויפט... נו, דאָס איז
שוין גאָרנישט קיין יושר! ניטאָ קיין געוויסן! אָט ס'אַרא מייסטער
דאָס איז — אַרויסצוקוועטשן דעם זאַפט פון די מענטשן.

דאָס יינגל האָט געהערט דאָס בורטשען און געוואוסט, אַז
דאָס מיינט מען זיין פאָטער. ער האָט אויך געזען, אַז כאָטש יעפים
בורטשעט, פונדעסטוועגן טראָגט ער אויף זיך מער האָלץ, ווי
די איבעריקע און טראָגט דאָס אויך גיכער פון די איבעריקע.

קײנער פֿון די מאַטראָסן האָט זיך ניט צוגעהערט צו יעפּימס בורטשען, און אַפֿילו דער צװײטער, װאָס האָט מיט אים אין אײנעם געאַרבעט, האָט אױך געשװיגן, פּראָטעסטירנדיק בלױז אַמאָל קעגן דער אײדלקײט, מיט װעלכער יעפּים לײגט אַרײן דאָס האָלץ אין די טראָגשטריק.

— נו, ס'װעט דיר שױן ניט פֿעלן! — האָט ער זיך ברוגזדיק אָפּגערופֿן: — דו לײגסט ניט אױף קײן פֿערד.

— און דו — שװײג. אײַנגעשפּאַנט דיך, טאָ שלעפּ, בריקע זיך ניט... און אַז מ'װעט פֿון דיר דאָס בלוט אַרױסצאַפּן — זאָלסטו אױך שװײַגן... װאָס קענסטו דען זאָגן?

פּלוצלונג האָט זיך פֿון ערגעץ באַװיזן איגנאַט, צוגעגאַנגען צום מאַטראָס און שטעלנדיק זיך אים פּונקט אַנטקעגן, האָט ער אים שטרענג אַ פֿרעג געטאָן:

— װעגן װאָס רעדסטו דאָרט?

— איך רײד... װי און װאָס איך װיל... — כ'האָב ניט אױסגענומען קײן תּנאַי, אַז... איך מוז שװײַגן... — האָט יעפּים אָפּגעענטפֿערט פֿאַרהאַקנדיק זיך.

— און װער צאַפּט דאָס דײַן בלוט? — האָט איגנאַט, גלעטנדיק די באָרד, ניט אָפּגעלאָזט.

דער מאַטראָס האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ אַרײַנגעפֿאַלן, און זעענדיק, אַז ער װעט זיך ניט אַרױסדרײען, האָט ער אַראָפּגעװאָרפֿן פֿון האַנט דאָס בינטל שײטלעך, אָפּגעװישט די דלאָניעס אָן די הױזן, און קוקנדיק איגנאַטן גלײַך אין צורה אַרײַן, האָט ער דרײסט געענטפֿערט:

— אפֿשר זאָג איך ניט קײן אמת? ניט דו װעסט אונז אױסצאַפּן.

— איך?

— דו!

פֿאָמאַ האָט געזען, װי דער פֿאָטער האָט אַ פֿאָך געטאָן מיט דער האַנט אין לופֿט... ס'האָט זיך דערהערט אַ פּראַסק און דער מאַטראָס איז שװער אַנידערגעפֿאַלן אױף די האָלץ. ער האָט זיך באַלד אױפֿגעהױבן און זיך װידער גענומען צו דער אַרבעט, ניט

אַרויסריידנדיק מער קיין וואָרט... אויף דער ווייסער קאָרע פֿון בע־ריאָזאָון האָלן האָבן געטריפֿט טראָפּנס בלוט פֿון זיין צעהרגעטן פּנים. ער האָט דאָס געזיכט אויסגעריבן מיט די אַרבל פֿון זיין בלוזע, געקוקט אויפֿן אַרבל, און, זיפצנדיק, געשוויגן. ווען ער איז מיט די בינטלעך האָלץ פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאָמען, האָבן אויף זיין פּנים, לעבן נאָז, געציטערט צוויי גרויסע מוטנע טרערן און דאָס יינגל האָט זיי געזען...

עסנדיק מיטן פֿאָטער מיטאָג, איז פֿאָמאַ געווען פֿאַרטראַכט און געקוקט איגנאַטן אין די אויגן אַריין מיט אַ מורא.

— וואָס ביסטו אומעטיק? — האָט אים דער פֿאָטער הייך אַ פֿרעג געטאָן.

— אַזוי...

— אפֿשר ניט געזונט?

— ניין...

— וואָס־זשע דען?... זאָג...

— דו ביסט זייער אַ שטאַרקער, — האָט דאָס יינגל אַ פֿאַר־טראַכטער פּלוצלונג אַרויסגערעדט.

— איך? נישקשה... אויך מיט כּוח האָט גאָט מיך ניט באַ־ליידיקט.

— ווי דו האָסט דאָס אים דערלאַנגט! — האָט דאָס קינד שטיל אויסגערופֿן, אַראָפּלאָזנדיק דאָס קעפּל.

איגנאַט האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטיק ברויט, וואָס ער האָט געטראָגן צום מויל, נאָר די האַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט, ניט דערגרייכנדיק דאָס מויל, אַ פֿאַרהאַלטענע איבערן זונס אויסגעשריי; ער האָט אַ קוק געטאָן ווי מיט פֿאַרוואונדערונג אויף זיין אַראָפּגע־לאָזטן קעפּל און געפֿרעגט:

— דו מיינסט וועגן יעפֿימקען?

— יאָ... ביז בלוט... און ווי ער האָט דאָס נאָכדעם געוויינט... — האָט דאָס יינגל דערציילט מיט אַ האַלבן קול.

— ממ... — האָט איגנאַט אַ זיפֿץ געטאָן, קייענדיק שוין דעם ביסן ברויט. — וואָס איז... דו האָסט אויף אים רחמנות?

— רחמנות! — האָט פֿאָמאַ זיך אָפּגערופֿן מיט טרערן אין די אויגן.

— נ״אָ... אָט ס׳אַרא מענטש דו ביסט... — האָט איגנאַט אַ זאָג געטאָן.

און אָנגיסנדיק זיך נאַכהער אַ גלעזל בראַנפֿן, האָט ער שווייגנדיקערהייט אויסגעטרונקען און אָנגעהויבן שטרענג און איבערציינגנדיק ריידן:

— רחמנות האָבן אויף אים איז ניטאָ פֿאַרוואָס. ער האָט געפּלוידערט, נו האָט ער באַקומען זיין חלק וויפֿל ער איז הערט. איך קען אים: ער איז אַ גוטער בחור, אַ ווייכער, אַ געזונטער און קיין נאַר אויך ניט. נאָר טראַכטן איז ניט זיין געשעפֿט: טראַכטן קען איך — ווייל איך בין דער באַלעבאָס. זיין אַ באַלעבאָס איז ניט קיין פּשוטע זאַך... פֿון אַ פּראַסק אין די ציין וועט ער ניט פּגרן, דערפֿון וועט ער נאָר קליגער ווערן... אַזוי איז דאָס... עך, פֿאָמאַ! ביסט נאָך אַ קינד... פֿאַרשטייסט נאָך ניט אַ סך זאַכן... און איך דאַרף דיך לערנען, ווי אַזוי צו לעבן... ס׳קען זיין, מיר איז שוין קיין סך ניט איבערגעבליבן אויף מיין וועלט...

איגנאַט איז אַנטשוויגן געוואָרן, אויסגעטרונקען נאָך אַ גלעזל בראַנפֿן און ווידער ערנסט און ווי נאָכקלערנדיק אָנגעהויבן:

— רחמנות האָבן אויף אַ מענטשן דאַרף מען... דאָס טוסטו דווקא גוט, נאָר מען דאַרף רחמנות האָבן מיט שכל... אַפֿריער קוק זיך איין אויפֿן מענטש, זע, וואָס דאָס איז, ווער ער איז, וואָס פֿאַר אַ נוצן מ׳קען פֿון אים האָבן. און אויב דו זעסט, אַז ער איז אַ מענטש — אַ שטאַרקער, אַ פֿעיִקער, וואָס טויג צום עסק — דאַן האָב אויף אים רחמנות און העלף אים. טאָמער אָבער איז ער אַ שוואַכער, וואָס טויג ניט צום עסק — טו אַ שפּיי אויף אים און גיי פֿאַרביי. אַלזאָ, ווייס, — אַ מענטש, וועלכער באַקלאָגט זיך כסדר אויף אַלץ, זיפֿצט און קרעכצט — איז ער קיין גראָשן ניט ווערט, איז ניטאָ וואָס רחמנות צו האָבן אויף אים, וועסט אים קיין שום טובה ניט טאָן, ווען דו וועסט אים אַפֿילו העלפֿן... אַזעלכע ווערן איבערגעפֿירט, צעבאַלעוועט פֿון רחמנות צו זיי... נעמען זיך גיך איבער... האָסט געלעבט ביים טויף=פֿאָטערל און זיך אָנגעזען

דאָרטן מיט כל־בו: די דאָזיקע אייביקע נע־ונדניקעס, אומגליקלעכע קרובים... און סתם בלערליי שרצים... פאַרגעס אָן זיי... דאָס זיינען ניט קיין מענטשן, נאָר אָפּפאַל, פּסולת, וואָס טויגן צו גאָרניט... זיי זיינען ווי וואַנצן, ווי פליי און דאָס גלייכן אומריינקייטן... און ניט פאַר גאָט לעבן זיי — זיי האָבן אינגאַנצן קיין גאָט ניט, זיי דערמאָגען בלויז אומעטום זיין נאָמען, כדי צו שרעקן דערמיט די נאַראָנים און אַרויסרופן מיטלייד צו זיך, ווייל נאָר פון רחמנות צו זיי קאָנען זיי זיך מיט עפּעס אָנשטאָפּן דעם בויך. זיי לעבן נאָר פאַר זייער בייך און אויסער עסן, טרינקען און שלאָפן און זיפּצן טויגן זיי ניט צו קיין אַנדער זאַך... פון זיי ווערט נאָר אַ חורבן אויף דער נשמה, ווערסט נאָר געשטרויכלט איבער זיי. אַ גוטער מענטש צווישן זיי — איז ווי אַ פרישע עפּל צווישן פוילע. ס'קאָן גיך קאַליע ווערן און קיין נוצן דערפון וועט קיינער ניט האָבן... דו ביסט נאָך קליין... דו קענסט נאָך ניט פאַרשטיין מיינע רייד... דו העלף דעם, ווער ס'איז אין אַ עת־צרה שטאַרק... ער וועט אפשר קען זיין אַפילו ניט בעטן ביי דיר קיין הילף, נאָר דו דאַרפסט שוין אַליין פאַרשטיין און העלפן אים, ניט וואַרטנדיק אויף זיין בעטן... און העלף אַזאַ, וועלכער איז שטאָלץ און קאָן זיך נאָך באַליידיקן אייף דיין הילף — מאַך עס אָבער אַזוי, אַז ער זאָל ניט באַמערקן, אַז דו העלפסט אים... אָט ווי מען דאַרף רחמנות האָבן מיט שכל!... אַזוי איז דאָס: אויב ס'זיינען אַראָפּגעפאַלן אין בלאָטע אַריין צוויי ברעטלעך, איינע אַ פאַרפוילטע, איינע אַ גוטע, אַ גאַנץ ברעטל, איז וואָס דאַרפסטו טאָן? וואָס קען מען האָבן פון דער פאַרפוילטער ברעטל? דו לאָזט זי אייבער, זאָל זי זיך ליגן אין בלאָטע, מען וועט איבער איר קענען אַריבערגיין, כדי ניט אַיינצוריכטן די פיס... אָבער די גאַנצע — הויב־אויף און לייג איר אַוועק אויף דער זון טריקענען, זי וועט, אויב ניט דיר, איז אַן אַנדערן צונוץ קומען. אַזוי איז דאָס, זונעלע: פאָלג־זשע מיך און געדענק... נ־יאָ... אויף יעפימקען אַלזאָ איז ניטאָ וואָס רחמנות צו האָבן... ער איז אַ פאַרשטעגדיקער בחור, ער ווייסט זיין ווערט... פון אים וועסטו מיט אַ פראַסק די נשמה ניט אַרויסזעצן... אָט, איך וועל אָפּוואַרטן נאָך אַ וואָך

צייט, וועל איך אים אַוועקשטעלן בייס שטורוואַל — און נאָכהער וועט ער, ווערסט שוין זען, זיין אויך אַ לאָצמאַן... און טאָמער וועסטו אים מאַכן פאַר אַ קאַפּיטאַן, וועסטו אויך קיין חרטה ניט האָבן. — ער וועט זיין דווקא אַ פלינקער קאַפּיטאַן! אָט ווי אַזוי מענטשן שטייגן אַרויף, אָט צו וואָס זיי דערוואַקסן זיך... איך, ברודערל, בין אַליין אויך אַמאָל דורכגעגאַנגען די דאָזיקע תּורה... איך האָב אויך אין זיינע יאָרן ניט ווייניק פעטש אַריינגעכאַפּט... דאָס לעבן, ברודערל, איז פאַר אונז אַלעמען ניט קיין ליבע מאַ־מעלע... זי איז אונזער שטרענגע באַלעבאָסטע.

צוויי שעה האָט אַזוי איגנאַט גערעדט צום זון, דערציילט אים פון זיין יוגנט, פון זיינע אויפטועכצן, פון זיין אַרבעט, דערציילט אים וועגן די מענטשן און וועגן זייער געפערלעכער קראַפט אָדער שוואַכקייט, וועגן דעם ווי זיי ליבן און קאָנען זיך מאַכן כלומרשט פאַר אומגליקלעכע, כדי צו לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע, און ווי־דעראַמאָל וועגן זיך און וועגן דעם, ווי ער איז פון אַ פשוטן, פראָסטן אַרבעטער געוואָרן אַ באַלעבאָס פון גרויסע געשעפטן.

דאָס יינגל האָט זיך צוגעהערט צו אים און ניט אַראָפּגע־נומען פון אים די אויגן. ער האָט געפילט, ווי דער פאָטער ווערט נעענטער צו אים, און כאָטש אין פאָטערס דערציילן איז ניט גע־ווען דאָס, מיט וואָס ס׳זיינען אַזוי רייך געווען די מעשהלעך פון דער מומע אַנפיסאַ, איז אָבער דערפאַר געווען דאָרטן עפּעס ניים — וואָס איז געווען פאַר אים קלערער און פאַרשטענדלעכער ווי אין די מעשהלעך און אויך ניט ווייניקער אינטערעסאַנטער ווי זיי... דאָס קליינע הערצל האָט גענומען שלאָגן אַלץ שטאַרקער אין הייס און אים האָט געצויגן צום פאָטער. איגנאַט האָט, ווייזט אויס, נאָך די אויגן פון זון געשפּירט זיינע געפילן: ער האָט זיך פלוצלונג אויפגעהויבן פון אָרט, אַ כאַפּ געטאָן אים אויף זיינע הענט און אים שטאַרק צוגעדריקט צו דער ברוסט, פאָמאַ האָט אים אַרומגעהאַלזט מיט די הענטלעך און צודריקנדיק זיין בעקל צום פאָטערס באַק, האָט ער געשוויגן און גיך געאָטעמט.
— זונעלע... — האָט איגנאַט הייזעריק געפלאַפּלט. — טייערינקער

מייגער... מיין פרייד, מיין נחת... לערן זיך כל־זמן איך לעב נאָך... עך, ווי ס'איז שווער צו לעבן! —

דאָס קינדישע האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן פון דאָזיקן פלאַפּל. ער האָט צונויפגעקריצט די ציין און הייסע טרערן האָבן אַ שפּריין געטאָן פון זיינע אויגן...

ביז יענעם טאָג האָט איגנאַט ניט געוועקט ביים זון קיין שום באַזונדערע געפילן: דאָס יינגל איז געוויינט געווען צו אים. זיך צוגעקוקט צו זיין גוואַלדיקער פיגור, אַ ביסל מורא געהאַט פאַר אים, און אין דער אייגענער צייט געוואוסט, אַז דער פאָטער וועט טאָן פאַר אים אַלץ, וואָס ער וועט ביי אים בעטן. פריער פלעגט טרעפן, אַז איגנאַט פלעגט ניט זיין אין דער היים אַ טאָג, צוויי טעג, אַ וואָך, אַ גאַנצן זומער — פאָמאַ האָט ניט באַמערקט זיין אָפּוועזנהייט, באַזיגט פון דער ליבע צו דער מומען... ווען איגנאַט פלעגט זיך נאָכהער באַווייזן, פלעגט זיך דאָס יינגל פרייען, נאָר מען וואָלט קוים געקאָנט טרעפן איבער וואָס ער פרייט זיך? צי איבער דעם, וואָס דער פאָטער איז צוריקגעקומען, צי איבער די שפּיל־ציַיג, וואָס דער פאָטער האָט אים געבראַכט? נאָר איצטער, ווי פאָמאַ פלעגט נאָר דערזען איגנאַטן, פלעגט ער אים שוין לויפן אַנטקעגן, געכאַפּט אים פאַרן האַנט, געלאַכט, געקוקט אים אין די אויגן, און האָט געבענקט — אויב ער פלעגט אים אַ שעה צוויי־דריי ניט זען. דער פאָטער איז געוואָרן פאַר אים אינטערעסאַנטער און האָט אין אים געוועקט נייגעריקייט און ביסלעכווייז האָט זיך אַנטוויקלט ביי אים צום פאָטער אַכטונג און ליבע. יעדן מאָל, ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען, האָט פאָמאַ געבעטן ביים פאָטער:

— טאַטע! דערצייל מיר וועגן זיך...

דער דאַמפער איז שוין געגאַנגען אַרויף וואַסער. איינמאָל אין אַ שטיקנדיקער יולי־נאַכט, ווען דער הימל איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצע כמאַרעס און אויף אַלץ אויף דער וואָלגע איז געלעגן ווי עפּעס אַ בייזע רויִקייט, איז מען געקומען צו שווימען אין קאַזאַן. דער דאַמפער האָט זיך פאַראַנקערט אין אום־לאַן אין עק פון אַ גוואַלדיקן קאַראַוואַן־שיפן. דאָס קלינגען פון די אַנקער־קייטן און די געשרייען פון דער קאָמאַנדע האָבן פאָ־

מען אויפגעוועקט פון שלאָף; ער האָט אַ קוק געטאָן אין פענסטער און דערזען: ווייט אין חושך האָבן שפּילנדיק געפינקלט קליינינקע פייערלעך. דאָס וואַסער איז געווען שוואַרץ און געדיכט ווי אייל — און מען האָט קיין זאַך ניט געקענט זען. דאָס יינגלשע הערצל האָט אומעטיק אַ ציטער געטאָן און ער האָט זיך אויפמערקזאַם געגומען איינהערן. פון ערגעץ־וואו האָט זיך דערטראָגן קוים הערנדיק אַ קלאָגעדיק געזאַנג, איינטאָניק און טרויעריק, ווי נאָך אַ טויטן; אויפן קאַראַוואַן האָבן זיך דורכגעשריען די וועכטער; צאָרנדיק האָט געהודזשעט דער דאַמפער, אַרויסלאָזנדיק כּסדר דאַמף... און דאָס שוואַרצע וואַסער פון טייך האָט טרויעריק און שטיל געפּליוסקעט זיך אָן די זייטן פון די שיפן. שאַרף קוקנדיק אין דער פינסטערניש ביז ווייטאָג אין די אויגן, האָט דאָס יינגל געקענט אונטערשיידן שוואַרצע קופּעס און פייערלעך, וועלכע האָבן קוים געברענט אינדערהויך איבער די קופּעס... ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען בערלינעס, נאָר דאָס האָט אים ניט באַרויקט און דאָס הערצל האָט געשלאָגן ניט רויק, און אין דמיון האָבן זיך געשטאַלטן עפּעס שרעקעדיקע פינסטערע געשטאַלטן.

— אָ־אָ... אָ... — האָט זיך פון ווייט דערטראָגן אַן אויסגעצויגענער געשריי, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ יאָמער... אָט איז עמעצער דורכגעגאַנגען איבערן דעק צו דער צווייטער זייט פון דאַמפער.

— אָ־אָ־אָ... — האָט זיך ווידער דערהערט דאָס געשריי, נאָר דאָס מאָל שוין נענטער.

— יאַפים! — האָט געגרופן אַ שטים אויפן דעק, — יאַפימקאַ!

— נו—ו!

— צום טייוול! שטיי־אויף! נעם דעם רודער...

— אָ־אָ־אָ... האָט ערגעץ שוין גאָר נאָענט אַ יאָמער געטאָן, און פּאָמאַ איז אַ ציטערדיקער אַוועק פון פענסטער.

דער משונהדיקער געגרויש איז געשוואוימען אַלץ נענטער און געוואַקסן אין זיין כּוח, געיאָמערט און פאַרגאַנגען אין שוואַרצן חושך, און אויף דער דעק האָט מען אומרויק געשעפּטשעט:

— יאַפימקאַ! שטיי־זשע אויף... אַ גאַסט שווימט!

— וואו? — האָט זיך דערהערט אַ האַסטיקע שאלה... דערנאָך האָבן זיך איבער דער דעק געהערט טריט פון באָרוועסע פיס. עס האָט זיך דערהערט אַ גערודער און פאַרביי דעם יינגלס גזיכט האָבן זיך אַ גליטש געטאָן אינדערהויך 2 רודערס און כמעט אָן רעש אַראָפּגעלאָזט זיך אין געדיכטן וואַסער.

— אַ גאַ—אַ—אַ—סט! — האָט מען ערגעץ נאָענט געיאָמערט און ס'האָט זיך דערהערט אַ שטולער, נאָר זייער אַ משונהדיקער פּלעסק אין וואַסער.

דאָס יינגל האָט געציטערט פון שרעק פאַרן דאָזיקן אומעטיקן געשריי און ער האָט ניט געקענט אָפּרייסן זיינע הענט פון פענס־טער און די אויגן פון וואַסער.

— שוין. — צינד אָן אַ לאַמטערן, מען זעט גאָרניט.

און אָט איז אין וואַסער אַריינגעפאַלן אַ פּונקט פון אַ טונ־קעלער ליכט. פּאַמאַ האָט געזען, ווי דאָס וואַסער וויגט זיך שטיל, פּאַליעס גייען איבער אים, פּונקט ווי אים וואָלט ווי געטאָן און עס צאַפּלט זיך פון וויטאָג.

— זע, זע, — האָט מען דערשראָקן געפּליסטערט אויפן דעק.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך אין ליכטיקן פּונקט אויפן וואַסער באַוויזן אַ גרייסער, שרעקלעכער, מענטשלעכער פּנים מיט ווייסע אויסגעשטשירעטע ציין. דאָס פּנים איז געשוואומען און גע־וויגט זיך אויפן וואַסער און די ציין האָבן געקוקט גלייך אויף פּאָמען און ווי שמייכלענדיק געזאָגט:

— עך, יינגעלע, יינגעלע... קאַ־לט... אַדיע!

די רודערס האָבן זיך געטרייסלט, געהויבן זיך אין לופט, דאַן זיך ווידער אַריינגעזעצט אין וואַסער און גענומען דאָרט עפּעס שטופּן.

— שטופּ אים אַוועק... שטופּ... זע — ער זאָל זיך ניט אַריינ־דרייען אין ראָד...

— שטופּ אַליין...

די רודערס האָבן זיך געגליטשט ביי די זייטן און זיך געקראַצט אָן זיי מיט אַ קלאַנג, ענלעך אויף אַ קריצן פון ציין. פּאָמאַ האָט ניט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן, קוקנדיק אויף זיי. דאָס קלאַפּן

מיט די פיס, וועלכע האָבן געטופּעט אויפן דאַך איבער זיין קאָפּ, האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט צום נאָז פון שיף... און דאָרטן זיך ווידער דערהערט מיט אַ קרעכצנדיקן קלאַנג ווי נאָך אַ מת:

— אַ גאַ—אַ—סט.

— טאַטע! — האָט פּאָמאַ אַ געשריי געטאָן מיט אַ היל־כיקן קויל... — טאַ—טע...

דער פאָטער איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און אַ דער־שראָקענער זיך געוואָרפן צו אים.

— וואָס איז דאָרטן? וואָס טוען זיי? — האָט פּאָמאַ געשריען.

מיט אַ האַסטיקן שפּרונג איז איגנאַט שוין געווען אויף יע־נער זייט קאַיוטע מיט אַ ווילדן ברומען. ער האָט זיך אָבער גיך צוריקגעקערט, נאָך איידער פּאָמאַ האָט זיך קוים דערשלעפּט פון פענסטער צום פאָטערס בעט, שאָקלענדיק זיך אויף די פיס און אַרומקוקנדיק זיך.

— מען האָט דיך אָנגעשראָקן, נו, ס'איז גאָרניט! — האָט אים איגנאַט גענומען אויף די הענט, — לייג זיך מיט מיר..

— וואָס איז דאָס געווען? — האָט פּאָמאַ שטיל געפרעגט.

— גאָרניט, זונעלע מיינער, אַ דערטרונקענער, אַ מענטש איז דערטרונקען געוואָרן, און שווימט אַרום, ס'איז גאָרניט! האָב ניט קיין מורא, ער איז שוין אַוועקגעשוואומען.

— פאַרוואָס האָבן זיי אים געשטופּט? — האָט דאָס יינגל ניט אויפגעהערט פרעגן, צודריקנדיק זיך שטאַרקער צום פאָטער און פאַרמאַכנדיק די אויגן פון שרעק.

— אָ... אַזוי דאַרף מען... דאָס וואַסער זאָל אים ניט אַריינ־שטופּן אין ראָד... ווייל מיר קענען האָבן דערפון צרות... די פּאָלי־ציי וואָלט מאַרגן דערזען... און ס'וואָלט געוואָרן אַ טומל מיט אַן אויספאָרשונג... מען וואָלט אונז פאַרהאַלטן. נו, איז שטופּט מען אים אָפּ פון אונז וואָס ווייטער... אים איז דאָך אַלץ איינס? ער איז שוין סיי־ווי־סיי אַ מת... אים טוט שוין ניט וויי... אים באַליידיקט דאָס שוין ניט... און מיר לעבעדיקע קענען דאָך דערפון האָבן צרות... שלאָף, זונעלע!...

— איז שווימט ער אַזוי אַרום?

— יאָ, ער שווימט נאָך... ערגעץ־וואו וועט מען אים אַרויס־נעמען און באַגראָבן....

— און אַ פיש וועט אים ניט אויפעסן?

— אַ פיש עסט ניט קיין מענטשן... דאָס עסן ראַקעס... זיי האָבן דאָס האָלט...

פון דער וואַרעמקייט פון פאָטערס גוף איז פּאָמעס שרעק צעגאַנגען, נאָר פאַר זיינע אויגן האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט אויפן שוואַרצן וואַסער דאָס שרעקלעכע געזיכט מיט די פאַרשטשירעטע ציינער.

— און ווער איז ער?

— גאָט ווייס! דו בעט פאַר אים ביי גאָט: „גאָטעניו, איך בעט דיך, באַרויק זיין נשמה!"

— גאָטעניו, באַרויק זיין נשמה! — האָט פּאָמאַ מיט אַ פלאַפּל איבערגעחזרט.

— נו, שוין... שלאָף, האָב קיין מורא ניט... ער איז שוין איצט ווייט פונדאַנען! ער שווימט זיך... אָט, גיי אויך ניט צו אומפאַר־זיכטיק צום ברעג, קענסט נאָך אויך אַריינפאַלן, זאָל גאָט היטן, אין וואַסער אַריין און...

— ער איז אויך אַריינגעפאַלן?

— ווער ווייסט אים... אפשר אַריינגעפאַלן... אפשר שיכּור גע־ווען... נו, האָט ער זיין סוף! און אפשר זיך אַליין אַריינגעוואָרפן... פאַראַן אַזוינע, וואָס שפּרינגען אַליין... נעמען און וואַרפן זיך אין וואַסער... און ווערן דערטרונקען... דאָס לעבן ברודער, איז שוין אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דער טויט איז פאַר איינעם אַ גאַנצער יום־טוב און אַמאָל אויך פאַר אַלעמען אַ גליק!

— טאַטע...

— שלאָף, שלאָף, טייערער...

.III

אַן איבעררַאַשטער פֿון דעם לעבעדיקן און מונטערן טומל, פֿון די שטיפֿערישע און שטורמישע קינדערשע שפּילן, האָט פֿאָמאַ, שוין אין ערשטן טאָג פֿון זײַן שול־לעבן, אויסגעקליבן זיך פֿון דער ייִנגלשער סביבה צוויי חברים, וועלכע האָבן זיך אים אויסגעוויזן צו זײַן אינטערעסאַנטער פֿאַר אַלע איבעריקע שול־קינדער.

איינער פֿון זיי איז געזעסן מיט אַ באַנק פֿאַר אים. פֿון הינטערן רוקן האָט פֿאָמאַ באַטראַכט יענעמס ברייטע פּלייצעס, די פֿולע האַלז, באַזייט מיט זומער־שפּרינקלעך, די גרויסע אויערן און די גלאַט־געשאָרענע פּאַטילניצע, באַדעקט מיט העל־געלע האָר, שטויענדיקע, ווי אַ בערשטל.

ווען דער לערער, אַ מענטש מיט אַ אויסגעפּליכטן קאָפּ און מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענער ליפּ, האָט אויסגערופֿן: „סמאָלין אַפּריקאַן!“, האָט זיך דער געלער ייִנגל פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן און, ניט אײַלנדיק זיך, צוגעגאַנגען צום טאָוול און רויִק אַרײַנקוקנדיק דעם לערער אין פּנים, איז ער געבליבן שטיין און אויסגעהערט די אויפֿגאַבע און דאַן פֿלײַסיק גענומען שרײַבן מיט קרייד גרויסע קײַלעכדיקע צאָלן אויפֿן טאָוול.

— גוט... גענוג! — האָט אַ צופֿרידענער געזאָגט דער לערער. — יעזשאָוו ניקאָלײַ... איצטער דו!

איינער פֿון פֿאָמעס שכנים אויף דער זעלביקער באַנק, — אַ רירעוודיקער קליינער ייִנגל, מיט שוואַרצע מײַזישע אייגעלעך, — איז האַסטיק אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט און גענומען גיין צווישן די בענק, שאָקלענדיק אין אַלע זײַטן מיטן קאָפּ. בײַם טאָוול האָט ער

אויך אַזוי האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן די קרייד און שטעלנדיק זיך אויף די שפּיץ־שטיוועלעך, האָט ער מיט רעש אָנגעהויבן פּיקן מיטן קרייד אין טאָוול, אַנוואַרפנדיק קליינינקע, ניט־דייטלעכע צייכנס. די קרייד האָט געסקריפּעט און געבּרעקלט זיך.

— שטי־לער אַ בּיסל! — האָט זיך אָפּגערופן דער לערער, — קנייטשנדיק קרענקלעך מיטן געלן פּנים און מיט די מידע אויגן. נאָר יעזשאָוו האָט מיט אַ קלונג און גיך גערעדט:

— איצט ווייסן מיר, אַז דער ערשטער טרעגער האָט פאַר־דינט זיבּעצן קאָפּיקעס...

— גענוג!... — גאָרדעיעוו!... נו, זאָג־זשע מיר, וואָס באַ־דאַרף מען טאָן, כּדי צו וויסן, וויפל האָט פאַרדינט דער צווייטער טרעגער?

נאָכפאָלגנדיק בּיידע יינגלעך, ווי זיי האַלטן זיך אַזוי פאַרשיידנ־אַרטיק איינער פון צווייטן, — האָט פאָמען דעם לערערס שאלה געטראָפן פלוצלונג — און ער האָט געשוויגן.

— דו ווייסט ניט?... הם... דערקלער אים, סמאָלין...

סמאָלין האָט זיך טיכטיק אויסגעריבּן מיט דער שמאַטקע די פינגער פון קרייד און אַוועקלייגנדיק די שמאַטקע, האָט ער, ניט קוקנדיק אויף פאָמען, פאַרענדיקט די אויפגאַבּע און זיך ווידער גענומען אָפּווישן פון די הענט דעם קרייד, און יעזשאָוו איז אַ שמייכל־דיקער און אונטערשפּרינגענדיק אַוועק צוריק אויף זיין אָרט.

— עך, דו! — האָט יעזשאָוו אַ שושקע געטאָן פאָמען, אַוועק־זעצנדיק זיך גלייך מיט אים און שטורכנדיק אים מיטן פויסטל אין זייט. — וואָס ווייסטו דאָ ניט! וויפל איז אינגאַנצן דער ריווח? דרייסיק קאָפּיקעס... און טרעגער זיינען צוויי... אַז איינער פאַרדינט זיבּעצן — טאָ וויפל בּלייבּט פאַרן צווייטן?

— איך ווייס, — האָט מיט אַ געמורמל געענטפערט פאָמאַ, פילנדיק זיך פאַרשעמט און בּאַטראַכטנדיק בּעת־מעשה דאָס געזיכט פון סמאָלינען, וועלכער איז רויק געגאַנגען צו זיין אָרט. אים איז ניט געפעלן געווען דאָס דאָזיקע געזיכט — אַ קיילעכדיקס אַזאַ און אַ בּאַפּינטלטס מיט זומערשפּרינקלעך, מיט בּלאָע אויגן, פאַר־

שוואומענע מיט פּעטס. און יעזשאָו האָט אים פון הינטן געקניפּט אין פּוס און געפרעגט:

— וועמעס ביסטו — דעם ווילדנס?

— יאָ...

— ווילסט, וועל איך דיר אַלעמאָל אונטערזאָגן?

— איך וויל...

— וואָס וועסטו מיר געבן דערפאַר?

פּאָמאַ האָט אַ ווײַלע טראַכט געטאָן אין געפרעגט:

— און דו אַליין קענסט?

— איך? — איך בין דער בעסטער שילער... אָט וועסטו זען...

— עי, איר! יעזשאָוו — איר רעדט דאָרט ווידער, — האָט אַ באַליידיקטער און שוואַך אַ געשריי געטאָן דער לערער.

יעזשאָוו איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און דרייסט געזאָגט:

— ניט איך, איוואַן אַנדראָנאָוויטש, — דאָס רעדט גאָרדעיעוו...

— ביידע ריידן זיי, — האָט אַן אויפגעבראַכטער געמאָלדן סמאָלין.

קנייטשנדיק רחמנותדיק דאָס געזיכט און באַוועגנדיק קאָמיש מיט דער גרויסער ליפּ, האָט דער לערער באַטראַכט זיי אַלעמען, אָבער זיין אויסרייד האָט ניט געשטערט, אַז יעזשאָוו זאָל באַלד ווידער אַ שושקע טאָן:

— גוט, סמאָלין! דו וועסט מיך האָבן צו געדענקען...

— וואָס וואַרפסטו אַרויף אויף אַ נייעם? — האָט סמאָלין שטיל אָפּגעענטפערט, ניט אַ קער טועגדיק צו אים זיין קאָפּ.

— נו, רעכט, רעכט, — האָט יעזשאָוו געקאָכט זיך מיט אַ כעס.

פּאָמאַ האָט געשוויגן, קוקנדיק פון דער זייט אויפן רירעוודיקן שכן, וועלכער איז אים גלייכצייטיק אי געפעלן, אי ער האָט דערוועקט ביי אים אַ ווילן אָפּצורוקן זיך פון אים, וואָס ווייטער. בעת דער הפסקה, האָט ער זיך דערוואוסט פון יעזשאָוון, אַז סמאָלין איז אויך אַ רייכער, אַ זון פון אַ לעדער-פאַבריקאַנט און ער, יעזשאָוו גופא — איז אַ זון פון אַ סטרוזש, וואָס דינט אין דער רעגירונגס-פּאַלאַטע, און איז זייער אָרעם. דאָס לעצטע איז דייטלעך געווען צו זען אויף דעם בגד פון דרייסטן יינגל, גענייט פון גראָע באַוול-

שטאָף און באַפּוצט מיט לאַטעס אויף די קני און קנעכל, אויף זיין אָרעמען, הונגעריקן פּנים און אויף זיין קליינער, ניט גלייכער און ביינערדיקער פיגור. געערדט האָט דאָס יינגל מיט אַ מעטאַלענעם אַלט, מיט גרימאַסן און זשעסטן, און האָט אָפט באַנוצט אין זיין שפּראַך אַזעלכע ווערטער, וועלכע נאָר ער אַליין האָט געוואוסט זייער באַדייט.

— מירן ביידע זיין חברים, — האָט יעזשאָו געמאָלדן פּאָמען.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו ערשט געמסרט אויף מיר דעם לערער? — האָט אים פּאָמאַ דערמאָנט, קוקנדיק אויף אים מיט חשד און פון דער זייט.

—וואָס אַרט דיך? דו ביסט אַ נייינקער און אַ רייכער... און די רייכע באַשטראָפט ניט דער לערער... אָבער איך בין אַ קבצן שבקבצנים, מיך האָט ער ניט ליב, ווייל איך שטיף און ברענג אים קיינמאָל ניט קיין מתנה... אַז איך וואָלט זיך שלעכט געלערנט — וואָלט ער מיך שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן. דו ווייסט — פונדאַנען וועל איך אַוועקגיין אין גימנאַזיע... איך וועל ענדיקן דעם צווייטן קלאַס און וועל אַוועק... מיך גרייט שוין איינער אַ סטודענט צום צווייטן קלאַס גימנאַזיע.... דאָרטן וועל איך זיך לערנען אַזוי — אַז דו וועסט געדענקען! נו, און ביי אייך זיינען עפּעס דאָ אַ סך פערד?

— דריי... צו וואָס דאַרפסטו זיך אַ סך לערנען? — האָט געפרעגט פּאָמאַ.

— ווייל איך בין אַן אָרעמער... אָרעמע לייט דאַרפן זיך אַ סך לערנען, וועלן זיי דערפון אויך ווערן רייך... אַ דאָקטאָר ווערן, אַ באַאַמטער, אַן אָפיציר... איך וועל אויך זיין אַ מיליטער־דאָקטאָר... מיט אַ שווערד ביים זייט, מיט שפּאָרן אויף די פיס — עט, נאַרישקייטן! און וואָס וועסטו זיין?

— איך ווייס ניט... — האָט פּאָמאַ פאַרטראַכטערהייט געענטפערט, אַרומקוקנדיק דעם חבר.

— דו דאַרפסט קיין זאַך ניט זיין... טויבן האָסטו עפּעס ליב?

— יאָ...

— ס'אַר אַ פּוסט־און־פּאַסניק דו ביסט! או־או! ע־ע! — האָט יעזשאָוו נאָכגעמאַכט, ווי פּאָמאַ רעדט אַזוי פּאַמעלעך. — וויפיל טויבן האָסטו?

— קיין איינע ניט...

— עך, דו! אַ גביר און האָסט ניט קיין טויבן... איך האָב גאַנצע דריי... איין זי, איין ער און נאָך איינע אַ גראָנקע טייבעלע... אַז איך וואָלט געהאַט אַ רייכן טאַטן — וואָלט איך זיך איינגעשאַפט אַ הונדערט טויבן און וואָלט זיי אַלע אַ גאַנצן טאָג אַרומגעטריבן. ביי סמאָלינען איז אויך פאַראַן טויבן — גוטע אַזעלכע! פערצן שטיק... דעם האָט ער מיר אָוועקגעגעבן. פונדעסטוועגן איז ער אַ קאַרגער, זשאַלעוועט... אַלע רייכע... זשאַלעווען... דו ביסט אויך אַ קאַרגער?

— איך ווייס ניט, — האָט פאָמאַ געענטפערט אומאַנט־שלאָסן.

— דו קום צו גיין צו סמאָלינען, וועלן מיר אַלע דריי טרייבן די טויבן...

— נו, רעכט... אויב מען וועט מיך לאָזן...

— וואָסי, דער פאָטער האָט דיך דען ניט ליב?

— ניין, ער האָט מיך יאָ ליב?

— נו, וועט ער דיך לאָזן... זאָג אים נאָר ניט, אַז איך וועל אויך גיין... מיט מיר וועט ער דיך טאַקע ניט לאָזן... זאָג אים — אַז דו גייסט צו סמאָלינען... וועט ער דיך לאָזן, — צו סמאָלינען!

ס'איז אונטערגעקומען אַ דיקער יינגל און באַגריסנדיק זיך מיט אים, האָט יעזשאָוו מיט ביטול געשאָקלט צו יענעם מיטן קאָפּ:

— עך, דו, געלער מסור! ס'לוינט אַפילו ניט צו חברן זיך מיט דיר... גלאָמפּ!

— וואָס זידלסטו זיך? — האָט רויק געפרעגט סמאָלין, באַ־טראַכטנדיק מיט אומבאַוועגלעכע אויגן פאָמען.

— איך זידל זיך ניט, נאָר איך זאָג דעם אמת, — האָט יעזשאָוו געענטפערט, אַן אויפגעלעבטער און שפּרינגענדיק. — הער! כאָטש דו ביסט אַ זויערער, — נאָר ס'וועט שוין ווערן רעכט! זונטאָג נאָכ־מיטאָג וועל איך מיט אים קומען צו דיר...

— קומט, — האָט סמאָלין געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מירן קומען... מען קלינגט שוין באַלד, איך וועל דערווייל אונטערלויפן דעם טשיזיק פאַרקויפן, — האָט יעזשאָוו געמאָלדן, אַרויסשלעפּנדיק פון הויזן־קעשענע אַ פּאַפּירענעם פּעקעלע, אין וועלכן ס'האָט זיך באַוועגט עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך. און ער איז גלײַך געוואָרן פון הויף פון שול, ווי אַ קוועקזילבער פון האַנט.

— אָט אַזאַ איז ער דאָס! — האָט פּאָמאַ אַרויסגעזאָגט אַ איבעראַשטער פון יעזשאָווס לעבעדיקייט און געקוקט אויף סמאָלינען ווי מיט אַ פראַגע.

— ער איז אַלעמאָל אַזאַ... אַ פלינקער זייער, — האָט געענטפערט דער געלער יינגל.

— און אַ פרייליכער אַזאַ, — האָט מוסיף געווען פּאָמאַ.

— און אַ פרייליכער, — האָט מסכים געווען סמאָלין.

דערנאָך האָבן זיי געשוויגן, קוקנדיק איינער אויפן צווייטן.

— וועסט צו מיר קומען מיט אים? — האָט געפרעגט דער געלער.

— איכל קומען...

— קום צו גיין... ביי מיר איז גוט...

פּאָמאַ האָט גאָרנישט געזאָגט. נאָכהער האָט סמאָלין אים אַ פרעג געטאָן:

— האָסט עפּעס אַ סך חברים?

— קיין איינעם ניט...

— איך האָב אויך ביז דער שול ניט געהאַט קיין חברים... בלויז שוועסטערקינדער... אָט איצטער וועסטו האָבן מיטאַמאָל צוויי חברים...

— יאָ, — האָט פּאָמאַ מסכים געווען.

— ביסט צופרידן?

— צופרידן...

— אַז מען האָט אַ סך חברים — איז פרייליך... און לערנען זיך איז אויך דאַן לייכטער — מען זאָגט אונטער...

— און דו לערנסט זיך גוט?

— גוט. אַלץ וואָס איך מאַך — איז גוט, — האָט רויִק געזאָגט סמאָלין.

— ס'האָט זיך צעקלונגען דאָס שול-גלעקל, ווי אַ דערשראָקענער, וואָס איז האַסטיק געקומען פון ערגעץ צו לויפן....

זיצנדיק אין שול, האָט פּאָמאַ זיך דערפילט פרייער און גענומען פאַרגלייכן זיינע חברים מיט די איבעריקע יינגלעך. אינגיכן האָט ער אַיינגעפונען, אַז זיי זיינען די בעסטע פון אַלעמען און וואַרפן זיך די ערשטע אין די אייגן אַזוי שאַרף, ווי די צוויי צאָלן 5 און 7, וועלכע זיינען נאָך ניט אָפּגעווישט אויף דעם שוואַרצן שול-טאָוול. און פּאָמען איז געוואָרן אָנגענעם, וואָס זיינע חברים זיינען בעסער פון אַלע איבעריקע קינדער.

פון שול זיינען זיי אַלע דריי געגאַנגען צוזאַמען, נאָר יעזשאָו האָט זיך באַלד פאַרקירעוועט אין אַ שמאָל געסל. סמאָלין האָט פּאָמען באַגלייט ביזן שטוב און זעגנענדיק, זיך אָפּגערופן:

— אָט זעסטו — מיר האָבן איין וועג.

אינדערהיים האָט מען פּאָמען מקבל-פּנים געווען פייערלעך: דער פאָטער האָט אים געשענקט אַ מתּנה, אַ שווערע זילבערנע לעפל מיט איניציאַלן, און די מומע — אַ שאַרף, וואָס זי האָט אַליין געשטריקט. מען האָט געוואַרט אויף אים מיטן עסן, מען האָט אים צוגעגרייט זיינע געליבטע מאַכלים און תּיכף, ווי ער האָט זיך אויסגעטאָן, האָט מען אים אַוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען פונאַנדערפרעגן:

— נו, וואָס, ס'געפעלט דיר אין שול? — פרעגט איגנאַט, קוקנדיק מיט ליבשאַפט אויפן צערויטלטן און באַלעבטן פּנימל פון זון.

— נישקשה... ס'איז גוט! — האָט פּאָמאַ געענטפערט.

— טייערינקער מיינער! — האָט ווייך אַ זיפץ געטאָן די מומע. דו זע, זאָלסט זיך ניט לאָזן, אַז די חברים זאָלן דיך אָנרירן... טאָמער באַליידיקט דיך עמעצער, איז זאָג גלייך דעם לערער...

— נו, פּאָלג זי ניט! — האָט מיט אַ שמייכעלע געזאָגט איגנאַט. — דאָס זאָלסטו קיינמאָל ניט טאָן! מי זיך אַליין אַן עצה צו געבן מיט יעדערן, וואָס וועט דיך באַליידיקן, באַשטראָף אים

מיט דיין אייגענער האַנט און ניט מיט קיין פרעמדער... נישקשהדיקע יאַטעם עפּעס?

— צוויי האָב איך שוין חברים... — האָט זיך צעשמייכלט פּאָמאַ, דערמאָנענדיק זיך יעזשאָון. — איינער אַזאַ פלינקער — אַ געוואַלט!

— וועמעס איז ער?

— אַ סטרוזשס אַ זון...

— מ־מ... אַ פלינקער זאָגסטו?

— אַ געוואַלט!

— נו... זאָל אים גאָט העלפן! און דער צווייטער?

דער צווייטער — אַ געלער — אינגאַנצן... סמאָלין...

— אַ! משמעות, מיטרי איוואַנאָוויטשעס זון... מיט אים האַלט זיך, אַ גוטע קאָמפּאַניע.... מיטרי איז אַ קלוגער פייער... אויב דער זון איז געראָטן אין אים, וואָלט געווען גוט. נאָר דער צווייטער אָבער... דו, פּאָמאַ, טו אָט־וואָס: פאַרבעט זיי צו זיך זונטאָג אין געסט. איך וועל קויפן נאַשערייען און דו וועסט זיי מכבד זיין... וועלן מיר זען, וואָס זיי זיינען...

— אויף זונטאָג רופט מיך סמאָלין צו זיך, — דערציילט פּאָמאַ דעם טאַטן און קוקט אויף אים מיט אַ פראַגע.

— נו, גיי! ס'שאַדט ניט, גיי... קוק זיך צו, וואָס פאַר אַ מענטשן ס'זיינען דאָ אויף דער וועלט... איינער אַליין, אָן פריינד לעבט מען ניט... אָט איך פריינדל זיך מיט דיין טויפּפאָטער שוין אַ יאָר צוואַנציק... און אַ סך האָב איך נוצן געהאַט פון זיין שכל. אַזוי זאָלסטו זיך אויך פּליסן צו פריינדלען זיך מיט די, וועלכע זיינען בעסער, קליגער פאַר דיר... לעבן אַ גוטן מענטשן וועסטו זיך דורכרייבן... ווי אַ קופּערנע קאָפּיקע לעבן זילבער, און וועסט שוין דאַן אַליין אויך זיין ווערט אַ גילדן...

און צעלאַכנדיק זיך פון זיין נמשל, האָט איגנאַט ערנסט צוגעגעבן:

— דאָס שפּאַס איך — דו פליים זיך צו זיין ניט קיין נאָכ־געמאַכטער, נאָר אַן עכטער... און שכל האָב כאָטש אַ קליינעם, אָבער אַן אייגענעם... נו, און אַ סך אויפגאַבן האָט מען דיר אַרויס־געגעבן?

— אַ סך! — האָט דאָס יינגל אַ קרעכץ געטאָן און אויף זיין קרעכץ האָט ווי אַ ווידערקלאַנג אָפּגערופן זיך מיט אַ שווערן קרעכץ די מומע...

— נו... לערן זיך. ערגער פון אַנדערע זאָלסטו ניט זיין. כאָטש איך וועל דיר זאָגן אָט־וואָס: מעגן אין שול זיין כאָטש פינף־און־צוואַנציק קלאַסן, — איז חוץ שרייבן, לייענען און רעכע־נען — לערנט מען זיך דאָרטן גאָרניט אויס. מען קען זיך דאָרט אויס־לערנען אפשר נאָך נאַרישקייט, — זאָל דיך גאָט אָפּהיטן! איך וועל אַריינשימפּלען, אויב נאָר וואָס... אויב דו וועסט הערן טאַ־באַק, וועל איך די ליפּן אָפּשניידן....

— געדענק אָן גאָט, פּאָמושקאַ, — האָט געזאָגט די מומע. — אונזער האַרעלען גאָט, זע, פאַרגעס ניט...

— ריכטיק! גאָט און די עלטערן — זאָלסטו אַכטן. נאָר איך וויל דיר זאָגן וועגן אָט־וואָס: די לערנביכלעך, — דאָס איז נאָך אַ קלייניקייט... זיי זיינען דיר נייטיק, ווי דעם העקער די האַק און די זעג... זיי זיינען אינסטרומענטן, און ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט זיי — וועט דער אינסטרומענט דיך ניט אויסלערנען. פאַרשטייסטו?... מירן זאָגן, למשל, אַזוי: דעם העקער איז געגעבן אין האַנט אַ האַק און ער דאַרף דערמיט אַרומהאַקן אַ קלאָץ... העגט און אַ האַק איז נאָך ווייניק, מען דאַרף וויסן ווי אַזוי אַ קלאָץ צו טאָן אין בוים און ניט זיך אין פוס... דיר איז געגעבן געוואָרן אין האַנט קענטעניש און דו דאַרפסט דערמיט אַיינאָרדענען זיך אין לעבן... און אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז ביכער אַליין זיינען נאָך ווייניק: מען דאַרף וויסן, ווי צו באַנוצן זיך מיט זיי... אָט דאָס דאָזיקע קענען איז קליגער פון די ביכער, און אין די ביכער ווערט וועגן דעם ניט געשריבן... אָט דאָס, פּאָמאַ, דאַרף מען זיך לערנען פון לעבן גופא. דאָס בוך — איז אַ טויטע זאַך, מיט אים קענסטו טאָן, וואָס דו ווילסט, קענסט אים רייסן, ברעכן — עס וועט ניט שרייען... נאָר דאָס לעבן, אויב דו האָסט אין אים געטאָן אַ ניט ריכטיקן טראָט, אויב דו האָסט פאַרנומען אין אים ניט דעם ריכטיקן אָרט — וועט עס אויף דיך מיט טויזנטער קולות זיך צעבייזערן, וועט זיך נאָך מיט דיר אָפּרעכענען און דיר אונטערהאַקן די פוס...

אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אָן טיש, האָט פּאָמאַ זיך אויפ־מערקזאַם צוגעהערט צום פּאָטער, און אונטער די שטאַרקע קלאַנגען פון זיין שטימע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם העקער, וועלכער האַקט דעם קלאָץ, זיך אַליין: פאָרזיכטיק מיט פאָרויס־אויסגעשטרעקטע הענט, גנבעט ער זיך איבערן גליטשיקן באָדן צו עפּעס גרויסעם און לעבעדיקס — און דאָס דאָזיקע מוראדיקע עפּעס וויל ער אָנכאַפּן...

— דער מענטש דאַרף זיך אויסהיטן צוליב זיין אייגענער זאַך און ער דאַרף וויסן פעסט דעם וועג צו זיין זאַך... אַ מענטש, ברודער, איז דאָס אייגענע, וואָס אַ לאָצמאַן אויפן שיף... אין דער יוגנט איז אין אַ גרויסן וואַסער אויך ניט שווער צו גיין גלייך: אומעטום איז דאַן פאַר אים אַ וועג... אַז דאָס וואַסער פאַלט אָפּ, דאַרף מען זיך גוט אומקוקן און זען, וואו ס׳איז אַ זאַמד, וואו אַ שטיין, וואו אַ קאָרטש; דאָס אַלץ דאַרף מען האָבן אין זינען און באַצייטנס דאָס אויסמיידן, כּדי צו דערשווימען אַ גאַנצער צום האָפן....

— כ׳וועל דערשווימען! — האָט דאָס יינגל זיך אָפּגערופן, קוקנדיק זיכער און שטאָלץ אויפן פּאָטער.

— נו? דו רעדסט דרייסט! — האָט זיך איגנאַט צעלאַכט. און די מומע האָט אויך ווייך געשמייכלט.

זינט דער צייט, וואָס ער איז מיטן פּאָטער געפאָרן אויף דער וואָלגע, איז פּאָמאַ געוואָרן מער רירעוודיקער און באַריידעוודיקער אינדערהיים מיטן פּאָטער, מיט דער מומען, מיט מאַיאַקינען. נאָר אויפן גאַס, אָדער ערגעץ אין אַ נייעם אָרט, צווישן פרעמדע מענטשן, האָט ער זיך תּמיד אָנגעבראָגזט און געקוקט אַרום זיך מיט חשד און אומצוטרוי, ווי ער וואָלט אומעטום געפילט עפּעס אַ באַהאַלטענע פיינדשאַפט צו אים, וואָס האָט אים כּסדר געוואָרנט.

אַמאָל, אין די נעכט, פלעגט ער זיך פלוצלונג אויפכאַפּן פון שלאָף, און זיך לאַנג צוהערן צו דער שטילקייט אַרום אים, קוקנדיק שאַרף אין דער פינסטערניש מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. און דאַן פלעגן זיך דעם פּאָטערס דערציילונגען פאַרוואַנדלען פאַר אים אין געשטאַלטן און בילדער. ער פלעגט זיי, אומבאַמערקט פאַר

זיך, צונויפֿמישן מיט דער מומעס מעשהלעך און ס'פֿלעגט זיך אַזוי אַרום שאַפֿן אַ כאַאָס פֿון געשעענישן, אין וועלכע די העלע פֿאַרבן פֿין דמיון פֿלעגן זיך צונויפֿפֿלעכטן מיט די בייזע טענער פֿון דערווירקלעכקייט. דאַן פֿלעגט זיך באַקומען עפּעס מעכטיקס, אומפֿאַרשטענדלעכס; דאָס יינגל פֿלעגט צומאַכן די אויגן און טרייבן פֿון זיך דאָס אַלץ, וועלנדיק אָפּשטעלן דעם שפּיל פֿון דמיון, וואָס האָט אים געשראָקן. אָבער ער פֿלעגט אומזיסט פּרוּוון אײַנשלאָפֿן, און דאָס צימער פֿלעגט וואָס ווייטער פֿולער ווערן מיט טונקעלע געשטאַלטן. דעמאָלט פֿלעגט ער שטיל וועקן די מומען:

— מומע... האַ, מומע...

— וואָס? יעזוס איז מיט דיר...

— איך וויל צו דיר, — האָט פֿאָמאַ געשעפּטשעט.

— וואָס עפּעס? שלאָף=זשע, ליבינקער מיינער... שלאָף...

— איך האָב מורא... — האָט זיך דאָס יינגל מודה געווען.

— דו לייען פֿאַר זיך „זאָל גאָט היטן“, וועסטו אויפֿהערן מורא האָבן.

פֿאָמאַ ליגט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און טוט תּפֿילה. די שטילקייט פֿון דער נאַכט מאָלט זיך פֿאַר אים אין דער פֿאָרם פֿון אַ ברייטלאָזן שטח פֿון טונקעלע וואַסער, וואָס איז דורכאויס אומבאַוועגלעך, — צעגאָסן אומעטום און ווי פֿאַרגליווערט, ניט קיין ציטער, ניט קיין שאָטן פֿון באַוועגונג, קיין זאַך ניט, כאָטש ס'זעט אים טיף אָן אַ גרונט. ס'איז זייער שרעקלעך איינער אַליין צו קוקן ערגעץ פֿון דער הייך, פֿון דער פֿינסטערניש אויפֿן אָפּגעשטאָרבענעם וואַסער... נאָר אָט דערהערט זיך דער קלאַנג פֿון קלאַפּער פֿון דעם נאַכט=וועכטער, און דאָס יינגל זעט, אַז די אייבערפֿלאַך פֿון וואַסער טוט אַ ציטער און ווערט באַדעקט מיט קנייטשן, ס'שפּרינגען רונדיקע, ליכטיקע קייקעלעך... אַ קלאַפּ אין גלאָק פֿון קלויסטער מאַכט דאָס וואַסער אויפֿטרייסלען מיט אַ מעכטיקער באַוועגונג, און דאָס וואַסער רודערט פֿון דאָזיקן קלאַפּ, רודערט און אַ גרויסער, ליכטיקער פֿלעק באַלויכט אים, שפּרייט זיך אויס פֿון מיט ערגעץ אין דער פֿינסטערער ווייט, בלייכט, צאַנקט און

גייט אויס... און ווידער באַפאַלט אַ בענקענדיקע שטילע רויִקייט אין דאָזיקן פינסטערן מדבר...

— מומע... — פלאַפּלט פּאַמאַ מיט אַ בעטנדיקער שטים.

— וואָס?

— איך וויל צו דיר...

— נו, קום אַהער, טייערינקער מיינער...

ביי דער מומען אין בעט טוליעט ער זיך צו איר און בעט איר:

— דערציייל עפּעס...

— ביינאַכט? — פּראָטעסטירט די מומע אַ פאַרשלאָפענע.

— איך — בעט — דיך...

לאַנג דאַרף מען זי ניט בעטן. גענעצנדיק און מיט אַ אויסגעטשוכעטער שטים פון שלאָף, און פאַרמאַכנדיק די אויגן הייבט די אַלטע אָן לאַנגזאַם:

— און אָט, האַרעלע מיינער, אין ערגעץ אַ מלוכה, אין ערגעץ אַ מדינה האָבן געלעבט און געוואוינט אַ מאַן מיט אַ ווייב און געווען זיינען זיי קבצנים!... אַזעלכע אומגליקלעכע, אַז אַפילו עפּעס עסן האָבן זיי ניט געהאַט. געגאַנגען זיינען זיי אַזוי איבער דער וועלט, פלעגט מען זיי ערגעץ־וואו שענקען אַ דאַרינקע פאַרוואַלגערטע סקאָרינקע, — און דערמיט פלעגן זיי שוין זיין זאַט אַ גאַנצן טאָג. און אָט איז ביי זיי איינמאָל געבוירן געוואָרן אַ קינד... אַ קינד ווערט געבוירן, דאַרף מען אים טויפן, אָבער מיט וואָס? אַז זיי זיינען אַזוי אָרעם, און האָבן ניט צו שטעלן קיין כיבוד פאַר קרובים און געסט, איז גייט קיינער ניט צו זיי טויפן דאָס קינד! גייען זיי צו איינעם, צו אַ צווייטן, — קיינער גייט ניט!... האָבן זיי דאַן מתפּלל געווען צו גאָט. — גאָט, אונזער האַר!...

פּאַמאַ ווייסט די דאָזיקע שרעקלעכע מעשהלע וועגן גאָט דעם טויפער, ניט איין מאָל האָט ער דאָס געהערט און ער מאָלט זיך שוין פאָרויס אויס דעם דאָזיקן טויפער: אָט פאָרט ער אויף אַ ווייסן פערד צו זיין טויפמאָטער און מוטער, פאָרט אין חושך איבערן מדבר און זעט דאָרט די אומדערטרעגלעכע צרות, צו וועלכע ס׳זיינען פאַרמשפּט געוואָרן די זינדיקע... און ער הערט זייערע שטילע קרעכצן און זייער בעטן:

— אָ־אָ־אָ! מענטש! פרעג בײ גאָט, צי װעלן מיר נאָך לאַנג דאַרפֿן לײדן?

דאַן דאַכט זיך אים פֿאָמען, אַז דאָס פֿאָרט ער אַלײן אױפֿן װײסן פֿערד און צו אים זײנען געװענדט די זיפֿצן און געבעטן. זײן האַרץ דריקט זיך צונױף פֿון עפּעס אַ אומפֿאַרשטענדלעכן פֿאַרלאַנג; אַ קאַלטער אַנגסט קװעטשט זײן ברוסט, און טרערן טרעטן אַרױס אױף די פֿעסט פֿאַרמאַכטע אױגן, װעלכע ער האָט מורא צו עפֿענען.

ער פֿאָרקעט זיך אַן אומרויִקער אין בעט.

— שלאָף, מײן קינד, יעזוס איז מיט דיר! — רעדט צו אים די אַלטע, איבעררײסנדיק איר מעשה װעגן די יסורים פֿון די מענטשן פֿאַר זײערע עבירות...

נאָר אינדערפֿרי פֿלעגט פֿאָמאַ, נאָך אַזאַ נאַכט, אױפֿשטײן אַ פֿרײלעכער, אַ מונטערער, פֿלעגט זיך אײליק אַרומװאַשן, גיך אָפּטרינקען טײ און לױפֿן אין שול אַרײן, באַזאָרגט מיט זיסע טשאַסטעס אין גוטע זאַכן, אױף װעלכע ס׳פֿלעגט שױן תּמיד װאַרטן דער הונגעריקער, קלײנער יעזשאָװ, װאָס האָט זיך אָנגעגעסן מיט די נאַשערײען פֿון זײן רײכן חבר.

— האָסט צו פֿרעסן? — פֿלעגט ער תּמיד באַגעגענען פֿאָמען, שמעקנדיק מיט זײן שאַרפֿן נאָז. — גיב אַהער, איך בין אַװעק פֿון שטוב ניט קײן געגעסענער... פֿאַרשלאָפֿן זיך צום טײװל... ביז צװײ בײנאַכט געלערנט... האָסט געמאַכט די אױפֿגאַבן?

— ניט געמאַכט.

— עך, דו, קאַראַמילע! נו, װײז, װעל איך דיר באַלד מאַכן!

אַרײנכאַפּנדיק די טשאַסטעס אין זײנע קלײנע שאַרפֿע צײן, האָט ער זיך באַלעקט װי אַ קעצל, געטופּעט צום טאַקט מיט דער לינקער פֿוס, און אין דערזעלבער צײט געלײזט די אױפֿגאַבעס, צוװאַרפֿנדיק פֿאָמען קורצע אָפּגעריסענע פֿראַזן.

— געזען? אין אַ שעה איז אױסגערונען אַכט עמערס... און װיפֿיל עמער איז אױסגערונען אין זעקס שעה. אײ, עסט איר געשמאַקע זאַכן!... דאַרף מען, הײסט עס, כּפֿלען זעקס אױף אַכט...

האָסט עפּעס ליב טשאַסטעס מיט גרינע ציבעלע? איך — אָוואַ! נו, אַלזאָ פון ערשטן קראַן איז אין זעקס שעה אויסגערונען אַכט און פערציק... אָנגעגאָסן איז געווען אין קעסל אינגאַנצן ניינציק... ווייטער ווייסטו שוין?

יעזשאָוו האָט ביי פּאָמען נושא־חן געווען מער ווי סמאָלין, נאָר מיט סמאָלינען האָט ער זיך מער געחברט. ער האָט זיך געוואונדערט איבער די פעיִקייט און לעבעדיקייט פון אַזאַ קליינעם מענטש, ער האָט געזען, אַז יעזשאָוו איז קליגער און בעסער פאַר אים, האָט ער אים מקנא געווען און זיך געפילט באַליידיקט דערפאַר, און אין דער אייגענער צייט האָט ער אויף אים רחמנות געהאַט מיט יענער לייטזעליקער רחמנות, וואָס אַ זאַטער פילט צו אַ הונגעריקן. ס׳קאָן זיין, אַז דווקא דאָס דאָזיקע רחמנות האָט אים געשטערט צו אַכטן מער דעם לעבעדיקן יינגל, איידער דעם אומעטיקן געלן סמאָלינען. יעזשאָוו האָט ליב געהאַט חוזק צו מאַכן פון די זאַטע חברים, און פלעגט זיי אָפּט רופן:

— עך, איר, וואַליזעס מיט טשאַסטעס!...

פּאָמאַ פלעגט ווערן אויף אים אין כעס פאַר זיינע שפּאַסן און איינמאָל, אַ פאַרטשעפּעטער פון יעזשאָווס שפּאַסן, האָט ער זיך מיט פאַראַכטונג און בייז אָפּגערופן:

— און דו — בעטלער... קבצן איינער!

יעזשאָווס געל געזיכט איז באַדעקט געוואָרן מיט פלעקן און ער האָט לאַנגזאַם געענטפערט:

— נו, רעכט, זאָל זיין!... איך וועל דיר מער שוין ניט אונטערזאָגן — וועסטו ווערן אַ שטיק קלאָץ!

און אַ טאָג דריי האָבן זיי צווישן זיך ניט גערעדט, פון וואָס דער לערער האָט דווקא געהאַט עגמת־נפש, ווייל ער האָט אין יענע טעג געמוזט שטעלן איינסן און צווייען דעם זון פון דעם אַלעמען געאַכטן אינגאַט מאַטוועיעוויטש.

יעזשאָוו האָט געוואוסט פון אַלץ צו דערציילן. ער האָט אין שול דערציילט, אַז דעם פּראָקוראָרס דינסט איז געלעגן געוואָרן מיט אַ קינד, און דעם פּראָקוראָרס ווייב האָט דערפאַר אָפּגעגאָסן דעם מאַן מיט הייסער קאַווע; ער האָט געוואוסט, ווען און וואו ס׳איז בע־

סער צו פאַנגען פיש. ער האָט געקאָנט מאַכן נעצן און שטייגן פאַר פייגעלעך; ער האָט אויסגעפּורלעך דערציילט, פאַרוואָס און ווי ס'האָט זיך אין קאַזאַרמע אויפגעהאַנגען אַ זעלנער אויפן בוידעם, פון וועמעס עלטערן פון די שילער האָט דער לערער באַקומען היינט אַ מתנה און וואָס פאַר אַ מתנה.

דער קרייז פון סמאָלינס וויסן און אינטערעסן האָט זיך באַגרענעצט בלויז מיט דער סוחרישער וועלט, און דער עיקר האָט דער געלער יינגל ליב געהאַט צו באַשטימען, ווער ס'איז רייכער, שאַצנדיק די גבירישע הייזער, שפּן און פערד. דאָס אַליך האָט ער געוואוסט אויסגעצייכנט און פלעגט וועגן דעם ריידן מיט חשק.

צו יעזשאָוון האָט ער זיך באַצויגן מיט דער זעלביקער לייט־זעליקער רחמנות, וואָס פאָמאַ, נאָר פריינדלעכער און ווי צו זיין גלייכן. יעדן מאָל, ווען גאָרדעיעוו האָט זיך געקריגט מיט יעזשאָוון, האָט ער געשטרעבט צו מאַכן שלום צווישן זיי. און איינמאָל, גייענדיק פון שול אַהיים מיט פאָמען, האָט ער זיך אָפּגערופן צו אים:

— וואָס זידלסטו זיך רק מיט יעזשאָוון —

— און וואָס גרויסט ער זיך כסדר? — האָט פאָמאַ געענט־פערט מיט כעס.

— ער גרויסט זיך, ווייל דו לערנסט זיך שלעכט, און ער העלפט דיר אַלעמאָל אונטער... ער איז אַ קלוגער... און אויב ער איז אַן אָרעמאַן — איז ער דען דערין שולדיק? ער קאָן זיך אויס־לערנען אַליך, וואָס ער וועט וועלן, און וועט אויך זיין רייך....

— ער איז אַ מיק, — האָט מיט פאַראַכטונג געענטפערט פאָמאַ, — זשומט, זשומט, און פלוצלינג גיט דאָס אַ ביס.

נאָר אין לעבן פון די דאָזיקע יינגלעך איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיי אַלע דריי פאַראייניקט. ס'זיינען געווען שעהן, ווען זיי האָבן פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין פון אונטערשייד, וואָס האָט זיי אָפּגע־טיילט אין כאַראַקטער און אין דער לאַגע. זונטאָג פלעגן זיי זיך אַלע דריי צונויפקומען ביי סמאָלינען און אַרויפקריכנדיק אויפן דאַך, וואו ס'האָט זיך געפונען דער גרויסער טויבנשלאַק, — האָבן זיי אַרויסגעלאָזט די טויבן.

די שיינע, זאַטע פֿייגלען פֿלעגן צעשפּרייטן די שניי־ווייסע פֿליגלען איינע נאָך דער אַנדערער און אַרויספֿליען פֿון טובנשלאַק און זיך אין אַ שורה אויסזעצן אויפֿן ברעג דאַך, און באַלויכ־טענע פֿון דער זון, האָבן זיי געוואָרקעט, און זיך געשפּילט לעבן די ייִנגלעך.

— שו־שו! — האָט יעזשאָוו צוגעוואָרפֿן צו די טויבן און גע־צאַפּלט זיך פֿון אומגעדולד.

סמאָלין האָט אַ מאַך געטאָן אין דער לופֿטן מיט אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ ראָגאָזשע אויפֿן שפּיץ און געפּייפֿט.

די דערשראָקענע טויבן פֿלעגן זיך אויפֿהייבן אין דער לופֿטן מיט אַ האַסטיקן גערויש פֿון די פֿליגלען... און אָט טראָגן זיי זיך אין קיילעכדיקע, ברייטע קרייזן אינדערהויך אין בלאָען טיף פֿון הימל, שווימען, גלאַנצנדיק מיט די פֿעדערן, ווי זילבער און שניי, טראָגן זיך אַליץ העכער. אייניקע פֿון זיי ווילן דערגרייכן דעם קיילעכדיקן הימל־רוים מיט אַ שווימענדיקן פֿלי פֿון אַ שפּאַרבער, צעשפּרייטנדיק די פֿליגלען און ווי ניט באַוועגנדיק מיט זיי, אַנדערע — שפּילן זיך, דרייען זיך אין דער לופֿט, פֿאַלן אַראָפּ ווי אַ הויפֿן שניי אונטן און פֿליען באַלד ווידער ווי אַ פֿייל אינדערהויך. אָט דאַכט זיך, אַז די גאַנצע מחנה טויבן בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך אין מדבר פֿון הימל און ווערנדיק אַליץ קלענער, זינקען זיי אין אים. מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ קוקן די ייִנגלעך און האָבן הנאה פֿון די פֿייגלען, ניט אָפּרייסנ־דיק פֿון זיי די אויגן, — די פֿאַרמאַטערטע אויגן פֿינקלען מיט אַ שטילער פֿרייד און מיט קנאה־געפֿיל צו די דאָזיקע באַפֿליגלטע באַ־שעפֿענישן, וועלכע פֿליען אַוועק אַזוי פֿריי פֿון דער ערד צום ריי־נעם, שטילן חלל, וואָס איז פֿול מיט זון־גלאַנץ. אַ קליינע גרופּע פֿון קוים־באַמערקטע פּינטעלעך, וואָס האָבן זיך אַריינגעגראָבן אין הימל־־בלאָקייט, ציט צו די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די קינדער און יע־זשאָוו זאָגט אַרויס שטיל און פֿאַרטראַכטערהייט דאָס געפֿיל, וואָס נעמט זיי בשעת־מעשה אַלעמען אַרום:

— מיר, ברידערלעך, וואָלטן אויך באַדאַרפֿט אַזוי פֿליען...

פּאָמאַ האָט געוואוסט, אַז אַ טויב האָט אָפּט דעם אויסזען פֿון אַ מענטשלעכער נשמה, ווען זי פֿליט צום הימל, און ער האָט

געשפּירט אין האַרצן אַ צופֿלוס פֿון עפּעס אַ פֿאַרלאַנג, אַ שטאַרקן און אַ ברענענדיקן...

פֿאַרכאַפּט פֿון באַגייסטערונג, וואַרטנדיק שווייגנדיק און אויפֿמערקזאַם, ביז זייערע פֿייגלען וועלן זיך צוריקקערן פֿון די טיפֿענישן פֿון די הימלען — פֿעסט צוגעדריקטע איינער צום אַנדערן, טראָגן זיך די קינדער אַוועק ווייט פֿון לעבן — ווי די טויבן פֿון דער ערד; אין יענער שעה האָבן זיי איינפֿאַך ניט געקענט — ניט מקנא זיין, ניט ברוגז זיין; פֿרעמד צו אַלץ, זיינען זיי נאָענט איינער צום אַנדערן, אָן ווערטער, נאָר מיטן גלאַנץ פֿון די אויגן, זיי פֿאַרשטייען זייער געפֿיל און — זיי איז גוט, ווי די פֿייגלען אין הימל.

נאָר אָט האָבן זיך די טויבן אַראָפּגעלאָזט אויפֿן דאַך, פֿאַרמאַטערטע פֿון פֿליען און זיי ווערן צוריק אַריינגעטריבן אין טויבנשלאַק...

— ברידער! אַיידאַ נאָך עפּל? — לייגט פֿאָר יעזשאָוו, דער איניציאַטאָר פֿון אַלע שפּילן און פֿאַרווייַלונגען.

זיין אויסרוף טרייבט אַרויס פֿון די קינדערשע הערצער די רויִקע שטימונג, וואָס די טויבן האָבן אָנגעווייט, און פֿאָרזיכטיק, מיט גנבהשע טריט און מיט אַ גירינקן חוש צו יעדן קלאַנג, וואָס קען זיך דערהערן, גנבענען זיי זיך דורך די שטעגלעך צום שכנישן גאָרטן. די מורא געכאַפּט צו ווערן ביי דער האַנט גלייכט זיך אויס ביז צום גלייכגעוויכט פֿון דער האָפֿענונג צו גנבענען אומבאַשטראָפֿטערהייט. דאָס געגנבעטע איז אויך אַן אויפֿטו, און אַן אויפֿטו אַ געפֿערלעכער, אָבער אַ פֿאַרדינטער דורך אייגענער אַרבעט און דערפֿאַר אַזוי זיס!... און וואָס זיסער דאָס איז — אַלץ מיט מער מי איז דאָס גענומען געוואָרן... די יינגלעך קריכן פֿאָרזיכטיק איבערן פֿאַרקאַן פֿון גאָרטן און שאַרן זיך אַיינגעבויגענערהייט צו די עפּל־ביימער, אַרומקוקנדיק זיך שרעקעוודיק און שאַרף אין אַלע זייטן. פֿון יעדן גערויש, וואָס זיי פֿאַרנעמען, ציטערן־אייך זייערע הערצער און קלאַפּן פֿאַמעלעכער. מיט איין און דעם זעלביקן כּוח שרעקן זיי זיך, אי טאָמער כאַפּט מען זיי, אי אַז כאַפּנדיק זיי, וועט מען זיך שוין דערוויסן, ווער זיי זיינען; נאָר אויב מען וועט זיי באַמערקן און מען וועט בלויז אַ געשריי טאָן אויף זיי, וועלן זיי זיין צופֿרידן. פֿון גע־

שריי וועלן זיי זיך צעלויפן אין אַלע זייטן און נעלם ווערן, נאָכדעם וועלן זיי זיך ווידער צונויפקומען אינאיינעם און מיט אַ הייסער התפּעלות און צעפלאַקערטע אויגן וועלן זיי מיט געלעכטער דערציילן איינער דעם צווייטן, וואָס זיי האָבן געפילט, ווען זיי האָבן דערהערט דעם געשריי און דאָס נאָכיאָגן זיי, און וואָס איז געשען מיט זיי, ווען זיי זיינען געלאָפן איבערן גאָרטן אַזוי שנעל, פּונקט די ערד וואָלט געברענט אונטער זייערע פיס.

אין די דאָזיקע רויבערישע אָנפאַלן פלעגט פאָמאַ אַריינלייגן מער האַרץ, ווי אין אַלע איבעריקע געשעענישן און שפּילן, — און געהאַלטן האָט ער זיך בעת די אָנפאַלן מיט אַזאַ מוט, וואָס פלעגט אַי באַוואונדערן, אַי אַריינברענגען אין כּעס זיינע חברים. אין די פרעמדע סעדער פלעגט ער זיך בכּיוון האַלטן אומפאָרזיכטיק; פלעגט ריידן אינדערהויך אויפן קול, פלעגט מיט אַ גערודער ברעכן די צווייגן פון עפּל־בוים, אַראָפּרייסן אַ ווערעמדיקן עפּל און דאָס אַ שליידערן מאָן ערגעץ אין דער ריכטונג פון באַלעבאָס פון סאָד. די סכּנה געכאַפּט צו ווערן אויפן אָרט פון פאַרברעכן האָט אים ניט געשראָקן, נאָר האָט אים נאָך גערייצט — די אויגן פלעגן ביי אים בעת מעשה ווערן פינסטער און ער פלעגט קריצן מיט די ציין און זיין פּנים פלעגט דער־ביי ווערן שטאָלץ און בייז. סמאָלין פלעגט אים מיט פאַראַכטונג זאָגן מיט אַ פאַרקרימט מויל:

— דו מאַכסט שוין אַ צו־גרויסן אָנשטעל...

— איך בין פשוט ניט קיין פּחדן! — פלעגט פאָמאַ ענט־פערן.

— איך וויים, אַז דו ביסט ניט קיין פּחדן, אָבער בלויז נאָראָ־נים מאַכן אָנשטעלן... מען קאָן אויך אָן אַן אָנשטעל מאַכן עס ניט ערגער...

יעזשאָוו האָט דאָס ניט געקאָנט ליידן פון אַן אַנדער שטאַנד־פּונקט:

— אויב דו וועסט אַליין קריכן, כּדי אַריינצופאַלן אין די הענט — טאָ גיי איצט צום טייוול! איך בין דיר ניט קיין חבר... מען וועט דיך כאַפּן און אַוועקפירן צום פאָטער — ער וועט דיר גאָרנישט טאָן,

אָבער מיך, ברודער, וועט מען מיט אַ רימען קאַטעווען — די הויט אָפּשיילן....

— פּחדן! — פלעגט פאַרעקשנט ענטפערן פּאַמאַ.

און אַט איינמאָל איז פּאַמאַ אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שטאַבס־קאַפּיטאַן טשומאַקאָוו, אַ קלייניקער און דאַרינקער זקן, וועלכער האָט זיך שטילערהייט אונטערגעגנבעט צום יינגל, בעת יענער האָט אין בוזעם באַהאַלטן אַן אָפּגעריסענעם עפּל. דער אַלטער האָט אים אַ נעם געטאָן פאַר די פּלייצעס און שטרענג אַ געשריי געטאָן:

— אַריינגעפאַלן, באַנדיט, אַהאַ־אַ!

פּאַמאַ איז דעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר און ער האָט זיך געשיקט אַרויסגערוקט פון אַלטנס הענט. נאָר ער איז ניט אַנטלאָפן פון אים, ער האָט אַ פיר געטאָן מיט די ברעמען און אָנשטעלנדיק די פויסטלעך האָט ער מיט אַ דראָונג אַרויסגערעדט:

— פּרוביר... מיך טשעפּען...

— איך וועל דיך ניט טשעפּען... איך וועל דיך אין פּאָליציי אַוועקפירן: וועמעס ביסטו?

דאָס האָט פּאַמאַ ניט דערוואַרט און ביי אים איז מיטאַמאָל אָפּגעפאַלן די גאַנצע דרייסטקייט און בייזקייט. אַ רייזע אין פּאָליציי האָט זיך אים אויסגעוויזן עפּעס אַזוינס, וואָס דער פּאָטער וואָלט אים קיינמאָל ניט מוחל געווען... ער האָט אַ ציטער געטאָן און אַ צעטומלטער געמאָלדן:

— גאָרדעיעוו...

— אי—איגנאַט מאַטוועיעוויטש?...

— יאָ...

איצט האָט זיך פאַרלאָרן דער שטאַבס־קאַפּיטאַן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרויסגעשטעלט פאָרויס די ברוסט און עפּעס וואָס אַרויסגעוואָרטשעט. דאַן האָבן זיך זיינע פּלייצעס אַרונטערגעלאָזט, און ער האָט פאָטערלעך־מוסרנדיק זיך געווענדט צום יינגל.

— אַ חרפּה! אַ יורש פון אַזאַ באַוואוסטער און חשובער פּערזאָן... און פלוצלונג! ס'פּאַסט ניט פאַר אייך... איר קאָנט גיין... נאָר אויב ס'וועט זיך נאָכאַמאָל איבערחזרן דאָס זעלבע... הם! וועל

איך מוזן דערציילן אײַער פֿאָטער... וועמען, איבעריקנס, איך האָב דעם כּבֿוד אויסצודריקן מײַן אַכטונג...

פֿאָמאַ האָט גוט באַמערקט די שפּיל פֿון דעם אַלטנס פֿיזיאָנאָמיע און האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט מורא פֿאַרן פֿאָטער... ער האָט געקוקט אויף טשומאַקאָוון ווי אַ וועלפּל, פֿון אונטערן שטערן; יענער האָט מיט אַ קאָמישער ווערדיקייט געדרייט זיך די גראָע וואָנצעס און ניט געקאָנט אײַנשטיין אויף די פֿיס פֿאַרן יִנגל, וועלכער האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט, ניט קוקנדיק אויף דער דערלויבעניש צו גיין.

— איר קאָנט גיין, — האָט דער אַלטער איבערגעחזרט, ווײַזנדיק אים מיט דער האַנט דעם וועג צו זײַן הויז.

—און אין פּאָליציי? — האָט פֿאָמאַ אומעטיק אַ פֿרעג געטאָן, און זיך תּיכּף דערשראָקן פֿאַר אַ מעגלעכן ענטפֿער.

— דאָס האָב איך... געלאַכט, — האָט דער אַלטער זיך צעשמייכלט. — איך האָב אײַך געוואָלט אָנשרעקן...

— איר האָט מורא פֿאַר מײַן פֿאָטער.... — האָט פֿאָמאַ זיך אָפּגערופֿן, און אויסדרייענדיק זיך מיטן רוקן צום אַלטן, איז ער אַוועק טיף אין גאָרטן.

— כ'האָב מורא? אַ-אַ! גוט! — האָט טשומאַקאָוו אים נאָכגעשריען און פֿאָמאַ האָט נאָכן קול פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט באַליידיקט דעם אַלטן. ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין און אים האָט פֿאַרדראָסן; ביז אָוונט האָט ער שפּאַצירט אַליין, און קומענ-מענדיק אַהיים, האָט אים באַגעגנט דעם פֿאָטערס בייזער קול:

— פֿאָמקאַ! דו ביסט געקראָכן בײַ טשומאַקאָוון אין סאָד?

— געקראָכן, — האָט רויק געענטפֿערט דער יִנגל, קוקנדיק דעם פֿאָטער אין די אויגן.

איגנאַט האָט, קענטיק, ניט דערוואַרט אַזאַ תּשובֿה, און ער האָט עטלעכע רגעס געשוויגן, גלעטנדיק די באָרד.

— שוטה! צו וואָס טוסטו דאָס? ווייניק האָסטו אייגענע עפּל?

פֿאָמאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן, שטייענדיק לעבן פֿאָטער.

— זעסטו — האָסט זיך פאַרשעמט! קום אַהער, יעזשישקאַ האָט דאָס דיך אָנגערעדט? איך וועל אים שוין אָנלערנען, ווען ער וועט קומען... איך וועל אינגאַנצן איבעררייסן אייער חברשאַפט...

— איך בין אַליין געקראָכן, — האָט פּעסט געזאָגט פּאָמאַ.

— דערפון ווערט ניט בעסער! — האָט איגנאַט אויסגעשריגן. — צו וואָס דאַרפסטו דאָס טאָן?

— אַזוי...

— אַזוי זיך! — האָט אים דער פאָטער נאָכגעמאַכט. — און אויב דו טוסט דאָס שוין, טאָ קען דאָס דערקלערן פאַר זיך און פאַר לייט... קום אַהער!

פּאָמאַ איז צוגעגאַנגען צום פאָטער, וועלכער איז געזעסן אויפן שטול, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן פאָטערס קני. איגנאַט האָט אַוועקגעלייגט זיינע הענט אויף פּאָמעס פּלייצעס און שמייכלענדיק אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן.

— שעמסט זיך ניט?...

— כ׳שעם זיך... — האָט פּאָמאַ אַרויסגעאָטעמט.

— אָט — נאַר איינער! מאַכסט אָן חרפּות זיך אַליין און מיר אויך...

צודריקנדיק צום ברוסט דעם זונס קאָפּ, האָט ער אים געגלעט די האָר און ווידער געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס גנבענען — פרעמדע עפּל?

—איך... וויים ניט, האָט פּאָמאַ געענטפערט אַ צעטומלטער. — אפשר ווייל ס׳איז אומעטיק... דו שפּילסט זיך, שפּילסט זיך... ס׳איז אַלץ דאָס זעלבע... ס׳ווערט דערעסן! און דאָס איז... געפערלעך...

— ס׳ציטערט דאָס האַרץ? — האָט דער פאָטער געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— ס׳ציטערט...

— מם... זאָל זיין אַזוי... נאָר, פונדעסטוועגן, זע, פּאָמאַ, וואַרף דאָס אַוועק! אַניט וועל איך מיט דיר ערגער מאַכן...

— איך וועל שוין מער ניט קריכן אין ערגעץ ניט, — האָט דער יינגל פאַרזיכערט.

—דאָס, וואָס דו ביסט אַליין פאַר זיך פאַראַנטוואָרטלעך, איז גוט. גאָט ווייסט, וואָס פון דיר וועט נאָכהער אַרויסקומען, און דערווײַלע... נו, נישקשה! ס'איז ניט קיין קלייניקייט, אויב אַ מענטש וויל פאַר זיינע מעשים צאָלן מיט זיין אייגענער פעל... אַן אַנדערער אויף דיין אָרט וואָלט אַרויפגעוואָרפן אויף די חברים, און דו נעמסט אַלץ אויף זיך... אַזוי דאַרף מען, פאָמאַ... דו זינדיקסט—דאַרפסטו ענטפערן... וואָס... טשומאַקאָוו... האָט דיר אפשר ניט דערלאַנגט אַ קלאַפּ? — האָט איגנאַט מיט פויזעס געפרעגט ביים זון.

איך וואָלט אים דערלאַנגט! — האָט פאָמאַ רויק געמאָלדן.

— ממ... — האָט דער פאָטער אַ בורטשע געטאָן מיט תקיפות.

— איך האָב אים געזאָגט, אַז ער האָט פאַר דיר מורא... נו, האָט ער מיך געמוסרט... ער האָט גאָרנישט געוואָלט אַפילו גיין צו דיר...

— נו?

— בנאמנות! גיט איבער דעם פאָטער, זאָגט ער, מיין אַכטונג.

— ער?

— יאָ.

— אַך... אַ כלב! אָט קוק זיך צו, וואָס פאַר אַ מענטשן ס'זיינען דאָ אויף דער וועלט: מען ראַבעוועט אים, — און ער לאָזט נאָך גריסן — מיין אַכטונג גיט איבער! כאַ-כאַ! מאָל דיר, מען האָט ביי אים אינגאַנצן גענומען אפשר פאַר אַ קאָפּיקע, אָבער די קאָפּיקע איז ביי אים — ווי ביי מיר אַ רובל... און ניט אין דער קאָפּיקע גייט דאָ, נאָר אין דעם, וואָס זי איז מיינע, און קיינער טאָר זי ניט אָנרירן, כל-זמן איך וואַרף אַליין ניט צו... עך! אָט לייט! אַנו דערצייל, — וואו ביסטו געווען, וואָס האָסטו געזען?

דער יינגל האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן פאָטער און אויספירלעך דערציילט אים די איינדרוקן פון זיין טאָג. איגנאַט האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, באַטראַכטנדיק דאָס לעבעדיקע געזיכט פון זון און זיינע ברעמען האָבן זיך פאַרקלערטערהייט באַוועגט.

— דו שווימסט נאָך אַלץ בײַ מיר אויף דער אײבערפֿלאַך, ברודער... דו ביסט נאָך אַ קינדערלע... עך־כע!

— מיר האָבן אין גראָבן איבערגעשראָקן אַ סאָווע, — דערציילט ווייטער דער ייִנגל. — אָט איז דאָס געווען אַ פֿאַרגעניגן! זי האָט געפּרוווט פֿליען און פֿליענדיק זיך דערלאַנגט אָן אַ בוים — טראַך! זי האָט אַ קוויטש געטאָן אַפֿילו, ס'איז געווען אַזאַ רחמנות אויף איר... און מיר האָבן זי ווידער איבערגעשראָקן, האָט זי זיך ווידער אויפֿגעהויבן און ווידער געפּרוווט פֿליען, פֿליט זי און שטויסט זיך אָן עפּעס אָן... אַזוי, אַז די פֿעדערן האָבן זיך פֿון איר געשאָטן!... זי האָט זיך אַזוי געצאַפּלט, געצאַפּלט אַזוי אין גראָבן... זיך געוואָלט ערגעץ באַהאַלטן... מיר האָבן זי שוין מער נישט געזוכט, רחמנות געהאַט אויף איר, זי האָט זיך אינגאַנצן צעקלאַפּט... זי איז, טאַטע, טאַקע אינגאַנצן אַ בלינדע בײַטאָג?

— אַ בלינדע — האָט געזאָגט איגנאַט. — פֿאַראַן מענטשן, וואָס וואַרפֿן זיך אויך בײַטאָג אַרום אין לעבן אַזוי ווי די סאָווע... זוכן אַרום, זוכן זיך אַן אָרט און שלאָגן זיך אַרויס פֿון די כּוחות, — בלויז די פֿעדערן פֿליען בײַ זיי, און צו קיין תּכלית דערשלאָגן זיי זיך ניט... מאַטערט זיך אַזאַ איינער, קרענקט אויס, פֿאַרמעסט זיך מיט אַ פֿאַרגעם אין פֿאַררוקט זיך נאָכדעם, וואו ס'מאַכט זיך, אַבי נאָר אָפּצורוען פֿון זיין מאַטערניש... עך, אַן אומגליק מיט אַזעלכע לייט... אַן אומגליק, ברודער!

— אַ רחמנות אויף זיי, — רעדט שטיל אַרויס פֿאָמאַ.

— אָט ווי אויף דער סאָווע...

— און פֿאַרוואָס זיינען זיי אַזוי?

— פֿאַרוואָס?... שווער צו זאָגן... — איינער איז בלינד פֿון זיין גרויסקייט... ס'ווילט זיך אים אַ סך, און כּוח האָט ער ווייניק... אַ צווייטער — צוליב זיין נאַרישקייט... און מאַלע צוליב וואָס? דו קענסט דאָס ניט פֿאַרשטיין...

— גייט טרינקען טיי, — האָט זיך פֿלוצלונג דערהערט אַנפֿיסעס קול.

זי איז שוין לאַנג געשטאַנען אין טיר מיט צונויפֿגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט און געקליבן נחת פֿון דער מעכטיקער פּיגור פֿון איר ברודער, וועלכער האָט זיך פֿריינדלעך אַזוי איבערגעבויגן איבער פֿאָמען, און פֿון דער פֿאַרטראַכטער פּאָזע פֿון ייִנגל, וואָס האָט זיך צוגעדריקט צום פֿאָטערס פּלייצע.

אַזוי האָט זיך אַ טאָג נאָך אַ טאָג רויִק געוויקלט פֿאָמעס לעבן, — אַ לעבן אין אַלגעמיין ניט קיין רייכער אין איבערלעבונגען, אַ לעבן אַ רויִקער און שטילער. די שטאַרקע איינדרוקן, וואָס פֿלעגן אויפֿרייצן אויף אַ שעה אָדער אויף אַ טאָג דעם ייִנגלס נשמה, זיינען אָפּט זייער שאַרף אַרייסגעטראָטן אויף דער אַלגעמיינער פֿאָן פֿון איינטאָניקן לעבן, נאָר האָבן זיך גיך אויסגעוועבט. דעם ייִנגלס נשמה איז נאָך געווען ווי אַ שטילע אָזערע, אַ אָזערע באַהאַלטן פֿון די שטורמישע ווייענישן פֿון לעבן, און אַלץ, וואָס האָט באַרירט די אייבערפֿלאַך פֿון דער אָזערע אָדער פֿלעגט אַראָפּפֿאַלן אויף איר גרונט, באַאומרויִקנדיק ניט אויף לאַנג דעם שלאָפֿיקן וואַסער, פֿלעגט אָדער דורכלויפֿן אויף זיין גלאַטקייט, אָדער זיך צעשווימען אין קרייזן און פֿאַרשווינדן.

אָפּזייענדיק אין דער קרייז=שול פֿינף יאָר, האָט פֿאָמאַ קוים מיט צרות געענדיקט פֿיר קלאַסן און איז אַרויס פֿון דאָרטן אַ וואוילער, שוואַרצהאָריקער בחורל, מיט אַ קיילעכדיק פּנים, מיט דיקע ברעמען און מיט אַ טונקעלן פּוך שוין אויף דער אייבערשטער ליפּ. זיינע גרויסע טונקעלע אויגן האָבן געקוקט פֿאַרטראַכטערהייט און נאַיִוו און זיינע ליפּן זיינען געווען קינדיש האַלב=אָפֿן; נאָר ווען זיינער אַ פֿאַרלאַנג פֿלעגט זיך אָנשטויסן אויף אַ סתירה, אָדער עפּעס פֿלעגט אים אויפֿרייצן — פֿלעגט ער ברייט צעעפֿענען די וויעס פֿון זיינע אויגן און צודריקן פֿעסט זיינע ליפּן און זיין געזיכט פֿלעגט דאַן אויסזען עקשנותדיק און אַנטשלאָסן... דער טויפֿפֿאָטער פֿלעגט דאַן מיט אַ סקעפּטישן שמייכל זאָגן וועגן אים:

— פֿאַר די ווייבער וועסטו, פֿאָמאַ, זיין זיסער פֿון האָניק... נאָר דערווייל זעט מען נאָך ביי דיר ניט קיין גרייסן שכל...

איגנאַט פֿלעגט ביי די דאָזיקע ווערטער אַ זיפֿץ טאָן.

— דו וואָלסט בעסער, פּעטערל, גענומען דעם זון אין עסק...

— זאָל ער צוואַרטן...

— צו וואָס נאָך וואַרטן?? זאָל ער אַ צוויי־דריי מאָל אַרומ־שווימען איבער דער וואָלגע און נאָכהער שיק אים אונטער דער חופּה... אָט מיט מיין ליובאָוו.

ליובאָוו מאַיאַקינאַ האָט זיך אין דער צייט געלערנט אין פינפטן קלאַס פון עפּעס אַ פּאַנסיאָן. פּאָמאַ פלעגט זי אָפט באַגעגענען אין גאַס, דערביי פלעגט זי צו אים שאָקלען מיטן בלאָנדן קעפּל אונטערן פראַנטישן היטעלע. זי איז פאָמען געפעלן געווען, נאָר אירע ראָזע בעקעלעך, אירע פריילעכע ברוינע אויגן און אירע רויטע ליפּן האָבן ניט געקאָנט פאַרגלעטן ביי פאָמען דעם באַ־ליידיקנדיקן געפיל פון איר לייטזעליקן באַגריסן זיך מיט אים. זי איז געווען באַקאַנט מיט עפּעס גימנאַזיסטן, און כאָטש צווישן די לעצטע איז אויך געווען יעזשאָוו, זיין אַלטער חבר, האָט דאָך אים פונדעסטוועגן ניט געצויגן צו זיי, און ער פלעגט זיך פילן אין זיי־ער חברשאַפט זייער געדריקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי באַרי־מען זיך אַלע פאַר אים מיט זייער געלערנטקייט, און לאַכן אָפּ פון זיין אומוויסן. צונויפקומענדיק זיך צו ליובאָוון, פלעגן זיי לייענען עפּעס ביכלעך, און בעת ער פלעגט זיי תמיד געפינען לייענענדיק אָדער דיסקוטירנדיק מיט אַ געשריי — פלעגן זיי תיכף, ביי זיין אַריינ־קומען, אַנטשוויגן ווערן. דאָס אַלץ האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיי. איינמאָל, ווען ער איז געזעסן ביי מאַיאַקינען, האָט ליובע אים גע־רופן שפּאַצירן אין גאָרטן, און זיצנדיק מיט אים דאָרטן אויף דער באַנק, האָט זי, קרימענדיק זיך, אים געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו אַזאַ בער... קיינמאָל רעדסטו ניט וועגן גאָרנישט?

— וועגן וואָס זאָל איך ריידן, אַז איך ווייס קיין זאַך ניט! — האָט פאָמאַ איינפאַך געענטפערט.

— לערן זיך... לייען ביכער...

— ס'ווילט זיך ניט...

— אָט די גימנאַזיסטן וויסן וועגן אַלץ און קאָנען וועגן אַלץ ריידן... למשל, יעזשאָוו...

— איך קען יעזשאָוון... אַ פּלוידערזאַק...

— ביסט אים פשוט מקנא... ער איז זייער אַ קלוגער... יאָ. ער'ט ענדיקן די גימנאַזיע, וועט ער פאָרן אין מאָסקווע שטודירן אין אוניווערסיטעט.

— נו, איז וואָס? — האָט גלייכגילטיק געזאָגט פּאַמאַ.

— און דו וועסט שוין אַזוי בלייבן אַן עם־הארץ...

— מילא...

— ווי גוט דאָס איז! — האָט איראָניש אויסגערופן ליובע.

— איך וועל שוין אָן די וויסנשאַפטן זיין אויף מיין אָרט, — האָט פּאַמאַ אָפּגערופן זיך שפּאָטיש... — און יעדן געלערנטן וועל איך נאָך די נאָז אָפּווישן... זאָלן זיך די הונגעריקע לערנען... איך דאַרף עס ניט...

— ס'איר אַ שוטה דו ביסט, ס'איר אַ שלעכטער... אַ גבזהניק אַזאַ! — האָט מיט האַס אַ זאָג געטאָן דאָס מיידל און אַוועק, אי־בערלאָזנדיק אים אַליין אין גאָרטן. ער האָט אומעטיק און אַ באַליי־דיקטער איר נאָכגעקוקט, אַ פּיר געטאָן מיט די וויעס און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער לאַנגזאַם געגאַנגען טיפער אין גאָרטן.

ער האָט שוין אָנגעהויבן באַנעמען די שיינקייט פון איינזאַמ־קייט און דעם זיסן טעם פון דמיונות. אָפט, אין די זומער־אָוונטן, ווען אַלץ אויף דער ערד פלעגט זיך באַפאַרבן מיט די פייערדיקע און פאַנטאַזיע־רייצנדיקע קאָלירן פון דער שקיעה, פלעגט אין זיין ברוסט אַריינדרינגען אַ נעפלדיק געפיל וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען פאַר אים אומפאַרשטענדלעך. זיצנדיק ערגעץ־וואו אין אַ טונקעלן ווינקל פון גאָרטן, אָדער ליגנדיק אין בעט, פלעגט ער אַרויסרופן אין דמיון די געשטאַלטן פון די לעגענדאַרישע מלכות, — זיי פלעגן זיך באַווייזן פאַר אים מיט די געזיכטער פון ליובען און אַנדערע באַקאַנטע פריילינס, זיי פלעגן אָן רעש פאַרביישווי־מען אין אָוונט־דעמערונג און קוקן אים אין די אויגן אַריין מיט זייערע רעטזעלהאַפטע בליקן. צייטנווייז פלעגן די דאָזיקע זעונגען צוגעבן אים אַ צופלוס פון שטאַרקער ענערגיע און פלעגן אים ווי פאַרשיכורן, — ער פלעגט זיך אויפהויבן, און אויסגלייכנדיק די פּלייצעס, פלעגט ער מיט דער פולער ברוסט אַריינאָטעמען דעם שמעקעדיקן אַוויר; נאָר אַמאָל פלעגן זיי איך, די דאָזיקע זעונגען,

אָנווייען אויף אים אַן אומעטיקן געפיל — אים האָט זיך דאַן געוואָלט וויינען, נאָר ער פלעגט זיך שעמען פאַר די טרערן. ער פלעגט זיך איינהאַלטן, נאָר פלעגט וויינען אין דער שטיל. אָדער פלוצלינג פלעגט זיין האַרץ אויפציטערן פון פאַרלאַנג אויסצודריקן עפּעס אַ דאַנק צו גאָט, בוקן זיך צו אים; ווערטער פון תפילות פלעגן אויפגליען אין זיין זיכרון, און קוקנדיק אויפן הימל, האָט ער זיי לאַנג געפּליסטערט איין תפילה נאָך דער צווייטער, און זיין האַרץ פלעגט ווערן לייכטער, אויסגיסנדיק אין דער תפילה דעם איבער־פלוס פון זיינע כּוחות...

דער פאָטער האָט אים געדולדיק און פאָרזיכטיק אַריינגעפירט אין קרייז פון זיינע מסחרים, פלעגט אים נעמען מיט זיך אויף דער בערזע, דערציילן אים וועגן די אָנגענומענע באַשטעלונגען און אונ־טערנעמונגען, וועגן זיינע חברים, פלעגט אים באַשרייבן, ווי אַזוי זיי זיינען „געוואָרן מענטשן", און וואָס פאַר אַ פאַרמעגן זיי האָבן איצט, זייער כאַראַקטער. פאָמאַ האָט פלינק באַנומען דעם גאַנצן ענין און באַ־צויגן זיך צו אַלץ ערנסט און באַטראַכט.

— עס בליט אונזער געוויקס, ווי רויטער מאָן — פלעגט מאַ־יאַקין מיט אַ שמייכל צווינקען צו איגנאַטן וועגן פאָמען.

און דאָך, ווען אַפילו פאָמען איז געוואָרן שוין ניינצן יאָר — איז נאָך אַלץ געווען אין אים עפּעס קינדישס, נאַיוויטעט, וואָס פלעגט אים אויסטיילן פון זיינע חברים. זיי האָבן חוזק געמאַכט פון אים, האַלטנדיק אים פאַר אַ נאַר; ער האָט זיך געהאַלטן פון זיי אָן אַ זייט, אַ באַליידיקטער צוליב זייערע באַציִונגען צו אים. נאָר דעם פאָטער און מאַיאַקינען, וועלכע האָבן אים ניט אָפּגעלאָזט פון אויג, האָט פאָמעס אומבאַשטימטער כאַראַקטער געמאַכט ערנסט אומרויִק.

— איך פאַרשטיי אים ניט, — פלעגט פאַרדאַגהט זאָגן איג־נאַט. — ער הוליעט ניט, מיט ווייבער שלענדרע־ט ער זיך ניט אַרום, האָט פאַר מיר און פאַר דיר דרך־ארץ, אַלץ באַנעמט עם — אַ רויט מיידל — ניט קיין בחור! און, דאַכט זיך, ניט קיין נאַר?

— קיין גרויסע נאַרישקייטן זעט מען ניט פון אים. — זאָגט מאַיאַקין.

— נו, גיי שוין! עפּעס ווי ער וואָלט וואַרטן אויף וואָס... ווי אַ נעפּל וואָלט אים געווען אין די אויגן... זיין מאַמע, עליה־השלום, פֿלעגט אויך אַזוי ווי טאַפּנדיק אַרומגיין אויף דער ערד... אָט איז אַפֿריקאַנקאַ סמאָלין מיט צוויי יאָר עלטער פֿאַר אים — און זע, וואָס ער איז! ד"ה, ס'איז אַפֿילו שווער צו פֿאַרשטיין ווער איז ביי זיי איצט דער קאָפּ — צי דער טאַטע, צי ער? ער וויל נאָך פֿאָרן לערנען זיך, אויף אַ פֿאַבריק ערגעץ... זידלט זיך: עך, זאָגט ער, דו האָסט מיך, פּאַפּאַשע, שלעכט געלערנט... נ־יאָ! און מיינער — לאָזט אַפֿילו פֿון זיך קיין פּיפּס ניט הערן... אָ, גאָטעניו!

— טו אָט־וואָס, — עצהט מאַיאַקין, — דו קלאַפּ אים אַריין עפּעס אַ ה ס ן עסק! באמונה! גאָלד פֿ־ווט מען מיט פֿייער... מירן זען, צו וואָס ער טויג, ווען מיר וועלן אים לאָזן אַליין אויף דער פֿריי... דו שיק אים אויף דער קאַמאַ... אַליין זאָל ער פֿאָרן...

— מען קען אפֿשר פּרוּוון?

— נו, וועט ער קאַליע מאַכן... וועסטו פֿאַרלירן אַ ביסל... דערפֿאַר אָבער וועלן מיר וויסן, וואָס פֿאַר אַ כלי דאָס איז?

— נו, מילא, — איכ'ל אים שיקן, — האָט איגנאַט באַשלאָסן.

פֿרילינגס־צייט האָט איגנאַט געשיקט זיין זון מיט צוויי בערלינעס ברויט אויף דער קאַמע. די בערלינעס האָט געפֿירט גאָרדעיעווס דאַמפֿער „דער פֿלייסיקער", מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפֿירט פֿאָמעס אַן אַלטער באַקאַנטער, דער געוועזענער מאַטראָס יעפֿים — איצט יעפֿים איליטש; אַ דרייסיקיאָריקער פֿולער מענטש מיט גראָע אויגן, אַ פֿאַרשטענדיקער, אַ מעסיקער און זייער אַ שטרענגער קאַפּיטאַן.

מען איז געשוואומען גיך און פֿריילעך, ווייל אַלע זיינען געווען צופֿרידן. פֿאָמאַ איז געווען שטאָלץ, וואָס דאָס ערשטע מאָל האָט מען אויף אים אַרויפֿגעלייגט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבע. יעפֿים איז געווען צופֿרידן פֿון יונגן באַלעבאָס, ווייל ער האָט אים ניט געמאַכט קיין שום איבעריקע באַמערקונגען, באַזאַלצן מיט זילזולים; די גוטע שטימונג פֿון ביידע הויפּט־פּערזאָנען איז שיף האָט אויך גוט געווירקט אויף דער גאַנצער שיף־קאָמאַנדע. אָפּשווימענדיק אין אַפּריל פֿון אָרט, פֿונוואַנען מען האָט אָנגעלאָדן

ברויט, איז מען שוין אין די ערשטע טעג פון מאַי געקומען אויפן אָרט, און צושטעלנדיק די בערלינעס צום ברעג, האָט זיך דער דאַמפער אויך פאַראַנקערט לעבן זיי. אויף פּאָמען איז געלעגן די אויסגאַבע, וואָס גיכער אויסצולאָדן דאָס ברויט און באַקומענדיק באַצאָלט, גלייך אָפּפאָרן קיין פּערם, וואו ס'האָט געוואַרט אויף אים אַייזן, וואָס איגנאַט האָט זיך אָנגענומען צוצושטעלן אויפן יאָרמאַרק.

די בערלינעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן דאָרף, נאָענט פון אַ סאָסנע-וואַלד, וואָס איז געווען צוויי וויאָרסט פון ברעג. שוין אויפן צווייטן טאָג, גאַנץ פרי, האָט זיך אויפן ברעג באַוויזן אַ גרייסער טומלדיקער המון פון פויערים און פויערטעס, ציפּוס און מיט פערד; זיי האָבן זיך פונאַנדערגעשאָטן מיט אַ ליאַרעם און מיט געזאַנג אויף די אייבער-דעקן און אונטער-דעקן און אין איין אויגנבליק האָט אויפגעקאָכט די אַרבעט. אַראָפּלאָזנדיק זיך אין אונטער-רוים, האָבן די פויערטעס אָנגעשאָטן פולע זעק מיט קאָרן, די פויערים האָבן די זעק אַרויפגעוואָרפן אויף די פלייצעס און אַזוי האַסטיק געטראָגן זיי איבער די איבערגעלייגטע ברעטערבריקלעך צו ברעג, און פון ברעג האָבן זיך לאַנגזאַם געצויגן אין דאָרף אַריין פורן, שווער אָנגעלאָדן מיטן לאַנג-דערוואַרטן ברויט. די גויעס האָבן געזונגען לידער, די פויערים האָבן געשפּאַסט און זיך פריילעך דורכגעווערטלט, די מאַטראָסן האָבן כלומרשט אַכטונג געגעבן אויף דער אָרדענונג און געשריען אויף די אַרבעטנדיקע. דאָס הילצערנע בריקל האָט זיך געבויגן אונטער די פיס, שווער פלעסקענדיק אין וואַסער, און אויפן ברעג האָבן געהירזשעט די פערד, געסקריפּעט די פורן און דער זאַמד אונטער זייערע רעדער.

די זון איז נאָר-וואָס אויפגעגאַנגען, די לופט איז געווען לעבעדיק-פריש און געדיכט אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון די סאָסנעס; דאָס רויִקע וואַסער פון טייך האָט אָפּגעשפּיגלט דעם קלאָרן הימל, האָט שטיל באַוועגט זיך, אָפּשלאָגנדיק זיך אָן די נעזער פון די שיפן און אַנקער-קייטן. דער פריילעכער, הויכער רעש פון די אַרבעטער, די יונגע שיינע סרילינגס-נאַטור, פריילעך באַלויכטן פון די זון-שטראַלן, — דאָס אַלץ איז געווען פול מיט אַ מונטערער קראַפט,

אַ גוטמוטיקער, אַ מגושמדיקער, וואָס האָט אָנגענעם געריייצט פּאָמעס נשמה, און געוועקט אין אים נייע און געהיימע געפילן און פאַר־לאַנגען. ער איז געזעסן ביים טיש איף דער אייבער־דעק פון דאַמפּער און געטרונקען טיי מיט יעפימען און מיטן אָפּנעמער פון דעם ברויט, אַ באַאַמטער אין זעמסטווע, אַ געלבלעכער און קורצ־זיכטיקער הער אין ברילן. נערוועזיש אונטערהייבנדיק די פּלייצעס, האָט דער אָפּנעמער, מיט אַ טראַסקעדיקן קול, דערציילט וועגן דעם, ווי די פּויערים האָבן געהונגערט, נאָר פּאָמאַ האָט שלעכט געהערט, קוקנדיק דאָ איף דער אַרבעט אונטן, דאָ אויפן צווייטן ברעג פון טייך, וואו ס'איז געווען אַ הויכער גרויער, זאַמדיקער שיפּוע, מיט סאָסנעס ביי די זייטן. דאָרטן זיינען קיין מענטשן ניט געווען און ס'איז געווען שטיל.

„מען וועט דאַרפן צופאָרן אַהין", האָט פּאָמאַ געטראַכט. און צו זיין געהער האָט זיך ווי פון ערגעץ ווייט דערטראָגן דער אומ־רויקער און ניט אָנגענעמער, שאַרפער קול פון דעם אָפּנעמער:

— איר'ט ניט גלויבן — ס'איז געווען אַזאַ שרעקלעכע צייט! אָט הערט אַזאַ פאַל: אין אָמאַ איז צו איינעם אַ אינטעליגענט געקומען אַ פּויער און ברענגט אים מיט זיך זיין מויד פון אַ יאָר זעכצן...— וואָס ווילסטו? — „כ'האָב איר, זאָגט ער, געבראַכט פאַר אייער דורכלויכט"... — צו וואָס? — „אפשר וועט איר זי, זאָגט ער, נעמען... אַ מענטש זייט איר, זאָגט ער, נאָך ניט קיין חתונה געהאַטער..." ד"ה, וואָס הייסט? וואָס מיינט איר? — „כ'האָב זי, זאָגט ער, גע־פירט אין שטאָט, געוואָלט אָפּגעבן זי פאַר אַ דינסט — נעמט זי קיינער ניט... טאָ נעמט זי כאָטש פאַר אַ געליבטע!" איר פאַרשטייט? ער לייגט פאָר זיין טאָכטער, איר פאַרשטייט! זיין טאָכטער — פאַר אַ געליבטע! דער טייוול ווייסט, וואָס דאָס איז?! אַ? יענער, פאַר־שטייט זיך, איז געוואָרן בייז, געוואָרפן זיך אויפן פּויער, געזידלט זיך... און דער פּויער רעדט צו אים זיינס: „אייער דורכלויכט! וואָס טויג זי מיר היינט? איינגאַנצן אַן איבעריקע... און ס'זיינען דאָ נאָך ביי מיר, זאָגט ער, דריי יינגלעך — זיי וועלן זיין אַרבעטער, דאַרף מען זיי האַלטן... גיט, זאָגט ער, צען רובל פאַר דער מויד,

וועל איך קומען צו זיך אַ ביסל מיט די יינגלעך״... וואָס זאָגט איר, האַ? פשוט אַ שרעק, זאָג איך אַייך...

— ניט גו־וט! — זיפצט אַרויס יעפים. — אַפּנים דער הונגער, זאָגט מען, איז ניט קיין מומע... די בוזע האָט זיך אירע געזעצן...

ביי פאָמען האָט די דערציילונג אַרויסגערופן עפעס אַ פּאַר אים אומפאַרשטענדלעכן געוואַלדיקן און קיצלדיקן אינטערעס צום גורל פונם מיידל, און ער האָט גיך געפרעגט ביים דערציילער:

— נו, וואָס האָט ער געטאָן, דער דאָזיקער העי, האָט ער זי געקויפט?

— פאַרשטייט זיך, אַז ניין! — האָט ווי מיט אַ פאָרוואורף אויסגערופן דער אָפּנעמער.

— טאָ וואו־זשע האָט מען זי אַהינגעטאָן?

— ס'האָבן זיך געפונען גוטע מענטשן... זיי האָבן איר אַיינגעאָרדנט...

— אַ־האַ! — האָט פאָמאַ אויסגעצויגן און האָט פלוצלונג פעסט און בייז געמאָלדן: — איך וואָלט אים שוין דעם פויער אָנגעלערנט! די גאַנצע פעל וואָלט איך אים צעהאַקט!... און זאָגנדיק דאָס, האָט ער באַוויזן דעם אָפּנעמער אַ גרויסן, שטאַרק־צונויפגעביילטן פויסט.

— ע! פאַרוואָס? — האָט קרענקלעך־הויך אויסגעשריען דער אָפּנעמער, אַראָפּרייסנדיק פון נאָז די ברילן. — איר פאַרשטייט ניט דעם מאָטיוו...

— איך פאַרשטיי! — האָט פאַרעקשנט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט פאָמאַ.

— נאָר וואָס־זשע האָט ער געקאָנט טאָן?... ס'איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין...

— צי דען איז דאָס רעכט, צו פאַרקויפן אַ מענטשן?...

— אַך! דאָס איז ווילד, איך בין מסכים, איך ווייס...

— און נאָך דערצו אַ מיידל! איך וואָלט אים געגעבן די צען רובל!

דער אָפּנעמער האָט פאַרלאָרן אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט און אַנטשוויגן געוואָרן. זיין זשעסט האָט צעטומלט פאָמען, ער

האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, און צוגייענדיק צום פאָרענטש, האָט ער גענומען קוקן אויפן אונטערדעק פון דער בערלינע, וואָס איז געווען באַדעקט מיטן פאַרהאָרעוועטן, אַרבעטנדיקן המון מענטשן. דער טומל האָט אים פאַרשיכּורט, און דאָס אומבאַוואוסטע, וואָס האָט געברויזט אין זיין נשמה, האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ מעכטיקן ווילן צו אַרבעטן אַליין, האָבן אַ לעגענדאַרישן כּוח, געוואַלדיקע אַקסלען און מיט איינמאָל אַוועקלייגן אויף זיי אַ הונדערט זעק קאָרן, אַז אַלע זאָלן אים באַוואונדערן...

— ריר זיך — לעבעדיקער! האָט ער קלינגענדיק אַראָפּגעשריִען אונטן.

עטלעכע קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן צו אים, ס'האָבן אַ שווינדל געטאָן פאַרביי אים עפּעס פּנימער. און איין פּנים — אַ פּנים פון אַ פּרוי מיט שוואַרצע אויגן, — האָט ווייך און לאָקעריש געשמייכלט צו אים. פון דאָזיקן שמייכל האָט ביי אים אין ברוסט עפּעס אויפגעפלאַקערט און ווי אַ הייסע כוואַליע זיך צעגאָסן איבער זיינע אָדערן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון פאָרענטש און איז ווידער צוגעגאַנגען צום טיש, פילנדיק, אַז זיינע באַקן ברענען.

— הערט! — האָט זיך צו אים געווענדט דער אָפּנעמער. — טעלעגראַפירט צו אייער פאָטער, — ער זאָל צוואַרפן אַ ביסל קאָרן אַ נדבה! איר זעט דאָך, וויפיל ס'גייט פאַרלאָרן... און דאָ איז דאָך יעדער פונט טייער! מען דאַרף דאָך דאָס פאַרשטיין!...

נו, האָט איר אַ פּאַפּאַשאַ.... — האָט ער געענטפערט מיט אַ ביי־סיקער גרימאַסע.

— וויפיל זאָל ער צוואַרפן? — האָט מיט ברייטקייט און פּזרנות געפרעגט פאָמאַ. — איר ווילט אַ פּוד הונדערט? צוויי הונדערט?

— דאָס איז... איך דאַנק אייך! — האָט אַ צעטומלטער און פריילעך אויסגערופן דער אָפּנעמער... — אויב איר האָט נאָר רעכט...

— איך בין — באַלעבאָס! — האָט פאָמאַ שטייף אַ זאָג געטאָן...— און וועגן פאָטער האָט איר ניט וואָס צו ריידן אַזוי... און קנייטשן דעם פּרצוף...

— אַנטשולדיקט! — איך צווייפל ניט אין אײַערע פולמאַכטן... איך דאַנק אײַך אויפריכטיק.... און אויך אײַער פאָטער אין נאָמען פון אָט די אַלע לייט... אין נאָמען פון פאָלק!

יעפּים האָט מיט אומרו געקוקט אויפן יונגן באַלעבאָס און ציענדיק די ליפּן, געטשמאָקעט מיט זיי, און דער באַלעבאָס האָט מיט אַ גדלותדיק געזיכט זיך צוגעהערט צום האַסטיקן ריידן פון אָפּנעמער, וועלכער האָט אים פעסט געדריקט די האַנט.

— צוויי הונדערט פּוד! אָט דאָס הייסט אויפן רוסישן אופן, יונגערמאַן! איך וועל שוין מעלדן די פּויערים וועגן אײַער מתנה — איר'ט זען, ווי זיי וועלן זיין דאַנקבאַר... און צופרידן.

און ער האָט הויך אויפן קול אַראָפּגעשריען אונטן:

— קינדער! דער באַלעבאָס איז מנדב צוויי הונדערט פּוד.

— דריי הונדערט! — האָט פאָמאַ איבערגעשלאָגן.

— דריי הונדערט... אָ! אַדאַנק! דריי הונדערט פּוד קאָרן, קינדער!

דער עפעקט איז אָבער געווען אַ שוואַכער. די פּויערים האָבן אויפגעהויבן די קעפּ אינדערהויך און האָבן זיי שווייגנדיק צוריק אַראָפּגעלאָזט, נעמענדיק זיך צו זייער אַרבעט. עטלעכע שטימען האָבן ניט דרייסט און ווי ניט ווילנדיק אַרויסגעוואָרפן:

— אַדאַנק... זאָל דיר גאָט געבן... מיר דאַנקען אײַך אונטערטעניק...

עמעצער האָט פריילעך און בהרחבהדיק אויסגעשריען:

— וואָס הייסט! ער וואָלט אונז בעסער געגעבן בראַנפן צו גלעזעלעך... וואָלט דאָס געווען אַ פּויניקייט... אַן אמתע! אָבער ברויט — דאָס איז דאָך ניט פאַר אינז — דאָס איז פאַר דער זעמסטווע....

— עך! זיי פאַרשטייען ניט! — האָט צעטומלט אויסגערופן דער אָפּנעמער. — איך וועל זיי גיין דערקלערן...

און ער איז נעלם געוואָרן. נאָר פאָמען האָט ניט אינטערעסירט די באַציונג פון די פּויערים צו זיין מתנה. ער האָט געזען, אַז די שוואַרצע אויגן פון דער רויטער פרוי קוקן אויף אים אַזוי אויסטערליש און אים איז דערפון אָנגענעם. זיי האָבן אים געדאַנקט, געצערטלט, גערופן צו זיך, און אויסער זיי האָט ער גאָרנישט געזען.

די דאָזיקע פרוי איז געווען אָנגעטאָן שטאָטיש — אין שיך, אין אַ סיטצן קאָפּטל, און אירע שוואַרצע האָר זיינען געווען אונטערגעבונדן מיט עפּעס אַ באַזונדער טיכל. אַ הויכע און בויגיקע, איז זי געזעסן אויפן הויפן האָלץ און פאַרדיכט די זעק, באַוועגנדיק שנעל מיט די הענט, וועלכע זיינען געווען נאַקעט ביזן עלנבויגן, און אַלץ געשמייכלט צו פאָמען.

— פאָמאַ איגנאַטיטש! — האָט ער פּלוצלונג דערהערט יעפימס קול מיט אַ פאָרוואורף. — האָסט זיך היינט נישקשהדיק ברייט צעוואָרפן... ס'וואָלט געווען גענוג אַ פוסציק פוד! און דאָ — אַזויפיל! זע אָקאָרשט, מיר זאָלן האָרט ניט כאַפּן ביידע אַ פּאָרציע דערפאַר...

— לאָז געמאַך! — האָט פאָמאַ קורץ אָפּגעהאַקט.

— מיין דאַגה? איך וועל שווייגן... דו ביסט נאָך אָבער אַזוי יונג, און מיר האָט מען געהייסן — אַכטונג געבן! — פאַרן ניט אַכטונג געבן וועל איך שוין באַקומען אַ פּסק...

— איך וועל אַליין זאָגן דעם פאָטער... שווייג! האָט פאָמאַ געזאָגט.

— מיין עסק... גאָט איז מיט דיר... מילא — דאָ ביסטו באַלעבאָס...

— נו, שוין... גענוג.

— איך רייד דאָך דאָס, פאָמאַ איגנאַטיטש, צוליב דיר... ווייל דו ביסט דאָך נאָך יונג און... נאַיוו.

— הער שוין אויף, יעפים!...

יעפים האָט אַ זיפץ געטאָן און שטיל געוואָרן. און פאָמאַ האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף דער פרוי און געטראַכט:

— אָט ווען מען וואָלט אַזאַ צו מיר געבראַכט... צום פאַרקויפן.

זיין האַרץ האָט אַלץ שטאַרקער געקלאַפּט. זייענדיק נאָך פיזיש אומשולדיק, האָט ער שוין פון שמועסן, געוואוסט דעם סוד פון די אינטימע באַציִונגען צווישן מאַן און ווייב. ער האָט דאָס געוואוסט אונטער גראָבע און מיאוסע נעמען, די דאָזיקע נעמען האָבן געוועקט אין אים אַן אומאָנגענעמע, ברענענדיקע נייגעריקייט און בושה; זיין דמיון האָט עקשנותדיק געאַרבעט, אָבער דאָך

האָט ער זיך דאָס אַליץ ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן אין אַזאַ געשטאַלט, וועלכע זאָל אים זיין פֿאַרשטענדלעך. אין האַרצן האָט ער ניט געגלויבט, אַז די דאָזיקע באַציִונגען זאָלן זיין אַזוי מגושם און גראָב, ווי מען דערציילט וועגן זיי. ווען מען האָט אים מיט חוזק פֿאַרזיכערט, אַז זיי זיינען נאָר אַזעלכע און אַז אַנדערש קאָנען זיי ניט זיין, האָט ער נאַריש און מבולבלדיק געשמייכלט, נאָר האָט דאָך פֿונדעסטוועגן געקלערט, אַז ניט פֿאַר אַלע מענטשן גלייך זיינען די באַציִונגען מיט דער פֿרוי אומבאַדינגט אין אַזאַ מיאוסער פֿאָרם, און אַז געווים איז דאָ עפּעס ריינערס און ווייניקער נבזהדיקס און באַליידיקנד פֿאַרן מענטשן.

קוקנדיק איצט מיט פֿאַרגעניגן אויף דער שוואַרצאויגיקער אַרבעטערין, האָט פֿאָמאַ דייטלעך געשפּירט דווקא אַ גראָבע נייגונג צו איר, — ער האָט זיך געשעמט פֿאַר זיך גופֿא און אים איז געווען עפּעס אַזוי שרעקלעך. יעפֿים איז געשטאַנען לעבן אים און וועגנדיק יעדן וואָרט גערעדט:

— דו קוקסט אַצינד אויפֿן ווייבל... דאָס קען איך שוין ניט פֿאַרשווייגן... דו קענסט זי ניט, אָבער לויט ווי זי ווינקט דיר, קאָנסטו נאָך צוליב דיין... יוגנט אָנמאַכן דאָ, מיט דיין כאַראַקטער, אַזעלכע צרות, אַז מירן פֿונדאַנען מוזן אַוועק צופֿוס... און מירן נאָך זיין צופֿרידן, אויב כאָטש די תחתונים וועלן ביי אונז פֿאַרבלייבן גאַנץ...

— וואָס ווילסטו? — האָט פֿאָמאַ אַ פֿרעג געטאָן, רויט פֿון צעטומלטקייט.

— איך — וויל גאָרנישט... נאָר דו דאַרפֿסט מיך פֿאָלגן... אין ווייבערשע זאַכן קאָן איך דיר זיין אַ רבי... מיט אַן אישה דאַרף מען זיך באַגיין פּשוט — אַ פֿלעשל בראַנפֿן, עפּעס פֿאַרבייסנס, נאָכהער אַ פּאָר בירן און ככלות הכל — גיב איר געלט אַ צוויי גילדן. פֿאַרן דאָזיקן מקח וועט זי דיר איר גאַנצע ליבע אַוועקגעבן, וואָס בעסער קאָן שוין ניט זיין...

— דו ליגסט... — האָט פֿאָמאַ שטיל זיך אָפּגערופֿן.

— איך ליג? ווי קאָן איך ליגן, אַז איך האָב שוין די דאָזיקע גאַנצע פּאָליטיקע אפֿשר אַמאָל הונדערט דורכגעמאַכט? אָט וואָס —

דו גיב מיר איבער צו פֿאַרפֿירן מיט איר אַן עסק... אַ? איך וועל דיך באַלד באַקאַנט מאַכן מיט איר...

— גוט... — האָט פֿאָמאַ געזאָגט, פֿילנדיק, ווי אים איז שווער צו אָטעמען, און אַז עפּעס ווערגט אים אין האַלז...

— נו, אָט... וועל איך זי דיר ברענגען אינאָווונט...

און שמייכלענדיק צופֿרידן פֿאָמען אין פּנים, איז יעפֿים אַוועק.

האַרט ביזן אָוונט איז פֿאָמאַ אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ נעפּל, ניט באַמערקנדיק די דרך־ארצדיקע און חניפֿהדיקע בליקן פֿון די פֿויערים, וועלכע זיינען שוין געווען צוגעגרייט דורכן אָפּנעמער. אים איז געווען דערווידעריק, ער האָט זיך געפֿילט עפּעס ווי שולדיק וועמען, און ער האָט אַלעמען, וועלכע האָבן זיך געווענדט צו אים, געענטפֿערט ווייך און הכנעהדיק, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט...

אינאָוונט זיינען אַ טייל אַרבעטער אַוועק, די פֿאַרבליבענע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט ביים ברעג לעבן אַ גרויסן ליכטיקן פֿייער — און געקאָכט וועטשערע. אין דער שטילקייט פֿון אָוונט זיינען אַרומגעשוואומען אָפּגעריסענערהייט זייערע רייד. דאָס ברענענדיקע פֿייער האָט אָפּגעשלאָגן אין טייך מיט רויטע און געלע פֿלעקן, זיי האָבן געציטערט אויפֿן רויִקן וואַסער און אויף די שויבן פֿון די פֿענסטער. אין דער קאַיוטע פֿון דאַמפֿער, וואו פֿאָמאַ איז געזעסן, איז געווען פֿינסטער. טוליענדיק זיך אין ווינקל אויף דער צעראַטענער סאָפֿע, האָט ער געוואַרט. אויפֿן טיש פֿאַר אים זיינען געשטאַנען עטלעכע פֿלעשלעך מיט בראַנפֿן און ביר, טעלער מיט ברויט און פֿאַרבייסנס. ער האָט פֿאַרהאַנגען דאָס פֿענסטער און ניט אָנגעצונדן קיין פֿייער; דאָס שוואַכע ליכט פֿון שייטער איז דורכגעדרונגען דורך די פֿאָרהענגלעך, געלייגט זיך אויפֿן טיש, אויף די פֿלעשלעך, אויף דער וואַנט און געצאַפּלט, ווערנדיק אָט העלער, אָט טונקעלער. אויפֿן דאַמפֿער און אויף די בערלינעס איז געווען שטיל, בלויז פֿון ברעג האָבן זיך דערטראָגן אומקלאָרע קלאַנגען פֿון געשפּרעכן, און דאָס קוים הערנדיקע קלאַפּן פֿון וואַסער אָן די זייטן פֿון דאַמפֿער... פֿאָמען האָט אויסגעוויזן, אַז אין חושך האָט זיך עמעצער באַהאַלטן לעבן אים און הערט זיך צו צו אים און קוקט אים נאָך... אָט גייט עמעצער אויפֿן בריקל פֿון דער בערלינע... גייט אַייליק מיט שווערע

טריט, — די ברעטער פון בריקל שלאָגן זיך אָפּ קלינגענדיק און מיט כעס אָן וואַסער... פּאָמאַ הערט אַ דומפּן געלעכטער פון קאַפּיטאַן און זיין נידעריקן קול... יעמים שטייט ביי דער טיר פון זיין קאַיוטע און רעדט עפּעס שטיל, נאָר איבערצייגנדיק, ווי ער וואָלט מיט וועמען עפּעס איינחזרן... פּאָמען האָט זיך געוואָלט פּלוצלינג אַ געשריי טאָן:

— מען דאַרף ניט!

און ער האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן פון סאָפע, נאָר אין דער רגע האָט זיך אייפגעעפנט די טיר פון קאַיוטע, אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ געשטאַלט פון אַ הויכער פרוי, זי האָט שטיל פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און ניט הויך אַרויס־גערעדט:

— טאַטעלעך, ווי פינסטער דאָ איז... איז דאָ פאַראַן אַ לע־בעדיקער מענטש כאָטש?

— פאַראַן... — האָט שטיל געענטפערט פּאָמאַ.

— נו, אַ גוטן אָוונט אייך...

און די פרוי האָט זיך פאָרזיכטיק גערוקט פאָרויס.

— אָט בין איך... איכ׳ל אָנצינדן פייער... — האָט פּאָמאַ צו־געזאָגט מיט אַ ניט גלייכן קול און זיך אַראָפּלאָזנדיק צוריק אויף דער סאָפע האָט ער זיך געטוליעט אין ווינקל.

— ס׳מאַכט ניט אויס... מירן זיך צוגעוויינען. מען זעט אין דער פינסטער אויך...

— זעצט זיך, — בעט פּאָמאַ.

— מיר זיצן שוין... —

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן סאָפע צוויי טריט פון אים. פּאָמאַ האָט געזען דעם גלאַנץ פון אירע אויגן, געזען אַ שמייכל אויף אירע דיקע ליפּן. אים האָט זיך גערעכט, אַז זי שמייכלט איצט ניט ווי זי האָט געשמייכלט צו אים בייטאָג, נאָר עפּעס אַנדערש — ווי רחמנותדיק און ניט פריילעך. דער דאָזיקער שמייכל האָט אים אויפגעמונטערט, אים איז געוואָרן לייכטער צו אָטעמען ביים בליק פון אירע אויגן, וועלכע האָבן זיך, באַגעגענענדיק מיט זיינע, אַראָפּגעלאָזט. ער

האָט אָבער ניט געוואוסט, וועגן וואָס זאָל ער ריידן מיט דער דאָזיקער פרוי, און אַ פּאָר רגעס האָבן זיי ביידע געשוויגן מיט אַ שווערן ניט פרייען שווייגן... לסוף האָט זי אָנגעהויבן:

— אייך איז אומעטיק, אַליין?

— יאָ־אָ, — האָט פּאָמאַ געענטפערט.

— געפעלן אייך אונזערע מקומות? — האָט זי ווידער געפרעגט מיט אַ האַלבן קול.

— זייער... אַ סך וואַלד...

און ווידער האָבן זיי געשוויגן...

— דער טייך איז שענער ווי די וואָלגע — האָט פּאָמאַ מיט שווערקייט קוים אַרויסגערעדט.

— איך בין געווען אויף דער וואָלגע.

— וואו?

— אין דער שטאָט סימבירסק...

— סימבירסק... — האָט ווי אַ ווידער־קול איבערגעחזרט פּאָמאַ, פילנדיק, ווי ער איז ווייטער ניט בכוח אויסצוריידן אַ וואָרט, און זי, פאַרשטייענדיק מיט וועמען זי האָט צו טאָן, האָט מיט אַ לעבעדיקן פלאַפלען געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו מיך מיט גאָרנישט מכבד, באַלעבאָס?

— טאַקע! — האָט זיך פּאָמאַ אַ טרייסל געטאָן. אָט אַ וועלכער איך בין! נו, ביטע, קומט צום טיש...

ער האָט זיך גערוקט אין דער פינסטער, אָנגעשטויסן זיך אָן טיש, גענומען אין האַנט דאָ איין פלעשל, דאָ די צווייטע, און זיי צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט, שמייכלענדיק ווי אַ שולדיקער און מבולבלדיק. זי איז האַרט צוגעגאַנגען צו אים און זיך אַוועקשטעלנדיק לעבן אים, האָט זי געקוקט מיט אַ שמייכל אויף פּאָמעס פּנים און אויף זיינע ציטערדיקע הענט.

— דו שעמסט זיך? — האָט זי פּלוצלינג אַ שעפּטשע געטאָן.

ער האָט דערפילט איר אָטעם אויף זיין באַק און האָט שטיל געענטפערט:

— יאָ־אָ...

דאַן האָט זי אַוועקגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אַקסלען און שטיל אים צוגעבויגן צו איר ברוסט, ריידנדיק מיט אַ באַאומרויִקנדיקן געפּליסטער:

— ס׳שאַדט ניט, שעם זיך ניט... מען קאָן דאָך ניט אָן דעם... מיין שיינינקער... מיין יונגינקער... אַ רחמנות אויף דיר!...

אים האָט זיך געוואָלט וויינען אונטער איר געפּלאַפּל, זיין האַרץ איז פאַרגאַנגען אין זיסן תענוג; צודריקנדיק שטאַרק זיין קאָפּ צו איר ברוסט, האָט ער זי אַיינגעקלאַמערט אין זיינע הענט, ריידנדיק צו איר עפּעס אומפאַרשטענדלעכע רייד, וואָס ער האָט אַליין אויך ניט געוואוסט . . . .

. . . .

— גיי אַוועק, — האָט מיט אַ דומפּן קול געזאָגט פּאָמאַ, קוקנדיק מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אויף דער וואַנט.

אַ קוש טוענדיק אים אין באַק, האָט זי זיך געהאָרכזאַם אויפגעהויבן און אַרויס פון קאַיוטע, זאָגנדיק אים:

— נו, אַדיע...

פּאָמאַ האָט זיך אַזוי געשעמט פאַר איר; נאָר ווי זי איז אַרויס, איז ער אויפגעשפרונגען און זיך געזעצט אויף דער סאָפע. נאָכדער איז ער אויפגעשטאַנען און תיכף דערשפירט, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרלאָרן. דער דאָזיקער געפיל האָט אַרומגענומען זיין גאַנצן וועזן, אַזאַ געפיל האָט ער גאָר פריער ניט געהאַט... און באַלד דערויף האָט זיך אין אים דערוואַכט אַ מוטיקער געפיל פון שטאָלצקייט מיט זיך גופא. דער געפיל האָט איינגעשלונגען אין אים די בושה און אויפן אָרט פון דער בושה איז אויסגעוואַקסן אַ רחמנות־געפיל צו דער פרוי, וואָס איז האַלב־נאַקעט אין עלנד אַוועק פון אים ערגעץ אין דער פינסטערניש פון דער קאַלטער מאַי־נאַכט.

ער איז שנעל אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַיוטע אויפן איבער־דעק — די נאַכט איז געווען אַ שטערנדיקע, נאָר ניט קיין לבנהדיקע; אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ קעלט און אַ חושך... אויפן ברעג האָט נאָך געפינקלט אַ גאָלד־רויטער היפן פון קוילן. פּאָמאַ האָט זיך צוגעהערט — אַ דריקנדיקע שטילקייט איז געווען אויסגעגאָסן אין אַוויר, בלויז דאָס וואַסער האָט געפּליסטערט, צעברעכנדיק זיך אָן די

קײטן פֿון די אַנקערס, און אין ערגעץ איז ניט געװען צו הערן קײן קלאַנג פֿון טריט. אים האָט זיך פֿאַרװאָלט רופֿן די פֿרױ, נאָר ער האָט ניט געװאוסט איר נאָמען. דאָרשטיק אַרײַנאָטעמענדיק מיט דער ברײטער ברוסט דעם פֿרישן אַװיר, איז ער עטלעכע רגעס געשטאַנען אױפֿן אײבער־דעק, נאָר פּלוצלינג האָט זיך פֿון הינטער דער קאַיוטע, אַזש פֿון צװײטן עק דאַמפֿער דערטראָגן צו אים עמעצנס אַ זיפֿץ. אַ רעשיקער און אַ שװערער, ענלעך אױף אַ כליפּען. ער האָט אַ ציטער געטאָן און פֿאַרזיכטיק געגאַנגען אַהין, פֿאַרשטײענדיק, אַז זי איז דאָרטן.

זי איז געזעסן אױפֿן ברעג פֿון שיפֿדעק און אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אױף אַ קופּע שטריק, האָט זי געװײנט. פּאָמאַ האָט געזען, װי ס'האָבן געציטערט אירע װײַסע אָפּגעדעקטע שולטער, געהערט אירע שװערע זיפֿצן און ס'איז אים אַלײן אױך געװאָרן שװער.

איבערבױגנדיק זיך צו איר, האָט ער מיט אַ ציטער געפֿרעגט:

— װאָס איז?

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אים ניט געענטפֿערט.

— צי האָב איך דיך דען באַלײדיקט?

— גײ אַװעק... — האָט זי געזאָגט.

— יאָ... האָט װי צעטומלט געזאָגט פּאָמאַ, אַנרירנדיק מיט זײַן האַנט איר קאָפּ. דו זײ ניט ברוגז... ביסט אַלײן שולדיק...

— איך בין ניט ברוגז, — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ הױכן געפּלאַפּל. — פֿאַרװאָס זאָל איך עפּעס ברוגז זײַן אױף דיר? דו ביסט דאָך ניט קײן פּראָסטער יונג... ניט קײן, פֿאַרגװאַלטיקער... דו ביסט דאָך אַ רײנע נשמה! עך, אָדלערל מײַנער, טײַערער! זעץ זיך דאָ לעבן מיר...

און נעמענדיק פּאָמען פֿאַרן האַנט, האָט זי אים אַװעקגעזעצט, װי אַ קינד, צו זיך אױף די קני, צוגעדריקט זײַן קאָפּ צו איר ברוסט און ענדלעך צוגעקלעפּט אױף לאַנג אירע הײסע ליפּן צו זײַנע ליפּן.

— פאַרוואָס וויינסטו? — האָט פּאָמאַ געפרעגט, גלעטנדיק מיט איין האַנט איר באַק און מיט דער צווייטער אַרומנעמענדיק איר האַלז.

— צוליב מיר וויין איך... פאַרוואָס האָסטו מיך משלח גע־ווען? — האָט זי מיט פאַרדראָס געפרעגט.

— איך האָב זיך פאַרשעמט, — האָט פּאָמאַ געענטפערט, אַראָפּ־לאָזנדיק דעם קאָפּ.

— טייבעלע מיינס! זאָג שוין דעם גאַנצן אמת — איך בין דיר ניט געפעלן? — האָט זי געפרעגט, שמייכלענדיק, אָבער אויף פּאָמעס ברוסט זיינען נאָך אַלץ געפאַלן גרויסע הייסע טרערן.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט מיט אַ שרעק אויסגערופן דער יונג און גענומען היים און האַסטיק ריידן צו איר עפּעס ווער־טער וועגן איר שיינקייט, וועגן דעם, אַז זי איז אַ צערטלעכע, אַז ער האָט אויף איר רחמנות און אַז ער שעמט זיך פאַר איר. זי האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און אַלץ געקושט זיינע באַקן, זיין האַלז, זיין קאָפּ און זיין אָפּגעדעקטע ברוסט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, — דאַן האָט זי גענומען ריידן שטיל און טרויעריק, פּונקט ווי נאָך אַ טויטן.

— און איך האָב געמיינט עפּעס אַנדערש... ווי נאָר דו האָסט מיר געזאָגט — גיי אַוועק! האָב איך זיך אויפגעשטעלט און אַרויס!... און עפּעס אַזוי ביטער איז מיר געוואָרן פון דיינע ווער־טער... ס'האָט שוין געטראָפן, אַז מען איז מיט מיר געווען לייכט־זעליק, מען האָט מיך געצערטלט אָן אַן אויפהער, אָן אַן אָפּרו; פאַר מיינעם אַן איינציקן שמייכל, אַ ווייכן, האָבן אַלע געטאָן אַליק, וואָס איך האָב נאָר פאַרלאַנגט... איך האָב זיך דאָס דערמאָנט און צעוויינט! ס'איז מיר געווען אַ שאָד מיין יוגנט... מיר איז דאָך שוין דרייסיק יאָר... די לעצטע טעג פאַר אַ פרוי! ע־עך, פּאָמאַ איג־נאַטיעוויטש! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ העכערן קול און צו־איילנדיק דעם ריטם פון איר זינגענדיקער שפּראַך, וועמעס קלאַנגען זיינען געווען ענלעך צום שיינעם געפּליכטער פון וואַסער.

— הער מיך אויס — היט דיין יוגנט! ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין בעסערע זאַך פאַר איר. ניטאָ קיין טייערערע זאַך פאַר

איר! מיט דער יוגנט קאָנסטו אַלץ, וואָס דו ווילסט, מאַכן, פונקט ווי מיט גאָלד. לעב אַזוי, אַז ס'זאָל זיין אויף דער עלטער מיט וואָס צו דערמאָנען די יונגע יאָרן... אָט האָב איך זיך דערמאָנט און כאָטש איך האָב זיך צעוויינט, האָט זיך דאָס האַרץ צעפלאַקערט בלויז פון דערמאָנען זיך, ווי כ'האָב פריער געלעבט... און ווידער בין איך געוואָרן יונג, ווי כ'וואָלט אויסגעטרונקען פריש וואַסער! קינדעלע, דו מיין זיסינקע! כ'וועל מיט דיר אַ הוליע טאָן, אויב איך בין דיר געפעלן, כ'וועל מיט דיר אַ הוליע טאָן מיטן גאַנצן כוח... עך! האָב איך זיך שוין איינמאָל אָנגעצונדן, וועל איך שוין ברענען ביז אַש!

און צודריקנדיק שטאַרק צו זיך דעם יונג, האָט זי אַ דאָרשטיקע גענומען קושן אים אין די ליפן.

— אַ—כ—ט—ו—נ—ג! — האָט בענקענדיק געיאָמערט דער וועבטער אויף דער בערלינע און שנעל אויסציענדיק דעם „טונג“ — האָט ער אָנגעהויבן קלאַפן מיטן קלאַפער... די שאַרפע שניידנדיקע קלאַנגען האָבן געריסן די מאַיעסטעטישע שטילקייט פון דער נאַכט.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען די בערלינעס האָבן זיך אויסגעלאָדן, און דער דאַמפער איז שוין געווען גרייט אָפּצוגיין קיין פערם,— האָט יעפים, צו זיין גרויסן פאַרדראָס, דערזען, ווי צום ברעג איז צוגעפאָרן אַ פור, און אויפן פור איז געזעסן די שוואַרצאויגיקע פעלאַגייע מיט אַ קאַסטן און מיט עפעס פעקלעך.

— היים די מאַטראָסן צונעמען די זאַכן. — האָט פאָמאַ באַפוילן, ווייזנדיק מיטן קאָפּ אויפן ברעג.

שאָקלענדיק, ווי מיט פאָרוואורף, מיטן קאָפּ, האָט יעפים מיט אַ כעס דערפילט זיין באַפעל, און נאָכדעם מיט אַ נידעריקן קול געפרעגט:

— וואָס? זי אויך מיט אונז?

— זי פאָרט מיט מיר... — האָט פאָמאַ קורץ געמאָלדן.

— פאַרשטייט זיך... אַז ניט מיט אַלעמען... רבונו=של=עולם!

— וואָס אַרט דיך?

— אַך, פּאַמאַ איגנאַטיִטש! מיר שווימען דאָך אין אַ גרויסער שטאָט... וויניק דאָרט פאַראַן אַזוינע ווייבער?

— דו שווייג אָקאָרשט... האָט שטרענג געזאָגט פּאַמאַ.

— איכ'ל שווייגן... ס'איז אָבער ניט קיין דרך!

— וואָס?

— אָט דאָס דאָזיקע הולטאַייסטווע אונזערס... ס'איז דאָך פונדעסטוועגן ביי אונז אַ שיף אַן אָנשטענדיקע... אַ ריינע, און אָט האָסטו דיר גאָר אַן אשה! און נאָך אַ וואָסערע! ס'וואָלט כאָטש געווען ניט פון די — דאָס איז ניט מער ווי אַ קליידל.

פּאַמאַ האָט זיך פאַרברוגזט און געזאָגט צום קאַפּיטאַן מיט אַ הערשערישן טאָן:

— דו, יעפים, היט די נאָז, און זאָג אַלעמען אָן, אַז טאָמער הער איך וועגן איר אַ מיאוס וואָרט, וועל איך מיט אַ שייטהאָלץ איבערן קאָפּ...

— ס'אַראַ שרעק! — האָט יעפים ניט געגלויבט און מיט נייגעריקייט געקוקט דעם באַלעבאָס אין פּנים. ער איז אָבער באַלד אָפּגעטראָטן פאַר פּאָמען. איגנאַטס בנאָק האָט ווי אַ וואָלף גע־קריצט מיט די ציין, די שוואַכע אַקסלען זיינען ברייט געוואָרן, און ער האָט זיך צעשריען:

— זאָל מען נאָר וואַגן!... זאָל מען נאָר פּרוּוון!

כאָטש יעפים האָט מורא געהאַט, האָט ער פונדעסטוועגן מיט ווערדע זיך אָפּגערופן:

— כאָטש איר, פּאַמאַ איגנאַטיטש, זייט דער באַלעבאָס, נאָר מיר האָט מען אָנגעזאָגט: „יעפים, גיב אַכטונג"... און דער קאַפּיטאַן — בין איך.

— אַ קאַפּיטאַן?! — האָט פּאַמאַ אַ געשריי געטאָן, ציטערנ־דיק אינגאַנצן און ווערנדיק בלייך, — און ווער בין איך?

— איז וואָס — שרייט ניט אַזוי!... צוליב אַ נאַרישקייט... צו־ליב עפּעס אַ אשה...

אויף פּאָמעס בלייכן פּנים זיינען אַרויסגעטראָטן רויטע פלעקן, ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, מיט אַ ציטעריקער באַ־

װעגונג האָט ער באַהאַלטן די הענט אין די קעשענעס פון רעקל און מיט אַ גלייכן און האַרטן קול האָט ער אַרויסגערעדט:

— דו! קאַפּיטאַן! אָט וואָס — טאָמער זאָגסטו קענגן מיר נאָך איין וואָרט — מעגסטו זיך אָפּטראָגן צו אַלדי רוחות! וואָן! אויפן ברעג! איך וועל מיטן לאָצמאַן פאָרן. פאַרשטאַנען? איבער מיר וועסטו ניט באַלעבאַטעווען... נו?

יעפּים איז געווען איבערראַשט. ער האָט געקוקט אויפן באַלעבאָס און קאָמיש געפינטלט מיט די אויגן, ניט געפינענדיק וואָס צו ענטפערן אים.

— האָסט פאַרשטאַנען, פרעג איך?

— פאַר—שטאַ-נען... איך פאַרשטיי! — האָט יעפּים אויסגעצויגן. — איבער וואָס, איבעריקנס, אַזאַ טומל? איבער...

— שווייג!

די ווילד-פינקלדיקע אויגן בײַ פאָמען און זיין פון כעס אויסגעקרימטער פּנים האָבן דעם קאַפּיטאַן אַריינגעגעבן אַ גוטן געדאַנק אָפּצוטראָגן זיך וואָס גיכער פון באַלעבאָס. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און אַוועק.

— פו-ו, ס'איר אַ קעלט ער יאָגט אָן, אַ? אַפּנים דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פונם בוים... — האָט ער מיט ביטול געבורטשעט, גייענדיק איבער דער אייבערדעק. ער איז געווען בייז אויף פאָמען און געהאַלטן, אַז ער האָט אים בחינם באַליידיקט; אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער דערשפּירט אויף זיך אַ פעסטע, אמתע, באַלעבאַטישע האַנט. אים, וואָס יאָרנלאַנג איז ער געוויינט געווען צו זיין אונטערטעניק, איז געפעלן געווען אָט די אויף אים אַרויסגעוויזענע מאַכט און אַריינגייענדיק צום אַלטן לאָצמאַן אין קאַיוטע, האָט ער אים, ווי מיט אַ צופרידנקייט אין קול, דערציילט זיין סצענע מיטן באַלעבאָס.

— ס'טגעזען? — האָט ער פאַרענדיקט זיין דערציילונג. — קענטיק אַ הינטל פון גוטן מין, שוין אויפן ערשטן געיעג — אַ גוטער כלב... אויפן אויסזען — איז ער אַזוי זיך... אַ מענטשל נאָך מיט אַ נעפּלדיקן פאַרשטאַנד... נו, ס'איז גאָרנישט, זאָל ער הוליען... קיין בייז איז דאָ ניטאָ... ביי דעם כאַראַקטער, וואָס ער האָט... ווי

ער האָט דאָס געשריִען אויף מיר! ד"ה — ווי אַ שופר, וואָלט איך געזאָגט!... און באַלד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַלעבאָס... פּונקט ער וואָלט די מאַכט און די שטרענגקייט נאָך פֿון דער מאַמעס ברוסט אַריינגעזויגן...

יעפּים האָט געזאָגט דעם אמת: פֿאַר די עטלעכע טעג האָט זיך פֿאַמאַ שטאַרק געענדערט. די אויפֿגעפֿלאַקערטע ליידנשאַפֿט האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ באַהערשער פֿון דער נשמה און קערפּער פֿון דער דאָזיקער פֿרוי. און ער האָט דאָרשטיק געטרונקען דעם תּענוג פֿון דער דאָזיקער מאַכט, וואָס האָט אויסגעבענקט ביי אים דאָס אומגעלומפּערטע, וועלכע פֿלעגט אים מאַכן טרויעריק און נאַריש. און פֿאַרניכטנדיק דאָס, האָט ער אָנגעטרונקען זיין האַרץ מיט יונגער גדלות און מיט באַוואוסטזיין פֿון זיין מענטשלעכן ווען. די ליבע צו דער פֿרוי איז שטענדיק פֿרוכטבאַר פֿאַרן מאַנספּאַרשוין, — וואָס פֿאַר אַ ליבע עס זאָל ניט זיין, אַפֿילו ווען זי פֿאַרשאַפֿט נאָר יסורים, — זיינען זיי אָבער תּמיד כדאַי. זייענדיק פֿאַר דער קראַנקער נשמה אַ שטאַרקער סם, איז די ליבע פֿאַר דעם געזונטן, ווי אַ פֿייער פֿאַר אַייזן, וואָס וויל ווערן שטאָל.

פֿאָמעס נייגונג צו דער דרייסיקיעריקער פֿרוי, וועלכע פֿלעגט זיך אַ יונגע וואַרפֿן אין זיינע אָרעמס, האָט אים ניט אָפּגעריסן פֿון זיינע געשעפֿטן; ער פֿלעגט זיך ניט פֿאַרלירן, סיי אין די צערטלערייען, סיי אין דער אַרבעט, אַרויסווייזנדיק זיך אומעטום, ווי ער איז געווען.

די פֿרוי האָט, ווי אַ גוטער וויין, אין אים געוועקט, מיט דער זעלביקער קראַפֿט, דאָרשט נאָך אַרבעט און ליבע, און אויך זי אַליין איז געוואָרן יינגער פֿון דעם יונגנס קושן.

אין פֿערם האָט אויף פֿאָמען געוואַרט אַ בריוו פֿון טויפֿפֿאָטער, וועלכער האָט אים געשריבן, אַז איגנאַט האָט אָנגעהויבן טרינקען, מחמת בענקשאַפֿט צום זון, און דאָס איז שעדלעך פֿאַר זיינע יאָרן. דער בריוו האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַן עצה, צואיילן די עסקים און גיכער קומען צו פֿאָרן אַהיים. פֿאָמאַ האָט פֿון דער דאָזיקער עצה דערשפּירט אַן אומרויִקייט, וואָס האָט אים פֿאַרביטערט זיין ליכ-טיקן יום-טוב. אָבער די געשעפֿטלעכע דאגות און פֿעלאַגייעס

צערטלעכקייטן האָבן גיך פאַרגעסן געמאַכט דעם דאָזיקן שטער פון זיין פרייד. זיין לעבן איז געפלאָסן מיט דער גיכקייט פון טיידכוואַליעס, און יעדער טאָג האָט אים געבראַכט נייע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן גורם געווען ביי אים נייע געדאַנקען. פלאַגייע האָט זיך צו אים באַצויגן מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון אַ פאַרליבטער, מיט יענעם כוח פון די געפילן, אין וועלכע די פרויען אין אירע יאָרן וועבן אַריין אַלע זייערע איבערלעבונגען, אויסטרינקענדיק די לעצטע טראָפנס פון דעם כוס פון לעבן. צייטנווייז האָט זיך אין איר דערוואַכט אַ נייער געפיל, וועלכער איז געווען ניט ווייניקער שטאַרק, און וואָס האָט נאָך מער צוגעבונדן צו איר פּאָמען, — אַ געפיל ענלעך צו דער שטרעבונג פון אַ מוטער צו פאַרהיטן איר געליבטן זון פון פעלערן און לערנען אים שכל, ווי אַזוי צו לעבן. אָפט אין די נעכט, זיצנדיק אויפן אייבערדעק, אַרומגענומען מיט אים, האָט זי צערטלעך און מיט אַ טרויער גערעדט צו אים:

— הער מיך אויס, ווי אַן עלטערע שוועסטער... כ'האָב געלעבט; און כ'קען די מענטשן... אַ סך האָב איך שוין אויף מיין וועלט געזען!... אַ חבר זאָלסטו זיך אויסקלייבן באַטראַכטערהייט, ווייל ס'זיינען דאָ אַזוינע, וועלכע זיינען אָנשטעקנדיק ווי אַ קראַנקהייט. דו וועסט אַפילו פריער ניט פאַרשטיין, ווער ער איז. דאַכט זיך, אַ מענטש ווי אַלע, און פּלוצלינג, אַליין ניט באַמערקנדיק, וועסטו אים אָנהייבן נאָכמאַכן אין לעבן און נאָכדעם זעסטו זיך אַרום, אַז דו האָסט זיך אָנגעשטעקט מיט זיינע חסרונות... אָט איך, למשל, האָב אַליין פאַרלאָרן צוליב אַ חברטע... געהאַט אַ מאַן... צוויי קינדער.. גוט געלעבט... דער מאַן איז געווען אַ שרייבער אין וואָלאָסט.

אַנטשווייגנדיק ווערנדיק, האָט זי לאַנג געקוקט איבערן פאָרענטש פון דער בערלינע, אויפן אויפגערודערטן וואַסער, און אָפּזיפצנדיק, האָט זי ווידער גערעדט:

— מיט אונזערער אַ שוועסטער — זאָל דיך די הייליקע גאָטס מוטער אָפּהיטן! זיי פאָרזיכטיק... דו ביסט נאָך ווייך... עס פעלט דיר נאָך די אמתע האַרטקייט... צו אַזעלכע ווי דו חנפענען זיך די ווייבער... דו ביסט שטאַרק, שיין, רייך... מער פון אַלץ זאָלסטו זיך

היטן פון די שטילינקע — זיי זויגן זיך איין ווי פּאַזוקעס אין אַ מאַנספאַרשוין... זויגן זיך איין און קוועטשן אים... קוועטשן אים אויס... און אַליין זיינען זיי אַזוינע צערטלעכע, אַזוינע מילדינקע. אַזאַ וועט אויסזויגן פון דיר דיין זאַפט, אָבער זיך — וועט זי פאַר־היטן... אַזאַ וועט דיר בחינם אָפּעסן דאָס האַרץ... דו פאַרברענג בעסער מיט אַזעלכע... ווי איך — דרייסטע! אַזעלכע לעבן גיט פאַר זיך.

זי האָט זיך ווירקלעך באַנוגנט מיט ווייניק. אין פּערם האָט פּאָמאַ איינגעקויפט פאַר איר אַ פולע ניים און קליינקייטן. זי האָט זיך מיט זיי דערפרייט, אָבער באַקוקנדיק דאָס, האָט זי אַ באַזאָרגטע זיך אָפּגערופן:

— דו וואַרף זיך ניט אַרום אַזוי מיט געלט... זע נאָר אָקאָרשט, דער טאַטע זאָל ניט ווערן אין כעס... איך האָב דיך אַזוי, אָן דעם, אויך גענוג ליב...

נאָך פריער האָט זי אים געמאָלדן, אַז זי וועט פאָרן מיט אים בלויז ביז קאַזאַן, וואו זי האָט אַ חתונה־געהאַטע שוועסטער. פאָ־מען האָט זיך ניט געגלייבט, אַז זי וועט פון אים אַוועקגיין, און ווען אַ נאַכט — פאָרן קומען אין קאַזאַן — האָט זי אים איבער־געחזרט אירע רייד, איז ער געוואָרן טרויעריק און גענומען בעטן, זי זאָל אים ניט אַוועקוואַרפן.

— דו קלעם זיך נאָך ניט... מיר האָבן נאָך פאַר זיך אַ גאַנצע נאַכט... אַז מיר וועלן זיך זעגענען, וועסטו דאַן האָבן צייט צו דאַגהן... ווייל ס'וועט דיר טאָן באַנג...

נאָר ער האָט נאָך אַלץ מיט גרוים הייץ זי צוגערעדט, ניט צו פאַרלאָזן אים, און צום סוף האָט ער איר — ניט אומדערוואַרט — פאָרגעלייגט, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.

— אָט... אָט... אַזוי גאָר! און זי האָט אַ לאַך געטאָן, — פון אַ לעבעדיקן מאַן, זאָל איך אַוועקגיין צו דיר? טייערער מיי־נער... נאַרעלע!... ס'טויך פאַרוועלט חתונה האָבן? צי מיט אַזוינע האָט מען חתונה?... וועסט נאָך האָבן אַ סך, אַ סך גע־ליבטע... דו האָב דאַן חתונה, ווען דו וועסט זיך איבערקאָכן... ווען דו וועסט זיך מיט אַלע פאַרגעניגנס אָנעסן צו זאַט, וועט זיך דיר דאַן פאַרוועלן שוואַרץ־ברויט, — אָט

דאַן נעם און האָב חתונה. איך האָב שוין באַמערקט, אַז דער געזונטער מאַן דאַרף צוליב זיין אייגענער רו ניט צו־פרי חתונה האָבן... איין ווייב וועט אים זיין ווייניק און ער וועט דאַן גיין צו אַנדערע... אַ ווייב זאָלסטו נעמען פאַר דיין גליק, ווען דו וועסט זיך אַרומזען, אַז איינע איז שוין פאַר דיר גענוג...

נאָר וואָס מערער זי האָט גערעדט, אַלץ פאַרעקשנטער און שטאַרקער איז פאָמאַ באַשטאַנען אויף זיינס, ניט צו שיידן זיך מיט איר.

— דו הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט זי אים רויק געזאָגט. ביי דיר אין האַנט ברענט אַ קינעלע, אָבער דיר איז ליכטיק אָן דעם, טאָ נעם און לאָז אים אַריין אין וואַסער, וועט פון אים קיין סימן ניט בלייבן, און די האַנט וועסטו זיך אויך ניט אָפּברענען...

— איך פאַרשטיי ניט דיינע ווערטער...

— דו פאַרשטיי... דו האָסט מיר קיין בייז ניט געטאָן און איך ווינטש עס דיר אויך ניט... איז גיי איך אַוועק...

שווער צו זאָגן, מיט וואָס ס׳וואָלט זיך געענדיקט די דאָזיקע שקלאַ־וטריא, ווען ס׳וואָלט זיך ניט אַריינגעמישט אַ צופאַל: אין קאַזאַן האָט פאָמאַ באַקומען אַ דעפּעשע פון מאַיאַקינען, וועלכער האָט קורץ באַפוילן דעם טויף־זון: „תיכף־ומיד קום צו פאָרן מיטן פאַסאַזשירסקן!" ביי פאָמען האָט זיך פיינלעך צונויפגעדריקט דאָס האַרץ. אין עטלעכע שעה אַרום איז ער אַ בלייכער און טרויעריקער געשטאַנען אויף דער גאַלעריי פון אָפּגייענדיקן דאַמפער, און זיך איינטשעפּענדיק מיט די הענט אין פאָרענטש, האָט ער אומבאַוועגלעך, ניט רירנדיק מיט די אויגן, געקוקט אין פּנים פון זיין טייערער, וועלכע איז אַוועקגעשוואומען פון אים וייט, צוזאַמען מיטן האַפן און ברעג. פעלאַגייע האָט געפּאָכט צו אים מיט אַ טיכל און געשמייכלט. ער האָט געוואוסט, אַז זי וויינט מיט שווערע, גרויסע טרערן. פון אירע טרערן איז פאָמען נאָס געוואָרן די גאַנצע ברוסט און בלוזע. זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט אַ טרויעריקן אומרו. אים איז געווען שווער און קאַלט. די פרויען־געשטאַלט איז אַלץ געוואָרן קלענער, פונקט זי וואָלט צעגאַנגען געוואָרן, און פאָמאַ

האָט געקוקט אויף איר און געפילט, אַז אינאיינעם מיטן שרעק פאַרן פאָטער און בענקשאַפט נאָך דער פרוי איז אין זיין נשמה געבאָרן געוואָרן אַ נייער שטאַרקער און שאַרפער געפיל. ער האָט עס ניט געקענט אָנרופן ביים נאָמען, נאָר ס'איז געווען ענלעך צו דעם, ווי ער וואָלט פאַריבל געהאַט אויף עמעצן.

דער עולם מענטשן אויפן האַפן האָט זיך צונויפגעגאָסן אין אַ צונויפגעשמידטן טונקעלן און טויטן פלעק אָן אַ פנים, אָן אַ פאָרם און אָן באַוועגונג. פאָמאַ איז אָפגעטראָטן פון אָנלען און אַ פינסטערער געגומען שפאַנען איבער דער אייבערדעק.

די פאַסאַזשירן האָבן הויך גערעדט, געזעצט זיך טרינקען טיי. די לאָקייען זיינען געווען פאַרטאָן מיט באַדעקן די טישלעך, ער־געץ אונטן, אויפן אונטערדעק פון דריטן קלאַס, האָט זיך גע־שפילט אַ קינד, אַ האַרמאָשקע האָט געקלונגען, דער קוכער האָט האַסטיק געקלאַפט מיט האַקמעסערס, און מיט אַ ציטערדיקן קלאַנג האָט געקלונגען דאָס געפעס. דער גרויסער דאַמפער איז גיך גע־שוואומען קעגן שטראָם, צעשניידנדיק די כוואַליעס און פאַרוואַנד־לענדיק זיי אין שוים, — האָט געציטערט, ווי פון אָנשטרענגונג און האָט ווי שווער געאָטעמט... פאָמאַ האָט געקוקט אויפן ברייטן פאַס צעפיצלטע, צעווילדעוועטע און אויפגעבריזטע כוואַליעס הינטערן נאָז פון דאַמפער און דערשפירט פלוצלונג ביי זיך אַ ווילדן חשק עפעס צו ברעכן, צו רייסן, — און אויך צו גיין מיט דער ברוסט קעגן שטראָם און צעברעקלען זיין דרוק אויף זיין ברוסט, אויף זיך, אויף זיינע פלייצעס...

— דאָס מזל! — האָט מיט אַ הייזעריקן פאַרמאַטערטן קול עמעצער זיך אָפגערופן לעבן אים.

דאָס וואָרט איז אים געווען באַקאַנט: מיטן דאָזיקן וואָרט פלעגט אים די מומע אַנפיסאַ תמיד ענטפערן אויף זיינע שאַלות, און ער האָט אין דאָזיקן קורצן וואָרט אַריינגעלייגט זיין פאָרשטע־לונג וועגן כוח, ענלעך צום כוח פון גאָט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די, וואָס האָבן גערעדט, און דערזען צוויי: איינער פון זיי אַ גראָבקער אַלטיטשקער מיט אַ גוט געזיכט, דער צווייטער — אַ יונגער, מיט גרויסע פאַרמאַטערטע אויגן און מיט אַ שוואַרץ

שפּיציק בּערדל. זיין בּיינערדיקע נאָז און געלע איינגעפאַלענע בּאַקן האָבּן דערמאָנט פאָמען זיין טויפפאָטער.

— דאָס מזל! — האָט מיט אַ זיכערן קול איבּערגעחזרט דער אַלטער אַלס אַן ענטפער זיין מיטשמועסער און זיך צעלאַכט. — ער הענגט איבּערן לעבּן — ווי אַ פישער איבּערן וואַסער: ער שליידערט אַריין אין אונזער הבל־הבלים אַ האָק מיט אַ צוגעטשעפּעט ווערעמל, און דער מענטש — טוט עס בּאַלד אַ כאַפּ אַ דאָרשטיקער אין מויל אַריין... דאָ טו עס אַ שלעפּ פאַר דער ווענטקע, — און דער מענטש שלאָגט זיך שוין אָן דער ערד, און דאָס האַרץ איז שוין בּיי אים צעריסן... אַזוי איז דאָס, מיין הער!

פאָמאַ האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן, ווי ס׳וואָלט אים אַ שלאָג געטאָן אַ זון־שטראַל, און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער זיך הויך אָפּגערופן:

— אמת! אמת — טאַקע!

די מיטשמועסער האָבּן שאַרף אַ קוק געטאָן אויף אים: דער אַלטער מיט אַ דינעם און קלוגן שמייכל, און דער מיט די גרויסע אויגן — ניט פריינדלעך, ווי פון אונטערן שטערן. דאָס האָט פאָמען צעטומלט, און ער איז, רויט־ווערנדיק, אָפּגעגאַנגען פון זיי, טראַכטנדיק וועגן מזל און זייענדיק אויפגעבּראַכט: פאַרוואָס האָט דאָס מזל געדאַרפט אים צערטלען, שענקענדיק אים אַ פרוי און בּאַלד צוריק־אַוועקרייסנדיק פון אים די מתנה, אַזוי פשוט און בּאַליידיקלעך? און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ניט־דייטלעכער שאַרפער געפיל, וועלכן ער טראָגט אין זיך, — איז דאָס בּאַליידיקן זיך אויפן מזל פאַר זיין שפּילן מיט אים. ער איז געווען צעבּאַלעוועט פון לעבּן, כדי ער זאָל זיך קענען פּשוטער בּאַציען צו דעם ערשטן טראָפּן סם פון דעם נאַר־וואָס פאַרזוכטן בּעכער, און ער האָט דעם גאַנצן וועג פאַרבּראַכט אָן שלאָף, קלערנדיק וועגן די ווערטער פון דעם אַלטן, און שפּירנדיק אַלץ מער זיין בּאַליידיקונג. אָבּער די בּאַליידיקונג האָט אין אים געוועקט ניט קיין יאוש און טרויער, נאָר אַ צאָרנדיק נקמה־געפיל...

פאָמען האָט בּאַגעגנט דער טויפפאָטער, און אויף זיינע האַסטיקע, אומרויקע פראַגן האָט ער, אַן אויפגערעגטער, גלאַנצנדיק

מיט די גרינלעכע אויגן, דערציילט אים, זעצנדיק זיך מיט אים אינ־איינעם אין בריטשקע:

— דער טאַטע דיינער האָט פון אַלטקייט דעם שכל פאַר־לאָרן...

— ער שיכּורט?

— נאָך ערגער... אינגאַנצן פון זינען אַראָפּ...

— נו? אָ, גאָטעניו! דערציילט שוין...

— פאַרשטייסט: ס'האָט זיך אָפּגעזוכט פון ערגעץ עפּעס אַ בחור־טע... און זיך צוגעשאַרט צו אים...

— ווער איז זי? — האָט פּאָמאַ אויסגערופן, דערמאָנענדיק זיך אָן פּעלאַגייען, און שפּירנדיק אין האַרצן אַ פרייד...

— זי איז צוגעשטאַנען צו אים און זייגט אים...

— אַ שטילינקע?

— אַ שטילינקע!... ווי אַ שריפה... פינף־און־זיבעציק טויזנט האָט זי אים שוין אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַרוים.

— אָ־האָ!... ווער איז זי אַזאַ דאָס?

— סאָנקאַ מעדינסקאַיאַ, דעם אַרכיטעקטאָרס ווייב.

— טאַטעלעך! טאַקע זי?... צי האָט איר דער טאַטע גע־נומען פאַר אַ געליבטע? — האָט שטיל אַ צעטומלטער געפרעגט פּאָמאַ.

דער טויפּפאָטער האָט זיך אָפּגערוקט פון אים, און שמייכ־לענדיק אויסגעשטעלט אויף אים זיינע אויגן און מיט איבערציי־גונג געזאָגט:

— און דו, ברודערקע, ביסט אויך אַראָפּ פון זינען!... בנאמנות, פון זינען... געדענק, צו דריי־און־צוואַנציק יאָר פאַרפירן אַ ליבע... און נאָך פאַר אַזאַ פרייז. איך וועל דערציילן איגנאַטן...

און מאַיאַקין האָט פונאַנדערגעשאָסן אין לופט אַ צאַפּלדיקן געלעכטער, דערביי האָט זיין ציגן בערדל משונהדיק געציטערט. פּאָמאַ האָט ביי אים ניט געקענט דערגיין אַ טאָלק. קענן זיין געוויינהייט איז דער אַלטער געווען אומרויִק, אויפגערעגט. זיין שפּראַך, וואָס איז געווען תמיד אַ גלאַטע, האָט זיך איצט געריסן. ער האָט דערציילט, זידלענדיק זיך בעת־מעשה און שפּייענדיק, און פּאָמאַ

האָט קיים געקאָנט דערגיין וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סאָפּיע פּאַוולאָוונע מעדינסקאַיאַ, די ווייב פון דעם רייכן אַרכיטעקטאָר, וואָס איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ שטאָט אַלס אַ אומדערמידלעכע כּלל־טוערין מיט איר אייגנאַרטיקער פאַרשיי־דענע וואוילטעטיקע אונטערנעמונגען, האָט איינגערעדט איגנאַטן, מנדב צו זיין פינף־און־זיבעציק טויזנט אויף אַ שטאָטישן נאַכט־הויז, אַ לייען־זאַל און אַ פאָלקס־ביבליאָטעק. איגנאַט האָט גע־געבן די געלט און די צייטונגען האָבן שוין אים צעלויבט פאַר זיין ברייטער נדבה. פאַמאַ האָט ניט איין מאָל באַגעגנט די דאָזיקע פרוי אין גאַס. זי איז געווען אַ קליינינקע. ער האָט געוואוסט, אַז מ׳האַלט איר פאַר איינע פון די שענסטע אין שטאָט און מ׳רעדט זייער שלעכט וועגן איר פירן זיך...

— דאָס איגנאַנצן?! — האָט ער אויסגערופן, אויסהערנדיק דעם טויפּפאָטערס דערציילונג,—און איך האָב געמיינט, גאָט ווייס וואָס!...

—דו? דו האָסט געמיינט?... איז מאַיאַקין פלוצלונג געוואָרן אין כּעס, — דו האָסט קיין זאַך ניט געמיינט, דו קטן איינער!

— וואָס זידלט איר זיך? האָט זיך פאָמאַ געוואונדערט.

— זאָג נאָר, פינף־און־זיבעציק טויזנט איז אַ פולע געלט?

— אַ פולע... — ענטפערט פאָמאַ, אַ טראַכט טוענדיק.

— אַ־האַ!

— אָבער דער פאָטער האָט דאָך נאָך אַ סך, וואָס־זשע זייט איר אַזוי...

יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש איז אַרויס פון די כּלים. ער האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטאָן דעם יונג אין פּנים אַריין, און מיט אַ שוואַכן קול אַ פרעג געטאָן...

— דו רעדסט דאָס אַזוי...?

— איך!... ווער־זשע דען?

— דו לייגנסט! דאָס רעדט אין דיר דיין יונגע טיפּשות! יאָ, און מיין אַלטע טיפּשות, וואָס איז אַלע מאָל פּראַקטישער, זאָגט דיר, אַז דו ביסט נאָך אַ שנעק, ס׳איז נאָך צו פרי פאַר דיר צו בילן...

פּאָמען האָט אויך פריער צו־אָפּט פאַרטשעפּעט דעם טויפּפּאָטערס פרייער לשון, מאַיאַקין האָט מיט אים אַלעמאָל גערעדט גראָבער אַפילו, ווי דער פאָטער, אָבער איצטער האָט זיך דער יונג אויף אַן אמת דערפילט באַליידיקט, און איינגעהאַלטן, אָבער פעסט, האָט ער געזאָגט:

— איר זידלט זיך נאָר ניט אַזוי... איך בין דאָך שוין ניט קיין קליינינקער...

— וואָס ביסטו? — האָט מיט ביטול מאַיאַקין אויפהייבנדיק די ברעמען און אויסשטעלנדיק די אויגן אויסגערופן.

פּאָמען האָט עס איבערגעבראַכט. ער האָט אַ קוק געטאָן מאַיאַקינען גלייך אין די אויגן אַריין און אָפּגעוואויגן יעדן וואָרט:

— איך וויל מער ניט הערן אייערע זילזולים.... גענוג!

— ממ... יאָ... אַזוי ...! אַנטשולדיקט!...

יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט געפינטלט מיט די אויגן, געטשמאָקעט מיט די ליפּן, זיך אָפּגערוקט פון דעם טויף־זון און אַ רגע געשוויגן. די בריטשקע איז אַריינגעפאָרן אין אַ שמאָלע געסל און, דערזעענדיק פון וויטן דעם דאַך פון זיין שטוב, האָט פּאָמאַ ניט ווילנדיק זיך אַ רוק געטאָן מיטן גוף פאָרויס. אין דער זעלבער צייט האָט דער טויפּפּאָטער אומגעלומפּערט, אָבער צערטלעך געשמייכלט און געפרעגט אים:

— פּאָמקאַ! זאָג, וואו האָסטו אַזוי אָנגעשאַרפט די ציינער דיינע? אַ?

— צי דען זיינען זיי אַזוי שאַרף געוואָרן? — פרעגט פּאָמאַ אַ דערפרייטער פון דער איצטיקער באַציִונג פון דעם טויפּפּאָטער.

— ס'מאַכט גיט אויס... ס'איז גוט, ברודער, זייער גוט! מיר האָבן זיך מיטן טאַטן זייער געשראָקן זאָלסט ניט זיין קיין למך. נו, און בראַנפן האָסטו זיך אויסגעלערנט טרינקען?

— כ'האָב שוין געטרונקען...

— צו גיך... אַ סך עפּעס?

— ניין, צו ביסלעך...

— ס'איז עפּעס געשמאַק?

— ניט זייער...

— ס'מאַכט ניט אויס... ס'איז ניט קיין בייז... נאָר ביסט שוין צופיל אָפּנהאַרציק און גרייט... זיך מתוודה צו זיין פאַר יעדן גלח אין די עבירות... טו נאָר אַ קלער וועגן דעם: ניט אַלעמאָל דאַרף מען דאָס... אַמאָל דאַרף מען פאַרשווייגן צוליב מענטשן; קיין איבעריקע עבירה איז דאָס ניט. יאָ, דער צונג איז ביים מענטשן זעלטן ניכטער... נו, אָט זיינען מיר שוין געקומען צו פאָרן... דער טאַטע ווייסט נאָך ניט, אַז דו ביסט דאָ... צי איז ער נאָך כאָטש אין דער היים?

ער איז געווען אין דער היים. דורך די אָפענע פענסטער, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַס, האָט זיך דערטראָגן זיין הויכער, אַ ביסל הייזעריקלעכער געלעכטער. דאָס געדודער פון דער בריטשקע, וואָס איז צוגעפאָרן צום הויז, האָט באַוועגט איינטאַן אַ קוק טאָן אין פענסטער, און דערזעענדיק זיין זון, האָט ער פריילעך אויסגערופן:

— אַהאַ געקומען!...

אין אַ רגע אַרום האָט ער שוין געדריקט פאָמען מיט איין האַנט צו דער ברוסט, מיט דער דלאָניע פון דער צווייטער האָט ער אָפּגעבויגן דעם זונס קאָפּ אויף הינטער און אים געקוקט אין פנים אַריין מיט גלאַנציקע אויגן און אַ צופרידענער גערעדט:

— אָפּגעברענט... געזינטער געוואָרן... אַ בריה... אַ בחור... אַ גוטער בן ביי מיר, פריצטע?

— נישקשה... — האָט זיך דערהערט אַ צערטלעכער, זילבערנער קול.

פאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן הינטער דעם טאַטנס פּלייצע און האָט דערזען: אין פאָדערשטן ווינקל פון צימער, אָנגעלענט אָן טיש, איז זיך געזעסן אַ קליינינקע פרוי מיט פרעכטיקע, ווייס-העלע האָר, אויפן בלייכן געזיכט האָבן זיך אויסגעטיילט די טונקעלע אויגן, דינע ברעמען און פוכיקע רויטע ליפּן. הינטער איר פאָטעל איז געשטאַנען אַ גרויסער וואַזאָן און גרויסע שפּיציקע בלעטער זיינען געהאַנגען אין דער לופט איבער איר גאָלדענעם קאָפּ.

— אַ גוט מאָרגן אייך, סאָפיע פאַוולאָוונע! — האָט וויך אַרויסגערעדט מאַיאַקין, צוגייענדיק צו איר מיט אַן אויסגעשטרעק-

טער האַנט, — וואָס? איר נעמט נאָך אַליין קאָנטריבוציע בײַ אונדז קבצנים?

פּאָמאַ האָט שווײַגנדיק געגריסט זיך מיט איר, ניט הערנדיק הן וואָס זי האָט געענטפערט מאַיאַקינען, הן דעם פּאָטערס רייד. די בחורטע האָט שאַרף געקוקט אויף אים מיט אַ העפלעך קלאָרן שמייכל. איר קינדישע געשטאַלט, וואָס איז געווען אײַנגעהילט אין עפּעס אַ טונקעלן שטאָף, האָט כּמעט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער מאַלי־נאָווער מאַטעריע פון דעם פּאָטעל, פון וואָס אירע כוואַליקע גאָלדענע האָר און איר בלייך פּנים האָבן אָפּגעשלאָגן ווי אויף אַ טונקעלן פאָן. זיצנדיק דאָרטן אין ווינקל אונטער די גרינע בלעטער, איז זי געווען ענלעך סײַ אויף אַ בלום און סײַ אויף אַ הייליק בילד.

— זע, סאָפיע פּאַוולאָווינע, ווי ער האָט זיך פאַרקוקט אויף דיר... אַן אָדלער, האַ? — האָט זיך איגנאַט אָפּגערופן.

אירע אויגן האָבן געפינקלט, אויף אירע באַקן האָט אויפגעטויכט אַ שוואַכע ראָזקייט, און זי האָט אַ לאַך געטאָן — ווי ס'וואָלט זיך צעקלונגען אַ זילבערן גלעקל. באַלד איז זי אויפגעשטאַנען, זאָגנ־דיק:

— איך וועל אײַך ניט שטערן, צום ווידערזען!

ווען זי איז אַן רעש פאַרבײַגעגאַנגען פּאָמען, האָט אויף אים אַ ווײַ געטאָן מיט ריחות, און ער האָט דערזען, אַז די אויגן זײַנען בײַ איר טונקל־בלאָ, און די ברעמען דורכאויס שוואַרצע.

— אַוועקגעשוואומען דער העכט — האָט שטיל געזאָגט מאַיאַקין, קוקנדיק מיט אַ בייזקייט נאָך איר.

— נו, דערצייל מיר, ווי ביסטו געפאָרן? אַ סך געלט פאַר־הוליעט? האָט איגנאַט געדונערט, שטופּנדיק דעם זון אין פאָטעל, אין וועלכן ס'איז געזעסן מעדינסקאַיאַ. פּאָמאַ האָט אויף דעם פאָטער אויס־געגלאָצט זײַנע אויגן און זיך געזעצט אין אַן אַנדער פּאָטעל.

— נו, אַ גוטע ווײַבעלע עפּעס? — האָט לאַכנדיק זיך אָפּגערופן מאַיאַקין, בלאָנדזשענדיק מיט זײַנע כיטרע אייגלעך אויף פּאָמעס פיגור. ווערסטו בײַ איר געניצן... וועט זי דיר אַלע געדערים אויפעסן...

פּאָמאַ האָט עפּעס אַ צאַפּל געטאָן, און ניט ענטפערנדיק אים, האָט ער מיט אַ שאַרפן טאָן גענומען ריידן מיטן פּאָטער וועגן זיין נסיעה, נאָר איגנאַט האָט אים איבערגעשלאָגן:

— וואַרט, כ'וועל בעטן קאָניאַק.

— דו טרינקסט דאָ, זאָגט מען, אַ פולע, — האָט פּאָמאַ אומצופרידן אַ זאָג געטאָן.

איגנאַט האָט מיט פאַרוואונדערונג און מיט נייגעריקייט אַ קוק געטאָן אויפן זון און געפרעגט:

— אַזוי רעדט מען דאָס צו אַ טאַטן, האַ?

פּאָמאַ האָט זיך פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— טע־טע! — האָט גוטמוטיק געזאָגט איגנאַט און אַ געשריי געטאָן, מען זאָל דערלאַנגען קאָניאַק.

אויסשטשירענדיק די אויגן, האָט מאַיאַקין געקוקט אויף די גאָרדעיעווס, אַ זיפּץ געטאָן, געזעגנט זיך און איז אַוועק, בעטנדיק זיי צו זיך אינאָוונט אויף טיי מיט מאַלינעס.

— וואו איז די מומע אַנפיסאַ, פרעגט פּאָמאַ, דערפילנדיק זיך פלוצלונג מיטן טאַטן אויג־אויף־אויג עפּעס ניט באַקוועם.

— אין מאָנאַסטיר אַוועקגעפאָרן... נו, דערצייל־זשע און איך וועל טרינקען.

פּאָמאַ האָט אין עטלעכע רגעס דערציילט דעם פּאָטער וועגן די געשעפטן און פאַרענדיקט זיין דערציילונג מיט אַן אָפנהאַרציקייט:

— געלט האָב איך אויסגעגעבן אויף זיך אַ סך...

— וויפל?

— אַ רובל... זעקס הונדערט.

— אין אָנדערהאַלבן חדשים צייט?... ניט ווייניק! איך זע, אַז פאַר אַן אָנגעשטעלטן ביסטו פאַר מיר צו טייער!... וואו האָסטו עס אַהינגעטאָן אַזוי פיל?

— דריי הונדערט פוד ברויט האָב איך געשאָנקען...

— וועמען?... וואו?...

פּאָמאַ האָט אים דערציילט.

— המ... נו, דאָס מאַכט ניט אויס! — האָט דער פּאָטער מסכּים געווען — מ'דאַרף קענען אונזערע... דאָ איז דאָך אַ קלאָרע זאַך... פאַרן פּאָטערס כּבוד... פאַר דעם כּבוד פון דער פירמע און קיין היזק איז דאָ אויך ניטאָ... ווייל דער שם איז דערווייל אַ גוטער. און דאָס, ברודער, איז פאַרן געשעפט די בעסטע רעקלאַמע... — נו, און ווייטער?

— נו... סתּם אַזוי זיך... אויסגעגעבן...

— זאָג דעם אמת, ניט וועגן דעם געלט פרעג איך — כ'וויל וויסן, ווי האָסטו געלעבט — איז איגנאַט באַשטאַנען, באַטראַכטנדיק אויפמערקזאַם און שטרענג דעם זון.

געגעסן, געטרונקען... — האָט זיך פּאָמאַ ניט אונטערגעגעבן, אָפּקערנדיק אַ צעטומלטער דעם קאָפּ.

— געטרונקען? בראַנפן?

— בראַנפן אויך...

— אַזוי-וי... ניט צופרי אפשר?

— פרעג יעפימען, צי כ'האָב זיך אָנגעטרונקען ביז שיכּור...

— צו וואָס פרעגן יעפימען? דאַרפסט מיר אַליין אַליין זאָגן.... אַזוי, הייסט עס, טרינקסט גאָר? מיר געפעלט עס ניט...

— איך קען, ניט טרינקען אויך...

— מילא! קאָניאַק ווילסט?

פּאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאָטער מיט אַ ברייטן שמייכל. אויך דער פּאָטער האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל

— עך דו... צום טייוול, טרינק... אָבער זע — פאַרשטיי אַ עסק... וואָס קען מען טאָן? אַ שיכּורער שלאָפט זיך אויס, אָבער אַ נאַר — קיינמאָל ניט, לאָמיר כאָטש דאָס פאַרשטיין... צוליב דיין פאַרגעניגן... נו, און מיט מיידלעך האָסטו שפּאַצירט? אָבער זאָג מיר דעם אמת... וואָס, שלאָגן וועל איך דיך, מיינסטו?

— שפּאַצירט... געווען איינע אויפן דאַמפער. כ'האָב זי געפירט פון פּערם ביז קאַזאַן.

— נו...

איגנאַט האָט שווער אַ זיפֿץ געטאָן און אָנזשמורענדיק זיך, האָט ער געזאָגט: — צו־פֿרי האָסטו זיך אַריינגעלאָזט...

— מיר איז צוואַנציק יאָר... און דו אַליין האָסט מיר דערציילט, אַז אין דיין צייט האָט מען פֿופֿצן־יעריקע חתונה געמאַכט... — האָט אַ צעטומלטער פֿאָמאַ אָפּגעענטפֿערט.

— האָט מען דאָך חתונה געמאַכט... נו, מילא גענוג צו ריידן וועגן דעם. נו, ביסטו זיך צונויפֿגעקומען מיט אַן אישה... איז וואָס? אַן אישה איז אַזוי ווי פּאָקן, אָן איר וועסטו ניט לעבן... נאָר זאָגן מיר אַ ליגן דאַרף מען ניט... איך האָב פֿריער פֿאַר דיר אָנגעהויבן מיט די ווייבער. פֿונדעסטוועגן זיי מיט זיי פֿאָרזיכטיק...

איגנאַט האָט זיך פֿאַרקלערט און לאַנג געשוויגן, זיצנדיק אַן אומבאַוועגלעכער און האַלטנדיק נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אָט וואָס, פֿאָמאַ — האָט ער ווידער אָנגעהויבן שטרענג און האַרט — כ'וועל גיך שטאַרבן... שוין אַלט. עפּעס דריקט מיר די ברוסט, שווער צו אָטעמען... דעמאָלט וועט דער גאַנצער געשעפֿט ליגן אויף דיר... די ערשטע צייט וועט דיר דער טויפֿפֿאָטער העלפֿן. זאָלסט אים פֿאָלגן! אָנגעהויבן האָסטו... ניט שלעכט... אַליץ אָפּגעמאַכט ווי ס'דאַרף צו זיין, געהאַלטן די לייצעס שטייף אין די הענט. און כאָטש דו האָסט פֿאַרהוליעט אַ פֿולע געלט... אָבער עס איז צו זען, אַז דעם שכל האָסטו ניט פֿאַרלאָרן, גאָט זאָל געבן ווייטער ניט ערגער... וויסן זאָלסטו אָט־וואָס: אַ געשעפֿט דאָס איז אַ לעבעדיקע חיה, אַ שטאַרקע... מ'דאַרף קענען מיט איר קערעווען... קערעווען דאַרף מען זי שטאַרק, אַניט וועט זי דיך מנצח זיין... פֿליס זיך צו שטיין העכער פֿון געשעפֿט... שטעל זיך אַזוי אַוועק, אַז אַליץ זאָל זיך געפֿינען אונטער דיינע פֿיס און זאָלסט זען יעדן קלענסטן נעגעלע, וואָס איז דאָרט פֿאַראַן.

פֿאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פֿאָטערס ברייטער ברוסט, צוגעהערט זיך צו זיין הייכער שטימע און געטראַכט פֿאַר זיך:

— נו, ניט אַזוי גיך וועסטו שטאַרבן!

דער דאָזיקער געדאַנק איז אים געווען אָנגענעם און דער וועקט אין אים אַ הייסן, גוטן געפֿיל צום פֿאָטער.

— האַלט זיך לעבן טויפּאַטער... ער האָט אַזוי פיל שכל אין קאָפּ, אַז ס׳קלעקט פאַר דער גאַנצער שטאָט... ס׳פעלט אים דריסט־קייט, ווען ניט דאָס, וואָלט ער געשטאַנען זייער הויך... נ־יאָ... הייסט עס, ס׳איז מיר ניט פאַרבליבן לאַנג צו לעבן... אין דער אמתן וואָלט איך זיך געדאַרפט צוגרייטן צום טויט... אַלץ אָװעקוואַרפן... פאַסטן תעניתים, זאָרגן זיך, אַז לייט זאָלן מיך דערמאָנען צו גוטן...

— מען וועט דערמאָנען! — האָט זיך פּאָמאַ זיכער אָפּגערופן.

— ס׳דאַרף זיין פאַרוואָס...

— און דאָס נאַכטהויז?

— איגנאַט האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון און זיך צעלאַכט.

— מסתּמא האָט דיר דער אַלטער יאַקאָוו שוין באַוויזן צו זאָגן: דער אַלטער אשמדאַי... ער האָט מיך אַוודאי געזידלט?

— אַ ביסלע, האָט פּאָמאַ געשמייכלט.

— נו, נאָך ווי: כ׳קען אים ניט?

— ער האָט וועגן דעם גערעדט, אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען זיינע אייגענע געלט...

איגנאַט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן ווענטל פון פּאָטעל, און זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט.

— אַך, אַלטער ראַב! דאָס איז אמת. פאַר אים איז זיינע געלט און מיינע אַלץ איינס... דעריבער ציטערט ער. ער האָט אַ ציל, דער פליכיקער... נו, זאָג, וואָס פאַר אַ ציל?

פּאָמאַ האָט אַ קלער געטאָן און געזאָגט:

— כ׳ווייס ניט...

— מע! ביסט דאָך אַ שוטה. פאַראייניקן דאָס געלט וויל ער...

— וואָס הייסט?

— אַנו, טרעף!...

פּאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער. זיין פּנים איז פינס־טער געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פּאָטעל און אַנט־שלאָסן געזאָגט:

— ניין, איך וויל ניט... כ׳וועל מיט איר ניט חתונה האָבן!

— אַ? וואָס הייסט? אַ געזונטע מויד, ניט קיין נאַר, אַ בת־יחידקע ביים טאַטן...

— און טאַראַס? דער פּאַרפּאַלענער? נאָר אַז... איך וויל בכלל ניט!

— דער פּאַרפּאַלענער — איז פּאַרפּאַלן, וועגן אים לוינט בכלל ניט צו ריידן... ס'איז פּאַראַן, ברודער, אַ צוואה, און אין איר שטייט געשריבן: „אַלע מיינע מטלטלין און ניט־מטלטלין — זיינען מיין טאָכטערס, ליובעס"... און דאָס, וואָס זי איז דיר אַ טויפשוועס־טער — וועט שוין רעכט ווערן...

— ס'איז מיר אַלץ איינס, — האָט זיך פּאָמאַ פעסט אָפּ־גערופן, — כ'וועל מיט איר ניט חתונה האָבן!

— נו, וועגן דעם איז נאָך פרי צו ריידן... איבעריקנס, זי איז דיר עפּעס ניט צום האַרצן?

— איך האָב ניט ליב אַזעלכע...

— אַזוי! אַך, דו, טאַ זאַג־זשע! זייט אַזוי גוט, מיין הער, וועלכע דען זיינען נאָך אייער געשמאַק?...

— אַזעלכע, וועלכע זיינען פּשוטער... זי איז מיט גימנאַזיסטן, מיט ביכלעך... אַ געבילדעטע געוואָרן... זי וועט אָפּלאַכן פון מיר... — האָט פּאָמאַ געענטפערט אַ צעשטרייטער.

— נו, דאָס איז אפשר אמת... זי איז אַ שטאָלצע — אָן אַ מאָס. אָבער דאָס איז גאָרנישט... אַ פּאַרשימלטע כלי ווערט אויך ריין — ווען מען לייגט נאָר צו אַ האַנט... דאָס איז אַ שפּע־טערדיקע זאַך... נאָר דיין טויפפאָטער — איז אַ קלוגער זקן... זיין לעבן איז געווען אַ רויקס, געזעסן אויף אַן אָרט, און זיצנ־דיק געטראַכט וועגן אַלץ... אים, ברודער, לוינט צו האָרכן, ער ווייסט אין לעבן אַ שכל... ער איז ביי אונז — אַ ריסטאָקראַט, — נאָך פון דער מוטערל יעקאַטערינע — כאַ־כאַ! אַ סך פּאַרשטייט ער וועגן זיך... און היות זיין גזע איז אויסגעריסן געוואָרן מיט טאַראַסן, נו, האָט ער באַשלאָסן, דיך אַוועקצושטעלן אויף טאַראַסעס אָרט, פּאַרשטייסט?

— ניין, איך וועל מיר שוין... אַליין אויסקלייבן פאַר זיך אַן אָרט, — האָט מיט אַן עקשנות געזאָגט פּאָמאַ.

— ביסט נאָך אַ נאַר... — האָט דער פאָטער אַ לאַך געטאָן אַלס ענטפער אויף זיינע ווערטער.

זייער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן מיטן אָנקומען פון דער מומע אַנפּיסע...

— פּאָמושקאַ! געקומען צו פאָרן... — האָט זי געשריִען, נאָך זייענדיק ערגעץ הינטער די טירן. פּאָמאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איר געגאַנגען אַנטקעגן מיט אַ ליבלעכן שמייכל...

...ווידער איז רויִק געבלאָזן זיין לעבן, לאַנגזאַם און איינטאָניק. ווידער די בערזע! און דעם פאָטערס אָנווייזונגען. אויפהאַלטנדיק צום זון אַ גוטווייליק שפּאָטישן טאָן — האָט זיך איגנאַט צו אים באַצויגן שטרענגער. ער האָט אים אויסגערעדט יעדע קלייניקייט, און אַלץ אָפטער דערמאָנט אים, אַז ער האָט אים דערצויגן פריי, האָט ביי אים קיין זאַך ניט אָפּגענומען און אים קיינמאָל ניט געשלאָגן.

— אַנדערע טאַטעס שלאָגן אַזעלכע יאַטעס מיט אַ שייט האָלץ... און איך האָב דיך אַפילו מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט.

— ווייזט אויס, ניט געווען פאַרוואָס, — האָט זיך איינמאָל פּאָמאַ רויִק אָפּגערופן.

איגנאַט איז געוואָרן אין כּעס פאַר די דאָזיקע ווערטער און פאַרן טאָן, מיט וועלכע זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן.

— נו, רייד נאָך! — האָט ער זיך צעשריִען. — האָסט זיך אָנגענומען דרייסטקייט אונטער אַ ווייכער האַנט... אויף יעדן וואָרט האָט ער שוין אַן ענטפער. זע אָקאָרשט, אָט מיין האַנט, כאָטש זי איז געווען ביז אַהער אַ ווייכע, נאָר זי קאָן דיך נאָך אַזוי צודריקן, אַז ס'זאָל דיר טרערן פון אונטער די פיאַטעס אַרויסשפּריצן... ביסט צו־גיך אויסגעוואַקסן... ווי אַ גיפט־שוואָם, וואָס איז נאָר־וואָס פון דער ערד אַרויסגעקראָכן און שטינקט שוין...

— פאַרוואָס ביסטו אויף מיר אין כּעס? — האָט פּאָמאַ אַ באַליידיקטער געפרעגט דעם פאָטער אַ נישתּוממדיקער, ווען יענער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג...

— ווייל דו קאָנסט ניט דולדן, ווען דער פאָטער מוסרט דיך... הייבסט זיך גלייך־אָן שפּאַרן...

— ס'איז דאָך פאַר מיר אַ באַליידיקונג... איך בין דאָך ניט געוואָרן ערגער... איך זע דאָך, ווי אַנדערע אין מיינע יאָרן לעבן...

— דער קאָפּ וועט דיר ניט אַראָפּפאַלן, אויב איך וועל דיך איין מאָל אָנזידלען... און אויב איך זידל זיך, איז דאָס דערפאַר, ווייל איך זע אין דיר עפּעס ניט מיינס... וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט, נאָר איך זע, אַז ס'איז פאַראַן... און דאָס איז פאַר דיר שעדלעך...

די דאָזיקע ווערטער פון פאָטער האָבן פאָמען באַוואויגן צו פאַרטראַכטן זיך. ער האָט אַליין געפילט ביי זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים אָפּגעזונדערט פון זיינע חברים, נאָר האָט אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז אַזוינס? און ער האָט פאַר־דעכטיק גענומען היטן זיך אַליין...

אים איז געפעלן געוואָרן, צו פאַרברענגען אויף דער ברעג, אין טומל און גערייִדעריי פון סאָלידע מענטשן, וועלכע פלעגן שליסן טויזנטער געשעפטן; אים האָט געשמייכלט דער כּבֿוד, מיט וועלכן ס'האָבן אים באַגריסט און גערעדט מיט אים, פאָמען גאָרדעיעוון, דעם זון פון מיליאָנטשיק, די וויניקער רייכע האַנדלסלייט. ער האָט זיך געשפּירט גליקלעך און שטאָלץ, אויב אים האָט זיך אַמאָל איינגעגעבן דורכצופירן אויף אייגענער אַחריות דעם פאָטערס אַ געשעפט, און פאַרדינען פאַרן איינגעגעבענעם עסק דעם פאָטערס צופרידענעם שמייכל. ער האָט געהאַט אין זיך אַ גרויסע ערגייציקע שטרעבונג — אַרויסצווייזן זיך פאַר אַ גרויסן און געשעפטלעכן מענטש, אָבער ער האָט געלעבט איינזאַם, ווי פריער — פאַר דער נסיעה אין פּערם, — און האָט נאָך אַלץ ניט געפילט קיין נייטיקייט צו האָבן חברים, כאָטש יעדן טאָג פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט סוחרישע קינדער, אין זיין עלטער. ניט איין מאָל האָבן זיי אים איינגעלאַדן פאַרברענגען, נאָר ער פלעגט זיך גראָב און גדלות־דיק אָפּזאָגן פון זייערע איינלאַדונגען, און פלעגט אַפילו לאַכן פון זיי:

— איך האָב מורא... אייערע טאַטעס זאָלן זיך ניט דער־וויסן וועגן די דאָזיקע הוליאַנקעס און אייך ברעכן די ביינער, און מיר וועט דערפון עפּעס אויך אַריינפאַלן....

אים איז ניט געפעלן געווען אין זיי דאָס, וואָס זיי הוליען בשתיקה פון די עלטערן, און פאַרשאַרלאַטאַנעווען געלט, וואָס זיי

האָבן געגנבעט בײַ די טאַטעס, אָדער באַקומען אויף לאַנג־טערמיניקע וועקסלען און אויף גרויסע פּראָצענטער. אויך זיי האָבן אים ניט ליב געהאַט פֿאַר דער דאָזיקער אײַנגעהאַלטנקייט און גאווה, אין וועלכער ס'האָט זיך געשפּירט אַ שטאָלצקייט, וואָס האָט זיי באַליידיקט. מיט עלטערע פֿאַר אים האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן ניט צו ריידן, מורא־האָבנדיק ניט אַרויסצווײַזן זיך פֿאַר אַ שוטה און פֿאַר אַזעלכן, וואָס פֿאַרשטייט ניט קיין עסק.

ער האָט זיך אָפּט דערמאָנט פּעלאַגייען, און ס'איז אים תּחילת געווען אומעטיק, ווען איר געשטאַלט האָט אויפֿגעפֿלאַמט אין זײַן פֿאָרשטעלונג... נאָר די צײַט איז געגאַנגען און ביסלעכווײַז אָפּגעריבן די העלע פֿאַרבן פֿון דער דאָזיקער פֿרוי, און אומבאַמערקט פֿאַר אים אַליין האָט איר אָרט, אין זײַנע רעיונות פֿאַרנומען די קלײנינקע מעדינסקאַיאַ, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ מלאך. זי פֿלעגט כּמעט יעדן זונטאָג קומען צו פֿאָרן צו איגנאַטן מיט פֿאַרשיידענע בקשות, וועלכע האָבן אין אַלגעמיין געהאַט איין ציל: — פֿאַרגיכערן דאָס בויען פֿון דעם נאַכט־הויז. אין איר אָנוועזנהייט פֿלעגט זיך פֿאָמאַ פֿילן אומגעלומפּערט, געוואַלדיק גרויס און שווער; דאָס האָט אים באַליידיקט און ער פֿלעגט שטאַרק רויט ווערן אונטערן ווייכן בליק פֿון סאָפֿיע פּאַוולאָוונעס גרויסע אויגן. ער האָט באַמערקט, אַז יעדן מאָל, ווען זי האָט געקוקט אויף אים, פֿלעגן אירע אויגן ווערן טונקעלער און איר אייבערשטע ליפּ פֿלעגט אַ צאַפּל טאָן און זיך קוים אויפֿהייבן, אָפּדעקנדיק אירע קליינע ווײַסע ציין. דאָס האָט אים שטענדיק געשראָקן. דער פֿאָטער פֿלעגט באַמערקן זײַן קוקן אויף דער מעדינסקאַיאַ און פֿלעגט אים זאָגן:

— דו גלאָץ ניט אַזוי די אויגן אויף דער דאָזיקער צורה. זי איז — ווי אַ בערעזעווע קויל: פֿון דרויסן זעט עס אויס אַזוי עניוותדיק, גלאַט, טונקל, דאַכט זיך, אינגאַנצן אַ קאַלטע, — אָבער, אַז דו נעמסט עס אין האַנט — בריסטו זיך אָפּ...

מעדינסקאַיאַ האָט ניט געוועקט אין יונג קיין ליידנשאַפֿטלעכן געפֿיל, דען זי איז מיט גאָרנישט געווען ענלעך אויף פּעלאַגייען, און בכלל איז זי ניט געווען אַזוי ווי אַלע פֿרויען.

ער האָט געוואוסט, אַז מען דערציילט וועגן איר שענדלעכע זאַכן, ער האָט אָבער ניט געגלויבט. איבעריקנס, האָט זיך זיין באַציִונג צו איר געביטן, ווען ער האָט זי איינמאָל געזען פאַרנדיק אין אַ ברישקע צוזאַמען מיט אַ דיקן הער אין אַ גראָען הוט און מיט לאַנגע, געקרייזלטע האָר ביז די שולטער. דאָס פּנים איז ביי אים געווען ווי אַ פענכער — רויט און אָנגעבלאָזן; ניט קיין וואָנצעס, ניט קיין באָרד, און דער דאָזיקער מענטש איז ענלעך געווען אויף אַן איבערגעטוענער פרוי... מען האָט פאַמען געזאָגט, אַז דאָס איז איר מאַן... דעמאָלט זיינען ביי אים אויפגעשוואומען נעפּלדיקע און סתירותדיקע געפילן: אים האָט זיך געוואָלט באַליידיקן דעם אַרכיטעקט און אין דער אייגענער צייט אָבער האָט ער דערפילט צו אים אַ קנאה און אַ דרך־ארץ. מעדינסקאַיאַ האָט זיך דאַן אויסגעוויזן וויניקער שיין און מער צוטריטלעך; ער האָט זי באַדויערט און פּיִז געטראַכט בעת־מעשה:

— איר מוז מן הסתם עקלען פון זיינע קושן...

און נאַכהער האָט ער, צייטנווייז, געשפירט אין זיך עפּעס אַ גרענעצלאָזע, מאַטערנדיקע פוסטקייט, וועלכע ער האָט מיט קיין זאַך ניט געקענט אָנפילן — ניט מיט די איינדרוקן פון פאַרגאַנגענעם טאָג, ניט מיט די זכרונות פון פריער; און די בּערזע, און די עסקים, און די רעיונות וועגן דער מעדינסקאַיאַ — זיינען איינגעשלונגען געוואָרן אין דער דאָזיקער פוסטקייט... זי האָט אים באַאומרויִקט, די דאָזיקע פוסטקייט: אין איר חושכדיקער טיפקייט האָט ער פאַרדעכטיקט עפּעס אַ אים פיינדלעכן כוח, וואָס האָט זיך דאָרט געטוליעט, דערווייל נאָך אָן אַ פאָרם, אָבער שוין עקשנותדיק און פאַרזיכטיק געהאָדעוועט דאָרטן...

דערווייל איז איגנאַט, וואָס ווייטער, געוואָרן אַלץ מער אומרויִקער, תרעומותדיקער, און פלעגט זיך אָפטער באַקלאָגן אויף זיין געזונט, כאָטש אויסערלעך האָט ער זיך מיט גאָרנישט געענדערט.

— איך שלאָף ניט... — פלעגט ער זיך באַקלאָגן — אַמאָל פלעג איך אַ פּאָף טאָן — כאָטש שנייד מיר די הויט, פלעג איך ניט הערן. און איצט דריי איך זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, און ערשט פאַרטאָג ווער איך קוים אַנטשלאָפן...

איך כאַפּ זיך אַלע ווײַלע אויף... דאָס האַרץ שלאָגט ניט אין אָרדע־נונג, אַמאָל ווי אַ געיאָגטע און אַזוי אָפּט: טוק־טוק־טוק... אַמאָל בלײַבט עס גאָר פּלוצלונג שטיין — ווי אָפּגעשטאָרבן, — ס'דאַכט זיך, אַז אָט וועט זיך עס באַלד אָפּרײַסן און אַראָפּפאַלן ערגעץ אין אַ תהום... אין די סאַמע טיפענישן... האָב רחמנות, גאָטעניו, אויף מיר, ביסט דאָך אַן אָב־הרחמים!...

און בעל־תשובדיק פלעגט ער אַ זיפץ טאָן און אויפהייבן צום הימל זײַנע בייזע אויגן, שוין נעפּלדיקע אַזעלכע, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער לעבעדיקן און קלוגן גלאַנץ.

— דער מלאך המוות היט מיך דאָ נאָענט וואו, — פלעגט ער אַ טרויעריקער ריידן צו זיך, אונטערטעניק. און אין דער ווירק־לעכקייט, האָט דער טויט גאָר גיך אומגעוואָרפן אויף דר'ערד זײַן גרויסן מעכטיקן גוף...

געשען איז דאָס אין אַ אַווגוסט־פרימאָרגן. פּאַמאַ האָט האַרט געשלאָפן און האָט פּלוצלונג דערשפּירט ווי מען טרייסלט אים פאַר די אַקסלען, און אַ הייזעריקער קול דונערט אין אויער:

— שטיי אויף...

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען, אַז דער פאָטער זיצט אויף אַ שטול לעבן זײַן בעט און חורט כסדר מיט אַ מאָ־נאָטאָנעם און טויבן קול:

— שטיי אויף, שטיי אויף....

די זון איז נאָר־וואָס אויפגעגאַנגען און אָפּשלאָגנדיק אויף איגנאַטס ווייסער, לייווענטענער העמד, געפאַרבן עס אין אַ ראָזן קאָליר.

— נאָך פרי, — האָט פּאַמאַ אויסגעצויגן זיך.

— ס'מאַכט ניט אויס... וועסט זיך דערנאָך אויסשלאָפן...

טוליענדיק זיך פויל אונטער דער קאָלדרע, האָט פּאַמאַ גע־פרעגט:

— דאַרפסט מיך עפּעס האָבן?

— שטיי־זשע־אויף, ברודערקע! — האָט איגנאַט אויסגערופן און אַ באַליידיקטער מוסיף געווען — מסתמא, אַז איך וועק דיך, דאַרף איך, הייסט עס...

פאָמאַ האָט זיך אײַנגעקוקט אין פאָטערס פּנים און דערזען פאַר זיך אַ גראָ און פאַרמאַטערט געזיכט.

— ביסט ניט געזונט?

— אַ ביסל...

— אַ דאָקטאָר, אפשר...

— לאָז אים געמאַך, — האָט איגנאַט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך בין שוין ניט קיין יונגינקער... איך ווייס אָן אים...

— וואָס?

— אַזוי... איך ווייס שוין! — האָט דער אַלטער געהיימעניש־פול אַרויסגערעדט, באַטראַכטנדיק עפּעס אויסטערליש דעם צימער. פאָמאַ האָט זיך אָנגעטאָן, און דער פאָטער האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ שטיל גערעדט:

— איך האָב מורא צו אָטעמען... אַ געדאַנק אַזאַ פאַראַן ביי מיר אין קאָפּ, אַז טאָמער וועל איך איצט אַן אָטעם טאָן מיט דער גאַנצער ברוסט — מוז דאָס האַרץ פּלאַצן... היינט איז זונטאָג! נאָך דער מאָרגן־תּפילה זאָלסטו שיקן נאָכן גלח...

— וואָס רעדסטו, פּאַפּאַשאַ! — האָט פאָמאַ געפּרוווט שמייכלען.

— גאָרנישט... וואַש זיך אַרום און גיי אַרויס אין סאָד... איך האָב געהייסן דערלאַנגען אַהין דעם סאַמאָוואַר... מיר וועלן אין דער קאַלטער פרימאָרגן־לופט טיי טרינקען... מיר ווילט זיך זייער טיי, הייסע, שטאַרקע... נו, גיכער־זשע...

דער אַלטער האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון שטול און טרעטנדיק ניט פעסט מיט די באָרוועסע פיס, אײַנגעבויגענערהייט, איז ער אַרויס פון צימער. פאָמאַ האָט נאָכגעקוקט דעם פאָטער און אַ שטעכיקע קעלט פון מורא האָט געדריקט זיין האַרץ... ער האָט זיך אײַליק אַרומגעוואַשן און איז שנעל אַרויס אין גאָרטן...

איגנאַט איז געזעסן אונטער אַן אַלטן געדיכטן עפּלבוים, אין אַ גרויסן פאָטעל פון דעמבן־האָלץ. דורך די צווייגן איז געפאַלן די זון־שיין אין לאַנגע, דינע לענטעס און זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער ווייסער געשטאַלט פון אַלטן, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין

די נאַכט־וועש. אין סאָד איז געווען אַזוי אויסטערליש שטיל, אַז דער ציטער פֿון די צווייגן, וואָס פֿאָמאַ האָט פֿאַרטשעפּעט מיט זיינע בגדים, האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ געוואַלדיקער ווידער־קול און ער האָט אַ צאַפּל געטאָן... פֿאַרן פֿאָטער איז אויפֿן טיש געשטאַנען דער סאַמאָוואַר, געהודזשעט ווי אַ זאַטער קאָטער און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך אַ שטראָם דאַמף אין אַויר. אין דער שטילקייט און אין דער פֿרישער גרינס פֿון סאָד, וואָס איז נאָך נאַס געווען פֿון נעכטיקן שלאַקסרעגן, האָט דער דאָזיקער העלער בלעק פֿון חוצפּהדיק־שיינענדיקן רוישיקן קופּער, אויסגעוויזן פֿאָמען, ווי עפּעס אַן איבעריקער, ניט אויפֿן אָרט און ניט צו דער צייט... און ניט צוגעטראָפֿן צו יענעם געפֿיל, וואָס ס'האָט אַרויסגערופֿן דער אָנבליק פֿון קראַנקן, איינגעבויגענעם אַלטן, אָנגעטאָן אין די וועש, וועלכער איז איינזאַם געזעסן אין שאָטן פֿון די שווייגיקע, אומבאַוועגלעכע און טונקל־גרינע בלעטער, וואו ס'האָבן זיך עניוותדיק באַהאַלטן רויטע עפּל...

— זעץ זיך, — האָט איגנאַט געזאָגט...

— שיקן, אפֿשר, נאָכן דאָקטאָר... — האָט ניט אַנטשלאָסן געעצהט דער זון, זעצנדיק זיך לעבן פֿאָטער....

— מען דאַרף ניט... אויף דער לופֿט איז מיר איבערגעגאַנגען... איצט וועל איך אַ זופּ טאָן טיי, וועט מיר ווערן נאָך לייכטער... — האָט איגנאַט געענטפֿערט, אָנגיסנדיק טיי אין די גלעזער, און פֿאָמאַ האָט געזען, ווי דער טשייניק ציטערט ביים פֿאָטער אין די הענט.

— טרינק...

פֿאָמאַ האָט שווייגנדיק צוגערוקט צו זיך די גלאָז, איבערגעבויגן זיך און אָפּגעבלאָזן דעם שוים פֿון ברעג גלאָז, און האָט זיך מיט אַ שווער האַרץ צוגעהערט צום הויכן קורצן אָטעמען פֿון פֿאָטער...

פּלוצלונג האָט עפּעס אַ זעץ געטאָן איבערן טיש אַזוי הויך, אַז דאָס געשיר האָט אַ שפּרונג געטאָן....

פֿאָמאַ האָט אַ צאַפּל געטאָן, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זיך באַגעגנט מיט די דערשראָקענע, כמעט משוגענע, אויגן פֿון פֿאָטער, איגנאַט האָט געקוקט אויפֿן זון און הייזעריק געפּליסטערט:

— אַן עפּל אַראָפּגעפֿאַלן... כאַפּט עס דער שד! ווי פֿון אַ ביקס האָט דאָס דערלאַנגט, האַ?

אַריינגיסן דיר קאָניאַק אין טיי?... — האָט פּאָמאַ פֿאָרגע־לייגט.

— רעכט אָן דעם...

זיי האָבן געשוויגן... אַ מחנה פֿייגל האָט זיך דורכגע־טראָגן איבערן סאָד, צעשטנדיק אין דער לופֿט אַ פֿריילעכן פּיפּנ־דיקן טרילער. באַלד האָט ווידער די צייטיקע שיינקייט פֿון סאָד באַ־הערשט אַ פֿייערלעכע שטילקייט... פֿון איגנאַטס אויגן איז אַלץ ניט פֿאַרשוואונדן דער פּחד...

— גאָט, יעזוס קריסטוס! — האָט ער מיט אַ שטילן קול גע־שעפּטשעט און זיך אויפֿריכטיק איבערגעצלמט. — נ־יאָ... אָט, הייסט עס, איז זי אָנגעקומען, — די לעצטע שעה פֿון לעבן...

— געגוג, פּאַפּאַשאַ! — האָט פּאָמאַ געפֿליסטערט.

— וואָס עפּעס געגוג?... מיר וועלן אָפּטרינקען טיי און נאָכ־דעם שיקן נאָכן גלח אין נאָך דעם ידיד...

— איך וועל בעסער שוין...

— מען וועט באַלד אָנהייבן קלינגען... דער גלח איז נאָך ניטאָ... ניטאָ זיך בכלל וואָס צו אַליין. אפֿשר וועט באַלד איבערגיין...

און ער האָט הויך גענומען זופּן דעם טיי פֿון טעצל...

— איך דאַרף נאָך אַ יאָר, אָדער צוויי לעבן... ביסט נאָך יונג... און איך שרעק זיך זייער פֿאַר דיר... לעב ערלעך און פֿעסט... קיין פֿרעמדס זאָלסטו ניט וועלן. דיינס זאָלסטו היטן שטאַרק...

אים איז שווער געוועזן צו ריידן, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער ברוסט.

— אויף מענטשן זאָלסטו ניט האָפֿן... קיין סך פֿון זיי זאָלסטו ניט דערוואַרטן... מיר לעבן אַלע אויף צו נעמען און ניט אויף צו געבן... אָ, גאָטעניו! זיי מוחל אַ זינדיקן!

ערגעץ־ווייט האָט זיך אַ שווערער גלאָקן־קלאַנג אַראָפּגע־לאָזט אין דער מאָרגנדיקער שטילקייט. איגנאַט מיטן זון האָבן זיך דריי מאָל איבערגעצלמט...

נאָכן ערשטן קופּערנעם קלאַנג האָט זיך באַלד דערהערט

אַ צווייטער, אַ דריטער, און גיך איז די לופט פול געוואָרן מיט די קלויסטער־קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך דערטראָגן פון אַלע זייטן, — שווימענדיקע אַזעלכע, געמאָסטענע, וועלכע האָבן עפּעס הויך גערופן...

— מען האָט שוין אָנגעהויבן די מאָרגן־תּפילה, — האָט זיך אײַנגעאַט אָפּגערופן, צוהערנדיק זיך צום טומל פון די גלאָקן... — דו דערקענסט דעם גלאָק?...

— ניין, — האָט פּאָמאַ געענטפערט.

— טאָ הער זיך צו... — אָט דער — דו הערסט? — ווי אַ באַס, דאָס איז אין ניקאָל, פון פּיאָטער מיטריטש וויאַזינס נדבה... און דער, דו הערסט, דער הייזעריקער איז פון פּראָסקוואַ פּיאַטניצאַ...

די זינגענדיקע קלאַנגען־כוואַליעס האָבן צעוויגט די לופט, וואָס האָט זיך מיט זיי אָנגעזעטיקט, און זיינען זיך צעגאַנגען אין דער לויטערער בלאָקייט פון הימל. פּאָמאַ האָט אַ פּאַרקלערטער געקוקט אויפן פאָטערס געזיכט און געזען, אַז די אומרויִקייט ווערט נעלם פון זיינע אויגן און זיי ווערן לעבעדיקער...

נאָר פּלוצלונג איז דעם אַלטנס פּנים שטאַרק רויט געוואָרן, די אויגן זיינען געוואָרן גרעסער, און האָבן זיך ווי אַרויסגעקייקלט פון די גזעסן, דאָס מויל האָט זיך משונהדיק צעעפנט און פון דאָרט איז אַרויסגעפלויגן אַן אײַסטערלישער, זיפּצנדיקער קלאַנג:

— פּ...פּ...אַך...

נאָכהער איז איגנאַטס קאָפּ געפאַלן אויף צוריק אויפן פּלייצע, און זיין שווערער גוף האָט זיך לאַנגזאַם געגליטשט פון פּאָטעל אויף דער ערד, פּונקט די ערד וואָלט אים מיט כּוח געצויגן צו זיך. אייניקע רגעס האָט זיך פּאָמאַ ניט באַוועגט און געשוויגן, קוקנדיק מיט שרעק און השתּוממות אויפן פאָטער, נאָכדעם האָט ער זיך געוואָרפן צום פאָטער, אויפגעהויבן פון דער ערד זיין קאָפּ און אים געקוקט אין פּנים. זיין פּנים איז געווען פינסטער, אומבאַוועגלעך, און די ברייטצעעפנטע אויגן האָבן גאָרנישט אויסגעדריקט: ניט קיין ליידן, ניט קיין שרעק, ניט קיין פרייד... פּאָמאַ האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך: ווי פריער איז אין סאָד קיי־

נער ניט געווען, און אין אַוויר איז אַלץ געשוואומען דער רוישיקער גלאָקן־געריידעריי... פּאָמעס הענט האָבן געציטערט, ער האָט אַרויס־געלאָזט דעם פּאַטערס קאָפּ און ער איז מיט אַ טויבן קלאַנג גע־פאַלן אויף דער ערד... פון אָפענעם מויל האָט זיך געגאָסן אַ דינע רינע פון טונקעלן, שיטערן בלוט איבער דער בלאָער באַק...

פּאָמאַ האָט זיך מיט די הענט אַ זעץ געטאָן אין ברוסט, און שטייענדיק אויף די קני פאַרן מת, האָט ער ווילד און הייך געשריען... און טרייסלענדיק זיך אינגאַנצן פון שרעק, האָט ער מיט משוגענע אויגן אַלץ געזוכט עמעצן אין גרינעם סאָד...

.IV

דעם פאָטערס טויט האָט פאַמען איבערראַשט און אָנגעפילט אים מיט אַן אויסטערלישן געפיל: אין דער נשמה האָט זיך אים צעגאָסן אַ שטילקייט, — אַ שווערע, אומבאַוועגלעכע שטילקייט, וואָס האָט אָן אַן ענטפער אײַנגעשלונגען אַלע קלאַנגען פון לעבן. אַרום אים האָבן זיך געדרייט פאַרשיידענע באַקאַנטע מענטשן: זיי זײַנען געקומען צו אים, נעלם געוואָרן, גערעדט עפעס צו אים, — ער האָט זיי געענטפערט ניט צו דער זאַך, זייערע רייד האָבן בײַ אים ניט אַרויסגערופן קיין שום דמיונות און פלעגן אָן אַ זכר פאַרפאַלן ווערן אין טיפן אָפגרונט פון זײַן טויטן שווײַגן, וואָס האָט אָנגעפילט זײַן נשמה. ער האָט ניט געוויינט, ניט געבענקט און ניט געטראַכט וועגן גאָרנישט; אַ טרויעריקער און בלאַסער, מיט פאַרוואָלקנטע ברעמען, האָט ער אָנגעשטרענגטערהייט צוגעהערט זיך צו דער שטילקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטופט פון אים אַלע אַנדערע געפילן, אויסגעליידיקט זײַן האַרץ און ווי מיט צוואַנגען געדריקט זײַן מוח. זײַן באַוואוסטזײַן האָט באַגריפן בלויז אַ ריין־פיזישן געפיל פון אַ שווערער משא איבערן גאַנצן קערפער און מער פון אַלץ — אויף דער ברוסט. אים פלעגט זיך אויסווײַזן, אַז ס'איז שוין בין־השמשות־צײַט, און אין דער צײַט, ווען הויך אין הימל איז נאָך געשטאַנען די זון, — איז פאַר אים אַלץ אויף דר'ערד געוואָרן פינסטער און טרויעריק.

מיט דער קבורה האָט זיך פאַרנומען מאַיאַקין. ער איז אײַליק און מונטער געלאָפן איבער די צימערן, קלאַפנדיק זיכער מיט די האַרטע אָפסאַצן פון די שטיוול, האָט מעשה באַלעבאָס געשריען אויף די דינסטן, געקלאַפט דעם טויפזון איבערן פלייצע און אים מנחם־אָבל געווען:

— וואָס ביסטו, בחורל, פאַרשטיינערט געוואָרן? ווייַן, וועט לייכטער ווערן... דער טאַטע איז שוין געווען אַלט... אַן אָפּגעלעבטער גוף... מירן אַלע שטאַרבן. דעם טויט וועלן מיר קיינער ניט אויסמיידן... ס'הייסט, פאַר דער צייט דאַרף מען ניט אַוועק פון דער וועלט... וועסט אים מיט דייַן טרויער ניט מחיה־מתים זייַן, און ער דאַרף סיי־ווי ניט דייַן טרויער, ווי ס'שטייט אין פּסוק: „אַז די נשמה טיילט זיך אָפּ פון גוף — פאַרגעסט זי אַלע ערדישע צרות און יסורים... אַלע קרובים אין אייגענע"... הייסט עס, אַז דו ביסט פאַר אים אַצינד גאָרנישט, כאָטש דו מעגסט וויינען, מעגסט לאַכן... אַ לעבעדיקער דאַרף זיך זאָרגן פאַרן לעבעדיקן... דו ווייַן זיך בעסער אויס — האָס איז יאָ אַ נאַטירלעכער ענין... ס'ווערט גרינגער אויפן האַרצן...

נאָר אויך די דאָזיקע רייד האָבן פּאָמען ניט גערירט און גאָרנישט געוועקט סיי אין זייַן קאָפּ, סיי אין זייַן האַרץ.

ער איז געקומען צו זיך ערשט אין טאָג פון דער לוויה, אַדאַנק די עקשנותדיקע בקשות פון טויפּפּאָטער, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געפּלייסט אויף זייַן אופן, צו דערמוטיקן זייַן געדריקטן געמיט.

דער טאָג פון דער לוויה איז געווען אַ פאַרוואָלקנטער און פאַ־כמאַרעטער. אין אַ וואָלקן פון געדיכטן שטויב האָט זיך געשלעפּט נאָך איגנאַט גאָרדעיעווס מיטה אַ געוואַלדיקער עולם, ווי אַ שוואַרצע לענטע: אין עולם האָט געגלאַנצט דאָס גאָלד פון די גלחישע ריאָסעס, דער טויבער געוויש פון פּאַמעלעכדיקן באַוועגן זיך פון המון האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער פייערלעכער מוזיק פון דעם כאָר אַרכיערייִשע משוררים. פּאָמען האָט מען געשטויסן פון אַלע זייטן, סיי פון הינטן, סיי פון פאָרנט; ער איז געגאַנגען און גאָרנישט געזען, אויסער דעם גרויען קאָפּ פון פאָטער, דאָס טרויעריקע זינגען האָט זיך אָפּגערופן אין זייַן האַרץ ווי אַ בענקענדיקער ווידערקול. מאַיאַקין איז געגאַנגען לעבן אים און אים כסדר און אומדערמידלעך געסודעט אים אין די אויערן:

— זע, ס'איז אַן עולם — אפשר טויזנטער!... אפילו דער גובערנאַטאָר אַליין איז געקומען מלווה זייַן דייַן טאַטן... דער פרע־

זידענט פון שטאָט... כמעט דער גאַנצער שטאָטראַט... און הינטער דיר — קוק זיך אום! סאָפיע פּאַוולאָוונע גייט... די שטאָט גיט אָפּ כּבוד איגנאַטן...

תּחילת האָט זיך פּאָמאַ ניט צוגעהערט צום טויפּפּאָטערס סידען, נאָר ווען יענער האָט אים דערמאָנט מעדינסקאַיאַן, האָט ער ניט ווילנדיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען דעם גובערנאַטאָר. אַ קליין טראָפּנדל פון עפּעס נעימותדיקס האָט אים אַ טריף געטאָן אין דער נשמה ביים אָנבליק פון דאָזיקן חשובן מענטש אין דער העלער לענטע איבערן אַקסל, מיט די אָרדנס אויף דער ברוסט, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען נאָכן אָרון מיט אַ צער אויפן שטרענגן פּנים.

— געבענטשט איז דער וועג, וואו ס'גייט אַוועק זיין נשמה... — האָט שטיל געזונגען יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש, אַ פּיר טוענדיק מיט דער נאָז און באַלד ווידער געסודעט פּאָמען אין אויער:

— פינף-און-זיבעציק טויזנט רובל — פאַר אַזאַ סומע, נישקשה, מעגן קומען אַ פולע באַגלייטער... ווייסט, דעם פּופּצנטן לייגט סאָנקע שוין דעם גרונדשטיין? פּונקט צום פערציקסטן טרויער-טאָג...

פּאָמאַ האָט נאָכאַמאָל אויסגעדרייט אויף הינטן דעם קאָפּ און זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט מעדינסקאַיאַס אויגן. פון איר ווייכן קוק האָט ער אַ טיפן אָטעם געטאָן און אים איז מיטאַמאָל געוואָרן לייכטער, ווי אַ הייסער ליכט-שטראַל וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעדרונגען אין זיין נשמה און וואָלט עפּעס דאָרטן צעשמעלצט. דאָ ערשט איז אים אַרויף אויפן געדאַנק, אַז אים פּאַסט ניט צו דרייען דעם קאָפּ אין אַלע זייטן.

אין קלויסטער האָט פּאָמען אָנגעהויבן ווי טאָן דער קאָפּ און אים האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז אַלץ אַרום אים וואַקלט זיך. אין דער דריקנדיקער לופט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שטויב, מיטן אָטעמען פון מענטשן און מיטן ריח פון ווייַרויך, האָבן ציטערדיק געצאַפּלט די פייערלעך פון די ליכט. דאָס צאַרטע פּנים פון קריסטוס האָט געקוקט אויף אים פון דעם גרויסן, הייליקן בילד אַראָפּ, און די ליכט-פייערלעך, וועלכע האָבן אָפּגעשלאָגן אין

טונקעלן גאָלד־קראַנץ אויפן שטערן פון דעם דערלייזער, האָבן דערמאָנט אָן בלוט־טראָפנס...

פאָמעס אויפגעוואַכטע נשמה האָט דאָרשטיק אײַנגעזאַפּט די פייערלעכע, טרויעריקע פּאָעזיע פון דער הזכּרה, און ווען ס'האָט זיך דערהערט (דער רירנדיקער רוף: „קומט אַלע אָפּגעבן דעם לעצטן קוש", האָט זיך פון פאָמעס ברוסט אַרויסגעריסן אַזאַ הויכער קלאָגעדיקער געוויין, אַז דער עולם אין קלויסטער האָט אויפגעציטערט פון דעם דאָזיקן אויסגעשריי פון צער.

אַרויסלאָזנדיק דעם געשריי, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס. דער טויפּפאָטער האָט אים אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט און אים צוגעשטופּט צו דער מיטה, אונטערזינגענדיק דערביי געניגן הויך און מיט אַזאַרט:

— קושט דעם געוועזענעם צווישן אונז... קוש, פאָמאַ, קוש... ער ווערט איבערגעגעבן צו דער מוטער־ערד... ווערט באַדעקט מיט אַ שטיין... ער באַזעצט זיך אין חושך און ווערט באַגראָבן מיט די טויטע...

פאָמאַ האָט זיך צוגערוקט מיט די ליפּן צום פאָטערס שטערן און אין שרעק זיך אָפּגעוואָרפן פון טויטן.

— פאַמעלעך! האָסט דאָך מיך געקענט וואַרפן, — האָט מיט אַ שטילן קול באַמערקט מאַיאַקין, — און די דאָזיקע אײַנפאַכע שטילע ווערטער האָבן אונטערגעהאַלטן פאָמען שטאַרקער, ווי די האַנט פון דעם טויפּפאָטער.

— מײַן קערפּער איז אָן אָטעם און אָן אַ קול, באַוויינט מיך, מײַנע ברידער און פרײַנד... — דיאַט איגנאַט געבעטן מיט די ליפּן פון די דיאַקאָנער, — נאָר זײַן זון האָט שוין מער ניט געוויינט: אַ שרעק איז אים באַפאַלן פון שוואַרצן געשוואָלענעם פּנים פון פאָטער, און די דאָזיקע שרעק האָט אַ ביסל אויסגעניכטערט זײַן נשמה, וואָס איז געווען אײַנגעוויינט אין דער טרויעריקער מוזיק פון דעם קלויסטערס באַוויינען דעם זינדיקן זון אירן.

באַקאַנטע האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן אים ליבלעך און צערטלעך געטרייסט. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיי און פאַרשטאַ-

נען, אַז זײ באַדױערן אים אַלע און ער איז אַלעמען געװאָרן טײער. דער טױפּפּאָטער האָט אים ניט אױפֿגעהערט צו שעפּטשען אין אױער:

— זע, װי זײ חנפֿהנען דיך אַלע... די קעץ האָבן דערשמעקט פּוטער...

די דאָזיקע װערטער זײנען פֿאָמען ניט געװען צום האַרצן, אָבער זײ זײנען אים געװען נוציק דערמיט, װאָס זײ האָבן באַװאױזן, ער זאָל זיך אױף זײ אַנדערש אָפּרופֿן.

אױפֿן בית־עולם, בײם געזעגנ פֿון יזכור נשמות, האָט ער זיך װידער הױך און ביטער צעיאָמערט. דער טױפּפּאָטער האָט אים אונטערן האַנט אַװעקגעשלעפּט צום קבֿר, און רײדנדיק מיט האַרץ, געזאָגט:

— עך, ברודער, ס'אַר אַ רך־לבֿ דו ביסט... מיר איז ער דען ניט קײן שאָד? איך האָב דאָך געװאוסט דעם אמתן װערט זײנעם, אָבער דו ביסט דאָך מער ניט װי אַ זון געװען, און פֿונדעסטװעגן װײן איך ניט... דרײ צענדליק יאָר האָבן מיר געלעבט צוזאַמען... װיפֿל צרות זײנען מיר דאָס אױסגעשטאַנען, װיפֿל דעם מוח געבראָכן צוזאַמען... דו ביסט נאָך יונג... ניט הי דאַרפֿסט טרױערן... דײן גאַנץ לעבן שטײט דיר נאָך פֿאָרױס, דו װעסט נאָך זײן געגוג רײך מיט אַ סך פֿרײנט... אָבער איך... בין שױן אַלט... דעם אײנציקן פֿרײנט האָב איך שױן אױך באַגראָבן... געבליבן װי אַן אָרעמאַן... כ'װעל שױן מער ניט האָבן קײן חבֿר אין לעבן!

דעם אַלטנס קול האָט אױסטערליש געציטערט און געװען הײזעריק. זײן פּנים האָט זיך געקרימט. די ליפּן האָבן זיך אױסגעצױגן אין אַ העװיה, די קנײטשן האָבן זיך געקאָרטשעט און איבער זײ זײנען פֿון די אױגן גערונען קלײנע און אָפּטע טרערן. ער איז געװען אַזױ נעבעכדיק געריהרט און גאָרנישט ענלעך אױף זיך. פּאָמאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגעדריקט אים צו זיך מיט דער צערטלעכקײט פֿון אַ שטאַרקער, און אומרויק אױסגעשריען:

— װײנט ניט, פּאַפּאַשאַ... טײערער! װײנט ניט...

— טע־טע־טע! — האָט שװאַך אַרױסגערעדט מאַיאַקין און האָט שװער אָפּגעאָטעמט און פּלוצלונג װידער מגולגל געװאָרן אין אַ שטײפֿן און קלוגן זקן.

— דו טאָרסט איצט ניט יענטשען... — האָט ער סוד־התדיק אַרויס־גערעדט, זעצנדיק זיך אין דער בריטשקע לעבן טויפזון. — דו ביסט איצטער — דער פּאָלקאָווניק אויף דער מלחמה און מוזט אָנפירן מיט דיינע סאָלדאַטן העלדיש. און דיינע סאָלדאַטן — דאָס זיינען די רובלס, און דו האָסט זיי אַ גרויסע אַרמיי... פיר מלחמה און ווייס!...

אַ פאַרוואונדערטער פון זיין פּלוצלינגן ענדערן זיך האָט פּאָמאַ זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און זיי האָבן אים דערמאָנט די לאָפּעטעס ערד, וועלכע די מענטשן האָבן נאָר־וואָס געוואָרפן אין איגנאַטס קבר.

— מיט וועמען זאָל איך מלחמה האַלטן... — האָט פּאָמאַ אַ זיפץ געטאָן.

— איכ'ל דיך שוין אויסלערנען! האָט דיר דער טאַטע געזאָגט, אַז איך בין אַ קלוגער אַלטער און אַז מען דאַרף מיך פאָלגן?...

— געזאָגט.

— טאָ פאָלג מיך!... אַז דו וועסט מיין שכל צופּאַסן צו דיין כּוח — קאָנען מיר אָפּהאַלטן אַ גרויסן נצחון... דיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער מענטש... ער איז אָבער ניט געווען קיין ווייטזיכטיקער און מיך ניט געפאָלגט... ער האָט אין לעבן געהאַט דערפאָלג ניט מיט זיין שכל — נאָר מיט זיין האַרץ... אָך, עפּעס וועט פון דיר אַרויסקומען... דו פאָר אַריבער צו מיר, ווייל אַליין וועט דיר זיין אומעטיק אין שטוב...

— די מומע איז דאָרטן...

— די מומע... האַלט אין קרענקען... זי וועט אויך ניט לאַנג וואוינען אויף דער ערד...

— רעדט ניט וועגן דעם, — האָט פּאָמאַ שטיל געבעטן.

— און איך וועל יאָ ריידן. האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַרן טויט, — ביסט ניט קיין זקנה אויפן אויזון. דו לעב און מורא און טו דאָס, וואָס דו דאַרפסט טאָן. דער מענטש דאַרף בייען אַ לעבן אויף דער ערד. אַ מענטש איז אַ קאַפּיטאַל... ער ווערט צונויפגעשטעלט ווי אַ רובל פון פאַרשימלטע קופּערנע גראָשנס און קאָפּיקעס. פון שטויב פון דער ערד, ווי אין פּסוק שטייט...

און וואָס מער ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקער זאַך, וואָס מער ער זאַפּט אַיין אין זיך פּעטס און שמאַלץ, שוויים און טרערן, — אַלץ מער באַקומט ער אַ נשמה און שכל... און פון דערפון הייבט ער אָן צו וואַקסן אינדערהויך און אין דער נידער ... אַמאָל איז ער ווערט אַ גראָשן, אַמאָל אַ גילדן, אַמאָל אַ הונדערטער ... און ס׳טרעפט אויך, אַז מען קען אים גאָרניט אָפּשאַצן, — אַזוי הויך שטייגט ער... מען לאָזט אים אַוועק אין פאַרקער און ער מוז ברענגען אין לעבן פּראָ־צענטער... דאָס לעבן ווייסט אונזער אַלעמענס ווערט און וועט פאַר דער צייט ניט אָפּשטעלן אונזער גאַנג... קיינער, ברודערל, אַר־בעט ניט אויף היזק, אויב ער האָט נאָר שכל... און אין לעבן איז דאָ אַ סך שכל... דו הערסט, וואָס איך רייד?

— איך הער...

— און וואָס פאַרשטייסטו?

— אַלץ...

— לייגסט, אפשר? — האָט מאַיאַקין געצווייפלט.

— אָבער צו־וואָס דאַרף מען שטאַרבן? — האָט פאָמאַ שטיל אַ פרעג געטאָן.

דער טויפּפאָטער האָט מיט באַדויערן אַ קוק געטאָן אים אין פּנים אַריין, אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, און געזאָגט:

— אַ קלוגער מענטש וועט דאָס קיינמאָל ניט פרעגן. אַ קלוגער מענטש זעט אַליין, אַז וואו אַ טייך איז פאַראַן — שווימט עס ער־גען... און וואָלט עס געשטאַנען — וואָלט עס געווען אַ בלאָטע...

— איר מאַכט חוזק... — האָט פאָמאַ אומעטיק געזאָגט, — דער ים שטייט אויך אויף אַן אָרט...

— דער ים נעמט אַריין אַלע טייכן אין זיך... און ס׳קומען פאָר אויף אים שטאַרקע שטורעמס... אַזוי אויך דער ים פון לעבן, וואָס זויגט זיך אָן פון מענטשנס אומרו... און דער טויט געבוירט ווידער לעבן... כּדי ס׳זאָל ניט ווערן אויסגעלאָשן... וויפל מענטשן זאָלן ניט שטאַרבן — ווערן זיי דאָך אַלץ מער...

— וואָס קומט אַרויס דערפון? דער טאַטע איז דאָך גע־שטאָרבן...

— דו וועסט אויך שטאַרבן...

— טאָ וואָס גייט מיר אָן, וואָס מענטשן ווערן אַליין מער? — האָט פּאָמאַ אומעטיק אַ שמייכל געטאָן.

— ע־עכע־כע! — האָט מאַיאַקין אָפּגעזיפצט. — קיינעם גייט עס ניט אָן... דיינע הויזן, אַפּנים, טראַכטן אויך: וואָס גייט עס אונז אָן, וואָס אויף דער וועלט זיינען דאָ כלעדליי שטאָף וויפיל מען וויל? אָבער דו ווערסט זיי ניט הערן, ווערסט זיי אויסטראָגן — און אַוועקוואַרפן...

פּאָמאַ האָט פאָרוואורפלעך אַ קוק געטאָן אויפן טויפפּאָטער, און זעענדיק, ווי דער אַלטער שמייכלט, האָט ער זיך געוואונדערט און מיט דרך־ארץ אַ פרעג געטאָן:

— צי דען, פּאַפּאַשאַ, שרעקט איר זיך ניט פאַרן טויט?

— איך, קינדעלע, האָב מער פון אַליין מורא פאַר נאַריש־קייט, — האָט גימטיק רויק אַ זאָג געטאָן מאַיאַקין — איך טראַכט אַזוי: גיט דיר אַ נאַר האָניק — שפּיי אַרויס; גיט דיר אַ קלוגער סם — טרינק אויס! און דיר וועל איך זאָגן: אַ שוואַכע נשמה האָט אַ יערש, אויב די שופּן שטעלן זיך אים ניט אינדערהויך...

מאַיאַקינס שפּאָטישע רייד האָבן באַליידיקט פּאָמען און אים בייז געמאַכט. ער האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט און געזאָגט:

— אפשר קענט איר ריידן אָן די דאָזיקע חכמות?...

— איך קען ניט! — האָט מאַיאַקין אויסגערופן, און זיינע אויגן זיינען געוואָרן אומרויק. — יעדער איינער רעדט מיט זיין לשון, וועלכן ער קען. איך בין אפשר שטרענג? איז וואָס?

פּאָמאַ האָט געשוויגן.

— עך דו... דו ווייס אָט־וואָס — ס'ליבט דער, וועלכער לערנט... נעם זיך דאָס אַריין... און וועגן טויט זאָלסטו מיר ניט קלערן... ס'איז משוגעדיק, ברודער, פאַר אַ לעבעדיקן מענטש צו קלערן וועגן טויט. קהלת איז געווען קליגער פון אַלעמען, האָט ער גע־קלערט און זיך דערקלערט, אַז בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ געשטאָרבענער לייב...

מען איז צוגעפאָרן צו דער שטוב. די גאַנצע גאַס איז געווען פאַרשטעלט מיט קאַרעטעס און פון די אָפענע פענסטער האָט זיך

אין דער לופט געגאסן א הויכער שמועס. ווי נאר פאמא האט זיך באוויזן אין זאל, האט מען אים א כאפ געטאן אונטער די הענט און צוגעפירט צום געדעקטן טיש, איינריידנדיק אים, ער זאל וואס צובייסן און עפעס אויסטרינקען. אין זאל איז געווען טומלדיק ווי אויף א יריד; ס'איז געווען ענג און שטיקנדיק. פאמא האט שווייגנדיק אויסגעטרונקען א גלעזל שנאפס, א צווייטע, א דריטע... ארום אים האבן געטשמאקעט ליפן, געקייט ציין, ס'האט געפלושקעט בראנפן, וואס מען האט נעגאסן פון פלעשלעך, גלעזלעך האבן געקלונגען... מען האט גערעדט וועגן עסן און אקטאווע פון סאליסט אין ארכיערייִשן כאר און ווידער וועגן עסן און וועגן דעם, אז דער שטאט-גאלאווא האט געוואלט האלטן א רעדע, נאר נאך דער דרשה פון ארכיעריי האט ער ניט געוואגט, מורא האבנדיק צו ריידן ערגער פון אים. עמעצער האט מיט נחת דערציילט:

— דער נפטר האט זיך נוהג געווען אזוי: פלעגט אפשניידן זיך א שטיק געוויאנזלטע פיש, דאס געדיכט באפעפערן, און צודעקן דאס מיט נאך א שטיק און פלעגט תיכף נאכדעם שיקן נאך א גלעזל.

— לאמיר אויך אזוי טאן... — האט געדונערט א גראבער באס.

א פארדאהטער, ווי מיט א פאריבל, האט פאמא געקוקט אויף די פעטע ליפן און קינבאקן, וועלכע האבן כסדר געקייט די זיסקייטן, און אים האט זיך געוואלט א געשריי געטאן און ארויסטרייבן די דאזיקע לייט, וועלכע האבן נאך ניט לאנג געזועקט אין אים דרך-ארץ צו זיי.

— זיי א ביסל העפלעכער... ריידעוודיקער... — האט א מורמל געטאן צו אים מאיאקין, צוגייענדיק אלע ווײלע צו אים.

— וואס פרעסן זיי דא אזוי? אין א שענק זיינען זיי געקומען — וואס? — האט פאמא הויך און בייז זיך אפגערופן.

— טשש... — האט א דערשראקענע באמערקט מאיאקין און זיך שנעל ארומגעקוקט מיט א גאסטפריינדלעכן שמייכל אויפן געזיכט.

נאָר ס'איז שוין געווען צו-שפּעט. זײַן שמייכל האָט שוין גאָרנישט געהאָלפֿן. פּאַמעס ווערטער זײַנען דערהערט געוואָרן, דער טומל און געשפּרעך אין זאַל איז געוואָרן קלענער, אײניקע פֿון די געסט זײַנען שנעל צעטומלט געוואָרן, אַנדערע האָבן זיך באַלײדיקטע אָנגעברוגזט און אַוועקגעלײגט די גאָפּלען און מעסער און זײַנען אַוועק פֿון טיש. דער גאַנצער עולם האָט געקוקט אויף פּאַמען מיט אַ קרום אויג.

פּאַמאַ האָט אויפֿגענומען די דאָזיקע בליקן, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, בייז און שווײַגנדיק.

— צום טיש! — האָט געשריען מאַיאַקין, לויפֿנדיק פֿון אײנעם צו צווייטן, ווי אַ פֿונק צווישן אַש, — ביטע, זעצט זיך! באַלד דערלאַנגט מען בלינצעס.

פּאַמאַ האָט געצויגן מיט די אַקסלען און זיך אַרויסגערוקט צום טיר, מעלדנדיק אינדערהויך:

— איך וועל ניט עסן...

ער האָט געהערט הינטער זיך דעם צערודערטן טומל צווישן די געסט און דעם טויפּפּאָטערס חניפֿהדיקן קול, וועלכער האָט צו עמעצן גערעדט:

— פֿון צער נעבעך... איגנאַט איז דאָך אים געווען אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע...

פּאַמאַ איז אַרויס אין גאָרטן, צוגעקומען צום זעלבן אָרט, וואו דער פֿאָטער איז געשטאָרבן, און זיך אַוועקגעזעצט. אַ געפֿיל פֿון אײנזאַמקייט און טרויער האָט געדריקט זײַן ברוסט. ער האָט זיך אָפּגעשפּילעט דעם קראַגן פֿון העמד, כּדי אים זאָל זײַן לײַכטער צו אָטעמען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש, און אַרײַננעמענדיק דעם קאָפּ צווישן די הענט, איז ער געבליבן זיצן אַ פֿאַרגליווערטער. ס'האָט גענומען טריפֿן אַ רעגנדל און די צווײַגן פֿון די עפּלבײמער האָבן מעלאַנכאָליש גערוישט אונטער די קלעפּ פֿון רעגן. ער איז לאַנג געזעסן אַן אײנזאַמער, ניט רירנדיק זיך און קוקנדיק ווי אויפֿן טיש פֿאַלן די טראָפּנס. פֿון אויסגעטרונקענעם בראַנפֿן האָט אים גערוישט אין קאָפּ, און אין האַרץ האָט גענאָגט אַ פֿאַריבל אויף די מענטשן. אומבאַשטימטע, אומקלאָרע געפֿילן און

מחשבות זיינען געבאָרן געוואָרן בײַ אים און צוריק נעלם געוואָרן; פֿאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט דער נאַקעטער שאַרבן פֿון טויטפֿאָטער, אַרומגערינגלט מיט אַ קרענצל זילבערנע האָר און מיטן טונקעלן פּנים, ענלעך אויף די פּנימער פֿון אוראַלטע הייליקע בילדער. דער דאָזיקער פּנים מיטן מויל אָן ציינער און מיטן פֿאַלשן שמייכל, וואָס האָט געוועקט אומאָנגענעמקייט און מורא, האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט בײַ פֿאָטערן דעם באַוואוסטזיין פֿון איינזאַמקייט. נאָכהער האָבן זיך אים דערמאָנט די קליינינקע אייגעלעך פֿון מעדינסקאַיאַן, איר קליינע גלייכע פֿיגור, און גלייך מיט איר האָט זיך אַוועקגעשטעלט, ווער ווייס פֿאַרוואָס, די גראָבע רויטע ליובאָוו מאַיאַקין מיטן חוזקדיקן שמייכל און גרויסן גאָלד־פֿלאָמבירן צאָפּ. — „אויף מענטשן האָף ניט... קיין סך וואַרט ניט פֿון זיי“... — האָבן אים געקלונגען אין זיכרון דעם פֿאָטערס רייד. ער האָט אומעטיק אײַנגעאָטעמט און זיך אַרומגעקוקט... די צווייגן אויף די ביימער האָבן געציטערט פֿון רעגן און די לופֿט איז פֿול געווען מיט טרויעריקע קלאַנגען... דער גראָער הימל האָט ווי געוויינט און אויף די ביימער האָבן געצאַפּלט די קאַלטע טרערן. און בײַ פֿאָטערן אויף דער נשמה איז געווען טרוקן, פֿינסטער; אַ פּחדיק געפֿיל פֿון פֿאַריתומטקייט האָט אים אָנגעפֿילט... און פֿון דאָזיקן געפֿיל איז שוין בײַ אים געבאָרן געוואָרן אַ פֿראַגע:

— ווי וועל איך איצט לעבן? איינער אַליין.

דער רעגן האָט נאָס געמאַכט זיינע קליידער און ער האָט דערשפּירט אַ ציטער פֿון קעלט, זיך אויפֿגעהויבן און איז אַריין אין שטוב...

דאָס לעבן האָט אים געריסן פֿון אַלע זייטן, ניט לאָזנדיק אים קאָנצענטרירן זיך אויף מחשבות און טרויערן נאָכן פֿאָטער און שוין אויפֿן פֿערציקסטן טאָג נאָך איגנאַטס טויט איז ער געפֿאָרן אויף דער צערעמאָניע פֿון לייגן דעם גרונדשטיין פֿאַרן נאַכטהויז, אָנגעטאָן יום־טובדיק און מיט אַן אָנגענעמען געפֿיל אין האַרצן. מיט אַ טאָג פֿריער האָט מעדינסקאַיאַ מודיע געווען אים מיט אַ בריוו, אַז ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פֿון אויפֿזיכטסקאָמיטעט איבער די בוי־אַרבעט, ווי אויך אַלס ערן־מיטגליד פֿון דער געזעלשאַפֿט, אין וועלכער זי איז אַ פֿאָרזיצערין. אים איז דאָס

געפֿעלן געוואָרן, און אים האָט זייער געדרייצט די ראָל, וועלכע ער וועט היינט דאַרפֿן שפּילן ביים לייגן דעם גרונד־שטיין! ער איז געפֿאָרן און געטראַכט וועגן דעם, ווי דאָס וועט אַלץ פּאַרקומען און ווי ער דאַרף זיך האַלטן, כדי ניט צו פֿאַרלירן זיך פֿאַר מענטשן...

— עי, עי! שטיי!

ער האָט זיך אומגעקוקט, — פֿון לאַווע איז שנעל געלאָפֿן אים אַנטקעגן מאַיאַקין אין אַ פֿראַק ביז די פּיאַטעס, אין אַ הויכן הוט און מיט אַ געוואַלדיק־גרויסן שירעם אין האַנט.

— אַנו־זשע, פֿיר מיך אונטער, — האָט דער אַלטער געזאָגט, אַריינשפּרינגענדיק פֿלינק ווי אַ מאַלפּע אין דער בריטשקע. — איך האָב, דעם אמת זאָגנדיק, געוואַרט אויף דיר... איך קוק אויפֿן זייגער און טראַכט זיך: שוין צייט פֿאַר אים צו פֿאָרן...

— איר פֿאָרט אויך אַהין? — האָט פֿאָמאַ געפֿרעגט.

— ווי־זשע דען? מען דאַרף דאָך זען, ווי מען וועט מיין פֿרייגטס געלט באַגראָבן אין דר'ערד.

פֿאָמאַ האָט קרום אַ קוק געטאָן אויף אים.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? האָב קיין מורא ניט, דו וועסט מיט דער צייט אויך ווערן ביי לייטן אַ בעל־צדקה.

— וואָס הייסט עס? — האָט פֿאָמאַ איינגעהאַלטן געפֿרעגט.

— איך האָב געלייענט היינט אין צייטונג, אַז מען האָט דיך אויסגעקליבן פֿאַר אַ מיטגליד, און דערצו נאָך פֿאַר אַן ערן־מיטגליד אין סאָפּיעס חברה...

— אויסגעקליבן...

— ס'וועט דיר שוין אַריינפֿאָרן אין קעשענע די דאָזיקע מיט־גלידערשאַפֿט!... — האָט מאַיאַקין אַ זיפֿץ געטאָן.

— איך וועל אפשר בדלות ווערן?

— דאָס ווייס איך ניט... האָט דער אַלטער כיטרע אַ זאָג געטאָן. — איך בין שוין דערין מער באַהאַוונט, איך ווייס, אַז ס'איז גאָרנישט אַזאַ חכמה דאָס דאָזיקע וואוילטעטיקייט, און איך וועל דיר נאָך אפֿילו זאָגן, אַז דאָס איז בכלל קיין עסק ניט, נאָר גלאַט פּוסטע זאַכן, דערצו נאָך שעדלעך אויך.

— ס'הייסט, העלפן מענטשן איז שעדלעך? — האָט מיט פאַרדראָס געפרעגט פּאָמאַ.

— עך, ס'איז אַ טעמפּ קעפּל... ס'הייסט, ס'איז אַ קעפּל קרויט! — האָט מאַיאַקין אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעלע — דו קום אָקאָרשט צו פאָרן צו מיר, וועל איך דיר שוין עפענען די אויגן... מען דאַרף דיך נאָך לערנען!... וועסט קומען?

— גוט! — האָט פּאָמאַ מסכים געווען.

— איז אָט... דערווייל האַלט זיך ביים לייגן דעם גרונד־שטיין שטאָלץ... וואַרף זיך אַלעמען אין די אויגן. אַלע זאָלן דיך זען... אַז איך זאָל דאָס דיר ניט זאָגן, וועסטו זיך באַהאַלטן אַוודאַי אונטער עמעצנס פּלייצעס...

— פאַרוואָס זאָל איך זיך עפּעס באַהאַלטן? — האָט פּאָמאַ אומצופרידן געזאָגט.

— און איך וועל דיר זאָגן אָט וואָס: ס'איז לחלוטין ניט נייטיק. ווייל דאָס געלט האָט דאָך געגעבן דיין טאַטע, קומט דאָך דיר דער כּבוד בירושה. כּבוד — דאָס איז אַזוי ווי געלט... אַז אַ סוחר האָט כּבוד, האָט ער קרעדיט... און אומעטום איז פאַר אים אָפן די טירן... דו רוק זיך אַרויס פאָרויס, כּדי איטלעכער זאָל דיך קענען זען און אויב דו האָסט אויסגעטאָן כאָטש פאַר פינף קאָפּיקעס, זאָל מען דיר באַצאָלן ווי פאַר אַ רובל... און אויב דו וועסט זיך באַהאַלטן — וועט עס זיין נאַריש...

זיי זיינען געקומען צו פאָרן אויפן אָרט, ווען אַלע וויכטיקע לייט זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט. אַ גרויסער המון פון פאָלק האָט אַרומגערינגלט די קלעצער, די ציגל און ערד. דער אַרכיטעקט, דער גובערנאַטאָר, די פאָרשטייער פון דער שטאָטישער געזעלשאַפט און אַדמיניסטראַציע האָבן געבילדעט צוזאַמען מיט די אויסגעפוצטע רייכע דאַמען אַ גרויסע, אויסגעטיילטע גרופּע, וואָס האָט געקוקט אויף דער אַרבעט פון 2 מויערער, וועלכע האָבן צוגעגרייט די ציגל און קאַלך. מאַיאַקין מיטן טויפזון האָבן זיך גלייך געלאָזט גיין צו דער דאָזיקער גרופּע, און מאַיאַקין האָט אים ניט אויפגעהערט שעפּטשען:

— האָב קיין מורא ניט... כאָטש זיי טראָגן אויפן בויך זייד, אָבער אין בויך ביי זיי קנאַקט...

און הכנעהדיק מיט אַ פריילעכער שטים האָט ער זיך באַגריסט מיטן גובערנאַטאָר פריער, ווי מיטן אַרכיערײ.

— אַ געזונט אײַך, אײַער עקסעלענץ! בענטשט אונז, אײַער הייליקייט.

— אַ, יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש! — האָט פריינדלעך אויסגערופן דער גובערנאַטאָר מיט אַ שמייכל, דריקנדיק מאַיאַקינס האַנט און טרייסלענדיק זי, אין דער צייט, וואָס דער אַלטער האָט געקושט דעם אַרכיערייס האַנט. — וואָס מאַכט איר, מיין אומשטערב־לעכער אַלטיטשקער?

— איך דאַנק אײַך זייער, אײַער עקסעלענץ! מיין אונטערטעניקע אַכטונג צו סאָפיע פּאַוולאָווגע! — האָט שנעל געפּלאַפּלט מאַיאַ־קין, דרייענדיק זיך ווי אַ קניילכל צווישן עולם. ער האָט שוין באַ־וויזן צו באַגריסן זיך אי מיטן פּאָרזיצער פון געריכט, אי מיטן פּראָ־קוראָר, און מיטן גאָלאָוואַ — מיט אַלעמען, מיט וועמען ער האָט גע־האַלטן פאַר נייטיק צו גריסן זיך דער ערשטער; אַזעלכע זיינען, איבעריקנס, געווען ניט קיין סך. ער האָט זיך געוויצלט, געשמייכלט און האָט גלייך מיט זיין פּערזאָן צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערק־זאַמקייט, און פאָמאַ איז געשטאַנען הינטער אים, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, קוקנדיק דורך די ברעמען אויף די אַלע מיט גאָלד־אויס־גענייטע לייט, אָנגעטאָן אין טייערע שטאָפן, האָט מקנא געווען די דרייסטקייט פון אַלטן און זיך געשראָקן, און שפּירנדיק, אַז ער שרעקט זיך, — האָט ער זיך נאָך מער געשראָקן. פּלוצלונג האָט דער טויפּאָטער אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט און צוגעצויגן צו זיך:

— אָט דאָס איז, אײַער עקסעלענץ, מיין טויפזון, פאָמאַ, דער איינציקער יורש פון פאַרשטאָרבענעם איגנאַט.

— אַהאַ! — האָט דער גובערנאַטאָר אויסגעלאָזט מיט אַ באַס. — זייער אָנגענעם... איך פיל מיט... אײַער צער, יונגערמאַן! — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק פאָמעס האַנט, און שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט

ער נאָכהער פּעסט און זיכער מוסיף געווען: — פֿאַרלירן אַ פּאַ־טער איז זייער אַ שווערע אומגליק.

און אָפּוואַרטנדיק אַ רגעס צוויי אויף פּאַמעס ענטפֿער, האָט ער זיך אָפּגעקערט פֿון אים, און גענומען ווידער ריידן צו מאַ־יאַקינען:

— איך בין אַנטציקט פֿון אייער נעכטיקער רעדע אין דומע! גלענצנד, קלוג, יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש... פֿאַרלייגנדיק באַנוצן דאָס געלט אויפֿן... דאָזיקן פֿאָלקס־קלוב, פֿאַרשטייען זיי ניט די אמתע אינטערעסן פֿון דער באַפֿעלקערונג...

— און חוץ דעם, אייער עקסעלענץ, איז דאָך דער קאַפּיטאַל אַזאַ קליינינקער — הייסט עס, אַז שטאָט דאַרף מוסיף זיין עפּעס אייגענע געלט...

— זייער ריכטיק! זייער ריכטיק!

— ניכטערקייט, זאָג איך, איז טאַקע גוט! הלוואַי זאָל טאַקע גאָט געבן, אַז אַלע זאָלן זיין ניכטער. איך אַליין טרינק אויך ניט... נאָר צו וואָס דאַרף מען די דאָזיקע אַלע פֿאָרשטעלונגען, לייען־זאַלן און דאָסגלייכן, ווײַבאַלד דאָס פֿאָלק — קאָן אַפֿילו ניט לייענען?

דער גובערנאַטאָר האָט אײַנשטימיק צוגעשאָקלט.

— איז אָט זאָג איך, גיט אוים דאָס געלט אויף טעכנישע אײַנריכטונגען... און אויב מען זאָל דאָס אײַנאָרדענען אין קליינעם פֿאָרמאַט — וועט דאָס געלט זיין גענוג, און אַז מען וועט דאַרפֿן נאָך, וועט מען זיך קענען ווענדן אין פּעטערבורג — דאָרטן וועט מען אויך געבן! דאַן וועט די שטאָט פּטור זיין פֿון מוסיף זיין אייגענע און דאָס געשעפֿט וואָלט געווען קליגער.

— אָט דאָס טאַקע מיין איך אויך! און איך בין מיט אײַך פֿולקום מסכים! אָבער ווי די ליבעראַלן האָבן דאָס אויף אײַך זיך צע־שריען... כאַ־כאַ!

— דאָס איז שוין זייער זאַך, צו שרייען...

אַ דיקער הוסט פֿון דעם אונטער־דיאַקאָן פֿון סאָבאָר האָט געמאָלדן וועגן אָנהייב פֿון דער תּפֿילה.

צו פּאַמען איז צוגעגאַנגען סאָפֿיע פּאַוולאָוונע, געגריסט זיך און שטיל, מיט אַ טרויעריקן קול, זיך אָפּגערופֿן צו אים:

— איך האָב געקוקט אויף אייער פּנים אין, טאָג פון אייער באַטערס קבורה, און בײַ מיר האָט זיך צונויפגעדריקט דאָס האַרץ... מיין גאָט, האָב איך געטראַכט, וויפיל ער דאַרף דאָס ליידן!...

און פּאָמאַ האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד, ווי ער וואָלט געטרונקען האָניק.

— אייערע קולות האָבן צעטרייסלט מיין נשמה... אָרעם יינגל מיינס!... איך קען זיך אַזוי אויסדריקן, איך בין דאָך שוין אַן אַלטינקע...

— איר! — האָט שטיל אויסגערופן פּאָמאַ.

— אפשר ניט אַזוי? — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק אים נאַיִוו אין געזיכט.

פּאָמאַ האָט געשוויגן, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ.

— איר גלייבט ניט, אַז איך בין שוין אַ זקנה?

— איך גלויב אייך... ס'הייסט אַלץ, וואָס פון אייך, גלויב איך... נאָר אָט דאָס איז ניט אמת! — האָט מיט אַ האַלבער שטים און היים געזאָגט פּאָמאַ.

— ניט אמת — וואָס? וואָס גלייבט איר מיר?

— ניין, ניט דאָס... נאָר דאָס, אַז... איך, — איר וועט מיר אַנטשולדיקן! — איך קען ניט ריידן! — האָט מיט אַ בענקעניש אַרויס־געזאָגט פּאָמאַ, אינגאַנצן אַ רויטער פון צעטומלטקייט. — איך בין ניט קיין געבילדעטער...

— דערפון דאַרף מען ניט זיין צעטומלט... — האָט פאַר־גיביק געזאָגט מעדינסקאַיאַ. — איר זייט נאָך יונג, און די ביל־דונג איז דערגרייכלעך פאַר אַלעמען... נאָר ס'זיינען דאָ מענטשן, וועלכע האָבן דאָס ניט נאָר ניט נייטיק, נאָר ווערן נאָך קאַליע דערפון... דאָס זיינען די מענטשן מיט די ריינע הערצער... פאַר־טרוילעכע, אויפריכטיקע ווי קינדער.... און איר זייט אויך פון די מענטשן... איר זייט אַזאַ, יע?

וואָס האָט פּאָמאַ געקאָנט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע? ער האָט אויפריכטיק געזאָגט:

— איך דאַנק אייך אונטערטעניק!...

און דערזעענדיק, אַז זיינע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אין מעדינסקאַיאַס אויגן אַ פריילעכן גלאַנץ, האָט ער זיך דערפילט קאָמיש און נאַריש, איז געוואָרן באַלד בייז אויף זיך אַליין און מיט אַ דערדריקטער שטים געזאָגט:

— יאָ, איך בין אַזאַ — וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג... פעלשן קען איך ניט... דאָס איז מיר לעכערלעך — איך זאָג אָפן... איך בין נאַריש!...

— נו, צו וואָס אַזוי? — האָט מיט אַ פאָרוואורף געזאָגט די פרוי, און פאַרריכטנדיק איר קלייד, האָט זי ניט ווילנדיק אָנגערירט פּאָמעס אַראָפּגעלאָזטע האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם הוט. דאָס האָט זי באַוואויגן אַ קוק טאָן אויף זיין האַנט און צעטומלט און פריילעך געשמייכלט.

— איר וועט געווים זיין אויף מיטאָג? — האָט מעדינסקאַיאַ געפרעגט.

—יאָ...

— און מאָרגן, ביי מיר אויף דער זיצונג?

— אומבאַדינגט!

און אפשר וועט איר אַמאָל, גלאַט אַזוי זיך... אַריינכאַפּן זיך צו אונז צו גאַסט, יאָ?

— איך... דאַנק אייך! איכ'ל קומען!...

— איך דאַרף אייך דאַנקען פאַרן צוזאָג....

זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. אין אַוויר האָט זיך געטראָגן דער פרומער שטילער קול פון אַרכיערײ, וועלכער האָט דייטלעך געלייענט די תּפילה, פאַרשפרייט:דיק די האַנט אויפן אָ"ט, וואו מען האָט געזאָלט לייגן דעם גרונד־שטיין:

— „...ס'זאָל אים ניט בייקומען קיין ווינט, קיין וואַסער און קיין אַנדער שעדלעכע זאַך, זאָלסט אים בענטשן, ער זאָל קענען אויפגעבויט ווערן ביזן סוף און די, וועלכע וועלן לעבן דערינען, זאָלן באַהיט ווערן פון מכשולים און פון שטן...“

— ווי אינהאַלטסרייך און שיין זיינען אונזערע תּפילות, ניט אמת? — האָט מעדינסקאַיאַ געפרעגט.

— יאָ, — האָט פֿאַמאַ געזאָגט, ניט פֿאַרשטייענדיק אירע ווערטער און שפּירנדיק, אַז ער ווערט ווידער רויט.

— זיי וועלן תּמיד זײַן קעגנער פֿון אונזערע סוחרישע אינטערעסן, — האָט איבערצייגט און הויך געשעפּטשעט מאַיאַקין, שטייענדיק ניט ווײַט פֿון פֿאָמען, צוזאַמען מיטן שטאָט-גאָלאָוואַ. וואָס גייט זיי אָן? זיי גייט אָן בלויז צו אײַנקריכן זיך בײַ דער צייטונג אָנערקענונג... און אַן אמתן ענין ווייסן זיי ניט... זיי לעבן אַזוי זיך און ניט אויף צו בויען דאָס לעבן... זיי האָבן דאָרטן איין מאָס: די צייטונגען און די שווייץ! דער דאָקטאָר האָט מיר נעכטן די גאַנצע צײַט גערדייט אַ קאָפּ מיט דער דאָזיקער שווייץ: אין דער שווייץ, זאָגט ער, איז דאָ אַ פֿאָלקסבילדונג... און נאָך זאַכן איז דאָרטן פֿאַראַן... און אַלץ פֿון ערשטן סאָרט! אָבער, איבעריקנס, — וואָס איז אַזוינס שווייץ? אַ סבֿרא, אַז די דאָזיקע שווייץ איז אַן אויסגעטראַכטע... ווערט מער נישט געבראַכט פֿאַר אַ משל... און קיין שום בילדונג און שאָר-ירקות איז גאָר דאָרטן ניט פֿאַראַנען... און בכלל לעבן מיר ניט פֿאַר איר און ניט פֿאַר איר דאַרפֿן מיר האַלטן אַן עקזאַמען... אונזער לעבן דאַרפֿן מיר בויען אויף אונזער שטייגער. ריכטיק?

און דער אונטער-דיאַקאָן האָט, פֿאַרוואַרפֿנדיק זײַן קאָפּ, געדונערט:

— און דעם גרינדער פֿון דאָזיקן הויז אַ... זכּרון... עולם...

פֿאָמאַ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, נאָר מאַיאַקין איז שוין געשטאַנען לעבן אים און ציענדיק פֿאַרן אַרבל, געפֿרעגט:

— פֿאָרסט אויף מיטאָג?

און מעדינסקאַיאַס כאַמעטענע, וואַרעמע הענטל האָט זיך ווידער אַ גליטש געטאָן איבער פֿאָמעס האַנט.

דער מיטאָג איז געווען פֿאַר פֿאָמען אַ מאַטערניש. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, געפֿינענדיק זיך צווישן אַזעלכע בכּבֿודיקע לײַט, האָט ער געזען, אַז אויך זיי עסן און ריידן, — און זיי מאַכן דאָס בעסער פֿון אים, און ער האָט געשפּירט, אַז פֿון מעדינסקאַיאַן, וועלכע איז גראָד געזעסן אים אַנטקעגן, טיילט אים אָפּ ניט דער טיש, נאָר אַ הויכער באַרג. לעבן אים איז געזעסן דער סעקרעטאַר פֿון

דער געזעלשאַפט, וואו פּאָמאַ איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערן־מיטגליד, — אַ יונגער געריכטס־באַאמטער, מיט אַ משונהדיקער פאַמיליע אוכטישטשעוו. און כּדי זיין פאַמיליע זאָל אויסקומען נאָך מער אומגעלומפּערט, האָט ער נאָך דערצו גערעדט מיט אַ הויכן, קלינגענדיקן טענאָר און אַליין — אינגאַנצן אַ פלינקער, אַ קליינינקער, מיט אַ קיילעכדיקן פּנים און אַ פריילעכער פלוידערזאַק, — איז ער ענלעך געווען אויף אַ נייַנקן גלעקעלע.

— דאָס בעסטע אין אונזער געזעלשאַפט איז די פּאַטראָנעסע. דאָס נוציקסטע פון אַלץ, מיט וואָס מיר פאַרנעמען זיך, — איז האַווירן די פּאַטראָנעסע, דאָס שווערסטע — איז זאָגן דער פּאַטראָנעסע אַזאַ קאָמפּלימענט, פון וועלכן זי זאָל זיין צופרידן, און דאָס קליגסטע — איז זיין שווייגנדיק און אָן האָפענונג באַגייסטערט פון איר. אַזוי, אַז אין תּוך זייט איר אַ מיטגליד ניט פון דער „געזעלשאַפט צו באַזאָרגן" אַאַזוו., נאָר אַ מיטגליד פון דער טאַנטאַל געזעלשאַפט, וועלכע שטייט אין הייליקער דינסט ביי סאָפיאַ מעדינסקאַיאַ.

פּאָמאַ האָט זיך צוגעהערט צו זיין פלוידעריי, געקוקט אויף דער פּאַטראָנעסע, וועלכע האָט אַזוי פאַרנומען געשמועסט וועגן עפּעס מיטן פּאָליציימייסטער, און געבאַמקעט אַלס ענטפער צו זיין מיטשמועסער, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז ער איז פאַרנומען מיט דער אַכילה, און געוואָלט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך שוין גיך ענדיקן. ער האָט זיך געשפּירט, ווי אַ נעבעכדיקער, נאַריש און לעכערלעך פאַר אַלעמען, און געווען זיכער, אַז אַלע קוקן אים נאָך, באַריידן אים. דאָס האָט אים געבונדן מיט ניט־געזעענע פעדים, און אים ניט געלאָזט ניט ריידן, ניט טראַכטן. ענדלעך האָט די ריי פאַרשיידענע פיזיאָנאָמיעס, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום טיש, אים אַנטקעגנאיבער, אויסגעזען אים, ווי אַ לאָנגער, כוואַליקער, ווייסער פּאַס מיט אַריינגעשטעקטע, חוזקדיקע אויגן אין אָט די דאָזיקע אַלע אויגן האָבן אים יסורימדיק־אומאָנגענעם געשטאָכן.

און מאַיאַקין איז געזעסן איינאיינעם מיטן שטאָט־גאָלאָוואַ, גיך דרייענדיק מיטן גאָפּל אין דער לופט און גערעדט צו אים עפּעס, קנייטשנדיק דעם שטערן. דער גאָלאָוואַ, אַ גראָער און רויט־הויטי־

קער מענטש מיט אַ קורצן האַלז, האָט געקוקט אויף אים, ווי אַן אָקס, מיט אַן אײַנגעקשנטער אויפֿמערקזאַמקייט און פֿון צײַט צו צײַט געפּויקט מיטן לאַנגן פֿינגער איבערן ברעג טיש. דער לעבעדיקער געשפּרעך און געלעכטער האָבן פֿאַרטויבט די האַסטיקע רייד פֿון טויפּפּאָטער, און פֿאָמאַ האָט ניט געקאָנט דערהערן קיין איין וואָרט, בפֿרט, אַז די גאַנצע צײַט האָט אים אין די אויערן ניט אויפֿגעהערט קלינגען דעם סעקרעטאַרס טענאָר:

— קוקט, אָט האָט זיך דאָרט דער געהילפֿס־דיאַקאָן אַנידערגעשטעלט און לאָדט אָן פֿולע לונגען מיט לופֿט... ער וועט באַלד מאַכן אַ הזכּרה אינגאַט מאַטוועיעוויטשן...

— אפֿשר קען איך אַוועקגיין? — האָט פֿאָמאַ שטיל געפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס ניט? אַלע וועלן דאָס פֿאַרשטיין...

דער הייזעריקער אָפּרוף פֿון דיאַקאָן האָט פֿאַרטויבט און ווי דערדריקט דעם רעש אין זאַל; דאָס אָנגעזעענע סוחרטום האָט מיט באַגײַסטערונג אָנגעקוקט דאָס גרויסע, ברייט־צעעפֿנטע מויל, פֿון וועלכן ס'האָט זיך געגאָסן אַ געדיכטע אָקטאַווע, און באַנוצנדיק זיך מיטן דאָזיקן מאָמענט, האָט זיך פֿאָמאַ אויפֿגעשטעלט און אַרויס פֿון זאַל.

אין אַ רגע אַרום איז ער, פֿרײַ־אָטעמענדיק, שוין געזעסן אין זײַן ברישקע און פֿאַרדאַגהט געטראַכט, אַז צווישן די דאָזיקע הערן איז פֿאַר אים ניט קיין אָרט. ער האָט זיי אָנגערופֿן, פֿאַר זיך, אויסגעלעבטע, זייער גלאַנץ איז אים ניט געפֿעלן, אים זײַנען ניט געפֿעלן זייערע פּנימער, זייערע שמייכלען, זייערע ווערטער. נאָר די פֿרײַהייט און פֿלינקייט פֿון זייערע באַוועגונגען, זייער קענען ריידן פֿון אַלץ און אַ סך, זייערע שיינע קאָסטיומען, — דאָס אַלץ האָט אין אים דערוועקט אַ געמיש פֿון קנאה און דרך־ארץ צו זיי. אים איז געוואָרן פֿאַרדראָסיק און אומעטיק פֿון דעם באַוואוסטזײַן, וואָס ער קען ניט ריידן, אַזוי לײַכט און אַ סך ווי די דאָזיקע אַלע לײַט, און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ליובאַ מאַיאַקין האָט שוין ניט איין מאָל פֿון אים געלאַכט דערפֿאַר.

פּאָמאַ האָט ניט ליב געהאַט מאַיאַקינס טאָכטער, און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך דערוואוסט פון איגנאַטן, אַז דער טויפּפּאָטער האָט בדעה אים חתונה מאַכן מיט ליובען, האָט דער יונגער גאָרדעיעוו אָנגעהויבן אויסמיידן זיך צו באַגעגענען מיט איר. אָבער נאָכן פאָ־טערס טויט פלעגט ער יעדן טאָג זיין ביי די מאַיאַקינס און איינמאָל האָט אים אפילו ליובאַ אַ זאָג געטאָן:

— איך קוק אַזוי אויף דיר, און ווייסט וואָס? — דו ביסט דאָך גאָרנישט ענלעך אויף אַ סוחר...

— און דו ביסט ווייניק ענלעך אויף אַ סוחרטע... — האָט פּאָמאַ געענטפערט, אַ קוק טוענדיק אויף איר מיט חשד.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם פשט פון אירע רייד: צי האָט זי אים געוואָלט באַליידיקן דערמיט, אָדער זי האָט דאָס געזאָגט סתם אַזוי.

— גאָט צו דאַנקען! — האָט זי אים געענטפערט און געשמייכלט צו אים מיט אַזאַ גוטן, פריינדלעכן שמייכל.

— וואָס ביסטו אַזוי צופרידן? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס מיר זיינען ניט ענלעך אויף אונזערע עלטערן.

פּאָמאַ האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף איר און גע־שוויגן.

— דו זאָג מיר אויפריכטיק, — האָט זי פאַרקלענערנדיק איר קול געבעטן ביי אים, — דו האָסט דאָך מיין פאָטער ניט ליב? ער געפעלט דיר ניט?

— ניט... זייער... — האָט פּאָמאַ לאַנגזאַם אַרויסגעזאָגט.

— נו, אויך איך האָב אים זייער ניט ליב.

— פאַרוואָס?

— פאַר אַלץ... וועסט קליגער ווערן — וועסטו אַליין פאַרשטיין... דיין פאָטער איז געווען בעסער.

— נאָך ווי! — האָט שטאָלץ געזאָגט פּאָמאַ.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס איז צווישן זיי מיטאַמאָל געוואָרן אַ צוגעבונדנקייט איינער צום אַנדערן. און פון טאָג־צו־טאָג איז דאָס געוואַקסן און אַנטוויקלט זיך, און גאָר גיך האָט דאָס אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון פריינדשאַפט, כאָטש אַ ביסל אַן אויסטערלישע.

ליובאַ איז געווען אין זעלבן עלטער, וואָס איר טויפּברודער, נאָר זי האָט זיך באַצויגן צו אים, ווי אַן עלטערע צו אַ יינגל. זי האָט גערעדט צו אים מיט גרינגשעצונג, האָט אָפּט געלאַכט פון אים, און אירע רייד פּלעגט זי באַנוצן ווערטער אַזעלכע, וועלכע זיינען פאַר פאָמען געווען אומבאַקאַנט, און זי פּלעגט זיי אַרויסריידן וואָגיק און מיט אַן אָפּגענעם פאַרגעניגן. זי האָט דערהויפּט ליב געהאַט צו ריידן וועגן איר ברודער טאַראַס, וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט געזען, און פון וועמען זי פּלעגט דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס פּלעגט אים מאַכן ענלעך צו די דרייסטע און איידעלע רויבער, וועגן וועלכע ס'פּלעגט דערציילן די מומע אַנפיסאַ. באַקלאָגנדיק זיך אָפּט אויף איר פאָטער, פּלעגט זי זיך אָפּרופן צו פאָמען:

— און דו וועסט אויך זיין אַזאַ... אַשמדאַי!

דאָס אַלץ איז אים געווען ניט אָנגענעם און האָט זייער פאַרטשעפּעט זיין איינגליבע. נאָר צייטנווייז איז זי געווען אָפּנהאַרציק, פּשוט און באַזונדערס פריינדלעך-צערטלעך צו אים. דאַן פּלעגט זיך ביי אים עפּענען זיין האַרץ פאַר איר, און ביידע פּלעגן זיי לאַנג אויסגיסן איינער פאַרן צווייטן זייערע געדאַנקען און געפילן.

זיי פּלעגן ביידע ריידן לאַנג, אויפריכטיק — און זיי האָבן ביידע ניט פאַרשטאַנען איינער דעם צווייטן: פאָמען פּלעגט אויסווייזן, אַז אַלץ, וואָס זי רעדט, איז אים פרעמד און ניט נייטיק פאַר איר, און אין דער אייגענער צייט האָט ער קלאָר געזען, אַז זיינע אומגעלונגענע רייד אינטערעסירן איר אַ האָר ניט און זי וויל זיי ניט פאַרשטיין. וויפל צייט זיי האָבן ניט פאַרבראַכט ביי אַזאַ שמועס — פּלעגט נאָכדעם איבערבלייבן ביי זיי בלויז איין געפיל פון אומצופרידנקייט איינער מיטן צווייטן. ווי אַ אומגעזעענע וואַנט פון ווידערגעפיל וואָלט פלוצלונג אויסגעוואַקסן צווישן זיי און זיי צעשיידט. זיי האָבן ניט געוואַגט צוצורוקן זיך צו דער דאָזיגער וואַנט און זאָגן איינער דעם צווייטן, אַז זיי פילן זי, און זיי האָבן ווייטער פאַרגעזעצט זייערע שמועסן, מיטן נעפלדיקן באַוואוסטזיין, אַז אין יעדערן פון זיי איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס קען זיי ביידן דערנעענטערן און פאַראייניקן.

ער איז צוגעפאָרן צום טויפּאַטערס הויז. אינעווייניק האָט פּאַמאַ געטראָפן ליובען אַליין. זי איז אים אַרויס אַנטקעגן און ס'איז געווען קענטיק, אַז זי איז ניט געזונט, אָדער ניט מיט אַלעמען: אירע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי אין פיבער און זיי זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט שוואַרצע פלעקן. טוליענדיק זיך פון קעלט אין דער פוכיקער טוך, האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט:

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען! ווייל איך בין איינע אַליין... ס'איז אומעטיק, גיין ערגעץ ווילט זיך ניט... טיי וועסטו טרינקען?

— איכ'ל טרינקען... וואָס ביסטו עפּעס אַזוי, ניט געזונט, וואָס?

— גיי אַריין אין עסנשטוב און איך וועל הייסן דערלאַנגען דעם סאַמאָוואַר... — האָט זי אָפּגערופן זיך, אָנשטאָט צו ענטפערן אים אויף דער פראַגע.

ער איז אַריין אין איינעם פון די קליינע צימערן פון הויז. דאָס צימער האָט געהאַט צוויי פענסטער, וואָס זיינען אַרויס אין אַ סעדל. אינמיטן איז געשטאַנען אַ קיילעכדיקער טיש, אַרומגערינגלט מיט אַלטמאָדישע שטולן, באַשלאָגן מיט לעדער. אויף איינעם פון די צווישנווענט איז געהאַנגען אַ זייגער אין אַ לאַנגן קעסטל מיט אַ גלעזערנער טירל, אין אַ ווינקל איז געווען אָנגעשטעלט אַ בערגל געשיר און אַנטקעגן פענסטער איז ביי דער וואַנט געשטאַנען אַ גרויסער בופעט פון דעמבנהאָלץ, ווי אַ גאַנצער אַלקער.

— דו קומסט דאָס פון מיטאָג? — האָט ליובאַ אים געפרעגט, אַריינגייענדיק אין צימער.

פּאַמאַ האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, וואָס, געווען יום-טובדיק?

— אַ צרה! — האָט פּאַמאַ אַ שמייכל געטאָן. — איך בין געזעסן ווי אויף הייסע קוילן.... אַלע האָבן דאָרט אויסגעזען ווי די פּאַוועס, און איך ווי אַ נאַכט-פויגל...

ליובע האָט אַרויסגעשלעפּט פון בערגל טעלער און האָט גאָרנישט געענטפערט.

— וואָס ביסטו אַזאַ אומעטיקע? — האָט פּאַמאַ ווידער אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק אויף איר פאַרוואָלקנט געזיכט.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און מיט התפעלות און מיט בענקשאַפט געזאָגט:

— אַך, פּאָמאַ! ס'אַראַ בוך איך האָב געלייענט! אויב דו וואָלסט דאָס געקאָנט פאַרשטיין!...

— אָפּנים, אַ גוט ביכל, אַז וויבאַלד ס'האָט דיר אַזוי איבערגעקאַטשעט... — האָט פּאָמאַ געלאַכט.

— איך האָב ניט געשלאָפן... אַ גאַנצע נאַכט געלייענט... דו פאַרשטייי: דו לייענסט און ס'עפענען זיך פאַר דיר טירן ווי עפּעס אין אַן אַנדער קיניגרייך... און די מענטשן זיינען דאָרט אַנדערע, און זייער ריידן און... אַליץ! דאָס גאַנצע לעבן...

— איך האָב דאָס ניט ליב... — האָט אַ אומצופרידענער געענטפערט פּאָמאַ. — אויסטראַכטעניש, אָפּנאַרעריי. אין טעאַטער איז אויך דאָס אייגענע... די סוחרים שטעלט מען דאָרט אַרויס אויף צו חוזקן פון זיי... צי דען זיינען זיי אין אמתן אַזעלכע נאַראָנים? וואָס הייסט! אָט נעם דעם טויף-פּאָטער...

— טעאַטער — איז אויך אַ שול, פּאָמאַ, — האָט ליובאַ זיך אָפּגערופן. — די סוחרים זיינען געווען אַזעלכע... און וואָס פאַר אַ אָפּנאַרעריי קאָן זיין אין די ביכער?

— ווי אין די מעשהלעך... דאָרטן איז קיין זאַך ניט קיין אמת...

— אַ טעות! דו האָסט דאָך קיין ביכער ניט געלייענט, — וואָס קענסטו וויסן? פאַרקערט, דאָרט איז דער אמת. זיי לערנען ווי צו לעבן.

— נו! — האָט פּאָמאַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — לאָז געמאַך... קיין שום טאָלק איז דאָרט ניטאָ אין דיינע ביכער!... אָט דער טאַטע דיינער לייענט ניט קיין ביכער און ס'אַראַ... געשיקטער ער איז! כ'האָב היינט געקוקט אויף אים — האָב איך אים מקנא געווען. ווי ער האַלט זיך מיט אַלעמען... אַזוי פריי, געניט, האָט פאַר יעדערן אַ וואָרט... ביי אים זעט מען גלייך, אַז וואָס ער וויל, וועט ער זיך דערשלאָגן.

— וואָס דערשלאָגט ער זיך דען אַזוינס? — האָט ליובאַ אויסגערופן. — נישט מער ווי געלט... און ס'זיינען דאָ מענטשן, וועל-

כע ווילן גליקלעך מאַכן אַלעמען אויף דער ערד... און צוליב דעם אַרבעטן זיי, ליידן זיי, קומען אום, שאַנעווען זיך ניט! צי קען מען דען פאַרגלייכן צו זיי דעם פאָטער?

— פאַרגלייך ניט... זיי, אפנים, געפעלט איין זאַך, און דעם טויף־פאָטער געפעלט עפּעס אַנדערש...

— זיי געפעלט גאָרנישט!

— וואָס הייסט?

— זיי ווילן אַלץ איבערמאַכן...

— אָבער זיי מיען זיך דאָך פאַר עפּעס? — האָט שאַרף דערווידערט פאָמאַ. — עפּעס ווילן זיי דאָך?

— גליק פאַר אַלעמען ווילן זיי! — האָט ליובאַ הייס אויסגע־שריען.

— נו, דאָס פאַרשטיי איך שוין ניט... האָט פאָמאַ געשאָקלט מיטן קאָפּ. — ווער וויל דאָס דאָרטן אַזוי זאָרגן וועגן מיין גליק? און ווידער, וואָס פאַר אַ גליק קענען זיי מיר שוין געבן, אויב איך... ווייס נאָך אַליין ניט, וואָס איך דאַרף? ניין, דו וואָלסט אָט וואָס, דו וואָלסט שוין בעסער אַ קוק געטאָן... אויף די, וואָס האָבן געמיטאָגט...

— דאָס זיינען ניט קיין מענטשן! — האָט קאַטעגאָריש געמאָלדן ליובאַ.

— דאָס ווייס איך שוין ניט, וואָס זיי זיינען לויט דיין שכל, נאָר איינס זעט מען באַלד — זיי ווייסן זייער אָרט. אַ פלינק פאָלק... אַ פאַרשטאַנדיקס...

— עך, פאָמאַ! — האָט פאַרביטערט אויסגערופן ליובאַ. — פאַרשטייסט גאָרנישט! קיין זאַך באַאומרויקט דיך ניט! עפּעס אַ פוילער ביסטו...

— נו, אַרויסגעפאָרן! פשוט, איך האָב זיך נאָך ניט אַרומגע־קוקט...

— דו ביסט, פשוט, אַ פוסטער, — האָט ליובאַ אַנטשלאָסן און פעסט געמאָלדן.

— אין מיין נשמה ביסטו ניט אַריינגעקראָכן... — האָט פאָמאַ רויִק אָפּגעענטפערט. — דו ווייסט ניט מיינע מחשבות...

— וואָס פאַר אַ מחשבות האָסטו? — האָט ליובאַ געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— ע! ראשית איך אַליין! דאָס איז איינס... והשנית, לעבן דאַרף איך? דאָס איז צווייטנס. אַזוי ווי איך בין איצטער, אין מיין איצטיקער לאַגע, הייסט עס, קאָן מען ניט לעבן — איך פאַרשטיי דען דאָס ניט? איך וויל ניט, מענטשן זאָלן פון מיר לאַכן... איך קען אַפילו ניט ריידן מיט מענטשן... יאָ... און טראַכטן קאָן איך אַפילו ניט... — האָט פּאָמאַ פאַרענדיקט זיין דרוש און ער האָט אַ צעטומלטער געלאַכט.

— מען דאַרף לייענען, מען דאַרף זיך לערנען, — האָט מיט איבערצייגונג געעצהט ליובאַ, שפּאַנענדיק איבערן צימער.

— אין מיין נשמה באַוועגט זיך עפּעס, — האָט פּאָמאַ ממשיך געווען, ניט קוקנדיק אויף איר און ריידנדיק ווי צו זיך אַליין, — נאָר איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין. אָט זע איך, ווי דער טויב-פּאַטער רעדט... זאַכלעך אַזוי... און קלוג... נאָר ס'ציט מיך ניט... אָט יענע מענטשן זיינען פאַר מיר אינטערעסאַנטער.

— די אַריסטאָקראַטיע? — האָט ליובאַ געפרעגט.

— יאָ...

— דאָרטן איז טאַקע דיין אָרט! — האָט מיט אַ ביטול-שמייכל געזאָגט ליובאַ. — עך דו! צי דען זיינען דאָס מענטשן? צי דען האָבן זיי נשמות?

— פון וואַנען קענסטו זיי? ביסט דאָך מיט זיי ניט באַקאַנט...

— און די ביכער? איך האָב ניט געלייענט?

די דינסט האָט אַריינגעטראָגן דעם סאַמאָוואַר, און דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. ליובאַ האָט שווייגנדיק פאַרקאָכט טיי, פּאָמאַ האָט געקוקט אויף איר און געטראַכט וועגן דער מעדינסקאַיאַ. מיט איר האָט זיך אים געוואָלט ריידן.

— יאָ-אָ, — האָט דאָס מיידל אַרויסגערעדט פאַרטראַכט. — מיט יעדן טאָג איבערצייג איך זיך אַלץ מער, אַז לעבן — איז שווער... וואָס זאָל איך טאָן? חתונה האָבן? מיט וועמען? פאַר אַ סוחרל, וועלכער וועט דאָס גאַנצע לעבן באַראַבעווען די מענטשן, שיכורן און שפּילן אין קאָרטן? פאַר אַ פּרא-אָדם? איך וויל ניט! איך וויל האָבן

מײַן אײגענעם איך... װײַל איך פֿאַרשטײ שױן, װי מיאוס ס'איז געבױט דאָס לעבן. לערנען זיך? צי װעט דער טאַטע לאָזן... מײַן גאָט! אַנטלױפֿן? ניטאָ קײן מוט... װאָס־זשע זאָל איך טאָן?

זי האָט געדריקט די הענט און איבערגעבױגן איר קאָפּ איבערן טיש.

— אַז דו װאָלסט װיסן, װי דאָס איז מיר אַלץ דערװידער... קײן לעבעדיקע נשמה ניטאָ אַרום... זינט די מוטער איז אָפּגעשטאָרבן,— האָט דער פֿאָטער אַלעמען אַרױסגעטריבן. אַנדערע זײַנען אַװעקגעפֿאָרן לערנען זיך... לינאַ איז אַװעקגעפֿאָרן. זי שרײַבט: לײען. אַך, איך לײען! איך לײען! — האָט זי מיט יאוש אין קול אױסגעשריען און שװײַגנדיק נאָכהער אַ רגע, האָט זי מוסיף געװען:

— ניטאָ אין די ביכלעך דאָס, װאָס ס'פֿעלט דעם האַרצן... און אַ סך פֿון זײ פֿאַרשטײ איך ניט... סוף־כּל־סוף איז מיר לאַנגװײַליק... ס'איז מיר לאַנגװײַליק תּמיד צו לײענען אַלײן, אַלײן! איך װיל מיט אַ מענטשן, און קײן מענטש איז ניטאָ! מיר איז ענג... לעבסט אײנמאָל, און שױן צײַט צו לעבן... און קײן מענטש איז נאָך אַלץ ניטאָ... ניטאָ! צו װאָס לעבן? לינאַ זאָגט: לײען, װעסטו פֿאַרשטײן... איך װיל ברױט און זי גיט מיר אַ שטײן... איך װײס, אַז מען דאַרף — מען מוז פֿאַרטײדיקן דאָס, װאָס דו ליבסט, דאָס, אין װאָס דו גלױבסט... מען דאַרף קעמפֿן...

און כּמעט מיט אַ יאָמער האָט זי פֿאַרענדיקט:

— אָבער איך בין דאָך אַלײן! מיט װעמען זאָל איך קעמפֿן? ניטאָ קײן שונאים... ניטאָ קײן מענטשן! איך לעב דאָך װי אין אַ תּפֿיסה!

פּאָמאַ האָט דאָס אַלץ אױסגעהערט, קוקנדיק שאַרף אױף די פֿינגער פֿון זײַן האַנט. ער האָט געשפּירט אַ גרױסן צער אין אירע רײד, אָבער ער האָט זי ניט פֿאַרשטאַנען. און װען זי איז געװאָרן אַנטשװיגן, אַ דערדריקטע און אַ טרױעריקע, האָט ער ניט געפֿונען װאָס צו זאָגן איר, אױסער װערטער ענלעך צו אַ פֿאָרװאורף:

— אָט זאָגסטו אַלײן, אַז די ביכלעך זײַנען גאָרנישט װערט פֿאַר דיר, און מיך לערנסטו: לײען...

זי האָט אים אַ קוק געטאָן אין פּנים, און אין אירע אויגן האָט אויפגעפלאַמט אַ רישעות:

— אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט, אַז אין דיר זאָלן זיך דערוועקן די אַלע ליידן... וועלכע איך לעב איבער... אַז די זאָלסט אויך, ווי איך, ניט שלאָפן קיין נעכט פון טראַכטן, אַז דיר זאָל אויך אַלץ ווערן דערווידער... און דו אַליין זאָלסט זיך גופא ווערן דערווידער! איך קען אייך קיינעם ניט אָנקוקן... איך האָב אייך אַלעמען פיינט!

אינגאַנצן אַ רויטע, האָט זי צאָרנדיק געקוקט אויף אים און גערעדט אַזוי בייז, אַז ער האָט אַ נשתוממדיקער זיך אַפילו ניט באַליידיקט. קיינמאָל האָט זי מיט אים אַזוי ניט גערעדט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט ער איר געפרעגט.

— אַפילו דיך האָב איך פיינט! דו... וואָס ביסטו? אַ טויטער, אַ פוסטער... ווי וועסטו לעבן? וואָס וועסטו געבן די מענטשן? — האָט זי שוין שטילער און ווי רישעותדיק גערעדט צו אים.

— איך וועל זיי קיין זאַך ניט געבן, זאָלן זיי זיך אַליין דערשלאָגן... — האָט פאָמאַ געענטפערט, ווייסנדיק, אַז מיט די דאָזיקע ווערטער דערצאָרנט ער זי נאָך מער.

— ביסט אַן אומגליקלעכער! — האָט דאָס מיידל אויסגערופן מיט פאַראַכטונג.

די זיכערקייט און די קראַפט פון אירע פאָרוואורפן האָבן פאָמען ניט ווילנדיק געצוואונגען אויסצוהערן אויפמערקזאַם אירע בייזע רייד; ער האָט געשפירט אין זיי אַ זין. ער האָט זיך אַפילו צוגערוקט נעענטער צו איר, נאָר זי האָט זיך מיט כעס און אויסער זיך אָפּגערוקט פון אים און אַנטשוויגן געוואָרן.

אויפן גאַס איז נאָך געווען ליכטיק, און אויף די צווייגן פון די ליפּעס פאַרן פענסטער איז נאָך געלעגן דער אָפּגלאַנץ פון זון־פאַרגאַנג, נאָר דאָס צימער האָט זיך שוין אָנגעפילט מיטן בין־השמשות, וואָס האָט פאַרהילט דעם בופעט, דעם זייגער, און דאָס געשיר, וועלכע זיינען געוואָרן ווי גרעסער אין פאַרנעם. דער גרויסער הענגענדיקער פּערפּענדיקל האָט אַלע ווייל אַרויסגעקוקט דורכן גלאָז און טונקל אַ שיין־טוענדיק, האָט ער זיך מיט אַ טויבן, מידן קלאַנג באַהאַלטן דאָ רעכטס, דאָ לינקס. פאָמאַ האָט געקוקט אויפן פּערפּענדיקל און

אים איז געוואָרן לאַנגווייליק און אומבאַקוועם. ליובאַ האָט זיך אויפגע־שטעלט און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען איבערן טיש. דאָס פּנים פון מיידל איז געווען בלאַס און שטרענג.

— האָסט זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר, — האָט פּאָמאַ אַרויסגערעדט אײַנגעהאַלטן. — מחמת וואָס? איך פאַרשטיי ניט...

— איך וויל מיט דיר ניט ריידן! — האָט ליובאַ אין כּעס געענט־פערט.

— דאָס איז דײַן זאַך... נאָר פונדעסטוועגן... מיט וואָס האָב איך זיך פאַרשולדיקט?

— דו?

— איך...

— פאַרשטיי, מיר איז ענג! מיר שטיקט... צי דען איז דאָס אַ לעבן? צי דען אַזוי לעבט מען? ווער בין איך? אַ זיצערקע אויפן טאַטנס קאַרק... מען האַלט מיך צוליב דער באַלעבאַטישקייט... דערנאָך האָב חתונה! ווידער באַלעבאַטישקייט... דאָס איז אַ זומפּ... איך זינק, איך ווער זיך...

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלץ צו מיר? — האָט פּאָ־מאַ געפרעגט.

— דו ביסט ניט בעסער פון אַלע...

— און דערפאַר בין איך קעגן דיר שולדיק?

— שולדיק! דו דאַרפסט וועלן... זײַן בעסער...

— צי דען וויל איך דאָס ניט? — האָט פּאָמאַ אויסגערופן.

דאָס מיידל האָט געוואָלט נאָך וואָס זאָגן, נאָר אין דער צייט האָט ערגעץ אָפּגעקלונגען דאָס גלעקל פון טיר און אָנשפאַרנדיק זיך אויפן ווענטל פון שטול, האָט זי מיט אַ שטילן קול זיך אָפּ־גערופן:

— דער פאָטער...

— מיר וואָלט ניט געאַרט, ווען ער וואָלט דאָרט אַ ביסל צוגעוואַרט, — האָט פּאָמאַ געזאָגט. — ס'ווילט זיך מיר נאָך הערן דיך... דו ביסט מיר זייער אינטערעסאַנט...

— אַ! קינדערלעך מיינע, טייבעלעך גראָע! — האָט אויסגע־רופן יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש, באַווייזנדיק זיך אין טיר. — איר טרינקט טיי? גיס מיר אויך אָן, ליובאָווע!

רייבנדיק די הענט, האָט ער זיך מיט אַ זיסן שמייכל אַוועק־געזעצט גלייך מיט־פּאָמען און שטורכענדיק אים אין זייט, געפרעגט:

— וועגן וואָס האָט איר דאָס געוואָרקעט?

— אַזוי זיך... וועגן פאַרשיידענע נאַרישקייטן, — האָט געענטפערט ליובאַ.

— ביי דיר פרעג איך דען? — האָט פאַרקרימענדיק זיך אָפּ־גערופן צו איר דער פאָטער. — דו זעץ זיך און שווייג ביי דיין ווייבערשע אַרבעט...

— איך האָב איר דערציילט וועגן מיטאַג, — האָט פאָמאַ אי־בערגעשלאָגן די רייד פון טויף־פאָטער.

— אַהאַ! אַזוי־ווי... נו, וועל איך, איך ריידן וועגן מיטאַג... איך האָב דיך אַנומלט באַטראַכט... דו פירסט זיך ניט קלוג!

— וואָס הייסט עס? — האָט פאָמאַ געפרעגט, קנייטשנדיק מיט די ברעמען.

— דאָס הייסט אַזוי זיך, פּשוט ניט קלוג. דאָס איז אַלץ. ס'רעדט, למשל, מיט דיר דער גובערנאַטאָר, און דו שווייגסט...

— וואָס־זשע זאָל איך אים זאָגן? ער זאָגט מיר, אַז פאַרלירן אַ פאָטער — איז אַן אומגליק... נו, ווייס איך דאָך.... וואָס־זשע האָב איך אים צו זאָגן?

— ווי ס'איז מיר באַשערט פון גאָט, אייער הויכקייט, און כ'האָב ניט צו אים קיין טענות... אַזוי וואָלסטו כאָטש געזאָגט, אָדער עפּעס ענלעכס... די גובערנאַטאָרן, ברודערל, האָבן זייער ליב אין אַ מענטשן הכנעה.

— וואָס זאָל איך קוקן אויף אים ווי אַ שאָף? — האָט פאָמאַ אַ שמייכל געטאָן.

— ווי אַ שאָף האָסטו סיי ווי געקוקט, — און דאָס דאַרף מען ניט... מען דאַרף ניט ווי אַ שאָף, ניט ווי אַ וואָלף, נאָר אַזוי זיך — פאַר־שטעלן זיך פאַר אים: איר זייט אונזערע פאָטערס, מיר זיינען אייערע קינדערלעך... ווערט ער גלייך ווייך...

— צוליב וואָס איז דאָס ניטיק?

— אַזוי, אויף יעדן פאַל... ער איז אַ גובערנאַטאָר, ברודער, קאָן אַלעמאָל ווען מען דאַרף צונויף קומען.

— וואָס לערנט איר אים, פּאַפּאַשאַ! — האָט שטיל און אויפגערעגט געזאָגט ליובאַ.

— וואָס הייסט?

— ער זאָל זיין אַ חונף...

— ניט אמת, געבילדעטע שוטה! איך לערן אים פּאָליטיק און ניט קיין חניפה, פּאָליטיק פון לעבן... דו הער נאָר — דו גיי אַוועק! טראָג זיך אָפּ פון שלעכטס. און מאַך אונז עפּעס צו פאַרבייסן. גאָט זאָל דיר העלפן!

ליובאַ האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, אַ וואָרף געטאָן דעם האַנטעך אויפן שטול און אַרויס... דער פאָטער האָט מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן איר נאָכגעקוקט, פּויקנדיק מיט די פינגער איבערן טיש און אָנגעהויבן ריידן.

— איך וועל דיך, פאָמאַ, לערנען. דאָס סאַמע אמתע ריכטיקע וויסן און פילאָסאָפיע וועל איך דיך לערנען... און אַז דו וועסט פאַרשטיין, וועסטו לעבן אָן טעותן.

פאָמאַ האָט געקוקט, ווי אויפן אַלטנס שטערן באַוועגן זיך די קנייטשן, וועלכע האָבן זיך אים אויסגעוויזן ענלעך אויף שורות פון סלאַווישע שריפט.

— פריער פון אַליך, פאָמאַ, אַז דו לעבסט שוין אויף דער ערד, ביסטו מחוייב צו טראַכטן וועגן אַליך, וואָס עס טוט זיך אַרום דיר. פאַר וואָס? כּדי דו זאָלסט מיט דיין אומוויסנהייט ניט ברענגען זיך אַליין שאָדן און ניט אָנמאַכן מיט דיינע נאַרישקייטן קיין שאָדן אַנדערע. און אַצינד: יעדער מענטש האָט צוויי פּנימער, פאָמאַ. איין פּנים אַן אָפּענעם, אַלע זאָלן אים זען — דאָס איז אַ פאַלשער פּנים, דער צווייטער פּנים אַ באַהאַלטענעם... דאָס איז דער אמתער פּנים. אָט דעם פּנים דאַרף מען קענען געפינען, כּדי צו פאַרשטיין דעם שכל פון דער זאַך... אָט, למשל, נאַכט-הייזער, אַרבעטס-הייזער, מושב-זקנים און אַנדערע אַזעלכע אינסטיטוציעס. פאַרשטיי — אויף וואָס דאַרף מען דאָס?

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? — האָט פּאָמאַ געפרעגט, פילנדיק זיך לאַנגווייליק. ס'איז אַ זאַך, וואָס אַלע ווייסן אויף וואָס: פאַר אָרעמעלייט, פאַר קראַנקע.

— עך, ברודערקע! אַמאָל ווייסן אַלע, אַז דער און דער איז אַ שווינדלער, אַ מנוול, און פונדעסטוועגן רופט מען אים איוואַן אָדער פּיאָטער לויטן טאַטן און ניט לויט דער מאַמען...

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— דאָס איז אַלץ שייך צום ענין... איז הייסט דאָס, זאָגסטו, אַז די הייזער פאַר די אָרעמע און קבצנים זיינען כּדי מקיים צו זיין קריסטוסעס געבאָט... גוט! און ווער איז אַן אָרעמאַן? אַן אָרעמאַן איז אַ מענטש, וואָס איז געצוואונגען פון גורל צו דערמאָנען אונז אָן קריסטוסן. ער איז קריסטוסעס אַ ברודער, ער איז גאָטס גלאָק, וואָס קלינגט אין לעבן כּדי צו וועקן אונזער געוויסן, צו באַאומרויִקן דעם זאַטן גוף פון מענטשן... ער שטייט הינטערן פענסטער און זינגט: „קריסטוסן צו־ליב!" און מיט דעם געזאַנג דערמאָנט ער אונז וועגן קריסטוסן, וועגן זיין הייליקן געבאָט צו העלפן דעם נאָענטן... אָבער די מענטשן האָבן זייער לעבן אַזוי איינגעאָרדנט, אַז פירן זיך לויט קריסטוסעס לערע קענען זיי ניט און יעזוס קריסטוס איז פאַר אונז געוואָרן אינגאַנצן איבעריק. ניט איינמאָל, נאָר אפשר הונדערט טויזנט מאָל האָבן מיר אים שוין געקרייציקט, אָבער דאָך קאָנען מיר אים ניט אַרויסטרייבן פון לעבן, פאַר אים זינגען שוין די אָרעמע ברידער אויף די גאַסן. זיין נאָמען דערמאָנט אונז וועגן אים... איז אָט האָבן מיר זיך איצט דערטראַכט: צו פאַרשליסן די אָרעמע אין אַזעלכע באַזונדערע הייזער, כּדי זיי זאָלן ניט אַרומגיין איבער די גאַסן און ניט וועקן כּסדר אונזער געוויסן.

— געשיקט! — האָט פּאָמאַ אַ פאַרוואונדערטער אַרויסגעשעפּטשעט קוקנדיק אויפן טויפּאָטער מיט פאַרגאַפטע אויגן.

— אַהאַ! — האָט מאַיאַקין אויסגערופן! און זיינע אויגעלעך האָבן געפינקלט פון ניצחון.

— פאַרוואָס האָט דאָס דער פאָטער דערפון ניט געוווּסט? — האָט אומרויִק געפרעגט פּאָמאַ.

— דו וואַרט! דו וועסט נאָך הערן, ווייטער וועט נאָך ערגער זיין.

מיר האָבן זיך, הייסט עס, דערטראַכט צו פאַרמאַכן זיי אין פאַרשיידענע הייזער אַזעלכע, און כּדי ס'זאָל ניט קאָסטן טייער דאָס אויסהאַלטן זיי, האָבן מיר די אַלטינקע און קאַליקעס געצוואונגען צו אַרבעטן... איז דאַרפן מיר איצט ניט געבן קיין נדבות מער, ווייל צונעמענדיק פון די גאַסן אונזערע אַלע שלעפּערס, וועלן מיר ניט מער זייער גרויסן טרויער און דלות און מיר קאָנען דעריבער קלערן זיך, אַז אַלע מענטשן אויף דער ערד זיינען זאַט, באַקליידט, באַשוכט. אָט צו וואָס מען דאַרף זיי, אָט די דאָזיקע בּלערליי הייזער, כּדי צו באַהאַלטן דעם אמת דאַרף מען זיי... כּדי אַרויסצוטרייבן קרימטוסן פון אונזער לעבן!

— יאָ=אָ! — האָט פּאָמאַ אַרויסגעזאָגט אַ פאַרטומלטער פון דעם אַלטנס געשיקטע רייד.

— דאָס איז נאָך ניט אַלץ... די בלאָטע איז נאָך ניט אויסגעשעפּט ביז צום גרונט! — האָט מאַיאַקין אויסגעשריען, פירנדיק אַ באַגייסטערטער מיט דער האַנט אין דער לופט.

די קנייטשן אויף זיין שטערן האָבן ניט גערוט; די לאַנגע גיריקע נאָז האָט אויפגעציטערט און זיין שטים האָט געפּלאַטערט מיט טענער פון עפּעס אַן אַזאַרט און גערירטקייט.

— איצט וועלן מיר אַ קוק טאָן אויף דער צווייטער זייט. ווער שענקט מער פון אַלעמען אויף אָט די אָרעמעלייט און די הייזער, מושב=זקנימס און פּאַטראָנאַטן? די רייכע לייט, די סוחרים, אונזער סוחרימשאַפט... גוט! און ווער באַלעבאַטעוועט אין אונזער לעבן און פירט אָן? די אַדל, די באַאַמטע און דאָס גלייכן ניט אונזערע מענטשן...פון זיי שטאַמען די געזעצן, און די צייטונגען, און די וויסנשאַפט — אַלץ קומט פון זיי. פריער זיינען זיי געווען פּריצים, איצט האָט מען ביי זיי זייער ערד צוגענומען — זיינען זיי אַוועק אויף שטעלעס... רעכט!... נאָר ווער זיינען היינט צו טאָג די שטאַרקסטע? דער סוחר איז דער שטאַרקסטער כּוח אין דער מלוכה, ווייל ער האָט — מיליאָנען! ריכטיק אַזוי?

— ריכטיק. — האָט פּאָמאַ מסכּים געווען, וועלנדיק וואָס גיכער אַרויסקריגן דאָס ניט דערערדטע, וואָס האָט שוין געגלאַנצט אין די אויגן פון טויפפאָטער.

— איז אָט פאַרשטיי־זשע, — האָט צעצויגן און איבערצייגט פאַרגעזעצט דער אַלטער, — דאָס לעבן האָבן איינגעאָרדנט ניט מיר סותרים, און ניט מיר האָבן ביז היינט אַ שטים אין זיין איינאָרדענונג, און קענען קיין האַנט ניט צולייגן דערצו. דאָס לעבן האָבן איינגעאָרדנט אַנדערע, זיי האָבן דאָס אין לעבן פאַרזייט אַלע פסולתן, די דאָזיקע פוילאַקעס, אומגליקלעכע, פאַרוואָרלאָזטע. און וויבאַלד אַז זיי האָבן דאָס פאַרזייט, האָבן זיי דאָס לעבן פאַרברודיקט, איבערגעפירט. דאַרפן זיי, על־פּי־דין געַרעדט, דאָס רייניקן. אָבער די רייניקער — זיינען מיר. מיר זיינען מנדר אויף אָרעמעלייט, מיר גיבן זיי אַ היים, מיר... באַטראַכט נאָר, זיי אַזוי גוט: צו וואָס דאַרפן מיר אויף פרעמדע לעכער לייגן לאַטעס, וויבאַלד ניט מיר האָבן דאָס צעריסן? צו וואָס דאַרפן מיר פאַרריכטן אַ שטוב, אין וועלכע מיר וואוינען ניט און וועלכע איז ניט אונזערס? צי וועט דען ניט זיין קליגער, ווען מיר זאָלן זיך שטעלן אָן אַ זייט און ביז אַ צייט קוקן, ווי דאָס פוילעכץ מערט זיך און דערשטיקט דעם אונז פרעמדן מענטשן? ער קען זיך דערמיט קיין עצה ניט געבן... קיין מיטלען האָט ער ניט, וועט ער זיך ווענדן צו אונז... וועט זאָגן: ביטע האַרעלע, העלפט! און מיר אים: ביטע, שטערט אונז ניט די אַרבעט! שליסט אונז אַיין צווישן די בויער פון אָט דעם לעבן! און ווי נאָר ער וועט אונז איינשליסן — וועלן מיר דאַ, דאַרפן מיט איין מאַך אָפּרייניקן דאָס לעבן פון אַלדאָס בייז און פאַרשיידענע פסולת. דעמאָלט ויעט דער האַר קיסר אַליין זען מיט זיינע אייגענע ליכטיקע אויגן, ווער ס'זיינען זיינע געטרייע דינער, און וויפיל זיי האָבן אין זייער פוסט־און פאַסעווען זיך אָנגעקליבן שכל... פאַרשטאַנען?

— פאַרוואָס זאָל מען ניט פאַרשטיין? — האָט פאָמאַ אויסגערופן.

ווען דער טויף־פאָטער האָט גערעדט וועגן די באַאַמטע, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן די פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען אויפן מיטאָג, דערמאָנט זיך דעם לעבעדיקן סעקרעטאַר, און אין קאָפּ ביי אים האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק וועגן דעם, אַז דער דאָזיקער קליינינקער מענטשל האָט געוויס ניט מער ווי טויזנט רובל אַ יאָר, און ער, פאָמאַ, — אַ מיליאָן. אָבער דער מענטש לעבט אַזוי לייכט

און פריי, און ער, פּאָמאַ, קען ניט, קרעמפּירט זיך צו לעבן. דער דאָזיקער פאַרגלייך און די רייד פון טויט־פאָטער האָבן אויפגעוועקט אין אים אַ גאַנצן שטורעם געדאַנקען, נאָר ער האָט באַוויזן בלויז אָנצו־כאַפּן און צו געשטאַלטיקן איינעם פון זיי.

— אין דער אמתן — צי דען נאָר צוליב געלט אַרבעטסטו? האָס פאַר אַ זין שטעקט דערין, ווײַבאַלד דאָס גיט דיר ניט קיין מאַכט.

— אַהאַ! — האָט, פאַרזשמורענדיק אַן אויג, געזאָגט מאַיאַקין.

— עך! — האָט אַ באַליידיקטער אויסגערופן פּאָמאַ, — און דער פאָטער — ווי? האָט איר גערעדט מיט אים?

— צוואַנציק יאָר גערעדט...

— נו, און ער וואָס?

— ניט דערגאַנגען צו אים מיינע רייד... אַ האַרטן שטערן גע־האַט, דער פאַרשטאָרבענער... די נשמה האָט ער געהאַלטן פון אויבן, אָבער דער שכל איז געזעסן בײַ אים טיף... — יאָ, ער האָט געטאָן אַ פעלער... און דאָס געלט זיינס איז אויך אַ שאָד...

— דאָס געלט איז מיר ניט קיין שאָד...

— דו וואָלסט געפּרוּווט אָנלעבן כאָטש אַ צענטן טייל, וואָלסטו דאַן גערעדט.

— איך קאָן אַריין? האָט זיך הינטערן טיר דערהערט ליובעס שטים.

— קענסט... כאָטש אַריינשפּרינגען... — האָט איר געענטפערט דער פאָטער.

— איר וועט באַלד עסן? — האָט זי געפרעגט אַריינקומענדיק.

— דערלאַנג...

זי איז צוגעגאַנגען צום בופעט און ס'האָט אַ קלונג געטאָן דאָס געשיר. יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, אַ שמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און פלוצלונג, דערלאַנגענדיק פּאָ־מען מיט דער האַנט אַ פּאַטש איבערן קני, זיך אָפּגערופן צו אים:
— אַזוי איז עס, טויפזון מיינער! פאַרשטייסט...

פֿאָמאַ האָט אים געענטפֿערט מיט אַ שמייכל און פֿאַר זיך געטראַכט:

„ס'אַראַ קלוגער... קליגער פֿאַרן טאַטן"...

און באַלד זיך אַליין, אָבער ווי מיט אַן אַנדער שטים, געענטפֿערט:

—„קליגער, אָבער ערגער"...

.V

פֿאָמעס דאָפּלטע באַציִונג צו מאַיאַקינען האָט זיך מיט דער צייט געשטאַרקט: הערנדיק אויפֿמערקזאַם און מיט אַ דאָרשטיקן נייגיר זיין ריידן, האָט ער געשפּירט, אַז יעדע באַגעגעניש מיטן טויפֿפֿאָטער פֿאַרגרעסערט אין אים דאָס אומפֿריינטלעכע געפֿיל צום אַלטן. ציטנווייז האָט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש דערוועקט ביים טויפֿזון אַ געפֿיל נאָענט צו שרעק, צייטנווייז אַפֿילו אַ פֿיזישן עקל. דאָס לעצטע האָט זיך געוויינלעך באַוויזן ביי פֿאָמען דאַן, ווען דער אַלטער איז געווען מיט עפּעס־וואָס צופֿרידן און האָט געלאַכט. פֿון געלעכטער האָבן דעם אַלטנס קנייטשן געציטערט, בייטנדיק יעדע רגע דעם אויסדרוק פֿון געזיכט; זיינע טרוקענע און דינע ליפּן האָבן געשפּרונגען, אויסציִענדיק זיך און אַנטפּלעקנדיק די שוואַרצע רעשטלעך ציין, און די געלע באָרד האָט ווי געפֿלאַקערט אין אַ פֿייער. דער קלאַנג פֿון זיין געלעכטער איז געווען ענלעך אויף אַ קוויטש פֿון פֿאַרזשאַווערטע שרויפֿן, און דער אַלטער גופֿא — אויף אַ פֿראָש, ווען ער שפּילט זיך. ניט קענענדיק באַהאַלטן זיינע געפֿילן, האָט פֿאָמאַ אָפֿט און זייער גראָב זיי אַרויסגעזאָגט פֿאַר מאַיאַקינען מיט ווערטער און זשעסטן, נאָר דער אַלטער האָט זיי ווי ניט באַמערקט און ניט אַראָפּנעמענדיק פֿון טויפֿזון די אויגן, האָט ער נאָכגעשפּירט זיין יעדן טריט. ער איז כמעט ניט געגאַנגען אין קראָם, אָפּגעבנדיק זיך אינגאַנצן צו די דאַמפֿער־געשעפֿטן פֿון יונגן גאָרדעיעוו, איבערלאָזנדיק פֿאַר פֿאָמען אַ סך פֿרייע צייט. דאַנק מאַיאַקינס נאָמען אין שטאָט און זיין ברייטער באַקאַנטשאַפֿט אויף דער וואָלגע, איז דאָס געשעפֿט אַוועק גלענצנד. אָבער די אייפֿעריקע באַציִונג, מאַיאַקינס, צום געשעפֿט, האָט ביי פֿאָמען פֿאַר־

שטאַרקט די זיכערקייט אין דעם, אַז דער טויפֿפֿאָטער האָט פֿעסט באַשלאָסן אים חתונה צו מאַכן מיט ליובען, און דאָס האָט אים נאָך מער אָפּגעשטויסן פֿון אַלטן.

ליובע איז אים אי געפֿעלן, אי אויסגעוויזן פֿאַרדעכטיק און געפֿערלעך פֿאַר אים. זי האָט ניט חתונה געהאַט, און דער טויפֿפֿאָטער האָט גאָרנישט גערעדט וועגן דעם, האָט ניט געמאַכט קיין בעלער, האָט קיינעם פֿון דער יוגנט ניט אײַנגעלאַדן צו זיך און ליובען אין ערגעץ נישט אַרויסגעלאָזט. אירע אַלע חברטעס זײַנען שוין געווען אַלע חתונה־געהאַטע... פֿאָמאַ איז געווען פֿאַרוואונדערט פֿון איר ריידן און זיך צוגעהערט צו איר אַזוי דאָרשטיק, ווי צו די רייד פֿון איר פֿאָטער; נאָר ווען זי האָט מיט ליבע און בענקעניש גענומען ריידן וועגן טאַראַסן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אונטער דעם נאָמען באַהאַלט זי אַן אַנדער מענטשן, קען זײַן, דעמזעלבן יעזשאָוון, וועלכער האָט לויט אירע רייד, געמוזט, צוליב עפּעס פֿאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט און אַוועקגעפֿאָרן פֿון מאָסקווע. געווען אין איר אַ סך פּשוטעס און גוטס, וואָס איז פֿאָמען געפֿעלן, און אָפֿט האָט זי מיט איר ריידן דערוועקט אין אים מיטלייד צו איר: אים האָט געדאַכט, אַז זי לעבט ניט, נאָר בלאָנדזשעט אויף דער וואָר.

זײַן האַלטן זיך בעת דער הזכּרה נאָכן פֿאָטער איז געוואָרן באַקאַנט צווישן דער סוחרימשאַפֿט און האָט אים געמאַכט אַ ניט־גינסטיקע רעפּוטאַציע. זײַענדיק אויף דער בערזע, האָט ער באַמערקט, אַז אַלע קוקן אויף אים מיט שפּאָט, ניט פֿרײַנטלעך און ריידן מיט אים עפּעס מאָדנע. איינמאָל האָט ער אַפֿילו געהערט הינטערן פּלייצע אַ ניט הויכן, נאָר באַליידיקנדיקן רוף:

— גאָרדעיעוול! דו קליינער שנעק!...

ער האָט דערשפּירט, אַז דאָס מיינט מען אים, נאָר האָט זיך ניט אומגעקוקט און ניט געזען, ווער ס'האָט אין אים געוואָרפֿן אַזעלכע ווערטער. די רייכע מענטשן, וועלכע האָבן פֿריִער געוועקט אין אים אָפּשיי פֿאַר זיי, האָבן פֿאַרלאָרן אין זײַנע אויגן דעם כּישוף פֿון זייער עשירות און שׂכל. ניט איין מאָל האָבן זיי אַרויסגעריסן פֿון זײַנע הענט די אָדער יענע גינסטיקע באַשטעלונג; ער האָט קלאָר גע־

זען, אַז זיי וועלן דאָס אויך ווייטער טאָן, און זיי האָבן אים אַלע גלייך אויסגעוויזן אַלס געלטגייציקע, שטענדיק גרייט אָפּצוטאָן איינער דעם אַנדערן. ווען ער האָט וועגן דעם געמאָלדן זיין טויס־פּאַטער, האָט דער אַלטער געזאָגט:

— ווי־זשע דען? האַנדל איז אַלץ איינס ווי אַ מלחמה... ס'איז אַזאַ געשעפט. מען שלאָגט זיך דאָ פאַרן פּרייז, און דערין איז די נשמה...

— דאָס געפעלט מיר ניט, — האָט פּאָמאַ געמאָלדן.

— און מיר געפעלט אויך ניט אַלץ... אַ סך שקר. נאָר גיין אינגאַנצן מיטן גלייכן וועג קען מען אויך ניט אין האַנדל, דאָ דאַרף מען פּאָליטיק! דאָ, ברודער, ווען דו קומסט זיך צונויף מיט מענטשן, האַלט אין דער לינקער האַנט האָניק, און אין דער רעכטער — אַ מעסער. יעדער איינער וויל פאַר אַ גראָשן אָפּקניפּן פינף.

— נו... דאָס איז שוין ניט אַזוי גוט, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט פּאָמאַ.

— גוט וועט זיין שפּעטער... ווען דו וועסט שטייגן הויך, דאַן איז גוט... דאָס לעבן, ברודער פּאָמאַ, איז זייער איינפאַך איינגעאָרדנט: אָדער גריזע אַלעמען, אָדער ליג אַליין אין בלאָטע...

דער אַלטער האָט געלאַכט און די רעשטלעך ציין אין זיין מויל האָבן אַרויסגערופן ביי פּאָמען אַ שאַרפן געדאַנק:

— „אַ סך האָסטו, קענטיק פאַרגריזעט..."

— מיט איין וואָרט — אַ מלחמה! — האָט דער אַלטער איבערגעחזרט.

— דאָס איז שוין דער סאַמע עיקר? — האָט פּאָמאַ געפרעגט, ווי וועלנדיק אויספּרוּוון דעם אַלטן.

— ס'הייסט, וואָס מיינסטו — דער סאַמע עיקר?

— קיין בעסערס איז שוין דאָ ניטאָ — דאָס איז אַלץ?

— וואָס בעסערס? יעדער לעבט פאַר זיך. יעדער ווינטשט זיך בעסערס... אָבער וואָס איז דאָס דאָס דאָזיקע בעסערס? גיי אַלעמאָל פאָרויס, שטעל זיך העכער פון די מענטשן. אַלע פלייסן זיך דערגרייכן דעם ערשטן פּלאַץ אין לעבן... איינער אַזוי, איינער אַנדערש... נאָר אַלע ווילן זיי אומבאַדינגט, אַז מען זאָל זיי, ווי אַ

קלויסטער-גלאָק, זען פּונוויטן... צו דעם איז דער מענטש באַשטימט: צו דערהייבן זיך... אויך אין ספר איוב איז דאָס אויסגעדריקט: „דער מענטש ווערט געבאָרן אויף לײַדן, ווי פֿונקען — צו שטרעבן אינדערהויך”. גיב אַ קוק: אויך קינדער, ווען זיי שפּילן זיך, ווילן איינער דעם צווייטן אַריבערשטײַגן. און יעדע שפּיל האָט שטענדיק איר הויכן פּונקט, אַרום וועלכן מען איז פֿאַרנומען... פֿאַרשטאַנען?

— דאָס פֿאַרשטיי איך! האָט מונטער און זיכער געזאָגט פּאָמאַ.

— דאָס דאַרף מען אויך שפּירן... מיטן פֿאַרשטאַנד אַליין וועסטו אין ערגעץ ניט דערפֿליען, דו דאַרפֿסט אויך וועלן, אַזוי וועלן, אַז אַ באַרג זאָל דיר זיין — אַ קופּקעלע, אַ ים — אַ לוזשע. עך! איך האָב אין דיינע יאָרן געלעבט שפּילנדיק זיך! און דו צילסט זיך נאָך אַליץ... איבעריקנס, אַ גוטע פּרי צייטיקט ניט אַזוי גיך...

דעם אַלטנס רייד, שטענדיק דאָס זעלביקע, האָט גיך דערגרייכט דאָס, אויף וואָס עס איז געווען אויסגערעכנט: פּאָמאַ האָט זיך צוגעהאָרכט און זיך קלאָר געמאַכט דעם ציל אין לעבן. מען דאַרף זיין בעסער פֿון אַלעמען — האָט ער געחזרט, און דאָס געפֿיל פֿון זעלבסטווערדע, וואָס דער אַלטער האָט אין אים געוועקט, האָט זיך טיף אַיינגעגעסן אין זיין האַרץ... איינגעגעסן, אָבער ניט פֿול געמאַכט, ווייל פּאָמעס באַציִונגען צו דער מעדינסקאַיאַ האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער, וואָס האָט אומפֿאַרמיידלעך געמוזט אָננעמען. אים האָט געצויגן צו איר, אים האָט זיך שטענדיק געוואָלט זען זי, און פֿאַר איר האָט ער שטענדיק זיך קרעמפּירט, געווען אומגעלומפּערט, נאַריש. ער האָט דאָס געוואוסט און ער האָט דערפֿון געליטן. ער פֿלעגט אָפּט זיין בײַ איר, נאָר ס'איז געווען שווער זי צו טרעפֿן אין דער היים אַליין: אַרום איר האָבן זיך תּמיד, ווי פֿליגן אַרום אַ שטיקל צוקער, געדרייט פֿאַרפּומירטע פּראַנטן. זיי האָבן גערעדט מיט איר אויף פֿראַנצויזיש, געזונגען, געלאַכט, און ער האָט שטענדיק געשוויגן און געקוקט אויף זיי, פֿול מיט שנאה און קנאה. מיט צונויפֿגעדריקטע פֿיס, פֿלעגט ער זיצן ערגעץ אין אַווינקל פֿון איר פּילפֿאַרביק אַיינגעאָרדנטן גאַסטצימער, —

איבער וועלכן ס'איז געווען שרעקלעך שווער צו גיין, ניט פאַר־ טשעפּענדיק און ניט איבערקערנדיק עפּעס אַ געגנשטאַנד. ער פלעגט אַזוי זיצן און אומעטיק אַלץ באַטראַכטן.

פאַרביי אים האָט זיך איבער די ווייכע טעפּעכער רוישיק גע־ טראָגן איר געשטאַלט, צוואַרפנדיק אים צערטלעכע בליקן און שמייכלען. איר האָבן באַגלייט אירע פאַרערער, און אַלע האָבן זיי, אַזוי פלינק, פונקט ווי שלאַנגען, אויסגעמיטן די פאַרשיידנאַרטיקע טישלעך, שטולן, עקראַנען, בלומענבענקלעך — דעם גאַנצן שפּיי־ לער פון שיינע און אײדעלע זאַכן, וועלכע זיינען געווען אַזוי ברייטלעך צעוואָרפן איבערן צימער און געפערלעך, פונקט אַזוי פאַר זיי, ווי פאַר פּאַמען. ווען ער פלעגט גיין, פלעגט דער טעפּעך ניט פאַרטויבן זיינע טריט און די דאָזיקע אַלע חפצים פלעגן זיך פאַר־ טשעפּען אָן זיין ראָק, אויפטרייסלען און אַראָפּפאַלן. לעבן דער פּיאַנע איז געשטאַנען אַ בראָנזענער מאַטראָס מיט אַ רעטונגס־ גאַרטל, גרייט צו וואַרפן אים. אויפן גאַרטל זיינען געהאַנגען שטריק־ לעך פון דראָט און זיי פלעגן אים כסדר פאַרטשעפּען די האָר. דאָס פלעגט אַרויסרופן אַ געלעכטער ביי סאָפיע פּאַוולאָוונען און ביי אירע פאַרערער. דאָס פלעגט אים קאָסטן זייער טייער, וואַרפנדיק אים אַמאָל אין היץ, אַמאָל אין קעלט.

אָבער אים איז אויך ניט געווען גרינגער, געפינענדיק זי אַליין. זי פלעגט אים באַגעגענען מיט אַ ווייכן שמייכל און אים אַוועק־ זעצן אין איינעם פון די אינטימע ווינקלען פון גאַסטצימער און האָט שטענדיק אָנגעהויבן איר שמועס מיט באַקלאָגן זיך אויף אַלעמען:

— איר וועט ניט גלויבן, ווי איך בין צופרידן אײַך צו זען.

און בויגנדיק זיך, ווי אַ קאַץ, פלעגט זי אים אַריינקוקן אין זיינע אויגן מיט איר טונקעלן בליק, אין וועלכן ס'האָט איצט אויפ־ געפלאַמט עפּעס גיריקס.

— איך האָב אַזוי ליב צו שמועסן מיט אײַך, — פלעגט זי מוזיקאַליש אַרויסזינגען, פונאַנדערציענדיק די ווערטער. — זיי אַלע האָבן מיר דערעסן... זיי זיינען אַזעלכע לאַנגווייליקע, אויסגעוועבטע, געוויינלעכע. און איר זייט אַזאַ פרישער, אַן אויפריכטיקער. איר האָט זיי דאָך אויך ניט ליב?

— איך קען זיי ניט פאַרטראָגן, — האָט פּאַמאַ פעסט געענטפערט.

— און מיך? — האָט זי שטיל געפרעגט.

פאַמאַ האָט אָפּגעווענדט אָן אַ זייט די אויגן און מיט אַ זיפץ אַרויסגערעדט:

— שוין דעם וויפלטן מאָל פרעגט איר מיר דאָס?...

— אַייך איז שווער צו זאָגן?

— ניט שווער... אָבער צו וואָס?

— איך דאַרף דאָס וויסן...

— איר שפּילט זיך מיט מיר... — האָט פאַמאַ אומעטיק געענטפערט.

זי האָט ברייט צעעפנט אירע אויגן און מיט אַ טאָן פון טיפער פאַרוואונדערונג געפרעגט:

— וואָס הייסט, איך שפּיל זיך מיט אַייך? ווי שפּילט מען זיך דאָס?

און איר פּנים האָט אויסגעזען, ווי פון אַ מלאך, אַזוי אַז ניט גלויבן איר האָט ער ניט געקענט.

— איך ליב אַייך... איך ליב! צי דען קאָן מען אַייך ניט ליב האָבן? — האָט ער היים גערעדט און באַלד מיט אַ שטילערן קול צוגעגעבן: — אָבער איר דאַרפט דאָך דאָס ניט...

— אָט האָט איר זיך דערררעדט! — האָט מיט באַפרידיקונג אַ זיפץ געטאָן מעדינסקאַיאַ און זיך אָפּגערוקט ווייטער פון אים.— מיר איז שטענדיק זייער אָנגענעם צו הערן, ווי איר רעדט דאָס אַזוי יוגנטלעך... גאַניק... ווילט איר אַ קוש טאָן מיין האַנט?

ער האָט שווייגנדיק אָנגעכאַפּט איר ווייסע, דינע הענטל, און פאַרזיכטיק אַראָפּבויגנדיק זיך צו איר, היים און לאַנג זי געקושט. זי פלעגט אַרויסרייסן איר האַנט, אַ שמייכלדיקע, גראַציעז און בשום אופן ניט קיין צערייצטע פון זיין היציקייט. אַ פאַרטראַכטע, מיט דעם שטענדיק זעלביקן גלאַנץ אין אירע אויגן, וואָס פלעגט פאָמען תמיד צעטומלען, פלעגט זי אים באַטראַכטן, ווי עפּעס זעלטנס און זייער נייגעריקס און זאָגן:

— ס'איז אַ געזונטער איר זייט, וויפֿיל כּוחות פֿון גייסטיקער פֿרישקייט איר האָט... איר ווייסט, — איר, סוחרים, זייט דאָך אַ שבט, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געלעבט, אַ גאַנצער שבט מיט אָריגינעלע טראַדיציעס, מיט אַ געוואַלדיקער ענערגיע אין נשמה און גוף... אָט איר, למשל; איר זייט דאָך גאָר אַ קאָסטבאַרער שטיין, ווען מען זאָל אײַך נאָך דערצו אַרומשלייפֿן... אָ!

ווען זי האָט געערדט: „ביי אײַך, לייט אײַך, סוחריש," — האָט זיך פֿאָמען געדאַכט, אַז מיט די ווערטער שטויסט זי אים אָפּ פֿון זיך. דאָס איז געווען טרויעריק און דאָס האָט אים באַליידיקט. ער האָט געשוויגן, קוקנדיק אויף איר קליינער פֿיגור, וואָס איז שטענדיק געווען באַזונדערס שיין אָנגעטאָן, שטענדיק אַ שמועקעדיקע ווי אַ בלום און מיידלש צאַרט. צייטנווייז פֿלעגט אין אים אויפֿפֿלאַקערן אַ ווילדער און גראָבער חשק אַ כאַפּ צו טאָן זי און קושן. נאָר איר שיינקייט און די צאַרטקייט פֿון איר דינעם, בויגעוודיקן קערפּער האָבן אין אים דערוועקט אַ מורא, טאָמער צעברעכט ער זי, קאַלעטשעט זי, און איר רויקער, צאַרטער קול און איר קלאָרער בליק, וואָס פֿלעגט זי, ווי אָפּהיטן, פֿלעגן אָפּקילן זיינע געפֿילן; אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי קוקט אים גלייך אין דער נשמה אַריין און ווייסט אַלע זיינע געדאַנקען... די דאָזיקע אויסברוכן פֿון געפֿילן פֿלעגן אָבער זיין זעלטן. בכלל האָט זיך דער יונג באַצויגן צו מעדינסקאַיאַן מיט פֿאַרגעטערונג, באַוואונדערנדיק אַלץ אין איר — איר שיינקייט, איר רייד, אירע קליידער. און איינצייטיק מיט אָט דער פֿאַרגעטערונג האָט אין אים אויך געלעבט שטענדיק אַ שאַרף־מאַטערנדיקער באַוואוסטזיין, אַז ער איז ווייט פֿון איר און אַז זי איז העכער פֿון אים.

אַזעלכע באַציִונגען האָבן זיך צווישן זיי איינגעשטעלט שנעל; טרעפֿנדיק זיך מיט אים צוויי־דריי מאָל, האָט מעדינסקאַיאַ אים שוין פֿולקום באַהערשט און אָנגעהויבן אים פּאַמעלעך פּייניקן. איר איז, קענטיק, געפֿעלן געווען די מאַכט איבערן געזונטן, שטאַרקן יונג, ס'איז איר געפֿעלן געווען צו אויפֿוועקן און באַזיגן אין אים די חיה בלויז מיט איר שטים און בליק, און זי האָט געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דער שפּיל, זייענדיק זיכער אין איר קראַפֿט. ער פֿלעגט

אַוועקגיין פון איר אַ האַלב־קראַנקער פון אויפרעגונג און אַוועק־טראָגן מיט זיך אַ באַליידיקונג אויף איר און אַ פאַרביטערונג אויף זיך, מיט נאָך אַ סך אַנדערע געפילן, וואָס פלעגן אים זיין שווער און פלעגן אים פאַרשיכּורן. אָבער אין צוויי טעג אַרום פלעגט ער ווידער קומען צו איר פייניקן זיך.

איינמאָל האָט ער פאָרזיכטיק זי אַ פרעג געטאָן:

— סאָפיע פאַוולאָוונע... האָט איר אַמאָל געהאַט קינדער?

— ניין...

— איך האָב דאָס געוואוסט! — האָט פּאָמאַ מיט פרייד אויס־געשריען.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אויגן פון אַ קליין און נאַיִוו מיידל און געזאָגט:

— פונוואַנען האָט איר דאָס געוואוסט? און צוליב וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן, צי איך האָב געהאַט קינדער?

פאָמאַ איז רויט געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזן אַ ביסל דעם קאָפּ און גענומען ריידן צו איר הייזעריק און אַזוי, פונקט זיין שטים וואָלט געקומען פון אונטער דער ערד, און יעדער וואָרט וואָלט געוואויגן עטלעכע פוד.

— זעט איר... אַ פרוי, וועלכע... ס'הייסט, אַזאַ, וועלכע האָט קינדער... זיינען די אויגן ביי איר ניט אַזעלכע...

— אַזוי גאָר? וועלכע אויגן האָט זי?

— אומפאַרשעמטע! — האָט פאָמאַ אַרויסגעפּלאַצט.

מעדינסקאַיאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט איר זילבערנעם געלעכטער, און פאָמאַ האָט, קוקנדיק אויף איר, זיך אויך צע־לאַכט:

— איר וועט מיר מוחל זיין! — האָט ער ענדלעך געזאָגט. — איך האָב, אפשר, ניט גוט... ניט אָנשטענדיק געזאָגט...

— אָ, ניין, ניין! איר קענט ניט זאָגן אַזוינס, וואָס איז ניט אָנשטענדיק... איר זייט אַ זויבערער, גוטער יינגל. זיינען, הייסט עס, ביי מיר די אויגן ניט קיין אומפאַרשעמטע?

— ביי אייך... ווי ביי אַ מלאך! — האָט פאָמאַ באַגייסטערט געמאָלדן, קוקנדיק אויף איר פייערדיקן בליק.

און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, אַזוי ווי זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געקוקט ביז אַהער, מיט אַ בליק פון אַ פרוי — אַ מוטער, מיט אַ אומעטיקן בליק פון ליבע, געמישט מיט אומח פאַר איר געליבטן.

— גייט שוין, טייערער... איך בין מיד און וויל אָפּרוען...— האָט זי אים געזאָגט, אויפהויבנדיק זיך און מער נישט קוקנדיק אויף אים.

ער איז הכנעהדיק אַוועק.

אַ געוויסע צייט נאָכדעם האָט זי זיך געהאַלטן מיט אים מער שטרענג און ערלעך, ווי זי וואָלט אים געזשאַלעוועט, נאָר נאָכהער האָבן די באַציִונגען צוריק אָנגענומען די פאָרם פון אַ קאַץ־און מויזן־שפיל.

פּאָמעס באַציִונגען צו מעדינסקאָיאַן האָבן ניט געקענט בלייבן אומבאַמערקט פון זיין טויפּפּאָטער און איינמאָל האָט דער אַלטער, קנייטשנדיק זיין כיטרען פנים, געפרעגט אים:

— פּאָמאַ! טאָפּ זיך אָפּטער דיין קאָפּ — דו זאָלסט אים ניט פאַרלירן.

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס? — האָט פּאָמאַ געפרעגט.

— אַנטקעגן סאָנקען... שוין צו־אָפּט גייסט צו איר.

— וואָס גייט דאָס אייך אָן? — האָט פּאָמאַ גראָב געענטפערט — און וואָס פאַר אַ סאָנקע איז זי אייך?

— מיין דאגה... מיר וועט גאָרנישט אָפּקומען, אויב מען וועט דיך אָפּגרייזשען. און דאָס, וואָס מען רופט זי סאָנקע — איז דאָס אַלעמען באַוואוסט... און אַז זי האָט ליב מיט פרעמדע הענט צו שאַרן קוילן — וויסן אויך אַלע.

— זי איז אַ קלוגע! — האָט פעסט געמאָלדן פּאָמאַ, אַן אָנגעכמורעטער און באַהאַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס. — אַ געבילדעטע...

— אַ קלוגע, דאָס איז אמת! אָט פאָריקן מאָל האָט זי זייער קלוג איינגעאָרדנט אַן אָוונט: הכנסה — צוויי טויזנט פיר הונדערט, און הוצאה — טויזנט ניין הונדערט... און ס'האָט אפילו קיין טויזנט ניט געטאָרט זיין הוצאות... ווייל זי האָט אַלץ אומזיסט...

אַ געבילדעטע... זי וועט דיך אויסבילדן.... דערהויפּט די ליידיקגייערס, וועלכע דרייען זיך אַרום איר...

— ניט קיין ליידיקגייערס, נאַר... איך קלוגע מענטשן! — האָט ביז דערווידערט פּאָמאַ, שוין סותר זייענדיק זיך אַליין. — און איך לערן זיך אויך פון זיי... וואָס בין איך? ניט צום זינגען ניט צום טאַנצן... וואָס האָט מען מיך געלערנט? און דאָרט רעדט מען הענגן אַלץ... און יעדער האָט זיין וואָרט. איר שטערט מיר נאָר ניט צו זיין ענלעך אויף אַ מענטשן.

— פו־פו! ס'איז אַ לשון האָסטו זיך דאָס אויסגעלערנט! ס'הייסט, ווי אַ האָגל איבערן דאַך... מיט כעס! נו, מילא... זיי ענלעך אויף אַ מענטשן... אָבער פאַר דעם איז זיכערער אין די שענקען צו גיין: דאָרט זיינען די מענטשן פאַרט בעסער פאַר סאָפּ־ יעס... און דו וואָלסט זיך, יונגערמאַן, בעסער געלערנט פינאַנ־ דערקלייבן זיך אין מענטשן, ווער צו וואָס טויג... למשל, סאָפּיע... האָט שטעלט זי מיט זיך פאָר? אַן אינזועקט צו פאַרשענערן די נאַ־ טור — און מער גאָרנישט.

אַן אויפגעבראַכטער ביז דער טיף פון דער נשמה, האָט פּאָמאַ פאַרשטשירעט די ציין און אָפּגעטראָטן פון מאַיאַקינען, נאָך טיפער פאַרשטעקנדיק זיינע הענט אין די קעשענעס. נאָר דער אַלטער האָט באַלד ווידער זיך צערעדט וועגן מעדינסקאַיאַן.

זיי זיינען געפאָרן צוריק פון דער ביכטע, נאָכן באַקוקן די דאַמפּערס, און זיצנדיק אין דער ברייטער, רויקער פור, האָבן זיי פריינטלעך און לעבעדיק זיך צערעדט וועגן די עסקים. דאָס איז געווען אין מערץ: אונטער די אייזנס פון שליטן האָט געשפּריצט וואַסער, דער שניי איז שוין געווען באַדעקט מיט אַ שמוציקן די־ נעם שיכט, און די זון האָט געשיינט אין ריינעם הימל פריילעך און וואַרעם.

— וועסט קומען צו פאָרן, וועסטו קודם־כל, מסתמא, ווידער גיין צו דיין פריצטע? — האָט מאַיאַקין, אומדערוואַרט אַ פרעג געטאָן, איבעררייסנדיק דעם געשעפטלעכן שמועס.

— איכ'ל גיין. — האָט קורץ און אומצופרידן געענטפערט פּאָמאַ.

— מ־מ, זאָג נאָר, דו ברענגסט איר אָפּט עפּעס מתנות? — האָט פּשוט און ווי עפּעס האַרציק געפרעגט מאַיאַקין.

— וואָס פאַר אַ מתנות? צו־וואָס? — האָט זיך פאָמאַ געוואונדערט.

— דו ברענגסט ניט? גיי שוין... שוין־זשע איז זי דאָס גלאַט אַזוי? פון ליבע דען לעבט זי דאָס מיט דיר?

פאָמאַ האָט אויפגעשטורעמט פון צאָרן און חרפּה. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צום אַלטן און מיט פאַרוואורף געזאָגט:

— עך! איר זייט דאָך שוין אַזאַ אַלטער מאַן, און רעדט — אַ בושה צו הערן! נו־זשע!... צי דען וועט זי... איך אַזעלכע זאַכן איינגיין?

מאַיאַקין האָט געשמאָקעט מיט די ליפּן און מיט אַ טריבן קול אַרויסגעזונגען:

— ס'איז אַ פלאָקן דו ביסט! ס'איז אַ שוטה — און ווערנדיק פלוצלונג בייז, האָט ער אויסגעשפּיגן: — פוי אויף דיר! אַלע בהמות האָבן לאַנג אויסגעטרונקען פון טעפּל און איבערגעלאָזט נאָר אויפן דעק און דו, שוטה, מאַכסט זיך פון שמוציקן טאָפּ אַן אָפּגאָט... צום טיי־וול! דו גיי צו איר אַוועק און זאָג איר איינפאַך: איך וויל זיין איער ליבהאָבער... אַ מענטש בין איך אַ יונגער, טייער זאָלט איר ביי מיר ניט נעמען...

— טויפּפאָטער! — האָט פינסטער און דראָענדיק אויסגעשריען פאָמאַ. — איך קען דאָס ניט הערן... ווען ס'וואָלט געווען אַן אַנדערער...

— ווער, אַן אַנדערער, אויב ניט איך, וועט דיך אָפּהיטן? האַ, טאַ־טע־לעך! — האָט זיך מאַיאַקין צעהירזשעט, פאַטשנדיק מיט די הענט. — דאָס האָט זי דיך אַ גאַנצן ווינטער געפירט פאַרן נאָז? נו אַ נאָ־אָז. אַך, ס'איז אַ פאַסקודסטווע!

דער אַלטער איז געווען אויסער זיך; אין זיין קול האָט געקלונגען פאַרדראָס, כעס, אויך טרערן. פאָמאַ האָט קיינמאָל ניט געזען אים אַזוינעם. ער האָט ניט ווילנדיק געשוויגן, קוקנדיק אויף אים.

— זי וועט דאָך דיך איבערפירן! אַך, גאָט מיינער... אָט די זונה פון בבל!...

מאַיאַקינס אויגן האָבן כסדר געפינטלט, זיינע ליפן האָבן געציטערט, און מיט גראָבע, ציניש רייד האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן מעדינסקאַיאַן, מיט אַזאַרט און מיט אַ בייזער קוויטשעריי.

פאָמאַ האָט געפילט, אַז דער אַלטער זאָגט דעם אמת. אים איז געוואָרן שווער דער אָטעם און אין מויל האָט ער דערשפירט אַ טריקעניש און ביטערניש.

— גענוג, פאַפאַשאַ, זאָל שוין זיין... — האָט ער שטיל און מיט וויטאָג געבעטן, אָפּרוקנדיק זיך פון מאַיאַקינען.

— עך, מען דאַרף דיך וואָס־גיכער חתונה מאַכן! — האָט אומרויִק אויסגעשריען דער אַלטער.

— קריסטוסן צוליב, רעדט ניט... — האָט הייזעריק געבעטן פאָמאַ.

מאַיאַקין האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין טייפזון און אַנטשוויגן געוואָרן. פאָמעס פנים האָט זיך ווי אויסגעצויגן, בלייך געוואָרן. אין זיינע האַלב־אָפענע ליפן און בענקענדיקן בליק איז געווען אַ ביטערע און שווערע אַנטוישונג... רעכטס און לינקס פון וועג איז געלעגן דאָס פעלד באַדעקט מיט שמאַטעס ווינטערדיקע קליידער. איבער די שוואַרצע לוזשעס האָבן פאַרהאַוועט געשפּרונגען ראָבן, אונטערן שליטל האָט געשפּריצט וואַסער. דער ברודיקער שניי איז געשפּרונגען אַפּער פון אונטער די פערדישע פיס...

— נו, ווי נאַריש איז דער מענטש אין זיין יוגנט! — האָט מאַיאַקין ניט הויך אויסגערופן. פאָמאַ האָט אויף אים ניט געקוקט. — שטייט פאַר אים אַ קאָרטש פון אַ בוים, מיינט ער, אַז ס׳איז — אַ גאָמבע פון אַ חיה... וואַרפט אויף זיך אַליין אָן אַ פחד... אָ־כאָ־כאָ!

— רעדט קלאָרע רייד, — האָט פאָמאַ ברוגזדיק געזאָגט.

— וואָס איז דאָ צו ריידן? די זאַך איז אַזאַ קלאָרע: מיידלעך זיינען סמעטענע, ווייבער — מילך; זיינען די ווייבער נאָענט, זיינען די מיידלעך — וויט... ס׳הייסט, גיי צו סאָנקען, אויב דו קענסט

ניט אַנדערש, און זאָג איר אָפּן... אַזוי און אַזוי... נאַרעלע! וויבאַלד זי איז — אַ זינדיקערין, וועט זי, הייסט עס, דיר אָנקומען לייכטער... וואָס בלאָזסטו זיך? וואָס עקשנסטו זיך?

— איר פאַרשטייט ניט.... — האָט סאָמאַ שטיל אַרויסגערעדט.

— וואָס פאַרשטיי איך ניט? איך פאַרשטיי אַליין!

— אַ האַרץ... אַ מענטש האָט אַ האַרץ... — האָט דער יונג אַ זיפץ געטאָן.

מאַיאַקין האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אַרויסגעוואָרטשעט:

— קיין שכל, הייסט עס, ניטאָ...

VI.

אַרומגעכאַפּט מיט אַ אומעטיקן, נקמה־דאָרשטיקן, שלעכטן געפֿיל, איז פֿאָמאַ געקומען צו כאַפּן אין שטאָט. אין אים האָט געקאָכט אַ ליידנשאַפֿטלעכער פֿאַרלאַנג צו באַליידיקן מעדינסקאַיאַן, זידלען זי. מיט פֿאַרשטשירעטע ציין און טיף פֿאַרהוקט די הענט אין די קעשענעס, האָט ער עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד אַרומגעשפּאַנט איבער די ליידיקע חדרים, מיט אָנגעכמורעטע וויעס און כּסדר אַרויסשטעלנדיק פֿאָרויס די ברוסט. זיין האַרץ איז געווען איבערפֿולט מיט פֿאַרדראָס. אין ברוסט האָט געדריקט. ער האָט שווער און מעסטנדיק געשלעפּט זיינע פֿיס איבערן דיל, ווי ער וואָלט דערמיט געשמידט זיין כּעס.

— ס'איז אַ נבלה... און פֿאַרשטעלט זיך נאָך פֿאַר אַ מלאך! — אין זיין זכּרון איז ווי אַ לעבעדיקע אויפֿגעשטאַנען פּעלאַגייע, און ער האָט אַ בייזער און מיט ביטערניש געשעפּטשעט:

— אַ פֿאַרלאָרענע, אָבער אַ בעסערע... האָט זיך ניט פֿאַרשטעלט... האָט באַלד געגעבן איר נשמה און גוף... ביי איר איז געווען די האַרץ אַזאַ ווי די ברוסט — אַ ווייסע און האַרטע...

צייטנווייז האָט די האָפֿענונג אים איינגערעזאָגט מיט אַ ציטערדיקן קול:

„און אפֿשר, האָט מען דאָס אַלץ אָנגערכילותט אויף איר“....

אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער אַזאַרטער זיכערקייט און אָן דער קראַפֿט פֿונם טויפּאָטערס ווערטער, און דער געדאַנק איז באַלד אומגעקומען. ער האָט שטאַרקער צונויפֿגעדריקט די ציין און נאָך מער אויסגעשטרעקט פֿאָרויס די ברוסט. די שלעכטע געדאַנקען האָבן זיך אים אַריינגעהאַקט אין האַרצן, ווי אַ שטראָם, און דאָס האַרץ האָט געצויגן מיט אַ שאַרפֿן ווייטאָג...

מאַכנדיק מעדינסקאַיאַן מיט דער בלאָטע צוגלייך, האָט מאַיאַקין דערמיט זי נאָך מער געמאַכט דערגרייכיקער פאַר טויפזון, און פאָמאַ האָט דאָס פאַרשטאַנען. פאַרטאָן אין די ערב־פרילינג־געשעפטן, זיינען אַזוי אַוועק עטלעכע טעג. די אויפגערודערטע געפילן האָבן זיך ביי פאָמען איינגעשטילט. דער צער נאָכן פאַרלוסט פון אַ מענטשן האָט טעמפּ געמאַכט זיין כעס אויף דער פרוי, און דער רעיון וועגן דערגרייכן די פרוי האָט ביי אים פאַרשטאַרקט זיין שטרעבונג צו איר. און ווי עפּעס אומבאַמערקט פאַר זיך, האָט ער פּלוצלונג פאַרשטאַנען און באַשלאָסן, אַז ער מוז גיין צו סאָפיע פּאַוולאָוונען און איר איינפאַך זאָגן, וואָס ער וויל פון איר — דאָס איז אַלץ! ער האָט אויך איבערגעלעבט ווי אַ מין פרייד ביי זיין דאָזיקן באַשלוס, און ער איז אַוועק צו מעדינסקאַיאַן דרייסט, קלערנדיק אין וועג בלויז וועגן דעם, ווי בעסער, ווי פלינקער צו זאָגן איר דאָס, וואָס מען דאַרף.

מעדינסקאַיאַס דינסט איז געווען געווינט צו זיינע וויזיטן, און אויף זיין פראַגע — צי די באַלעבאָסטע איז אין דער היים? — האָט די דינסט געענטפערט:

— ביטע אין גאַסטצימער... זיי זיינען דאָרט אַליין.

ער האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן... נאָר דערזעענדיק אין שפּיגל זיין מאָרנעמע פיגור, וואָס איז געווען שיין אַרומגענומען מיטן ראָק, און זיין קיילעכדיק געזיכט אין דער ראַמל פון דער פוכיקער שוואַרצער בערדל — אַזאַ ערנסטן, מיט זיינע גרויסע, טונקעלע אויגן — האָט ער אַ הייב געטאָן די פּלייצעס און איז זיכער אַוועק פאָרויס דורכן זאַל...

אים אַנטקעגן זייגען שטיל געשוואומען די קלאַנגען פון סטרונעס — אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען: זיי האָבן ווי געלאַכט מיט אַ שטילן ניט־פריילעכן געלעכטער און זיך געקלאָגט אויף וואָס, און אַזוי צאַרט גענומען ביים האַרצן, ווי זיי וואָלטן געבעטן פאַר זיך אויפמערקזאַמקייט און ניט געהאָפט דאָס צו באַקומען... פאָמאַ האָט ניט ליב געהאַט צו הערן מוזיק — דאָס האָט שטענדיק אַרויסגערופן ביי אים אַ טרויער. אַפילו דאַן, ווען די „מאַשינע“ אין שענק פלעגט שפּילן עפּעס אומעטיקס, פלעגט ער אין ברוסט דערשפּירן אַ בענק־

שאַפֿט, וואָס פֿלעגט אים מאַכן מיד און ער פֿלעגט צייטנווייז הייסן אָפּשטעלן די „מאַשינע" אָדער ער פֿלעגט אַוועק פֿון איר וואָס ווייטער, שפּרינגדיק, אַז ער קען ניט רוקן הערן די דאָזיקע רייד און ווערטער, וועלכע זיינען פֿול מיט טרערן און מיט באַקלאָגן זיך. אויך איצט האָט ער זיך ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט ביי דער טיר פֿון גאַסטצימער.

די טיר איז געווען פֿאַרהאָנגען מיט לאַנגע שנירלעך פֿון פֿיל־פֿאַרביקע פּאַטשערקעס, אָנגעצויגענע אַזוי, אַז זיי האָבן געבילדעט אַ אַ וואונדערלעכע מאָלעריי פֿון אויסטערלישע געוויקסן; די שנירלעך האָבן זיך שטיל געוויגט און ס'האָט אויסגעזען, ווי אין דער לופֿט פֿליען בלייכע שאָטנס פֿון בלומען. די דאָזיקע דורכזיכטיקע אָפּצאַמונג האָט ניט באַהאַלטן פֿון פֿאָמעס אויגן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפֿונען אינעווייניק אין גאַסטצימער. זיצנדיק אויף דער סאָפֿע אין איר פֿאַרליבט ווינקל, האָט מעדינסקאַיאַ געשפּילט אויף אַ מאַנדאָלינע. אַ גרויסער יאַפּאַנישער פֿעכער, צוגעשטעקט צום וואַנט, האָט באַשאָטנט מיט אַ רייכקייט פֿון פֿאַרבן די קליינע פֿרוי אין טונקעלן קלייד; אַ הויכער בראָנזענער לאָמפּ אונטער אַ רויטן אַבאַזשור האָט זי פֿאַרגאָסן מיט ליכט פֿון אָוונט רויטקייט. די צאַרטע קלאַנגען פֿון די דינע סטרונעס האָבן טרויעריק געציטערט אין ענגן צימער. אָט האָט די פֿרוי אַוועקגעלייגט די מאַנדאָלינע אויף אירע קני און שאַרנדיק מיט די פֿינגער איבער די סטרונעס, האָט זי אָנגעשטרענגט גענומען עפּעס קוקן פֿאָרויס. פֿאָמאַ האָט אַ זיפֿץ געטאָן...

דער שטילער קלאַנג פֿון דער מוזיק האָט זיך געטראָגן אַרום מעדינסקאַיאַן, און איר פּנים האָט זיך כּסדר געביטן, ווי ס'וואָלטן אויף אים פֿון ערגעץ געפֿאַלן שאָטנס, געפֿאַלן און צעגאַנגען געוואָרן פֿון דעם גלאַנץ פֿון אירע אויגן.

פֿאָמאַ האָט געקוקט אויף איר און געזען, אַז ווען זי איז איינע אַליין, איז זי ניט אַזוי שיין, ווי צווישן מענטשן, — איצט איז איר פּנים ערנסטער און עלטער, — אין די אויגן איז ניטאָ דער אויסדרוק פֿון צערטלעכקייט און מילדקייט. זיי זעען אויס אומעטיק און פֿאַרמאַטערט. און אויך איר פּנים האָט אויסגעדריקט מידקייט,

און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך וועלן אויפהויבן, נאָר זי קאָן ניט. פּאָמאַ האָט באַמערקט, אַז דאָס, מיט וואָס ער איז געקומען צו איר, ווערט פאַרביטן אין זיין האַרץ אויף עפּעס אַן אַנדער געפיל. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיטן פוס איבערן דיל און אַ הוסט געטאָן...

— ווער איז דאָרט? — האָט זי אומרויִק און אויפטרייסלענדיק זיך, אַ פרעג געטאָן. און אויך די סטרונעס האָבן זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַרויסלאָזנדיק אַן אומרויִקן קלאַנג.

— דאָס בין איך, — האָט פּאָמאַ געענטפערט, אָפּרוקנדיק מיטן האַנט די שנירלעך פאַטשערקעס.

— אָ! ווי שטיל איר זייט אַריין... איך פרוי מיך אײַך צו זען... זעצט זיך!... פאַרוואָס זייט איר אַזוי לאַנג שוין ניט געווען?

אויסשטרעקנדיק אים אַ האַנט, האָט זי מיט דער צווייטער האַנט אָנגעוויזן אים אַ קליינעם פאָטעל לעבן זיך און אירע אויגן האָבן צופרידן געשמייכלט.

— געווען אין דער בוכטע באַקוקן מיינע דאַמפערס, — האָט פּאָמאַ געענטפערט מיט אַ פאַרגרעסערטער פרייקייט, צורוקנדיק דעם פאָטעל נעענטער צו דער סאָפע...

— וואָס הערט זיך אויף די פעלדער? נאָך אַ סך שניי דאָרט?

— וויפיל איר ווילט... נאָר עס צעגייט שוין גאָר נישקשהדיק. אויף די וועגן איז אומעטום דאָ וואַסער...

ער האָט געקוקט אויף איר און האָט געשמייכלט. מעדינסקאַיאַ האָט, קענטיק, באַמערקט זיין פרייע האַלטונג און עפּעס נייס אין זיין שמייכל — זי האָט פאַררוקט איר קלייד און זיך אָפּגערוקט פון אים. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט — און מעדינסקאַיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ.

— עס צעגייט? — האָט זי פאַרקלערט געזאָגט, באַטראַכטנדיק דעם רונג אויף איר קליינעם פינגער.

— נ־יאָ... אומעטום שטראָמען... — האָט פּאָמאַ געמאָלדן, שפּיגלענדיק זיך אין זיינע שיך.

— דאָס איז גוט... דער פרילינג גייט...

— איצט וועט ער שוין לאַנג ניט לאָזן וואַרטן...

— דער פֿרילינג גייט, — האָט מעדינסקאַיאַ איבערגעחזרט, ניט הויך, ווי אײַנהערנדיק זיך אין קלאַנג פֿון אירע אייגענע רייד.

— מענטשן ווילן זיך נעמען פֿאַרליבן, — האָט שמייכלענדיק געזאָגט פּאָמאַ און צוליב עפּעס שטאַרק געריבן זיך די הענט.

— איר קלײַבט זיך פֿאַרליבן? — האָט טרוקן געפֿרעגט מעדינסקאַיאַ.

— כ'האָב זיך ניט וואָס צו קלײַבן... איך בין שוין לאַנג פֿאַרטיק... פֿאַרליבט אויפֿן גאַנצן לעבן...

און פּאָמאַ האָט זיך צוגערוקט צו דער פֿרוי און ברייט געשמייכלט אין פֿאַרלעגנהייט.

זי האָט אויגנבליקלעך אַ קוק געטאָן אויף אים און פֿון דאָסניי גענומען שפּילן, קוקנדיק אויף די סטרונעס און ריידנדיק אַ פֿאַרטראַכטע:

— פֿרילינג... ווי גוט דאָס איז, וואָס איר הייבט ערשט אָן צו לעבן... דאָס האַרץ איז פֿול מיט כּוחות... ניטאָ דאָרט קיין שום פֿינסטערניש...

— סאָפֿיע פּאַוולאָוונע! — האָט שטיל אויסגערופֿן פּאָמאַ.

זי האָט מיט אַ צאַרטער באַוועגונג אים אָפּגעהאַלטן.

— וואַרט, טײַערינקער!... הײַנט קען איך אײַך זאָגן... עפּעס גוטס... איר ווייסט — בײַ אַ מענטשן, וואָס האָט אַ סך געלעבט, זײַנען דאָ רגעס, ווען אַ קוק טוענדיק אין זײַן האַרץ, געפֿינט ער דאָרט אומדערוואַרט... עפּעס, וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרגעסן... וואָס איז געלעגן ערגעץ טיף אויפֿן גרונט פֿון האַרץ יאָרן... נאָר האָט נאָך ניט פֿאַרלאָרן דעם ריח פֿון יוגנט. ווען דער זכּרון רירט זיך צו צו דעם... הייבט אָן בלאָזן דאַן אויפֿן מענטש דער פֿרילינג... מיט באַלעבנדיקער פֿרישקייט פֿון זײַנע פֿרימאָרגנדיקע טעג... דאָס איז גוט... כאָטש זייער טרויעריק.

די סטרונעס האָבן אונטער אירע פֿינגער געציטערט און געוויינט און פּאָמען האָט אויסגעוויזן, אַז זייערע קלאַנגען און דער שטילער קול פֿון דער פֿרוי רייצן צערטלעך און ווייך זײַן האַרץ... נאָר נאָך פֿעסט אין זײַן באַשלוס, האָט ער זיך צוגעהערט צו אירע רייד און ניט פֿאַרשטייענדיק זייער אינהאַלט, געטראַכט:

„רייד: איצט וועל איך דיר שוין מער נישט גלויבן"...

די דאָזיקע מחשבה האָט אים אויפגערעגט. און אים איז געווען אַ שאָד, וואָס ער קען ניט הערן איר ריידן אַזוי אויפמערקזאַם און מיט צוטרוי, ווי פריער...

— איר קלערט וועגן דעם, ווי מען דאַרף לעבן? — האָט די פרוי געפרעגט.

— אַמאָל באַקלערט מען... און דערנאָך פאַרגעסט מען צוריק. ניטאָ קיין צייט! — האָט פּאָמאַ געזאָגט און זיך צעלאַכט. — און וואָס איז דאָ צו קלערן? ס'איז באַוואוסט... זעסט, ווי מענטשן לעבן... נו, הייסט עס, דאַרף מען זיי נאָכטאָן...

— אַך, טוט דאָס ניט! האָט רחמנות אויף זיך אַליין... איר זייט אַזאַ... וואוילער... פאַראַן ביי אייך עפּעס אויסטערלישס... וואָס? איך ווייס ניט, נאָר דאָס פילט מען... און מיר דאַכט זיך, אייך וועט זיין זייער שווער צו לעבן... איך בין זיכער, אַז איר וועט ניט גיין מיטן געוויינלעכן וועג פון די מענטשן פון אייער קרייז... ניין! איר קענט ניט זיין אָנגענעם דאָס לעבן, וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט אַריינצוכאַפּן, נאָכצויאָגן זיך נאָכן רובל... דער דאָזיקער האַנדל... אָ, ניין! איך ווייס, אייך וועט זיך פאַרגלוסטן עפּעס אַנדערש... יאָ?

זי האָט גערעדט גיך און מיט אַן אומרו אין אירע אויגן. פּאָמאַ האָט געטראַכט, קוקנדיק אויף איר:

„וואוהין צילט זי דאָס אַלץ?"

און פּאַמעלעך איר געענטפערט:

— אפשר וועט זיך פאַרגלוסטן... ס'גלוסט זיך שוין, אפשר...

צורוקנדיק זיך צו אים, האָט זי אים אַריינגעקוקט אין פּנים און איבערצייגט גערעדט:

— הערט! לעבט ניט אַזוי ווי אַלע! אָרדנט זיך איין דאָס לעבן אַנדערש... איר זייט אַ געזונטער, אַ יונגער... איר זייט אַ גוטער!...

— און אַז איך בין אַ גוטער, דאַרף דאָך מיר אויך זיין גוט! — האָט פּאָמאַ אויסגערופן, פילנדיק, ווי אים באַהערשט אַן אומרו און זיין האַרץ הייבט אָן פלאַטערנדיק צו קלאַפּן...

— אַך, אַזוינס טרעפט ניט! אויף דער וועלט איז אַלעמאָל דעם גוטן ערגער, ווי דעם שלעכטן!... — האָט טרויעריק געזאָגט מעדינסקאַיאַ.

און ווידער האָבן זיך פון אונטער אירע פינגער צעשפּרונגען די ציטערדיקע טענער פון דער מוזיק. פּאָמאַ האָט דערשפּירט, אַז אויב ער וועט איצט ניט נעמען ריידן וואָס מען דאַרף, — וועט ער איר שפּעטער שוין גאָרנישט זאָגן...

— „העלף מיר, גאָט!" — האָט ער אין געדאַנק אַרויסגעפּליסטערט און מיט אַ שטילער שטים האָט ער מיט אָנשטרענגונג אָנגעהויבן:

— סאָפיאַ פּאַוולאָווגע! זאָל שוין זיין גענוג!... איך דאַרף מיט אייך ריידן... איך בין געקומען אייך זאָגן אָט־וואָס: גענוג! מען דאַרף צוטרעטן גלייך... אָפן... איר האָט מיך צוגעצויגן פון אָנהייב... און איצט גרענעצט איר זיך אָפּ פון מיר מיט עפּעס... איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר רעדט... מיין שכל באַנעמט עס ניט.... איך שפּיר דאָך — איר ווילט זיך באַהאַלטן... איך זע דאָך — איר פאַרשטייט, צוליב וואָס איך בין געקומען!

זיינע אויגן האָבן זיך צעפלאַקערט, און מיט יעדן וואָרט איז זיין שטים געוואָרן הייסער און העכער. זי האָט זיך אַ וויג געטאָן מיט איר גאַנצן קערפּער פאָרויס און אומרויִק געזאָגט:

— אָ, הערט אויף...

— ניין, איך וועל — יאָ ריידן!

— איך וויים, וואָס איר ווילט זאָגן...

— ניט אַלץ ווייסט איר! — האָט כמעט אַ דראָונג אַרויסגעזאָגט פּאָמאַ, אויפהייבנדיק זיך פון פּלאַץ — אָבער איך וויים וועגן אייך יאָ, — אַלץ!

— יאָ? איז פאַר מיר בעסער... — האָט רויִק אָפּגעענטפערט מעדינסקאַיאַ.

זי האָט זיך אויך אויפגעהויבן פון דער סאָפע, ווי וועלנדיק אַוועקגיין ערגעץ, נאָר שטייענדיק אַ פּאָר ר׳עס, האָט זי זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף איר אָרט. איר פּנים איז געווען ערנסט, די ליפּן שטייף צונויפגעדריקט, נאָר די אויגן האָט זי געהאַלטן אַראָפּ־

געלאָזט און פּאָמאַ האָט ניט געזען זייער אויסדרוק. ער האָט געמיינט, אַז ווען ער וועט איר זאָגן: — איך וויים וועגן אַייך אַלץ! — וועט זי זיך דערשרעקן, זי וועט זיך שעמען, און אַ פאַרלאָרענע וועט זי אים בעטן, מוחל זיין פאַר איר שפּילן זיך מיט אים. דאַן וועט ער זי שטאַרק אַרומקלאַמערן און איר מוחל זיין. נאָר דאָס איז ניט געשען; ער האָט זיך אַליין פאַרלאָרן פון איר רו.קייט, געקוקט אויף איר, געזוכט ווערטער, כדי פאָרצווזעצן זיין געשפּרעך, און ניט געפונען זיי.

— איז בעסער פאַר מיר... — האָט זי איבערגעחזרט טרוקן און פעסט. — האָט איר זיך, הייסט עס, אַלץ דערוואוסט, יאָ? און געווים מיך פאַראורטיילט... ווי ס'באַדאַרף צו זיין... איך פאַרשטיי... איך בין קעגן אַייך שולדיק... נאָר... ניין, איך קען זיך ניט פאַרענטפערן...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. פּלוצלונג האָט זי מיט אַ נערווען זשעסט אויפגעהויבן די הענט אינדערהויך, זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ... און גענומען צורעכט מאַכן די האָר...

פּאָמאַ האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן. מעדינסקאַיאַס ווערטער האָבן אין אים דערהרגעט עפּעס אַ האָפענונג, אַ האָפענונג, וועמעס אָפּוועזנהייט ער האָט דערשפּירט אין זיין האַרצן, ערשט איצט. ווען זי איז געלעגן אינגאַנצן אַ צעשמעטערטע. און מיט אַ ביטערן פאַרדראָס האָט ער שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אַרויסגערעדט:

— ס'פלעגט טרעפן, איך פלעג קוקן אויף אַייך און טראַכטן: ס'איז אַ שיינע זי איז... ס'איז אַ גוטע... אַ טייבעלע!... און אָט נעמט איר אַליין און זאָגט — שולדיק... עך־כמע!

דער יונגס שטים האָט זיך איבערגעריסן. און די פרוי האָט זיך שטילערהייט צעלאַכט.

— ס'איז אַ וואוילער איר זייט, אָבער אויך לעכערלעך... און ס'איז אַ שאָד, וואָס איר... קענט דאָס אַלץ... ניט פאַרשטיין...

דער יונג האָט געקוקט אויף איר, שפּירנדיק, אַז ער איז אַנטוואָפנט דורך אירע צאַרטע רייד און פאַרצערטן שמייכל. דאָס קאַלטע און צאָרנדיקע, וואָס ער האָט געהאַט קעגן איר אין זיין ברוסט — איז צעגאַנגען אין אים פון וואַרעמען גלאַנץ פון אירע

אויגן. די פרוי האָט זיך איצט אויסגעוויזן אַ קליינינקע, אַן אומ־באַשיצטע, ווי אַ קינד. זי האָט גערעדט מיט עפּעס אַ ווייך קול, פּונקט זי וואָלט זיך געבעטן און די גאַנצע צייט געשמייכלט, נאָר ער האָט זיך איינגעהערט צו אירע רייד.

— איך בין געקומען צו אייך, — האָט ער אָנגעהויבן, איבער־שלאָגנדיק אירע רייד, — אָן רחמנות... — בעת מעשה האָט ער געטראַכט: איכ'ל איר זאָגן! נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט... ס'ווילט זיך ניט... דאָס האַרץ איז אײַנגעפאַלן... — איר אָטעמט אויף מיר ווי עפּעס... עך, אומזיסט האָב איך אײַך דערזען! וואָס זייט איר מיר? מען דאַרף, זעט אויס, אַוועקגיין...

— וואַרט, טייערע, גייט ניט אַוועק! — האָט זי האַסטיק אַרויסגעזאָגט, אויסציענדיק אים אַ האַנט. — פאַרוואָס אַזוי... שטרענג? זייט ניט ברוגז אויף מיר! וואָס בין איך אײַך? איר דאַרפט אַן אַנדער חברטע, אַזאַ פּשוטע, אַ געזונטע מיט דער נשמה, ווי איר אַליין... זי דאַרף זיין אַ פריילעכע, אַ מונטערע... איך, איך בין דאָך שוין אַ זקנה... איך האַלט כסדר אין איין בענקען... מיר לעבט זיך אַזוי פּוסט און אומעטיק... אַזוי פּוסט! ווייסט איר, — ווען אַ מענטש איז געוויינט צו לעבן פריילעך און קאָן זיך ניט פרייען — איז אים שלעכט! ס'ווילט זיך אים לעבן פריילעך, ס'ווילט זיך לאַכן... אָבער ער לאַכט ניט — נאָר דאָס לעבן לאַכט פון אים... און מענטשן... הערט־זשע מיך אויס! ווי אַ מוטער ראַט איך אײַך און בעט אײַך — פאָלגט קיינעם ניט, נאָר אײַער אייגן האַרץ! לעבט אַזוי ווי דאָס האַרץ וועט אײַך הייסן. מענטשן ווייסן גאָרנישט, מענטשן קענען נישט זאָגן דעם אמת... פאָלגט זיי ניט.

פליסנדיק זיך צו ריידן פּשוטער און פאַרשטענדלעכער, איז זי געווען צערודערט און אירע ווערטער האָבן זיך געשאָטן איינער נאָכן אַנדערן האַסטיק, אָן אַ צוזאַמענהאַנג. אויף אירע ליפּן האָט די גאַנצע צייט געשפּילט אַ טרויעריק שמייכעלע, און איר פּנים איז געווען ניט שיין.

— דאָס לעבן איז זייער שטרענג... דאָס לעבן וויל, אַז אַלע מענטשן זאָלן זיך אונטערגעבן זיינע פאָדערונגען, אָבער נאָר זייער שטאַרקע קענען אומבאַשטראָפט זיך אים קעגנשטעלן... צי קענען

זיי טאַקע? אָ, ווען איר וואָלט וויסן, ווי ס'איז שווער צו לעבן... דער מענטש דערגייט ביז צו אַזאַ מדרגה, ווען ער הייבט אָן מורא האָבן פאַר זיך אַליין... ער צעטיילט זיך גופא אויף אַ ריכטער און אַ פאַרברעכער און משפט זיך אַליין און זוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר זיך... און ער איז גרייט סיי טאָג, סיי נאַכט זיין מיט דעם, וועמען ער האַסט, מיט דעם, וואָס איז קעגן אים, — אַבי נאָר ניט צו בלייבן אַליין מיט זיך גופא!

פּאָמאַ האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און מיט אומצוטרוי און פאַרוואונדערונג זיך אָפּגערופן:

— איך פאַרשטיי בשום אופן נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס? אויך ליובאָוו רעדט אַזוי...

— ווער איז זי, די ליובאָוו? וואָס רעדט זי?

— מיין שוועסטער... דאָס אייגנע, וואָס איר, באַקלאָגט זיך רק אויפן לעבן. מען קען, זאָגט זי, ניט לעבן...

— אָ. זי איז נאָך אַ יונגע! און ס'איז אַ גרויס גליק, וואָס זי רעדט שוין וועגן דעם...

— אַ גליק! — האָט מיט חוזק אויסגעצויגן פּאָמאַ. — אַ שיינער גליק, פון וועלכן מען קרעכצט און מען קלאָגט...

— איר הערט זיך צו צום קלאָגן זיך... אין מענטשנס קלאָגן זיך שטעקט תמיד אַ גרויסע חכמה... אָ! ס'שטעקט דערין מער חכמה, ווי אין אַלע אַנדערע זאַכן... איר הערט זיך איין צו דעם, — דאָס וועט אייך אויסלערנען צו געפינען אייער וועג...

פּאָמאַ האָט זיך איינגעהערט איבערצייגט צו דעם קלינגענדיקן קול פון דער דאָזיקער פרוי און מיט אַ סתירה אין דער נשמה זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך. אַלץ איז שוין געווען לאַנג באַקאַנט, נאָר היינט האָט אַלץ אויסגעזען ניי: אַ סך קליינינקייטן האָבן אָנגעפילט דאָס צימער, אַלע ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט בילדער, פאָליצעס, געזימסן, שיינע און העלע זאַכן זיינען פון אומעטום געקראָכן אין די אויגן. דאָס רויטלעכע ליכט פון לאָמפּ האָט אָנגעווייט אַן אומעט. אַ טונקלקייט איז געלעגן אויף אַלץ, וואו-ניט-וואו האָט שטאַנדיק געבלאַנקט דאָס גאָלד פון די ראַמען, די ווייסע פלעקן פון פאַרפאָר. די שווערע פאָרטיערן זיינען אומבאַוועגלעך געהאַנגען אויף

די טירן. דאָס אַליִן האָט פאָמען געמאַכט ענג און געדריקט אים, און ער האָט זיך געפילט ווי פאַרפלאָנטערט. ער האָט געפילט אי אַ מיטלייד צו דער דאָזיקער פרוי, אי אויך אַ כעס אויף איר.

— איר הערט, ווי איך רייד מיט אייך? איך האָב געוואָלט זיין אייך אַ מוטער, אַ שוועסטער... קיינער האָט נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגערופן אין מיר אַזאַ וואַרעמען נאָענטן געפיל, ווי איר... אָבער... איר... קוקט אויף מיר אַזוי... ניט פריינטלעך.... גלויבט איר מיר? יאָ? ניין?

ער האָט נאָך אַליִן געקוקט אויף איר און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— איך ווייס ניט... איך האָב געגלויבט...

— און איצט? — האָט זי גיך געפרעגט.

— און איצט — איז בעסער פאַר מיר אַוועקצוגיין! איך פאַרשטיי גאָרנישט... אָבער ס'גלוסט זיך פאַרשטיין. זיך אַליין פאַרשטיי איך אויך ניט... איך בין געגאַנגען צו אייך און געוואוסט, וואָס צו ריידן... און אַרויסגעקומען איז אַזאַ פּלאָנטער... איר האָט מיך אַרויפגעצויגן אויף אַ שטעכעדיק דראָט און צערייצט... און נאַכהער זאָגט איר: איך בין דיר — אַ מוטער! משמעות — איך דאַרף זיך צעשיידן מיט אייך!

— פאַרשטייט — איר זייט מיר אַ שאָד! — האָט די דאָזיקע פרוי שטיל אויסגערופן.

די אויפרעגונג קעגן איר איז אַליִן געוואַקסן ביי פאָמען, און וואָס מער ער האָט גערעדט, איז זיין ריידן געוואָרן אַליִן שפּאָטישער... און ריידנדיק, האָט ער אַליִן געטרייסלט מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט געריסן פון זיך עפּעס, וואָס האָט אים אַרומגעפּלאָנטערט.

— אַ שאָד?... פאַרוואָס־זשע?... איך דאַרף דאָס נישט... עך, איך קען ניט ריידן! ס'איז מיר ניט גוט, אַן אָנווערטערדיקן... נאָר — איך וואָלט אייך געזאָגט... ניט גוט האָט איר מיט מיר געהאַנדלט — פאַרוואָס, טראַכט איך, האָט איר צוגעצויגן אַ מענטשן? צי דען בין איך ביי אייך אַ שפּילצייג?

— מיר האָט זיך געוואָלט נאָר זען אייך לעבן זיך... — האָט די דאָזיקע פרוי געזאָגט איינפאַך מיט אַ שולדיקן קול.

ער האָט ניט געהערט אירע הייד.

— און ווי ס'איז געקומען צום ענין, — האָט איר זיך דערשראָקן און זיך אָפּגעצוימט פֿון מיר... האָט גענומען חרטה האָבן... כאַ! דאָס לעבן איז שלעכט! און וואָס קלאָגט איר זיך אַלץ עפּעס אויפֿן לעבן? וואָסער לעבן? דער מענטש — דאָס איז לעבן, און אויסער מענטש איז ניטאָ קיין שום לעבן... און איר האָט אויסגעטראַכט עפּעס אַ מין בריאה... דאָס טוט איר — כדי צו פֿאַרבלענדן די אויגן, כדי צו רעכטפֿאַרטיקן זיך... איר'ט זיך פֿאַרשטופּט, פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין פֿאַרשיידענע אויסטראַכטענישן און נאַרישקייטן און— קרעכטשעט! אַך! דאָס לעבן! אָך, דאָס לעבן! און צי דען ניט איר אַליין האָט אים באַשאַפֿן? און פֿאַרדעקנדיק זיך מיט קלאָגענישן — צעטומלט איר אַנדערע... נו, איר זייט אַראָפּ פֿון וועג, אָבער צו וואָס דאַרפֿט איר מיך אַראָפּשלאָגן פֿון וועג? ס'איז בײַ אײַך עפּעס אַזאַ בייז: אַז ס'איז מיר שלעכט, איז זאָל דיר אויך זיין שלעכט, — נאַ־דיר: איך וועל דיר דאָס האַרץ מיט אַ פֿאַרסמטער טרער אָפּשפּריצן! איז וואָס־זשע? עך, איר! גאָט האָט אײַך געגעבן שיינקייט פֿון אַ מלאך, אָבער וואו איז בײַ אײַך דאָס האַרץ?

ער האָט אינגאַנצן געציטערט, שמייענדיק קעגן איר און באַקוקנדיק איר פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט אַ פֿאָרוואורפֿפֿולן בליק. איצט זיינען אים די ווערטער אַרויס פֿון ברוסט פֿריי. ער האָט גערעדט ניט הויך, נאָר שטאַרק, און ס'איז געווען אָנגענעם צו הערן. די דאָזיקע פֿרוי האָט אים געקוקט אין געזיכט מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן. זיינע ליפּן האָבן געציטערט און שאַרפֿע קנייטשן האָבן זיך געוויזן אויף זייערע ווינקלען.

— אַ שיינער מענטש דאַרף אויך לעבן שיין... און וועגן אײַך רעדט מען עפּעס...

פּאָמעס שטים האָט זיך איבערגעריסן און אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט, האָט ער הייזעריק פֿאַרענדיקט:

— אַדיע!

— אַדיע!... — האָט שטיל געזאָגט מעדינסקאַיאַ. ער האָט איר ניט דערלאַנגט קיין האַנט, האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק פֿון איר. נאָר שוין בײַ דער טיר, זייענדיק אין זאַל, האָט ער דערשפּירט

אַ רחמנות צו איר, און האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף איר פון ווייטן. זי איז געבליבן שטיין דאָרט, וואו זי איז געשטאַנען אין ווינקל, איינע אַליין, אירע הענט זיינען אומבאַוועגלעך געווען אַראָפּגעלאָזן, דער קאָפּ אַ ביסל אָיינגעבויגן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קען ניט אַוועקגיין סתם אַזוי. ער האָט זיך ווידער פאַרלאָרן, און שטיל, אָבער אָן חרטה אַרויסגעשעפּטשעט:

— מעגלעך, איך האָב אייך אפשר באַליידיקט — אַנטשולדיקט! פונדעסטוועגן... ליב איך אייך... — און ער האָט שווער אָפּגעזיפצט!

די פרוי האָט זיך שטילערהייט און מאָדנע צעלאַכט...

— ניין, איר האָט מיך ניט באַליידיקט... גייט געזונטערהייט.

— נו, איז אַ גוטן! — האָט ער איבערגעחזרט נאָך שטילער.

— גוט... — האָט זי אויך אַזוי שטיל געענטפערט.

פּאָמאַ האָט אָפּגעוואָרפן מיט דער האַנט די שנירלעך פּאַטשערקעס; זיי האָבן זיך צעהוידעט, צעשאָרכט און באַרירט זיינע באַקן. ער האָט אויפגעציטערט פון דער דאָזיקער קאַלטער באַרירונג און אַוועק, אַזוקטראָגנדיק אין האַרצן אַ נעפּלדיקן און שווערן געפיל. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי ס'וואָלט געווען פאַרפלאָכטן אין אַ ווייכער, אָבער שטאַרקער נעץ.

ס'איז שוין געווען נאַכט. ס'האָט געלויכטן די לבנה און דער פראָסט האָט פאַרדעקט די לוזשעס מיט שטויבעלעך פון מאַטן זילבער. פּאָמאַ איז געגאַנגען איבערן טראָטואַר און מיט זיין טראָסט צעקלאַפּט די דאָזיקע שטויבעלעך, וועלכע האָבן געפלאַצט מיט אַן אומעט. די שאָטנס פון די הייזער זיינען געלעגן אויפן וועג אין שוואַרצע קוואַדראַטן, און פון די ביימער זיינען געפאַלן וואונדערלעכע געמעלן. אייניקע פון זיי זיינען ענלעך געווען אויף דינע הענט, וועלכע האָבן זיך הילפלאָז אָנגעקלאַמערט אַרום דער ערד...

„וואָס טוט זי איצט?" — האָט פּאָמאַ געטראַכט, פאָרשטעלנדיק זיך זי אַן איינזאַמע אין ווינקל פון ענגן צימער, אין דער רויטלעכער טונקלקייט...

„פאַר מיר איז בעסער צו פאַרגעסן וועגן איר"... — האָט ער באַשלאָסן. אָבער פאַרגעסן האָט ער ניט געקאָנט. זי איז געשטאַנען

פאַר אים, אַרויסרופנדיק בײַ אים דאָ אַ שאַרפן מיטגעפיל, דאָ אַן אויפגערייצטקייט און אַפילו אויך אַ צאָרן. איר געשטאַלט איז געווען אַזוי העל, און די געדאַנקען וועגן איר אַזעלכע שווערע, פונקט ער וואָלט די דאָזיקע פרוי געטראָגן אין זײַן ברוסט... אַנטקעגן אים איז געפאָרן אַ דראָשקע, אָנפילנדיק די נאַכט־שטילקייט מיטן טראַסק פון די רעדער איבער די שטיינער, און מיט זייער סקריפעריי איבערן אײַז. ווען די דראָשקע איז אַרײַנגעפאָרן אין פאַס פון לבנה־שײַן, איז דער גערודער פון איר באַוועגונג געוואָרן העכער און לעבעדיקער און אין שאָטן האָט ער אָפּגעקלונגען שווערער און הייזעריקער. דער פורמאַן און דער פאַסאַזשיר האָבן זיך געהוידעט און געוויגט אין איר; ביידע האָבן זיי זיך עפּעס ווי געצויגן פאָרויס און האָבן צוזאַמען מיטן פערד פאַרגעשטעלט מיט זיך איין גרויסע שוואַרצע מאַסע. די גאַס איז געווען אויסגעזייט מיט פלעקן פון ליכט און שאָטנס, נאָר אין דער ווייט איז די פינסטערניש געווען אַזוי געדיכט, פונקט אַ וואַנט וואָלט אָפּגעטיילט די גאַס, דערהויבנדיק זיך פון דער ערד ביז צום הימל. פאָמען האָט זיך עפּעס געטראַכט, אַז די דאָזיקע מענטשן ווייסן ניט וואוהין זיי פאָרן... און ער אַליין ווייס אויך ניט וואוהין ער גייט... אים האָט זיך פאָרגעשטעלט זײַן הויז — זעקס גרויסע צימערן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט איינער אַליין. די מומע אַנפיסאַ איז אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר און, קען זײַן, זי וועט דאָרט שטאַרבן... אין הויז איז נאָר דאָ איוואַן, אַן אַלטער און טויבער סטרוזש, סעקלעטעיאַ — אַן אַלטע מויד, די קעכין און דינסט, און דאַן אַ שוואַרצער, באַוואַקסענער כּלב, מיט אַ פלאַציקער נאָז ווי בײַ אַ סאָם. און דער הונט איז שוין אויך אַלט.

„ס׳איז גלײַכער פאַר מיר חתונה האָבן“... — האָט פאָמאַ אָפּזיפּצנדיק געטראַכט.

אָבער אים איז געוואָרן אומבאַקוועם, און אַפילו לעכערלעך בײַם געדאַנק וועגן דעם, ווי לײַכט אים איז חתונה צו האָבן. מען קאָן מאָרגן שוין זאָגן דעם טויפפאָטער, אַז ער זאָל אים שדכנען אַ כּלה, און — ס׳וועט ניט פאַרבײַ אַפילו קיין חודש, ווי אין שטוב וועט שוין צוזאַמען מיט אים וואוינען אַ פרוי. און טאָג און נאַכט וועט זי זײַן לעבן אים. ער וועט איר זאָגן: „קום שפּאַצירן!“ און

זי וועט גיין... ער וועט איר זאָגן: „קום שלאָפֿן!" — און זי וועט אויך גיין... וועט זיך איר פֿאַרוועלן אים קושן — וועט זי אים קושן, אַפֿילו ווען ער וועט ניט וועלן. און זאָגן איר — איך וויל ניט, גיי אַוועק! — וועט זי זיך באַליידיקן... וועגן וואָס וועט מען מיט איר קענען ריידן? און וואָס וועט זי אים קענען זאָגן? ער האָט געטראַכט און זיך פֿאָרגעשטעלט באַקאַנטע פֿריילינס, סוחרישע טעכטער, אַנדערע פֿון זיי זיינען געווען זייער שיינע, און ער האָט געוואוסט, אַז יעדערע פֿון זיי וועט מיט אים חתונה האָבן. אָבער קיין איינער פֿון זיי וואָלט ער ניט געוואָלט זען לעבן זיך אַלס זיין ווייב... ווי דאָס מוז זיין מיאוס און ניט באַקוועם, ווען אַ מיידל ווערט אַ ווייב... און וואָס זאָגן זיך איינער דעם צווייטן דאָס יונגע פֿאָרפֿאָלק נאָך דער חופּה אין זייער שלאָפֿצימער? פֿאָמאַ האָט פּרובירט טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער וואָלט געזאָגט אין אַזאַ פֿאַל, און האָט זיך קאָנפֿוזיש צעלאַכט, ניט געפֿינענדיק קיין פּאַסיקע ווערטער... דערנאָך האָט זיך אים דערמאָנט ליובע מאַיאַקין. זי וואָלט געוויס די ערשטע זיך צערעדט מיט עפּעס פֿרעמדע ווערטער אָן אַ טאָלק... אים האָט זיך עפּעס אויסגעוויזן, אַז אַלע רייד ביי איר זיינען פֿרעמדע און אַז זי רעדט ניט דאָס, וואָס ס'דאַרף ריידן אַ מיידל אין אירע יאָרן, אַ מיידל פֿון איר אויסזען און אָפּשטאַמונג...

און דאָ האָט זיך זיין מחשבה אָפּגעשטעלט אויף ליובאָווס באַקלאָגן זיך. ער האָט גענומען גיין שטילער, אַ פֿאַרוואונדערטער פֿון דעם, וואָס אַלע מענטשן, מיט וועלכע ער איז נאָענט און רעדט צו ביסלעך, ריידן מיט אים שטענדיק וועגן לעבן. דער טאַטע, די מומע, דער טויפֿפֿאָטער, ליובאָוו, סאָפֿיע פּאַוולאָוונע, — אַלע לערנען זיי אים צו פֿאַרשטיין דאָס לעבן, אָדער באַקלאָגן זיך אויפֿן לעבן. אים האָבן זיך דערמאָנט די ווערטער וועגן גורל, וואָס דער אַלטער האָט אים געזאָגט אויפֿן דאַמפֿער, און אַ סך אַנדערע באַמערקונגען וועגן לעבן, פֿאָרוואורפֿן און ביטערע טענות, וועלכע ער פֿלעגט אין אַ מאָמענט הערן פֿון פֿאַרשיידענע מענטשן וועגן לעבן.

„וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — האָט זיך אים געטראַכט, — וואָס איז לעבן, אויב דאָס איז ניט מענטשן? און די מענטשן ריידן תמיד

ווי זיי וואָלטן געווען ניט זיי, נאָר ס'איז אויסער זיי פאַראַן נאָך עפּעס, וואָס שטערט זיי דאָס לעבן. אפשר איז דאָס דער טייוול?

אַ שווערער געפיל פון פּחד האָט אַרומגעכאַפּט דעם יונג; ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און זיך אַרומגעקוקט. די גאַס איז געווען ליידיק און שטיל. די טונקעלע פענסטער האָבן טריב געקוקט אין נאַכט־חושך, און איבער די ווענט, איבער די פאַרקאַנעס, האָט זיך טריט נאָך טריט נאָכגעשלעפּט נאָך פאָמען זיין אייגענער שאָטן.

— איזוואָשטשיק! — האָט ער הויך אַ געשריי געטאָן, פאַרשנעלערנדיק די טריט. זיין שאָטן האָט אַ ציטער געטאָן און ווי אַ דערשראָקענער אים נאָכגעקראָכן, אַ שווייגנדיקער און אַ שוואַרציער. פאָמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון הינטער אים אָטעמט מען מיט קעלט און אַז עפּעס אַן אומגעהייערס, און ניט־זעעוודיקס, נאָר אַ שוואַרצע זאַך אַזאַ יאָגט אים נאָך. מיט שרעק איז ער, כמעט, ווי אַנטקעגנגעלאָפן דער דראָזשקע, וועלכע האָט זיך מיט אַ רעש באַוויזן פון ערגעץ פון דער פינסטערניש, און ווען ער האָט זיך געזעצט אויף דער דראָזשקע האָט ער מורא געהאַט זיך אומקוקן אויף הינטן, הגם ער האָט דאָס געוואָלט...

.VII

ס׳איז אַוועק אַ וואָך צייט נאָכן געשפּרעך מיט מעדינסקאַיאַן. און טעג און נעכט איז איר געשטאַלט, ניט אָפּטרעטנדיק, געשטאַנען פאַר פּאָמען, אַרויסרופנדיק אין זיין האַרץ אַ נאָגנדיק געפיל פון בענקשאַפט. אים האָט זיך געוואָלט גיין צו איר און אים האָט געקרענקט אַזוי, אַז אַפילו די ביינער האָבן אים געבראָכן פון פאַרלאַנג ווידער צו זיין לעבן איר. נאָר ער האָט פאַרביסן געשוויגן, ברוגזלעך, און ניט געוואָלט נאָכגעבן דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, זיך פאַרנעמענדיק פלייסיק מיט זיינע עסקים און וועקנדיק אין זיך כסדר כעס קעגן דער דאָזיקער פרוי. ער האָט געפילט, אַז ווען ער וועט קומען צו איר, וועט ער זי געפינען שוין ניט אַזוי, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט. אין איר האָט געמוזט פאָרקומען עפּעס אַ שינוי נאָכן געשפּרעך מיט אים, און זי וועט אים שוין ניט אויפנעמען אַזוי ווייך, ווי פריער, ניט שמייכלען צו אים מיט יענעם קלאָרן שמייכל, וועלכער פלעגט דערוועקן אין אים עפּעס גאָר באַזונדערע רעיונות און האָפענונגען. מורא האָבנדיק, אַז דאָס וועט שוין ניט זיין, נאָר אַז ס׳וועט זיין עפּעס אַנדערש, האָט ער זיך די גאַנצע צייט איינגעהאַלטן און געפייניקט...

די אַרבעט און די בענקשאַפט נאָך דער דאָזיקער פרוי האָבן אים ניט געשטערט צו טראַכטן אויך וועגן לעבן. ער האָט ניט געפאָרשט וועגן דער דאָזיקער רעטעניש, וואָס האָט שוין אַרויסגערופן אין זיין האַרץ אַן אומרויִק געפיל; ער האָט עס ניט געקאָנט פאָרשן, נאָר ער האָט גענומען וואַכזאַם זיך צוהערן צו אַלץ, וואָס מענטשן האָבן גערעדט וועגן לעבן, און זיך געמיט צו געדענקען, וואָס זיי האָבן געזאָגט. זיי האָבן אים גאָרנישט אויפגעקלערט, נאָר האָבן

נאָכמער פאַרגרעסערט זיין פאַרצווייפלונג און געבאָרן אין אים אַ פאַרדעכטיקן געפיל. זיי זיינען געווען פלינק, כיטרע און קלוג — דאָס האָט ער געזען; געשעפטלעך האָט מען מיט זיי געדאַרפט שטענדיק זיין פאָרזיכטיק; ער האָט שוין געוואוסט, אַז אין וויכטיקע פאַלן רעדט ניט קיינער פון זיי דאָס, וואָס ער טראַכט. אין אויפמערקזאַם נאָכשפּירנדיק זיי, האָט ער געפילט, אַז זייערע זיפצענישן און אָבצענישן אויפן לעבן רופן אַרויס ביי אים אַן אומצוטרוי. שווייגנדיק האָט ער מיט אַ פאַרדעכטיקן בליק זיך צוגעקוקט צו אַלץ, און אַ דינער קנייטש האָט געשניטן זיין שטערן...

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט אים דער טויפּאָטער אויף דער בערזע געזאָגט:

— אַנאַני איז געקומען צו פאָרן... ער בעט דיך אַריינגיין צו אים... גיי אַריבער צו אים אינאָוונט, אָבער זע, היט דיין צונג... אַנאַני וועט דיך באַוועגן, דו זאָלסט דערציילן אים וועגן דיינע געשעפטן... ער איז אַ כיטרער, אַלטער טייוול... אַ פרומער פוקס.... פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און די לאַפּע לאָזט ער דיר אַריין אין בוזים, אַרויסשלעפנדיק פון דאָרט דיין טייסטער... גיב אַכטונג...

— מיר קומען אים געלט? — האָט פאָמאַ געפרעגט.

— ווי־זשע דען! פאַר דער בערלינע האָבן מיר אים נאָך ניט באַצאָלט... און האָלץ האָבן מיר גענומען ניט לאַנג אָנדערטהאַלבן הונדערט פינפטלעך... אויב ער וועט בעטן דאָס גאַנצע געלט מיטאַמאָל — גיב ניט... אַ רובל איז אַ קלעפיקע זאַך: וואָס לענגער ער וועט זיך דרייען אין דיין האַנט, אַלץ מער קאָפּיקעס וועט צו אים צושטיין... דער רובל איז — ווי אַ גוטע טויב — גיט עס אַ פלי אין דער לופט, זעסטו באַלד — ווי ער ברענגט מיט זיך אַ גאַנצע סטאַיע אין טויבנשלאַק...

— וואָס הייסט, אים ניט באַצאָלן, אויב ער וועט פאָדערן?

— זאָל ער וואַרטן — זאָל ער וויינען, בעטן זיך, דו ווייז אויך, אָבער גיב ניט...

— איך גיי שוין אַוועק... — האָט געזאָגט פאָמאַ.

אַנאַני סאַוויטש שטשוראָוו איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר, געהאַט אַ גרויסן זעגמיל, געבויט באַרזשעס, געטריבן פליטן... ער

האָט געפירט געשעפטן מיט איגנאַטן, און פּאָמאַ האָט ניט איין מאָל געזען דעם דאָזיקן היכן זקן, גלייך ווי אַ סאָסנע, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און לאַנגע הענט. זיין גרויסע, שיינע פיגור מיטן אָפענעם געזיכט און קלאָרן בליק האָבן אַרויסגערופן ביי פּאָמען אַ געפיל פון אַכטונג צו שטשוראָוון, כאָטש ער האָט געהערט פון לייט, אַז דער דאָזיקער „וואַלדמענטש“ איז רייך געוואָרן ניט פון ערלעכער אַרבעט און פירט זיך ניט גוט ביי זיך אין דער היים, אין זיין פאַרוואָרפענעם דאָרף פון זיין וואַלד-קרייז. אויך דער פאָטער האָט דערציילט פּאָמען, אַז שטשוראָוו האָט אין דער יוגנט, ווען ער איז נאָך געווען אַן אָרעמער פויער, אַריינגענומען צו זיך אין גאָרטן, אין זיין באָד, אַ קאַטאָרזשניק, און דער קאַטאָרזשניק האָט געמאַכט פאַר אים פאַלשע געלט. פון יענער צייט האָט אַנאַני גענומען רייך ווערן. איינמאָל האָט די באָד אָפּגעברענט, און אינם אַש האָט מען געפונען אַ פאַרקוילטן גוף פון אַ מענטשן מיט אַ צעהאַקטן שאַרבן. אין דאָרף האָט מען גערעדט, אַז שטשוראָוו האָט אַליין דערהרגעט זיין אַרבעטער — און אים נאַכהער פאַרברענט. מען האָט דערציילט אַזעלכע זאַכן וועגן דאָזיקן, איפן אויסזען אָנשטענדיקן אַלטן ניט איין מאָל; נאָר אַזעלכע זאַכן האָט מען גערעדט וועגן נאָך אַ סך רייכע אין שטאָט, — ווי זיי וואָלטן אַלע אָנגעזאַמלט זייערע מיליאָנען דורך רויב, רציחות און — דער עיקר — דורך מאַכן פאַלשע געלט. פּאָמאַ האָט זיך פון קינדוייז-אָן צוגעהערט צו אַזעלכע מעשיות און האָט קיינמאָל פריער ניט געטראַכט צי זיינען זיי אמת, צי ניט.

ער האָט אויך געוואוסט וועגן שטשוראָוון, אַז דער אַלטער האָט איבערגעלעבט צוויי ווייבער, — איינע פון זיי איז געשטאָרבן אין דער ערשטער חופּה-נאַכט אין אַנאַנים אָרעמס. נאַכהער האָט ער אָפּשלאָגן דאָס ווייב ביי זיין אייגענעם זון, און דער זון האָט פון צער גענומען טרינקען און איז שיר ניט אומגעקומען פון שיכּרות, נאָר האָט זיך באַצייטנס באַדענקט און איז אַוועק ראַטעווען זיך אין איינזאַמקייט איפן איגריז. און ווען ביי שטשוראָוון איז געשטאָרבן זיין געליבטע, די שנור, האָט ער זיך אַריינגענומען אין שטוב אַ שטובמיידל — אַן אָרעמע, מיט וועלכער ער לעבט ביז היינטיקן טאָג,

און וועלכע האָט אים ניט לאַנג געבאָרן אַ טויט קינד... גייענדיק צו אַנאַנין אין גאַסטהויז, וואו יענער האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט, האָט זיך פֿאָמאַ ניט ווילנדיק דערמאָנט אָן אַליך, וואָס ער האָט געהערט וועגן אַלטן פֿון פֿאָטער און פֿון אַנדערע מענטשן, און געפֿילט, אַז שטשוראָוו איז געוואָרן פֿאַר אים אויסטערליש אינטערעסאַנט.

ווען פֿאָמאַ האָט, אויפֿמאַכנדיק די טיר, זיך אַוועקגעשטעלט מיט יראַת־הכּבוד אויפֿן שוועל פֿון קליינעם צימער, וואָס איז געווען מיט איין פֿענסטער, פֿון וועלכן מען האָט געקאָנט זען נאָר אַ פֿאַרשימלטן דאַך פֿון שכנותדיקן הויז, — האָט ער דערזען, אַז דער אַלטער שטשוראָוו האָט זיך נאָר־וואָס אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און זיצט אויפֿן בעט, אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און קוקט אויפֿן דיל, אײַנגעבויגענערהייט, אַזוי, אַז זיין לאַנגע און ווייסע באָרד ליגט אים אויף זיינע קני. נאָר אַפֿילו אײַנגעבויגענערהייט איז ער געווען הויך...

— ווער איז געקומען? האָט אַנאַני, אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ, אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ הייזעריקלעכן, כעסדיקן קול.

— איך. גוטמאָרגן, אַנאַני סאַוויטש...

דער אַלטער האָט לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, און אויסשטעלנדיק אַ פּאָר גרויסע אויגן, אַ קוק געטאָן אויף פֿאָמען.

— איגנאַטס זון אפֿשר?

— ער אַליין...

— נו, קום אַהער... זעץ זיך דאָ לעבן פֿענסטער... מירן אַ קוק טאָן ווי דו זעסט אויס... אפֿשר ווילסטו טרינקען טיי?

— איך וואָלט געטרונקען...

— באַדינער! — האָט דער אַלטער אויסגעשריען. אויסציענדיק די ברוסט און פֿאַרנעמענדיק די באָרד אין אַ הויפֿן, האָט ער גענומען באַטראַכטן פֿאָמען. פֿאָמאַ האָט אויך געקוקט אויף אים, ווי פֿון אַ זייט.

דעם אַלטנס הויכער שטערן איז געווען דורכאויס צעשניטן מיט קנייטשן און די הויט איז געווען טונקל. די גראָע געקרייזלטע פּעדים־האָר האָבן באַדעקט זיינע שלייפֿן און די געשפּיצטע אויערן; די בלאָע, רויקע אויגן האָבן צוגעגעבן דעם אייבערשטן טייל פּנים

אן אויסדרוק פון א קלוגן און אנגעזעענעם מאן. נאר זיינע באקן און ליפן זיינען געווען גראבע, רויטע און האבן אויסגעזען, ווי פרעמדע אויף זיין פנים. דער לאנגער, דינער נאז איז געווען פארבויגן אויף אראפ, ווי ער וואלט זיך געוואלט באהאלטן אין די ווייסע וואנצעס; דער אלטער האט באוועגט מיט די ליפן, הינטער זיי האבן געבלאנקט געלע, קליינע ציין. ער איז געווען אנגעטאן אין א ראזער סיטצענער העמדל, אונטערגעגארטלט מיט א זיידענעם פאס און די שווארצע הויזן זיינען געווען אריינגעלאזט אין די שטיוול. פאמא האט געקוקט אויף זיינע ליפן און געקלערט, אז דער אלטער איז אוודאי אזא, ווי מען רעדט וועגן אים...

— יינגלוויז ביסטו מער ענלעכער געווען אויפן טאטן... — האט שטשוראוו פלוצלונג א זאג געטאן און אפגעזיפצט. אפשווייגנדיק נאכהער א ווײלע, האט ער געפרעגט: — געדענקסטו דעם טאטן? טוסט תפילה נאך אים?

— מען דארף, מען דארף תפילה-טאן! — האט ער פארגעגעזעצט, אויסהערנדיק פאמעס קורצן ענטפער. — א גרויסער בעל-עבירהניק געווען איגנאט... און געשטארבן אן ווידוי... אין איינזאמקייט... א גרויסער בעל-עבירהניק!

— ניט זינדיקער פאר אנדערע — האט פאמא פינסטער געענטפערט, א באליידיקטער פארן פאטערס כבוד.

— למשל, ווער? — האט שטרענג געפרעגט שטשוראוו.

— קנאפ בעל-עבירהניקעס זיינען דא!

— זינדיקער פארן פארשטארבענעם איגנאט איז דא נאר איין מענטש אויף דער וועלט — דער פארשאלטענער פארמאזאן, דיין טויפפאטער יאשקע... — האט דער אלטער אויסגעגאסן.

— איר ווייסט עס געוויס? — האט פאמא געוואלט דערגיין ביים אלטן, שמייכלענדיק דערביי.

— איך — אוודאי ווייס איך! — האט זיכער געזאגט שטשוראוו, שאקלענדיק מיטן קאפ און זיינע אויגן זיינען געווארן טונקל. — איך אליין וועל זיך אויך שטעלן פאר גאט... ס'איז ניט לייכט... כ'וועל אוועקטראגן מיט זיך א שווערע משא פאר זיין הייליקן שטול... איך אליין האב אויך געשפילט מיטן טייוול... אבער איך גלויב אין גאטס

רחמנות, און יאַשקע גלויבט ניט ס׳י אויף דער וואָר, סיי אין שלאָף, ניט אין גן־עדן, ניט אין גיהנום... יאַשקע גלויבט ניט אין גאָט... דאָס ווייס איך! און דערפאַר, וואָס ער גלויבט ניט, וועט ער נאָך געווען באַשטראָפט ווערן אויף דער וועלט!

— דאָס ווייסט איר אויך? — האָט פּאָמאַ געפרעגט.

— דאָס אויך... דו מיין ניט — אַז איך ווייס ניט, אַז דיר קומען אוים קאָמיש מיינע רייד... איך ווייס אַלץ! נאָר אַ מענטש, וואָס האָט אַ סך געזינדיקט — איז תּמיד אַ חכם... זינד — לערנט אוים... דערפאַר איז מאַיאַקין יאַשקע אויך אַ זעלטענער חכם...

הערנדיק דעם אַלטנס הייזעריקלעכן און זיכערן קול, האָט פּאָמאַ בײַ זיך געטראַכט:

„קענטיק, ער שפּירט שוין דעם טויט"...

דער באַדינער, אַ קליינינקער, מיט אַ בלייכן אָפּגעריבענעם געזיכט, האָט אַריינגעבראַכט אַ סאַמאָוואַר און איז גיך מיט קליינע טריט אַרויסגעלאָפן פון צימער. דער אַלטער האָט אויפן פענסטער־ברעט פונאַנדערגענומען עפּעס פּעקלעך און גערעדט, ניט קוקנ־דיק אויף פּאָמען:

— ביסט אַ דרייסטער... אָבער אַ קוק האָסטו אַ פינסטערן... אַמאָל זיינען געווען מער העל־אויגיקע לייט... מחמת אַמאָל איז אויך ליכטיקער געווען אויף דער נשמה... אַמאָל איז אַלץ געווען פּראָסט. — די מענטשן און די עבירות... איצט איז אַלץ געוואָרן אויפגעקלערטער... עכע־כע!

ער האָט פאַרבריט טיי, געזעצט זיך אַנטקעגן פּאָמען און פון ס׳ניי אָנגעהויבן:

— אין דיינע יאָרן איז דיין פאָטער... — ער איז דאַן געווען אַ וואַסערגיסער און לעבן אונזער דאָרף געשטאַנען מיט אַ קאַ־ראַוואַן... אין דיינע יאָרן איז איגנאַט געווען פאַר מיר קלאָר, ווי אַ גלאָז... פלעגסט אַ קוק טאָן אויף אים און — באַלד דערזען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענטש. אויף דיר, אָבער, קוק איך — און זע ניט — וואָס דו ביסט? ווער ביסטו אַזוינער? און דו אַליין, יונ־גערמאַן, ווייסט דאָס אויך ניט... דערפאַר וועסטו פאַרפאַלן ווערן... אַלע היינטיקע מענטשן מוזן פאַרפאַלן ווערן, ווייל — זיי קענען זיך

ניט אַליין... דאָס לעבן — איז אַ שטורעם=אויסברוך און מען דאַרף קענען געפינען אין לעבן דעם אייגענעם וועג... וואו איז ער? אַלע בלאָנדזשען... און דער טייוול איז — צופרידן... האָסט אַ ווייב?

— נאָך ניט, — האָט פאָמאַ געענטפערט.

— אָט איז עס... נאָך ניט חתונה געהאַט, און שוין לאַנג אַן איבערגעפירטער. נו, אַרבעטסט עפעס פיל אין דיין עסק?

— ס׳קומט אויס... איך בין דערווייל מיטן טויפפאָטער...

— וואָס פאַר אַן אַרבעט האָט איר איצט? — האָט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ דער אַלטער ניט אויפגעהערט צו ריידן, און זיינע אויגן זיינען געווען דאָ טונקל, דאָ צוריק ליכטיק. — אויך אַן אַרבעט! אַמאָל פלעגט אַ סוחר געשעפטלעך שלעפן זיך מיט פערד... אין אַ געוויטער, ביינאַכט... אויפן וועג פלעגן אים אָפּוואַרטן גזלנים און דערהרגענען... ער פלעגט שטאַרבן אַ מאַרטירער, אָפּוואַשנדיק זיינע זינד מיט בלוט... איצט פאָרט מען אין וואַגאָנעס... מען שיקט דעפּעשן... און דערצו נאָך, הערסט, האָט מען אַזוי דערטראַכט זיך, אַז ווען אין קאָנטאָר רעדט אַ מענטש, הערט מען אים פאַר פינף וויאָרסט... דאָס איז ניט אָן דעם טייוולס שכל!... זיצט אַ מענטש... טוט זיך ניט קיין ריר... און זינדיקט, ווייל ס׳איז אים אומעטיק, וואָס צו טאָן האָט ער ניט: די מאַשינע טוט שוין פאַר אים אַלץ... קיין אַרבעט האָט ער ניט... און אָן אַרבעט — איז אַ סוף צום מענטשן! ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט מאַשינעס און טראַכט זיך — ס׳איז גוט! נאָר זי, די מאַשינע, הייסט עס — פלעכט דיר אַ טייוולשן שלייף. זי מיינט דיך צו פאַנגען מיט דעם... ביי דער אַרבעט האָט דער מענטש ניט קיין צייט פאַר זינד, אָבער ביי דער מאַשינע — איז ער פריי! פון פרייהייט וועט דער מענטש אומקומען, ווי אַ וואָרעם, וואָס וואוינט אין די ערדישע לעכער, קומט אום, ווען ער קריכט אַרויס אויף דער זון... פון פרייהייט וועט דער מענטש אומקומען!

אַזוי אויסדריקנדיק, איינציקווייז און זיכער זיינע ווערטער, האָט דער אַלטער אַנאַני בשעת=מעשה געפּויקט מיט די פינגער איבערן טיש. זיין פנים האָט געלויכטן דערביי, ווי מיט אַ בייזן נצחון, זיין ברוסט האָט זיך הויך געהויבן, און די זילבערנע האָר פון באָרד

האָבן קלאַנגלאָז באַוועגט זיך אויף איר. פאָמען איז געוואָרן פריקרע צו קוקן אויפן אַלטן און הערן זיינע רייד. ס'האָט אין זיי גע־קלונגען אַן אומבאַזיגטער גלויבן. און דער כּוח פון דעם דאָזיקן גלויבן האָט פאָמען צעטומלט. ער האָט שוין פאַרגעסן אַליץ, וואָס ער האָט געוואוסט וועגן אַלטן, און אין וואָס ער האָט נאָך דאָ ניט לאַנג געגלייבט, ווי אין אַן אמת.

— ווער ס'גיט דעם גוף פרייהייט — ברענגט אום די נשמה! — האָט דער אַלטער אַנאַני ווייטער גערעדט און געקוקט אַזוי אויס־טערליש אויף פאָמען, ווי ער וואָלט הינטער אים געזען נאָך עמעצן, וועמען ס'איז געווען פיינלעך און שרעקלעך צו הערן זיינע רייד, אָבער וועמעס שרעק און ווייטאָג האָבן אים געפרייט... — און איר, היינטיקע, וועט אַלע אומקומען פון דער פרייהייט... דער טייוול האָט אייך אַלעמען געפאַנגען... ער האָט אָפּגענומען ביי אײַך די אַרבעט, אונטערדרוקנדיק אײַך זיינע מאַשינעס און דעפּעשן... און די פרייהייט שניידט שוין די נשמות פון די מענטשן... נו, זאָג־זשע מיר, פאַרוואָס זיינען די קינדער ערגער פאַר די טאַטעס? צוליב דער פרייהייט, יאָ! דערפאַר טרינקען זיי און שאַרלאַטאַנעווען מיט ווייבער... און געזונט האָבן זיי אויך ווייניקער, ווייל זיי האָבן ווייני־קער אַרבעט... און קיין פריילעכן גייסט האָבן זיי ניט, ווייל זיי האָבן קיין זאָרג ניט... פריילעכקייט קומט אין דער צייט פון אַפּרו, נאָר איצטער ווערט קיינער ניט פאַרמאַטערט...

— נו, — האָט פאָמאַ שטיל זיך אָפּגערופן, — הולטאַיעוועט און געשיכּורט האָט מען פריער אויך ניט ווייניק...

— אַ סך ווייסטו? וואָלסט בעסער געשוויגן! — האָט אַנאַני שטרענג אַ געשריי געטאָן, שפּריצנדיק מיט די אויגן. — אַמאָל האָבן מענטשן מער כּוח געהאַט... און לויט די כּוחות האָבן זיי געזינדיקט... און ביי אײַך, היינטיקע לייט, איז כּוח דאָ ווייניקער, און זינד מערער... און די עבירות זיינען שמוציקער.... אַמאָל זיינען די מענטשן געווען — ווי ביימער... די אַמאָליקע מענטשן וועט גאָט משפּטן לויט זייערע כּוחות... זייערע גופים וועלן ווערן געוואויגן און מלאָכים וועלן מעסטן זייער בלוט... און גאָטס מלאָכים וועלן זען, אַז די זינד שטייגט ניט אַריבער אין וואָג מיט זייער שווערקייט דעם גוף און דאָס

בלוט... פֿאַרשטייסטו? אַ וואָלף משפּט ניט דער רבונו־של־עולם, ווען אַ וואָלף צערייסט אַ שעפּס... אָבער ווען אַ מיאוסע מויז איז שולדיק אין שעפּס טויט — וועט ער די מויז משפּטן!

— פֿונוואַנען קענען לײַט וויסן, ווי גאָט וועט משפּטן די מענטשן? — האָט פֿאָמאַ אַ פֿאַרטראַכטער געפֿרעגט. — אַן אָפּגענעם געריכט דאַרף מען...

— וואָס הייסט אַן אָפּגענעם?

— ס׳הייסט, מענטשן זאָלן פֿאַרשטיין...

— און ווער דען, אויב ניט גאָט, קען זײַן מײַן שופֿט?

פֿאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן אַלטן און אַנטשוויגן געוואָרן, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ. אים האָט זיך ווידער דערמאָנט דער אַנטלאָפֿענער קאַטאָרזשניק, וועמען שטשוראָוו האָט דערהרגעט און פֿאַרברענט, און ער האָט ווידער געגלייבט, אַז אַזוי איז דאָס געווען. אויך די פֿרויען — זײַן ווײַב און געליבטע, האָט דער דאָזיקער אַלטער געוויס פֿאַרטריבן אין קבֿר מיט זײַנע שווערע צערטלערייען, דערדריקט זיי מיט זײַן ביינערדיקער ברוסט, אויסגענאָגט זייער לעבנס־זאַפֿט פֿון זיי מיט די גראָבע ליפּן זײַנע, וועלכע זײַנען נאָך אויך איצט רויט, ווי ס׳וואָלט אויף זיי ניט אָפּגעטריקנט געוואָרן דאָס בלוט פֿון די פֿרויען, וועלכע זײַנען געשטאָרבן אין די אָרעמס פֿון זײַנע לאַנגע אָדערדיקע הענט. און אָט, איצט, דערוואַרטנדיק דעם טויט, וואָס איז שוין ערגעץ נאָענט לעבן אים, רעכנט ער איבער זײַנע עבֿירות, משפּט מענטשן און משפּט זיך אַליין, אפֿשר... און זאָגט נאָך: ווער דען, אויב ניט גאָט, איז מײַן שופֿט?

„האָט ער מורא אָדער ניט?“ — האָט זיך פֿאָמאַ אַליין געפֿרעגט און זיך פֿאַרטראַכט, קוקנדיק פֿון אונטערן שטערן אויפֿן אַלטן.

— יאָ, יונגערמאַן! טראַכט... — האָט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ ווייטער געזאָגט שטשוראָוו, — טראַכט, ווי דו זאָלסט לעבן... די קאַפּיטאַלן זײַנען אין הארצן קליינע, אָבער דער פֿאַרנעם — אַ גרויסער... זאָלסט נאָר ניט באַנקראָטירן מיט זיך! כאַ־כאָ־כאָ!

— פֿונוואַנען ווייסט איר, וויפֿיל און וואָס איך האָב אין האַרצן? — האָט פֿאָמאַ געענטפֿערט אַ ברוגזער און אַ באַליידיקטער פֿון זײַן געלעכטער.

— איך זע שוין! איך ווייס אַליין... ווייל — איך לעב שוין לאַנג! אַ־אַ־כאַ־כאַ! ווי לאַנג איך לעב שוין! ביימער זיינען אויסגע־וואַקסן און אויסגעהאַקט געוואָרן פאַר מיין צייט, און הייזער האָט מען שוין פון זיי אויסגעבויט... און די הייזער זיינען אויך געוואָרן אַלט... איך האָב דאָס אַליין געזען און זע נאָך היינט אויך אַליין... און ווען איך דערמאָן זיך צייטנווייז מיין לעבן, טראַכט איך: שוין־זשע קאָן דאָס איין מענטש אַזויפיל אויפטאָן? שוין־זשע האָב איך דאָס אַליין איבערגעלעבט?... — דער אַלטער האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף פּאַמען, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַנט־שוויגן געוואָרן...

ס'איז געוואָרן שטיל. אויפן דאַך פון הויז האָט עפּעס ניט הויך געשאָרשקעט; אַ רעדער־גערויש און אַ הייזעריק גערײדערײ פון דורכ־גייער האָט זיך געטראָגן פון אונטן פון גאַס. דער סאַמאָוואַר אויפן טיש האָט געזאָדן מיט אַן אומעטיק געזאַנג. שטשוראָוו האָט זיך קאָנ־צענטרירט צוגעקוקט צו זיין גלאָז טיי, געגלעט די באָרד און ס'האָט זיך געהערט, ווי זיין ברוסט כריפּעט, פונקט דאָרט באַוועגט זיך עפּעס שווערס...

— ס'איז דיר שווער צו לעבן אָן טאַטן — האַ? — האָט זיך ווידער דערהערט זיין שטים.

מען ווערט געוויינט... — האָט פאָמאַ געענטפערט.

— ביסט רייך... און ווען יאַקאָוו וועט שטאַרבן — וועסטו זיין נאָך רייכער... ער וועט דיר אַליין איבערלאָזן...

— איך דאַרף דאָס ניט.

— וואו־זשע וועט ער דאָס אַהינטאָן? ער האָט דאָך נאָר איין טאָכטער... דו וואָלסט די טאָכטער אויך געדאַרפט נעמען... דאָס וואָס זי איז דיר אַ טויפשוועסטער און האָט מיט דיר פון איין ברוסט געזויגן — איז ניט קיין אומגליק! מען קען דאָס איינאָרדענען... נעם און האָב חתונה... וואָרעם ווי־זשע וועסטו אַזוי לעבן? שלעפּסט זיך געווים אַרום מיט מיידלעך?

— ניין.

— זאָג! ע־כע־כע... דער סוחר שטאַרבט אָפּ... אַמאָל האָט מיר אַ וואַלד־פאַרוואַלטער דערציילט, — צי דאָס איז אמת, צי ניט,

ווייס איך ניט — אַמאָל זיינען אַלע הינט געווען וועלף... און הייניקע צייטן בלייבן די הינט — הינט... אַזוי איז אויך אונזער שטאַנד— מיר וועלן אויך אַלע אינגיכן בלייבן הינט. מיר שטודירן וויסנשאַפטן, מיר טוען אָן מאָדערנע היט אויף אונזערע קעפּ, און נאָך אַלץ, וואָס מען דאַרף דאָרט, טוען מיר, כּדי אָנצוּווערן אונזער פּרצוף... מען קאָן אונז מיט גאָרנישט אונטערשיידן פון אַנדערע מענטשן... שוין אַזאַ אָרדענונג אײַנגעפירט, אַז מען זאָל אַלע קינדער אָפּגעבן אין די גימנאַזיעס... און סיי די סוחרים, סיי די אַדללייט און סיי די איינפאַכע לייט — אַלעמען קלייבט מען צונויף אונטער איין קאָליר... מען טוט זיי אָן אין גראָען און מען לערנט זיי אַלעמען די זעלבע תורה... מען דערציט דעם מענטש, ווי אַ בוים... צוליב וואָס איז דאָס? ווייסט קיינער ניט... אַ בלאָקן אונטערשיידט זיך דאָך כאָטש פון צווייטן בלאָקן מיט אַ סוק... און דאָ וויל מען אַלע מענטשן אַזוי אָפּהובלען, אַז זיי זאָלען אַלע האָבן איין פּנים... אינגיכן וועלן מיר, אַלטע, שוין ליגן אונטער אַ דעקל... יאָ־אָ! מעגלעך, אַז קיינער וועט שוין גאָרנישט גלויבן אין אַ יאָר פופציק אַרום, אַז אַמאָל האָט אויף דער וועלט געלעבט... אַן אַנאַני, דער זון פון סאַווין, וואָס האָט געהייסן שטשוראָוו.... אַזוי איז עס! און אַז איך, אַנאַני, האָב, אויסער פאַר גאָט, פאַר קיינעם ניט מורא געהאַט.... און אַז איך בין אין דער יוגנט געווען אַ פויער און געהאַט ערד צוויי מיט אַ פערטל דעסיאַטינעס, און אַז אויף דער עלטער האָב איך אָנגעקליבן עלף טויזנט דעסיאַטינעס און אַלע מיט וואַלד... און געלט, אפשר, צוויי מיליאָן...

— רק איר רעדט וועגן געלט! — האָט פאָמאַ איבערגעשלאָגן מיט אומצופרידנקייט. — וואָס פאַר אַ פרייד גיט עס דעם מענטשן?

— ממ... — האָט אַרויסגעבורטשעט שטשוראָוו. אַ שלעכטער סוחר וועט פון דיר זיין, אויב דו פאַרשטייסט ניט דעם כּוח פון געלט...

— ווער פאַרשטייט יאָ דעם דאָזיקן כּוח? — האָט פאָמאַ געפרעגט.

— איך! — האָט מיט זיכערקייט באַטאָנט שטשוראָוו. — און יעדער קלוגער מאַן... יאַשקע פאַרשטייט... געלט? דאָס, יונגערמאַן, זאָגט פיל: דו לייג עס פונאַנדער לעבן זיך און באַקלער — וואָס ס׳אַנטהאַלט אין זיך? דאַן וועסטו פאַרשטיין, אַז דאָס איז דעם מענטשנס כּוח, אַז דאָס איז דעם מענטשנס חכמה... טויזנטער מענטשן האָבן אין דעם געלט זייערע לעבנס אַריינגעלייגט און טויזנטער וועלן נאָך אַריינלייגן... און דו קענסט דאָס גאַנצע געלט אין אויוון אַריינוואַרפן און קוקן, ווי ס׳וועט ברענען... און בשעת-מעשה וועסטו זיך האַלטן פאַר אַ הערשער...

— אַזעלכע זאַכן טוט מען ניט...

— ווייל ביי נאַראָנים איז קיין געלט ניטאָ... געלט ליגט מען אַריין און אַ געשעפט... פון געשעפט לעבן מענטשן... און דו ביסט איבער אָט די אַלע מענטשן — אַ באַלעבאָס... צוליב וואָס האָט גאָט באַשאַפן דעם מענטש? כּדי דער מענטש זאָל פאַר אים תּפילה טאָן... ער איז געווען איינער, און איינעם אַליין איז אים געווען אומעטיק... נו, האָט זיך אים פאַרוואָלט מאַכט... און אַז דער מענטש איז באַשאַפן לויט זיין צלם, ווי ס׳שטייט געשריבן, לויט זיין בילד, גלוסט זיך דעם מענטשן מאַכט... און וואָס גיט מאַכט, אויב ניט געלט?... אַזוי איז דאָס... נו, און דו האָסט מיר געבראַכט געלט?

— ניין... — האָט פאָמאַ געענטפערט. פון דעם אַלטנס רייד איז אים דער קאָפּ געוואָרן שווער און טעמפּ און ער איז געווען צופרידן, וואָס דער געשפּרעך איז ענדלעך אַריבער אויפן געשעפט-לעכן באָדן.

— דאָס געפעלט מיר שוין ניט! — האָט שטשוראָוו געזאָגט, בייז אָנשטעלנדיק די וויעס. — דער טערמין איז שוין אַריבער — מען דאַרף צאָלן...

— מאָרגן באַקומט איר אַ העלפט...

— פאַרוואָס אַ העלפט? אינגאַנצן ברענג!

— מיר דאַרפן איצט גראָד זייער נייטיק האָבן געלט...

— און איר האָט ניט? איבעריקנס, דאַרף איך אויך זייער נייטיק.

— וואַרט אונטער!

— ע, ברודער, איכ׳ל ניט וואַרטן! דו ביסט ניט דער טאַטע... אַזעלכע שנעקעס, ווי איר, זייט אַ פאָלק ניט קיין זיכערער... אין איין חודש קענסטו דאָס גאַנצע געשעפט פאַרפּלאָנטערן... און איך וועל דערפון האָבן היזק... דו גיב מיר אָפּ מאָרגן דאָס גאַנצע געלט, אַניט וועל איך לאָזן פּראָטעסטירן די וועקסלען... בײַ מיר ווערט דאָס גיך!

פּאַמאַ האָט געקוקט אויף שטשוראָװן און זיך געוואונדערט. דאָס איז שוין ניט געווען דערזועלבער אַלטער, וואָס האָט נאַר־וואָס גערעדט מיט אַ פּנים פון אַ פּאַראַויסזועער וועגן טיוול... סיי דאָס פּנים, סיי די אויגן זיינען בײַ אים פריער אַנדערש געווען, — איצט האָט ער אויסגעזען גרויזאַם, זיינע ליפּן האָבן געשמייכלט אָן רחמנות, און אויף די באַקן, לעבן די נאָזלעכער האָבן געציטערט עפּעס אַזעלכע אָדערלעך. פּאַמאַ האָט געזען, אַז אויב ער וועט ניט באַצאָלן צום טערמין — וועט ער, טאַקע אָן שום רחמנות תיכף קאָמפּראָמעטירן די פירמע מיט פּראָטעסטירטע וועקסלען...

— אַפּנים, ס׳שטייען שלעכט די געשעפטן — האַ? — האָט שטשוראָוו געשמייכלט. — נו, זאָג דעם אמת — וואו האָסטו אַהינגעטאָן דעם טאַטנס געלט?

פּאַמען האָט זיך געוואָלט אויספּרווון דעם אַלטן:

— די געשעפטן זיינען ניט זייער קיין פריילעכע... — האָט ער געזאָגט אַ פאַרכמאַרעטער. — קיין באַשטעלונגען זיינען ניטאָ... קיין האַנטגעלט גיט מען ניט... נו, איז שווערלעך...

— אַזוי־וי!... העלפן דיר, אפשר?

— טוט אַ טובה... פּראָלאָנגירט די צאָלונגען, — האָט פּאַמאַ געבעטן, אַראָפּלאָזנדיק מיט ענייוות די אויגן.

— ממ... כ׳מיין, אפשר אויס פריינטשאַפט צום פאָטער פּראָלאָנגירן? ביטע, איכ׳ל דיר העלפן...

— אויף וויפיל צייט קענט איר אָפּלייגן? — האָט פּאַמאַ געוואָלט דערגיין.

— נו, אויף אַ האַלב יאָר...

— איך דאַנק אײַך זייער...

— ניטאָ פאַרוואָס... עלף טויזנט זעקס הונדערט קומט פון דיר... איז אָט וואָס: שרייב מיר איבער די וועקסלען אויף פּומפּצן, באַצאָל די פּראָצענטער פון דער סומע פאָרויס... און כּדי צו פאַרזיכערן זיך, וועל איך נעמען ביי דיר אַ שטר אויף דיינע ביידע באַרזשעס...

פאָמאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און שמייכלענדיק אַרויסגעזאָגט:

— שיקט מאָרגן צו די וועקסלען... איך וועל זיי אייך אָפּצאָלן אינגאַנצן...

שטשוראָוו האָט זיך אויך שווער אויפגעהויבן פון שטול און ניט אָפּווענדנדיק די אויגן פון פאָמעס שפּאָטישן בליק, האָט ער זיך רויִק געקראַצט די ברוסט און געזאָגט:

— אַזוי איז אויך גוט...

— אַדאַנק... פאַר פריינטלעכקייט...

— אַז דו לאָזט זיך ניט... איך וואָלט דיך מקרב געווען! — האָט דער אַלטער פויל אַרויסגערעדט, שטשירענדיק די ציין.

— נ־יאָ! אַריינצופאַלן צו אייך אין די הענט...

— ס'ווערט וואַרעם...

— איר קענט אָנוואַרעמען, וואָס איז דאָ צו ריידן...

— נו, איבעריקנס, יונגערמאַן, זאָל זיין! — האָט שטרענג געזאָגט שטשוראָוו. — כאָטש דו טראַכסט זיך, אַז דו ביסט ניט קיין נאַר... נאָר דאָס איז נאָך פרי... האָסט גאָרנישט געוואונען און נעמסט זיך שוין באַרימען!... דו, אַפּריער, געווין ביי מיר... דאַן וועסטו טאַנצן פון שמחה... אַ גוטן טאָג... ברענג מאָרגן צו שלעפּן דאָס געלט...

— זייט רויִק... אַדיע!

— זייט געזונט!

אַרויסגייענדיק הינטערן טיר פון נומער, האָט פאָמאַ דערהערט, ווי דער אַלטער האָט אַ געניעץ געטאָן הויך און אויסגעצויגן, און דערנאָך זיך מיט אַ ניגון צעלאָזט אויף אַ הייזעריקן קול:

— דער־באַרעמ־דיקער, עפן אונז אייף די טירן... גע־בענטש־טע גאָטסמוטער...

פאָמאַ איז אַוועק פון אַלטן מיט אַ טאָפּלטן געפיל: שטשוראָוו איז אים אי געפעלן, אי געווען דערווידער...

ער האָט זיך דערמאָנט דעם אַלטנס דיבורים וועגן זינד, געטראַכט וועגן כוח פון זיין אמונה אין גאָטס דערבאַרעמקייט, און דער אַלטער האָט דערוועקט אין אים אַ געפיל, נאָענט צו אַכטונג.

„און ער רעדט אייך וועגן לעבן... און וויס זיינע אייגענע זינד און וויינט ניט און באַקלאָגט זיך ניט... געזינדיקט — וועל איך ענטפערן... נ-יאָ. און זי?...“ — ער האָט זיך דערמאָנט אָן מעדינסקאַיאַן, און זיין האַרץ האָט זיך צונויפגעדריקט פון בענקשאַפט.

„און זי טוט תשובה... אין ד' ווייסט ניט — צי בכיוון טוט זי דאָס, כדי אויסמיידן גאָטס משפט, צי טאַקע אין אמתן טוט איר דאָס האַרץ וויי... ווער, זאָגט ער, איז חוץ גאָט, אַ שופט? אָט וואָס“...

פאָמען האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז מקנא אַנאַנין און דער יונג האָט זיך געאיילט צו דערמאָנען שטשוראָווס פרוון אים צו באַרייסן. דאָס האָט ביי פאָמען אַרויסגערופן אַן עקל צום אַלטן, ער האָט ניט געקאָנט באַרויקן זיינע געפילן, און אַן אויפגעבראַכטער ביז גאָר, האָט ער אין זיך געשמייכלט.

— נו-נו, איך בין געווען ביי שטשוראָוון!... — האָט פאָמאַ דערציילט, קומענדיק צו מאַיאַקינען, און אַוועקזעצנדיק זיך ביים טיש.

מאַיאַקין האָט זיך אומגעדולדיק אונטערגעהויבן אין זיין לעדערנעם פאָטעל, זיצנדיק אין זיין פאַרשמאָלצענעם כאַלאַט מיט עפּעס חשבונות אין דער האַנט און האָט זיך לעבעדיק צערעדט:

— גיס אים אָן טיי, ליובאַווא! דערצייל, פאָמאַ... איך מוז אַ זייגער ניין זיין אין דער דומע, דערצייל גיכער.

פאָמאַ האָט, לאַכנדיק, דערציילט וועגן דעם, ווי שטשוראָוו האָט אים פאַרגעלייגט איבערשרייבן די וועקסלען.

— ע-עך! — האָט מיט באַדויערן אויסגערופן יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש, אַ טרייסל טוענדיק מיטן קאָפּ — דו האָסט מיר, ברודערל, די גאַנצע שפּיל קאַליע געמאַכט! צי דען אַזוי פירט מען דאָס געשעפטן מיט לייט? טפוי! דער יצר-הרע האָט מיך אָנגע-

רעדט שיקן דיך צו אים! איך האָב געדאַרפט אַליין גיין... איך וואָלט אים שוין אַרומגעדרייט אַרום מיין פינגער!

— כ'שטעל זיך דאָס ניט פאָר! ער זאָגט — איך בין אַ דעמב...

— אַ דעמב. און איך — די זעג. אַ דעמב — איז אַפילו אַ גוטער בוים, אָבער זיינע פירות טויגן נאָר פאַר חזירים... און ס'קומט אַרויס, אַז אַ דעמב איז, פשוט, אַ טיפּש...

— אָבער אַליין איינס דאַרף מען דאָך צאָלן...

— דערמיט איילן זיך ניט... קלוגע לייט. און דו — ביסט גרייט שנעל צו לויפן און אַוועקגעבן דאָס געלט... אַ סיתר!

יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש איז געווען גאָרניט צופרידן מיטן טויפזון. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און מיט כעס געהייסן דער טאָכטער, וואָס האָט דערלאַנגט טיי:

— גיב אַהער צוקער... זעסט דאָך — איך קען ניט דערלאַנגען...

ליובאָווס געזיכט איז געווען בלאַס, די אויגן נעפּלדיק און אירע הענט האָבן זיך באַוועגט פאַמעלעך און ניט געלונגען... פאָמאַ האָט געקוקט אויף איר און געטראַכט:

„אַ געהאָרכזאַמע אַזאַ, בעת דער פאָטער זיצט"...

וועגן וואָס האָט ער מיט דיר גערעדט? — האָט מאַיאַקין געפרעגט.

— וועגן עבירות...

— נו, געוויס. יעדערן איז טייער זיין עסק... און ער פאַבריצירט עבירות... מען וואַרט אויף אים שוין לאַנג. ס'י אויף דער קאַטאָרגע, ס'י אין גהינום, מען וויינט נאָך אים — מען בענקט נאָך אים, מען וואַרט דאָרט אויף אים — אָבער מען דערוואַרט זיך ניט...

— ער רעדט וואָגיק, — האָט פאָמאַ געזאָגט פאַרקלערט, מישנדיק די גלאָז טיי.

— מיך האָט ער געזידלט? — האָט מאַיאַקין זיך נאָכגעפרעגט, אויסקרימענדיק גיפטיק דאָס געזיכט.

— אַ ביסל...

— און דו, וואָס?
— איך?... איך האָב געהערט.
— ממ... וואָס־זשע האָסטו געהערט?
— דעם שטאַרקן, — האָט ער געזאָגט, איז מען מוחל, דער שוואַכער האָט ניט קיין מחילה.
— ס'איז אַ חכמה, באַקלער נאַר!... דאָס ווייסן אַפילו פליי...
די ביטולדיקע באַציִונג פון טייפּאָטער צו שטשוראָוון האָט עפּעס איפּגעבראַכט פּאָמען און קוקנדיק דעם אַלטן אין פּנים, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט:
— איך האָט ער ניט ליב...
— מיך, ברודער, האָט קיינער ניט ליב! — האָט מיט שטאָלץ געמאָלדן מאַיאַקין. — און ניטאָ פאַרוואָס מיך ליב צו האָבן, איך בין ניט קיין מיידל... אָבער דערפאַר האָט מען פאַר מיר דרך־ארץ... און דרך־ארץ האָט מען פאַר אַזוינע, פאַר וועמען מען האָט מורא...
און דער אַלטער האָט באַרימעריש געוואונקען צום טייפּזון.
— ער רעדט וואָגיק... — האָט פּאָמאַ איבערגעחזרט. — ער באַקלאָגט זיך... ס'שטאַרבט אָפּ, זאָגט ער, דער אמתער סוחר... אַלע מענטשן, זאָגט ער, לערנט מען איין תורה... כדי אַלע זאָלן האָבן גלייך... איין פּנים...
— האַלט ער, הייסט עס, אַז דאָס טויג ניט?
— קענטיק — ער האַלט אַזוי...
— אַ שו־טה! — האָט מיט פאַראַכטונג געזאָגט מאַיאַקין.
— פאַרוואָס? דאָס איז דען גוט, זאָגט? — האָט פּאָמאַ געפרעגט, קיקנדיק מיט אומצוטרוי אויפן אַלטן.
— וואָס ס'איז גוט — ווייסן מיר ניט, און וואָס ס'איז קלוג־קענען מיר זען... ווען מיר זעען, אַז מען נעמט פאַרשיידענע מענטשן און מען טרייבט זיי צונויף אין איין אָרט און מען באַאיינפלוסט זיי אַלעמען מיט איין מיינונג — דאַרפן מיר אָנערקענען, אַז דאָס איז קלוג... ווייל — וואָס איז דער מענטש אין דער מלוכה? ניט מער, ווי אַן איינפאַכער ציגל, און אַלע ציגל דאַרפן זיין פון איין פאָרם... פאַרשטאַנען? און מענטשן, וועלכע זיינען אַלע איין און די זעלבע הייך און וואָג, — איז ווי איך וויל, אַזוי לייג איך זיי...

— ווּעמען איז דאָס אָנגענעם צו זײַן אַ ציגל, — האָט פינסטער געפרעגט פּאַמאַ.

— די פראַגע איז ניט וועגן אָנגענעם, נאָר וועגן פּראַקטיש־קייט... ביסטו פון האַרטן מאַטעריאַל, קען מען דיך ניט שלײַפן... ניט אַלעמענס פּרצוף קען מען אָפּמעקן... נאָר ס'זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס מען דערלאַנגט זיי מיט אַ האַמער, שלאָגט מען פון זיי אויס געלד... און אויב דער קאָפּ שפּאַלט זיך — איז וואָס קען מען מאַכן? אַ שוואַך קעפּל, הייסט עס, געווען...

— ער האָט אויך געשמועסט וועגן אַרבעט... ס'אַרבעטן אַלץ, זאָגט ער, מאַשינעס, און מענטשן, זאָגט ער, שפּילן זיך...

— ביסט, פעטער, פאַרפאָרן, און ווייסט ניט וואוהין! — האָט מאַיאַקין אַ מאַך געטאָן מיט פאַראַכטונג מיט דער האַנט. — איך ווער נתפּעל פון דײַן אַפּעטיט, וואָס דו האָסט צו אַלע פּוסטע זאַכן! פון וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אויך ניט אמת? — האָט געפרעגט פּאָמאַ מיט אַ ביטערן שמייכל.

— וואָס פאַר אַן אמת קען ער שוין ער וויסן? מאַשינעס! ער וואָלט כאָטש, דער אַלטער קלאָץ, באַטראַכט, וואָס פאַר אַ מאַ־שינע? אַן אײַזערנע! — איז, הייסט עס, ניטאָ וואָס צו זשאַלעווען, אײַנ־געשטעלט איר און זי שמידט פאַר דיר רובלס... אָן ווערטער, אָן זאָרג... געלאָזן אין גאַנג און דרייט זיך. אָבער דער מענטש — איז אומרויִק און נעבעכדיק... און ס'איז אַפילו צײַטנווײַז אויף אים אַ רחמנות... ער יאָמערט, קלאָגט, ווײנט, בעט זיך... שיכורט זיך אָן... פאַראַן בײַ אים אַזוינס, וואָס איז מיר איבעריק — אָ, גאָר אַ סך! אָבער אין דער מאַשין איז, ווי אין אַן אַרשין, — פּונקט אַזוי פיל אײַנהאַלט, וויפל ס'איז נייטיק... נו, איך גיי זיך אָנטאָן... שוין צײַט...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס, שאַרנדיק הילכיק מיט די טופלעס איבערן דיל. פּאָמאַ האָט אים נאָכגעקוקט און מיט אַ האַלבן קול אים נאָכגעשיקט, מיט פאַרכמאַרעטע ברעמען:

— אַ שד קען זיך דאָ סײַדן פונאַנדערקלײַבן... איינער רעדט אַזוי, דער צווייטער — אַנדערש...

— אין די ביכער איז אויך דאָס אייגענע, — האָט שטיל זיך אָפּגערופן ליובאָוו.

פּאָמאַ האָט אויף איר אויפגעהויבן די אויגן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. זי האָט אים אויך אָפּגעענטפערט מיט אַ ניט־קלאָרן שמייכל. די אויגן האָבן ביי איר אויסגעזען פאַרמאַטערט און טרויעריק...

— דו לייענסט נאָך אַליין? — האָט פּאָמאַ געפרעגט.

— יאָ־אָ... — האָט דאָס מיידל אומעטיק געענטפערט.

— און בענקסט אַליין?

— יאָ... ווייל מען איז אַליין... ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו ריידן...

— איז שלעכט מיט דיר...

זי האָט אויף דעם גאָרנישט געזאָגט, זי האָט בלויז אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און לאַנגזאַם גענומען דרייען מיט די פינגער די שפּיצן פון האַנטעך.

— וואָלסט חתונה געהאַט... — האָט פּאָמאַ זיך אָפּגערופן, שפּירנדיק אַ מיטגעפיל צו איר...

— לאָז אָפּ... — האָט ליובאָוו געענטפערט, קנייטשנדיק אַזוי ניט שיין איר שטערן.

— וואָס אָפּלאָזן? דו דאַרפסט דאָך...

— אָט! — האָט שטיל מיט אַ זיפץ אויסגעלאָזט דאָס מיידל. — מען דאַרף טאַקע — איך טראַכט דאָס אויך... ס'הייסט, מען וועט מוזן... אָבער ווי האָט מען חתונה? ווייסטו אפשר? — איך פיל עפּעס איצט אַזוינס... ווי צווישן מיר און אַלעמען וואָלט געשטאַנען אַ נעפּל... אַזאַ געדיכטער, געדיכטער נעפּל!

— דאָס איז פון די ביכער, — האָט פּאָמאַ באַטאָנט מיט זיכערקייט.

— וואַרט! איך הער אויך אויף צו פאַרשטיין, וואָס ס'טוט זיך... קיין זאַך געפעלט מיר ניט... אַליין איז מיר געוואָרן פרעמד... אַליין איז ניט ווי ס'באַדאַרף זיין, אַליין איז ניט דאָס... איך זע... איך פאַרשטיי, אָבער זאָגן, אַז ס'איז ניט אַזוי און פאַרוואָס — קען איך ניט...

— אַזוי טויג ניט... — האָט פּאָמאַ אַרויסגעוואָרטשעט. — דאָס איז אַליך בײַ דיר פֿון די ביכער... יאָ... הגם איך אַליין פֿיל אויך, אַז ס'איז ניט אַזוי... דאָס, קען זײַן, איז דערפֿאַר, ווײַל מיר זײַנען נאָך יונג... פֿון זאָרגלאָזיקייט...

— מיר האָט זיך פֿון אָנהייב אויסגעוויזן, — האָט ליובאָוו ווײַטער גערעדט, ניט הערנדיק פּאָמעס רייד, — אַז איך פֿאַרשטיי אין די ביכער אַליך... און איצט...

— וואַרף זיי אַוועק! — האָט פּאָמאַ געעצהט מיט ביטול.

— אַך, גענוג! צי דען קען מען זיי אַוועקוואַרפֿן? דו ווייסט, וויפֿיל פֿאַרשיידנאַרטיקע געדאַנקען זײַנען דאָ אויף דער וועלט? אָ, גאָט מײַנער! ס'זײַנען דאָ אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע ברענען אין קאָפּ... אין איין ספֿר זאָגט זיך, אַז אַליך, וואָס ס'עקסיסטירט אויף דער ערד, איז קלוג...

— אַליך? — האָט פּאָמאַ געפֿרעגט.

— אַליך! און אַ צווייטער זאָגט — פֿאַרקערט.

— וואַרט נאָר! צי איז דאָס אַליך ניט הבל־הבלים?

— וועגן וואָס שמועסט מען? — האָט זיך דערהערט מאַיאַקינס פֿראַגע, באַווײַזנדיק זיך אין טיר אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן פֿראַק מיט עפּעס מעדאַלן אויפֿן האַלז און ברוסט...

— אַזוי זיך... — האָט ליובאַ בייז געענטפֿערט.

— וועגן די ביכער, — האָט פּאָמאַ צוגעגעבן.

— וועלכע ביכער?

— אָט וועלכע זי לייענט... זי האָט אויסגעלייענט, אַז אַליך אויף דער ערד איז מיט שכל...

— נו!

— נו, און איך זאָג, אַז ס'איז אַ ליגן!

— נ־יאָ... — יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט זיך פֿאַרטראַכט, קראַצנדיק די באָרד און פֿינטלענדיק מיט די אויגן...

— וואָס פֿאַר אַ בוך איז דאָס? — האָט ער ענדלעך געפֿרעגט בײַ דער טאָכטער נאָך אַ ווײַלע שטילשווײַגן.

— אַ קליין ביכל אַזאַ... אַ געלס.... — האָט ניט־ווילנדיק געענטפֿערט ליובאָוו...

— דו לייג דאָס מיר אַוועק אויפֿן טיש... דאָס איז ניט אַזוי פּשוט געזאָגט, אַז אַלץ אויף דער ערד איז קלוג! זע־נאָר... וואָס עמעצער האָט אַנטדעקט... ניאָ... דאָס איז אַפּילו זייער געלונגען אויסגעדריקט... און ווען ניט די נאַראָנים — וואָלט דאָס טאַקע — אַלץ געווען אמת... נאָר היות די נאַראָנים געפֿינען זיך ניט אַלעמאָל אויף זייער אָרט, — קען מען ניט זאָגן, אַז אַלץ אויף דער ערד איז מיט שׂכל... און דאָס ביכל וועל איך אַ קוק טאָן... אפֿשר איז דאָ דערין אַ זינען... אַדיע, פּאָמאַ! דו בלייבסט דאָ, אָדער וועסט מיך באַגלייטן?...

— איך וועל דאָ נאָך זיצן...

— נו, מילא...

ליובאָוו מיט פּאָמען זיינען ווידער פֿאַרבליבן צוזאַמען.

— וואָס זאָגסטו צו אים? — האָט פּאָמאַ געפֿרעגט, ווייזנדיק מיטן קאָפּ אויפֿן אַלטן.

— וואָס זאָל איך זאָגן? —

— אויף אַלץ רופֿט ער זיך אָפּ, און אַלץ וואַרפֿט ער אַריין זיין וואָרט.

— יאָ־אָ... אַ חכם... און דאָך פֿאַרשטייט ער ניט, ווי שווער מיר איז צו לעבן... — האָט מיט צער געזאָגט ליובאָוו.

— איך פֿאַרשטיי אויך ניט... דו טראַכסט אויס אַ סך...

— וואָס טראַכט איך אויס? — האָט אַ צערייצטע אויסגעשריען דאָס מיידל.

— אָט... דאָס אַלץ... זיינען דאָך ניט דיינע געדאַנקען... פֿרעמדע...

— פֿרעמדע... פֿרעמדע...

זי האָט געוואָלט זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין שאַרף, נאָר האָט איבערגעריסן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. פּאָמאַ האָט געקוקט אויף איר און פֿאַרגלייכנדיק זי מיט מעדינסקאַיאַן, האָט ער אומעטיק געטראַכט:

„ס'איז אַן אונטערשייד אַלץ... סיי מענטשן, סיי די פֿרויען... און דו שפּירסט תּמיד אַן אונטערשייד"...

זיי זיינען ביידע געזעסן איינער אַנטקעגן אַנדערן, ביידע זיינען זיי געווען פאַרטראַכט און האָבן ניט געקוקט איינער אויפן צווייטן.

אויפן גאַס האָט געטונקלט און אין צימער איז שוין געווען אײַנגאַנצן פינסטער. דער ווינט האָט געוויגט די ליפעס, די בלעטער האָבן זיך געריבן אָן דעם מויער פון הויז, ווי זיי וואָלט געווען קאַלט, און זיי וואָלטן זיך געבעטן אין צימער אַריין.

— ליובאַ! — האָט פאָמאַ שטיל געזאָגט.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף אים.

— ווייסט... איך האָב זיך צעקריגט מיט מעדינסקאַיאַן...

— פאַרוואָס? — האָט ליובאַ געפרעגט, ווערנדיק לעבעדיקער.

— אָ... אַזוי זיך... ס׳איז אַזוי געקומען, אַז זי האָט מיך באַליידיקט... באַליידיקט.

— נו, דאָס איז גוט, וואָס דו האָסט זיך צעקריגט, — האָט דאָס מיידל מסכים געווען, — אַניט וואָלט זי דיר דעם קאָפּ פאַרדרייט... זי איז אַ שמוץ, אַ קאָקעטקע... נאָך ערגער... אָ, ס׳אַר אַ מעשיות איך האָב וועגן איר זיך אָנגעהערט!

— זי איז שוין גאָרנישט קיין שמוץ, — האָט בייז זיך אָפּגערופן פאָמאַ. — דו ווייסט גאָרנישט־ניט וועגן איר... איר זאָגט אַלע ליגנס!

— נו, אַנטשולדיק!

— ניין... אָט־וואָס, ליובאַ, — האָט פאָמאַ שטיל און ווי מיט אַ בקשה געזאָגט, — דו רייד ניט וועגן איר קיין שלעכטס... מען דאַרף ניט... איך ווייס אַליין... בנאמנות! זי האָט מיר אַליין דערציילט...

— אַ־ליין!? — האָט ליובאַ אויסגערופן, וואונדערנדיק זיך. — נו... ס׳אַר אַ... איסטערלישע! וואָס־זשע האָט זי דיר דערציילט אַזוינס?

— אַז זי איז שולדיק... — האָט מיט אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט פאָמאַ און זיך קרום צעשמייכלט.

— דאָס אַליין? — אין דער מיידלס פראַגע האָט געקלונגען אַנטטוישונג; פאָמאַ האָט דאָס געשפּירט און מיט האָפענונג גע־פרעגט:

— נאָך ווייניק־דען?...
— וואָס־זשע וועט איצט זיין?
— אָט וועגן דעם טראַכט איך...
— האָסט זי זייער... ליב?
פּאָמאַ האָט געשוויגן, געקוקט אין פענסטער און אַ צע־טומלטער געענטפערט:
— איך ווייס ניט... דאַכט זיך... אַז איצט נאָך מער, ווי פריער...
— נאָך מער, ווי פאַר דער קריג?
— יאָ...
— איך וואונדער זיך, ווי מען קען ליב האָבן אַזאַ? — האָט, קוועטשנדיק מיט די אַקסלען, געפרעגט דאָס מיידל.
— אַזאַ? אָ, ווי מען קען! — האָט פּאָמאַ אויסגערופן.
— איך פאַרשטיי ניט... ניין, דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל דו האָסט זיך צוגעבונדן צו איר און קיין בעסערע פון איר ניט גע־זען...
— ניט געזען! — האָט פּאָמאַ מסכים געווען און אָפּשווייגנ־דיק אַ רגע, אַנטשלאָסן זיך אָפּגערופן: — אפשר איז גאָרנישטאָ קיין בעסערע...
— צווישן אונזערע... — האָט ליובאַזי באַטאָנט...
— איך דאַרף זי... זייער נייטיק! ווייל, דו זעסט דאָך, ס'איז מיר פאַר איר אַ בושה...
— פאַרוואָס?
— אָט בכלל... איך האָב מורא פאַר איר... ס'הייסט, איך וויל ניט, זי זאָל טראַכטן וועגן מיר שלעכטס... ווי וועגן אַנדערע. אַז אַנדערש מאָל איז מיר ענג! טראַכסט זיך — אפשר אַ הוליע טאָן, אַזוי אַז אַלע אָדערן זאָלן זיך צעקלינגען? אָבער דו דער־מאָנסט זיך וועגן איר — און דו וואַגסט ניט... און אין אַלץ אַזוי־טוסט אַ קלער וועגן איר: און ווי אַז זי וועט זיך דערוויסן? און האָסט שוין מורא דאָס צו טאָן...
— יאָ־אָ, — האָט פאַרקלערט אויסגעצויגן דאָס מיידל, — הייסט עס, דו ליבסט זי... איך וואָלט אַייך... אויב איך וואָלט געליבט, געטראַכט וועגן אים... וואָס וועט ער זאָגן?

— און אַלץ איז בײַ איר... עפּעס אויסטערליש, — האָט שטיל דערציילט פּאָמאַ. — זי רעדט זיך אַזוי אירס... שיין, ווי אַ גאָט! און אַזאַ קלײנינקע... ווי אַ קינד...

— וואָס־זשע איז צווישן אײַך געוואָרן? — האָט ליובאָוו געפרעגט.

פּאָמאַ האָט זיך אינאיינעם מיטן שטול צוגערוקט צו ליובען, און זיך צונייגנדיק צו איר, האָט ער, פאַרקלענערנדיק אַ ביסל דעם קול, גענומען דערציילן. ער האָט גערעדט, און אויף וויפיל ער האָט זיך דערמאָנט די ווערטער, וואָס מעדינסקאַיאַ האָט אים געזאָגט, אויף אַזויפיל האָבן בײַ אים צוריק אויפגעלעבעט די געפילן, וואָס די דאָזיקע ווערטער האָבן בײַ אים אַרויסגערופן.

— איך איר: עך דו! האָסט געשפּילט מיט מיר — פאַר־וואָס? — האָט ער מיט צאָרן און פאָרוואורף דערציילט, ווי ער האָט גערעדט צו מעדינסקאַיאַן, און ליובאַ האָט זיך אײַנגעהערט מיט אַ באַלעבאַטער רויטקייט אויף אירע באַקן, און ווי אײַנשטימיק צוגע־געשאָקלט מיטן קאָפּ, און דערמונטערט אים:

— אַזוי! דאָס איז — גוט! נו, און זי?

— זי האָט געשוויגן! — האָט מיט בענקעניש געענטפערט פּאָמאַ, הייבנדיק די פּלייצעס. — ס'הייסט, זי האָט יאָ גערעדט... פאַרשיידענע זאַכן... אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון?

ער האָט אַ פּיר געטאָן מיטן האַנט און אַנטשוויגן געוואָרן. שפּילנדיק זיך מיט איר צאָפּ, האָט ליובאַ אויך געשוויגן. דער סאַ־מאָוואַר איז שוין געווען אויסגעלאָשן און אָפּגעקילט. און די פענסטער־ניש אין צימער איז אַלץ געוואַקסן. אין די פענסטער האָט אַריינ־געקוקט עפּעס אַ מאַסע און די שוואַרצע בלעטער פון די ליפּעס האָבן זיך פאַרחלומטע געוויגט הינטער די שויבן.

— וואָלסט אָנגעצונדן פייער... — האָט פּאָמאַ פאַרגעלייגט.

— מיר זיינען ביידע אומגליקלעכע... — האָט ליובאַ אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ.

פּאָמען איז דאָס ניט געפעלן.

— איך — בין ניט קיין אומגליקלעכער... — האָט ער מיט אַ פעסטע שטים דערווידערט. — איך בין פשוט... נאָך ניט גע־וווינט צו לעבן...

— אַ מענטש, וועלכער ווייסט ניט, וואָס ער וועט מאָרגן טאָן, — איז אַן אומגליקלעכער! — האָט זיך ליובאַ מיט צער געהאַלטן בײַ אירס. — און איך, ווייס אויך ניט. און דו אויך... און וואוהין זאָלן מיר גיין? און גיין דאַרף מען דאָך... עפּעס איז דאָס האַרץ בײַ מיר קיינמאָל ניט רויִק... כסדר צאַפּלט זיך דאָרט עפּעס אַ פאַרלאַנג...

— דאָס איז בײַ מיר אויך אַזוי... — האָט פּאָמאַ געזאָגט. — כ'האָב געגומען טראַכטן... אָבער וועגן וואָס? — קען איך זיך זעלבסט ניט דערקלערן... און דאָס האַרץ קוועטשט... עך! מען דאַרף, איבעריקנס, גיין אין קלוב...

— גיי ניט אַוועק... — האָט ליובאַ געבעטן...

— איך מוז... דאָרט וואַרט איינער אויף מיר... איך גיי... אַדיע!

— צום ווידערזען! — זי האָט אים אויסגעצויגן די האַנט און טרויעריק אים געקוקט אין די אויגן.

— וועסט זיך לייגן שלאָפן? — האָט פּאָמאַ געפרעגט, פעסט דריקנדיק איר האַנט.

— איך וועל אַ ביסל לייענען...

— דיך ציט צו דעם, ווי דעם שיכור צום בראַנפן... — האָט, באַדויערנדיק, געזאָגט דער יונג.

— וואָס איז דען פאַראַן בעסערס?

פון גאַס האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף די פענסטער און אין איינעם פון זיי דערזען ליובעס געזיכט. דאָס פּנים איז געווען אַזוי ניט קלאָר, ווי אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט צו אים און ווי אירע פאַרלאַנגען. פּאָמאַ האָט צו איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מיט אַ געפיל פון באַוואוסטזיין, אַז ער שטייט העכער פון איר, גע־טראַכט:

„אויך אַ פאַרפּלאָנטערטע... ווי יענע"...

דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם, האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי וועלנדיק פֿאַרטרייבן דעם געדאַנק וועגן מעדינסקאַיאַן און האָט פֿאַרגיכערט זיינע טריט.

די נאַכט איז אָנגעקומען און ס'איז געווען פֿריש. אַ קאַלטער, אויפֿמונטערנדיקער ווינט האָט זיך שטורמיש געוואָרפֿן אין גאַס, יאָגנדיק איבער די טראָטואַרן דעם שמוץ און וואַרפֿנדיק דעם שטויב די דורכגייער אין פּנים. ס'איז געווען פֿינסטער, נאָר אין הויף האָבן שנעל געשפּרייזט עפּעס מענטשן. פֿאָמאַ האָט זיך געקנייטשט פֿון שטויב, געפֿינטלט מיט די וויעס און געטראַכט:

„אויב איך וועל איצט באַגעגענען אַ פֿרוי — באַטייט עס, אַז סאָפֿיאַ פּאַוולאָוונאַ וועט מיך אויפֿנעמען גוט, ווי פֿריער... וועל איך מאָרגן צו איר גיין... טאָמער אָבער אַ מאַנספּאַרשוין — וועל איך ניט גיין... וועל איך נאָך אָפּוואַרטן"....

באַגעגנט האָט אים אַ הונט און דאָס האָט אים אַזוי אויפֿגעבראַכט, אַז ער האָט געוואָלט דעם כּלב דערלאַנגען מיטן שטעקן...

אין בופֿעט פֿון קלוב איז אים אַנטקעגנגעקומען דער פֿריילעכער אוכטישטשעוו. שטייענדיק לעבן טיר, האָט ער געשמועסט מיט עפּעס אַ דיקן הער מיט גרויסע וואָנצעס, נאָר דערזעענדיק גאָרדעיעוון, האָט אוכטישטשעוו איבערגעלאָזט יענעם און געגאַנגען אים אַנטקעגן מיט אַ שמייכל.

— גוט־נאָוונט, באַשיידענער מיליאָנערטשיק!

ער איז פֿאָמען אַלעמאָל געפֿעלן געווען פֿאַר זיין פֿריילעכן כאַראַקטער און פֿאָמאַ האָט אים תּמיד באַגעגנט אַ צופֿרידענער. דריקנדיק גוטמוטיק און שטאַרק אוכטישטשעווס האַנט, האָט פֿאָמאַ אים געפֿרעגט:

— פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז איך בין באַשיידן?

— ער פֿרעגט נאָך! אַ מענטש, וואָס לעבט ווי אַ נזיר, טרינקט ניט, שפּילט ניט, ליבט ניט קיין ווייבער... אַך־יאָ! איר ווייסט, פֿאָמאַ איגנאַטיעוויטש? אונזער אומפֿאַרגלייכלעכע פּאַטראָנעסע פֿאָרט מאָרגן אַוועק קיין אויסלאַנד אויף אַ גאַנץ זומער.

— סאָפֿיאַ פּאַוולאָוונאַ? — האָט פֿאָרזיכטיק געפֿרעגט פֿאָמאַ.

— נו, יאָ! ס'פּאַרגייט שוין די זון פון מיין לעבן... און אפשר אויך פון אייערן?

אוכטישטשעוו האָט געמאַכט אַ קאָמישע גרימאַסע, און מיט שאָדנפרייד אַריינגעקוקט פּאָמען אין פּנים אַריין.

ער איז געשטאַנען פאַר אים און געשפּירט, ווי דער קאָפּ לאָזט זיך אים אַראָפּ אויף דער ברוסט און ער קען דאָס ניט שטערן...

— יאָ, די פּילשטראַליקע אַוראָראַ...

— מעדינסקאַיאַ פּאָרט אַוועק? — האָט זיך דערהערט אַ פּעטער באַסאָווער קול. — גוט! איך בין צופרי=דן...

— אַזוי גאָר — פאַרוואָס? — האָט אוכטישטשעוו אויסגעשריען.

פּאָמאַ האָט נאַריש געשמייכלט און פאַרלאָרן געקוקט אויפן הער מיט די וואָנצעס — אוכטישטשעווס מיטשמועסער. יענער האָט מיט אַ וויכטיקן זשעסט אויסגעגלייכט זיינע וואָנצעס און פון אונטער זיי האָבן זיך געגאָסן אויף פּאָמען שווערע, פעטע ווערטער, וועלכע זיינען אים געווען דערווידער.

— דערפאַר, זעט איר, ווייל אין שטאָט וועט איבערבלייבן מיט איין קאָקעטקע ווייניקער...

— פוי, מאַרטין ניקיטיטש! — האָט מיט פאָרוואורף געזאָגט אוכטישטשעוו, אָנשטעלנדיק די ברעמען.

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז זי איז אַ קאָקעטקע? — האָט פּאָמאַ געפרעגט בייז, דערנענטערנדיק זיך צום באַוואָנצעטן הער. יענער האָט אים באַטראַכט פון אויבן=אַראָפּ, האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און אַ פּאַטש טוענדיק זיך אין קני אויסגעלאָזט:

— איך האָב ניט געזאָגט — אַ קאָ=קעט=קע.

— מען טאָר ניט, מאַרטין ניקיטיטש, אַזוי ריידן וועגן אַ פרוי, וואָס... — האָט אוכטישטשעוו אָנגעהויבן מיט אַן איבערצייגטן קול, נאָר פּאָמאַ האָט זיך אַריינגעמישט:

— אַנטשולדיקט! איך וויל פרעגן דעם הער, וואָס אַזוינס... ס'הייסט, וואָס פאַר אַ וואָרט האָט ער געזאָגט?

אַרויסזאָגנדיק דאָס פעסט און רויִק, האָט פּאָמאַ אַריינגעשטעקט זיינע הענט טיף אין זיינע הויזן=קעשענעס און אַרויסגערוקט פאָראויס די ברוסט, פון וואָס זיין גאַנצע פיגור האָט באַלד אָנגענומען

אַ בכּיוון אַרויסטאָדערנדיקן אויסזען... דער באַוואָנצטער העט האָט אים ווידער באַטראַכט און מיט חוזק זיך צעלאַכט:

— מיינע הערן! — האָט שטיל אַרויסגערעדט אוכטישטשעוו.

— איך האָב געזאָגט — אַ קאָ-קאָט-קע... — האָט פאַרריכט דער העט מיט די וואָנצעס, באַוועגנדיק אַזוי מיט די ליפּן, פּונקט ער וואָלט געשמאַקעוועט דעם וואָרט. — און אויב איר פאַרשטייט דאָס ניט — קען איך אייך דערקלער-ן...

— נו, בעסער דערקלערט מיר... — האָט פאָמאַ זיך אָפּגערופן מיט אַ טיפן אָטעם און ניט אַראָפּנעמענדיק פון יענעם די אויגן.

אוכטישטשעוו האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און זיך אַוועקגערוקט ערגעץ אָן אַ זייט פון זיי...

— קאָקאָטקאַ, אויב איר ווילט וויסן, הייסט — אַ פרוי, וואָס פאַרקויפט זיך... — האָט מיט אַ האַלבער שטים געזאָגט דער באַוואָנצטער העט, דערנעענטערנדיק צו פאָמען זיין גרויסן, דיקן פּנים.

פאָמאַ האָט זיך שטיל צעברומט, און איידער נאָך יענער האָט באַוויזן אָפּצורוקן זיך פון אים, האָט ער מיט דער רעכטער האַנט איינגעטשעפּעט זיך אין די געקרייזלטע גראָלעכע האָר פון באַוואָנצטן העט. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער גענומען אים טרייסלען זיין קאָפּ און זיין גאַנצן גרויסן, באַלאַסטעטן קערפּער, און מיט דער לינקער האַנט אויפגעהויבן אינדערהויך, האָט ער מיט אַ הייזעריקן קול גערעדט צום טאַקט פון די קלעפּ:

— הינטער די אויגן... זידל זיך ניט... און ווילסטו זיך יאָ... איז אין די אויגן... אין די אויגן... גלייך אין די אויגן...

ער האָט איבערגעלעבט אַ ברענענדיקן פאַרגעניגן, זעענדיק, ווי לעכערלעך יענער וואַרפט זיך מיט די גראָבע הענט אין דער לופט און ווי די פיס פון דעם העט, ווען ער האָט געשלאָגן, שלעפּן זיך, ווי אונטערגעהאַקטע, איבערן דיל. דער גאָלדענער זייגער איז אַרויסגעשפּרונגען פון וועסטל-קעשענע און געוואָרפן זיך איבערן קיילעכדיקן בויך, וויגנדיק זיך אויף דער קייט. אַ פאַרשיכּורטער פון זיין כּוח און פון דער דערנידעריקונג פון דאָזיקן סאָלידן העט, פול מיט קאָכעדיקע געפילן פון שאָדנפרייד, טרייסלענדיק זיך אינגאַנצן פון גליק, וואָס ער נעמט נקמה, — האָט פאָמאַ געשלעפּט

דעם העד איבערן דיל און הייזעריק, מיט רציחה געשריען מיט אַ ווילדער פֿרייד. ער האָט אין יענע מינוטן איבערגעלעבט אַ גרויסן געפֿיל — אַ געפֿיל פֿון באַפֿרייונג פֿון דער לאַנגווייליקער משא, וואָס האָט שוין לאַנג באַשווערט זיין ברוסט מיט בענקשאַפֿט און אויסשעפֿונג. ער האָט אָבער באַלד דערשפּירט, אַז מען האָט אים אָנגעכאַפּט פֿון הינטן פֿאַר דער טאַליע און פֿאַר די אַקסלען, אָנגעכאַפּט אים פֿאַר אַ האַנט און מען בויגט אים, מען ברעכט אים, אַז עמעצער טרעט אים אָפּ די פֿינגער אויף די פֿיס, נאָר ער האָט גאָרנישט געזען נאָכפֿאָלגנדיק מיט בלוט־פֿאַרגאָסענע אויגן נאָך דער פֿינסטערער, שווערער מאַסע, וואָס האָט געקרעכצט אונטער זיין האַנט און זיך געריסן פֿון אים... ענדלעך האָט מען אים אָפּגעריסן, געוואָרפֿן זיך אויף אים, און ווי דורך אַ רויטלעכן רויך האָט ער דערזען פֿאַר זיך, לעבן זיינע פֿיס, ליגנדיק אויפֿן דיל, דעם צעשלאָגענעם העד. אַ צעשפּליטערט, אַ צעשויבערטער, האָט ער מיט די פֿיס באַוועגט זיך איבערן דיל, פֿרווונדיק אויפֿהייבן זיך; עפּעס אַ פּאָר שוואַרצע מענטשן האָבן אים געהאַלטן אונטער דער פּאַכווע, זיינען הענט זיינען געהאַנגען אין אַוויר, ווי צעבראָכענע פֿליגלען, און מיט אַ קוויטשענדיקן, יאָמערנדיקן קול האָט ער געשריען צו פּאָמען:

— מיך טאָר מען ניט... שלאָגן! מען טאָר ניט! איך האָב אַן אָרדן... מנוול! אָ, מנוול! איך האָב קינדער דערוואַקסענע... אַלע קענען מיך. אויסוואורף, — דו!... פּרא־אָדם... אַ־אַ־אַ! אַ הועל!

און אוכטישטשעוו האָט קלינגענדיק געזעצט פּאָמען אין אויער:

— קומט אַוועק! טייערער, אום גאָטס ווילן...

— וואַרט, איך וועל אים נאָך דערלאַנגען אין פּרצוף.... — האָט זיך פּאָמאַ געבעטן. אָבער מען האָט אים ערגעץ אַוועקגעשלעפּט. אין זיינע אויערן האָט געקלונגען, דאָס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט, אָבער ער האָט זיך געשפּירט גוט און צופֿרידן. אין קאָרידאָר פֿון קלוב האָט ער טיף און פֿריי אָפּגעאָטעמט, ווענדנדיק זיך צו אוכטישטשעוון מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— כ'האָב אים נישקשהדיק דערלאַנגט, האַ?

— הערט! — האָט אַן אויפגעבראַכטער אויסגערופן דער פרייליכער סעקרעטאַר. — דאָס איז, אַנטשולדיקט מיר, שוין ווילד! דער טייוול זאָל דאָס נעמען... איך זע דאָס ערשטע מאָל אַזוינס!

— גוטער מענטש! — האָט פּאָמאַ ווייך זיך אָפּגערופן. — ער איז די קלעפּ ניט ווערט? איז ער דען ניט קיין אויסוואורף? ווי קען מען דאָס אַזוינס זאָגן הינטער די אויגן? ניין, דו גיי צו איה און זאָג דאָס איר... איר אַליין...

— אַנטשולדיקט... כאַפּט אײַך דער רוח! איר האָט דאָך אים ניט נאָר פאַר איר אַליין דערלאַנגט?

— וואָס הייסט, ניט פאַר איר? פאַר וועמען־זשע? — האָט זיך פּאָמאַ געוואונדערט.

— פאַר וועמען? איך ווייס ניט... אפשר האָט איר געהאַט מיט אים חשבונות! פו, מיין גאָט! אָט אַ סצענע! כ'וועל דאָס אייביק ניט פאַרגעסן!

— ווער איז ער דאָס אַזעלכער? — האָט פּאָמאַ זיך איצט דערמאָנט צו פרעגן און האָט זיך פלוצלונג פונאַנדערגעלאַכט. — ס'געהערט ס'אַר אַ געוואַלדן ער האָט געמאַכט... אַ טיפּש!

אוכטישטשעוו האָט אים שאַרף געקוקט אין די אויגן און געפרעגט:

— זאָגט — איר ווייסט טאַקע ניט, וועמען איר האָט געשלאָגן? און טאַקע פאַר סאָפיאַ פּאַוולאָוונען נאָר?

— אויף נאמנות! — האָט זיך פּאָמאַ געשוואָרן.

— אַזוי... דער רוח ווייסט וואָס... — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און מיט פאַרגאַפונג געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אַ מאַך טו־ענדיק מיט דער האַנט, האָט ער אַוועקגעשפּאַנט איבערן טראָטואַר, קוקנדיק פון דער זייט אויף פּאָמען. — ס'וועט אײַך דאָס טייער קאָסטן, פּאָמאַ איגנאַטיעוויטש...

— צום פרידנס־ריכטער וועט ער מיך לאָדן?...

— זאָל גאָט געבן, אַז ס'זאָל זיך אויסלאָזן אַזוי... ער איז דעם וויצע־גובערנאַטאָרס איידעם...

— נו־נו־ו? — האָט פּאָמאַ אויסגעלאָזט און זיין פנים האָט זיך אויסגעצויגן...

— נ=יאָ=אָ. דעם אמת געזאָגט איז ער סיי=ווי אַ מנוול און אַ שווינדלער... אַרויסגייענדיק פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט, דאַרף מען מודה זיין, אַז די קלעפּ איז ער ווערט... נאָר נעמענדיק אין אַכט, אַז די דאַמע, פאַר וועמען איר האָט זיך אָנגענומען, איז אויך...

— מיין הער! — האָט האַרט אים איבערגעשלאָגן פּאָמאַ, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אוכטישטשעוון אויפן אַקסל. — דו ביסט מיר שטענדיק געפעלן געווען... און אָט גייסטו איצט מיט מיר... איך פאַרשטיי דאָס און שאַץ דאָס אָפּ... נאָר אויף איר זאָג מיר ניט קיין שלעכט וואָרט... וואָס פאַר אַ מענטש זי זאָל ניט זיין, לויט אייער מיינונג, — אָבער פאַר מיר... איז זי טייער... פאַר מיר איז זי די בעסטע. איך זאָג דאָס אָפן... אויב דו גייסט שוין מיט מיר — טאָ טשעפּע זי ניט... איך האַלט זי פאַר דער בעסטער — הייסט עס אַז זי איז גוט...

אוכטישטשעוו האָט אין פּאָמעס שטימע דערהערט אַ שטאַרקע אויפרעגונג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און פאַרקלערט אַרויסגעזאָגט:

— ביסט אַ מערקווערדיקער מענטש... מען דאַרף מודה זיין...

— איך בין אַ מענטש אַ פּשוטער... אַ ווילדער. איך האָב דערלאַנגט קלעפּ — נו, איז מיר פריילעך... און ווייטער זאָל זיין, וואָס וועט זיין...

— כ׳האָב מורא, ס׳וועט זיין ניט גוט... ווייסט איר, — אָפּנהאַרציקייט פאַר אָפּנהאַרציקייט — איר געפעלט מיר... כאָטש — הם: ס׳איז געפערלעך מיט אייך... באַפאַלט אייך עפּעס... אַ ריטערלעכע שטימונג, איז קען מען פון אייך באַקומען צו פאַרזוכן...

— נו? דאָס איז דאָך ביי מיר דאָס ערשטע מאָל... ניט אַלע טאָג וועל איך זיך שלאָגן... — האָט קאָנפוזיש געזאָגט פּאָמאַ. זיין באַגלייטער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— ס׳אַר אַן אויסטערלישער... איר זייט! אָט=וואָס — שלאָגן זיך איז ווילד... מיאוס, אַנטשולדיקט מיר... נאָר איך וועל אייך זאָגן, — אין דעם פאַל איז אייער אויסוואַל געלונגען... איר האָט געשלאָגן אַ הולטיי, אַ ציניקער, אַ פּאַראַזיט... און אַ מענטשן,

װעלכער איז געבליבן אומבאַשטראָפט נאָכהער, װי ער האָט באַ־ראַבעװעט זײַנע אײגענע פּלימעניקעס.

— נו, איז גאָט צו דאַנקען! — האָט מיט צופרידנקייט אַרויס־גערעדט פּאַמאַ. — אָט האָב איך אים אַ ביסל מקיים־פּסק געװען...

— אַ ביסל? נו, גוט, זאָל זײַן, אַז דאָס איז אַ ביסל... נאָר אָט־װאָס, קינד מײנס... דערלױבט מיר געבן אײַך אַן עצה... איך בין אַ מענטש פון געריכט... ער, קניאַזיעװ הײסט ער, איז טאַקע אַ מנוול, יאָ! נאָר אַן אױסװאורף טאָר מען אױך ניט שלאָגן, מחמת ער איז אויך אַזאַ סאָציאַלע באַשעפעניש, װאָס געפינט זיך אונטער פּאָטערלעכן שוץ פון געזעץ. מען טאָר אים ניט טשעפּען, כּל־זמן ער האָט ניט עובר געװען די גרענעצן פון שטראָף־קאָדעקס... און אויך דאַן איז ניט איר, נאָר מיר, ריכטער, קענען אים אָנלערנען... איר איר מוזט, אַלזאָ, האָבן געדולד אַ ביסל און צוװאַרטן...

— װי לאַנג דאַרף דאָס דױערן, ביז ער װעט אַרײַנפאַלן אין אײַערע הענט? — האָט פּאַמאַ נאַיװ געפרעגט.

— דאָס איז אומבאַװאוסט... און אַזױ װי ער איז ניט קײן נאַר, װעט עס, משמעות, קײנמאָל ניט געשען... ער װעט שױן, אַפּנים, זײַן גאַנץ לעבן אַזױ בלײַבן מיט מיר און אײַך אויף אײן און דער זעלבער מדרגה פאַרן געזעץ... אַ, מײן גאָט, װאָס רײד איך! — האָט אוכ־טישטשעװ קאָמיש אַ זיפץ געטאָן.

— זאָגט אױס סודות? — האָט פּאַמאַ געלאַכט.

— ניט װאָס סודות, נאָר... איך דאַרף ניט זײַן קײן לײַכטזי־ניקער... צום טײַװל! און דאָך... האָט מיך די הײַנטיקע געשיכטע אױפ־געלעבט... די גערעכטיקײט, נעמעזידאַ אַפילו, איז נאָר דאַן טרײַ זיך גופא, װען זי לײַגט זיך, פּשוט, װי אַ פערד...

פּאַמאַ האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, װי ער װאָלט אָנ־געגעגנט עפּעס אַ שטײן אויף זײַן װעג.

— נעמעזידאַ — דאָס איז די געטין פון גערעכטיקײט... — האָט אוכטישטשעװ פאַרטײַטשט, — װאָס מ'איר זיך אָפּגעשטעלט?

— אָנגעהױבן האָט זיך דאָס דערפון — האָט לאַנגזאַם און הײזעריק גערעדט פּאַמאַ, — װאָס איר האָט געזאָגט, אַז זי פּאַרט אַװעק...

— ווער?

— סאָפיאַ פּאַוולאָווגאַ...

— יאָ, זי פֿאָרט אַוועק... נו, איז וואָס?

ער איז געשטאַנען קעגן פּאָמען און מיט אַ שמייכל אין די אויגן געקוקט אויף אים. גאָרדעיעוו האָט געשווינגן מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געפּיקט מיטן שטעקן אויפֿן שטיינערנעם טראָטואַר.

— קומט... — האָט אוכטישטשעוו גערופֿן.

פּאָמאַ איז ווייטער געגאַנגען, ריידנדיק גוטמוטיק:

— נו, איז זאָל זי פֿאָרן... און איך בלייב אַליין...

אוכטישטשעוו האָט אַ פּאָך געטאָן מיטן שטעקל, גענומען עפּעס אונטערפּייפֿן, קוקנדיק אויף זיין מיטגייער.

— איך וועל ניט קענען לעבן אָן איר? — האָט פּאָמאַ אַ פֿרעג געטאָן, קוקנדיק ערגעץ פֿאַר זיך, און אָפּשווייגנדיק אַ ווײַלע, געענטפֿערט שטיל און ניט זיכער:

— נאָך ווי...

— הערט! — האָט אוכטישטשעוו אויסגערופֿן, — איך וועל אײַך געבן אַ גוטע עצה... אַ מענטש דאַרף זיין וואָס ער איז... אָבער איר... איר זייט אַ מענטש אַ עפּישער, אַזוי צו זאָגן, די ליריקע קליידט אײַך ניט. דאָס איז ניט אײַער זשאַנר...

— דו רייד מיט מיר פּשוטער אַ ביסל, יונגערמאַן, — האָט פּאָמאַ געבעטן, צוהערנדיק זיך אויפֿמערקזאַם צו אוכטישטשעווס רייד.

— פּשוטער? גוט... איך מיין צו זאָגן — וואַרפֿט אַוועק דאָס קלערעניש וועגן דער דאָזיקער דאַמאָטשקע... זי איז פֿאַר אײַך — אַ מאַכל מיט סם...

— זי האָט דאָס אויך געזאָגט. — האָט פּאָמאַ ברוגזלעך באַטאָנט.

— זי אויך? — האָט אוכטישטשעוו איבערגעפֿרעגט און זיך פֿאַרקלערט. — הם... אַט־וואָס... אפֿשר וועלן מיר גאָר גיין עסן וועטשערע?

— לאָמיר גיין, — האָט פּאָמאַ מסכּים געווען און האָט זיך פּלוצלונג צעשריִען, מאַכנדיק מיט געבײַלטע פֿויסטן אין דער לופֿט:

— אויב גיין, איז געגאַנגען! כ'וועל אַזוי אַריינגיסן... און נאָך דעם אַלעמען, אַזוי צעווייגן זיך... אַז היט זיך!

— נו? צו־וואָס־זשע? מירן — בעסער זיין באַשיידן...

— ניין, וואַרט נאָר! — האָט פּאָמאַ זיך אָפּגערופן מיט בענקשאַפט, אָננעמענדיק אים פאַרן אַקסל. — וואָס איז? איך בין ערגער פון אַלע מענטשן? אַלע לעבן זיך... דרייען זיך, טומלען זיך, יעדערער האָט זיין פּלאַץ... און מיר איז אומעטיק... אַלע זיינען צופרידן מיט זיך... און דאָס, וואָס זיי באַקלאָגן זיך — איז ליגן זיי, די פּאַסקודניאַקעס! דאָס איז גלאַט אַזוי... זיי פאַרשטעלן זיך פון שיינקייט וועגן... און איך האָב זיך ניט וואָס צו פאַרשטעלן... איך בין אַ נאַר... איך, ברודער, פאַרשטיי גאָרנישט... איך וויל פּשוט לעבן! איך קען ניט טראַכטן... מיר איז ענג... איינער רעדט אַזוי, דער צווייטער — אַנדערש... טפוי! אָבער זי... עך! וואָלסטו כאָטש געוואוסט... איך האָב דאָך אויף איר געהאָפט... איך האָב פון איר געוואַרט... וואָס איך האָב געוואַרט — ווייס איך ניט!... נאָר זי איז — די בעסטע... און איך האָב אַזוי געגלייבט — אַז זי וועט מיר איין מאָל זאָגן עפּעס אַזעלכע ווערטער... עפּעס אויסטערלישע... אירע אויגן, ברודער, זיינען אַזעלכע גוטע! — מיין גאָט! ס'איז אַ חרפּה צו קוקן אין זיי... זי וועט מיר, זאָג איך, אַזעלכע ווערטער זאָגן... אַז אַלץ וועט מיר ווערן קלאָר... ס'איז ניט נאָר מיט ליבע צו איר — נאָר אויך מיט מיין גאַנצער נשמה... איך האָב געזוכט... איך האָב געטראַכט, וויבאַלד זי איז אַזאַ שיינע, הייסט עס, וועל איך לעבן איר, אויך מוזן ווערן אַ מענטש!

אוכטישטשעוו האָט געקוקט, ווי פון זיין מיטגייערס ליפּן רייסן זיך די דאָזיקע שווערע ווערטער אָן אַ צוזאַמענהאַנג, ער האָט געזען, ווי ס'ציטערן די מוסקלען אויף זיין געזיכט פון אָנשטרענגונג אויסצודריקן זיינע געדאַנקען, און געשפּירט הינטער דעם דאָזיקן כאַאָס פון ווערטער אַ גרויסן ערנסטער צער. ס'איז געווען עפּעס טיף־רירנדיקס אין דער מאַכטלאָזיקייט פון דעם דאָזיקן געזונטן און ווילדן יונג, וועלכער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן טראָטואַר מיט ברייטע, אָבער נערוועזע טריט. נאָכשפּרינגענדיק אים אויף זיינע קורצע פיס, האָט אוכטישטשעוו געפילט אַ חוב, ווי ס'איז צו באַ-

רויִקן פּאַמען. אַלץ, וואָס פּאַמאַ האָט גערעדט און געטאָן דעם אָוונט, האָט דערוועקט ביים פּריילעכן סעקרעטאַר אַ גרויסע נייגעריקייט צו פּאַמען! ער האָט זיך אויך געשפּירט געשמייכלט פון דער אָפנהאַרציקייט פון דאָזיקן יונגן גביר. די אָפנהאַרציקייט האָט אים צעמאָלן מיט איר טונקעלן כוח, ער האָט זיך פאַרלאָרן אונטער איר דרוק, און כאָטש ער האָט, ניט געקוקט אויף זיין יוגנט, געהאַט אָנגעגרייטע ווערטער אויף אַלע פאַלן אין לעבן, — האָט ער זיי פונדעסטוועגן ניט אַזוי שנעל געקענט געפינען.

— מיר איז פינסטער און ענג... — האָט פּאַמאַ ווייטער גערעדט, — איך שפּיר, אַז ס'פאַלט אויף מיינע פּלייצעס אַ משא, און כ'ווייס ניט וואָס? — איך קען ניט פאַרשטיין... ס'דריקט... און איך האָב ניט צוליב דעם אמתן וועג אין לעבן... הערסט זיך צו צו אַלעמען — נאָר אַלע ריידן פאַרשיידן... און זי — האָט דאָך געקאָנט עפּעס זאָגן...

— ע, פעטערל! — האָט אוכטישטשעוו איבערגעשלאָגן פּאַמען, נעמענדיק אים וויך פאַרן האַנט. — אַזוי טאָר מען ניט! איר האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן לעבן — און שוין פילאָסאָפירט איר! ניין, אַזוי טאָר מען ניט! דאָס לעבן איז אונז געגעבן — אויף צו לעבן! הייסט עס, לעב און לאָז אַנדערע לעבן... אָט דאָס איז אַ פילאָסאָפיע! אָבער די דאָזיקע פרוי... צי דען מיט איר ענדיקט זיך שוין די וועלט? איך וועל אייך, אויב איר ווילט, באַקאָנען מיט אַזאַ מין גיפטיקער שטיק, אַז פון אייער גאַנצער פילאָסאָפיע וועט קיין שטויבל ניט איבערבלייבן אין אייער נשמה! אָ, דאָס איז שוין איינמאָל אַן אישה! און ווי זי קאָן אויסנוצן דאָס לעבן! אויך אַזאַ, ווייסט איר, אַ עפּישע, און אַ שיינע... פרינאַ, קאָן איך אייך זאָגן! זי וועט אייך זיין אַ פּאָר! אַך, צום טייוול! בנאמנות, אַ גלענצנדע אידעע... איך וועל אייך באַקאָנען! מען מוז דאָס פלעקל אַרויסזעצן מיט אַן אַנדער פלעקל...

— דאָס איז קעגן מיין געוויסן... — האָט פּאַמאַ געזאָגט אומעטיק און פאַרבענקט. — כל־זמן זי לעבט — קען איך אויף קיין אַנדערע פרויען ניט קוקן אַפילו...

— אַזאַ געזונטער, פרישער מענטש — כאַ־כאַ! — האָט אוכ־

טישטשעוו אויסגערופן און מיט אַ טאָן פון אַ לערער, אָנגעהויבן איבערצייגן פּאָמען אין דער נויטווענדיקייט פאַר אים צו געבן אַן אויסגאַנג פאַר זיינע געפילן אין אַ גוטער הוליאַנקע, צוזאַמען מיט פרויען.

— דאָס וועט זיין גלענצנד און דאָס איז אומבאַדינגט נייטיק פאַר אייך — גלויבט מיר! און וואָס שייך דאָס געוויסן... זאָלט איר מיר מוחל זיין! איר נעמט עס אָן אַ ביסל ניט ריכטיק... ניט דער געוויסן שטערט דאָס אייך, נאָר די ניט־דרייסטקייט, מיין איך... איר לעבט אויסער דער געזעלשאַפט... שעמעוודיק און... אומבאַקוועם. איר שפּירט דאָס אַלץ נעפּלדיק... און דאָס דאָזיקע געפיל נעמט איר אָן אַלס געוויסן. וועגן דעם קען אין איצטיקן פאַל ניט זיין קיין שום רייד, — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ געוויסן, ווען פאַרברענגען איז פאַר אַ מענטשן אַזוי נאַטירלעך, ווען דאָס איז זיין באַדערפעניש און רעכט.

פּאָמאַ איז געגאַנגען, אויסגלייכנדיק זיינע טריט מיט די טריט פון זיין מיטגייער און געקוקט איבערן וועג, וואָס האָט זיך געשלעפּט צווישן צוויי רייען הייזער און ענלעך געווען אויף אַ גרויסן גראָבן, אָנגעפילט מיט פינסטערניש. ס'האָט זיך געדאַכט, — אַז צום וועג איז ניטאָ קיין סוף, און אַז איבערן דאָזיקן וועג שווימט אין דער ווייט עפּעס חושכדיקס, אומדערשעפּלעכס, וואָס שטערט צו אָטעמען. אויך טישטשעווס איבערצייגנדיקער ווייכער קול האָט איינטאָניק געקלונגען אין פּאָמעס אויערן, און כאָטש ער האָט זיך ניט אײַנגעהערט צו זיינע רייד, האָט ער דאָך געפילט, אַז זיי זיינען עפּעס אַזעלכע קלעפּיקע, שטייען צו צו אים און ניט ווילנדיק געדענקט ער זיי. ניט געקוקט דערויף, וואָס גלייך מיט אים איז געגאַנגען נאָך איינער, האָט ער זיך דאָך געשפּירט איינזאַם און ווי אַ פאַרלאָרענער אין חושך, וואָס האָט אים אַרומגענומען און פּאַמעלעך געצויגן נאָך זיך. ער האָט געשפּירט, אַז אים ציט ערגעץ־וואו און ניט געהאַט קיין ווילן אָפּצושטעלן זיך. עפּעס אַ מידקייט האָט אים געשטערט צו טראַכטן. ער האָט ניט געהאַט דעם פאַרלאַנג זיך קעגנצושטעלן די מוסר־רייד פון זיין מיטגייער און צוליב וואָס, איבעריקנס, איז אים דען נייטיק זיך קעגנשטעלן?...

ניט פאַר יעדערן איז נוציק דאָס טראַכטן, — האָט אוכטישטשעוו ניט אויפגעהערט ריידן, פאָכנדיק מיטן שטעקן אין דער לופטן און זיך איבערנעמענדיק מיט זיין קלוגשאַפט. — אויב אַלע וועלן זיך פאַרנעמען מיט טראַכטן — טאָ ווער=זשע וועט לעבן? און לעבן לעבט מען דאָך אינגאַנצן נאָר איין מאָל... שאַדט ניט דעריבער אַריינצוכאַפּן דאָס לעבן... בנאמנות! און וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן, — דערלויבט איר מיר אויסצוטשיכען אייך? לאָמיר באַלד צופאָרן אין אַ פריילעך הייזל... דאָרט וואוינען צוויי שוועסטער... אַך, ווי זיי לעבן דאָס דאָרט... נו, באַשליסט זיך!

— וואָס=זשע? איך פאָר... — האָט פּאָמאַ רויק געזאָגט און זיך צעגענעצט. אפשר צו שפּעט? — האָט ער באַלד אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק אויפן הימל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט וואָלקנס.

— צו זיי איז קיינמאָל ניט שפּעט! — האָט פריילעך אויסגערופן אוכטישטשעוו.

.VIII

אויף איבערמאָרגן נאָך דער געשעעניש אין קלוב האָט זיך באָמאַ געפונען אַ וויאָרסט זיבן פון שטאָט אויפן געהילץ-האַפן פון סוחר זוואַנצעוו, אין דער געזעלשאַפט פון דעם סוחרס זון, אוכטישטשעוון און עפּעס אַ סאָלידן הער מיט באַקנבערד, מיט אַ פּליכיקן קאָפּ אין רויטער נאָז און פּיר דאַמען... דער יונגער זוואַנצעוו האָט געטראָגן פּענסנע, איז געווען מאָגער, בלייך און ווען ער איז געשטאַנען, האָבן די ווייכע טיילן פון זיינע פיס געציטערט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען דערווידער אונטערצוהאַלטן דעם שוואַכן גוף, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן געקעסטלטן מאַנטל מיט אַ קאַפּישאָן, וואָס אין זיינע פאַלדן האָט זיך קאָמיש אַרומגעוואָרפן אַ קליינער קאָפּ אין אַ היטל פון אַ זשאָקיי. דער הער מיט די באַקנבערד האָט אים אָנגערופן זשאַן און דעם דאָזיקן נאָמען אַרויסגערעדט אַזוי, ווי ער וואָלט געליטן פון אַ פאַרעלטערטן קאַטער. זשאַנס דאַמע איז געווען אַ הויכע דיקע פרוי מיט אַ ברייטער ברוסט. איר קאָפּ איז געווען צונויפגעדריקט ביי די זייטן, דער נידעריקער שטערן איז געווען פאַרוואָרפן אויף הינטן, די שפּיציקע לאַנגע נאָז האָט צוגעגעבן איר פּנים אַ פויגלשן אויסזען. און דער דאָזיקער ניט-שיינער פּנים איז געווען אינגאַנצן אומבאַוועגלעך, און בלויז די אויגן — קליינע, קיילעכדיקע און קאַלטע — האָבן כסדר געשמייכלט מיט אַ דורכדרינגלעכן און כיטרן שמייכל. אוכטישטשעווס דאַמע האָט מען גערופן וועראַ; דאָס איז געווען אַ הויכע פרוי, אַ בלאַסע מיט רויטע האָר. די האָר איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ס'האָט אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ גרויסן היטל, וואָס פאַרט איר אַראָפּ איבער די אויערן, אויף די באַקן און איבער די הויכן שטערן, אונטער וועלכן ס'האָבן רויק און פויל געקוקט אירע גרויסע בלאָע אויגן.

דער הער מיט די באַקנבערד איז געזעסן מיט אַ יונגער מיידל, אַ דיקע, אַ פֿרישע, וועלכע האָט אָן אויפֿהער געלאַכט. ער פֿלעגט איר שעפּטשען אין אויער, בייגנדיק זיך איבער איר אַקסל.

פֿאָמעס דאַמע איז געווען אַ שלאַנקע ברונעטין, אָנגעטאָן אינגאַנצן אין שוואַרצן. זי האָט געהאַט אַ טונקל געזיכט, מיט כוואַליעדיקע האָר, און געהאַלטן איר קאָפּ אַזוי גלייך און הויך און אַזוי מיט גאווה געקוקט פֿון אויבן־אַראָפּ אויף אַלץ אַרום איר, אַז ס'איז גלייך געווען קענטיק, — אַז זי באַטראַכט זיך דאָ אַלס די וויכטיקסטע.

די קאָמפּאַניע האָט זיך פֿונאַנדערגעזעצט אויפֿן לעצטן טייל פּליט, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט אויף דער ליידיקער איבערפֿלאַך פֿון טייך. אויפֿן פּליט זיינען געווען אָנגעקלאַפּט ברעטלעך, אינמיטן פּליט איז געשטאַנען אַ פּראָסט צונויפֿגעקלאַפּטער טיש און אומעטום זיינען געלעגן צעוואָרפֿן ליידיקע פֿלעשער, קערב מיט פּראָוויזיע, פּאַפּירלעך פֿון קאָנפֿעקטן, שאָלעכץ פֿון אַפּעלסינען... אין אַ ווינקל פֿון פּליט איז געווען אָנגעשאָטן אַ קופּע ערד, אויף וועלכער ס'האָט געברענט אַ שייטער, און עפּעס אַ פּויער, אין אַ פּעלצל, האָט געוואַרעמט זיינע הענט איבערן פֿייער, זיצנדיק איינגעבויגן, אויף די שפּיץ־פֿינגער, און ווען־ניט־ווען פֿאַרגנבעט אַ קוק אין דער זייט פֿון דער הערשאַפֿט, וואָס איז געזעסן אַרום טיש. די הערשאַפֿט האָט נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעגעסן סטערלעט־זופּ און איצט איז פֿאַר זיי אויפֿן טיש געשטאַנען ווין און פֿרוכטן.

איינגעמאַטערט פֿון דער צווייטאָגיקער הוליאַנקע אין פֿון נאָר־וואָס פֿאַרענדיקטן מיטאָג, איז די געזעלשאַפֿט געווען אומעטיק געשטימט. אַלע האָבן געקוקט אויפֿן טייך, געשמועסט, נאָר דער געשפּרעך פֿלעגט ווערן איבערגעריסן דורך לאַנגע פּויזעס. דער טאָג איז געווען אַ קלאָרער, אַ פֿרילינגדיקער און אַ מונטער־יונגער. דער קאַלט־קלאָרער הימל האָט זיך מאַיעסטעטיש צעשפּרייט איבערן טונקעלן וואַסער פֿון דעם מעכטיק־ברייט צעגאָסענעם טייך, וואָס איז געווען רויִק, ווי דער הימל, און אומענדלעך, ווי דער ים. דער ווייטער בערגיקער ברעג איז געווען ווייך פֿאַרהילט אין אַ בלוילעכן טול פֿון פֿינסטערניש, און דאָרט פֿון דער הויך פֿון די בערג האָבן געבלאַנקט

די קלויסטער=צלמים, ווי גרויסע שטערן. ביים בערגיקן ברעג איז דער טייך געווען באַלעבאַט -- ס'זיינען הין=און=צוריק אַרומגעשוואומען דאַמפּערס און זייער גערויש האָט זיך דערטראָגן מיט אַ שווערן קרעכץ צו די פּליטן, צו די לאָנקעס, וואו דער שטילער שטראָם פון די כוואַליעס האָט אָנגעפילט דעם אַוויר מיט קלאַנגען, ציטערדיקע און ווייכע. גרויסע בערלינעס האָבן זיך געצויגן איינער נאָכן אַנדערן קעגן שטראָם, פּונקט ווי חזירים פון אַ געוואַלדיקער גרויס וואָלטן אויפגעריסן די גלאַטקייט פון טייך. אַ שוואַרצער רויך איז מיט שווערע שטיקער געקראָכן פון די קוימענס פון די דאַמפּערס און זיך לאַנגזאַם צעגאַנגען אין דער פרישער לופט, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט דער העלער שיין פון דער זון. ציטנווייז האָבן געפייפט די טרויבן — ווי אַ ברום פון אַ גרויסער חיה, אויפגעצאָרנט פון אָנשטרענגטער אַרבעט. נאָר אויף די לאָנקעס לעבן די פּליטן איז געווען שטיל און רויק. די איינזאַמע ביימער, וואָס זיינען געווען פאַרטרונקען פון דער פאַרפלייצונג, האָבן זיך שוין באַדעקט מיט העל=גרינע פליטערלעך פון בלעטער. באַהאַלטן מיט זייערע וואָרצלען אין וואַסער, וואו ס'האָבן זיך געשפּיגלט זייערע שפּיצן, האָבן זיי אויסגעזען קיילעכדיק — און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ביים קלענסטן בלאָז פון ווינט וועלן זיי אַוועקשווימען, אַזעלכע וואונדערלעך שיינע, איבערן שפּיגלדיקן שוים פון טייך...

די פרוי מיט די רויטע האָר האָט פאַרחלומט געקוקט אין דער ווייט און האָט שטיל און אומעטיק גענומען זינגען:

„Вдоль по Волгѣ рѣ-кѣ
Легка лодка плы-э-ве-отъ“ *.

די ברונעטין האָט גאַוודיק אָנגעשטעלט אירע גרויסע, שטרענגע אויגן און ניט קוקנדיק אויף איר, זיך אָפּגערופן:

— אונז איז אָן דעם אויך אומעטיק...

— טשעפּע זי ניט... זאָל זי זינגען! — האָט פאָמאַ גוטמוטיק געבעטן, אַריינקוקנדיק אין געזיכט פון זיין דאַמע. ער איז געווען

---

* איבער דער טייך וואָלגע שווימט אַ שיפל לייכט.

בלייך, אין זיינע אויגן האָבן זיך געצונדן עפּעס פֿונקען און איבער זיינע ליפּן האָט געבלאָנדזשעט אַ שמייכל, אַן אומקלאָרער און פֿוילער.

— לאָמיר זינגען אין כאָר!... — האָט פֿאָרגעלייגט דער הער מיט די באַקנבערד.

— ניין, זאָלן אָט־דיביידע זינגען! — האָט לעבעדיק אויסגערופֿן אוכטישטשעוו. — ווערא זינג אָט... ווייסט וואָס? „קאַיאָר ווער איך אַרויס“... ווי הייסט עס דאָרט? פֿאַוולינקאַ, זינגט!

די לאַכעדיקע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער ברונעטין און מיט ווערדע געפֿרעגט זי:

— מען קען זינגען, סאַשאַ?

— איכ׳ל אַליין זינגען... — האָט פֿאַמעס חברטע געמאָלדן, און ווענדנדיק זיך צו דער דאַמע מיטן פֿויגלשן פּנים, האָט זי באַפֿוילן:

— וואַסיאַ, זינג מיט מיר!

יענע האָט באַלד איבערגעריסן איר שמועס מיט זוואַנצעוון, האָט אַ גלעט געטאָן מיטן האַנט דעם גאָרגל, און אָנגעשטעלט אירע קײלעכדיקע אויגן אויפֿן פּנים פֿון איר שוועסטער. סאַשאַ האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט זיך מיט דער האַנט אָנגעשפּאַרט אָן טיש און אויפֿהויבנדיק שטאָלץ איר קאָפּ, האָט זי מיט אַ שטאַרקן, כמעט מאַנסבילשן קול זיך צעזונגען:

„Хорошо-о тому на свѣтѣ жить,
У кого нѣту заботушки,
Въ ретивомъ сердцѣ зазнобушки!“ *

איר שוועסטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מיט אַ צעצויגענעם, הויכן, קלאָגעדיקן קאָנטראַלטאָ נאָכגעקרעכצט:

„Эхъ - у - ме-ня - у - кра-сной - дѣ-ви-цы“... **

* גוט איז דעם אויף דער וועלט צו לעבן, ווער עס האָט ניט קיין זאָרג אין אייפֿערדיקן האַרץ און קיין געליבטן!

** עך, בײַ מיר, דער שיינער מיידל...

פינקלענדיק מיט די אויגן אויף דער שוועסטער, האָט סאַשאַ מיט נידעריקע טענער אויסגעשריען:

„Какъ былинка, сердцѣ высохло-о-о!“ *

ביידע שטימען האָבן זיך אַרומגענומען און געשוואומען איבערן וואַסער מיט אַ שיינעם, זאַפטיקן קלאַנג, וואָס האָט ווי געציטערט פון איבערפלוס פון כּוחות. איינער האָט זיך געקלאָגט אויפן אומדערטרעגלעכן ווייטאָג אין האַרצן, און אָנזאַפנדיק זיך מיט דעם סם פון זיינע טענות, — האָט ער געיאָמערט מיט אַ טריבן אומבאַהאָלפענעם טרויער, געיאָמערט, פאַרגיסנדיק מיט זיינע טרערן דעם פלאַם פון זיינע ליידן. דער צווייטער — אַ מער-נידעריקערער און מענערישער, — איז מעכטיק געשוואומען אין אַוויר, פול מיט די געפילן פון בלוטיקער באַליידיקונג און גרייטקייט נקמה צו נעמען. אַרויסברענגענדיק קלאָר זיינע ווערטער, האָט ער זיך געריסן פון ברוסט מיט אַ געדיכטן שטראָם און פון יעדן וואָרט האָט געשמעקט מיט קאָכעדיק בלוט, וואָס איז געווען אויפגעברייזט פון באַליידיקונג, אָפּגעסמט פון באַעוולטקייט און וואָס האָט קרעפטיק געפאָדערט נקמה:

„Ужъ я ему это выплачу“... **

האָט וואַסיאַ תּרעומותדיק געזונגען מיט פאַרמאַכטע אויגן.

„За-азноблю его, по-овысушу“... ***

האָט זיכער און דראָענדיק צוגעזאָגט סאַשאַ, וואַרפנדיק אין לופט די שטאַרקע, קרעפטיקע קלאַנגען, ענלעכע אויף קלעפּ... פּלוצלונג האָט זי איבערגעביטן דעם טעמפּאָ פון איר געזאַנג און אויפהויבנדיק העכער די שטימע, זיך צעזונגען אויך אַזוי פונאַנדערגעצויגן, ווי די שוועסטער, מיט ליידנשאַפטלעכע און נצחונדיקע דראָונגען:

---

* איז דאָס האַרץ אויסגעטריקנט, ווי אַ שטויבעלע.

** איך וועל אים דאָס שוין אויסוויינען...

*** איך וועל אים איינליבן און אויסטריקענען...

„Суше вѣтра, су-уше буйнаго,
Суше той травы коше-оныя...
Ой, коше-ныя, просушеныя"... *

אָנגעשפּאַרט אָן טיש, איז פּאָמאַ געשטאַנען מיט אַן אײַנגעבויגענעם קאָפּ, און מיט פֿאַרוואָלקנטע אויגן געקוקט דער פֿרוי אין פּנים, אין אירע שוואַרצע האַלב־אָפֿענע אויגן. אָנגעצילט ערגעץ־וואו אין דער ווייט, האָבן זיי געפֿינקלט אַזוי בייזווייליק און העל, אַז אים האָט זיך זייער גלאַנץ און דער סאַמעטענער קול, וואָס האָט זיך געגאָסן פֿון דער פֿרוי׳ס ברוסט, אײַנגעוויזן שוואַרץ און בלאַנקענדיק, ווי אירע אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אירע צערטלערייען און געטראַכט:

„פֿונוואַנען נעמט זי זיך אַזאַ? ס׳איז אַ מורא מיט איר אינאיינעם"...

צוגעדריקט צו זײַן דאַמע, איז געזעסן אוכטישטשעוו און מיט אַ גליקלעכן פּנים זיך אײַנגעהערט צום ליד און האָט אינגאַנצן געשײַנט פֿון פֿאַרגעניגן. דער הער מיט די באַקנבערד און זוואַנצעוו האָבן געטרונקען ווײַן און האָבן שטיל געשעפּטשעט וועגן עפּעס, נויגנדיק זיך איינער צום צווייטן. די פֿרוי מיט די רויטע האָר האָט אַ פֿאַרטראַכטע, האַלטנדיק אוכטישטשעווס האַנט אין אירער, באַקוקט זײַן דלאָניע, און די פֿריילעכע מיידל איז געוואָרן אומעטיק, זי האָט אַראָפּגעלאָזט נידעריק איר קאָפּ און זיך צוגעהערט צום געזאַנג, ניט רירנדיק זיך פֿון אָרט, ווי אַ פֿאַרכישופֿטע פֿון ליד. פֿון שײַטער איז צוגעקומען דער פֿויער. ער האָט פֿאָרזיכטיק געטראָטן איבער די ברעטלעך, אויף די שפּיץ שטיוול, זײַנע הענט זײַנען געווען פֿאַרלייגט אויף הינטן און זײַן ברייטער בערדיקער פּנים איז אינגאַנצן געווען פֿאַרוואַנדלט אין אַ שמייכל פֿון באַוואונדערונג, און פֿון עפּעס אַ נאַיִווער פֿרייד.

„Эхъ... ты восчувствуй, добрый молодецъ!"... **

---

* טרוקענער פארן ווינט דעם שטורעמדיקן, טרוקענער פארן גראָז דעם געשניטענעם... אָי, דעם געשניטענעם, דעם אויסגעטריקנטן...

** עך... דו זאָלסט דערשפירן, גוטער יונג!

האָט וואַסיאַ בענקענדיק זיך געבעטן, וויגנדיק מיטן קאָפּ. און איר שוועסטער האָט, מיט פּיערלעכע, מעכטיקע טענער, אַרויסשטעלנדיק פאַר־אים די ברוסט און נאָך העכער שליידערנדיק מיטן קאָפּ, פאַרענדיקט איר ליד:

„Какова тоска любо-овная-а-а!“ *

געענדיקט זינגען, האָט זי שטאָלץ זיך אַרומגעקוקט און זיך אַוועקזעצנדיק לעבן פּאָמען, האָט זי אַרומגענומען זיין האַלז מיט איר שטאַרקער און האַרטער האַנט.

— נו, אַ גוטע ליד?...

— גלענצנד! — האָט פּאָמאַ אַ זיפץ געטאָן מיט אַ שמייכל צו איר.

דאָס זינגען האָט אין זיין האַרץ אַריינגעגאָסן אַ דאָרשט נאָך צערטלעכקייט, און דאָס האָט אים אויפגעטרייסלט. דאָס האַרץ איז נאָך פול געווען מיט די שיינע קלאַנגען, נאָר פון דער באַרירונג פון אירע הענט איז אים געוואָרן אומבאַקוועם און מיאוס פאַר לייט.

— אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט, אַלעקסאַנדראַ סאַוועליעוונאַ! — האָט אוכטישטשעוו געליאַרעמט און אַלע איבעריקע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט. נאָר זי האָט אויף זיי ניט געלייגט קיין אויפמערקזאַמקייט און הערשעריש אַרומטוליענדיק פּאָמען, האָט זי צו אים גערעדט:

— וועסט מיר עפּעס שענקען — אַט פאַר דער ליד?...

— גוט, איך־וויל דיר שענקען... — האָט פּאָמאַ מסכים געווען.

— וואָס?

— זאָג דו...

— איך וועל דיר זאָגן אין שטאָט... און אויב דו וועסט מיר שענקען, וואָס איך וויל, — אָ, ווי איך וועל דיך דאַן ליבן!

— פאַרן געשאַנק? — האָט פּאָמאַ מיט אומצוטרוי געפרעגט, שמייכלענדיק. — דו וואָלסט בעסער אַזוי זיך...

---

* וואָס עס איז אַזוינס די בענקעניש פון ליבע!

זי האָט רויק אַ קוק געטאָן אויף אים, און קלערנדיק אַ רגע, האָט זי אַנטשלאָסן געזאָגט:

— אַזוי זיך — איז נאָך צו־פרי... איך וועל דיר קיין ליגן ניט זאָגן, צו וואָס זאָל איך דיר לײַגן!... איך זאָג אָפן — איך האָב ליב פאַר געלט, פאַר מתנות... ווייל אויסער געלט — האָבן די מאַנסבילן גאָרנישט... מער קענען זיי גאָרנישט געבן אויסער געלט... מער פאַרמאָגן זיי גאָרנישט... איך ווייס שוין... מען קאָן אַזוי אויך ליבן... יאָ. וואַרט נאָר, — איך וועל זיך צוקוקן צו דיר און אפשר וועל איך דיך אומזיסט אויך ליבן... אָבער דערווײַלע — פאַראורטייל מיך ניט... אַזוי ווי איך לעב, דאַרף מען אַ סך געלט...

פּאָמאַ האָט איר אויסגעהערט, האָט געשמייכלט אַן אויפגערודערטער פון דער נאָענטקייט פון איר שטאַרקן שלאַנקן קערפּער. אין זיינע אויערן איז אים געקראָכן עפּעס אַ זויערע, צעברעקלטער און לאַנגווײַליקער קול. דאָס האָט גערעדט וואַנצעוו:

— איך האָב דאָס ניט ליב... איך קען ניט פאַרשטיין די שיינקייט פון דער דאָזיקער באַרימטער רוסישער ליד... וואָס אַזוינס קלינגט אין דעם? ע? אַ וועלפיש געבריל... אַ הונגעריקער אַזאַ, אַ ווילדער... דאָס — איז אַ הינטישע אומבאַהאָלפנקייט... בכלל בהמיש... ניטאָ אין דעם קיין פריילעכקייט... ניטאָ אין דעם קיין פאַרנעם... קיין פריילעכע און לעבעדיקע קלאַנגען... ניין, איר הערט בעסער, וואָס און ווי עס זינגט דער פראַנצויזישער פויער... אַ! אָדער — דער איטאַליענישער...

— דערלויבט, איוואַן ניקאָלאַיִטש... — האָט אַן אויפגערעגטער געשריען אוכטישטשעוו.

— איך בין מסכּים, אַז דאָס רוסישע ליד איז אייַנטאָניק און נעפּלדיק... ניטאָ דאָרט, ווייסט איר, יענער גלאַנץ פון קולטור... — האָט זופנדיק ווײַן פון גלאָז אומעטיק גערעדט דער הער מיט די באַקנבערד...

— דערפאַר איז דאָרט שטענדיק דאָ אַ לעבעדיק האַרץ... — האָט באַטאָנט די דאַמע מיט די רויטע האָר, שיילנדיק אַן אַפּעלסין.

די זון איז פאַרגאַנגען. פאַראָפלאָזנדיק זיך, ערגעץ ווייט הינטערן וואַלד, וואו ס'זיינען געלעגן די לאָנקעס, האָט זי באַפאַרבט דעם

גאַנצן וואַלד מיט פּורפּור-קאָלירן און געוואָרפֿן אויפֿן טונקעלן קאַלטן וואַסער ראָזע און גאָלדענע פֿלעקן. פֿאָמאַ האָט זיך צוגעקוקט צו דער שפּיל פֿון די זון-שטראַלן, נאָכגעפֿאָלגט, ווי זיי האָבן זיך צאַפּלדיק איבערגעגאָסן איבער שטילן און ליידיקן אייבערפֿלאַך פֿון וואַסער. פֿאַנגענדיק מיטן אויער שטיקלעך פֿון געשפּרעך, האָט ער זיך די ווערטער פֿאַרגעשטעלט, ווי אַ מחנה פֿון טונקעלע שמעטערלינגען, וועלכע האָבן זיך מיט אַ טומל געטראָגן אין דער לופֿט. סאַשאַ האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ פֿאָמען אויפֿן אַקסל און אים שטיל געפּליסטערט אין אויער אַריין אַ שפּראַך, פֿון וועלכער ער איז געוואָרן רויט און פֿאַרלאָרן זיך, שפּירנדיק, ווי זי רעגט אין אים אַ חשק שטאַרק אַרומצונעמען די דאָזיקע פֿרוי און איר קושן אָן אַ סוף, ניט ווערנדיק מיד. אויסער איר — האָט אים קיינער ניט אינטערעסירט פֿון די אַלע, וועלכע זיינען דאָ געווען. זוואַנצעוו און איך, דער הער האָבן אים פּשוט געעקלט...

— וואָס גלאָצסטו אַזוי מיט די אויגן? — האָט ער דערהערט אוכטישטשעווס חוזקדיק-שטרענגן אויסגעשריי.

דאָס האָט אוכטישטשעוו געשריען אויפֿן פֿייער. יענער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פֿון קאָפּ, האָט דערמיט אַ זעץ געטאָן זיך איבערן קני און שמייכלענדיק געענטפֿערט:

— איך בין צוגעקומען הערן — די פּריצטע...

— נו, זי זינגט גוט? —

— וואָס איז פֿאַראַן צו ריידן! — האָט מיט אַ התפּעלות אין די אויגן געזאָגט דער פֿייער, באַטראַכטנדיק סאַשען.

— אָ-אָ! — האָט אוכטישטשעוו אויסגערופֿן.

— אַ גרויסע קראַפֿט פֿון אַ שטים האָבן זיי אין זייער ברוסט. — האָט דער פֿייער ווייטער גערעדט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ...

זיינע ווערטער האָבן ביי די דאַמען אַרויסגערופֿן אַ געלעכטער און ביי די מענער — צוויידייטיקע ווערטלעך אויפֿן אַדרעס פֿון סאַשען.

רויִק אויסהערנדיק זיי, און ניט ענטפֿערנדיק זיי מיט קיין איין וואָרט, האָט זי זיך געווענדט צום פֿייער:

— דו זינגסט אַמאָל?

— אַוודאַי זינגען מיר! — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט.

— ווּעלכע לידער קענסטו?

— נו, אַלערליי... איך האָב ליב צו זינגען...

און ער האָט ווי אַ שולדיקער צוגעשמייכלט.

— לאָמיר זינגען אינאיינעם.

— וואָס רעדט איר! וואָס זיינען מיר מיט אייך פאַר אַ פּאָר?

— נו, הייב אָן!

— איר'ט דערלויבן זעצן זיך?

— קום אַהער, צום טיש...

— ווי פריילעך דאָס איז! — האָט וואַנצעוו אויסגערופן, קנייטשנדיק דעם פּנים.

— אויב אַייך איז אומעטיק — דערטרינקט זיך... — האָט אַ זאָג געטאָן צו אים סאַשאַ מיט כעס, שפּריצנדיק מיט די אויגן אויף אים.

— ניין, דאָס וואַסער איז קאַלט... — האָט וואַנצעוו געענטפערט, קאָרטשענדיק זיך אונטער איר בליק.

— איז ווי איר ווילט! — האָט די פרוי געקוועטשט מיט די פלייצעס. — שוין לאַנג צייט פאַר אַייך... און דערצו איז איצט אַ סך וואַסער פאַראַן, וואָלט איר סיי ווי ניט געקענט עס אינגאַנצן איבערפירן מיט אַייער פאַרפוילטן גוף...

— פי, ווי שאַרפזיניק! — האָט דער יונג אַרויסגעזיפּט דורך די ציין, אָפּרוקנדיק זיך פון איר און זאָגנדיק מיט פאַראַכטונג:

— אין רוסלאַנד זיינען אַפילו די קאָקאָטעס פרעך...

ער האָט זיך געווענדט צום שכן, נאָר יענער האָט אים געענט-פערט בלויז מיט אַ שיכורן שמייכל... אוכטישטשעוו איז אויך גע-ווען שיכור. קוקנדיק מיט בליי-אָנגעגאָסענע אויגן זיין דאַמע אין פּנים אַריין, האָט ער עפּעס געפּלאַפּלט און געאָרנישט געהערט. די דאַמע מיטן פויגלשן פּנים האָט געשלונגען קאָנפעקטן, האַלטנ-דיק דאָס קעסטל לעבן זיך אונטערן נאָז. פּאַוולינקאַ איז אָפּ-געגאַנגען אויפן ברעג פון פּליט, און שטייענדיק דאָרט, געוואָרפן אין וואַסער שאָלעכץ פון אַפּעלסינען.

— איך האָב קיינמאָל קיין אָנטייל ניט גענומען אין אַזאַ אומ־געלומפּערטן שפּאַציר און... געזעלשאַפט, — האָט זוואַנצעוו זיך באַקלאָגט פאַרן שכן.

פאָמאַ האָט שפּאָטיש געקוקט אויף אים און געווען צופרידן, וואָס דער דאָזיקער שוואַכער און ניט שיינער מענטש לאַנגווייליקט זיך און וואָס סאַשאַ האָט אים באַליידיקט. ער האָט מילד, און ווי מסכים זייענדיק, געקוקט אויף זיין חברטע, — אים איז געפעלן, וואָס זי רעדט מיט אַלעמען אַזוי אָפן און האַלט זיך שטאָלץ, ווי אַן אמתע פּריצטע.

דער פּויער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ ברעט, סאַשען צופוסנס, האָט מיט זיינע הענט אַרומגענומען זיינע קני, האָט אויפגעהויבן צו איר זיין קאָפּ און ערנסט זיך צוגעהערט צו אירע רייד.

— דו זאָלסט דיין שטים הייבן העכער, ווען איך וועל אַראָפּלאָזן... פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען... נאַר... האַרינטע! דו וואָלסט מיר אפשר געהאָלפן, מיר צוגעגעבן מוט?!...

— פאָמאַ, דערלאַנג אים אַ גלאָז!

און ווען דער פּויער האָט, אויסטריקענדיק, געשמאַק אויסגעשפּיגן, האָט ער באַלעקט זיינע ליפּן און געזאָגט:

„איצט קען איך שוין"...

די האָט אַ באַפעל געטאָן, אָנשטעלנדיק אירע וויעס:

— הייב אָן!...

אויסקרימענדיק אויף אַ זייט דאָס מויל און אויפהייבנדיק די אויגן אינדערהויך, צו איר פּנים, האָט דער פּויער מיט אַ הויכן טענאָר פאַרצויגן זיך:

„Мнѣ не пье-отся и-ехъ-ни-глотатся-а-а“ *

אויפציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, האָט די פרוי, וואַרפנדיק זיך און מיט אַ מוראדיקער בענקשאַפט זיך צעוויינט:

„Вина душа-а не принима-атъ“... **

* מיר טרינקט זיך ניט און מיר שלינגט זיך ניט.

** קיין ווייַן נעמט ניט צו די נשמה...

דער פּויער האָט זים געשמייכלט, האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער אין אַויר אַרויסגעגאָסן אַ ציטערדיקן שטראָם פון הויכע טענער:

„О-э мнѣ пришла-а-а пора-а-а проща-ться-а-а“ *.

און אויפצאַפּלענדיק, און בויגנדיק זיך, האָט די פרוי צוגעקרעכצט און פונאַנדערגעקלאָגט זיך:

„Ой со-о-ро-одны-ими надо разставаться-а“ **

מיט אַ נאָטע נידעריקער און זיך פונאַנדערוויגנדיק, האָט דער פּויער מיט אַן אומגעהייערער קראַפט, וואָס האָט אויסגעדריקט טרויער, זינגענדיק, גערעדט:

„Эхъ и въ чужу сто-орону надоть мнѣ ити“... ***

ווען ביידע שטימען האָבן בענקענדיק און זיפצנדיק אַריינגעגאָסן זיך אין דער שטילקייט און אין דער פרישקייט פון אָוונט — איז אַרום געוואָרן ווי עפּעס וואַרעמער און בעסער; אַלץ האָט ווי עפּעס געשמייכלט מיט אַ טרויעריק שמייכל פון מיטגעפיל צום טרויער פון אַ מענטש, וועמען די פינסטערע קראַפט רייסט אַוועק פון אייגענעם נעסט אין אַ פרעמדן קאַנט אויף שווערער אַרבעט און דערנידערונג. פּונקט ווי ניט די קלאַנגען, ניט דאָס ליד, נאָר די הייסע טרערן פון דאָזיקן מענטשלעכן האַרץ, אין וועלכן דאָס קלאָגן זיך האָט געקאָכט, — זיי, די טרערן גופא, וואָלטן פייכט געמאַכט דעם אַויר. אַ וואַנזיניקע בענקעניש און ווייטאָג פון אַ פאַרוואונדעטער נשמה און גוף, וועלכע זיינען אויסגעמוטשעט געוואָרן אין קאַמף מיטן גרויזאַמען לעבן, טיפע יסורים פון וואונדן, וועלכע דער מענטש האָט באַקומען פון דער אַייזערנער האַנט פון נויט, — דאָס אַלץ איז געווען אַריינגעלייגט אין די איינפאַכע, גראָבע ווערטער און האָבן זיך איבערגעגעבן מיט אומאויסדריקלעך־בענקענדיקע קלאַנגען צום

* שוין געקומען די צייט פאַר מיר צו שיידן זיך.

** אָי, מיט די אייגענע מוז איך זיך זעגענען.

*** עך, און אין אַ פרעמד לאַנד דאַרף איך אוועקגיין...

ווייטן ליידיקן הימל, אין וועלכן ס'איז ניט געווען פֿאַר קיינעם און פֿאַר גאָרנישט קיין אָפּקלאַנג.

אָפּרוקנדיק זיך פֿון די זינגער, האָט פֿאָמאַ געקוקט אויף זיי מיט אַ געפֿיל נאָענט צו שרעק, און דאָס ליד האָט זיך, ווי אַ קאָכעדיקע כוואַליע, אַריינגעגאָסן אים אין ברוסט, און די ווילדע קראַפֿט פֿון בענקעניש, וואָס איז געווען דערין אַריינגעטאָן, האָט אים ביז ווייטאָג געדריקט דאָס האַרץ. ער האָט געשפּירט, אַז באַלד וועלן זיך פֿון זיין ברוסט אַרויסגיסן טרערן, אין האַלז האָט אים געוואָרגן, און דאָס פּנים האָט ביי אים געציטערט. ער האָט נעפּלדיק געזען די שוואַרצע אויגן פֿון סאַשען — אומבאַוועגלעכע אַזעלכע, און פֿינסטער גלאַנצנדיקע, האָבן זיי זיך אים אויסגעוויזן אַזעלכע גרויסע און געוואָרן אַלץ גרעסער. און אים האָט געשיינט, אַז ס'זינגען דאָ ניט צוויי מענטשן — נאָר אַלץ אַרום זינגט דאָ און קרעכצעט, ציטערט דאָ און צאַפּלט אין יסורים פֿון טרויער, רייסט זיך וואַנזיניק ערגעץ־וואו און שפּריצט מיט הייסע טרערן און אַלץ, וואָס לעבט, איז געוואָרן אַרומגעכאַפּט פֿון איין שטאַרקן אָרעם פֿון פֿאַרצווייפֿלונג. ער אַליין זינגט צוזאַמען מיט אַלעמען — מיט די מענטשן, מיטן טייך און מיטן ווייטן ברעג, פֿונוואַנען ס'דערפֿליען די שווערע זיפֿצן, וועלכע גיסן זיך צונויף מיטן ליד.

אָט האָט זיך דער פֿויער געשטעלט אויף די קני און קוקנדיק אויף סאַשען, מאַכט ער מיט די הענט, און זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און שאָקלט־צו מיטן קאָפּ צום טאַקט פֿון זיין פֿאָכן מיט די הענט. ביידע זינגען זיי אָן ווערטער, מיט הוילע קלאַנגען און פֿאָמען גלויבט זיך אַלץ ניט, אַז בלויז צוויי ברוסטן גיסן דאָס אַריין אין לופֿט מיט אַזאַ מעכטיקן כּוח די זיפֿצעניש און קלאָגעניש.

ווען זיי האָבן געענדיקט זינגען, האָט ער אויפֿגעצאַפּלט פֿון אויפֿרעגונג. מיט אַ פֿייכטן פּנים פֿון טרערן האָט ער געקוקט אויף זיי און רחמנותדיק געשמייכלט.

— וואָס — ס'האָט אייך געריהרט? — האָט סאַשאַ געפֿרעגט.
אַ בלייכע פֿון מידקייט, האָט זי געאָטעמט שווער און גיך. פֿאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿויער. יענער האָט געריבן זיין שווייסיקן

שטערן און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן מיט אַזעלכע פאַרלאָרענע אויגן, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען — וואָס איז געשען.

ס'איז געווען שטיל. אַלע זיינען געזעסן אומבאַוועגלעך און געשוויגן.

— אַך, מיין גאָט! — האָט פּאָמאַ אַ זיפץ געטאָן, אויפשטעלנדיק זיך אויף די פיס. — עך, סאַשאַ! פויער! ווער ביסטו אַזעלכער? — האָט ער כמעט געשריען.

— איך — סטעפאַן... — האָט דער פויער אַ צעמישטער געענטפערט מיט אַ שמייכל, און זיך אויך אויפגעהויבן. — סטעפאַן בין איך... ווי דען!

— ס'אַר אַ זינגער דו ביסט! אַ! — האָט מיט התפעלות איבערגערופן פּאָמאַ, אומרויִק אונטערשפרינגענדיק אויף איין אָרט.

— ע־עך, אייער הערשאַפט! — האָט דער פויער אָפגעזיפצט און שטיל און מיט איבערצייגונג געזאָגט: — אַז די נויט צווינגט — צעזינגט זיך אַפילו אַן אָקס, ווי אַ סאָלאָוויי... און אָט די פריצטע, פאַרוואָס זינגט זי אַזוי? דאָס איז נאָר איין גאָט באַוואוסט... און זינגען זינגט זי אַזוי — מיט אַלע אָדערן... ס'הייסט, כאָטש — נעם לייג זיך און שטאַרב, פון בענקעניש! נ־נו, האַרינטע!...

— זייער גוט געזונגען! — האָט אוכטישטשעוו געזאָגט מיט אַ שיכורן קול.

— ניין, דאָס איז... דער רוח וויס וואָס! — האָט אַ צעררודערטער, כמעט מיט טרערן אויסגעשריען זוואַנצעוו, אויפשפרינגענדיק פון טיש. — איך בין געקומען דאָ שפּאַצירן... איך וויל זיך דאָ משמח זיין, און דאָ באַקלאָגט מען מיך גאָר!... ס'אַר אַ שווינערײַ! איך וויל מער נישט... איך פאָר אַוועק!

— זשאַן! איך פאָר אויך אַוועק... מיר איז דאָ אויך לאַנגווייליק... — האָט געמאָלדן דער הער מיט די באַקנבערד.

— וואַסיאַ! — האָט זוואַנצעוו אַ געשריי געטאָן צו זיין דאַמע. — טו זיך אָן...

— יאָ, שוין צייט צו פאָרן, — האָט זיך רויִק אָפגערופן צו אוכטישטשעוון זיין דאַמע. — שוין קאַלט... און ס'ווערט שוין באַלד פינסטער...

— סטעפּאַן! נעם אַלײן צונויף, — האָט וואַסיאַ באַפוילן.

אַלע האָבן זיך געטומלט, אַלע האָבן גענומען ריידן וועגן עפּעס; פּאָמאַ האָט געקוקט אויף זיי מיט איבערראַשטע אויגן און זיך כּסדר געטרייסלט. אונטערשפּרינגענדיק אויף די פיס, זיינען די מענטשן אַרומגעגאַנגען איבערן פּליט בלייכע, מידע און געדערדט איינער צום אַנדערן עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, ניט בינדיק, און זייערע רייד האָבן זיך ניט געקלעפּט. סאַשאַ האָט זיי אָן צערעמאָניעס געשטופּט, צניפּנעמענדיק אירע זאַכן...

— סטעפּאַן! רוף די פערד...

— און איך־ך... וועל נאָך אויסטרינקען קאָניאַק... ווער וויל נאָך טרינקען מיט מיר קאָניאַק? — האָט מיט אַ גליקלעכן קול געצויגן דער הער מיט די באַקנבערד, האַלטנדיק אין האַנט אַ פלעשל.

וואַסיאַ האָט אַרומגעוויקלט זוואַנצעווס האַלז מיט זיין שאַרף. ער איז געשטאַנען לעבן איר, אויסציענדיק קאַפּריז זיינע ליפּן, אַ צעקנייטשטער און אומצופרידענער, און זיינע לענדן האָבן געציטערט. פּאָמען האָט גענומען עקלען צו קוקן אויף זיי און ער איז אַוועק אויף אַ צווייטן פּליט. אים האָט געוואונדערט, וואָס אַלע פירן זיי זיך אַזוי, ווי זיי וואָלטן ניט געהערט דאָס ליד. אין זיין ברוסט האָט דאָס ליד געלעבט און אַרויסגערופן ביי אים צום לעבן אַן אומרויִקן פאַרלאַנג עפּעס צו טאָן, וועגן עפּעס צו ריידן. נאָר ריידן האָט ער דאָ ניט געהאַט מיט וועמען.

די זון איז שוין לאַנג געווען אַרונטער און די ווייטקייט האָט זיך פאַרהילט אין אַ בלאָען נעפּל. פּאָמאַ האָט געקוקט אין דער ווייט און זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט. אים האָט זיך ניט געוואָלט פאָרן אין שטאָט מיט די דאָזיקע מענטשן און בלייבן דאָ מיט זיי האָט ער אויך ניט געוואָלט. און זיי זיינען נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען איבערן פּליט מיט ניט גלייכע טריט, וויגנדיק זיך פון זייט צו זייט און באַלעמוטשענדיק ניט־בינדיקע רייד. די פרויען זיינען געווען ניכטערער פון די מענער, נאָר די פרוי מיט די רויטע האָר האָט זיך לאַנג ניט געקענט אויפהייבן פון באַנק און אויפהייבנדיק זיך, ענדלעך, האָט זי געמאָלדן:

— איך בין שיכּור...

פּאָמאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטן קלאָץ און אויפהויבנדיק די האַק, מיט וועלכער דער פויער האָט געהאַקט האָלץ פאַרן שייטער, האָט ער זיך מיט איר גענומען שפּילן, וואַרפנדיק איר אין לופט און כאַפּנדיק זי צוריק מיט די הענט.

— אַך, גאָט מיינער... ווי באַנאַל דאָס איז אַלץ, — האָט זיך דערהערט זוואַנצעווס קאַפּריזער קול.

פּאָמאַ האָט דערשפּירט, אַז ער האָט אים פּײַנט... אים און זײַ אַלעמען, אויסער סאַשען, וואָס האָט אין אים דערוועקט אַזאַ נעפּלדיק געפיל, אין וועלכן ס'איז געווען אי פאַרוואונדערונג איבער איר, אי פּחד, אַז זי זאָל ניט אָפּטאָן עפּעס אַזוינס אומדערוואַרטס און שרעקלעכס.

— בהמה! — האָט קוויטשענדיק אַ געשריי געטאָן זוואַנצעוו, און פּאָמאַ האָט דערזען, ווי ער האָט אַ שטויס געטאָן דעם פויער אין ברוסט, נאָך וואָס דער פויער האָט ווי אַ שולדיקער אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך אָפּגעטראָגן אָן אַ זײַט...

— שו=טה! — האָט, נאָכגייענדיק אים און פאָכנדיק מיט דער האַנט, געשריען זוואַנצעוו.

פּאָמאַ איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און הויך, און דראָענדיק געזאָגט:

— דו! טשעפּע אים ניט!

— וואָס=ס? — האָט זיך זוואַנצעוו אַקער געטאָן צו אים.

— סטעפּאַן, קום אַהער! — האָט פּאָמאַ גערופן.

— פויער! — האָט מיט פאַראַכטונג צוגעוואָרפן זוואַנצעוו, קוקנדיק אויף פּאָמען.

פּאָמאַ האָט מיט אויפגעהויבענע אַקסלען גענומען שפּרײַזן צו אים... און פלוצלונג האָט אין זײַן קאָפּ העל אויפגעבליצט אַ געדאַנק; ער האָט בײַז זיך צעשמייכלט און שטיל געפרעגט סטעפּאַנען:

— אין דריי ערטער איז די קייט פאַראייניקט?

— אין דריי, ווי דען?

— האַק איבער די קנופּן...

— און זיי?...

— שוויַג! האַק איבער...

— אָבער...

— האָק איבער: שטילער... מען זאָל ניט באַמערקן.

דער פויער האָט גענומען די האַק אין די הענט, איז ניט איילנדיק צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו די קייט איז געווען פעסט צוגעבונדן צו אַ צווייטער קייט, און אַ זעץ טוענדיק עטלעכע מאָל מיט דער האַק, האָט ער זיך אויסגעדרייט נאָכהער צו פאַמען.

— איך, אייער הערשאַפט, בין ניט פאַראַנטוואָרטלעך — האָט ער זיך אָפּגערופן.

— האָב קיין מורא ניט...

— שוין... — האָט דער פויער געפּליסטערט מיט אַ פּחד און זיך האַסטיק איבערגעצלמט. און פאַמאַ האָט געקוקט און שטיל געלאַכט און איבערגעלעבט אַן אומהיימלעך געפיל, וואָס האָט שאַרף און ברענענדיק געקיצלט אים דאָס האַרץ מיט עפּעס אַן אויסטערלישן, אָנגענעמען און זיסן פּחד.

די לייט אויפן פּליט זיינען נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, באַוועגנדיק זיך לאַנגזאַם, שטופּנדיק איינער דעם צווייטן, העלפנדיק די דאַמען אָנטאָן זיך, לאַכנדיק און שמועסנדיק, און דער פּליט האָט זיך שטיל און ניט אַנטשלאָסן געדרייט זיך איבערן וואַסער.

— אויב ס'וועט זיי אָנטראָגן אויף אַ קאַראַוואַן, — האָט דער פויער געשעפּטשעט, — וועלן זיי פון צוזאַמענשטויס צעזעצט ווערן אויף שטיקלעך...

— שווייג...

— זיי וועלן דערטרונקען ווערן...

— וועסט נעמען אַ שיפל און זיי דעריאָגן...

— אַזוי... אַדאַנק... ס'איז, הייסט עס, אַזוי זיך? אָבער זיי זיינען דאָך פונדעסטוועגן מענטשן... אויף פאַר זיי וועט מען דאַרפן ענטפערן...

אַ צופרידענער, און פריילעך שמייכלענדיק, האָט זיך דער פויער שפּרינגענדיק אַ וואָרף געטאָן איבערן פּליט צום ברעג. פאָמאַ איז געשטאַנען איבערן וואַסער און אים האָט זיך זייער געוואָלט עפּעס אַ געשריי טאָן, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געוואָלט, אַז דער פּליט זאָל אָפּשווימען וואָס ווייטער, כדי די דאָזיקע שיכורע לייט זאָלן ניט קענען אַריבערשפּרינגען פון אים אויף די

נאָך פֿאַראייניקטע פֿליטן. ער האָט איבערגעלעבט עפּעס אַן אָנגענעם געפֿיל, וואָס האָט אים געצערטלט, זעענדיק, ווי דער פֿליט באַוועגט זיך שטיל איבערן וואַסער און רוקט זיך אָפּ פֿון אים מיט יעדער רגע אַלץ ווייטער. צוזאַמען מיט די מענטשן אויפֿן פֿליט איז פֿון זיין ברוסט ווי אָפּגעשוואומען אַלץ, וואָס איז אים געווען אַזוי שווער און פֿינסטער און וואָס האָט פֿול געמאַכט זיין האַרץ. ער האָט רויִק אַריינגעאָטעמט דעם פֿרישן אוויר און צוזאַמען מיטן אַוויר אויך עפּעס געזונטס, וואָס האָט אויסגעניכטערט זיין קאָפּ. אויפֿן סאַמע ברעג פֿון אַוועקשווימענדיקן פֿליט איז געשטאַנען מיטן רוקן צו אים סאַשאַ; ער האָט געקוקט אויף איר שיין געשטאַלט און האָט זיך ניט ווילנדיק דערמאָנט אָן מעדינסקאַיאַן. יענע איז געווען נידעריקער אין וואוקס... די ערינערונג אָן איר האָט אים געשטאָכן און ער האָט מיט אַ הויכן חוזק־טאָן אויסגערופֿן:

— ע, איר! אַ גוטן אַייך... כאַ־כאַ־כאַ!...

די טונקעלע פֿיגורן פֿון די מענטשן האָבן זיך פּלוצלונג און אַלע אויף אַמאָל אַ ריר געטאָן צו אים און זיך צונויפֿגעשטויסן אין אַ קופּקעלע אויפֿן מיטן פֿליט. נאָר צווישן זיי און פֿאָמען האָט שוין קאַלט געגלאַנצט אַ פּאַס וואַסער, די ברייט כמעט פֿון אַ קלאַפֿטער. אייניקע רגעס האָט זיך געצויגן אַ שטילשווייגן...

און פּלוצלונג האָט זיך אויף פֿאָמען אַ שאָט געטאָן אַ גאַנצער שטורעם פֿון קלאַנגען, קוויטשענדיקע, הויל מיט חיהשן שרעק, ילל־הדיקע ביז עקל, און העכער פֿאַר אַלעמען און עקלדיקער פֿון אַלע האָט געשניטן דעם אויער דער דינער, זיך ברעקלענדיקער קול פֿון זוואַנצעוון:

— ראַ־טעוועט...

עמעצער — אַפּנים דער סאָלידער הער מיט די באַקנבערד — האָט געברומט מיט אַ באַס:

— מען דערטרינקט אונז... מען דערטרינקט מענטשן...

— איר זייט דען מענטשן? — האָט ביין זיך אָפּגערופֿן פֿאָמאַ, אָן איבערגערייצטער פֿון די געשרייען, וועלכע האָבן אים ווי געביסן.

די מענטשן האָבן אין וואַנזיניקער שרעק געוואָרפֿן זיך איבערן פֿליט; ער האָט זיך געוויגט אונטער זייערע פֿיס און איז דערפֿון

געשוואומען גיכער, און מען האָט געהערט, ווי דאָס אויפגערודערטע וואַסער האָט געפּאַטשט איבער אים און געפּליוסקעט אונטער אים. די קולות האָבן געריסן די לופט, די מענטשן זיינען געשפּרונגען, מאַכנדיק מיט די הענט, און נאָר די שלאַנקע געשטאַלט פון סאַשען איז אומבאַוועגלעך און שטום געשטאַנען אויפן ברעג פּליט.

— לאָזט געריסן די ראַקעס! — האָט פּאָמאַ געשריען. — אים איז געוואָרן אַלץ לייכטער און אַלץ פריילעכער, וואָס ווייטער דער פּליט איז אַוועק פון אים.

— פּאָמאַ איגנאַטיעוויטש! — האָט מיט אַ ניט־פעסטער, אָבער ניכטערער שטים גערופן אוכטישטשעוו, — זעט, דאָס איז אַ געפערלעכע שפּיל... איך וועל זיך קלאָגן אויף אייך...

— ווען איר וועט ווערן דערטרונקען? ביטע, קלאָגט זיך! — האָט פּאָמאַ פריילעך געענטפערט.

— ביסט אַ רוצח... — האָט וויינענדיק געשריען זוואַנצעוו. אין דער צייט האָט זיך דערהערט אַ קלינגענדיקער פּלעסק איבערן וואַסער, ווי דאָס וואַסער וואָלט אַ קרעכץ געטאָן פון שרעק אָדער פאַרוואונדערונג. פּאָמאַ האָט אויפגעציטערט און געבליבן ווי פאַרשטאָרבן. דאַן האָט זיך דערהערט אַ פאַרשיכורנדיקער ווילדער ברום פון אַ פרוי, מאַנסבילשע געשרייען פול מיט פּחד, און אַלע פיגורן אויפן פּליט זיינען געבליבן פאַרגליווערט, יעדערער, ווי ער איז געשטאַנען. קוקנדיק אויפן וואַסער, האָט פּאָמאַ אויך דערשפּירט זיך ווי פאַרשטיינערט. איבערן וואַסער איז געשוואומען צו אים עפּעס אַ שוואַרצע געשטאַלט, אַרומרינגלענדיק זיך מיט וואַסער־שפּריצן...

גיכער אינסטינקטיוו, איידער באַוואוסטזיניק, האָט פּאָמאַ זיך אַ שליידער געטאָן מיט דער ברוסט אויפן קלאָץ פון פּליט און אויסגעשטרעקט די הענט פאָראויס און געבליבן אַזוי הענגען מיט קאָפּ איבערן וואַסער. ס'זיינען אַריבער עטלעכע אומענדלעך לאַנגע רגעס... קאַלטע, פייכטע הענט האָבן אַרומגעכאַפּט זיין האַלז און טונקעלע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אים אין פּנים... דאַן האָט ער פאַרשטאַנען — דאָס איז געווען סאַשאַ.

דער טעמפּער פּחד, וואָס האָט אים פריער געהאַט באַהערשט, איז איצט פאַרשוואונדן, פאַרביטן ווערנדיק אויף אַ ווילדער, בונטאַרישער

פרייד. ער האָט אָנגעכאַפּט די פרוי פאַר דער טאַליע, אַרויסגעריסן זי פון וואַסער, צוגעדריקט זי צום ברוסט און מיט פאַרוואונדערונג, ניט ווּיסנדיק, וואָס איר צו זאָגן, געקוקט איר אין די אויגן. זיי האָבן צאַרט געשמייכלט צו אים...

— מיר איז קאַלט... — האָט סאַשאַ שטיל געזאָגט און געטרייסלט זיך מיטן גאַנצן גוף.

פּאָמאַ האָט אַ גליקלעכער זיך צעלאַכט ביים קלאַנג פון איר שטים, האָט זי אַ וואָרף געטאָן אויף די הענט און שנעל, כמעט לויפנדיק, זיך געוואָרפן איבער די פּליטן צום ברעג. זי איז געווען אַ פייכטע און אַ קאַלטע, ווי אַ פיש, נאָר איר אָטעם איז געווען הייס, און געברענט פּאָמעס באַק און אָנגעפילט זיין ברוסט מיט אַ שטורעמדיקער פרייד.

— האָסט מיך געוואָלט דערטרינקען? — האָט זי געפרעגט, דריקנדיק זיך צו אים שטאַרק. — נאָך צו פרי... וואַרט אַ ביסל...

— ווי גוט דו האָסט דאָס געמאַכט, — האָט פּאָמאַ געפלאַפּלט לויפנדיק. — אַ בריה!

— און דו האָסט אויך ניט שלעכט צוגעטראַכט... כאָטש לויטן אויסזען ביסטו אַזאַ... שטילינקער...

— און זיי — שרייען נאָך אַלץ, כאַ־כאַ!

— כאַפּט זיי דער טייוול! זיי וועלן דערטרונקען ווערן — וועלן מיר ביידע גיין אין סיביר.... — האָט די פרוי געזאָגט, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט אירע ווערטער טרייסטן אים און אויפמונטערן. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן, און דער ציטער פון איר לייב, וואָס פּאָמאַ האָט איבערגעלעבט, האָט אים געצוואונגען שנעלער צו לויפן מיט איר.

פון טייך האָבן זיך געטראָגן נאָך אים יללות און געשרייען נאָך הילף. איבערן רויקן וואַסער, דערווייטערנדיק זיך פון ברעג, איז דאָרט מיטן שטראָם געשוואומען אין חושך אַ קליינער אינזל, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך געשליידערט פינסטערע מענטשלעכע געשטאַלטן.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט איבער זיי.

IX.

איינמאָל, נאָך האַלבן טאָג, אין אַ זונטאָג, האָט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש מאַיאַקין געטרונקען טיי ביי זיך אין סאָד און געשמועסט מיט זיין טאָכטער. צעשפּילעט דעם קראַגן פון העמד און אַרומגעוויקלט די האַלז מיט אַ האַנטעך, איז ער געזעסן אויפן באַנק אונטער אַ צודעק פון גרינע קאַרשנביימער. ער האָט מיט די הענט געפאָכט אין דער לופט, זיך געווישט דעם שוויס פון פּנים און כסדר געוואָרפן אין אוויר האַסטיקע ווערטער.

— אַ נאַר און אַ מנוול איז דער, וואָס דערלויבט זיין בויך צו זיין איבער זיך באַלעבאָס. ס'איז שוין קיין בעסערס ניטאָ אויף דער וועלט ווי נאָר זויפן און פרעסן? מיט וואָס וועסטו שטאָלצירן פאַר מענטשן, אויב דו ביסט — ווי אַ חזיר?

דעם אַלטנס אויגן האָבן געפינקלט צערייצט און בייז, זיינע ליפּן האָבן זיך געקרימט מיט שנאה און די קנייטשן פון זיין פינסטערן פּנים האָבן געציטערט.

— וואָלט פאָמקאַ געווען מיר אַן אייגענער זון — וואָלט איך אים שוין אָנגעלערנט!

שפּילנדיק זיך מיט אַ צווייג פון אַן אַקאַציע, האָט ליובאָוו שווייגנדיק זיך צוגעהערט צום פאָטערס רייד, און באַטראַכט זיין אויפגעצאָרנטן, ציטערדיקן פּנים אויפמערקזאַם און אָפּוואַרטנדיק. ווערנדיק עלטער, האָט זי, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, איבערגעביטן איר קאַלטע אומצוטרוילעכע באַציִונג צום אַלטן. אין זיינע רייד האָט זיך איר אַלײן אָפטער געהערט יענער געדאַנק, וועלכער איז געווען אין די ביכלעך, און דאָס האָט איר איבערגעצויגן מער אויפן צד פון פאָטער. ניט ווילנדיק האָט דאָס איר געצוואונגען זיין לעבעדיקע

שפּראַך צו שטעלן העכער פון די קאַלטע אותיות אין די ביכער. שטענדיק אַ פּאַרקאָכטער אין די עסקים, שטענדיק אַ לעבעדיקער און קלוגער, האָט ער איינזאַם געשפּרייזט איבער זיין וועג, און זי האָט געזען זיין איינזאַמקייט, געוואוסט, ווי שווער דאָס איז, און איר באַציִונג צום פאָטער איז געוואָרן וואַרעמער. שוין צייטנווייז פלעגט זי פירן מיטן אַלטן וויכּוחים; ער האָט זיך שטענדיק באַצויגן צו אירע מיינונגען מיט ביטול און מיט חוזק, נאָר מיט יעדן מאָל אַלץ מער אויפמערקזאַמער און ווייכער.

— ווען דער פאַרשטאָרבענער איגנאַט וואָלט איבערגעלייענט אין צייטונג וועגן דער אויפפירונג פון זיין זון — וואָלט ער אים דערהרגעט! — האָט מאַיאַקין גערעדט, קלאַפנדיק מיטן פויסט איבערן טיש. — ווי מען האָט זיך דאָס פונאַנדערגעשריבן? אַ חרפּה.

— ס'קומט אים! — האָט ליובאָוו זיך אָפּגערופן.

— איך זאָג דען, אַז ניט! מען האָט אים אויסגעזידלט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער ווער האָט זיך דאָס אַזוי פונאַנדערגעלאָזט?

— איז אייך דען ניט אַלץ איינס? — האָט דאָס מיידל געפרעגט.

— אינטערעסאַנט צו וויסן... ווי לעבעדיק, האָט דאָס דער זשוליק פאָרגעשטעלט פאָמקעס פירונג... אָפּנים — אַליין מיט אים געהוליעט און געווען אַן עדות פון דער דאָזיקער הולטײַסטווע...

— נו-נו, אַזאַ וועט מיט פאָמען ניט גיין הוליען! — האָט ליובאָוו איבערצייגט זיך אָפּגערופן און רויט געוואָרן פון אַלטנס פאָרשנדיקן בליק.

— גיי שוין! נישקשהדיקע באַקאַנטשאַפטן פירסטו, ליובקאַ! — האָט דער אַלטער סאַטיריש גיפטיק געזאָגט. — נו, ווער האָט דאָס אָנגעשריבן?

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן, פּאַפּאַשאַ?

— נו, זאָג!

איר האָט זיך ניט געוואָלט ריידן, אָבער דער פאָטער איז ניט אַנדערש באַשטאַנען אויף זיינס, און זיין שטים איז געוואָרן אַלץ טרוקענער און צאָרנדיקער. דאַן האָט זי אים אומרויִק אַ פרעג געטאָן:

— אָבער איר'ט אים גאָרנישט טאָן?

— איך? איכ'ל אים... דעם קאָפּ אָפּבייסן! שו־טה! וואָס קען איך אים טאָן? זיי, די שרייבער, זיינען ניט קיין נאַריש פאָלק, און במילא — אויך אַ כּוח... אַ כּוח, טייוואָלים! און איך בין ניט קיין גובערנאַטאָר... און אַפילו דער קאָן אים אויך ניט אויסדרייען אַ האַנט אָדער דעם צונג פאַרבינדן... זיי זיינען, ווי די מייז, גריזשען אונז ביסלעכווייז... און אָפּסמען זיי קומט אויך אויס ניט מיט שוועבעלעך, נאָר מיט מטבע... נ־יאָ! נו, ווער־זשע איז ער?

— איר געדענקט, ווען איך האָב זיך געלערנט, פלעגט קומען צו אונז אַ גימנאַזיסט, יעזשאָוו? אַ שוואַרצינקער אַזאַ...

— ממ... געזען אים, ווי דען! . איך ווייס... אַזוי — ער איז דאָס?

— ער...

— סאַראַ מייזל!... שוין דאַן האָט מען געזען, אַז פון אים וועט קיין טאָלק... ניט אַרויסקומען... שוין דאַן איז ער געווען ניט קיין לייט... אַ באַוועגלעכער יאַט געווען... איך האָב זיך דאַן גע־דאַרפט מיט אים מער פאַרנעמען... אפשר וואָלט פון אים געוואָרן אַ מענטש...

ליובאָוו האָט פיינדלעך אַ שמייכל געטאָן. זי האָט פאַרריסן אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער און געפרעגט:

— אַז מען שרייבט אין די בלעטער, איז מען ניט קיין מענטש?

דער אַלטער האָט איר לאַנג ניט געענטפערט, האָט אַ פאַר־קלערטער געפויקט מיט די פינגער איבערן טיש און באַטראַכט זיין אייגענעם פנים, וואָס האָט זיך געשפיגלט אין העל־אויסגעשייערטן מעש פון סאַמאָוואַר. נאַכהער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגע־שפּיצט די אויגן און מיט זיכערקייט און אַזאַרט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס זיינען ניט קיין מענטשן — נאָר מכּות! דאָס בלוט איז איבערגעפירט געוואָרן ביי די מענטשן, די רוסישע. איבערגעפירט, פאַרביטן געוואָרן, און פון שלעכטן בלוט קומען דאָס אַרויס אָט די אַלע ביכער און צייטונגסלייט, די ווילדע אַסקעטן... אומעטום גייען זיי אויף און רייסן אַלץ מער, ווי געשווירן... פונוואַנען איז קאַליע דאָס בלוט? פון לאַנגזאַמער באַוועגונג... פונוואַנען, למשל, זיינען דאָ מוקן? פון בלאָטע... אין אַ שטייענדיק וואַסער קלייבט זיך אָן כּלערליי שמוץ... אַזוי אויך אין דעם ניט־אײַנגעאָרדנטן לעבן...

— איר רעדט ניט ריכטיק, פּאַפּאַשאַ! — האָט ווייך זיך אָפּגערופן ליובאָוו.

— וואָס הייסט — ניט ריכטיק?

— שרייבער — דאָס זיינען אָרנטלעכע לייט... דאָס זיינען ליכטיקע פּערזענלעכקייטן! זיי דאַרפן דאָך קיין זאַך ניט — זיי זיינען אויסן בלויז דעם אמת... נאָר דעם אמת!... זיי זיינען ניט קיין מוקן...

ליובאָוו האָט זיך נערווירט, לויבנדיק די מענטשן, אין וועמען זי איז געווען פאַרליבט; איר צורה האָט זיך באַדעקט מיט אַ רויטקייט, און אירע אויגן האָבן געקוקט אויפן פאָטער מיט אַזאַ געפיל, ווי זי וואָלט זיך געבעטן, ער זאָל איר גלויבן, ניט זייענדיק אַליין ביכולת איבערצוצייגן אים.

— ע־עך דו! — האָט מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטאָן מאַיאַקין, איבערשלאָגנדיק איר. — האָסט זיך אָנגעלייענט! — האָסט זיך פאַרסמט! דו זאָג מיר — ווער זיינען זיי? אומבאַוואוסט! אָט יע־זשאָוו... וואָס איז ער אַזוינס? פון אונזער גאָט — האַלטן זיי ניט! נאָר דעם אמת דאַרפן זיי, — זאָגט איר? אַזעלכע באַשיידענע זיינען זיי דאָס?! און אויב ער, דער אמת, איז דאָס סאַמע טייערסטע?... אפשר, קען זיין, זוכט אים יעדער איינער שווייגנדיק? דו גלויב מיר — אַ מענטש אָן פניות קען ניט זיין... פאַר יענעמס וועט ער זיך ניט גיין שלאָגן... און אויב יאָ — הייסט ער אַ שוטה און קיין לייט וועט שוין פון אים קיינמאָל ניט ווערן! מען דאַרף, אַז אַ מענטש זאָל אַליין קענען פאַר זיך באַשטיין... פאַר זיין אייגנס... דאַן וועט ער זיך צו עפּעס דערשלאָגן! אָט — דאָס איז דער אמת! שוין כמעט פערציק יאָר, אַז איך לייען אין די זעלבע צייטונג און איך זע גוט... אָט איז פאַר דיר מיין צורה און אַנטקעגן מיר — אויפן סאַמאָוואַר דאָרט — אויך מיין פנים, אָבער אַן אַנדערער... אַזוי אויך די צייטונגען, זיי גיבן צו אַלץ צו אַ סאַמאָוואַר־פּרצוף און דעם אמתן — זעען זיי ניט... און דו גלויבסט זיי... אָבער איך וויים — אין סאַמאָוואַר איז מיין פּרצוף איבערגעפירט. דעם ריכטיקן אמת טאָר מען קיינעם ניט זאָגן: מענטשן האָבן אויף דעם אַ צו דינעם שלונגער... און בכלל ווייס קיינער ניט דעםווירקלעכן אמת...

— פּאַפּאַשאַ! — האָט מיט בענקשאַפֿט אויסגערופֿן ליובאָוו. — אין די ביכער און אין די בלעטער פֿאַרטיידיקט מען דאָך אַלגעמיינע אינטערעסן פֿאַר אַלע מענטשן.

— און אין וועלכן בלאַט איז אָנגעשריבן וועגן דעם, וואָס דיר איז אומעטיק צו לעבן און אַז ס'איז שוין לאַנג צייט פֿאַר דיר חתונה צו האָבן? אָט פֿאַרטיידיקן זיי ניט דיינע אינטערעסן! עך דו! — און אַפֿילו מיינע פֿאַרטיידיקן זיי ניט... ווער ווייס, וואָס איך וויל? ווער, אויסער מיר, פֿאַרשטייט מיינע אינטערעסן?

— ניין, פּאַפּאַשאַ, דאָס איז אַליין ניט דאָס, ניט דאָס! איך קען אייך ניט אויפֿקלערן, נאָר איך שפּיר — דאָס איז ניט דאָס! — האָט ליובאָוו גערעדט כמעט מיט אַ פֿאַרצווייפֿלונג.

— דאָס איז עס! — האָט דער אַלטער האַרט גערעדט. — רוס־לאַנד האָט זיך איבערגעקערט, — ניטאָ אין איר קיין פֿעסטעס: אַליין האָט זיך אַ טרייסל געטאָן! אַלע לעבן קרום, אויף איין זייט גייט מען, ניטאָ קיין שום גלייכקייט אין לעבן... אַלע שרייען בלויז מיט פֿאַר־שיידענע קולות. און ווער וואָס ס'וויל — פֿאַרשטייט קיינער ניט! אַ נעפּל ליגט אויף אַליין... אַלע אָטעמען נעפּל, דערפֿון איז דאָס בלוט ביי די מענטשן פֿאַרפֿוילט געוואָרן... דערפֿון זיינען די געשווירן... די מענטשן איז געגעבן געוואָרן אַ גרויסע פֿרייהייט צו קלערן, אָבער טאָן איז זיי קיין זאַך ניט דערלויבט — דעריבער לעבט ניט דער מענטש, נאָר אַייטערט און שטינקט...

— וואָס־זשע דאַרף מען טאָן? — האָט דאָס מיידל געפֿרעגט, אָנלענענדיק זיך אָן טיש און צובויגנדיק זיך צום טאַטער.

— אַליין! — האָט דער אַלטער מיט האַסט אויסגעשריען — אַליין טו!... זאָל יעדער זיך אַ נעם טאָן צו וואָס ער טויג! און צוליב דעם דאַרף מען געבן די מענטשן פֿרייהייט... פֿולע פֿרייהייט! אויב ס'איז שוין געקומען אַזאַ צייט, ווען יעדער גאָרנישט מיינט ביי זיך, אַז ער קען אַליין און איז באַשאַפֿן פֿולשטענדיק צו באַלעבאַ־טעווען מיטן לעבן — זאָל מען אים, דעם פּגר, געבן פֿרייהייט! נאַ, הינטישער זון, לעב! אַנו, לעב! אַ־אַ! דאַמאָלסט וועט זיך אָפּ־שפּילן אַזאַ קאָמעדיע: דערשפּירנדיק, אַז די קייטן זיינען פֿון אים אַראָפּגענומען, — וועט ער זיך פֿאַררייסן העכער פֿון זיינע אייגענע אויערן

אין אַ פּלי טאָן מיט דער פּעדער אַהין און אַהער... וועט מיינען, אַז ער איז אַ גאַנצער בעל־מופת און וועט אָנהייבן אַרויסווייזן זיין גייסט...

דער אַלטער האָט געמאַכט אַ פּויזע און מיט אַ פאַלשן שמייכל פאַרגעזעצט שטילער:

— אָבער דער גייסט ביי דעם דאָזיקן בויער איז זייער אַ פּי־צינקער. ער וועט זיך בלאָזן איין טאָג, אַ צווייטן, וועט זיך וואַרפן אין אַלע זייטן — און פון האַסטיקייט אַליין ווערן אָפּגעשוואַכט, דער אָרעמער! אַ הערצל האָט ער אַ פאַרפוילטס... כע־כע־כע! דאָ־אָ וועלן אים, כע־כע־כע! — דעם גאָלובטשיק פּאַקן די ריכטיקע, ווערדיקע לייט, די אמתע מענטשן, וועלכע קענען... זיין די ריכטיקע, פאַרנעמע באַלעבאַטים פון לעבן... די וועלכע וועלן אָנפירן דאָס לעבן ניט מיט אַ שטעקן, ניט מיט אַ פּעדער, נאָר מיט אַ פינגער און מיט שכל. וואָס? אפשר וועלן זיי זאָגן די הערן, אַז זיי זיינען פאַרמאַטערט? וואָס אפשר וועלן זיי זאָגן, דער מילך האַלט ניט אויס אַזאַ היין? אַזוי־וי... און העכערנדיק דעם קול, האָט דער אַלטער מיט אַ הערשערישן טאָן באַרענדיקט זיין דרשה:

— נו, און איצט זאָלט איר, אַזוינע און אַזוינע, — שווייגן און ניט טאָן קיין פּיפּס! אַניט וועלן מיר אייך אָפּטרייסלען פון דער ערד, ווי ווערעם פון די ביימער! שטיל, גאָלובטשיקעס! כע־כע־כע! אָט אַזוי, וועט עס זיין, ליובאָווקאַ! כע־כע־כע!

אים איז געווען פריילעך, דעם אַלטן. זיינע קנייטשן האָבן גע־שפּילט און פאַרבלינענדיק זיך פון זיינע רייד, האָט ער אינגאַנצן אויפגעצאַפּלט, פאַרמאַכט די אויגן און געשמאָקעט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געסמאַקעוועט זיין חכמה...

— נו, און דאַן וועלן די יעניקע, וועלכע וועלן אין דער סומאַטאָכע נעמען די אייבערהאַנט, — אַיינאָרדענען זיך דאָס לעבן לויט זייער גוסט, מיט שכל... ס'וועט גיין אַליין ניט אַבי־ווי, נאָר אויסגערעכנט. אַ שאָד, וואָס מירן ניט דערלעבן ביז דאַן!...

דעם פאָטערס ווערטער זיינען אויף ליובאָוון געפאַלן איינס נאָכן אַנדערן, ווי שלייפן פון אַ גרויסער נעץ, — געפאַלן, אַרומפלעכטנ־דיק איר, און דאָס מיידל, ניט קענענדיק זיך באַפרייען פון זיי, האָט געשוויגן, אַ באַטויבטע פון פאָטערס כסדרדיקן ריידן. קוקנדיק אים

אין פּנים מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק, האָט זי געזוכט פאַר זיך אַן אָנלען אין זיינע ווערטער, און געהערט אין זיי עפּעס געמיינזאַמס מיט דאָס, וואָס זי האָט געלייענט אין די ביכער און וואָס האָט איר אויסגעוויזן פאַרן ריכטיקן אמת. נאָר דעם פּאָטערס בייזאַרטיקער יובל־געלעכטער האָט איר געריסן דאָס האַרץ, און די קנייטשן, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן איבער זיין פּנים, ווי קליינינקע, פינסטערע שלענגלעך, האָבן אַריינגעימפּט אין איר עפּעס אַ מורא פאַר זיך. זי האָט געשפּירט, אַז ער קירעוועט איר אָפּ ערגעץ־וואו אָן אַ זייט פון דעם, וואָס איר האָט זיך אין רעיון שוין אויסגעוויזן אַזוי פּשוט און קלאָר.

— פּאַפּאַשאַ! — האָט פּלוצלונג דאָס מיידל געבעטן דעם אַלטן, אונטערגעבנדיק זיך איר פּלוצלונג אויפגעפלאַמטן געדאַנק און פאַרלאַנג, — פּאַפּאַשאַ! און וואָס... וואָס איז, לויט אַייער מיינונג, טאַראַס?

מאַיאַקין האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. זיינע וויעס האָבן מינסטער זיך אַ ריר געטאָן, ער האָט שאַרף אָנגעשטעלט אויף דער טאָכטערס געזיכט זיינע שפּיציקע אייגעלעך און טרוקן איר אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד?

— מען טאָר גאָרנישט ריידן וועגן אים? — האָט שטיל און צעטומלט געפרעגט ליובאָוו.

— איך וויל וועגן אים ניט ריידן... און דיר ראָט איך אויך ניט! — האָט דער אַלטער געדראָט דער טאָכטער מיטן פינגער און אַ פאַרוואָלקנטער אַראָפּגעלאָזט צאָרנדיק זיין קאָפּ. נאָר זאָגנדיק, אַז ער וויל ניט ריידן וועגן זון, האָט ער, קענטיק, ניט ריכטיק זיך אַליין פאַרשטאַנען און האָט נאָך אַ רגע שווייגן זיך צערעדט צאָרנדיק און בייז:

— טאַראַסקאַ — איז אויך אַ געשוויר... ס'אָטעמט אויף אַייך, שנעקעס, דאָס לעבן, און איר קענט ניט אונטערשיידן זיינע אמתע ריחות און איר שלינגט כסדר פאַסקודסטווע, דערפאַר איז ביי אַייך אַ צעמישעניש אין די מוחות... דערפאַר זייט איר צו קיין זאַך ניט פעיִק און אומגליקלעך פון דער אומפעיִקייט... טאַראַסקאַ... יאָ־אָ!... אים איז

איצט אַ יאָר פּערציק... פאַר מיר איז ער אַ פאַרלאָרענער... אַ קאַ־טאָרזשניק... צי דען איז דאָס מיינער אַ זון? אַ פלאַטשיק־נאָזיקער חזירל...ניט געוואָלט ריידן מיטן טאַטן—איז ער געשטראָכלט געוואָרן...

— וואָס האָט ער געטאָן? — האָט ליובאָוו געפרעגט, זיך אײַנ־הערנדיק נייגעריק צום אַלטן...

— ווער ווייס אים? ער פאַרשטייט זיך אַליין אויך ניט... דער חכם... וויבאַלד ער איז אַזאַ חכם געוואָרן... איז אַ סימן, אַז ער איז אַ זון ניט פון קיין נאַרישן טאַטן... ער האָט אַ סך צרות געליטן... מען באַלעוועט זיי, די ניהיליסטן... ווען איך יואָלט זיי אָנגעטראָפן... וואָלט איך זיי שוין באַוויזן... אין אַ ווילסטעניש! אין אַ ווילסטעניש וואָלטן זיי בײַ מיר מאַרשירט!... נו, חכמים, וואָס איר זייט! אָרדנט אײַך אײַן דאָרט דאָס לעבן לויט אײַער כאַראַקטער. נו־זשע! איך וואָלט דאָרט איבער זיי באַשטימט געזונטע פויערים פאַר נאַטשאַלני־קעס... שוין־זשע אויף דעם האָבן מיר, ערלעכע מענטשן, געגעבן אײַך צו עסן און צו טרינקען, און געלערנט אײַך? — וואָס האָט איר זיך אָבער אויסגעלערנט? זייט אַזוי גוט, ס'איז דאָך עפּעס אַ חוב... נ־יאָ, איך וואָלט זיי קיין צעבראָכענעם גראָשן ניט גע־שענקט, נאָר וואָלט פון זיי דעם גאַנצן זאַפט אויסגעקוועטשט — גיב אַוועק! אַ מענטשן טאָר מען ניט גרינגשעצן... אין טורמע אים אַרײַנ־זעצן — איז נאָך ווייניק! האָסט עובר געווען אויפן געזעץ, יאָ, פרייַ מייַנער? ניין, דו אַרבעט מיר אָפּ... פון איין זוימען ווערט געבאָרן אַ גאַנצער זאַנג, און מען קאָן ניט דערלאָזן, אַז אַ מענטש זאָל פאַרפאַלן ווערן — אָן נוצן!... אַ באַרעכנטער סטאָלער געפינט אַן אָרט פאַר יעדן שפּענדעלע. אַזוי דאַרף אויך יעדער מענטש ווערן פאַרטאָן מיט נוצן אינגאַנצן ביז זיין לעצטן אָדערל. יעדע שמאַטע האָט זיין אָרט אין לעבן, און אַ מענטש איז ניט קיין שמאַטע... עך! שלעכט ווען דער כוח לעבט אָן שכל, יאָ, ניט גוט איז אויך, ווען דער שכל איז אָן כוח. אָט, למשל, פאָמקאַ... זע נאָר, ווער קריכט דאָס דאָרט...

ליובאָוו האָט זיך אומגעקוקט און דערזען ווי אויפן שטעגל פון סאָד גייט יעפים, דער קאַפּיטאַן פון „יערמאַק". ער האָט אַראָפּ־גענומען דאָס היטל און מיט דרך־ארץ איר געגריסט. זיין פּנים האָט

אויסגעוויזן ווי עפעס האָפענונגסלאָז־שולדיק און אינגאַנצן איז ער געווען ווי עפעס אַ דערשלאָגענער. יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט אים דערקענט, און ווערנדיק אומרויִק באַלד אַ געשריי געטאָן:

— וואָס איז געשען? פונוואַנען קומט איר?

— אַזוי זיך — איך גיי צו אײַך! — האָט יעפים, פאַרנייגנדיק זיך נידעריק, געענטפערט, בלײַבנדיק שטיין בײַם טיש.

— נו, איך זע, אַז צו מיר... וואָס איז? וואו איז דער דאַמפער?

— דער דאַמפער איז — דאָרטן! — יעפים האָט מיטן האַנט באַוויזן ערגעץ אין דער לופט, הייבנדיק שווער אַ פוס אויף אַ פוס?

— וואו, צום טייוול? רייד דבורים — וואָס איז געשען? — האָט דער אַלטער מיט צאָרן געשריען.

— עפעס — אַן אומגליק, יאַקאָוו...

— צעבראָכן זיך?

— ניין, גאָט באַהיט...

— פאַרברענט? נו, צי ניט די עצמות, גיכער...

יעפים האָט אָנגעזאַמלט אין ברוסט אַ סך לופט און פאַמעלעך אַרויס מיט לשון:

— די בערלינע נומ. 9 האָט מען... דערטרונקען... צעבראָכן. אַ מענטש — די פלייצע איבערגעבראָכן... איינער איז פאַרפאַלן געוואָרן, מסתמא, דערטרונקען זיך... נאָך פינף מענטשן זיינען צוּמזיקט געוואָרן, נו, ניט אַזוי אינגאַנצן... נאָר פונדעסטוועגן, נישקשה־דיק אַ ביסל...

— אַ־ווי־ווי! — האָט מאַיאַקין אויסגעצויגן, אָפּמעסטנדיק דעם קאַפיטאַן מיט רציחהדיקע אויגן. — נ־נו, יעפימושקאַ, איך וועל דיר די הויט אָפּשינדן...

— ניט מיין שולד! — האָט יעפים האַסטיק זיך פאַרענטפערט.

— ניט דיין שולד? — האָט דער אַלטער געשריען, טרייסלענדיק זיך דורכאויס. — ווער־זשע דען?

— דער באַלעבאָס אַליין...

— פאָמקאַ?! און דו... דו וואָס?

— איך בין געלעגן אויפן דעק...
— אַ־אַ! דו ביסט געלע־גן...
— אַ געבונדענער...
— וואָס־ס? — האָט דער אַלטער אַ קוויטש געטאָן מיט אַ דינעם קולכל.

— דערלויבט לויטן סדר... אַזוי... זיי זיינען געווען שיכּור און האָבן געשריען: אַוועק פונדאַנען! איך וועל אַליין קאָמאַנדעווען! איך ענטפער זיי — איך קען ניט! איך בין קאַפּיטאַן... בינדט אים! הייסן זיי. און אַ געבונדענער האָט מען מיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דעק צו די מאַטראָסן... און זיי זיינען אַליין אויך געווען שיכּור און געוואָלט אַ שטיף טאָן... אונז אַנטקעגן איז געשווּאומען אַ קאַראַוואַן... זעקס ליידיקע בערלינעס אונטערן נאָמען „טשערנאָגאָרעץ". פּאָמאַ איגנאַטיעוויטש האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג... זיי האָבן געפּייפט... ניט איינמאָל... מען דאַרף זאָגן דעם אמת — געפּייפט!

— נ־נו?

— נו, זיי האָבן אונז ניט אויסגעמיטן... צוויי פאָדערשטע זייערע האָבן דערלאַנגט אויף אונז... אַ זעץ געטאָן אין נאָז פון אונזער ניינטער... נו, זיינען מיר צעשפּרונגען געוואָרן אויף ברעקלעך... אויך יענע צוויי זיינען צעקלאַפּט געוואָרן... נאָר אונז איז געווען אַ סך ערגער...

מאַיאַקין האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און זיך צעלאַכט מיט אַ צאַפּלדיקן בייזן געלעכטער. יעפים האָט געזיפצט, צעפּירט מיט די הענט, און ווייטער דערציילט:

— אַ כאַראַקטער איז ביי זיי אַ ברייטער... ניכטערהייט שווייגן זיי מערער און גייען אַרום כּסדר פאַרטראַכט, אָבער נעצן זיי אונטער מיט ווייַן זייערע פּרוזשינעס — נו, רופן זיי זיך אָפּ... אַזוי, אַז דאַן זיינען זיי ניט קיין באַלעבאָס מער סיי אויף זיך אַליין, סיי אויף די עסקים, נאָר אַ ווילדער שונא — זייט מוחל! איך וויל אַוועקגיין, יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש! איך בין ניט געוויינט — אָן אַ באַלעבאָס. איך קען ניט לעבן אָן אַ באַלעבאָס...

— שווייג! — האָט מאַיאַקין שטרענג אַ זאָג געטאָן. — וואו איז פּאָמאַ?

— דאָרטן, אויפֿן אָרט... זיי זיינען באַלד, נאָך דעם פּאָרפּאַל, געקומען צו זיך און תּיכּף געשיקט נאָך אַרבעטער... אויפֿהייבן די בערלינע... זיי האָבן דאָס שוין אָנגעהויבן...

— ער איז דאָרט אַליין? — האָט מאַיאַקין געפֿרעגט, אַראָפּ־לאָזנדיק דעם קאָפּ.

— ניט... אינגאַנצן... — האָט יעפֿים שטיל געענטפֿערט, קוקנדיק פֿון דער זייט אויף ליובאָוון.

— מיט וועמען?

— מיט אַ פּריצטע... אַ שוואַרצע אַזאַ...

— אַזוי...

— די פּריצטע... — האָט יעפֿים ווייטער דערציילט, זיפֿצנדיק,— האַלט כּסדר אין איין זינגען... פּונקט זי וואָלט געווען ניט ביים זינען... זי זינגט זייער גוט... אַ גרויסע שיינהייט!

— איך פֿרעג דיר ניט וועגן איר! — האָט מאַיאַקין ניט אויפֿ־געהערט בייז צו שרייען. די קנייטשן אויף זיין פּנים האָבן זיך קרענקלעך געקאָרטשעט און ליובאָוון האָט אויסגעוויזן, אַז דער פֿאָטער וועט זיך באַלד צעוויינען...

— באַרויִקט זיך, פּאַפּאַשאַ! — האָט זי ווייך געבעטן. — ס'קען זיין, ס'איז ניט אַזאַ גרויסער היזק.

— ניט אַזאַ גרויסער? — האָט קלינגענדיק געשריען יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש. — וואָס, שוטה, פֿאַרשטייסטו! צי ווייסט איך האָט זיך דאָ די בערלינע צעבראָכן?! עך דו! אַ מענטש איז דאָ צעבראָכן גע־וואָרן! אָט אין וואָס ס'גייט! און ער — דער מענטש — איז דאָך מיר נייטיק. טייוולאָנים איר, טעמפּעוואַטע!

דער אַלטער האָט מיט כּעס געטרייסלט מיטן קאָפּ און מיט גיכע טריט אַוועק איבערן שטעגל פֿון סאָד אין שטוב...

...און פֿאָמאַ האָט זיך אין דער זעלבער צייט געפֿינען אַ פֿיר הונדערט ווייאָרסט פֿון טויפּאָטער, אין אַ דאָרפֿיש הייזל, אויפֿן ברעג פֿון דער וואָלגע. ער האָט זיך נאָך־וואָס געהאַט אויפֿגעכאַפּט, און ליגנדיק אויפֿן דיל, אינמיטן הייזל, אויף אַ געלעגער פֿון פֿרישן היי, האָט ער מיט טרויעריקע אויגן געקוקט אין פֿענסטער, אויפֿן הימל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט גרויע, צעריסענע וואָלקנס.

דער ווינט האָט געריסן די וואָלקנס, געיאָגט זיי ערגעץ־וואו: שווערע און טרויעריקע, האָבן זיי זיך געטראָגן איבערן הימל אין אַ געוואַלדיקער סטאַדע, איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן, דאָ צונויפגיסנדיק זיך אין אַ נעשלאָסענער מאַסע, דאָ ווערנדיק צעריסן אויף שטיקער, דאָ אין אַ שווייגעדיקער צעטומלעניש זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק צו דער ערד, און דאָ זיך ווידער אויפגעהויבן אין דער הויך, איינשלינגענדיק איינער דעם צווייטן.

ניט באַוועגנדיק דעם שווערן קאָפּ פון אויסניכטערונג, האָט פּאָמאַלאַנג געקוקט אויף די וואָלקנס און האָט ענדלעך גענומען שפּירן, אַז אין ברוסט בײַ אים גייען אויך אַרום אַזעלכע שטומע וואָלקנס, — גייען אַרום און בלאָזן אין האַרצן מיט אַ פייכטער קעלט און דריקן אים. אין דער באַוועגונג פון די כמאַרעס אויפן הימל איז געווען עפּעס מאַכטלאָזס און פחדימדיקס... און בײַ זיך גופא האָט ער אויך געשפּירט דאָס זעלבע... ניט טראַכטנדיק, האָט זיך אים פאַרגעשטעלט אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר די לעצטע חדשים.

אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ מוטנעם, הייסן שטראָם און אים האָבן אַרומגעכאַפּט פינסטערע כוואַליעס, ענלעכע אויף די כמאַרעס אין הימל, אַרומגעכאַפּט און געטראָגן אים ערגעץ־וואו, ווי דער ווינט — די וואָלקנס... אין חושך און אין רעש, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, האָט ער נעפּלדיק געזען, אַז צוזאַמען מיט אים טראָגן זיך עפּעס נאָך מענטשן... הײַנט ניט די — וואָס נעכטן, יעדן טאָג אַנדערע, נאָר אַלע זײַנען זיי גלײַך, און די זעלבע אײַנזאַמע און עקלדיקע. שיכורע, טומלדיקע, גיריקע, האָבן זיי זיך געדרייט אַרום אים ווי אין אַ שטורעם, געהוליעט פאַר זיין געלט, געזידלט אים, געשלאָגן זיך איינער מיטן צווייטן, געשריען, אַפילו ניט איינמאָל געוויינט. און ער האָט זיי געשלאָגן. ער געדענקט, אַז איינמאָל האָט ער עמעצן דערלאַנגט אין פּנים, געריסן פון עמעצן דעם ראָק און אים געשליידערט אין וואַסער אַרײַן, און עמעצער האָט אים געקושט די הענט מיט פייכטע קאַלטע ליפּן, עקלהאַפטע, ווי בײַ אַ זשאַבע... געקושט און מיט געוויין געבעטן זיך, ער זאָל ניט דערהרגענען... געוויסע פּנימער האָבן פאַרבײַגעשוועבט זיין זיכרון, קלאַנגען און ווערטער האָבן געקלונגען... אַ פרוי אין אַ געלער זײַדענער קאָפּטע, מיט

אַ פונאַנדערגעשפּילעטער ברוסט, האָט מיט אַ הויכן יאָמערנדיקן קול געזונגען:

„Так будемъ-же жить, пока можно...
А тамъ — хоть трава-а не расти!“ *

... די אַלע מענטשן זיינען, פּונקט ווי ער, אַרומגעכאַפּט מיט דער זעלבער פינסטערער כוואַליע און טראָגן זיך מיט איר, ווי מיסט, פאַרווילדערטע אין פאַרחישטע פון עפּעס... זיי אַלע, פּונקט ווי ער, האָבן מורא, קענטיק, צו קוקן פאָראויס, כדי צו זען וואוהין טראָגט זיי די דאָזיקע שטאַרק-משוגע געוואָרענע כוואַליע. און פאַרגיסנדיק מיט ווין זייער פּחד, רייסן זיי זיך פאָראויס מיטן שטראָם, הוידען זיך, שרייען, טוען עפּעס אומגעלומפּערטס, מאַכן זיך נאַריש, טומלען, טומלען, און זיי איז קיינמאָל ניט פריילעך. ער האָט דאָס אויך אַליין מיטגעמאַכט, דרייענדיק זיך צווישן זיי... און איצט האָט אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט דאָס אַלץ געטאָן אויס פּחד פאַר זיך, כדי וואָס גיכער אויסמיידן אָט דעם פּאַס פון לעבן, אָדער כדי ער זאָל ניט טראַכטן, וואָס וועט זיין ווייטער?

צווישן דעם קאָכעדיקן טומל פון די הוליאַנקעס, צווישן דעם המון מענטשן, וועלכע זיינען געווען צעיושעט פון פרייד און פאַרכאַפּט פון אַ ווילדער ליידנשאַפט, האַלב משוגע אין זייער שטרעבונג צו פאַרגעסן זיך — איז בלויז איין מאַשאַ שטענדיק געווען רויק און גלייכגילטיק. זי האָט זיך ניט אָנגעטרונקען ביז שיכרות, זי האָט שטענדיק גערעדט מיט די מענטשן מיט אַ האַרטער, הערשערישער שטים, און אַלע אירע באַוועגונגען זיינען געווען גלייכמעסיק זיכערע, פּונקט ווי דער דאָזיקער שטראָם וואָלט איר ניט באַהערשט. נאָר זי האָט אַליין אָנגעפירט מיט זיין שטורעמדיקן פלוס. זי האָט זיך אויסגעוויזן פאָמען פאַר דער קליגסטער פון די אַלע, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, און פאַר דער, וועלכע האָט מער פון אַלע געלעכצט נאָך דעם דאָזיקן רעש אין הוליעניש; זי האָט אַלעמען באַפעלט און האָט שטענדיק אויסגעטראַכט עפּעס ניים

* איז לאָמיר לעבן, כל-זמן מען קען, און נאָכהער מעג אפילו קיין גראָז ניט וואַקסן!

און האָט מיט אַלעמען גלייך גערעדט: מיטן איזוואָזטשיק, מיטן לאַקיי, מיטן מאַטראָס — מיטן זעלבן טאָן און מיט די זעלביקע ווערטער, ווי מיט אירע חברטעס און מיט פּאָמען. זי איז געווען שענער און יינגער פון פעלאַגייען, נאָר אירע צערטלעכקייטן זיינען געווען עפּעס אַזעלכע שטומע און קאַלטע... פּאָמען האָט זיך געטראַכט, אַז טיף ביי זיך אין האַרצן באַהאַלט זי פון אַלעמען עפּעס שרעקלעכס, אַז קיינמאָל וועט זי קיינעם ניט ליבן און זיך ניט אַרויסגעבן אינגאַנצן. דאָס דאָזיקע פאַרבאָרגעניש אין דער פרוי האָט פּאָמען צוגעצויגן צו איר מיט אַ יעפיל פון שרעקעוודיקער נייגעריקייט, מיט אַ געוואַלדיקן אָנגעשטרענגטן אינטערעס צו דער רויקער און קאַלטער נשמה אירער, וואָס איז אַזוי טונקל, ווי אירע אויגן.

עפּעס איינמאָל האָט פּאָמאַ איר געזאָגט:

— איבעריקנס, וויפיל געלט האָבן מיר מיט דיר אַרויסגעוואָרפן!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און געפרעגט:

— צוליב וואָס זאָלן מיר עס קלייבן?

— טאַקע — אין אמתן צו וואָס? — האָט פּאָמאַ אַ טראַכט געטאָן, אַ פאַרוואונדערטער פון איר פּשוטן שכל.

— ווער ביסטו אַזוינע? — האָט ער איר אַ פרעג געטאָן אַן אַנדערש מאָל.

— האָסט שוין פאַרגעסן, ווי מען רופט מיך?

— נו, ניט דאָס!...

— טאָ וואָס־זשע דען ווילסטו?

— איך מיין, דיין אָפּשטאַמונג...

— אַ! נו, פון יאַראָסלאַווער גובערניע — בין איך... פון אוגליטש, אַ פּשוטע בירגערין... איך שפּיל אויף אַ האַרפע... נו, וואָס־זשע, — איך וועל דיר ווערן זיסער, ווען דו ווייסט שוין ווער איך בין?

— איך ווייס שוין דען? — האָט פּאָמאַ, שמייכלענדיק, געפרעגט.

— ווייניק פאַר דיר! מער וועל איך ניט דערציילן... צוליב וואָס? אַלע שטאַמען פון איין אָרט... סיי מענטשן, סיי בהמות... און וואָס קען מען זאָגן וועגן זיך... און צוליב וואָס? דאָס איז אַלץ

פוסטע רייד... דו גיב בעסער אַ טראַכט ווי זאָלן מיר היינט אַ לעב טאָן?

יענעם טאָג האָבן זיי זיך געשיפט אויפן דאַמפּער מיט אַן אָרקעסטער מוזיק, געטרונקען שאַמפּאַניער און האָבן זיך שרעקלעך אָנגעשיכורט. סאַשאַ האָט געזונגען עפּעס אַ באַזונדערס וואונדערלעכע און אומעטיקע ליד און פּאַמאַ האָט געוויינט, ווי אַ קינד, גערירט פון געזאַנג. נאָכדעם האָט ער מיט איר געטאַנצט אַ „רוסישן", און צום סוף, אַ פאַרשוויצטער און פאַרמאַטערטע, האָט ער זיך אין די בגדים געוואָרפן אין וואַסער און זיך שיר ניט דערטרונקען.

דערמאָנענדיק זיך דאָס אַלץ און אַ סך אַנדערע זאַכן, האָט פּאַמאַ געפילט אַ בושה פאַר זיך און אַן אומצופרידנהייט מיט סאַשען. ער האָט געקוקט אויף איר שלאַנקער פיגור, געהערט איר רו.קן אָטעמען און געשפּירט, אַז ער ליבט ניט די דאָזיקע פרוי און ער דאַרף איר ניט. אין זיין האַלב-ניכטערן מוח זיינען לאַנגזאַם געבאָרן געוואָרן עפּעס גרויע, מאַטערנדיקע מחשבות. ווי אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר דער צייט, וואָלט זיך צונויפגעוויקלט ביי אים אין אַ קנויל, אַ שווערן אַזאַ, און אַ פייכטן, און אָט קייקלט זיך דער קנויל אין זיין ברוסט, וויקלט זיך פאַמעלעך פונאַנדער און בינדט אים אַרום מיט דינע גרויע שטריקלעך...

— וואָס קומט דאָ פאַר מיט מיר? — האָט ער געטראַכט. — אָט האָב איך גאָר אָנגעהויבן שיכורן... צוליב וואָס? איך קען ניט לעבן... איך פאַרשטיי זיך ניט... ווער בין איך אַזוינער?

אים האָט איבערראַשט די דאָזיקע פראַגע, און ער איז געבליבן שטיין ביי איר, פרוונדיק דערטראַכטן זיך, פאַרוואָס קען ער דאָס ניט לעבן אַזוי פעסט און זיכער, ווי אַלע. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיין אייגענעם געוויסן און אַן אומרויקער פון דאָזיקן געדאַנק האָט ער זיך גענומען וואַרפן אויפן היי און מיט עמפערונג אַ שטויס געטאָן סאַשען אין זייט.

— רויִקער!... האָט זי זיך אָפּגערופן פון שלאָף.

— נו, מילאַ... ביסט ניט אַזאַ גרויסע פריצטע! — האָט פּאָמאַ געמורמלט.

— וואָס איז?

— גאָרנישט...

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים און געשמאַק אַ געגעץ געטאָן, זאָגנדיק פויל:

— מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך שפּיל ווידער אויף דער האַרפע. איך זינג עפּעס אַ סאָלאָ, און אַנטקעגן מיר שטייט אַ זייער גרויסער שמוציקער כּלב מיט פאַרשטשירעטע ציין און וואַרט איך זאָל ענדיקן... און איך האָב מורא פאַר אים... ווייל איך ווייס, אַז ער וועט מיך צערייסן, ווי נאָר איך וועל ענדיקן זינגען... און אָט זינג איך אַלץ און זינג... און פּלוצלונג, איך שפּיר, אַז מער קען איך ניט... שרעקלעך! און ער, דער כּלב, שאַרפט אויף מיר די ציין... מיין גאָט, האָב רחמנות!... צו וואָס איז דאָס?

— הער אויף צו פּלוידערן! — האָט איר פּאָמאַ אָפּגעשטעלט מיט כּעס. זאָג מיר בעסער: וואָס ווייסטו וועגן מיר?

— איך ווייס, אַז דו האָסט זיך איצט אויפגעכאַפּט, — האָט זי געענטפערט, ניט אומדרייענדיק זיך צו אים.

— זיך אויפגעכאַפּט? דאָס איז אמת — איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — האָט פּאָמאַ אַ פאַרטראַכטער אַ זאָג געטאָן, און פאַרלייגנדיק די הענט הינטערן קאָפּ, פאַרגעזעצט: — דערפאַר פרעג איך דאָך דיך — וואָס בין איך, לויט דיין מיינונג, פאַר אַ מענטש?

— אַ האַלב-ניכטערער, — האָט סאַשאַ, גענעצנדיק, געענטפערט.

— אַלעקסאַנדראַ! האָט פּאָמאַ אויסגעשריען מיט אַ בקשה, — טרייב ניט קיין קאַטאָוועס! דו זאָג מיר, געוויסנהאַפט, וואָס אַזוינס טראַכסטו וועגן מיר?

— גאָרנישט טראַכט איך וועגן דיר! — האָט זי טרוקן געענטפערט... וואָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר מיט נאַרישקייטן?

— דאָס איז דען נאַרישקייטן? — האָט פּאָמאַ פאַרבענקט געזאָגט. — עך, איר... טייוולאָנים! דאָס איז דאָך דער סאַמע עיקר... דאָס סאַמע נייטיקסטע פאַר מיר.

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און אַנטשוויגן געוואָרן. אָפּליגנדיק אַ מינוט אויך אַ שווייגנדיקע, האָט סאַשאַ אָנגעהויבן צו ריידן מיט איר געוויינטלעכן, גלייכגילטיקן קול:

— גיי זאָג אים — ווער ער איז און וואָס ער איז? אָט האָסטו דיר!... וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו פרעגן אַזעלכע זאַכן בײַ אונזערער אַ שוועסטער? און צוליב וואָס בין איך דאָס מחוייב צו טראַכטן וועגן יעדער איינעם? איך האָב קיין צייט ניט וועגן זיך אַליין צו טראַכטן... און אפשר ווילט זיך גאָרניט טראַכטן...

פּאָמאַ האָט זיך טרוקן פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

— איך וואָלט אויך אַזוי באַדאַרפט זיין... גאָרנישט צו וועלן...

די פרוי האָט דאַן אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן, זיך אײַנגעקוקט פּאָמען אין פּנים און זיך ווידער געלייגט, ריידנדיק:

— קלייגסטו זיך מיר צו פיל... זע — קיין גוטס וועט פון דיעם ניט אַרויס... איך קען גאָרנישט זאָגן וועגן דיר... מען קען גאָרנישט זאָגן געניי וועגן אַ מענטשן... ווער קען אים פאַרשטיין? ער קען זיך אַליין אויך ניט... נו, אָט וועל איך דיר זאָגן — פון אַנדערע ביסטו בעסער... איז וואָס־זשע קומט דערפון אַרויס?

— מיט וואָס בין איך בעסער? — האָט פּאָמאַ ווידער געפרעגט.

— אַזוי... זינגט מען אַ גוטע ליד, — ווייסטו... טוט עמעצער אַ נידערטרעכטיקייט — שלאָגסטו אים... מיט פרויען ביסטו איינפאַך. ניט פרעך מיט זיי... אַ רויִקער... נו, און דו קענסט אויך זיין אַ דרייסטער...

דאָס אַלץ האָט אָבער פּאָמען ניט באַפרידיקט.

— דו רעדסט ניט דאָס! — האָט ער שטיל געזאָגט.

— נו, איך ווייס ניט, וואָס דו ווילסט, נאָר אָט וואָס, אַז מען וועט אויפהייבן די בערלינע — וואָס װעלן מיר דאַן טאָן?

— וואָס זאָלן מיר טאָן? — האָט פּאָמאַ געפרעגט.

— אפשר פאָרן אין ניזשני, אָדער אין קאַזאַן?

— צוליב וואָס?

— הוליען...

— איך וויל מער נישט הוליען...

— וואָס זשע וועסטו טאָן?

— וואָס? גאָרנישט...

— אַ־זוי־וי...

און ביידע האָבן זיי לאַנג געשוויגן, ניט קוקנדיק איינער אויפֿן צווייטן.

— אַ שווערער כאַראַקטער ביי דיר, — האָט סאַשאַ אַ זאָג געטאָן, — אַ לאַנגווייליקער כאַראַקטער...

— און דאָך וועל איך מער נישט שיכורן! — האָט פֿעסט אַנטשלאָסן געזאָגט פֿאָמאַ.

— לייגסט! — האָט סאַשאַ רויִק אַ זאָג געטאָן.

— אָט ווּעסטו זען! וואָס מיינסטו — ס'איז גוט אַזוי צו לעבן?

— מירן זען.

— ניין, דו זאָג — ס'איז גוט?

— און ווי איז בעסער?

פֿאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פֿון אַ זייט און אויפֿגעבראַכט געענטפֿערט:

— ס'אַר אַ דיבורים דו רעדסט!... אַזעלכע עקלהאַפֿטע....

— נו, דאָ האָב איך אויך ניט צוגעטראָפֿן! — האָט לאַכנדיק סאַשאַ אַ זאָג געטאָן.

— אַ-פֿאָל-ק! — האָט פֿאָמאַ גערעדט, קנייטשנדיק ווייטאָגלעך דעם פּנים. — ווי אַ בוים... מען לעבט אויך... אָבער ווי? פֿאַרשטייט קיינער ניט. מען קריכט ערגעץ וואו... און קענען גאָרנישט זאָגן, ניט זיך, ניט יענעם... אַ וואַנץ פֿויזעט אויך — ווייס ער כאָטש וואוהין און צוליב וואָס... און דו וואָס? וואוהין קריכסטו?

— וואַרט! — האָט אים סאַשאַ אָפּגעשטעלט און רויִק געפֿרעגט: — וואָס פֿאַר אַ עסק האָסטו מיט מיר? דו נעמסט ביי מיר, וואָס דו ווילסט, אָבער אין דער נשמה קריך מיר ניט אַריין!

— אין דער נש-מה! — האָט מיט פֿאַראַכטונג אויסגעצויגן פֿאָמאַ. — אין וואָס פֿאַר אַ נשמה? כע-כע!

זי האָט גענומען אַרומגיין איבערן צימער, צונויפֿנעמענדיק פֿון אומעטום אירע פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע קליידער. פֿאָמאַ האָט איר נאָכגעקוקט און געווען ניט צופֿרידן, וואָס זי איז ניט געוואָרן ברוגז אויף אים פֿאַר זיינע ווערטער וועגן נשמה. איר פּנים איז ביי איר געווען גלייכגילטיק און רויִק, ווי תּמיד, און אים האָט זיך געוואָלט זען

איר אַ בייזע, און אַ באַליידיקטע, ס'האָט זיך אים געוואָלט עפּעס מענטשלעכס פון דער דאָזיקער פרוי.

— אַ נשמה! — האָט ער אויסגערופן, דערשלאָגנדיק זיך זיינס.— צי דען קען אַ מענטש מיט אַ נשמה לעבן, ווי דו לעבסט? אין אַ נשמה — ברענט אַ פייער... זי האָט בושה...

זי האָט בעת מעשה אַרויפגעצויגן די זאָקן אויף די פיס, זיצנדיק אויף אַ בענקל. ביי זיינע לעצטע ווערטער אָבער האָט זי אויפגעהויבן איר קאָפּ און זיך אײַנגעקוקט אויף אים מיט שטרענגע אויגן.

— וואָס קוקסטו? — האָט פּאָמאַ געפרעגט.

— צוליב וואָס רעדסטו דאָס? — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ פראַגע, ניט אַראָפּלאָזנדיק פון אים די אויגן.

— אַזוי... איך דאַרף...

— זע נאָר — צי מען דאַרף טאַקע?

אין איר פראַגע איז געווען עפּעס דראָענדיקס. פּאָמאַ האָט דערשפירט אַ מורא פאַר איר און האָט שוין גערעדט צו איר אָן העזה:

— ווי זאָל מען ניט ריידן?

— עך, דו! — האָט סאַשאַ אַ זיפץ געטאָן און זיך ווידער גענומען אָנטאָן.

— און וואָס בין איך?

— אַזוי זיך... ווי דו וואָלסט געבאָרן געוואָרן פון צוויי טאַטעס... ווייסטו, וואָס איך האָב באַמערקט ביי מענטשן?

— וואָס?

— אַ מענטש אַזוינער, וואָס קען ניט זיין פאַר זיך פאַראַנטוואָרטלעך, הייסט עס — האָט מורא פאַר זיך, הייסט עס, איז ער ניט ווערט קיין גראָשן!

— דאָס מיינסטו וועגן מיר? — האָט פּאָמאַ אַ פרעג געטאָן, ווערנדיק אַנטשוויגן.

— וועגן דיר אויך...

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס אַ ברייטן ראָזן שלאָפראָק, און שטייענדיק אינמיטן צימער, האָט זי אויסגעצויגן אַ האַנט

צו פּאָמען, וועלכער איז געלעגן איר צופוסנס, און מיט אַ נידעריקן, הייזעריקן קול האָט זי גערעדט צו אים:

— וועגן מיין נשמה זאָלסטו ניט וואַגן צו ריידן... האָסט מיט איר ניט קיין געשעפטן! און דעריבער — זאָלסטו שווייגן! איך־מעג ריידן! איך, אַז איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך אַייך שוין אַלעמען געזאָגט... נאָך ווי! נאָר — ווער וועט דען וועלן מיך אויסהערן, ווען איך זאָל אַפילו שרייען אויפן קול? און ס'זיינען דאָך דאָ ביי מיר ווערטער אַזוינע וועגן אַייך... ווי האַמערס! איך וואָלט אַייך שוין איבער די מוחות דערלאַנגט... אַז איר וואָלט פון זינען אַראָפּ... און הגם איר זייט אַלע — מנוולים, דאָך מיט רייד וואָלט מען אַייך ניט געקענט אויסהיילן... אַייך וואָלט מען געדאַרפט ברענען אויפן פייער... אָט ווי מען ברענט אוים פאַגען אין אַ ריינעם מאָנטאָג...

פאַרוואַרפנדיק אירע הענט אויפן קאָפּ, האָט זי האַסטיק פונאַנדערגעלאָזן אירע האָר. זיי זיינען זיך פונאַנדערגעפאַלן אין שווערע שוואַרצע פעדים איבער אירע פלייצעס. זי האָט שטאָלץ אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און מיט שנאה געזאָגט:

— דו קוק ניט, וואָס איך בין אַ גאַסיקע! ס'טרעפט, אַז אויך אין בלאָטע לעבט אַ מענטש, און נאָך ריינער פון דעם, וואָס גייט אָנגעטאָן אין זיידנס... וואָלט איר, כלבים, געוואוסט, וואָס אַזוינס איך טראַכט וועגן אַייך, ס'אַרא בייז האַרץ איך האָב אויף אַייך! אָבער פון בייזקייט שווייג איך... ווייל — איך האָב מורא, טאָמער וועל איך אַייך עס אויסזינגען — וועט מיר ליידיק ווערן אויף דער נשמה... וועל איך ניט האָבן דאַן מיט וואָס צו לעבן...

פּאָמאַ האָט געקוקט אויף איר און איצט איז זי אים געפעלן. אין אירע ווערטער איז געווען עפּעס קרוביש מיט זיין שטימונג. אַ שמייכלענדיקער און מיט פאַרגעניגן אין זיין שטים און אויפן געזיכט האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איך פיל דאָס אויך — ס'וואַקסט עפּעס ביי מיר אויף דער נשמה... עך, אויך איך וועל אָנהייבן ריידן מיט מיינע ווערטער, ס'וועט נאָך קומען די צייט.

— קענגן וועמען? — האָט זי געפרעגט מיט פאַראַכטונג.

— קענען אַלעמען! — האָט פּאָמאַ אויסגערופֿן, אויפֿשפּרינגענדיק אויף די פֿיס. — קענען דעם שקר... איך וועל פֿרעגן...

— פֿרעג בעסער: צו דער סאַמאָוואַר איז פֿאַרטיק? — האָט סאַשאַ גלייכגילטיק באַפֿוילן אים!

פּאָמאַ האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און מיט האַרץ אויסגעשריען:

— גיי צום טייוול! פֿרעג אַליין...

— נו, וועל איך פֿרעגן... וואָס־זשע בילסטו אַזוי?

און זי איז אַרויס פֿון שטיבל...

...דער ווינט איז מיט שאַרפֿע ריסן געפֿלויגן איבערן טייך, געזעצט אים אין ברוסט און אַ באַדעקטער מיט אויפֿגערייצטע, שטורעמדיקע כוואַליעס, האָט זיך דער טייך געריסן, טרייסלענדיק זיך אַנטקעגן ווינט, מיט אַ רעשדיקן קלאַפּן און אינגאַנצן אין צאָרנדיקן שוים. די קוסטעס־ווערבעס בײַם ברעג האָבן זיך נידעריק געבויגן צו דער ערד, — ציטערדיקע אַזעלכע, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געוואָלט אַנידערלייגן אויף דרערד, און ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקענע געריסן פֿון דער ערד אין דער ווײַט, געיאָגטע פֿון ווינטס קלעפּ. אין אויער האָט זיך געטראָגן אַ פּײַפֿערײַ, אַ ברומערײַ, און אַ געדיכטער, קרעכצנדיקער קלאַנג, ווי דאָס וואָלט זיך געריסן פֿון צענדליקער מענטשישע הערצער:

— ס'גייט — ס'גייט — ס'גייט!

דער דאָזיקער געשרײַ, אַ קורצער, ווי אַ זיפֿץ, און אַ שווערער ווי דער אַוויר פֿון אַ געוואַלדיקער ברוסט, וואָס ווערט דערשטיקט פֿון אָנשטרענגונג, האָט זיך געטראָגן איבערן טייך, געפֿלויגן אויף די כוואַליעס, ווי אויפֿהעצנדיק זיי צו דער ווילדער שפּיל מיטן ווינט און געשליידערט זיי מעכטיק אויפֿן ברעג.

בײַם בערגיקן ברעג זײַנען געשטאַנען אויף די אַנקערס צוויי לייִדיקע בערלינעס, און זייערע הויכע מאַסטן, וואָס האָבן זיך געהויבן אין הימל אַרײַן, האָבן זיך אומרויִק געוויגט פֿון זײַט צו זײַט, ווי אויסשרײַבנדיק אין לופֿטן אַ שריפֿט, וועלכן מען האָט ניט געקאָנט זען, די דעקן פֿון די בײדע בערלינעס זײַנען געווען אָנגעלייגט מיט בוי־האָלץ פֿון גראָבע ברייטע קלעצער; אומעטום זײַנען געהאַנגען

געוואַלדיקע האָקנס, קייטן אין שטריק האָבן זיך געצויגן פון זיי, וויגנ־דיק זיך אין דער לופטן; די רינגען פון די קייטן האָבן שוואַך גע־קלימפּערט... אַ המון פויערים אין בלויע און רויטע בלוזעס האָבן געקייקלט איבערן דעק אַ גרויסע קלאָץ, און טרעטנדיק שווער מיט די פיס, געאָכצעט מיט דער פולער ברוסט:

— ס'גייט — ס'גייט — ס'גייט!

אומעטום האָבן זיך אַרום די קלעצער געקלעפּט גרויסע, בלויע און רויטע שטיקער פון מענטשלעכע גופים; דער ווינט האָט צעבלאָזן זייערע בלוזעס און תחתונים און צוגעגעבן זיי אַן אויסטערלישע פאָרם, מאַכנדיק זיי דאָ הויקערדיק, דאָ קיילעכדיק און אָנגעבלאָזן ווי פּענכערס. די מענטשן האָבן בײַ די האַלץ און אויף די דעקן פון די בערלינעס עפּעס געבונדן, געזעגט, געהאַקט, געשלאָגן נעגל, און אומעטום האָבן זיך באַוועגט גרויסע הענט מיט פּאַרקאַשערטע אַרבל פון די העמדער, ביז די עלנבויגנס. דער ווינט האָט צעטראָגן אין דער לופט די שפּענדלעך און דעם פאַרשיידנאַרטיקן, לעבעדיקן, מונטערן טומל. די זעג האָט געגריזשעט דעם האָלץ ווי פאַרכלינעט פון אַ בייזער פרייד; ס'האָבן טרוקן געקרעכצט און געשפּאָלטן זיך די קלעצער, פאַרוואונדעטע פון די העק; ס'האָבן ווייטאָגלעך געפּלאַצט ברעטער, אויסבויגנדיק זיך אונטער די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען; ס'האָט גיפטיק געקוויטשעט דער הובל. דער אײַזערנער בריאַזג פון די קייטן און דער קרעכצנדיקער סקריפּן פון די האָקנס האָבן זיך צוניפגעגאָסן מיטן צאָרנדיקן רעש פון די כוואַליעס, און דער ווינט האָט הילכיק געיאָמערט, פונאַנדערוואַרפנדיק איבערן טײַך דעם געגרויש פון אַר־בעט און געטריבן איבערן הימל די כמאַרעס.

— מישקאַ־אַ! אַ קויל זאָל דיך טרעפן... — האָט מען קלינ־גענדיק געשריען פון ערגעץ פון דער הויך איבער די קלעצער. פון אונטן אויף דער דעק האָט אַ הויכער פויער, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ אַרויף־צו, אָפּגעענטפערט.

— וואָס־ס? — און דער ווינט האָט, שפּילנדיק זיך מיט זײַן טונקל בלאָנדער באָרד, געוואָרפן זי דעם פויער אין פּנים.

— דער־לאַנג דעם עק...

עמעצנס אַ הילכיקער באַס האָט געוואַלדעוועט ווי אין אַ רער:

— דו, בלינדער רוח איינער, ווי האָסטו צוגענעגלט די ברעט?! זעסט ניט? איך וועל דיר באַלד אויסווישן דיינע אויגן!

— קינ־דער־לעך, מיר הייבן אָן, נו, לאָמיר!

— נאָך אַ העלדי־שן פרווו!... — האָט עמעצער געבעטן מיט אַ הויכער שטים...

פּאָמאַ, אַ שיינער און אַ שלאַנקער, אין אַ קורצן טוכענעם פּי־דזשאַק און אין הויכע שטיוול, איז געשטאַנען אָנגעלענט מיטן פּלייצע אויפן מאַסטבוים, און מיט אַ ציטערדיקער האַנט געצופּט דאָס בערדל און געווען צופרידן מיט דער לעבעדיקער אַרבעט פון די פויערים. דער טומל, וועלכער האָט זיך געטראָגן אַרום אים, האָט אַרויסגערופן אין אים אַן עקשנותדיקן פאַרלאַנג צו שרייען, צו האַווען צוזאַמען מיט די פויערים, צו האַקן האָלץ, צו שלעפּן משאות, באַפעלן—צווינגען אַלעמען צו זיין אויפמערקזאַם צו אים און צו דערווייזן אַלעמען זיין כוח, זיין פלינקייט, זיין לעבעדיקע נשמה. נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און אומבאַוועגלעך: אים איז געווען אַ חרפּה און ער האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן. אים האָט גערדיקט דאָס, וואָס ער איז דאָ באַלעבאָס איבער אַלעמען, און דאָס, וואָס, אויב ער וועט זיך אַליין אויך נעמען דאָ אַרבעטן — וועט אים קיינער ניט גלויבן, אַז ער אַרבעט, איינפאַך, ווייל ס'ווילט זיך אים אַזוי און ניט כדי אונטערצויאָגן זיי, כדי ווייזן זיי אַ ביישפּיל. און זיי וועלן נאָך גאָר נעמען לאַכן פון אים, אָט די פויערים...

אַ טונקל בלאָנדער יונג מיט געקרייזטע האָר און אַ פו־נאַנדערגעשפּילעטן קאָלנער פון העמד פלעגט דאָ פאַרביילויפן פאַרביי אים, אַמאָל מיט אַ ברעט איבער די פּלייצעס, אַמאָל מיט אַ האַק אין דער האַנט: ער פלעגט אונטערשפּרינגען ווי אַ פונאַנדערגעשפּילטער באָק, פונאַנדערוואַרפן אַרום זיך אַ פריילעכן, קלינגענדיקן געלעכטער, געוויצלט זיך, געזידלט זיך, אַזוי געזונט. ר'האָט געאַרבעט, ניט הערנדיק מיד, העלפנדיק דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן, שנעל און פלינק אַרומלויפנדיק איבערן דעק, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן מיט שפּענער און האָלץ. פּאָמאַ האָט עקשנותדיק אים נאָכגעקוקט און געשפּירט, אַז ער איז

מקנא דעם דאָזיקן לוסטיקן יונג, פון וועמען ס'האָט אַזוי געווייט מיט עפּעס געזונטס, וואָס רעגט אָן.

„אַ גליקלעכער, מוז ער זיין"... — האָט פּאָמאַ געטראַכט און די מחשבה האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ שאַרפן, שטעכנדיקן פאַרלאַנג, ווי ניט איז אָפּרייסן אים פון דער אַרבעט, קרעמפּירן אים. אַלע אַרום אים זיינען געווען אַרומגעכאַפּט מיטן ברען פון דער האַסטיקער אַרבעט. אַלע האָבן פריינדלעך און געראָטן צוגעפּעסטיקט די קלעצער, איינגעאָרדנט די הייב־מאַשינעס, גרייטנדיק זיך אויפצוהויבן פון גרונט פון טייך די דערטרונקענע בערלינע; אַלע זיינען געווען פריילעך — און געלעבט. ער נאָר איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון זיי, ניט וויסנדיק, וואָס ער האָט דאָ צו טאָן. ער האָט קיין זאַך ניט געקאָנט דאָ עפּעס אויפטאָן, שפּירנדיק זיך דאָ אַן איבעריקער, אַ ניט־נייטיקער אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט. ער האָט זיך געשפּירט געקרענקט, וואָס ער איז דאָ אַן איבעריקער צווישן די מענטשן, און וואָס לענגער ער האָט זיך צוגעקוקט צו זיי, אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט אין אים די דאָזיקע קרענקונג. און אַלץ מער האָט אים געבוירט דער געדאַנק, אַז דאָס אַלץ ווערט דאָך געטאָן פאַר אים, און פונדעסטוועגן איז ער דאָ ווי אַ זייטיקער...

„וואו־זשע איז דאָ מיין אָרט? — האָט זיך אים מרה־שחורהדיק געטראַכט. — וואו איז דאָ מיין אַרבעט?... צי דען בין איך אַזאַ פאַרזעעניש? איך האָב כּוח ניט ווייניקער ווי יעדערער פון זיי... צו וואָס נוצט עס מיר אָבער?

די קייטן האָבן געקלונגען, די הייבמאַשינעס האָבן געקרעכצט, הילכיק האָבן זיך געטראָגן איבערן טייך די קלעפּ פון די העק און די באַרזשעס האָבן זיך געוויגט אונטער די קלעפּ פון די כוואַליעס... און פּאָמען האָט זיך געדוכט, אַז ער וויגט זיך אויך, ניט צוליב דעם, וואָס דער דעק וויגט זיך אונטער זיינע פיס, נאָר דערפאַר, וואָס ער קען ניט איינשטיין פעסט אויף זיינע פיס...

דער אויפזעער, אַ נידעריקער פייערל, מיט אַ שפּיציק גרויער בערדל און שמאָלינקע אייגעלעך אויפן גרויען צעקנאָדערטן געזיכט, איז צוגעקומען צו אים און זיך אָפּגערופן ניט הויך, אָבער מיט עפּעס אַ באַזונדער באַטאָנונג אין די רייד:

— שוין אַלץ פאַרטיק געמאַכט, פּאָמאַ איגנאַטיטש, אַלץ איז איצט ווי ס'באַדאַרף צו זיין... מען קען שוין, מיט גאָטס הילף, אָנהייבן...

— נו, הייב אָן... — האָט פּאָמאַ קורץ געענטפערט, אויסדרייענדיק זיך פון דעם פויערס דורכדרינגענדיקע שמאָלע אויגן.

— נו, גאָט צו דאַנקען! — האָט דער אויפזעער זיך אָפּגערופן, פאַרשפּילענדיק, ניט איילנדיק, זיין מאַרינאַרקע, און אָננעמענדיק דערביי אַ וויכטיקע מינע. ער האָט פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ, גענומען באַטראַכטן די קלעצער אויף די בערלינעס, וועלכע האָבן זיך איינע פון צווייטן אָפּגעטיילט מיט פּאַסן וואַסער, אויף אַ מרחק פון אַ פינף קלאַפטער אין דער ברייט, און נאָכהער האָט ער קלינגענדיק אויסגערופן:

— חבֿרה, אויף די ערטער!

די פויערים האָבן זיך צעשאָטן איבער די בערלינעס, האָבן זיך לעבעדיק צונויפגענומען אין באַזונדערע ענגע גרופּעס ביי די ווינדעס, איבער די פאַרענטשן און זייער גערײדערײ איז אַנטשוויגן געוואָרן. אייניקע האָבן פלינק אַרויפגעקלעטערט אויף די קלעצער און פון דאָרט שווייגעוודיק געקוקט אַראָפּ, האַלטנדיק זיך אָן די שטריק.

— גיט אַכטונג, קינדער! — האָט זיך דערהערט דעם אויפזעערס קלינגענדיקער און רויקער קול. — גיט אַכטונג, צי איז אַלץ אין אָרדענונג? ווען די ווייבער דאַרפן זיך לייגן אין קימפּעט, קענען זיי זיך דאָן ניט זעצן נייען העמדער... נו... בעט גאָט!

און אַראָפּוואַרפנדיק דאָס היטל אויפן דעק, האָט דער אויפזעער אויפגעהויבן דאָס פּנים צום הימל און זיך גענומען צלמען אָן אויפהער. קוקנדיק אויף אים, האָבן אויך אַלע פויערים אויפגעהויבן די קעפּ צו די וואָלקנס און ברייט צעפירנדיק מיט די הענט, האָט זיך איבער זייערע בריסט אָפּגעשאָטנט דאָס צלמען זיך. אַנדערע האָבן געדאַוונט אויפן קול און דער הייזעריקער, אונטערדריקטער געמורמל האָט זיך צונויפגעמישט מיטן גערויש פון די כוואַליעס:

— גאָט, זיי אונז צו הילף!... הייליקע גאָטסמוטער... הייליקער ניקאָלאַ...

פּאָמאַ האָט געהערט די דאָזיקע תּפילות און זי האָבן זיך גע־לייגט אויף זיין נשמה, ווי אַ לאַסט. ביי אַלעמען זיינען די קעפּ געווען אויפגעדעקטע, בלויז ער אַליין האָט פאַרגעסן אַראָפּנעמען דאָס היטל. ענדיקנדיק די תּפילה, האָט דער אויפזעער אים ערנסט געעצהט:

— זייט אויך מתפּלל צו גאָט...

— דו טו דיין זאַך... און מיך לערן ניט! — האָט פּאָמאַ גע־ענטפערט, קוקנדיק אויף אים מיט כּעס. וואָס מער עס האָט געדויערט די אַרבעט — אַלץ שווערער און מערער האָט אים געקרענקט צו זען זיך אַן איבעריקן צווישן די דאָזיקע רו:קע מענטשן, זיכערע אין זייער כּוח, און גרייטע אויפצוהייבן פאַר אים עטלעכע מויזנט פוד פון גרונט פון טייך. אים האָט זיך געוואָלט, אַז זי זאָלן האָבן אַ דורכפאַל, אַז זי זאָלן זיך אַלע צעטומלען איבער אים און אין מוח ביי אים האָט דורכגעבליצט אַ שלעכטער רעיון:

— אפשר וועלן זיך נאָך די קייטן איבעררייסן...

— קינדערלעך! הערט! — האָט דער אויפזעער געליאַרעמט. — הייבט אָן אַלע גלייך... מיט גאָטס הילף! — און אַ פּאַטש־טוענדיק פּלוצלונג מיט די הענט, האָט ער דורכשניידנדיק די לופט אַרויס־געלאָזן:

— גע־גאַנ־גען זאָל ווער־ן.

די אַרבעטער האָבן אונטערגעכאַפּט זיין אויסגעשריי און אַלע האָבן אין איין שטים, אויפגעהייטערטע און מיט אָנשטרענגונג אונ־טערגעכאַפּט:

— גע־גאַנ־גען! גערירט זיך...

די הייבווינדעס האָבן זיך צעקוויטשעט און צעסקריפּעט, ס'האָבן זיך צעקלונגען די קייטן, אויסציענדיק זיך אונטער דער משא, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אָנגעזעצט אויף זי. די אַרבעטער, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די אָנהאַלטערס פון די ווינדעס, האָבן געגוואַלדעוועט און שווער געטאָפּטשעט איבערן דעק. צווישן די בערלינעס האָבן מיט רעש געפּאַטשט די כוואַליעס, ווי ניט וועלנדיק אָפּטרעטן די מענטשן זייער רויב. אומעטום האָבן אַרום פּאָמען זיך אויסגעצויגן און געצאַפּלט מיט אָנשטרענגונג שטריק, קייטן און קאַנאַטן. זי האָבן ערגעץ געפּויזעט איבערן דעק, פאַרביי זיינע פיס, ווי געוואַלטיקע, גרויע ווערים,

אויפהייבנדיק זיך העכער אַ רונג נאָך אַ רונג און מיט אַ געקלימפּער אַוועקפאַלנדיק ערגעץ, און דער פאַרטויבנדיקער געבריל פון די אַרבעטער האָט פאַרהילכט אַלע קלאַנגען.

— אין-גאַנצן עס הייבט זיך, אינגאַנצן עס רירט זיך, אַ-רויס... — האָבן זיי גלייך און זיגעריש געזונגען. און אין דער געדיכטער כוואַליע פון זייערע שטימען האָט, ווי אַ מעסער אין אַ ברויט אַריינגעזעצט, געשניטן דער קלינגענדיקער קול פון אויזוער:

— קין-דער-לעך-ך! לעבעדיקער... אַלע... אַ-לע... מיט איינמאָל...

פאָמען האָט באַהערשט אַן אויסטערלישע אומרויִקייט: אים האָט זיך ליידנשאַפטלעך געוואָלט אַריינגיסן אין דאָזיקן באַגייסטערנדיקן געבריל פון די אַרבעטער, אַזאַ ברייטן און מעכטיקן, ווי דער טייך, אין דער דאָזיקער אויפרייצנדיקער סקריפּעריי און געבראַזגעריי פון אײַזן, אין דער דאָזיקער פּיפּעריי, קוויטשעריי און שטורמישער געפּאַטשעריי פון די כוואַליעס. פון דעם שטאַרקן כוח פון זיין פאַרלאַנג האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפן פּנים אַ שוויס, און אָפּרייסנדיק זיך פלוצלונג פון שלאַנבוים, האָט ער, מיט ברייטע שפּרונגען, געוואָרפן זיך צו דער הויבווינדע, אַ בלאַסער פון אויפרעגונג.

— אַ-לע צו-זאַ-מען! צוזאַמען... — האָט ער אויך געהאָלפן שרייען מיט אַ ווילדן קול. צולויפנדיק צום הענטל פון דער ווינדע, האָט ער זיך פון האַסטיקייט אָנגעשטויסן איף איר מיט דער ברוסט, און ניט שפּירנדיק קיין ווייטאָג, האָט ער אָנגעהויבן זיך דרייען אַרום דער ווינדע, שטופּנדיק מיט די פיס אָן דעק. עפּעס מעכטיקס הייסעס האָט זיך אים אַריינגעגאָסן אין ברוסט, פאַרנעמענדיק דעם אָרט פון יענער אָנשטרענגונג, וואָס ער האָט אויסגעבראַכט דרייענדיק דעם אָנהאַלטער: אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד האָט געשטורעמט אין אים און זיך געריסן אַפער מיט אַ באַגייסטערטן געשריי. אים האָט זיך געדוכט, אַז נאָר ער אַליין דרייט מיט זיין קראַפט דאָס הענטל, הייבנדיק די משא, און אַז זיין קראַפט האַלט אין איין וואַקסן. אייגעבויגענערהייט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז ער, ווי אַן אָקס, געגאַנגען אַנטקעגן דער קראַפט פון דער משא, וואָס האָט אים אָפּגעשליידערט איף צוריק, נאָר דאָך אָפּגעטראָטן דעם

וועג. יעדער טריט פאָראויס האָט אים אַלץ מער גערייצט, יעדע פאַרשווענדעטע אָנשטרענגונג איז תיכף פאַרביטן געוואָרן ביי אים דורך אַ צופלוס פון אַ ברענענדיקן, שטורמישן שטאָלץ. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער האָט גאָרנישט געזען, נאָר בלויז געפילט, אַז מען טרעט אָפּ פאַר אים, אַז ער נעמט איין, אַז אָט וועט ער מיט זיין כוח איבערקערן עפּעס געוואַלדיקס, וואָס טרעט אים אָפּ דעם וועג, — איבערקערן, באַזיגן און דאַן וועט ער אָפּעטעמען לייכטער און פרייער, פול מיט אַ שטאָלצער פרייד. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער איבערגעלעבט אַזאַ מעכטיקן, באַגייסטערטן געפיל, און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין דאָרשטיקער, הונגעריקער נשמה האָט ער עס געשלונגען, ווערנדיק פאַרשיכורט דערפון, און אויסדריקנדיק זיין פרייד מיט הילכע יובל-געשרייען, אין האַרמאָניע מיט די אַרבעטער:

— עס הייבט זיך, אינגאַנצן, עס רירט זיך, אינגאַנצן אַרויס...

— האַל-ט! שטאַרקער! האַלט — חברה...

פאָמען האָט אַ זעץ געטאָן אין ברוסט און אים אָפּגעשטויסן צוריק...

— מיט מזל געענדיקט, פאָמאַ איגנאַטיטש! — האָט אים באַגריסט דער אויפזעער און די קנייטשן האָבן אויף זיין פנים געציטערט מיט פריילעכע שטראַלן: — גאָט צו דאַנקען! פאַרמאַטערט אוודאי?

דער קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן פאָמען אין פנים. אַ צופרידענער, באַרימערישער גערויש האָט זיך געטראָגן אַרום אים; געמיטלעך איבערזידלענדיק זיך, פריילעכע, מיט שמייכלען אויף די שווייסיקע פנימער, זיינען די פויערים צוגעקומען צו אים און אים ענג אַרומגערינגלט. ער האָט פאַרלאָרן געשמייכלט: די אויפרעגונג איז נאָך ניט אָפּגעקילט געווען ביי אים און האָט אים נאָך ניט דערלויבט פאַרשטיין, וואָס איז געשען און פאַרוואָס זיינען אַלע אַרום אַזוי פריילעך און צופרידן.

— הונדערט זיבעציק טויזנט פוד אַרויסגעשלעפּט, ווי אַ רעטעך פון בייט! — האָט עמעצער אַריינגעוואָרפן.

— מען דאַרף בעטן ביים באַלעבאָס אויף אַן עמערל...

שטייענדיק אויף אַ קופּע קאַנאַטן, האָט פּאַמאַ געקוקט איבער די קעפּ פון די אַרבעטער און געזען: צווישן צווי בערלינעס האָט זיך זייט ביי זייט באַוויזן אַ דריטע בערלינע, אַ שוואַרצע אַזאַ, אַ גליטשיקע, אַ צעבראָכענע און אַרומגעוויקלט מיט קייטן. זי איז געווען אינגאַנצן אַרומגעריבן, ווי זי וואָלט געווען אויפגעשוואָלן פון עפּעס אַ שרעקלעכער קרענק, און אַן אָנמעכטיקע איז זי פּאַרמלאָז געהאַנגען איבערן וואַסער צווישן אירע חברטעס, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיי. אַ צעבראָכענער שלאַנבוים האָט אַרויסגעשטאַרטשעט פון איר; אויפן דעק, באַדעקט מיט פלעקן פון ראָסט, האָבן געגרונען דיקע רויטלעכע וואַסער-שטרעמלעך, ענלעך אויף בלוט. דאָרט זיינען אומעטום געלעגן קופּעס אייזן, שוואַרצע אַזעלכע, פּייכטע שטיקער האָלץ, שטריק...

— אויפגעהויבן? — האָט פּאַמאַ נעפרעגט, ניט ווייסנדיק וואָס ער זאָל ריידן ביים אָנבליק פון דער דאָזיקער מיאוסער, שווערער מאַסע, און דערשפּירנדיק זיך ווידער געקרענקט ביים געדאַנק, וואָס צוליבן אויפהייבן פון וואַסער דאָס דאָזיקע ברודנע, צעבראָכענע פּאַר-זעעניש האָט ער אַזוי אויפגעבראַוזט אין דער נשמה, אַזוי נעפרייט זיך...

— אויף וואָס טויג זי... — האָט פּאַמאַ אומבאַשטימט זיך אָפּ-גערופן צום אויפזועער.

— נישקשה! מען וועט זי אויסלאָדן וואָס גיכער, אַוועקשטעלן אַ מאַן צוואַנציק בעל-מלאכות — וועלן זיי איר שנעל ברענגען אין אָרדענונג! — האָט, טרייסטנדיק אים, גערעדט דער אויפזועער.

דער טונקל-בלאָנדער יונג האָט נאָך אַלץ ברייט און פריילעך געשמייכלט פּאָמען אין געזיכט און געפרעגט:

— אַ שנעפּסל וועט זיין פאַר אונז?

— האָסט נאָך צייט! — האָט שטרענג געענטפערט אים דער אויפזועער. — זעסט דאָך — אַ מענטש איז פאַרמאַטערט...

דאַן האָבן אויך די פּוערים זיך צערעדט:

— נאָך ווי פאַרמאַטערט!

— ס'איז ניט קיין לייכטע זאַך!

— פון ניט געוויינהייט, פאַרשטייט זיך, ווערט מען מיד...

— פון ניט געוויינהייט איז קאַשע אויך שווער צו עסן...

— איך בין ניט פאַרמאַטערט... — האָט זיך פּאָמאַ בייז אָפּגערופן און ווידער האָבן זיך דערהערט דרך־ארצדיקע אָפּרופן פון די פויערים, וועלכע האָבן אים אַליך אַרומגערינגלט:

— אַרבעט, אויב נאָר מען האָט דערצו חשק, — איז אַ געשמאַקע זאַך.

— ס'איז ווי אַ שפּיל...

— ווי, למשל, מען שפּילט זיך מיט אַ אישה...

אָבער דער טונקל־בלאָנדער יונג איז פעסט באַשטאַנען אויף זיינס:

— אַייער הערשאַפט! אויף אַן עמערל כאָטש, אַ? — האָט ער גערעדט, שמייכלענדיק און זיפצנדיק.

פּאָמאַ האָט געקוקט אויף די באַבערדיקטע געזיכטער, וואָס זיינען פאַר אים געשטאַנען, און געשפּירט ביי זיך אַ פאַרלאַנג צו זאָגן זיי עפּעס באַליידיקנדיקס. נאָר אין זיין קאָפּ איז נאָך אַליך געווען ווי עפּעס צונויפגעמישט. ער האָט ניט געפונען דאָרט קיין שום געדאַנקען, און אָפּגעבנדיק זיך, ענדלעך, אַ חשבון אין זיינע רייד, האָט ער מיט האַרץ אַרויסגעזאָגט:

— איר וואָלט וועלן רק שיכורן! אַייך איז אַליך איינס, וואָס איר זאָלט ניט טאָן! איר וואָלט בעסער אַ טראַכט געטאָן — צו וואָס? פאַרוואָס?... עך, איר!

אויף די פּנימער פון די מענטשן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון אַנטוישונג; די בלויע און רויט־באַבערדיקטע געשטאַלטן האָבן גענומען זיפצן, קראַצן זיך, אונטערשפּרינגען אַ פוס אויף אַ פוס. אַנדערע, אַ קוק טוענדיק אויף פּאָמען, האָבן זיך האָפענונגסלאָז אָפּגעקערט אָן אַ זייט.

— נו — יאָ! — האָט, אָפּזיפצנדיק, אַ זאָג געטאָן דער אויפזעער. — דאָס שאַדט ניט! — ס'הייסט — אַ טראַכט צו טאָן צוליב וואָס און פאַרוואָס... דאָס זיינען ווערטער... מיט שכל...

דער טונקל־בלאָנדער יונג איז אָבער געבליבן ביי אַן אַנדער מיינונג; גוטמוטיק אונטערשמייכלענדיק, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געמאָלדן:

— מיר האָבן ניט קיין צייט צו טראַכטן בײַ דער אַרבעט! איז זי דאָ — איז מאַך זי! אונזער זאַך איז פּשוט: אויסקראַצן אַ רובל און — אַדאַנק דיר, גאָט! מיר קענען אַלץ טאָן...

— און וואָס מען באַדאַרף צו טאָן, ווייסטו? — האָט פּאָמאַ אַ פרעג געטאָן אַן אויפגעקאָכטער דערפון, וואָס יענער רעדט אים אָנטקעגן.

— אַלץ באַדאַרף מען... אי דאָס, אי יענץ...

— און עפּעס אַ טאָלק?

— אַ טאָלק איז אומעטום איינער פאַר אונזער באַרוף... אויף ברויט, אויף שטייער אויסאַרבעטן — און לעבן! און אַמאָל טרעפט אויף אַ טרונק אויך...

— עך, דו! — האָט פּאָמאַ מיט פאַראַכטונג אויסגערופן. — רעדסט אויך... וואָס פאַרשטייסטו?

— צי דען איז אונזער זאַך צו פאַרשטיין? — האָט דער טונקל-בלאָנדער יונג ניט אָפּגעלאָזט זיינס, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ. אים איז שוין געוואָרן לאַנגווייליק דער שמועס מיט פּאָמען. ער האָט אים חושד געווען, אַז ער וויל ניט געבן אויף בראָנפן און איז אַ ביסל געווען אין כּעס.

— אָט אַזוי-אָ! — האָט מוסרנדיק געזאָגט פּאָמאַ, אַ צו-פרידענער, וואָס דער יונג האָט נאָכגעלאָזט, און ניט באַמערקנ-דיק בעת-מעשה די קרומע, שפּאָטישע בליקן. — און דער וואָס פאַר-שטייט, דער פילט, אַז מען דאַרף טאָן אַן אייביקע אַרבעט!

— פאַר גאָט, הייסט עס! — האָט אויפגעקלערט דער אויפזעער, באַטראַכטנדיק די פויערים, און פרום אָפּזיפצנדיק, צוגעגעבן: — דאָס איז ריכטיק... אָך, ווי דאָס איז ריכטיק!

פּאָמאַ איז געווען אַ באַגייסטערטער פון אַ פאַרלאַנג צו זאָגן עפּעס ריכטיקס און וואָגיקס, כּדי אָט די אַלע מענטשן זאָלן זיך באַציִען צו אים עפּעס אַנדערש. מחמת אים איז ניט געפעלן געווען, וואָס זיי האָבן אַלע, אויסער דעם טונקל-בלאָנדן, געשוויגן און גע-קוקט אויף אים ניט-פריינדלעך, ווי פון אַ זייט, מיט אַזעלכע אומעטיקע טרויעריקע אויגן.

— מען דאַרף טאָן עפּעס אַזוינס, — האָט ער ווידער גערעדט, באַוועגנדיק מיט די ברעמען, — עפּעס אַזוינס... אַז אין טויזנט יאָר אַרום זאָלן מענטשן קענען זאָגן: אָט דאָס האָבן אויפגעטאָן די באַגאָראָדער פּויערים... יאָ!...

דער טונקל־בלאָנדער יונג האָט אַ פאַרוואונדערטער געקוקט אויף פּאָמען און געזאָגט:

— די וואָלגע זאָלן מיר אפשר אויסטרינקען? — און אונטער־שמייכלענדיק דערביי אונטערן נאָז, האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און געמאָלדן: — דאָס קענען מיר ניט... מירן דאָך אַלע צע־פּלאַצט ווערן...

פּאָמאַ האָט זיך פאַרלאָרן פון יענעמס רייד און קאָנפוזיש גע־נומען קוקן אַרום זיך: די פּויערים האָבן פינסטער געשמייכלט, מיט ביטול, גיפטיק... און די דאָזיקע שמייכלען האָבן אים געשטאָכן ווי נאָדלען.

עמעצער, עפּעס אַן ערנסטער פּויער, מיט אַ גראָלעך בערדל, וואָס האָט די גאַנצע צייט ניט געעפנט דאָס מויל, האָט אים פּלוצלונג צעעפנט, און צורוקנדיק זיך צו פּאָמען, לאַנגזאַם אַרויסגערעדט:

— ווען מיר זאָלן אַפילו די וואָלגע אויסטרינקען ביז טרוקן און נאָך דערצו פאַרבייסן אָט מיט דעם באַרג — וועט דאָס אויך פאַרגעסן ווערן, אייער הערשאַפט. אַלץ וועט פאַרגעסן ווערן... דאָס לעבן איז צו לאַנג... זאַכן אַזעלכע, וואָס זאָלן אַרויסשטאַרטשען הויך איבער אַלץ — אי ניט פאַר אונז אויפצוטאָן... מיר קענען בלויז — אָט די קלעצער צונויפשטעלן...

אָפּגעזאָגט, און סקעפּטיש אַ שפּיי טוענדיק אונטער די איי־גענע פיס, איז ער גלייכגילטיק אָפּגעטראָטן פון פּאָמען, פאַרפאַלי־ווערנדיק צווישן המון, ווי אַ האָקן אין האָלץ. זיינע ווערטער האָבן אינגאַנצן דערשלאָגן פּאָמען; ער האָט דערשפּירט, אַז די פּויערים האַלטן אים פאַר נאַריש און קאָמיש. און כּדי צו ראַטעווען זיין באַ־דייטונג אַלס באַלעבאָס אין זייערע אויגן, כּדי אויפסניי צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די פּויערים, וועמען ער איז שוין מסתּמא דערעסן געוואָרן, האָט ער זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט, אָנגעבלאָזן

די באַקן ביז לעכערלעכקייט און מיט אַ ווירקנדיקער שטים אַרויסגע־פּלאַצט:

— איך שענק... אויף דריי עמערס!

קורצע רייד זיינען תּמיד אינהאַלטסרייכער און זיינען שטענדיק מער מסוגל צו מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק. די פּויערים האָבן מיט דרך־ארץ אָפּגעטראָטן פון פּאַמען און פונאַנדערגעשאָטן זיך, בוקנדיק זיך דערביי נידעריק און מיט פרייַלעכע, דאַנקבאַרע שמייכלען אים אָפּ־געדאַנקט פאַר זיין ברייטער האַנט, מיט אַ פריינדלעכן, געמיינזאַמען געהודער.

— שיפט מיך אַריבער צום ברעג, — האָט פּאַמאַ אַ זאָג גע־טאָן, שפּירנדיק, אַז די פון ס'ניי אויפגעקומענע באַגייסטערונג וועט זיך ביי אים לאַנג ניט האַלטן. עפּעס אַ וואָרעם האָט געזויגן זיין האַרץ און אים איז געווען לאַנגווייליק.

— ס'איז מיר שווער! — האָט ער געזאָגט, אַריינקומענדיק אין שטיבל, וואו סאַשאַ איז אין אַן אויסגעפּוצטער ראָזער קלייד געווען עפּעס פאַרנומען אַרום טיש, פונאַנדערשטעלנדיק אויף אים וויין און פאַרבייסנס. — ס'איז מיר שווער, אַלעקסאַנדראַ! וואָלסט כאָטש עפּעס געטאָן פאַר מיר, האַ?

זי האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אים, און אַנידער־זעצנדיק זיך אויפן בענקל נאָענט לעבן אים, זיך אָפּגערופן:

— אַז ס'איז עפּעס שווער — הייסט עס, אַז ס'ווילט זיך עפּעס... איז וואָס ווילסטו?

— איך וויים ניט! — האָט פּאַמאַ געענטפערט, שאָקלענדיק אומעטיק מיטן קאָפּ.

— באַקלער נאָר... טו אַ זוך.

— איך קען זיך ניט באַקלערן... עס קומט גאָרנישט אַרויס פון דעם...

— עך, דו... קינדעלע! — האָט שטיל און מיט ביטול געזאָגט סאַשאַ, אָפּרוקנדיק זיך פון אים. — דער קאָפּ איז ביי דיר אַן איבע־ריקער...

פּאַמאַ האָט ניט דערפילט איר טאָן און ניט באַמערקט איר באַוועגונג, אָנלענענדיק זיך מיט די הענט אויפן בענקל, האָט ער זיך

אויסגעבויגן פאָראויס און געקוקט אויפן דיל און גערעדט, שאָקלענדיק מיטן גאַנצן גוף:

— אַמאָל טראַכסטו און טראַכסט... די געדאַנקען קלעפּן זיך אַרום דיין גאַנצער נשמה, ווי פּעך... און פּלוצלונג ווערן זיי אַלע פאַרשוואונדן פון דיר, ווי זיי וואָלטן ערגעץ געוואָרן איינגעזונקען... אין דער נשמה ווערט דאַן, ווי אין אַ קעלער, פינסטער, פייכט, אינגאַנצן פּוסט... ס'בלייבט דאָרט גאָרנישט!... ס'ווערט אַזוי שרעקלעך, ווי דו וואָלסט געווען ניט קיין מענטש, נאָר אַ גרונטלאָזער תהום. וואָס פעלט מיר?

סאַשאַ האָט פון דער זייט געקוקט אויף אים און מיט אַ האַלבער שטים צעזונגען זיך אַ פאַרטראַכטע:

„Эхъ и дунетъ вѣтеръ — туманъ со моря пойдетъ“... *

— שיכּורן וויל איך ניט...ס'עקלט! ס'איז אַלץ איינס און דאָס זעלבע: די מענטשן, די פאַרוויילונגען, דער וויין... איך ווער אַ שלעכטער דאַן — און כ'וואָלט דאַן אַלעמען געשלאָגן... די מענטשן געפעלן מיר ניט... וואָס זיינען זיי? בשום אופן קענסטו זיי ניט פאַרשטיין— צו וואָס לעבן זיי? און ווען זיי זאָגן אַמאָל דעם אמת... איז וועמען זאָל מען הערן? איינער רעדט — איינס, דער צווייטער — עפּעס אַנדערש... און איך קאָן גאָרנישט זאָגן...

„Эхъ и тошно безъ тебя мнѣ, милый, жить“... **

האָט געזונגען סאַשאַ קוקנדיק פאַר זיך אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט.

און פאָמאַ האָט זיך אַלץ געשאָקלט און גערעדט:

— ס'טרעפט, איך שפּיר זיך שולדיק אַנטקעגן די מענטשן... אַלע לעבן זיי, האַוועץ, נאָר איך שרעק זיך און גלאָץ מיט די אויגן... פונקט כ'וואָלט ניט שפּירן אונטער זיך די ערד... מיין מוטער, אפשר, האָט דאָס מיר באַשאָנקען מיט דער דאָזיקער געפיללאָזיקייט? דער טויף-פאָטער דערציילט, אַז זי איז געווען ווי אַ שטיק אייז... און

* עך, וועט אַ בלאָזטאָן אַ ווינט — און אַ נעפּל וועט פון ים אויפגיין...

** עך, ס'איז מיר שווער אָן דיר צו לעבן, מיין ליבער.

ס׳האָט איר אַלץ געצויגן ערגעץ... אויך מיך ציט עס... צו מענטשן ציט מיך. כ׳וואָלט אַוועק צו זיי און געזאָגט: ברידער, העלפֿט! לערנט מיך! איך קאָן ניט לעבן! און אויב איך בין שולדיק — זייט מיר מוחל! קוקסט זיך אָבער אַרום — ניטאָ צו וועמען צו ריידן... קיינער דאַרף עס ניט... אַלע זיינען זיי אויסוואורפֿן! און אויב אַפֿילו זיי זאָלן זיין ערגער פֿון מיר... איז איך... שעם זיך כאָטש צו לעבן, ווי איך לעב... און זיי — גאַרנישט! זיי זיינען פֿאַרנומען מיט אַרבעט!...

פֿאָמאַ האָט זיך שטאַרק און ניט־אָנשטענדיק אויסגעזידלט און אַנטשוויגן געוואָרן. סאַשאַ האָט איבערגעריסן דאָס געזאַנג און זיך נאָך מער אָפּגערוקט פֿון אים. הינטערן פֿענסטער האָט געריסן דער ווינט, וואַרפֿנדיק אַ שטויב אויף די שויבן. אויפֿן אויוון האָבן געשאַרכט שרצים, קריכנדיק איבער אַ קופּע קינעלעך. ערגעץ האָט געמוקעט מיט אַ יללה אַ קעלבל.

סאַשאַ האָט שפּאָטיש געקוקט אויף פֿאָמען און זיך אָפּגערופֿן:

— אַט מוקעט דאָרט נאָך עמעצער אַן אומגליקלעכער... וואָלסט, אפֿשר, אַרויס צו אים: וואָלט איר זיך, אפֿשר, ביידע צוזאַמענגערעדט... — און אַוועקלייגנדיק איר האַנט אויף זיין געקרויזטן קאָפּ, האָט זי שפּאַסיק אים אַ שטורכע געטאָן אין זייט...

— וואָלסט, אפֿשר, בעסער אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם — אויף וואָס טויגט איר, אַזעלכע? וואָס סקריפּעסטו? הוליען איז דער דערעסן — איז פֿאַרנעם זיך מיט דיינע געשעפֿטן...

— מיין גאָט! — האָט פֿאָמאַ אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, — ס׳איז שווער צו ריידן אַזוי, אַז מען זאָל דיך פֿאַרשטיין... שווער! — און מיט אויפֿרעגונג האָט ער כמעט ווי זיך צעשריען: — וואָס פֿאַר אַ געשעפֿטן? ס׳ציט מיך ניט צו קיין שום געשעפֿטן! וואָס גיבן געשעפֿטן? נאָר אַ נאָמען אַזאַ — געשעפֿטן! קוקסט אָבער טיפֿער אַריין, אין תּוך — איז עס אָן אַ טאָלק! איך פֿאַרשטיי דען דאָס ניט? איך פֿאַרשטיי אַלץ, איך זע אַלץ, איך שפּיר אַלץ!... נאָר דער צונג איז ביי מיר... שטום... וואָס פֿאַר אַ פּעולה האָט מען פֿון געשעפֿטן? געלט? איך האָב עס אַזוי פֿיל!... אַז כ׳קען דערמיט דערוואַרגן עמעצן ביז טויט, אָפּשיטן דיך ביזן קאָפּ... ס׳איז בלויז אַ

שווינדל אָט די אַלע געשעפטן... איך קען געשעפטסלייט — נו, איז וואָס? זיי האָבן אַזוי פיל געלט שוין און דאָך דרייען זיי זיך בכּיוון ווייטער אין נייע געשעפטן, כּדי זיך אַליין ניט אַרויסצווייזן... זיי באַהאַלטן זיך, די טייוואָלים... פּרוביר אָקאָרשט זיי באַפרייען פון דאָזיקן הבל־הבלים, וועסטו זען, וואָס וועט זיין. זיי וועלן זיך ווי בלינדע אַרומוואַרפן אַהין און אַהער... פאַרלירן יעדן זין... משוגע ווערן! איך ווייס דאָס! און דו מיינסט, אַז אויב ס'זיינען שוין דאָ געשעפטן — איז שוין דער מענטש דערפון גליקלעך? ניין, ליי̆גסט — דערצו דאַרף מען נאָך עפּעס... דאָס איז — נאָך ניט אַלץ... דער טייך פליסט, כּדי מען זאָל פאָרן אויף אים, אַ בוים וואַקסט צוליב נוצן, אַ הונט — היט די שטוב... פאַר אַלץ אויף דער וועלט קען מען געפינען זיין באַרעכטיקונג. נאָר מענטשן זיינען — ווי שרצים — דורכאויס איבעריק אויף דער ערד... אַלץ איז פאַר זיי, אָבער זיי — פאַר וועמען? אַהאַ? און וואָס איז זייער באַרעכטיקונג? כאַ־כאַ!

פאָמאַ האָט געיובלט. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט געפונען עפּעס גוטס אַזויגס פאַר זיך און עפּעס שטאַרקס פאַר די מענטשן. און שפּירנדיק אין זיך אַ גרויס פרייד דערפון, האָט ער זיך אויך צעלאַכט.

— דער קאָפּ טוט דיר ניט ווי? — האָט סאַשאַ פאַרזאָרגט אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק אים אין פּנים מיט אַ פאָרשנדיקן בליק.

— די נשמה טוט מיר ווי! — האָט ער מיט האַסט אויסגעשריען. — און דערפאַר טוט זי מיר ווי, ווייל... זי איז אַ גראַדע... מיט ווייניק באַפרידיקט זי זיך ניט... גיב איר אַן ענטפער, ווי אַזוי צו לעבן? צו וואָס? אָט מיין טויפּפאָטער... ער האָט שכל!... ער זאָגט — שאַף זיך אַליין דאָס לעבן! ער איז אָבער איינער — אַזאַ... נו, איך וועל אים פרעגן, וואַרט! אָבער אַלע טענהן — דאָס לעבן האָט אונז אויסגעגעסן! דאָס לעבן האָט אונז דערוואָרגן... איך ביי זיי וועל איך פרעגן... ווי אַזוי מאַכט מען דאָס לעבן? מען דאַרף עס צוליב דעם האַלטן אין האַנט... מען דאַרף עס באַהערשן... וועסטו קיין לייס אין האַנט ניט נעמען — וועסטו קיין טעפּל ניט מאַכן...

— הער נאָר! — האָט ערנסט געזאָגט סאַשאַ, — לויט מיין מיינונג, דאַרפסטו חתונה־האָבן — אָט דאָס איז גאָר!

— צו וואָס? — האָט פּאָמאַ געפרעגט, ציענדיק מיט די אַקסלען.

— דו דאַרפסט האָבן אַ צאָם...

— ס'קלעקט! איך לעב דאָך מיט דיר... איר זייט דען ניט אַלע אַלץ איינס די זעלבע? איינע ניט זיסער פאַר דער צווייטער... ביז דיר האָב איך געהאַט איינע... פון די זעלבע, וואָס דו... ניין, יענע האָט מיט איר גוטן ווילן... איך בין איר געפעלן און זי האָט... מסכים געווען... געווען אַ גוטע... איבעריקנס — אַלץ איינס, דאָס זעלביקע, ווי ביי דיר, כאָטש דו ביסט שענער פון איר... אויך איינע אַ פּריצטע — איז מיר געפעלן געווען... אַן אמתע פּריצטע אַזאַ, פון אַדל. מען האָט גערעדט אויף איר, אַז זי איז אויסגעלאַסן. נאָר איך האָב זי ניט געקענט דערגרייכן... נ-יאָ-אָ... אַ קלוגע געווען, אַ געבילדעטע... געלעבט אין שיינקייט... איך פלעג אָפט טראַכטן — אָט וואו איך וועל פאַרזוכן דאָס אמתע! אָבער ניט געקאָנט זי דערגרייכן... און ווער ווייס, אפשר, ווען ס'וואָלט זיך איינגעגעבן... וואָלט אַלץ אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג... ס'האָט מיך געצויגן צו איר... געמיינט — איך וועל זיך ניט אָפּרייסן... און איצט — האָב איך זי פאַרטרונקען, פאַרגאָסן מיט וויין — איך האָב זי שוין איינגאַנצן פאַרגעסן.... און דאָס איז אויך ניט גוט... עך, הי, מענטש! אַ מנוול ביסטו, ריידנדיק געוויסנהאַפט...

פּאָמאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פאַרקלערט. סאַשאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק, זיך דורכגעגאַנגען איבערן הויז און געביסן די ליפּן. נאָכדעם זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים, און פאַרוואַרפנדיק די הענט אויפן קאָפּ, זיך אָפּגערופן:

— ווייסט וואָס? איך גיי אַוועק פון דיר...

— וואוהין?—האָט פּאָמאַ געפרעגט, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

— איך ווייס ניט... אַ נפקא-מינה!

— און פאַרוואָס?

— רעדסט אַלץ איבעריקע זאַכן... ס'איז לאַנגווייליק מיט דיר... דו יאָגסט אַרויף אַן אומעט...

פּאָמאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף איר און טרויעריק זיך צעלאַכט:

— נו־ן? טאַקע?

— יאָ! אָט וואָס: אַז איך הייב אָן צו טראַכטן, דאַן פאַרשטיי איך, וואָס דו רעדסט און פאַרוואָס... איך בין דאָך אויך פון די... ס'וועט אויך קומען מיין צייט, וועל איך זיך פאַרטראַכטן... און דאַן וועל איך שוין פאַרפאַלן ווערן... אָבער דערווייַלע איז נאָך פאַר מיר צו פרי... ניין, איך וועל נאָך אַ לעב טאָן... און נאָכהער — זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין!

— און איך — וועל אויך פאַרפאַלן ווערן? — האָט גלייכגילטיק געפרעגט פאָמאַ, שוין אַ פאַרמאַטערטער פון זיינע אייגענע רייד.

— ווי־זשע דען! — האָט רויִק און זיכער געענטפערט סאַשאַ. — אַזעלכע מענטשן ווערן אַלע מאָל פאַרפאַלן... ביי וועמען דער כאַ־ראַקטער בויגט זיך ניט, און קיין שכל איז ניטאָ — איז וואָס איז עס פאַר אַ לעבן פאַר אים? אָט אַזוי זיינען מיר אויך...

— איך האָב ניט קיין שום כאַראַקטער... — האָט פאָמאַ גע־זאָגט, אויסציענדיק זיך. נאָכהער האָט ער געשוויגן אַ ווייַלע און צוגעגעבן: און קיין שכל אויך ניט...

זיי האָבן אַ ווייַלע געשוויגן, קוקנדיק זיך אין די אויגן.

— וואָס־זשע וועלן מיר טאָן? — האָט פאָמאַ געפרעגט.

— מען דאַרף עסן מיטאָג.

— ניין, בכלל? שפּעטער?

— שפּעטער?... איך ווייס ניט־ט...

— גייסטו, הייסט עס, אַוועק?

— איך וועל אַוועקגיין... נאָר לאָמיר נאָך אַ הוליע טאָן פאַרן געזעגענען זיך. מירן פאָרן אין קאַזאַן, און דאָרט וועלן מיר אַ לעב טאָן, אַז ס'וועט גיין אַ רויך מיט פייער, איך וועל דיר אָפּזינגען...

— דאָס קען מען אויך! — האָט פאָמאַ מסכים געווען. — פאַרן געזעגענען זיך — דאַרף מען עס... עך דו... שד! דאָס לעבן... איז פריילעך! נאָר הער, סאַשקאַ, וועגן אייך, גאַסיקע — רעדט מען, אַז איר זייט געלט־גייציק און אַז איר גנבעט אַפילו...

— מאַלע וואָס מען רעדט... — האָט סאַשאַ רויִק געענטפערט.

— דאָס באַליידיקט דיך דען ניט? — האָט נייגעריק געפרעגט פאָמאַ. — אָט דו — ביסט ניט קיין געלט־גייציקע... דיר וואָלט דאָך

געלוינט צו בלייבן מיט מיר... איך בין דאָך אַ רייכער, און אָט נעמסטו און גייסט גאָר אַוועק... הייסט עס — דו ביסט ניט קיין געלט-גייציקע...

— איך? — סאַשאַ האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט: — אפשר בין איך ניט קיין געלט-גייציקע — איז וואָס דערפון געדרונגען? איך בין דאָך נאָך ניט אינגאַנצן... קיין געפאַלענע... אַזאַ, וואָס שלעפּט זיך איבער די גאַסן... און פאַראיבל האָבן — אויף וועמען? זאָל מען ריידן, וואָס מען וויל... דאָס ריידן דאָך מענטשן, ניט אָקסן ברומען... און מיר איז שוין גוט באַקאַנט דאָס מענטשלעכע הייליקייט און ערלעכקייט... ע-עך, ווי דאָס איז מיר באַקאַנט! וואָלט מען מיך אויסגעקליבן פאַר אַ ריכטער—וואָלט איך גאָר אַ טויטן באַפרייט!...—און צעלאַכנדיק זיך מיט אַ ניט-גוטן געלעכטער, האָט סאַשאַ פאַרענדיקט: — נו, גענוג שוין צו ריידן נאַרישקייטן... זעץ זיך צום טיש!...

דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי זיינען שוין פאָמאַ און סאַשאַ געשטאַנען צוזאַמען אויף די טרעפּלעך פון אַ דאַמפער, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום האַפן אויפן טייך אוסט. כאַשעס גרויכער שוואַרצער הוט האָט צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט פון פובליקום מיט זיינע פאַרריסענע, אויסגעבויגענע ברעגעס און ווייסע פעדערן. פאָמען איז געווען ניט באַקוועם צו שטיין לעבן איר און פילן, ווי איבער זיין צעטומלטן געזיכט פרוזען נייגעריקע בליקן. דער דאַמפער האָט געהוידעט און זיך געטרייסלט, צושווימענדיק מיטן נאָז צו דער קאַנטאָר, וואָס איז געווען פאַרזייט מיט אַ המון, וועלכער האָט אים אָפּגעוואַרט, אָנגעטאָן זומערדיק, אין העלע בגדים. פאָמען האָט געשיינט, אַז ער זעט צווישן די פאַרשיידנאַרטיקע פנימער אויך די געשטאַלט פון עמעצן אַ באַקאַנטן, וועלכער באַהאַלט זיך עפּעס די גאַנצע צייט הינטער די פּלייצעס פון אַנדערע, אָבער וועלכער נעמט ניט אַראָפּ פון אים די אויגן.

— קום אַריין אין קאַיוטע! — האָט ער אומרויִק פאָרגעלייגט זיין פריינדין.

— הי לערן זיך ניט באַהאַלטן דיינע עבירות פון מענטשן, —

האָט מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט סאַשאַ. — האָסט דערזען אַ באַקאַנטן אפשר?...

— ממ... יאָ־אָ... עפּעס עמעצער הויט מיך...

— אַ ניאַנקע מיט אַ סאָסקע? כאַ, כאַ, כאַ!

— נו, דו... האָסט זיך צעהירזשעט! — האָט פּאָמאַ געענטפערט, אָנשפּיצנדיק אויף איר אַ פּאָר גזלנישע אויגן. — מיינסט — איך האָב מורא?

— איך זע שוין דיין העלדישקייט...

— ווייסטו וואָס! איך וועל גיין קענען יעדערן... — האָט בייז געזאָגט פּאָמאַ, נאָר אַ־יינקוקנדיק זיך אין המון אויפן האַפן, האָט זיך זיין פּנים פּלוצלונג פאַרענדערט און ער האָט שטיל צוגעגעבן:

— אַ, דאָס איז דער טויך־פּאָטער...

ביים סאַמע ברעג פון האַפן, אַריינגעשטופּט צווישן צוויי דיקע פרויען, איז געשטאַנען יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש מאַיאַקין און מיט אַ גיפטיקער העפלעכקייט געפּאַכט אין דער לופטן מיטן קאַפּעלוש, אויפהייבנדיק אין דער הויך זיין פאַרמעטענעם פּנים. דאָס בערדל האָט זיך ביי אים געטרייסלט, זיין פּליך האָט געגלאַנצט און די אייגעלעך האָבן דורכגעבויערט פּאָמען, ווי שרויפן.

— נ־נו, ווי אַ רויב־פויגל! — האָט פּאָמאַ געבורטשעט, אַראָפּנעמענדיק זיין הוט און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צום טויך־פּאָטער.

זיין באַגריסונג האָט, קענטיק, פאַרשאַפט מאַיאַקינען גרויס פאַרגעניגן. — דער אַלטער האָט זיך ווי עפּעס איינגאַנצן אויסגעצויגן, אַ טופּע געטאָן מיט די פיס און זיין פּנים איז ווי באַלויכטן געוואָרן פון אַ גיפטיקן שמייכל.

— דאָס יינגעלע וועט שוין מסתמא באַקומען אויף ניסלעך! — האָט זיך סאַשאַ געריצט מיט פּאָמען.

אירע רייד צוזאַמען מיטן שמייכל פון טויך־פּאָטער האָבן ווי קוילן געבערענט פּאָמעס ברוסט.

—מירן זען, וואָס וועט זיין... — האָט ער דורך די ציינער אַרויסגעזיפּט און איז פּלוצלונג געבליבן ווי געליימט מיט אַ פאַרביסענער רויִקייט. דער דאַמפער איז צוגעשוואומען און די מענטשן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן, ווי אַ כוואַליע אויפן האַפן. אַ פאַרשטעלטער דורכן

עולם איז מאַיאַקין אויף אַ רגע נעלם געוואָרן פון זיין טויף־וונס אויג, און איז נאָכהער צוריק אַריינגעשוואומען, שמייכלענדיק מיט אַ שאַרף צבועקישן יובלדיקן שמייכל. צונויפציענדיק די ווייעס, האָט פאָמאַ געקוקט אויף אים פון דער זייט און זיך געדירט פון אָרט, גייענדיק אים אַנטקעגן מיט פאַמעלעכדיקע טריט איבערן בריקל. מען האָט אים געשטויסן אין פלייצע, זיך אָנגעשפאַרט אויף אים, געשטופט אים, געמאַכט אים ענג, — און דאָס אַלץ האָט נאָך מער אויפגערעגט אים. אָט האָט ער זיך שוין צונויפגעשטויסן פנים אל פנים מיטן אַלטן, און דער לעצטער האָט אים אויפגענומען מיט אַ העפלעכער באַגריסונג און מיט אַ פראַגע:

— וואוהין באַוויליקט איר דאָס צו רייזן, פאָמאַ איגנאַטיטש?

— געשעפטלעך, — האָט פעסט געזאָגט פאָמאַ, ניט ענטפערנדיק אויף זיין באַגריסונג.

— זייער פיין, מיין הער! — האָט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש אָפּגערופן זיך, שיינענדיק אינגאַנצן מיט זיין שמייכעלע. — וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו אייך די פריצטע מיט די פערדערן?

— אַ געליבטע, — האָט פאָמאַ געענטפערט, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון אַלטנס שאַרפן קוק.

סאַשאַ איז געשטאַנען הינטער אים און פון הינטערן פלייצע רויק באַטראַכט דעם אַלטינקן, וועמעס קאָפּ איז געווען נידעריקער פון פאָמעס גאָמבע. פאָמעס הויכער ריידן האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פובליקום, וואָס האָט גענומען קוקן אויף זיי, פאָראויסשפירנדיק אַ סקאַנדאַל. אויך מאַיאַקין האָט באַלד דערפילט די מעגלעכקייט פון אַ סקאַנדאַל, און האָט תיכף ריכטיק אָפּגעשאַצט די קריגסשטימונג פון זיין טויף־זון. ער האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן, פאַרביסן די ליפּן און רויק זיך אָפּגערופן צו פאָמען:

— איך האָב מיט דיר וואָס צו ריידן... וועסט גיין מיט מיר אין האָטעל?...

— מען קען... אָבער ניט אויף לאַנג...

— האָסט קיין צייט ניט, הייסט עס? אַ קלאָרע זאַך — אײַלסט זיך, אַפּנים, דערטרינקען נאָך אַ בערלינע? — האָט דער אַלטער געזאָגט, ניט איינהאַלטנדיק זיך.

— פאַרוואָס ניט דערטרינקען, אַז זיי לאָזן זיך? — האָט אַרויס־רופעריש און שמייך געענטפערט פּאָמאַ.

— אוודאי!... ניט דו האָסט אָנגעלעבט... ניט דו האָסט וואָס צו זשאַלעווען? נו, קום... אפשר קאָן מען די פּריצטע דיינע... כאָטש אויף אַ שטיקל צייט דערטרינקען אין וואַסער? — האָט מאַיאַקין שטיל צוגעגעבן.

— סאַשאַ, פאָר אין שטאָט אַריין, נעם אַ נומער אין דעם ס׳בירער גאַסטהויז... איך וועל באַלד קומען! — האָט זיך פּאָמאַ אָפּגערופן צו סאַשען, און, ווענדנדיק זיך צו מאַיאַקינען, צוגעגעבן מיט דרייסט־קייט:

— פאַרטיק!... לאָמיר גיין...

ביזן גאַסטהויז זיינען זיי ביידע געגאַנגען שוויגנדיק. פּאָמאַ האָט געזען, אַז דער טויפּפאָטער מאַכט בכיוון ברייטערע טריט, כדי ניט אָפּצושטיין פון אים און האַלט צוליב דעם אין איין אונטער־שפּרינגען. דאָס, וואָס דער אַלטער קאָן ניט גיין מיט אים גלייך, האָט אים אונטערגעהאַלטן און פאַרשטאַרקט אין אים דעם שטורמדיקן געפיל פון פּראָטעסט, וועלכן ער האָט איצט געקאָנט קוים איינהאַלטן אין זיך.

— באַדינערל! — האָט ווייך אויסגערופן מאַיאַקין, אַריינקומענדיק אין זאַל פון גאַסטהויז, און אויסקלייבנדיק אַ ווייטןווינקל. — דער־לאַנג אַהער אַ פלעשעלע זויער־קוואַס...

— און מיר — קאָניאַק, — האָט פּאָמאַ באַפוילן.

— אַט־וואָס... אַז מען האָט שלעכטע קאָרטן, דאַרף מען שטענדיק אַרויסגיין מיטן בעסטן גאַנג! — האָט שפּאָטיש געעצהט מאַיאַקין.

— איר ווייסט נאָך ניט מיין שפּיל! — האָט פּאָמאַ געזאָגט, זיך אוועקזעצנדיק ביים טיש.

— נו־ו? געגוג — שוין! אַ סך שפּילן אַזוי...

— ווי?

— אָט ווי דו... מוטיק, אָבער ניט קלוג...

— מיין שפּילן קאָן אָדער דעם שאַרבן צעזעצן, אָדער די וואַנט צעברעכן! — האָט פּאָמאַ היים זיך אָפּגערופן און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש...

— האָסט זיך נאָך ניט באַנעצט, כּדי אויסצוּוויכטערן זיך? — האָט מאַיאַקין געפרעגט מיט אַ שמייכל.

פאָמאַ האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אין שטול און מיט אַ צעקרימטן פּנים פון בייזקייט און צערודערונג זיך אָפּגערופן:

— פּאַפּאַשאַ, טויף-טאַטע!... איר זייט אַ קלוגער מענטש... איך אַכט אייך פאַר אייער שׂכל...

— אַדאַנק, זונעלע! — האָט מאַיאַקין זיך אַ נויג געטאָן, אויפשטעלנדיק זיך, און אָנלענענדיק די הענט אָן טיש.

— ניטאָ פאַרוואָס... איך וויל אייך זאָגן, אַז איך בין שוין מער נישט אַלט קיין צוואַנציק יאָר... איך בין שוין מערנישט קיין קליינינקער.

— אוודאי! — האָט מאַיאַקין מסכּים געווען. ניט קיין קליינע ביסל יאָרן האָסטו אָפּגעלעבט, וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן! ווען אַ קאָמאַר וואָלט אַזוי פיל געלעבט — וואָלט ער אויסגעוואַקסן, ווי אַ הון די גרייס...

— הערט אויף מיט אייערע חכמות! — האָט פאָמאַ געוואָרנט. ער האָט דאָס געזאָגט אַזוי רויִק, אַז מאַיאַקינען האָט דאָס אינגאַנצן דורכגענומען, און די קנייטשן אויף זיין פּנים האָבן אומרויִק אַ ציטער געטאָן.

— צו וואָס זייט איר אַהער געקומען? — האָט פאָמאַ געפרעגט.

— אַ... האָסט דאָ אָנגעפּאַסקודעט... נו וויל איך זען, — צי אַ סך? איך בין דאָך דיר עפּעס אַ קרוב... און דער איינציקער ביי דיר...

— אומזיסט באַאומרויִקט איר זיך... אָט וואָס, פּאַפּאַשאַ... אָדער גיט מיר פולשטענדיקע פרייהייט, אָדער נעמט איבער אַלע מיינע געשעפטן אין אייערע הענט... נעמט אַלץ איבער! אַלץ ביזן לעצטן רובל!

דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט זיך ביי פאָמען אַרויסגעריסן אינגאַנצן אומדערוואַרט פאַר אים גופא. פריער האָט ער וועגן דעם לחלוטין ניט געטראַכט, נאָר מאַכנדיק, ערשט איצט, דעם טויף-פאָטער אַזאַ פאָרשלאָג, האָט ער פלוצלונג פאַרשטאַנען, אַז ווען דער טויף-פאָטער זאָל צונעמען ביי אים זיין גאַנצן אייגנס — וואָלט

ער געוואָרן אינאַנגצן אַ פרייער מענטש, ער וואָלט געקאָנט גיין וואו־הין עס ווילט זיך, טאָן, וואָס ס׳ווילט זיך... ביז דעם מאָמענט איז ער געווען געבונדן און אַרומגעקנוילט מיט עפּעס, נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין אַנונג וועגן זיינע נעצן און ניט געקענט זיי אַראָפּרייסן פון זיך, אָבער איצט פאַלן זיי אַליין אַראָפּ פון אים אַזוי לייכט און פשוט. אין האַרצן האָט אויפגעפלאַקערט אַן אומרויִקע און פריידיקע האָפענונג, ער האָט ווי דערזען, אַז אין זיין לעבן האָט פּלוצלונג פון ער־געץ אַ שלאָג געטאָן אַ ליכטיקייט, וואָס האָט אים פאַרבלינדעט, און ס׳האָט זיך געעפנט פאַר אים אַ ברייטער, פרייער, רחבותדיקער וועג... אין זיין מוח זיינען געבאָרן עפּעס געשפענסטער, און נאָכפאָלגנדיק מיט איבערראַשונג זייער בייטן זיך, האָט ער ניט בינדיק געבורטשעט:

— אָט... דאָס איז בעסער פון אַלץ! נעמט אַלץ איבער — און פּטור! און איך — וועל זיך אַוועקלאָזן אויף אַלע פיר זייטן!... אַזוי לעבן ווייטער קען איך ניט... פּונקט ס׳וואָלט אויף מיר גע־האַנגען אַ וואָג... פּונקט, ווי כוואָלט געווען געבונדן... דאָס — טאָר מען ניט, יעניץ טאָר מען ניט... איך וויל לעבן פריי... כדי אַליין אַלץ צו וויסן... איך וועל זוכן אַ לעבן פאַר זיך... אַניט וואָס בין איך דען? אַן אַרעסטאַנט... זייט אַזוי גוט און נעמט דאָס אַלץ צו... צום טייוול דאָס אַלץ! באַפרייט מיך, איך בעט אייך! וואָס בין איך פאַר אַ סוחר? איך האָב קיין זאַך ניט ליב... איך וואָלט אָן דעם— אַוועק פון די מענטשן... אַוועק פון אַלץ... איך וואָלט זיך געפונען אַן אַרבעט... עפּעס אַן אַרבעט וואָלט איך געטאָן... בנאמנות! פּאַ־פּאַשאַ לאָזט מיך פריי... אַניט — שיכור איך... מיט אַ אישה זיך צונויפגעבונדן...

מאַיאַקין האָט געקוקט אויף אים, אויפמערקזאַם צוהערנדיק זיך צו זיינע רייד. זיין פּנים איז געווען שטרענג, אומבאַוועגלעך, פאַר־שטיינערט. איבער אים האָט זיך געטראָגן אַ הייזעריקער טומל פון שענק, עפּעס מענטשן זיינען געגאַנגען פאַרביי זייער טישל, זיי האָבן געגריסט מאַיאַקינען, נאָר ער האָט גאָרנישט באַמערקט, באַ־טראַכטנדיק עקשנותדיק זיין טויף־זונס צורה, וואָס האָט געשמייכלט פאַרלאָרן, פריילעך און אין דער זעלבער צייט אויך טרויעריק...

— עך, דו, מיין זויערע יאַגדע! — האָט מאַיאַקין אַ זיפּץ געטאָן און איבערגעשלאָגן פאָמען די רייד, — האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט, זע איך... — פּלוטעוועסט עפּעס אָן אַן אומזין... מען דאַרף פאַרשטיין נאָר, צי רעדט דאָס פון דיר אַרויס דער קאָניאַק, אָדער גלאַט דיין טיפּשות?

— פּאַפּאַשאַ! — האָט פאָמאַ אויסגערופן. — דאָס קען מען דאָך! ס'זיינען דאָך געווען אַזעלכע פאַלן... מענטשן האָבן אַוועקוואָרפן זייער אייגנס — און זיך אַזוי אַרום געראַטעוועט...

— ניט פאַר מיין צייט... און ניט פון מיין קריז! — האָט מאַיאַקין שטרענג געזאָגט. — איך וואָלט אַזעלכע מענטשן שוין... באַוויזן!

— אַ סך זיינען געוואָרן הייליקע און זיי זיינען אַוועק...

— ממ... ביי מיר וואָלטן זיי שוין ניט אַוועק!... דאָ איז די זאַך איינפאַך — די שפּיל אין דאַמקע קענסטו? גייסט פון אָרט צו אָרט ביז מען עסט דיך ניט אויף — און עסט מען דיך ניט אויף — איז האָסטו אַ דאַמקע! אַלע גענג זיינען דאַן פאַר דיר אָפן. פאַרשטאַנען? און צוליב וואָס רייד איך דאָס מיט דיר אַזוי ערנסט? טפוי...

— פּאַפּאַשאַ! פאַרוואָס ווילט איר ניט? — האָט מיט האַרץ אויסגערופן פאָמאַ.

— דו הער נאָר! אויב דו ביסט אַ קוימענקערער — טאָ קריך, הינטישער זין, אויפן דאַך!... אויב אַ פייערלעשער — טאָ שטיי אויף דער וואַך! יעדער מין מענטש מוז האָבן זיין סדר אין לעבן... קעלבלעך ברומען ניט, ווי בערן! לעבסט מיט דיין לעבן — טאָ לעב! און באַלבע ניט, קריך ניט, וואו דו דאַרפסט ניט... שאַף דיין לעבן... אויף דיין אופן. —

פון דעם אַלטנס טונקעלע ליפּן האָט אַ שלאַנג געטאָן, ווי אַ בליסנדיקער צאַפּלדיקער שטראַם, יענע לעבעדיקע זכערע און שלאַנג־פאַרטיקע שפּראַך, וועלכע איז געווען פאָמען גוט באַקאַנט. אָבער ער האָט זיך ניט צוגעהערט, פאַרכאַפּט פון רעיון וועגן דער פרייהייט, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַזוי איינפאַך און מעגלעך. דער רעיון האָט זיך אים אַריינגעהאַקט אין מאַרך, און אין זיין ברוסט האָט אַליין

געשטאַרקט זיך דער חשק איבערצורייסן דעם באַנד מיטן דאָזיקן פינסטערן און לאַנגווייליקן לעבן, מיטן טויף־פּאָטער, מיט די דאַמ־פּערס, בערלינעס, ליאַמעס, — מיט אַלץ, צווישן וואָס אים איז געווען אַזוי שווער און ענג צו לעבן.

דעם אַלטנס דיבורים האָבן דערגרייכט צו אים, ווי פון ערגעץ ווייט: זיי האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן קלאַנג פון געשיר, מיטן שאָרסטקען פון די באַדינערס שיך איבערן דיל, מיט עמעצנס אַ שיכורן געשריי. ניט ווייט פון זיי זיינען ביי אַ טיש געזעסן פיר סוחרים און הויך אונטערהאַנדלט:

— צוויי מיט אַ פערטעלע און — דאַנק גאָט!

— לוקאַ מיטריטש! ווי קען מען דאָס?

— גיב־זשע אים שוין צוויי מיט אַ האַלבן!

— ריכטיק! מען דאַרף געבן... דער דאַמפּערל איז אַ גוטער. ער פאָרט לעבעדיק...

— ברידערלעך! איך קען ניט... צוויי מיט אַ פערטעלע!...

— אָט די גאַנצע קאַשע האָט זיך פאַרקאָכט ביי דיר אין קאָפּ — פון דיין יונגער היציקייט! — האָט וואָגיק באַטאָנט מאַיאַ־קין, פויקנדיק מיטן האַנט איבערן טיש. — דיין געוואַגטקייט — איז טיפשות; אַלע דיינע רייד — זיינען גאָרניט ווערט... אפשר וואָלסטו אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר? אפשר ציט דיך גאָר אויפן ברייטן שליאַך?

פאָמאַ האָט געהערט און געשוויגן. דער טומל, וואָס האָט גע־הערשט אַרום אים, איז ווי אַוועק ערגעץ ווייטער. ער האָט זיך פאָר־געשטעלט צווישן אַ געוואַלדיקער, טומלדיקער מאַסע מענטשן, וועלכע וואַרפן זיך אַרום, ווער וויים, צוליב וואָס, קריכן איינער אויפן צווייטן, זייערע אויגן זיינען גייציק אַרויסגעשטאַרטשעט, זיי געוואַלדעווען, שרייען, שילטן זיך, פאַלן, שטיקן איינער דעם אַנדערן און אַלע שטופּן זיך אויף איין אָרט. אים איז צווישן זיי שלעכט, מחמת ער וויים ניט, וואָס זיי ווילן, ער גלויבט ניט זייערע רייד און ער פילט, אַז זיי גלויבן זיך גופא אויך ניט און פאַרשטייען גאָרנישט. און אויב ער וועט זיך אַרויסרייסן פון צווישן זיי אויף דער פריי, אויפן ראַנד פון לעבן, און פון דאָרט וועט ער אַ קוק טאָן אויף זיי — וועט ער דאַן אַליין

פאַרשטיין, פאַרשטיין אויך דאָס, וואָס זיי ווילן, און זען, וואו איז צווישן זיי זיין אָרט.

— איך פאַרשטיי דאָך, — האָט שוין ווייכער גערעדט מאַיאַקין, זעענדיק פאָמען אַ פאַרטראַכטן און רעכענענדיק, אַז ער קלערט וועגן זיינע רייד, — דו ווילסט גליק פאַר זיך... נו, פריינד, דאָס גיט זיך ניט אַזוי גיך... דאָס דאַרף מען זוכן, ווי אַ שוועמל אין וואַלד, מען דאַרף איבער דעם ברעכן דעם רוקן... און געפינענדיק, — דאַרף מען נאָך זען, צי איז דאָס ניט קיין סם?

— איז מאַכט איר מיך פריי? — האָט פאָמאַ אַ פרעג געטאָן, אויפהויבנדיק פלוצלונג דעם קאָפּ.

מאַיאַקין האָט אָפּגעווענדט אָן אַ זייט די אויגן פון פאָמעס פייערדיקן בליק.

— פּאַפּאַשאַ! כאָטש אויף אַ צייט! לאָזט מיך אָפּאָטעמען... לאָזט מיך אַוועקגיין אָן אַ זייט פון אַלץ! — האָט פאָמאַ געבעטן. — איך וועל זיך צוקוקן, ווי אַלץ קומט פאָר... און דאַן אפשר... אַניט — וועל איך שיכורן...

— פּלאַפּל ניט קיין פּוסטע זאַכן! וואָס פּלוידערסטו? — האָט מאַיאַקין שוין מיט כעס אַ געשריי געטאָן.

— נו, גוט! — האָט פאָמאַ רויִק זיך אָפּגערופן. — מילא! איר ווילט ניט? איז וועט גאָרנישט זיין! איך וועל אַלץ פאַרשווענדן! און מער האָבן מיר ניט וואָס צו ריידן... אַדיע! איך וועל זיך איצט נעמען צו דער אַרבעט — איר'ט זען! איר וועט פון מיר קלייבן נחת... אַ רויך וועט גיין פון אַלץ...

פאָמאַ איז געווען רויִק און גערעדט מיט זיכערקייט; אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווייבאַלד ער האָט אַזוי באַשלאָסן — קען אים שוין דער טויף־פאָטער ניט שטערן. אָבער מאַיאַקין האָט זיך אויסגעגלייכט אויפן שטול און אויך רויִק און איינפאַך געלאָזט וויסן:

— און דו ווייסט, וואָס איך קען מיט דיר טאָן?

— ס'איז אייער זאַך! — האָט פאָמאַ אָפּגעענטפערט, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט.

— אָט וואָס: איך וועלן פאָרן אַהיים און וועל זיך נעמען משתדל

זיין, אַז מ'ין זאָל דיך אָנערקענען פאַר אַ שוואַכזיניקן, און מען זאָל דיך אַריינזעצן אין אַ משוגעים הויז...

— צי דען קען מען דאָס? — האָט ניט גלויבנדיק, אָבער מיט שרעק, געפרעגט פאָמאַ...

— בײַ אונז, ליבער פריינד, קען מען אַלץ...

— אַזוי...

פאָמאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פון אונטערן שטערן אַ קוק געטאָן אויפן פנים פון טויף=פאָטער, טראַכטנדיק דערבײַ מיט ציטערניש:

„ער וועט טאַקע אַריינזעצן... אָן שום רחמנות“...

— אויב דו מאַכסט זיך ערנסט נאַריש — וועל איך זיך אויך מוזן ערנסט נעמען צו דיר... איך האָב צוגעזאָגט דיין פאָטער אַ וואָרט — אַוועקשטעלן דיך אויף די פיס... און איך וועל דיך אַוועקשטעלן... וועסטו ניט וועלן שטיין — וועל איך דיך מיט אייזן צושמידן... וועסטו שוין דאַן אײַנשטיין... גוט כאָטש, וואָס איך ווייס, אַז די אַלע שטותים דיינע, וואָס דו רעדסט, זיינען מחמת דו טרינקסט צו פיל... נאָר אויב דו וועסט עס ניט אַוועקוואַרפן... אויב דו וועסט פאָרזעצן דיין איבערגעפירטע אויפפירונג און פטרן דיין טאַטנס אָנגעהאָרעוועטן אייגנס אויף הולטייסטוועס — וועל איך דיר אויפן קאָפּ אַרויפזעצן אַ דעקל... אַ געזאַלצענעם גלאָק... מיט מיר טרייבט מען ניט קיין קאַטאָוועס...

מאַיאַקין האָט גערעדט ווייך. די קנייטשן אויף די באַקן האָבן זיך אויפגעהויבן העכער און זיינע אייגעלעך האָבן געשמייכלט פון זייערע פינסטערע זעקלעך אַרויס. קאַלט און מיט חוזק. אויפן שטערן האָבן די קנייטשן בײַ אים געבילדעט עפּעס אַן אויסטערלישע געמאָלעריי, אויפהייבנדיק זיך ביזן פּליך. זיין פנים איז געווען אומרחמנותדיק און ניט נאָכגיביק, און ס'האָט פון אים געבלאָזן פאָמען אויף דער נשמה מיט אומעט און קעלט...

— הייסט עס, איך האָב ניט קיין אַרויסגאַנג? האָט פאָמאַ פינסטער געפרעגט. — איר פאַרמאַכט מיר אַלע וועגן?

— אַן אַרויסגאַנג איז דאָ... גיי! נאָר איך וועל דיך פירן... אָבער

באַאומרויִקט זיך ניט — ס'וועט זיין גוט! וועסט קומען פּונקט אויף דיין ריכטיקן אָרט...

די דאָזיקע זיכערקייט, די דאָזיקע אומבאַוויגבאַרע באַרימערײַ, האָבן אויפגעריסן פֿאָמען. פֿאַרשטעקנדיק די הענט אין די קעשענעס, כּדי ניט צו דערלאַנגען דעם אַלטן אַ פּאַטש, האָט ער זיך אויסגע־גלייכט איפן שטול און פֿון דער זייט געזעדט, קריצנדיק מיט די ציין:

— וואָס גרויסטו איר זיך אַליין? מיט וואָס באַרימסטו איר זיך? דיין זון — וואו איז ער דען? דיין טאָכטער — וואָס איז זי דען? עך דו... בוייער פֿון לעבן! נו, ביסט קלוג... אַליין ווייסטו!... טאָ זאָג מיר — צוליב וואָס לעבסטו? צוליב וואָס קלייבסטו געלט? וועסט דען ניט שטאַרבן, וואָס? נו, וואָס־זשע? האָסט מיך געפֿאַנגען... פֿאַר־כאַפּט, באַזיגט... וואַרט נאָך... איך וועל זיך נאָך אפשר אַרויסרייסן! ס'איז נאָך ניט אַליין געענדיקט! ע־עך דו! וואָס האָסטו געטאָן פֿאַרן לעבן? מיט וואָס קען מען דיך דערמאָנען צום גוטן? מיין טאַטע האָט אויסגעבויט אַ הויז, און דו — וואָס?

מאַיאַקינס קנייטשן האָבן אַ ציטער געטאָן און זיך אַלע מיט אַמאָל אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, פֿון וואָס דאָס פּנים ביי אים האָט אָנגענומען אַ קרענקלעך, וויינענדיקן אויסזען. ער האָט אויפגעעפֿנט דאָס מויל, נאָר גאָרנישט געזאָגט, קוקנדיק אויפן טויפֿזון מיט פֿאַר־גאַפֿונג, שיר ניט מיט פּחד.

— מיט וואָס וועסטו זיך פֿאַרענטפֿערן? — האָט פֿאָמאַ ניט הויך געפֿרעגט, ניט אַראָפּנעמענדיק פֿון אים די אויגן.

— שוויַיג, כּלבֿל!... — האָט שטיל געענטפֿערט דער אַלטער, וואַרפֿנדיק אַן אומרויִקן בליק איבערן זאַל.

— איך האָב שוין אַליין געזאָגט! און איצט גיי איך! פּרוּוו ניט לאָזן!

פֿאָמאַ האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון שטול, אָנגעטאָן דעם הוט אויפן קאָפּ און מיט אַ פֿאַראַכטנדיקן בליק באַטראַכט דעם אַלטן.

— גיי... אָבער איך וועל דיך... איך וועל דיך — פּאַקן! ס'וועט זיין, ווי איך וויל! — האָט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש זיך אָפּגע־רופֿן מיט אַ מטושטשער שטים.

— און איך — וועל הוליען! כ'וועל אַליין פאַרהוליען!...
— מילא... מירן זען!...
— צום ווידערזען! העלד... — האָט פאָמאַ געחוזקט.
— צום באַלדיקן ווידערזען זיך! איך וועל פון מיינס ניט אָפּ־טרעטן... איך האָב דאָס ליב.. איך דיך ליב איך... ביסט, נישקשה, אַ גוטער יונג! — האָט מאַיאַקין געשטעלט שטיל, ווי שטיקנדיק זיך.
— דו האָב מיך ניט ליב — דו לערן מיך בעסער... אָבער לערנען מיך דאָס ריכטיקע — קענסטו ניט! — האָט פאָמאַ גע־זאָגט און אויסדרייענדיק זיך מיטן חוקן צום אַלטן, איז ער אַרויס פון זאַל.

יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש מאַיאַקין איז פאַרבליבן אַליין אין שענק. ער איז געזעסן ביים טיש און, איבערגעבויגן זיך איבער אים, גע־צייכנט אויפן טאַש געמעלן, איינגעצנדיק דעם ציטערדיקן פינגער אין פאַרגאָסענעם קוואַס. זיין שפּיציקער קאָפּ האָט זיך וואָס ווייטער אַליין נידעריקער אַראָפּגעלאָזט איבערן טיש, ווי ער וואָלט זיך ניט פונאַנ־דערגעקליבן און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס זיין טרוקענער פינגער צייכנט אויפן טיש.

אויף זיין פליך האָבן געגלאַנצט טראָפּנס שוויס, און לויט געוויינהייט האָבן די קנייטשן אָפט געציטערט אויף זיינע באַקן מיט אַן אומרויִקן ציטער...

אין שענק האָט די גאַנצע צייט געהערשט אַ הילכיקער טומל, פון וואָס די שויבן אויף די פענסטער האָבן זיך געטרייסלט. פון דער וואָלגע האָבן זיך דערטראָגן אַ פייפעריי פון דאַמפערס, טרוקענע קלעפּ פון רעדער אויפן וואַסער, געשריען פון די לאַסטטרעגער, — דאָס לעבן האָט זיך באַוועגט פאָרויס, ניט ווערנדיק מיד, און אָן ספקות.

אַ וואונק־טוענדיק צום לאַקיי מיטן קאָפּ, האָט יאַקאָוו טאַ־ראַסאָוויטש אים צוגערופן און ווי עפּעס באַזונדערס אָנגעשטרענגט און באַאיינפלוסנדיק געפרעגט:
— וויפיל קומט פון מיר?

.X

ביז דער קריגעריי מיט מאַיאַקינען האָט פאָמאַ געהוליעט פון לאַנגווייליקייט אין לעבן, פון נייגעריקייט און האַלב־גלייכגילטיקייט — איצט האָט ער זיך אָבער צעהולטאַיעוועט אויף צו־להכעיס, כמעט מיט יאוש, פול מיט נקמה־געפיל, און מיט עפּעס אַ מין דרייסטקייט אין דער באַציִונג צו מענטשן, — אַ דרייסטקייט, וואָס פלעגט אים אַליין פאַרוואונדערן. ער האָט געזען, אַז די מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום, זיינען, פונקט ווי ער, אָן אַן אָנשפּאַר און אָן אַ זין, מערנישט זיי פאַרשטייען עס ניט, אָדער ווילן עס בכיוון ניט פאַרשטיין, כדי ניט צו שטערן זיך צו לעבן בלינדערהייט—און זיך אָפּצוגעבן אָן געדאַנקען דעם אויסגעלאַסענעם לעבן. ער האָט ניט געפונען ביי זיי קיין שום פעסטעס, קיין זיכערעס; ניכטערערהייט האָבן זיי אים אויסגעוויזן אומגליקלעכע, שיכורערהייט — האָבן זיי אים געעקלט און אויסגעזען נאָך מער נאַריש. קיינער פון זיי האָט ניט דערוועקט אין אים קיין אַכטונג צו זיך און קיין שום טיפן, האַרציקן אינטערעס; ער האָט אַפילו ניט נאָכגעפרעגט זיך זייערע נעמען, פלעגט פאַרגעסן וואו און ווען ער האָט זיך מיט זיי באַקענט, און האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט אַ פיינדלעכער נייגעריקייט, האָט תמיד געשפּירט אַ חשק צו זאָגן זיי און צו טאָן זיי עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיי באַליידיקן. ער האָט מיט זיי פאַרבראַכט די טעג און נעכט אין פאַרשיידענע פריילעכע ערטער, און זיין באַקאַנטשאַפט איז אָפּהענגיק געווען פון דער מדרגה פון יעדן אָרט באַזונדער. אין די טייערע גרויסאַרטיקע רעסטאָראַנען איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט צופעליקע אומבאַקאַנטע פון דער איידעלער געזעלשאַפט, שווינדלערס, קופּלעטיסטן, קונצנמאַכער, אַקטיאָרן, פריצים, וועלכע האָבן זיך אויך

אַמאָל רוינירט אויף זייערע הוליאַנקעס. די דאָזיקע לייט האָבן זיך פון אָנהייב באַצויגן צו אים ווי מער גוטניטע, זיך גערימט פּאַר אים מיט זייער איידעלן געשמאַק, מיט זייערע מבינות וועגן די מעלות פון כּלערליי ווייגען און מאכלים. נאָכהער האָבן זיי זיך אונטערגעלעקט צו אים, געהאַנדלט זיך און געהונפּהט אים, געליען ביי אים געלט, וואָס ער האָט ניט געקאַרגט, אָן חשבון, שלעפּנדיק פון די בענק אין אַפילו אַליין לייענדיק אויף וועקסלען. אין די ביליקע שענקען האָבן זיך אַרום אים געריבן, ווי רויב־פייגלען, פּריזירערס, ביליאַרד=שפּילער, עפּעס פלומרשטע אָנגעשטעלטע, באַאַמטע, זינגער, און צווישן אָט די מענטשן האָט ער זיך שטענדיק געשפּירט בעסער און פרייער. ער האָט געזען אין זיי מענטשן איינפאַכע, ניט אַזעלכע צעבראָכענע, צעשרויפטע און צעקרימטע, ווי די דאָזיקע גאַנצע „איידעלע געזעלשאַפט" פון די גרויסאַרטיקע רעסטאָראַנען, — זיי זיינען געווען ווייניקער אויסגעלאַסן, קליגער, ער פלעגט זיי בעסער קענען פאַרשטיין, צייטנווייז פלעגן זיי אַרויסווייזן געזונטע און שטאַרקע געפילן, און שטענדיק איז געווען אין זיי עפּעס מער מענטשלעכס. אָבער פונקט, ווי די „איידעלע געזעלשאַפט" זיינען זיי אויך געווען געלטגייציק, און זיי האָבן אים חוצפּהדיק אויסגענוצט. ער האָט דאָס געזען, און ער פלעגט זיך זייער גראָב איזדזעקעווען איבער זיי.

פאַרשטייט זיך — ס'זיינען אויך געווען פרויען. פיזיש אַ געזונטער, אָבער ניט קיין בעל־תאווהניק, פלעגט פאָמאַ זיי קויפן סיי טייערע, סיי וואָלוועלע, סיי שיינע, סיי מיאוסע. ער פלעגט זיי שענקען אַ סך געלט, און פלעגט זיי בייטן שיר ניט יעדער וואָך. בכלל פלעגט ער זיך באַציען צו זיי בעסער, ווי צו די מאַנספאַרשוינען. ער פלעגט לאַכן פון זיי, פלעגט ריידן צו זיי ניבול־פה און זיי באַליידיקן, אָבער ער האָט זיך קיין מאָל ניט געקאָנט באַפרייען פון אַ שעמעוודיקייט אין זייער געזעלשאַפט, אַפילו ווען ער איז געווען האַלב שיכּורלעך. אַלע — אַפילו די העכסט חוצפּהדיקע, די סאַמע געזונטע און אומפאַרשעמטע צווישן זיי — האָבן אים אויסגעזען צו זיין שוואַכע און אומבאַשיצטע, ווי קליינע קינדער. זייענדיק גרייט שטענדיק צו שלאָגן ווען ס'איז פון די מענער, האָט ער אָבער קיינמאָל ניט אָנגערירט די פרויען, כאָטש צייטנווייז האָט ער זיי

מיאוס געזידלט, ווען ער איז געווען אויפגעבראכט צוליב עפעס. ער האט זיך געשפירט אומפארגלייכלעך שטארקער פון יעדער פרוי, און יעדע פרוי האט אים אויסגעזען צו זיין אומפארגלייכלעך אומגליקלעכער פון אים. די פון זיי, וועלכע האבן געהוליעט מיט דרייסטקייט, אויספיינענדיק זיך פאר אים מיט זייער גאנצער אויסגעלאסנקייט, האבן ארויסגערופן ביי אים א בושה־געפיל, פון וועלכן ער פלעגט זיך דערשפירן פחדנותדיק און אומבאקוועם. איינמאל האט איינע פון די דאזיקע פרויען, א שיכורע און עזות־פנימדיקע, בעתן אונטערבויטן, זיצנדיק מיט אים צוזאמען, דערלאנגט אים א פאטש איבערן באק מיט א שאלעכץ פון א דיניע. פאמא איז געווען האלב־שיכור. ער איז געווארן בלאס פון דער באליידיקונג, זיך אויפגעהויבן פון שטול, און פארשטעקנדיק די הענט אין די קעשענעס, האט ער מיט א צארנדיקן קול, זיך טרייסלענדיק פון דער באליידיקונג, אפגערופן:

— נבלה, דו! ארויס פון דאנען! אן אנדערער וואלט דיר דערפאר דעם קאפ צעפלעט... אבער דו ווייסט, אז איך בין מיט אייך געלאסן, און אז מיין האנט הייבט זיך ניט אויף אויף אייערע א שוועסטער... טרייבט זי ארויס!... צום טייוול!

סאשא איז אין עטלעכע טעג ארום נאך איר קומען קיין קאזאן אנגעקומען אויף פולער אויסהאלטונג צו א זון פון עפעס א בראנפןזאוואדטשיק, וועלכער האט געהוליעט צוזאמען מיט פאמען. אוועקפארנדיק מיטן נייעם באלעבאס ערגעץ קיין קאמא, האט זי זיך מיט פאמען געזעגנט:

— אדיע, ליבער מענטש! אפשר וועלן מיר זיך נאך טרעפן אמאל... איין וועג האבן מיר ביידע! און צופיל פרייהייט דעם הארצן, ראט איך דיך, ניט צו געבן... לעב א טאג און קוק זיך ניט ארום... און שפעטער, אז דוסט האבן אויפגעגעסן די קאשע — איז טו א זעץ דאס טעפל אן דרערד... נו, זיי געזונט!

און זי האט אים שטארק געקושט אין די ליפן, דערביי זיינען אירע אויגן געווארן אלץ טונקעלער.

פאמא איז געווען צופרידן, וואס זי פארט אוועק פון אים: זי האט זיך אים שוין געהאט צוגעגעסן און ס'האט אים געשראקן איר

קאַלטע גלייכגילטיקייט. נאָר דאָ האָט עפּעס אין אים אַ צאַפּל געטאָן, ער האָט זיך אַוועקגעדרייט אָן אַ זייט און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— טאָמער וועסטו זיך ניט אַיינלעבן מיט אים... איז קום דאַן צוריק צו מיר...

— אַדאַנק, האָט זי אים געענטפערט, און צוליב עפּעס זיך צעלאַכט מיט אַ כריפּעדיקן געלעכטער, וואָס איז געווען פאַר איר ניט געוויינלעך.

פּאָמאַ האָט אַזוי געלעבט אַ טאָג נאָך אַ טאָג, דרייענדיק זיך אַלץ אויף איין אָרט און אַלץ צווישן דיזעלבע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געוועקט אין אים קיין שום גוטע געפילן. דערצו האָט ער זיך נאָך געהאַלטן העכער פון זיי, און אין קאָפּ האָט זיך אַלץ שטאַרקער איינגעגעסטיקט דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט פון באַפרייען זיך פון דאָזיקן לעבן. אַלץ שטאַרקער האָט אים אַרומגענומען דער פאַרלאַנג צו פרייהייט, אַלץ העלער האָט ער זיך גופא פאָרגעשטעלט, ווי אַן אַוועקגעגאַנגענעם אָן זייט פון לעבן, ווייט פון דער דאָזיקער טומלעניש און שטורעם-ברעכעניש. ניט איינמאָל, אין די נעכט, בלייבנדיק אַליין מיט זיך, האָט ער, שטאַרק צומאַכנדיק די אויגן, זיך פאָרגעשטעלט אַ פינסטערן המון מענטשן, פון אַן אומצייליקער גרייס און געוואַלדיק-שרעקלעכן פאַרנעם. ווי צונויפגעטריבן ערגעץ אין אַ קראַטער, און אַרומגערינגלט מיט בערגעלעך, און פול מיט אַ שטויביקן נעפּל, האָט דער דאָזיקער המון אין טומלדיקער פאַרווירונג ניט אויפגעהערט כסדר זיך צו שטויסן אויף איין און דעמזעלבן אָרט, און ער איז געווען ענלעך אויף קאָרן אין אַ מיל-קרוג. און ווי עפּעס אַ געהיימער מילשטיין, וואָס איז געווען באַהאַלטן אונטער די פיס פון המון, האָט געמאָלן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך כוואַליעסווייז באַוועגט אונטער אים, ציענדיק אַמאָל אונטן, כדי צו ווערן דאָרט וואָס גיכער צעריבן און פאַרשוואונדן, און אַמאָל אַרויסרייסנדיק זיך צוריק אין דער הויך, כדי אויסמיידן דעם אומברחמנותדיקן מילשטיין. די מענטשן זיינען געווען אויך ענלעך אויף קרעבסן, וועלכע מען האָט נאָר-וואָס געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסער קאָרב, — איינטשעפּענדיק זיך איינער אין צווייטן, האָבן זיי זיך שווער געדרייט,

געפּויזעט ערגעץ-וואו, און געשטערט איינער דעם אַנדערן, און האָבן גאָרנישט געקאָנט מאַכן, כּדי אַרויסצוגיין פון געפאַנגענשאַפט.

פּאָמאַ האָט געזען צווישן המון באַקאַנטע פּנימער: אָט רייסט זיך ערגעץ דער טאַטע, פונאַנדערשטופנדיק און אָפּוואַרפנדיק אַלעמען אויף זיין וועג, מיט אַ מעכטיקער קראַפט: ער אַרבעט מיט ברייטע לאַפּעס... שפּאַרט אויף אַלץ מיט זיין ברוסט און כיכיקעט מיט אַ דונערדיקן קול... און אָט פאַרשווינדט ער, אַרונטערפאַלנדיק ערגעץ אין דער טיף אונטער די פיס פון די מענטשן. און אָט דרייענדיק זיך, ווי אַ שלאַנג, שפּרינגענדיק דאָ אויף די פּלייצעס, דאָ אַרונטערקריכנדיק צווישן די פיס פון די מענטשן, אַרבעט אויך מיט זיין גאַנצן טרוקענעם, אָבער בייגעוודיקן, אָדערדיקן קערפּער — דער טויף-פאָטער... ליובאָוו שרייט און וואַרפט זיך, נאָכפאָלגנדיק דעם פאָטער, מיט נערוועזע, אָבער שוואַכע באַוועגונגען, אַמאָל אָפּשטייענדיק פון אים, אַמאָל צוריק דערנענטערנדיק זיך צו אים. מיט שטילע טריט, מיט אַ גוטן שמייכל אויפן פּנים, און האַלטנדיק זיך אָן אַ זייט פון אַלעמען, אָפּטרעטנדיק אַלעמען דעם וועג, רירט זיך פּאַמעלעך אויך די מומע אַנפיסאַ... איר געשטאַלט טויכט אויף אין דער פינסטערניש פאַר פּאָמען, ווי אַ באַשיידענער פלעמל פון אַ וועקסענער ליכט... און צאַנקט ווידער איין, נעלם ווערנדיק אין חושך. שנעל און מיטן גלייכן וועג גייט ערגעץ-וואו פּעלאַגעיאַ... אָט שטייט סאָפיאַ פּאַוולאָוונאַ מעדינסקאַיאַ, מאַכטלאָז אַראָפּגעהאַנגען די הענט, ווי זי איז געשטאַנען דאַמאָלסט, דעם לעצטן מאָל — ביי זיך אין גאַסט-צימער... די אויגן זיינען ביי איר גרויסע און עס לייכט פון זיי אַ גרויסע שרעק. דאָ איז אויך פּאַראַן סאַשאַ. אַ גלייכגילטיקע, ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף דאָס שטופּעניש, גייט זי פּעסט אין דער סאַמע געדיכטעניש פון לעבן און זינגט מיטן גאַנצן קול אירע לידער, קוקנדיק רויִק פאָראויס מיט אירע טונקעלע אויגן... אַ געפּילדער, אַ געבריל, אַ געלעכטער, שיכּורע קולות, אַן אַזאַרט-קריגעריי וועגן גראָשנס הערט פּאָמאַ; געזאַנג און געוויין טראָגן זיך איבער דער האָזיקער געוואַלדיקער, טומלדיקער קופּע פון לעבעדיקע מענטשלעכע גופים, צונויפגעדריקטע אין אַ גרוב; זיי שפּרינגען, פאַלן, פּויזען, שטיקן איינער דעם אַנדערן, קריכן איינער דעם צווייטן אויף די אַקסלען,

רוקן זיך אומעטום, ווי בלינדע, אָנשטויסנדיק זיך אומעטום אויף ענלעכע צו זיך, קעמפן, און פאַלנדיק ווערן זיי פאַרשוואונדן פון אויג. אַ קנאַקן פון געלט טראָגט זיך, ווי פלעדערמייז, איבער די קעפּ פון די מענטשן, און די מענטשן שטרעקן גייציק אויס נאָך זיי די הענט. אַ קלינגעריי פון גאָלד און זילבער, אַ קלימפּערן פון פלעשער, ס'שפּרינגען קאָרקעס, עמעצער קלאָגט, און אַ טרויעריקער ווייבערשער קול זינגט:

„Такъ будемъ же жить, пока можно-о
А тамъ — хоть трава не расти!“ *

דאָס דאָזיקע משונהדיקע בילד האָט זיך באַפעסטיקט ביי פּאָמען אין קאָפּ און איז וואָס ווייטער דערשינען פאַר אים אַלץ העלער, אַלץ גרעסער, אַלץ לעבעדיקער, אויפוועקנדיק אין זיין ברוסט עפּעס אַ כאַאָטישן, גרויסן, אומבאַשטימטן געפיל, אין וועלכן עס האָבן זיך, ווי שטראָמען אין אַ טייך, אַריינגעגאָסן אי פחד, אי אויפרעגונג, אי רחמנות, אי עפּעס בייזס, אי נאָך עפּעס אַ סך. דאָס אַלץ האָט אויפגעקאָכט אין זיין ברוסט ביז צו אַן אָנגעשטרענגטן פאַרלאַנג, וואָס האָט צעשפּאַרט זיין ברוסטקאַסטן, — ביז אַ פאַרלאַנג, פון וועמעס כוח ער איז געוואָרן דערשטיקט; אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן און אים האָט זיך געוואָלט שרייען, ברומען ווי אַ חיה, שרעקן אַלע מענטשן — אָפּשטעלן זייער זינלאָזן האַרמידער, אַריינגיסן אין טומל און אין דער פּוסטקייט פון זייער לעבן עפּעס נייס, אייגנס, זאָגן זיי עפּעס הויכע, שטאַרקע ווערטער; פירן זיי אַלעמען אין איין ריכטונג און ניט איינעם קעגן צווייטן. אים האָט זיך געוואָלט אָנכאַפּן זיי מיט די הענט פאַר די קעפּ, אָפּרייסן זיי איינעם פון אַנדערן, אָנשלאָגן דעם, גלעטן יענעם, שטראָפן אַלעמען, באַלייכטן זיי מיט עפּעס אַ פייער...

ער האָט אָבער גאָרנישט געהאַט, ניט די נייטיקע ווערטער, ניט דעם פייער, ער האָט בלויז געהאַט איין פאַרלאַנג, וואָס איז געווען פאַרשטענדלעך נאָר אים אַליין, אָבער — ניט די מעגלעכקייט אויסצופירן אים... ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט העכער פון לעבן, מחוץ

* איז לאָמיר לעבן, כל־זמן מען קען, און נאכעהר מעג אפילו קיין גראָז ניט וואקסן!

יענעם קראַטער, אין וועלכן די מענטשן קאָכן זיך; ער האָט זיך אַליין געזען אַ פעסט־שטייענדיקן אויף זיינע פיס — אָבער אָן לשון. ער וואָלט געקאָנט אַ רוף טאָן צו די מענטשן:

— ווי לעבט איר אַזוי? ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי?

און ער וואָלט זיי אייך געקאָנט אָנזידלען. נאָר אויב זיי וועלן, דערהערנדיק זיין פראַגע, פרעגן אים אַן אַנדער פראַגע:

— איז ווי־זשע דאַרף מען לעבן?

האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַזאַ פראַגע וואָלט אים אויסגעקומען אַרונטערצוקייקלען זיך פון זיין הייך, מיטן קאָפּ אַראָפּ, אונטער די פיס פון די מענטשן, צום מיל־שטיין, און זיין אומקום וואָלט באַגלייט געוואָרן מיט געלעכטער.

ער האָט צייטנווייז גערעדט ווי פון היץ, אונטערן דרוק פון דאָזיקן קאָשמאַר. פון זיינע ליפּן האָבן זיך געריסן עפּעס ווערטער אָן אַ צוזאַמענהאַנג, אָן באַדייטונג; ער פלעגט זיך אַפילו באַגיסן מיט שווייס פון דאָזיקן פלאַקערן אין אים. צייטנווייז, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ווערט משוגע פון שיכּרות, און דערפאַר קריכט אים אַליין אין קאָפּ אָט דאָס דאָזיקע שרעקלעכע און טרויעריקע. מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון זיין ווילן האָט ער געטריבן פון זיך די דאָזיקע אַלע בילדער און האַלוצינאַציעס. אָבער, ווען ער פלעגט נאָר איבערבלייבן אַליין, און איז געווען ניט זייער שיכּור — פלעגט אים ווידער באַפאַלן דאָס פלאַפלעריי, ווי פון היץ, און ווידער פלעגט ער בלייבן אָן כּוחות אונטער דער דאָזיקער לאַסט. דער חשק צו פרייהייט, האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און געוואַקסן אין אים, פייניקנדיק אים מיט זיין כּוח. אָבער אַרויסרייסן זיך פון די נעצן פון זיין עשירות האָט ער ניט געקענט. מאַיאַקין, וועלכער האָט פון אים געהאַט אַ פולשטענדיקע באַפולמעכטיקונג צו פאַרוואַלטן מיט זיינע געשעפטן, האָט שוין געמאַכט אַזוי, אַז פאָמען איז כּמעט יעדן טאָג אויסגעקומען צו שפּירן די משא פון די התחייבותן, וואָס זיינען אויף אים געלעגן. מען האָט זיך געווענדט צו אים נאָך די צאָלונגען, מען האָט אים פאָרגעלייגט נייע געשעפטן איבערצופירן משאות, די אָנגעשטעלטע האָבן זיך געווענדט פערזענלעך און שריפטלעך וועגן אַזעלכע ניט־וויכטיקע קלייניקייטן, וואָס פריער האָבן

זיי צו אים ניט געהאַט קיין שייכות, און זיי פּלעגן דאָס אויספּילן אויף זייער אייגענער רידיקע. מען האָט אים אויסגעזוכט אין די שענקען, געפרעגט אים, וועגן דאָס און יענס און ווי דאָס צו מאַכן; ער פלעגט זיי זאָגן, צייטנווייז, ניט פאַרשטייענדיק, צי מען דאַרף אַזוי אָדער אַנדערש טאָן, ער פלעגט באַמערקן זייער באַהאַלטענע, ביטולדיקע באַציִונג צו אים, און האָט כמעט אַלעמאָל געזען, אַז זיי טוען ניט ווי ער האָט זיי געהייסן, נאָר אַנדערש און בעסער. אין דעם אַלץ האָט ער געשפּירט די פלינקע האַנט פון טויפּפּאָטער און פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער דריקט אים צוליב דעם, כדי אים צוריק אַרויפצופירן אויף זיין וועג. און אין דער אייגענער צייט האָט ער אויך באַמערקט, אַז ער איז ניט דער באַלעבאָס פון זיין געשעפט, נאָר בלויז אַ באַשטאַנדטייל, און דערצו נאָך ניט קיין וויכטיקער טייל. דאָס האָט אים אויפגערעגט און נאָך ווייטער אָפּגעשטויסן פון אַלטן, נאָך שטאַרקער אויפגערייצט זיין שטרעבונג אַרויסצורייסן זיך פון די געשעפטן, כאָטש פאַרן פּרייז פון זיין אומקום. ער האָט מיט היץ געשליידערט געלט אין די שענקען און נאַכטהייזער, אָבער דאָס האָט שוין לאַנג ניט געדויערט. יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט געשלאָסן אין די בענק די לויפנדיקע קאָנטעס, אַרויסנעמענדיק פון דאָרט אַלע פּקדונות. אינגיכן האָט מאָמאַ דערפילט, אַז אַפילו אויף אַ וועקסל גיט מען אים שוין אויך ניט אַזוי גערן, ווי פריער. דאָס האָט אָנגערירט זיין איינגליבע. ס׳האָט אים אינגאַנצן צערודערט און איבערגעשראָקן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין טויפּפּאָטער האָט געלאָזט אין דער סוחרישער וועלט אַ קלאַנג, אַז ער, פאָמאַ, איז ניט אינגאַנצן ביים קלאָרן זינען און אַז, קען זיין, מען וועט מוזן איבער אים באַשטימען אַן אַפּוטרופּוס. פאָמען זיינען ניט געווען באַוואוסט די גרענעצן פון דעם טויפּפּאָטערס מאַכט און ער האָט ניט געוואַגט מיט עמעצן זיך אַן עצה צו האַלטן וועגן דעם: ער איז געווען איינגעגלויבט, אַז אין דער סוחרישער וועלט איז דער אַלטער אַ כּוח, און אַז ער קען טאָן אַלץ, וואָס אים וועט זיך פאַרגלוסטן. לכתחילה איז אים געווען עפּעס מאָדנע צו שפּירן אויף זיך מאַיאַקינס האַנט, נאָר שפּעטער האָט ער שלום געמאַכט דערמיט, האָט אַ מאַך געטאָן אויף אַלץ מיט דער האַנט

און פאַרגעזעצט זיין זאָרגלאָז־הפקרדיק און שיכּורדיק לעבן, אין וועלכן עס איז פאַר אים געווען בלויז איין טרייסט — די מענטשן. מיט יעדן טאָג האָט ער זיך אַלץ מער איבערצייגט, אַז זיי זיינען פיל ערגער און דורכאויס זילנאָזער פאַר אים, אַז זיי זיינען ניט — די הארן פון לעבן, נאָר זיינע משרתים, און אַז דאָס לעבן דרייט זיי, ווי עס וויל, בויגט זיי און ברעכט, ווי אים לוינט, און זיי גיבן זיך אים אונטער אָן פּראָטעסט און אָן געפיל, און קיינער פאַרלאַנגט גאָרנישט קיין פרייהייט פאַר זיך. אָבער ער האָט יאָ געוואָלט פרייהייט און דעריבער האָט ער זיך מיט שטאָלץ דערהויבן איבער זיינע מיט־ברידער, ניט וועלנדיק גאָרנישט זען אין זיי, אויסער שלעכטס...

איינמאָל האָט זיך אין שענק עפּעס אַן האַלב־שיכּורער מענטש געקלאָגט פאַר אים אויף זיין לעבן. דאָס איז געווען אַ קליינינקער, טרוקענער מענטשל, מיט דערשראָקענע, פאַרלאָשענע אויגן, ניט קיין ראַזירטער, אין אַ קורץ רעקל, מיט אַ רויטן האַלזטוך. ער האָט טרויעריק געפינטלט מיט די אויגן, זיינע אויערן פלעגן שרעקעוודיק אויפציטערן, און זיין שטילע שטים האָט זיך געטרייסלט:

— איך האָב זיך אַלץ געריסן אַריינצופאַלן צווישן מענטשן... איך האָב זיך צו אַלץ גענומען, געאַרבעט, ווי אַן אָקס. אָבער דאָס לעבן האָט מיך פאַרשטויסן, אויפגעפרעסן, אָפּגעריבן... כ'האָט ניט גע־קלעקט מער קיין געדולד... עך! און אָט — האָב איך אָנגעהויבן טרינקען... איך פיל, — אַז איך קום אום... אָבער דאָס איז מיין וועג!

— שוטה! — האָט פאָמאַ מיט פאַראַכטונג געענטפערט. — צו וואָס האָסטו זיך געדאַרפט רייסן צו ווערן אַ מענטש? וואָלסט זיך בעסער געהאַלטן פון זיי רעכטס... וואָלסט זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט, זיך צוגעקוקט, וואו דו האָסט צווישן זיי אַן אָרט, און דאַן — וואָלסטו גלייך געשפּאַנט צו דיין פונקט!

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר רעדט! — האָט דאָס מענטשל געשאָקלט מיט זיין גלאַט־געשאָרענעם, שפּיציקן קאָפּ.

פאָמאַ האָט זיך זעלבסטצופרידן פונאַנדערגעלאַכט:

— צי דען אַזעלכער, ווי דו, קענסט דאָס פאַרשטיין?

— ניין, ווייסט איר, איך טראַכט, אַז דעם, וועמען גאָט באַשערט...

— דאָס לעבן בויט ניט גאָט, נאָר די מענטשן! — האָט פּאָמאַ אַרויסגעפּלאַצט און זיך אַפילו אַליין געוואונדערט אויף דער דרייסטקייט פון זיינע ווערטער. דאָס מענטשל האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פון אונטער די ברעמען און זיך איינגעקאָרטשעט.

— גאָט האָט דיר געגעבן פאַרשטאַנד? — האָט פּאָמאַ געפרעגט, קומענדיק צו זיך פון צעמישונג.

— געוויס... ס'הייסט, וויפיל אַזאַ קליינער מענטשל ווי איך באַדאַרף... — האָט אומזיכער געענטפערט פּאָמעס מיטשמועסער.

— איז וואָס ניט צו בעטן ביי אים איין קערנדל מער! אָרדן זיך איין דיין לעבן לויט דיין פאַרשטאַנד... גאָט וועט דיך משפּטן... אַלע זיינען מיר ביי אים אין דינסט... און אַלע האָבן מיר פאַר אים איין ווערט... פאַרשטאַנען?

זייער אָפט פלעגט טרעפן, אַז פּאָמאַ פלעגט נעמען ריידן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים גופא אויסגעזען צו זיין דרייסט, און וואָס האָט אים אין דער אייגענער צייט דערהויבן אין זיינע אייגענע אויגן. דאָס זיינען געווען עפּעס אַזעלכע אומערוואַרטע, דרייסטע געדאַנקען און דיבורים, וועלכע האָבן זיך פּלוצלונג באַוויזן, ווי פונקען — וואָס האָבן לויטן איינדרוק אויסגעשלאָגן פון פּאָמעס מאַרך. און ניט איינמאָל האָט ער באַמערקט ביי זיך, אַז דאָס, וואָס ער פאַרטראַכט, זאָגט ער אַרויס בלייכער, ווי ס'איז אין אמתן אין דעם מאָמענט, ווען דאָס פלאַמט אויף אין זיין האַרצן.

פּאָמאַ האָט געלעבט, ווי ער וואָלט געגאַנגען איבער אַ בלאָטע, ביי אַ געפאַר איינצוזינקען ביי יעדן טריט אין שמוץ און אין אַ זומפּ, און זיין טויפּפּאָטער—האָט זיך ווי אַ דריי-פיש געקוילערט אויף אַ טרוקענעם, פעסטן אָרט, און שאַרף נאָכגעפאָלגט פונווייטן דאָס לעבן פון טויפזון.

נאָך דער מחלוקת מיט פּאָמען איז יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש צוריקגעקומען אַהיים אַ טרויעריק-פאַרטראַכטער. זיינע אויגן האָבן טריקן געגלאַנצט, און אינגאַנצן האָט ער זיך אויסגעגלייכט, ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. זיינע קנייטשן האָב זיך קרענקלעך געקאָרטשעט,

זיין פּנים איז געוואָרן נאָך קלענער און נאָך טונקעלער, און ווען ליובאָוו האָט אים דערזען אַזאַ — האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער פאָטער איז ערנסט קראַנק, נאָר ער האַלט זיך אַיין, בּרעכט זיך. דער שווייגעדיקער אַלטער האָט נערווע געשפּריזט איבּערן צימער, צוואַרפנדיק דער טאָכטער, אַלס תשובה אויף אירע קשיות, טרוקענע, קורצע ווערטער און ענדלעך האָט ער פּשוט אָנגעשריען אויף איר:

— לאָז צורו! זעסט דאָך — איך בּין ניט אויפגעלייגט צו דיר...

איר האָט בּאַנג געטאָן, ווען זי האָט דערזען, ווי טרויעריק און בּענקענדיק עס קוקן זיינע שאַרפע גרינע אויגן; זי האָט געהאַלטן פאַר איר פליכט פונאַנדערצופרעגן וואָס מיט אים טוט זיך. און ווען ער האָט זיך ענדלעך אַוועקגעזעצט בּיים טיש עסן מיטאָג, איז זי שנעל צו צו אים, אַרויפגעלייגט אים די הענט אויף זיינע שולטער, און קוקנדיק אים אין געזיכט, האָט זי אים ווייך און אומרויִק געפרעגט:

— פּאַפּאַשאַ! איר זייט ניט געזונט? — זאָגט!

אירע צערטלעכקייטן זיינען געווען פאַר אים זייער זעלטן; זיי האָבּן שטענדיק פאַרלייכטערט דעם איינזאַמען זקן, און כאָטש ער האָט אויף זיי עפּעס ניט געענטפערט, האָט ער דאָך פונדעסטוועגן ניט געקענט זיי ניט אָפּשאַצן. אויך איצט האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיט די פּלייצעס, און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיי אירע הענט, האָט ער איר געזאָגט:

— גיי, גיי אויף דיין אָרט... חוזס נייגעריקייט בּאַפאַלט דיך שוין...

אָבּער ליובאָוו האָט ניט אָפּגעטראָטן, זי האָט אים עקשנותדיק געקוקט אין די אויגן און מיט פאַריבּל געפרעגט:

— פאַרוואָס, פּאַפּאַשאַ, רעדט איר תמיד אַזוי מיט מיר... ווי איך וואָלט געווען אַ קליינינקע אָדער אַ נאַר?

— דערפאַר, וואָס דו בּיסט אַ גרויסע און ניט זייער קיין קלוגע... נ־יאָ! אָט דאָס איז אַלץ! גיי זעץ זיך און עס...

זי איז אָפּגעטראָטן און זיך שווייגעוודיק געזעצט אַנטקעגן פאָטער, דריקנדיק אַ בּאַליידיקטע די ליפּן. מאַיאַקין האָט געגעסן, קעגן

זיין געוויינהייט, לאַנגזאַם, מישנדיק לאַנג מיטן לעפל די קרויט אין טעלער און באַטראַכטנדיק עס מיט עקשנות.

— ווען דיין פאַרלייגטער שכל וואָלט געקענט באַנעמען דעם טאַטנס מחשבות! — האָט ער פּלוצלונג זיך אָפּגערופן, אָפּזיפּצנדיק מיט עפּעס אַ פּייף.

ליובאָוו האָט אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט איר לעפל און שיר מיט טרערן אין איר קול געזאָגט:

— פאַרוואָס, פּאַפּאַשאַ, באַליידיקט איר מיך? איר זעט דאָך — איך בין אַן עלנטע! איר פאַרשטייט דאָך, ווי שווער מיר איז צו לעבן... און קיינמאָל זאָגט איר ניט עפּעס אַ גוט וואָרט... קיינמאָל רעדט איר ניט מיט מיר! און איר זייט דאָך עלנט... און אייך איז דאָך אויך שווער... איך זע דאָך... אייך איז זייער שווער צו לעבן... נאָר, — איר זייט אַליין אין דעם שולדיק, איר אַליין...

— בלעמס אייזל האָט זיך צערעדט! — האָט דער אַלטער זיך אָפּגערופן מיט אַ געלעכטערל. — נו-נו? וואָס-זשע וועט ווייטער זיין?

— איר שטאָלצירט זייער, פּאַפּאַשאַ, מיט אייער שכל...

— וואָס ווידער...

— דאָס איז ניט גוט... דאָס קרענקט מיך זייער, זייער... פאַר וואָס שטויסט איר מיך אַלץ אַוועק? אויסער אייך האָב איך דאָך קיינעם ניט...

אין אירע אויגן האָבן זיך געוויזן טרערן: דער פאָטער האָט דאָס באַמערקט, און זיין פּנים האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן:

— אַז דו וואָלסט ניט געווען קיין מויד! — האָט ער אויסגערופן, — אַז דו וואָלסט געהאַט פאַרשטאַנד ווי... מאַרפאַ פּאָסאַדניצאַ, למשל... עך, ליובאָוו! דאַן... וואָלט איך אַ שפּיי געטאָן אויף אַלעמען... אויף פאָמקען... נו, וויין ניט!

זי האָט זיך אויסגעווישט די טרערן און געפרעגט:

— וואָס איז דען מיט פאָמקען?

— ער בונטעוועט... כאַ-כאַ! נעמט צו, זאָגט ער, ביי מיר מיין גאַנצן פאַרמעגן און לאָזט מיך אָפּ פריי... ער וויל זיך,

זאָגט ער, ראַטעווען... אין די שענקען... אָט וואָס אונזער פּאָמאַ האָט אויסגעקלערט...

— וואָס-זשע... איז דאָס?... — האָט אומאַנטשלאָסן געפרעגט ליובאָוו. איר האָט זיך געוואָלט זאָגן, אַז דאָס, וואָס פּאָמאַ וויל, איז גוט, אַז דאָס איז אַן איידעלער פאַרלאַנג, אויב ער מיינט עס גאָר ערנסט, נאָר זי האָט מורא געהאַט אויפצורעגן דעם פאָטער מיט אירע רייד און האָט בלויז געקוקט אויף אים מיט אַ פראַגע.

— וואָס דאָס איז? — האָט זיך מאַיאַקין געהיצט און געקאָכט זיך. — דאָס איז ביי אים אָדער פון צופיל טרינקען, אָדער — זאָל גאָט היטן! — פון דער מאַמען, דער אַלטגלויביקער... געירשנט... און אויב דאָס רעדט טאַקע פון אים אַרויס דער מאַמעס זויערטייג — וועל איך האָבן מיט אים אַ סך צו קעמפן! אַ גרויסע מלחמה וועל איך האָבן מיט אים... ער גייט קעגן מיר מיט אַן אויסגעשטעלטער ברוסט... ער האָט פלוצלונג גענומען אַרויסווייזן אַ געוואַלדיקע חוצפה... ער איז נאָך יונג... ס'פעלט אים נאָך כיטרעקייט... ער וועט אַלץ, זאָגט ער, פאַרטרינקען, פון אַלץ מאַכן שטויב... איך וועל אים שוין ווייזן, ווי אַלץ צו פאַרטרינקען!

מאַיאַקין האָט אויפגעהויבן זיין האַנט איבערן קאָפּ און ביילנדיק אַ פויסט, האָט ער מיט רציחה געדראָט:

— ווי וואַגסטו אַווינס? ווער האָט אָנגעלעבט דאָס געשעפט, ווער האָט אים אויפגעבויט? דו? דער טאַטע דיינער... פערציק יאָר אַרבעט און צייט האָט ער אַריינגעלייגט, און דו ווילסט עס צעשטערן? אַלע דאַרפן מיר וואו מיט אַ פריינטלעכער וואַנט, וואו פאַרזיכטיק, אין אַ הייפל, איינער נאָכן צווייטן, גיין יעדערער צו זיין אָרט... מיר, סוחרים, מיר, האַנדלס-לייט האָבן דורות גאַנצע געטראָגן אויף אונזערע פלייצעס רוסלאַנד און אויך איצט טראָגן מיר זי... פּיאָטר דער גרויסער איז געווען אַ צאַר מיט אַ געטלעכן שכל... ער האָט געוואוסט אונזער ווערט... מיט וואָס האָט ער אונז אונטערגעהאַלטן? ער האָט געדרוקט ביכלעך, כדי מיר זאָלן זיך לערנען... אָט האָב איך פאָלידאָר ווירגיליאַ אורבינסקיס אַ בוך מיט דעם צאַרס דערלויבעניש, וועגן דערפינדונגען פון פאַרשיידענע זאַכן... געדרוקט אין 720טן יאָר... יאָ! דאָס דאַרף מען

פאַרשטיין... און ער האָט דאָס פאַרשטאַנען... ער האָט אונז געוויזן אַ וועג... אַדאַנק אים שטייען מיר איצט אויף די אייגענע פיס... און פילן אונזער פלאַץ. איז לאָזט אונז גיין מיט אונזער וועג. מיר האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון לעבן — אָנשטאָט ציגל האָבן מיר זיך אַליין געלייגט אין דער ערד... איצט דאַרפן מיר בויען די שטאָקן... איז לאָזט אונז פריי אַרבעטן! אָט וואו אונזערער אַ ברידער דאַרף האַלטן דעם קורס... אָט אין וואָס איז אונזער אויפגאַבע... אָבער פאָמקאַ פאַרשטייט דאָס ניט... ער מוז דאָס אָבער פאַרשטיין — און פאָרזעצן די אַרבעט... ער האָט דעם טאַטנס קאַפיטאַלן... איך וועל פגרן -- זיך פאַראייניקן מיט מיינע אָבות: איז אַרבעט, כלבֿ! אָבער ער שאַרלאַטאַנעוועט גאָר. ניין, דו וואַרט נאָר! איך וועל דיך דערפירן ביז צו דיין געהעריקן פונקט!

דער אַלטער האָט זיך געשטיקט פון אויפרעגונג און מיט גלאַנציקע אויגן געקוקט אויף דער טאָכטער מיט אַזאַ רציחה, ווי אויף איר אָרט וואָלט געזעסן פאָמאַ. ליובאָוו האָט געשראָקן זיין אויפרעגונג, נאָר איר האָט ניט געכאַפט קיין מוט אָפצושטעלן דעם פאָטער, און זי האָט שווייגעוודיק געקוקט אויף זיין בייזן פינסטערן פנים.

— די אָבות האָבן אויסגעטראָטן אַ וועג — און דו דאַרפסט אויף אים טרעטן. פופציק יאָר האָב איך געאַרבעט — אויף וואָס? כדי נאָך מיר זאָלן פאַרענדיקן מיין אַ־בעט... מיינע קינדער... מיינע קינדער! וואו האָב איך קינדער?

דער אַלטער האָט טרויעריק אַראָפגעלאָזט דעם קאָפ, זיין שטים האָט זיך אָפגעהאַקט און געווען אַזוי הייזעריק, ווי עס וואָלט געגאַנגען ערגעץ פון אים, פון אינעווייניק:

— איינער — אַ קאַטאָרזשניק... אַ פאַרפאַלענער... דער צווייטער — אַ שיכור, און ווייניק האָפענונגען אויף אים... אַ טאָכטער... העמען־זשע וועל איך איבערלאָזן מיין מי נאָך מיין טויט?.. וואָלט כאָטש געווען אַן איידעם... איך האָב גערעכנט — פאָמקאַ וועט זיך איבערקאָכן, ס'וועט אים דערעסן, — וועל איך דיר אָפגעבן אים און מיט דיר צוזאַמען — אַליץ — נאַ! אָבער פאָמקאַ טויג ניט... און קיין צווייטן אויף זיין אָרט זע איך ניט... וואָס פאַר אַ

מענטשן זיינען האָס היינט!... פריער איז דאָס פאָלק געווען פון אײַזן, און איצט — פון גומע... זיי בויגן זיך אַלע... און גאָרנישט, ניטאָ קיין שום שטאַרקייט... וואָס איז דאָס אַזוינס? פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

מאַיאַקין האָט מיט אומרו געקוקט אויף דער טאָכטער. זי האָט געשוויגן.

— זאָג, — האָט ער זי געפרעגט, — וואָס דאַרפסטו? ווי דאַרף מען, לויט דיין מיינונג, לעבן? וואָס פאַרלאַנגסטו? האָסט זיך געלערנט, געלייענט — וואָס ווילסטו נאָך?

די פראַגעס האָבן זיך געשאָטן אויף איר קאָפּ אומגעריכט פאַר איר, און זי האָט זיך פאַרלאָרן. פון איין זייט איז זי געווען צופרידן, וואָס דער פאָטער פרעגט זי פונאַנדער, פון דער צווייטער זייט האָט זי זיך געשראָקן צו ענטפערן, כדי ניט צו פאַרלירן איר אָנזען ביי אים. און אָט, ווי אָננעמענדיק זיך אינגאַנצן מיט מוט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַ שפרונג צו טאָן איבערן טיש, האָט זי מיט אַן אומזיכערן, צאַפּלדיקן קול זיך אָפּגערופן:

-- אַז אַלע זאָלן זיין גליקלעך... און צופרידן... אַלע מענטשן זיינען גלייך.... און אַלע האָבן די זעלבע רעכט אויפן לעבן... אויף די גליקן פון לעבן... אַלע דאַרפן האָבן פרייהייט... ווי לופט... און גלייכהייט — אין אַלץ!

אינאָנהייב פון איר צערודערטן ריידן האָט דער פאָטער געקוקט איר פּנים מיט אַן אומרויִקער נייגעריקייט אין די אויגן, אָבער וואָס מער זי האָט האַסטיק געוואָרפן אירע ווערטער, האָט זיך דער אויסדרוק פון זיינע אייגן אַלץ מער געענדערט און ענדלעך האָט ער מיט אַ רויִקן ביטול אַרויסגעוואָרפן:

— איך האָב דאָס גלייך געוואוסט: שוטה, דו, באַגילטע!

זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ, נאָר באַלד אים ווידער אויפגעהויבן און מיט בענקשאַפט אַרויסגערעדט:

— איר רעדט דאָך אַליין וועגן פרייהייט...

— שווייג שוין! — האָט דער אַלטער אויף איר געראָב אַ געשריי געטאָן. — דו זעסט אַפילו ניט, וואָס פון יעדן מענטשן שפּאַרט אַרויס באַשיימפּערלעך... ווי אַזוי קענען אַלע זיין גליקלעך און

גלייך, ווען יעדער איינער וויל זיין העכער פון צווייטן? אַפילו אַן אָרעמאַן האָט זיין גאווה און רימט זיך תמיד פאַרן אַנדערן מיט עפּעס... ווען דאָס קינד איז נאָך קליין — וויל עס שוין זיין דער ערשטער צווישן זיינע חברים... אַ מענטש וועט קיינמאָל ניט אָפּטרעטן פאַר אַן אַנדער מענטשן — נאָר שוטים קענען אַזוי טראַכטן... יעדערער האָט זיך זיין אייגענע נשמה... און זיין אייגענעם פנים... בלויז אַזעלכע, וועלכע ליבן ניט זייער נשמה און היטן ניט זייער פנים, קען מען אָפּהובלען לויט איין מאָס... עך דו!... האָסט זיך אָנגעלייענט, אָנגעפּרעסן מיט שמאַטעס...

אַ ביטערער פאָרוואורף און אַ גיפטיקע פאַראַכטונג איז געווען אויסגעדריקט אויפן אַלטנס פנים. ער האָט מיט רעש אָפּגערוקט דעם פאָטעל פון טיש, איז אויפגעשפּרונגען פון אים, און פאַרלייגנדיק די הענט אויף הינטן, האָט ער מיט קליינע טריט גענומען אַרומלויפן איבערן צימער, טרייסלענדיק דעם קאָפּ און ריידנדיק עפּעס צו זיך אַליין מיט אַ בייזן, פייפנדיקן שעפּטשען... אַ בלייכע פון אויפרעגונג און באַליידיקונג, פילנדיק זיך נאַריש און הילפלאָז קעגן אים, האָט זיך ליובאָוו איינגעהערט צו זיין שעפּטשען און איר האַרץ האָט מיט ציטערניש געקלאַפּט.

— אַליין בין איך איבערגעבליבן... איינער אַליין... ווי איוב... אָ, מיין גאָט!... וואָס זאָל איך טאָן? אָ... אַליין! צי בין איך דען ניט קלוג? צי בין איך דען ניט כיטרע? און דאָך האָט דאָס לעבן מיך איבערגעשפּיצט... וואָס האָט עס ליב? וועמען צערטלט עס? די גוטע שלאָגט עס און די שלעכטע לאָזט עס אויך ניט דורך, און קיינעם איז ניט פאַרשטענדלעך זיין גערעכטיקייט...

איר האָט ביז ווייטאָג באַנג געטאָן פאַרן אַלטן; איר האָט אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקער געפיל אים צו העלפן; איר האָט זיך געוואָלט זיין נוציק פאַר אים.

נאָכקוקנדיק אים מיט הייסע אויגן, האָט זי זיך פלוצלונג שטיל אָפּגערופן:

— פּאַפּאַשאַ... טייערער! האָט ניט קיין צער... עס לעבט דאָך נאָך טאַראַס... קען זיין, אפשר וועט ער...

מאַיאַקין האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, ווי אַ געפּלעפטער, און לאַנגזאַם איבּגעהויבּן דעם קאָפּ.

— נאָך יונגערהייט האָט זיך שוין דער בּוים אויסגעקרימט, ניט אויסגעהאַלטן, אויף דער עלטער וועט ער געווים זיך איבּערבּרעכן... נאָר בּונדעסטוועגן... איז אויך טאַראַס פּאַר מיר אַ שטרויעלע... כאָטש איך ווייס ניט, צי ער איז עפּעס מער ווערט פון פאָמען... בּיי גאָרדעיעוון איז דאָ אַ כאַראַקטער!... ער האָט דעם טאַטנס דרייסטקייט... ער קען אַ סך שטעלן אויף זיך... אָבּער טאַראַסקאַ... יאָ, האָסט מיר אים דערמאָנט צו דער רעכטער צייט...

און דער אַלטער, וואָס איז מיט אַ רגע פריער געווען בּיי זיך געפאַלן בּיז יאוש, און וואָס האָט זיך פאַרצווייפלט אַזוי געוואָרפן איבּערן צימער, ווי אַ מויז אין אַ פאַסטקע, איז איצט מיט אַ פאַרדאַגהטן פּנים, רויק און ווידער פעסט צוגעגאַנגען צום טיש, האָט פּינקטלעך אַוועקגעשטעלט לעבּן אים זיין פאָטעל, זיך אַריינגעזעצט און זיך אָפּגערופן:

— מען וועט בּאַדאַרפן אַ טאַפּ טאָן טאַראַסקען... ער לעבּט אין אוסאָל, ערגעץ אויף אַ זאַוואָד... איך האָבּ געהערט פון סוחרים — אַז ער מאַכט דאָרט סאָדע... איך וועל זיך דערוויסן פּרטים... איך וועל אָנפרעגן מיט אַ בּריוו...

— אויבּ איר וועט דערלויבּן, פּאַפּאַשאַ, וועל איך אים אָנשרייבּן? — האָט ציטערנדיק פון פרייד און אינגאַנצן אַ צערויטלטע געבּעטן שטיל ליובּאָוו...

— דו? — האָט מאַיאַקין געפרעגט, אויגנבּליקלעך אַ קוקטוענדיק אויף איר. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקלערט און דאַן געזאָגט:

— מען קען! דאָס איז אַפילו... בּעסער. שרייבּ אים אָן... פרעג אים — צי האָט ער שוין חתונה געהאַט? ווי לעבּט זיך אים? וואָס טראַכט ער אויף ווייטער?... יאָ, איבּעריקנס, וועל איך דיר נאָך זאָגן, וואָס צו שרייבּן, ווען ס'וועט האַלטן דערבּיי...

— מען דאַרף עס, וואָס גיכער, פּאַפּאַשאַ!... — האָט דאָס מיידל געבּעטן.

— פריער דאַרף מען דיך חתונה מאַכן... איך האָב דאָ אין זינען איינעם, אַ געלן... בחור, אַפּנים ניט קיין נאַר... פון אויסלענדישער אויסאַרבעטונג...

— דאָס איז סמאָלין, פּאַפּאַשאַ? — האָט מיט אומרו און בייגער געפרעגט דאָס מיידל.

— אפשר טאַקע ער... איז וואָס־זשע? — האָט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש געוואָלט דערגיין מיט אַ געשעפטלעכן טאָן.

— גאָרנישט... איך קען אים ניט... — האָט אומבאַשטימט געענטפערט ליובאָוו.

— וועלן מיר זיך באַקאָנען... שוין צייט, ליובאָוו, שוין צייט! אויף פאָמען איז אַ שוואַכע האָפענונג... הגם איך זאָג זיך נאָך ניט אָפּ פון אים...

— איך האָב אויף פאָמען ניט גערעכנט... וואָס איז ער מיר?

— אַ שאָד... וואָלסט געווען קליגער — וואָלט ער זיך אפשר ניט אויסגעגליטשט!... אַז איך פלעג אייך טרעפן צוזאַמען, האָב איך געקלערט: די מויד וועט דעם בחור צוקלעפן צו זיך! וועט זיין גוט! אָבער — איך האָב פאַרזען... איך האָב געטראַכט, אַז וואָס פאַר דיר איז בעסער, וועסטו אַליין פאַרשטיין, אָן אָנווייזונגען... אַזוי איז דאָס, מיידעלע! — האָט דער פאָטער זי געמוסרט.

זי האָט זיך פאַרטראַכט, הערנדיק זיינע רייד, וואָס האָבן אויף איר געווירקט. פאַר דער לעצטער צייט איז צו איר, אַ געזונטער און שטאַרקער, אַלץ אָפטער געקומען אין קאָפּ אַריין דער געדאַנק וועגן חתונה האָבן, מחמת קיין אַנדער אויסוועג פון איר איינזאַמקייט האָט זי ניט געזען. דעם פאַרלאַנג אָוועקצוואַרפן דעם פאָטער און אַוועקצופאָרן ערגעץ, כדי זיך עפּעס צו לערנען, עפּעס צו טאָן — האָט זי שוין לאַנג איבערגעלעבט, ווי זי האָט איבערגעלעבט איינזאַם, אין זיך אַליין, אַ סך אַנדערע פאַרלאַנגען, אַזעלכע שאַרפע, הגם ניט קיין טיפע און ניט קיין באַשטימטע. פון די פאַרשיידענע ביכער, וואָס זי האָט אַדורכגעלייענט, איז געבליבן ביי איר אַ נעפּלדיקער אָפּזאַץ, און כאָטש דאָס האָט ביי איר קוים געלעבט, האָט זי

אָבער דערפֿון געצויגן איר גאַנצע יניקה. פֿון דאָזיקן אָפּזאָג האָט זיך ביים מיידל אַנטוויקלט אַ געפֿיל פֿון אומבאַפֿרידיקונג מיטן אייגענעם לעבן, אַ שטרעבונג צו פֿערזענלעכער אומאָפּהענגיקייט, אַ פֿאַרלאַנג צו באַפֿרייען זיך פֿון דעם פֿאָטערס שווערער השגחה, — נאָר זי האָט ניט געהאַט, ניט קיין כּוח צו פֿאַרווירקלעכן אירע פֿאַרלאַנגען, ניט קיין קלאָרע פֿאָרשטעלונגען וועגן דעם, ווי אַזוי זיי צו פֿאַרווירקלעכן. און די נאַטור האָט געמאָנט אירס, און דאָס מיידל האָט ניט איין מאָל, זעענדיק יונגע מוטערס מיט קינדער אויף די הענט, געשפּירט אַ בענקענדיקן און באַליידיקנדיקן פּיין. צייטנווייז, ווען זי פֿלעגט זיך אָפּשטעלן ביים שפּיגל, האָט זי טרויעריק באַטראַכט אין אים איר פֿולן, פֿרישן פּנים, מיט די טונקעלע רייפֿן אַרום די אויגן און זי האָט רחמנות באַקומען אויף זיך אַליין: זי האָט געשפּירט, אַז דאָס לעבן גייט איר אַרום, פֿאַרגעסט איר ערגעץ אָן אַ זייט. איצט, הערנדיק דעם פֿאָטערס רייד, האָט זי זיך גענומען פֿאָרשטעלן — וואָס פֿאַר אַ מענטש קאָן זיין דער דאָזיקער סמאָלין? זי האָט אים געזען אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ גימנאַזיסט, ער איז נאָך דאַן געווען דורכאויס זומערשפּרינקלעך, מיט אַ קורצער נאָז, שטענדיק אַ ריינינקער, אַ געלאַסענער און אַ לאַנגווייליקער... ער פֿלעגט טאַנצן שווער, אומגעלומפּערט און פֿלעגט ריידן ניט אינטערעסאַנט... פֿון יענער צייט זיינען שוין אַוועק אַ סך יאָרן: ער איז געווען אין אויסלאַנד, געלערנט זיך דאָרט אויף עפּעס, — וואָס איז ער היינט? פֿון סמאָלינען איז איר געדאַנק אַריבערגעשפּרונגען אויפֿן ברודער, און זי האָט מיט אַ פֿאַרשטאַרט האַרץ געקלערט: וואָס וועט ער איר ענטפֿערן אויפֿן בריוו? וואָס איז ער פֿאַר אַ מענטש? דעם ברודערס געשטאַלט, וואָס זי האָט זיך איצט פֿאָרגעשטעלט, האָט פֿאַרשטעלט פֿאַר איר סיי דעם פֿאָטער, סיי סמאָלינען, און זי האָט שוין באַשלאָסן ביי זיך, אַז ביז דער באַגעגעניש מיט טאַראַסן וועט זי בשום אופֿן ניט מסכּים זיין חתונה צו האָבן. פּלוצלונג האָט זי דערהערט דעם פֿאָטערס געשריי:

— עי, ליובאָווקאַ! וואָס'ט זיך פֿאַרקלערט? וועגן וואָס?

— אַזוי זיך... ווי גיך ס'ענדערט זיך אַלץ... — האָט זי מיט אַ שמייכל געענטפֿערט.

— וואָס גיך?

— נו, אַלץ... מיט אַ וואָך צוריק האָט מען מיט אײַך װעגן טאַראַסן ניט געטאָרט רײדן, און איצטער...

— די גויט, מויד! די נויט — איז אַ כּוח, וואָס צעבריגט אַ שטאָלענעם דראָט ווי אַ פּרוזשינע... און שטאָל איז האַרטלעך... טאַראַס... מירן זען! דער מענטש ווערט געשאַצט לויט זײַן ווידער־שטאַנד קעגן כּוח פון לעבן... אויב ניט דאָס לעבן אים, נאָר ער דרייט דאָס לעבן אויף זײַן אופן — איז מײַן גאַנצע אַכטונג — פאַר אים! איז דערלויבט מיר דאַן דריקן אים זײַן האַנט און מירן צוזאַמען פירן דאָס געשעפט... ע־עך, איך בין שוין אַלטלעך... און דאָס לעבן איז הײַנט אַזוי האַסטיק! מיטן יעדן יאָר — ווערט גרעסער דער אינטערעס צו אים... אַלץ מער טעם באַקומט עס! וואָלט איך נאָר געלעבט נאָך, ווי איך וואָלט נאָך געאַרבעט!...

דער אַלטער האָט געשמאַק געטשמאָקעט מיט די ליפּן, געריבן זיך די הענט און זײַנע אויגן האָבן גיריק געגלאַנצט.

— איר זײַט מענטשעלעך מיט שיטערן בלוט! נאָך ניט אויסגע־וואַקסן, לעבט איר שוין ווי איבערגעוואַקסן, ווי פאַרוועלקטע, ווי אַן אַלטער רעטעך.... און דאָס, וואָס דאָס לעבן ווערט אַלץ שענער, — איז פאַר אײַך ניט דערגרייכיק... שוין זיבן־און־זעכציק יאָר, ווי איך לעב אויף דער ערד און שטיי שוין באַלד בײַם קבֿר, זע איך: אין די אַלטע צײַטן, ווען איך בין געווען יונג, זײַנען אַפילו די בלומען געווען ווייניקער אויף דער ערד, און זיי זײַנען אויך ניט געווען אַזעלכע שיינע... איצט ווערט אַלץ שיין! ס'איז אַ הײַזער זײַנען איצט פאַראַן! ס'איז אַ מכשירים כּלערליי, צום האַנדלען... געוואַלדיקע דאַמפּערס! וויפיל חכמה און שכל איז דערין אַרײַנגעלייגט! קוקסט און טראַכסט זיך, ס'איז אַ בריות די מענטשן זײַנען הײַנט! ס'קומט אײַך אַ שטיק קאַשע אין מויל! דאָס לעבן איז אַזוי גוט אַרומגעאַרבעט... אַלץ איז דאָך אַזוי גוט, אַלץ — אַזוי אָנגענעם... בלויז אײַך, מײַנע יורשים, פעלט אַ לעבעדיק געפיל! אַ ליאַדע שאַרלאַטאַנטשיק פון די שטאָט־לײַט — איז פיל פלינקער פון אײַך!... למשל, אָט דער דאָזיקער יעזשאָוו — ווער איז ער? און פונדעסטוועגן איז ער אי־בער אײַך דער שופט... און ניט נאָר איבער אײַך אַליין — נאָר אַפילו

איבערן גאַנצן לעבן... ער איז באַשאָנקען מיט דרייסטקייט. אָבער איר... טפוי! ווי בעטלער לעבט איר... בעת אַ שמחה — זייט איר װי בהמות, בעת אַ צרה — עיפּושט פון אײַך! פאַרפוילטע מענטשן זייט איר!... מען דאַרף אַרײַנבלאָזן אין אײַערע אָדערן פייער... די הויט וואָלט מען אײַך באַדאַרפט אָפּשינדן, זאָלן אײַך שיטן איפן הוילן פלייש — וואָלט איר אפשר דאַן אויפגעשפרונגען.

יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש, אַ קלײנינקער, אַן אײַנגעקאָרטשעטער און אַ ביינערדיקער, מיט שוואַרצע ברעקלעך ציין אין מויל, אַ פליכיקער און אַ פינסטערער, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעסמאַליעט פון היץ פון לעבן, וואָס האָט געשלאָגן אין אים, און דורכאויס אַזאַ דורכגעהיצערטער, האָט ער זיך אינגאַנצן געטרייסלט אין פוריע פון אויפרעגונג, באַשיטנדיק זיין יונגע, וואויקסיקע און דיקע טאָכטער מיט בראַזגעדיקע רייד. זי האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרשולדיקטע אויגן, שמייכלענדיק פאַרווירט, און אין האַרצן ביי איר איז אַלץ געוואַקסן דער דרך־ארץ צום אַלטן, וואָס איז געווען אַזוי לעבעדיק און מונטער אין זיינע באַגערן...

און פאָמאַ האָט אַלץ געבלאָנדזשעט און געהוליעט, פאַרברענגענדיק טעג־און־נעכט אין די שענקען און קנייפּעס, איינזאַפנדיק אין זיך אַ פאַראַכטנדיקע און ביטולדיקע באַציִונג צו די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. צייטנווייז האָבן זיי אַרויסגערופן אין אים אַ בענקענדיקן באַגער צו געפינען צווישן זיי עפּעס אַ ווידערשטאַנד קעגן זיין בייזן געפיל, צו באַגעגענען אַ מענטשן אַ ווערדיקן און דרייסטן, וועלכער זאָל אים פאַרשעמען מיט אַ ברענענדיקן מוסרדיקן וואָרט. דער דאָזיקער געדאַנק איז יעדן מאָל ארופגעקומען ביי אים אַלץ קלאָרער, — דאָס איז געווען אַ באַגער נאָך הילף מן הצד פון אַ מענטשן, וועלכער זאָל פילן, אַז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און קומט אום...

— ברידער! — האָט ער איינמאָל אַ געשריי געטאָן, זיצנדיק ביים טיש אין שענק, אַ האַלב־שיכורער און אַרומגערינגלט מיט עפּעס טונקעלע, גייציקע פאַרשוינען, וועלכע האָבן אַזוי פיל געגעסן און געטרונקען, ווי זיי וואָלטן פאַר דעם, במשך פון אַ סך טע=

ניט געהאַט קיין ביסן אין מויל. — ברידער! ס'איז מיר ענג... ס'איז מיר לאַנגווייליק מיט אַייך! הרגעט מיך... טרייבט מיך אַרויס!... אויסוואָרפֿן, וואָס איר זייט... איינער צום צווייטן זייט איר נעענטער, ווי צו מיר... פֿאַרוואָס? איך בין דאָך אויך אַ שיכּור און אַ מנוול... איך בין אַייך אַ פֿרעמדער! איך זע — איך בין אַייך פֿרעמד... פֿון מיר טרינקט איר, און אין מיר שפּייט איר... איך פֿיל דאָס! פֿאַרוואָס איז דאָס?

זיי האָבן זיך אַנדערש באַציען צו אים, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט: אין דער טיף פֿון דער נשמה האָט זיך קיין איינער פֿון זיי זיי ניט געהאַלטן נידעריקער פֿון אים, אָבער ער איז געווען רייך, — דאָס האָט זיי געשטערט צו באַציען זיך צו אים מער חבריש, און ער האָט אַלץ גערעדט עפּעס אַזעלכע לעכערלעך־צאָרנדיקע, געווינסנהאַפֿטע ווערטער — דאָס האָט זיי געשטערט. אויסער דעם — איז ער געווען אַ שטאַרקער, און לייכט אויפֿן האַנט, — און זיי האָבן ניט געוואַגט ריידן אים אַ וואָרט אַנטקעגן. אָבער אים האָט זיך דווקא געוואָלט הערן עפּעס פֿון זיי און ער האָט אַלץ שטאַרקער באַגערט, אַז כאָטש עמעצער פֿון זיי, וועמען ער האָט אַזוי געהאַסט, זאָל זיך שטעלן קעגן אים פּנים אל פּנים, און זאָל אים זאָגן עפּעס אַ שטאַרקן וואָרט, וואָס זאָל אים ווי מיט אַ שטאַנג, אַ קירעווע טאָן אָן אַ זיים פֿון דעם שיפֿודיקן, געפֿערלעכן און בלאָטיקן וועג, צו וועלכן ער האָט געפֿילט אַ הילפֿלאָזן עקל...

און פּאָמאַ האָט געפֿונען דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט.

איינמאָל, אַ צערייצטער פֿון דער ניט־אויפֿמערקזאַמקייט צו אים, האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיינע מיטטרינקער:

— איר, וואַנצן! שווייגט אַלע!... ווער גיט אַייך טרינקען און עסן? איר'ט פֿאַרגעסן? איך וועל אַייך ברענגען אין אָרדענונג! איך וועל אַייך אויסלערנען, האָבן פֿאַר מיר אַכטונג! אַרעסטאַנטן! בעת איך רייד — דאַרפֿט איר קיינער קיין פּיפּס ניט טאָן!

זיי זיינען טאַקע אַלע אַנטשוויגן געוואָרן, קענטיק, אָנגעשראָקענע פֿון דער מעגלעכקייט צו פֿאַרלירן זיין אויפֿגעלייגטקייט צו זיי, אָדער אפֿשר פֿון מורא, אַז ער, אַזאַ געזונטע און שטאַרקע חיה, זאָל זיי ניט שלאָגן. אַ ווײַלע זיינען זיי געזעסן און געשוויגן, באַ־

האַלטנדיק אין זיך זייער כּעס אויף אים. איבערגעבויגענע איבער זייערע טעלער, האָבן זיי זיך געמיט צו פאַרבאָרגן פון אים זייער פּחד און צעטומלטקייט. פאָמאַ האָט זיי מיט זעלבסטצופרידנקייט באַטראַכט און אַ באַפרידיקטער פון זייער קנעכטישער הכנעה, האָט ער באַרימעריש זיך אָפּגערופן:

— אָהאָ! אַנטשוויגן געוואָרן... אָ־אָ! בײַ מיר איז שטרענג! איך...

— טיפּש! — האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ רויִקער און הויכער אָפּרוף.

— וואָ־ס? — האָט פאָמאַ אַ ברום געטאָן, אויפשפּרינגענדיק פון שטול. — ווער האָט דאָס געזאָגט?

דאַן האָט זיך פון עק טיש אויפגעהויבן עפּעס אַן אויסטערלישער, אָפּגעריבענער פּאַרשוין, אַ הויכער, אין אַ לאַנגן ראָק, מיט אַ הויפן האַלב־גראָע האָר אויפן גרויסן קאָפּ. זיינע האָר זיינען געווען האַרטע און זיינען געשטאַנען אין אַלע זייטן אין געדיכטע שטיקער, זיין פּנים אַ געלס, ראַזירט, מיט אַן הייקערדיקער נאָז, האָט אויסגעזען ענלעך אויף אַ באַרשט, מיט וועלכער מען וואַשט די דעק אויף די דאַמפּערס. דאָס האָט דעם האַלב־שיכּורן פאָמען זייער פריילעך געמאַכט...

— גו־ט! — האָט ער שפּאָטיש געזאָגט. — דו בילסט עס, האַ? דו ווייסט, ווער איך בין?

מיט אַ זשעסט פון אַ טראַגישן אַקטיאָר, האָט אים דער פּאַרשוין אויסגעשטרעקט אַ האַנט, מיט לאַנגע, ביינעוודיקע פינגער, ווי בײַ אַ קונצנמאַכער, און מיט אַ געדיכטן כריפּעדיקן באַס געענטפערט:

— דו ביסט די פאַרפוילטע קרענק פון דיין טאַטן, וועלכער איז, הגם, געווען אַ רויבער, אָבער דאָך — אַ ווערדיקער מענטש אין פאַרגלייך מיט דיר...

בײַ פאָמען האָט פון אומדערוואַרטקייט אין צאָ־ן פאַ־מעלט אין ברוסט אָטעם, ער האָט, ווי אַן אַכזר, אויסגעגלאָצט זיינע אויגן און געשוויגן, ניט געפינענדיק, וואָס צו ענטפערן אויף יענעמס חוצפּה. און דער פּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים, האָט באַגייסטערט געכריפּעט, קערנדיק ווי אַ חיה מיט זיינע גרויסע פאַרבלאָזע, געשוואָלענע אויגן:

— דו פאַרעסט פון אונז אַכטונג צו דיר — שוטה! — מיט וואָס האָסטו דאָס פאַרדינט? ווער ביסטו? אַ שיכור, וואָס פאַרטרינקט דעם טאַטנס קאַפּיטאַלן... פּרא אָדם! דו דאַרפסט זיין שטאָלץ דערמיט, וואָס איך, אַ באַוואוסטער אַרטיסט, אַ טרייער און ניט־איינגענוצטיקער דינער פון דער קונסט, טרינק מיט דיר פון איין פלעשל! און דער האָזיקער פלאַש — איז אַ געמיש פון פּאַטעקע מיט ווערעמדיקס, וואָס מען שטעלט אויף שמעקטאַבאַק, און דו מיינסט, אַז דאָס איז פּאָרטווין. דאָס איז דיין פּאַטענט אויף דעם באַרוף פון אַ פּרא־אָדם און אַ אייזל!

— אַך, דו, אַר־רעסטאַנט! — האָט פאָמאַ געדונערט, וואַרפנדיק זיך צום אַרטיסט. נאָר מען האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און איינגעהאַלטן. וואַרפנדיק זיך אין די אָרעמס פון די מענטשן, וואָס האָבן אים צוגעהאַלטן, האָט ער געמוזט, ניט ענטפערנדיק, אויסהערן, ווי דער פאַרשוין, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ באַרשט, האָט געדונערט אויף אים מיט זיין געדיכטער און שווערער אָקטאַווע:

— דו האָסט צוגעוואָרפן די מענטשן אַ זיבעטל פון אַ געגנבעטן רובל און האַלטסט זיך פאַר אַ העלד? דו ביסט אַ טאָפּלטער גנב: האָסט געגנבעט אַ רובל און איצט גנבעסטו אַ דאַנק פאַר דיין זיבעטל!... אָבער איך וועל דיר ניט דאַנקען! איך, וואָס האָב זיך מיין גאַנץ לעבן געווידמעט אויפצודעקן חטאים, שטיי דאָ איצט פאַר דיר און זאָג דיר אָפן: דו ביסט — אַ שוטה און אָרעם, ווייל דו ביסט צו רייך! דערין שטעקט די חכמה: אַלע רייכע זיינען אָרעם... אָט ווי אַזוי דער באַרימטער קופּלעטיסט רימסקי־קאַניבאַלסקי דינט דעם אמת!

פאָמאַ איז געשטאַנען שוין אַ באַרויִקטער צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן אים שטייף אַרומגערינגלט, און ער האָט דאָרשטיק זיך צוגעהערט צו דער דונערנדיקער שטימע פון קופּלעטיסט, וועלכער האָט איצט אַרויסגערופן ביי אים אַן איבערלעבונג, ווי מען וואָלט אים געקראַצט אויפן קראַנקן אָרט און געשטילט זיין שאַרפע בייסעניש. דאָס פּובליקום האָט זיך געטומלט: אייניקע האָבן פּרובירט איבעררייסן דעם שטראָם פון קופּלעטיסטס דרוש. אַנדערע האָבן געפּרוווט אַוועקפירן פאָמען אַנדערשוואו. ער האָט זיי שווייגעוודיק אָפּגעשטעלט

פון זיך אין ווייטער געהערט, ווערנדיק אַלץ מער דורכגעדרונגען מיט אַ שאַרפן פאַרגעניגן פון דערנידערונג, וואָס ער האָט גע־שפירט פאַר די דאָזיקע מענטשן. זיין נשמה האָט אַלץ הייסער געצערטלט אַ פיין, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן אין אים דורך די רייד פון קופּלעטיסט. יענער האָט נאָך אַלץ געדונערט, זייענדיק פאַרכאַפּט פון דער שטראָפּלאָזיקייט פון זיין תוכחה:

— דו מיינסט, אַז דו ביסט דער הערשער פון לעבן? דו ביסט — אַ נידעריקער קנעכט פון רובל...

איינער פון עולם האָט הויך געאיקעט, און קענטיק, אַן אומ־צופרידענער פון זיין איקען האָט ער יעדן מאָל ווען ער האָט אַ איקע געטאָן געשאָלטן:

— אָ, צום טיי־וול!...

עמעצער, אַ ניט־געגאָלטער מענטש, מיט אַ פעטן פנים, האָט באַ־קומען רחמנות אויף פאָמען, אָדער אים איז סתם געוואָרן לאַנג־ווייליק צוצוקוקן די דאָזיקע סצענע און צעפירנדיק מיט די הענט, האָט ער תחנונימדיק אויסגעצויגן:

מיי־נע הער־ן! הער־ט שוין אויף! דאָס איז ניט גו־ט! אַלע זיינען מיר דאָך זינדיקע! געוויס אַלע... גלייבט מיר!

— ניין, רייד! — האָט פאָמאַ געבורטשעט, — זאָג אַלין! איך וועל דיך ניט טשעפּען...

אין די שפּיגלען, וואָס זיינען געווען אין די ווינקלען פון די ווענט, האָט זיך אָפּגעפּאָטאָגראַפירט די דאָזיקע שיכורע מהומה. די אָפּגעשפּיגלטע מענטשן האָבן אויסגעזען נאָך מער אָפּשוילעכער און עקלהאַפטער, ווי אין דער ווירקלעכקייט...

— איך וויל מער נישט ריידן! — האָט דער קופּלעטיסט אַ געשריי געטאָן, — איך וויל ניט מיינע פּערלען פון אמת און מיין פייער שליידערן פאַר דיר...

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, און גרויסאַרטיק אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער זיך מיט טראַגישע טריט געלאָזט צו דער טיר.

— ליַיגסט! — האָט פאָמאַ זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך אים. — וואַרט! דו האָסט מיך צערודערט, — איז באַרויק מיך.

מען האָט אים ווידער אַ כאַפּ געטאָן און אַרומגערינגלט, שרייענדיק עפּעס צו אים. ער האָט זיך אָבער געריסן פאָרויס, אָפּשטויסנדיק אַלעמען. ווען אויף זיין וועג פלעגט ער זיך אָנטרעפן אויף שטערנישן — האָט אים דער שטרייט מיט זיי תמיד באַרויִקט, פאַראייניקנדיק אַלע זיינע נעפּלדיקע געפילן אין איין שטרעבונג, — בייצוקומען דאָס, וואָס האָט אים געשטערט. אויך איצט, אָפּשטופּנדיק אַלעמען און אַרויסלויפנדיק אויף דער גאַס, איז ער געווען שוין ווייניקער אויפגעבראַכט. שטייענדיק אויפן טראָטואַר, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף דער גאַס און אַ פאַרשעמטער געטראַכט:

„ווי אַזוי האָט ער דאָס געקאָנט דערלויבן, אַז דער דאָזיקער בעזים זאָל אים מבייש זיין און אָנרופן זיין פאָטער גנב?“

אַרום איז געווען פינסטער און שטיל; ס׳האָט העל געלויכטן די לבנה און ס׳האָט געבלאָזן אַ לייכט, דערפרישנדיק ווינטל. אונטערשטעלנדיק זיין פּנים זיין קילן אָטעמען, איז פאָמאַ מיט שנעלע טריט געגאַנגען אַנטקעגן ווינט, געקוקט אויף צוריק מיט מורא און ניט געוואָלט, אַז בעת־מעשה זאָל אים נאָכגיין עמעצער פון דער קאָמפּאַניע אין שענק: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין די אויגן פון די דאָזיקע מענטשן האָט ער פיל פאַרלאָרן. ער איז געגאַנגען און געטראַכט וועגן דעם, צו וואָס ער האָט דערלעבט: עפּעס עמעצער אַ צופּעליקער דורכגייער זידלט אים עפּנטלעך מיט שענדלעכע ווייד, און ער, דער זון פון אַ באַוואוסטן סוחר, קאָן אים מיט גאָרנישט צוריקצאָלן פאַר דער באַליידיקונג.

„איך בין דאָס ווערט! — האָט זיך אים בייזוויליק און טרויעריק געטראַכט. — איך בין דאָס ווערט! פאַרליר זיך ניט... פאַרשטיי... און ווידער — האָסט אַליין געוואָלט... האָסט אַליין זיי אַלעמען אַרויסגערופן... אָט — האָסטו באַקומען“.

אים האָט ביז ווייטאָג באַנג געטאָן פאַר זיך אַליין פון די דאָזיקע מחשבות. אַ פאַרכאַפּטער דורך זיי און אַן אויסגעניכטערטער, האָט ער אַלץ געשפּאַנט ערגעץ איבער די גאַסן און אַלץ געזוכט ביי זיך עפּעס — שטאַרקס אַזוינס, פעסטס... נאָר אַלץ איז אין אים געווען נעפּלדיק, בלויז דאָס האַרץ האָט געקוועטשט, ניט

אָננעמענדיק קיין שום באַשטימטע פאָרם. ווי אין אַ שווערן דרעמל איז ער צוגעקומען צום טייך, געזעצט זיך אויף אַ קלאָץ ביים ברעג און גענומען קוקן אויפן שטילן, פינסטערן וואַסער, וואָס איז געווען באַדעקט מיט דינע בלעזלעך. רויִק, כמעט אָן גערויש, איז געשוואומען דער ברייטער, מעכטיקער טייך און געטראָגן אויף זיין ברוסט געוואַלדיקע משאות. זי איז געווען דורכאויס באַלאַגערט מיט שוואַרצע שיפן; די סיגנאַל־פייערן און די שטערן האָבן זיך אָפגעשפיגלט אין וואַסער; קליינע, לייכטע וועלן זיינען ווייך און מיט אַ שטילן קלאַנג געקומען צו לויפן אויפן ברעג, גלייך אונטער פאָמעס פיס... פון הימל האָט געווייט מיט אַן אומעט; אַ געפיל פון איינזאַמקייט האָט געדריקט פאָמען...

„גאָט יעזוס! — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק מיט בענקשאַפט אויפן הימל... ס'אַר אַ שלימזל איך בין... איך פאַרמאָג גאָרנישט ניט אין זיך... גאָט האָט אין מיר גאָרנישט אַריינגעלייגט... אויף וואָס טויג איך אַזאַ? גאָט יעזוס!“

פון דער דערמאָנונג וועגן קריסטוסן איז פאָמען געוואָרן עפעס ווי לייכטער, די איינזאַמקייט איז אים געוואָרן ווי גרינגער, און אַריינאָטעמענדיק מיט דער פולער ברוסט, האָט פאָמאַ שטומערהייט גענומען ריידן צו גאָט:

„ גאָט יעזוס!... אַנדערע מענטשן פאַרשטייען אויך גאָרנישט, אָבער דאָך מיינען זיי, אַז זיי ווייסן אַלץ, און דערפאַר איז זיי לייכט צו לעבן... גאָר איך האָב ניט — קיין באַרעכטיקונג... אָט איז נאַכט... און איך בין איינער אַליין, און וואוהין צו גיין האָב איך ניט... איך קאָן קיינעם גאָרנישט ניט זאָגן... איך האָב קיינעם ניט ליב... בלויז דעם טויפפאָטער, אָבער ער איז אָן אַ נשמה... געכיי וואָלסטו אים מיט עפעס באַשטראָפט!... ער מיינט, אַז קיין קליגערער און בעסערער פון אים איז שוין גאָר נישטאָ אויף דער גאָרער וועלט... און דו לוידסט דאָס... און איך אויך... וואָלט כאָטש אַ צרה געקומען אויף מיר... אַ מחלה... אָבער איך בין געזונט... פונקט ווי אײַזן... איך טרינק, איך הוליע... איך לעב אין שמוץ... אָבער דער נוף הייבט אַפילו ניט אָן צו ראָסטן, בלויז די נשמה טוט מיר ווי... אָ, גאָט! צו וואָס אַזאַ לעבן?“

איינער נאָכן צווייטן האָבן אין קאָפּ פון איינזאַמען, פאַרבלאָנדזשעטן מענטש אַריינגעדרונגען שרעקעוודיקע, פּראָטעסטירנדיקע מחשבות, און די שטילקייט אַרום אים איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און די נאַכט איז געוואָרן אַלץ פינסטערער. ניט ווייט פון ברעג איז געשטאַנען פאַראַנקערט אויף אַ זייט אַ קליין שיפל; זי האָט זיך געוויגט פון זייט צו זייט און עפּעס האָט אויף איר געסקריפּעט, ווי זי וואָלט געקרעכצט...

„ווי זאָל איך זיך באַפרייען פון אַזאַ לעבן? — האָט פּאָמאַ ניט אויפגעהערט טראַכטן, קוקנדיק אויף דער שיפל. — און וואָס פאַר אַן אַרבעט איז פאַר מיר באַשטימט? אַלע אַרבעטן דאָך“...

פלוצלונג האָט אים אין מוח אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, וואָס אים האָט זיך עס אויסגעוויזן גרויס:

„שווערע אַרבעט איז ביליקער פון לייכטע! איינער גיט זיך אָפּ אינגאַנצן פאַר איין רובל צו אַן אַרבעט, און אַ צווייטער — נעמט מיט איין פינגער — טויזנט“...

דער געדאַנק האָט אים אָנגענעם איבערראַשט: אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געפונען אין לעבן פון די מענטשן נאָך אַ פאַלשע זאַך, נאָך אַ ליגן, וועלכן זיי באַהאַלטן... ער האָט זיך דערמאָנט אָן איינעם פון זיינע קעסל-הייצערס — דעם אַלטן איליאַ, וועלכער פלעגט פאַר צען קאָפּיקעס שטיין אויף דער וואַך ביים אייוון, אויך אויסער זיין ריי, אַרבעטנדיק פאַר זיינעם אַ חבר צו אַכט שעה אין ענגשאַפט און אין היץ. איינמאָל איז ער קראַנק געוואָרן פון דער אומדערטרעגלעכער אַרבעט, ער האָט זיך געוואַלגערט אין שפּייז-קאַמער פון דאַמפער און ווען פּאָמאַ האָט אים געפרעגט, צוליב וואָס ער אַרבעט אַזוי פיל, האָט איליאַ געענטפערט גראָב און פינסטער:

— ווייל מיר איז יעדע קאָפּיקע נויטיקער, ווי די הונדערט רובל... אָט פאַרוואָס!...

זאָגנדיק דאָס, האָט דער אַלטער שווער אויסגעדרייט זיין הייסן קראַנקן גוף מיטן הינטן צו פּאָמען.

אָפּשטעלנדיק זיך אויפן קעסל-הייצער, האָט זיין געדאַנק פלוצלונג אָן אָנשטרענגונג אַרומגענומען די אַלע קליינע מענטשן,

וועלכע האָבן געטאָן שווערע אַרבעט. ס'איז געווען מאָדנע — צו־וואָס לעבן זיי? וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָבן זיי פון דער וועלט? אַלע טוען זיי זייער שמוציקע, שווערע אַרבעט, עסן שלעכט, קליידן זיך נאָך ערגער, שיכורן... איינער איז אַלט זעכציק יאָר און ער ברעכט זיך נאָך אַלץ צוגלייך מיט די יונגעלייט... און אַלע האָבן זיי זיך פאָמען פאָרגעשטעלט, ווי אַ גרויסע קופּע ווערים, וועלכע קריכן אויף דער ערד, בלויז כדי צו עסן. אין זכרון האָבן אויפגע־טויכט איינער נאָכן צווייטן זיינע צוזאַמענשטויסן מיט די דאָזיקע מענטשן, זייערע דיבורים וועגן לעבן, — דיבורים אַמאָל שפּאָטישע און טרויעריקע, אַמאָל האָפענונגסלאָזע און ביטערע, — זייערע יללה־דיקע געזאַנגען... און אָט האָט ער זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל האָט יעפים אין ביוראָ גערעדט צו אַן אָנגעשטעלטן, וועלכער פלעגט דינגען מאַטראָסן:

— דאָרט זיינען געקומען לאָפּוכינער פויערים אָנדינגען זיך אויף אַרבעט, איז גיב זיי ניט מער פון צען אַ חודש. זיי זיינען זומער אָפּגעברענט געוואָרן ביזן גרונט און די נויט איז ביי זיי איצט זייער אַ גרויסע — זיי וועלן גיין אויך פאַר צען...

זיצנדיק אויף די קלעצער, האָט זיך פאָמאַ אונטערגעוויגט מיטן גאַנצן גוף און פון דער פינסטערניש זיינען פון טייך שטומערהייט דערשינען פאַר אים פאַרשיידענע מענטשלעכע געשטאַלטן — מאַט־ראָסן, קעסל־הייצער, אָנגעשטעלטע, באַדינער פון די שענקלעך; האַלב־שיכורע, אויסגעפּוצטע פרויען, שטענדיקע באַר־באַזוכער. זיי זיינען געשוואומען אין דער לופט, ווי שאָטנס, ס'האָט פון זיי גע־שמעקט מיט פייכטקייט און עפּעס געזאַלצנס. אין אַ פינסטערע, געדיכטער קופּע האָבן זיי זיך געדרייט פּאַמעלעך, אָן רעש און אָן אַ וועג, ווי די האַרבסטיקע וואָלקנס איבערן הימל. דאָס שטילע פּאַטשעריי פון די כוואַליעס האָט אַריינגעגאָסן אין דער נשמה אַן אומעטיקע, זיפצנדיקע מוזיק. ווייט, ערגעץ אויפן אַנדערן ברעג טייך, האָט געברענט אַ שייטער; אַרומגענומען מיט חושך פון אַלע זייטן, איז ער דורך אים אָפט געוואָרן איינגעשלונגען — און אין דער פינס־טער האָט געציטערט פאַרן אויג אַ קוים זעענדיקער, רויטלעכער פלעק. אָט האָט ווידער אויפגעפלאַקערט דאָס פייער — און דער

חושך איז אָפּגעטרעטן פאַר אים, און מען האָט געזען, ווי ער רייסט זיך אינדערהויך. און נאָכהער האָט ער זיך ווידער פאַרלאָשן...

„גאָט, גאָט! — האָט מאַמאַ שווער און ביטער געטראַכט, שפּירנדיק, ווי אַ בענקעניש דריקט אַלץ שטאַרקער צונויף זיין האַרץ. — אָט בין איך אויך... דורכאויס אַליין, ווי אָט דער פייער... בלויז איך האָב ניט קיין שיין, נאָר אַ טשאַד... וואָלט איך כאָטש באַגעגנט אַ קלוגן מענטשן... וואָלט איך כאָטש געהאַט מיט וועמען צו ריידן... מיר איז אוממעגלעך צו לעבן איינער אַליין... איך קען גאָרנישט... כאָטש אַ מענטשן באַגעגענען“...

וייט, אויפן טייך, האָבן זיך געוויזן צווי רויטע פייערפלאַמען און הויך איבער זיי — אַ דריטער. עפּעס האָט דאָרט הייזעריק גערעשט, עפּעס האָט זיך דאָרט אַ שוואַרצע זאַך גערוקט צו פּאָמען.

„אַ דאַמפּער פאָרט פון אונטן... — האָט זיך אים געטראַכט. — אויף אים איז איצט אפשר דאָ ניט איין הונדערט מענטשן... און קיינער פון זיי האָט ניט צו אים קיין געשעפט... אַלע ווייסן זיי, וואוהין זיי שווימען... יעדערער פון זיי האָט זיך זיינס... יעדערער, דאָרט, פאַרשטייט, וואָס ער דאַרף... אָבער איך — וואָס דאַרף? און ווער קען מיר עס זאָגן? וואו איז דאָ אַזאַ מענטש?

די פייערן פון דאַמפּער האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין טייך און געצאַפּלט אין וואַסער. דאָס באַלויכטענע וואַסער איז זיך צעלאָפן פון דער שיין מיט אַ הייזעריקן מורמלען — און דער דאַמפּער האָט אויסגעזען, ווי אַ געוואַלדיקער שוואַרצער פיש מיט פייערדיקע שופּן...

ס'זיינען אַוועק נאָך עטלעכע טעג נאָך דער דאָזיקער שווערער נאַכט, און פאָמאַ האָט פון ס'ניי אָנגעהויבן טרינקען. דאָס איז אַרויסגעקומען פלוצלונג און קעגן זיין ווילן. ער האָט געהאַט באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן זיך פון שיכּרות און איז אַוועק מיטאָגן אין איינעם פון די טייערע, שטאָטישע האָטעלן, האָפנדיק, אַז דאָרט וועט ער ניט באַגעגענען קיינעם פון זיינע באַקאַנטע מיטטרינקער, וועלכע פלעגן שטענדיק אויסקלייבן פאַר די ליאַמעס די ביליגערע און ווייניק אָנגעשטענדיקע ערטער. נאָר זיין אויסרעכענונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט ריכטיק: ער איז באַלד אַריינגעפאַלן אין די פריינטלעך=פריי=

לעכע אָרעמס פון זון פון דעם בראַנפן־זאַוואָדטשיק, וועלכער האָט גענומען אויף פולער אויסהאַלטונג סאַשען.

יענער איז צוגעלאָפן צו פּאָמען, אַרומגענומען אים און זיך פריילעך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָט דאָס הייסט אַ באַגעגעניש! שוין דעם דריטן טאָג, ווי איך עס מיך דאָ איבער און ס'איז מיר לאַנגווייליק אין דער שווערער איינזאַמקייט... אין דער גאַנצער שטאָט איז ניטאָ קיין איין אָנשטענדיקער מאַן, אַזוי אַז איך האָב זיך נעכטן באַקאָנט אַפילו מיט צייטונגס־לייט... ס'מאַכט ניט אויס, אַ פריילעך פאָלק... הגם זיי האָבן זיך תחילת געמאַכט פאַר אַריסטאָקראַטן און האָבן אַליין געהוזקט פון מיר, נאָר שפּעטער האָבן זיי זיך אַזוי אָנגעטרונקען... היינט וועט איך, זיין דאָס אייגענע — איך שווער ביים טאַטנס קאַפּיטאַלן! איך וועל אייך באַקענען מיט זיי... פאַראַן צווישן זיי איינער אַ פעליעטאָניסט, איר ווייסט ווער? אָט דער, וואָס האָט אייך אַנומלטן געהאַט באַרימט געמאַכט... ווי הייסט ער? אַ פריי־לעכער חברה־מאַן... דער רוח כאַפּט אים! ווייסט — מען וואָלט אַזאַ געדאַרפט אָנשטעלן פאַרן אייגענעם געברויך! געבן אים ווי־פיל ס'איז און באַפעלן אים — מאַך אונז פריילעך! נישקשה? ביי מיר האָט אַמאָל געדינט אַ קופּלעטיסט, — איז מיט אים, ווייסט איר, געווען גאַנץ פריילעך... ס'פלעגט פאַסירן, אַז איך פלעג אים הייסן: „רימסקי! דערלאַנג קופּלעטן!“ נו, פלעגט ער דערלאַנגען — זאָג איך אייך — אַז די בייכער פלעגן פּלאַצן. אַ שאָד, ער איז ערגעץ אַנטלאָפן... איר'ט שוין געמ'טאָגט?

— נאָך ניט... און וואו איז אַלעקסאַנדראַ? — האָט פּאָמאַ געפרעגט אַ ביסל אַ באַטריבטער פון דעם הויכן ריידן פון דאָזיקן צע־פאָרענעם יונג מיטן רויטן פנים און שרייענדיקן קאָסטיום.

— נ־נו, ווייסט איר, — האָט זיך יענער געקנייטשט, — אָט די אַלעקסאַנדראַ אייערע איז אַ שמאַטע אַ ווייבל! עפּעס אַ... פינסטערע... ס'איז לאַנגווייליק מיט איר, כאַפּט זי דער רוח! אַ קאַלטע אַזאַ, ווי אַ זשאַבע, ברר! ניין, איך וועל איר געבן דימיסיע...

— אַ קאַלטע — דאָס איז אמת, האָט פּאָמאַ געזאָגט און זיך פאַרטראַכט.

— יעדער מענטש דאַרף טאָן זיין זאַך אויפֿן בעסטן אופֿן, — האָט אויפֿקלערנדיק גערעדט דער זון פֿון בראַנפֿן־זאַוואָדטשיק, — און אויב דו קומסט אָן אויף פֿולער אויסהאַלטונג, איז דאַרפֿסטו אויך אויספֿילן דיינע התחייבותן, ווי אַמבעסטן... אויב דו ביסט נאָר אַן אָרענטלעכע פֿרוי... נו, מירן אויסטרינקען אַ גלעזל?

מען האָט אויסגעטרונקען און, פֿאַרשטייט זיך, אָנגעטרונקען זיך.

אָוונט־צייט האָט זיך אין האָטעל פֿאַרזאַמלט אַ גרויסע, טומלדיקע געזעלשאַפֿט, און פֿאָמאַ, אַ שיכורער, נאָר אַן אומעטיקער און שטילער, האָט גערעדט, פֿלאָנטערנדיק מיטן צונג:

— איך פֿאַרשטיי אַזוי: אַנדערע מענטשן זיינע ווערים, אַנדערע — וואָראָבייטשיקעס... די וואָראָבייטשיקעס — דאָס זיינען די סוחרים... זיי פּיקן די ווערים... אַזוי איז זיי שוין באַשערט... זיי זיינען נייטיק... אָבער איך... און איר אַלע — טויגן צו גאָרנישט... מיר לעבן אָן אַ פֿאַרגלייך... און אָן אַ באַרעכטיקונג... דורכאויס אָן ישוב־הדעת... און דורכאויס אומנייטיק... נאָר אויך יענע... און אַלע — צו וואָס זיינען זיי? דאָס מוז מען פֿאַרשטיין... ברידער!... מיר וועלן אַלע — פּלאַצן... בנאמנות! און פֿאַרוואָס וועלן מיר פּלאַצן? ווייל אַלץ איז אין אונז... איבעריק... איבעריק אין אונזער נשמה... און אויך אונזער גאַנץ לעבן איז — איבעריק!... ברידער! איך וויין... אויף וואָס דאַרף מען מיך? מען דאַרף מיך ניט!... דערהרגעט מיך... אַזוי, אַז כ'זאָל שטאַרבן... איך וויל שטאַרבן...

ער האָט געוויינט מיט געדיכטע, שיכורע טרערן. צו אים האָט זיך צוגעזעצט עפּעס אַ שיכורלעכער, קליין שוואַרץ מענטשל, ער האָט אים וועגן עפּעס דערמאָנט, געקראָכן צו אים קושן זיך און געשריען, קלאַפּנדיק מיטן מעסער איבערן טיש:

— אמת! שווייגט! דאָס וואָרט האָט דאָס רויע! גיט אַ וואָרט די העלפֿאַנדן און מאַמאָנטן פֿון ניט־איינגעאָרדנטן לעבן! הייליקע רייד רעדט ער, דאָס רויע רוסישע געוויסן! בריל, גאָרדעיעוו! בריל אויף אַלץ!... און ער האָט זיך ווידער איינגעטשעפּעט אין פֿאָמעס פּלייצעס און געקראָכן אים אויפֿן ברוסט, אויפֿהייבנדיק צו זיין פּנים זיין קיילעכדיקן, שוואַרצן גלאַט־געשאָרענעם קאָפּ, וואָס האָט

זיך אומדערמידלעך געדרייט אויף זיינע פלייצעס אין אַלע זייטן, אַזוי, אַז פּאָמאַ האָט ניט געקאָנט באַטראַכטן זיין געזיכט. ער איז געווען דערפאַר אין כּעס אויף יענעם און האָט אים כּסדר אָפּגעשטופּט פון זיך, שרייענדיק אַן אויפגערעגטער:

— קריך ניט! וואו האָסטו דיין צורה? אַוועק!

אַרום זיי האָט געהילכט אַ פּאַרטיבנדיקער, שיכּורער געלעכטער. זיך ווערגנדיק מיט אים, האָט דער זון פון בראַנפן־זאַוואָדטשיק היי־זעריק געברומט צו עמעצן:

— קום צו מיר! הונדערט רובל אַ חודש, מיט עסן און דירה! ערן־וואָרט! קום! ערן־וואָרט! שפּיי אויף דער ציטונג... איך וועל דיר געבן טייערער!

אַליץ האָט זיך געוויגט פון איין זייט אויף דער צווייטער מיט שווימענדיקע, כוואַליעדיקע באַוועגונגען. די מענטשן האָבן זיך דאָ דערווייטערט פון פּאָמען, דאָ זיך דערנענטערט צו אים. דער באַלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, די דיל האָט זיך געהויבן אינדערהויך און פּאָמען האָט געדאַכט, אַז אָט וועט מען אים צעקוועטשן, צעדריקן. דערנאָך האָט ער דערשפּירט, אַז ער שווימט עפּעס ערגעץ, אי־בער אַ ברעגלאָזן ברייטן און שטורמישן טייך, און שאָקלענדיק זיך אויף די פיס, האָט ער פון שרעק אָנגעהויבן שרייען:

— וואוהין שווימען מיר? וואו איז דער קאַפּיטאַן?

אים האָט געענטפערט אַ הויכער, זינלאָזער געלעכטער פון שיכּורע פּאַרשוינען און אַ שאַרפער, עקלדיקער געשריי פון אַ שוואַרצן נפש:

— אמת־ת! מיר זיינען אַלע — אָן אַ רודער און אָן זעגלען... וואו איז דער קאַפּיטאַן? וואָס־ס? כאַ־כאַ־כאַ!...

פּאָמאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דאָזיקן קאָשמאַר אין אַ קליין חדרל מיט צוויי פענסטער, און דאָס ערשטע, אויף וואָס זיין אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען אַ טרוקענער בוים. ער איז גע־שטאַנען הינטערן פענסטער; זיין גראָבער שטאַם, מיט דער אָפּגע־קראָכענער קאָרע און אויסגעעסענעם מיטן, האָבן אָפּגעצוימט דעם

צוטריט פֿון ליכט אין צימער. די אויסגעבייגענע, שוואַרצע צווייגן אָן בלעטער האָבן זיך טרויעריק און אָן כּוח צעשפּרייט אין דער לופֿט, און וויגנדיק זיך שטיל, האָבן זיי, ווי באַקלאָגנדיק זיך, געסקריפּעט. ס'איז געגאַנגען אַ רעגן, איבער די שויבן האָבן גערינען רינעס וואַסער, ס'האָט זיך געהערט, ווי דאָס וואַסער פֿליסט פֿון דאַך אויף דער ערד און כליפּעט. צום דאָזיקן וויינענדיקן קלאַנג האָט זיך פֿאַראייניקט אַ צווייטער, דינער קלאַנג, פֿון אַ האַסטיקן הפסקותדיקן סקריפּ פֿון אַ פֿעדער איבער פּאַפּיר און עפּעס אַן אָפּגעריסן בורמלען.

אומדרייענדיק זיין קראַנקן, שווערן קאָפּ אויפֿן קישן, האָט פּאָמאַ דערזען אַ קליין שוואַרץ מענטשל, וועלכער איז געזעסן ביי אַ טיש און האָט גיך געקראַצט מיט אַ פֿען אויף אַ פּאַפּיר, צושאָקלענדיק הסכּמהדיק מיטן קיילעכדיקן קאָפּ און באַוועגנדיק אים אין אַלע זייטן, האָט ער דערביי אויך געצוקט מיט די פּלייצעס און מיטן גאַנצן קליינעם גוף, וואָס איז געווען אָנגעטאָן בלויז אין אונטערהויזן און אין אַ העמד. ער האָט זיך אָן אויפֿהער באַוועגט אויפֿן שטול, ווי אים וואָלט געווען היים צו זיצן און אויפֿהייבן זיך האָט ער צוליב עפּעס ניט געקענט. זיין לינקע האַנט, אַ דאַרע און דינע, האָט אָדער געריבן דעם שטערן, אָדער געמאַכט אין לופֿט עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכע צייכנס; די פֿאָרוועסע פֿיס האָבן זיך געשאַרט איבערן דיל, אויפֿן האַלז האָט געציטערט עפּעס אַן אָדער, און אַפֿילו זיינע אויערן זיינען ניט געווען רויִק. ווען זיין פּנים האָט זיך אַ קער געטאָן צו פּאָמען, האָט פּאָמאַ דערזען דינע ליפּן, וועלכע האָבן עפּעס געשעפּטשעט, אַ שאַרפֿע נאָז, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו די שיטערע וואָנצעלעך און די דאָזיקע וואָנצעלעך האָבן אויפֿגעשפּרונגען אינדערהויך יעדן מאָל, ווען דער מענטש האָט געלאַכט... זיין פּנים איז געווען געל, אָנגעשוואָלן, מיט קנייטשן און די שוואַרצע, לעבעדיקע, גלאַנציקע אייגלעך האָבן אויסגעזען, ווי ניט זיינע אייגענע, נאָר פֿרעמדע.

מיד ווערנדיק צו קוקן אויף אים, האָט פּאָמאַ גענומען לאַנגזאַם פֿירן מיט די אויגן איבערן צימער. אויף גרויסע נעגל, אַריינגעזשעטע אין די ווענט, זיינען געווען אָנגעשטאָכן פּעק צייטונגען,

פון וואָס ס'האָט אויסגעזען, ווי די ווענט וואָלטן באַדעקט געווען מיט געשווילעכצן. דער באַלקן איז געווען דאָ און דאָרט אַרומגעקלעפּט מיט ווייס פּאַפּיר; דאָס פּאַפּיר איז געווען אויפגעבלאָזן אין פּענכערס, וואו-ניט-וואו שוין געפּלאַצטע, אָפּגעשטאַנענע אין הענגענדיקע, אַזוי ווי שמוציקע שטיקער. אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט בגדים, שטוול, ביכער, צעריסענע פּאַפּירן... דאָס גאַנצע צימער האָט געמאַכט אַזאַ אַיינדרוק, ווי ס'וואָלט געווען אָפּגעבריט מיט קאָכעדיק וואַסער.

דאָס מענטשל האָט אַוועקגעוואָרפן די פעדער, האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, און פויקנדיק לעבעדיק איפן ברעג מיט די פינגער, האָט ער שטיל זיך פונאַנדערגעזונגען מיט אַ שוואַכן קול:

„Бе-ери барабанъ и не бойся!
Цѣ-луй маркитантку звучнѣй!
Вотъ смыслъ глубочайшій науки,
Вотъ смыслъ философіи все-ей!“ *

פּאָמאַ האָט שווער אָפּגעזיפצט און געבעטן:

— אַך... זעלצערוואַסער אַ ביסל... אַ טרונק, אפשר, קען מען?

— אַהאַ! איז דאָס מענטשל אויפגעשפּרונגען פון שטול און שוין באַלד געווען לעבן דער ברייטער מיט צעראַטע באַשלאָגענער סאָפע, אויף וועלכער פּאָמאַ איז געלעגן. — נישקשה, חבר! זעלצערוואַסער? מען קען! מיט קאָניאַק צי אָן?

— בעסער מיט קאָניאַק... — האָט פּאָמאַ אויסגעצויגן אַ טרוקענע, הייסע האַנט און זיך שאַרף אַיינגעקוקט אין פּנים פון פרעמדן מענטש...

— יעגאָראָוונאַ! — האָט דאָס מענטשל אַריינגעשריען אין טיר, און ווענדנדיק זיך צו פּאָמען ווידעה געפרעגט:

— דערקענסט מיר ניט, פּאָמאַ איגנאַטיעוויטש?

---

* -עם דעם פּויק און האָב ניט קיין מורא, קוש דער מאַרקיטאַנטקע (אַ מיידל וואָס פאַרקויפט בייגל צו זעלנער) קלינגנדיקער. אָט דאָס איז דער זין פון דער טיפסטער לערע, אָט דאָס איז דער זין פון דער גאַנצער פילאָסאָפיע

— עפּעס דערמאָן איך זיך... מיר זיינען אַמאָל געווען באַקאַנט...

— פיר יאָר האָט אונזער באַקאַנטשאַפט געדויערט... אָבער דאָס איז געווען שוין לאַנג! יעזשאָוו...

— מיין גאָט! — האָט פאָמאַ אויסגעשריען מיט איבעראַשונג, זיך אויפזעצנדיק אויף דער סאָפע. — דאָס ביסטו טאַקע?

— איך, ברודער, צייטנווייז גלויב איך עס אַליין ניט, נאָר אַ רעאַלער פאַקט — איז עפּעס אַזוינס, פון וואָס ס׳שפּרינגט אָפּ יעדער ספק, ווי אַ גומענע פּילקע פון אַייזן...

יעזשאָווס פּנים האָט זיך קאָמיש אויסגעקרימט און זיינע הענט האָבן צוליב עפּעס גענומען טאַפּן די ברוסט.

— נו־נו! — האָט פאָמאַ אויסגעצויגן. — אָט ווי דו ביסט געוואָרן פאַרעלטערט! אַיי־אַיי! וויפיל־זשע ביסטו אַלט?

— דרייסיק...

— און זעסט אויס, ווי פופציק... אַן אויסגעטריקנטער, געל... קענטיק, דיר לעבט זיך ניט זיס? טרינקסט אויך, אָט...

פאָמען האָט ווי געטאָן צו זען זיין אַמאָליקן פריילעכן און לעבעדיקן שול־חבר אין אַזאַ צעבראָכענעם צושטאַנד, לעבנדיק אין דער דאָזיקער לאָך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אויפגעבלאָזן פון בראַנדוואונדן. ער האָט געקוקט אויף אים און טרויעריק געפינטלט מיט די אויגן. ער האָט געזען, ווי יעזשאָווס געזיכט הערט ניט אויף צו צוקן און די אייגלעך זיינע ברענען פון שפּאַנונג. יעזשאָוו האָט געהאַלטן אין אויפמאַכן אַ פלעשל וואַסער. אַ פאַרנומענער מיט דעם, האָט ער געשוויגן און דאָס פלעשל געהאַלטן צונויפגעדריקט צווישן די קני, כדי אַרויסציִען דעם קאָרעק. אויך די דאָזיקע שוואַכקייט זיינע האָט פאָמען גערירט.

— נו־יאָ, דאָס לעבן האָט דיך שוין איינמאָל אויסגעזויגן... אַבי דו האָסט זיך געלערנט... קענטיק, אַז פון דער וויסנשאַפט האָט דער מענטש אויך ווייניק הילף, — האָט גערעדט אַ פאַרטראַכטער.

— טרינק! — האָט יעזשאָוו זיך ענדלעך אָפּגערופן, אויסזויגנדיק בלייך פון דער אָנשטרענגונג און דערלאַנגענדיק אים אַ גלאָז.

דערנאָך האָט ער אַ רייב געטאָן דעם שטערן, געזעצט זיך אויף דער סאָפע לעבן פּאָמען און גענומען ריידן:

— די וויסנשאַפט לאָז צו רו! די וויסנשאַפט דאָס איז אַ געטלעך געטראַנק... אָבער כּל־זמן ס'איז נאָך ניט אויסגעשטאַנען, טויג עס ניט צום באַנוצן, ווי שנאַפּס, וואָס איז נאָך ניט איינגערייניקט פון יעמיינעם קאָרן־פּעטס. פאַרן מענטשנס גליק איז נאָך די וויסנשאַפט ניט פאַרטיק, פריינט מיינער... און בײַ די לעבעדיקע מענטשן, וועלכע באַנוצן זיך מיט איר צופיל, טוט בלויז חער קאָפּ דערפון וויי... אָט ווי בײַ מיר מיט דיר אַצינד... וואָס טרינקסטו דאָס אַזוי ניט פאָרזיכטיק?

— איך?... — וואָס־זשע זאָל איך טאָן? — האָט פּאָמאַ געפרעגט מיט אַ שמייכל.

יעזשאָוו האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, פאַרשנהק געקוקט אויף פּאָמען און דאַן געזאָגט:

— פאַרגלייכנדיק דיין פראַגע מיט דאָס אַלץ, וואָס דו האָכט נעכטן אַזוי געמאָלט, שפּיר איך מיט מיין צעהדערטער נשמה, אַז דו, פריינט מיינער, הוליעסט אויך ניט פון פריילעכקייט וועגן...

— עך! — האָט פּאָמאַ שווער אָפּגעזיפצט, אויפהייבנדיק זיך פון דער סאָפע. — וואָס פאַר אַ לעבן האָב איך? עפּעס אָן אַ פאָרם... איך לעב אַליין... איך פאַרשטיי גאָרנישט ניט... און עפּעס וואָס ווילט זיך... אַ שפּיי טאָן אויף אַלץ ווילט זיך און פאַרפאַלן ווערן ערגעץ־וואו! אַנטלויפן פון אַלץ... עפּעס אַ בענקעניש!

— דאָס איז אינטערעסאַנט! — האָט יעזשאָוו געזאָגט, רייבנדיק די הענט און ניט אײַנזיצנדיק אויפן אָרט. — דאָס איז אינטערעסאַנט, אויב דאָס איז אמת און אויפריכטיק, ווייל דאָס באַווייזט, אַז דער הייליקער גייסט פון אומצופרידנהייט מיטן לעבן האָט שוין אַריינגעדרונגען אויך אין די סוחרישע שלאָפצימערס... אין די טויטע נשמות, וועלכע טרינקען זיך אין פעטע זויערס... אין די אָזערעס פון טיי און אַנדערע פליסיקייטן... דו לייג מיר אויס אַלץ מיט אַ סדר. — וועל איך, ברודער, דאַן אָנשרייבן אַ ראָמאַן...

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט שוין אַזוי אויך עפּעס אָנגעשריבן וועגן מיר? — האָט מיט נייגעריקייט געפרעגט פּאָמאַ און

ווידער אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם אַלטן חבר, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס אַזוינס קען ער אָנשרייבן, אָט ער, אַזאַ נעבעכדיקער.

— איך האָב אָנגעשריבן! און דו האָסט געלייענט?

— ניין, ניט אויסגעקומען...

— און וואָס האָט מען דיר דערציילט?

— אַז דו האָסט מיך נישקשהדיק אויסגעזידלט.

— הם... און דיר איז ניט אינטערעסאַנט אַליין איבערצולייענען? — האָט יעזשאָוו געפרעגט, באַטראַכטנדיק גאָרדעיעוון פון דער זייט.

— איכ'ל איבערלייענען! — האָט פאָמאַ צוגעזאָגט, פילנדיק זיך ניט באַקוועם פאַר יעזשאָוון און שפּירנדיק, אַז יעזשאָוון באַליידיקט אַזאַ באַציִונג צו זיינע שרייבערייען. — ס'איז דאָך טאַקע אין אמתן אינטערעסאַנט, וויבאַלד ס'איז געשריבן וועגן מיר... — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן אויפגעלייגטן שמייכל.

אָבער זאָגנדיק דאָס, האָט ער ניט איבערגעלעבט קיין שום אינטערעס און האָט גערעדט בלויז צוליבן געפיל פון רחמנות צום חבר. איבערגעלעבט האָט ער עפּעס אַנדערש: אים האָט זיך געוואָלט וויסן, וואָס איז יעזשאָוו פאַר אַ מענטש, און פאַרוואָס איז ער אַזאַ אויסגעריבענער?

די באַגעגעניש מיט יעזשאָוון האָט אין אים געבאָרן אַ שטילן און גוטן געפיל, האָט אַרויסגערופן אין אים זכרונות וועגן דער קינדהייט, און זיי האָבן איצט פאַרבייגעשוועבט אין זיין זכרון, — פאַרבייגעשוועבט, ווי קליינינקע באַשיידענע פייערלעך, לייכטנדיק אים דערשראָקענע פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

יעזשאָוו איז צוגעגאַנגען צום טיש, אויף וועלכן ס'איז שוין געשטאַנען אַ קאָכעדיקער סאַמאָוואַר. ער האָט שווייגנדיק אָנגעגאָסן צוויי גלעזער מיט שטאַרקן טיי, ווי דזשעגעכץ, און זיך אָפּגערופן צו פאָמען:

— גיי טרינק טיי... און דערצייל עפּעס וועגן זיך.

— איך האָב ניט וואָס צו דערציילן... איך האָב גאָרנישט געזען אין לעבן... אַ פּוסטער לעבן ביי מיר. בעסער וואָלסטו מיר דערציילט וועגן זיך... דו ווייסט, געווים, מער פון מיר...

יעזשאָוו האָט זיך פֿאַרטראַכט, ניט אויפֿהערנדיק צו דרייען מיטן גאַנצן קערפּער און צו שאָקלען מיטן קאָפּ. בעת דער פֿאַרטראַכטקייט איז נאָר זיין פּנים געבליבן אומבאַוועגלעך, — אַלע קנייטשן אויפֿן געזיכט האָבן זיך דאַן צונויפֿגעזאַמלט אַרום די אויגן און אַרומגערינגלט זיי, ווי מיט שטראַלן, און די אויגן זיינען דערפֿון אַוועק טיפֿער אונטערן שטערן...

— נ־יאָ, איך, ברודער, האָב עפּעס געזען און ווייס... — האָט יעזשאָוו אָנגעהויבן, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ. — און איך ווייס, אפשר, מער וויפֿיל איך דאַרף וויסן, און וויסן מער, וויפֿיל מען דאַרף, איז אויך אַזוי שעדלעך פֿאַרן מענטש, ווי ניט וויסן דאָס, וואָס מען דאַרף וויסן... דערציילן דיר ווי איך האָב געלעבט? איך קען... ס'הייסט, איכ'ל פּרובירן. איך האָב קיינעם קיינמאָל ניט דערציילט וועגן זיך... ווייל איך האָב ביי קיינעם ניט אַרויסגערופֿן קיין אינטערעס צו זיך... מען פֿילט זיך באַעוולט, ווען מען לעבט אויף דער וועלט, ניט אַרויסרופֿנדיק ביי מענטשן קיין אינטערעס צו זיך!...

— איך זע שוין לויט דיין פּנים און לויט אַלץ, אַז דיר האָט זיך ניט גוט געלעבט! — האָט פֿאָמאַ געזאָגט, פֿילנדיק אַ באַפֿרידיקונג פֿון דעם, וואָס אויך פֿאַר דעם חבֿר זיינעם, ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, איז דאָס לעבן ניט געווען זיס...

יעזשאָוו האָט מיט איין זופּ אויסגעטרונקען זיין גאַנצע גלאָז טיי... האָט אַ שטעל געטאָן די גלאָז אויפֿן טעצל, האָט אָנגעשפּאַרט די פֿיס אויפֿן ברעג שטול און אַרומנעמענדיק מיט די הענט זיינע קני, האָט ער אויף זיי אַוועקגעלייגט זיין גאָמבע. אין דער פּאָזע, אַ קלענערער און בייגעוודיקער ווי גומע, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן:

— דער סטודענט סאַטשקאָוו, מיין געוועזענער לערער, איצט אַ דאָקטאָר מעדיצין, אַ מענטש אַ לייכטער און פֿאַרקוויטער, פֿלעגט מיר שטענדיק זאָגן, ווען איך האָב גוט אויסגעלערנט די לעקציע: „ביסט אַ בריה, קאָליאַ! ביסט אַ פֿעיִקער יינגל. מיר, איינפֿאַכע, פּראָסטע אָרעמעלייט פֿון הינטערסטן זייט פֿון לעבן, דאַרפֿן זיך לערנען און לערנען, כּדי צו זיין גרעסער פֿון אַלעמען... הויסלאַנד נייטיקט זיך אין קלוגע און ערלעכע מענטשן, פֿלייס זיך צו זיין אַזאַ, וועסטו דאַן זיין דער האַר איבער דיין גורל און אַ נוציקער מיטגליד

פון דער געזעלשאַפט. אויף אונז איינפאַכע לייגט מען איצט די בעסטע האָפענונגען אין לאַנד. מיר זיינען באַרופן צו טראָגן אין איר ליכט, אמת... אאַז״וו. איך האָב אים, דער בהמה, געגלויבט... און אָט איז פון יענער צייט אָן אַוועק אַ צוואַנציק יאָר — מיר, די איינפאַכע, זיינען אויסגעוואַקסן, נאָר קליגער זיינען מיר ניט געוואָרן, און קיין ליכט אין לעבן האָבן מיר ניט געבראַכט. רוסלאַנד ליידט, ווי פריער, פון איר כראָנישער קרענק — פון אַן איבערפלוס אין מנוולים, און מיר, די איינפאַכע, פילן אויס מיט פאַרגעניגן זייערע געדיכטע רייען. מיין לערער, חזר איך איבער, — איז אַ משרת, אַ שטומע באַשעפעניש, אָן אַ פנים, וועמען דער שטאָט־פרעזידענט באַפעלט... און איך — דער לין אין דינסט ביי דער געזעלשאַפט. מיך, ברודער, פאַרפאָלגט דאָ אין שטאָט—באַרימטקייט... איך גיי אין גאַס און הער, ווי אַ דראָזשקאַזש זאָגט צו זיין קאָלעגע: אָט גייט יעזשאָוו! ער בילט נישקשהדיק, פליגן זאָלן אים ביסן! נ־יאָ! דאָס דאַרף מען אויך דערגרייכן...

יעזשאָווס פנים האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין אַ זויערער גרימאַסע, ער האָט זיך, אָן אַ קלאַנג, בלויז מיט די הוילע ליפן צעלאַכט. פאָמען איז געווען ניט־פאַרשטענדלעך זיין שפּראַך, און כדי עפעס צו זאָגן האָט ער אַרויסגעפּלאַצט סתם אַזוי:

— ניט אַהין, הייסט עס, געטראָפן, וואו דו האָסט געצילט...

— יאָ, איך האָב געמיינט, איך וועל אויסוואַקסן גרעסער... און וואָלט אויך אויסגעוואַקסן! איך וואָלט אויסגעוואַקסן, זאָג איך!

ער איז אויפגעשפרונגען פון שטול און גענומען אַרומלויפן איבערן צימער, שנעל און אויסשרייענדיק מיט אַ קוויטש:

— אָבער כדי אויפצוהיטן זיך גאַנץ פאַרן לעבן און כדי צו זיין אין לעבן אַ פרייער מענטש — דאַרף מען פאַרמאָגן געוואַלטיקע כוחות! איך האָב עס געהאַט... איך בין געווען פלינק, עלאַסטיש... איך האָב דאָס אָבער אַלץ פאַרלאָרן, אַבי עפעס אויסצולערנען זיך דאָס... וואָס איז מיר איצט לחלוטין ניט נייטיק. איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרשווענדט צוליב דעם, כדי עפעס אָפּצושפּאָרן אין זיך... אָ, צום טייוול! איך גופא און אַ סך אַזעלכע ווי איך... האָבן זיך אַליין באַרויבט, כדי עפעס אָנצוזאַמלען פאַרן לעבן... באַקלער נאָר —

וועלנדיק מאַכן פון זיך אַ ווערטפולן מענטשן, האָב איך אינגאַנצן ווערטלאָז געמאַכט מיין פערזענלעכקייט... כדי צו לערנען זיך און ניט אויסצוגיין פון הונגער, האָב איך זעקס יאָר געקנעלט מיט גראָבע קעפ און איבערגעטראָגן אַ סך חורייען פון די כלערליי פּאַפּאַשעס און מאַמאַשעס, וועלכע האָבן מיך אָן שום צערעמאָניעס דערנידעריקט... פאַרדינענדיק אויף ברויט מיט טיי, האָב איך שוין ניט געקענט און מער נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרדינען אויך אויף שטיוול און פלעג זיך ווענדן צו די וואוילטעטיקע חברות מיט אונטערטעניקע בקשות וועגן הלוואות... פאַר מיין דלות... ווען די וואוילטעטער וואָלטן נאָר געקענט באַרעכענען, וויפיל גייסט זיי דערהרגענען אין אַ מענטשן, אונטערהאַלטנדיק דאָס חיות פון זיין גוף! ווען זיי וואָלטן געוואוסט, אַז אין יעדן רובל, וועלכן זיי געבן אויף ברויט, — איז דאָ פאַר ניין=און=ניינציק קאָפּיקעס סם פאַר דער נשמה! וואָלטן זיי בעסער צעפּלאַצט געוואָרן פון דעם צופיל גוטס און שטאָלץ, וואָס זיי שעפּן פון זייער הייליקער אַרבעט! ניטאָ אויף דער ערד קיין ערגערער און מיאוסערער מענטש, ווי דער, וואָס שענקט אַ נדבה, פונקט, ווי ס'איז ניטאָ קיין מער אומגליקלעכער מענטש, ווי דער, וואָס נעמט די נדבה!

יעזשאָוו האָט זיך געשליידערט איבערן צימער, ווי אַ שיכור, אַרומגעכאַפּט פון אַ משוגעת, און דאָס פּאַפּיר אונטער זיינע פיס האָט געשאָרשקעט, געריסן זיך און צעפלויגן זיך שטיקלעכווייז. ער האָט געקריצט מיט די ציין, געוואָרפן מיטן קאָפּ, זיינע הענט האָבן זיך געוויגט אין אַוויר, ווי אונטערגעהאַקטע פליגלען פון אַ פויגל, און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער קאָכט זיך אין אַ קעסל מיט הייס וואַסער. פאָמאַ האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אויסטערליש, טאָפּלט געפיל: ער האָט אים אי באַדויערט, און אי ס'איז אים געווען אָנגענעם צו זען, ווי יעזשאָוו מוטשעט זיך.

„ניט נאָר מיר אַליין... אויך אים איז ביטער“... — האָט פאָמאַ געטראַכט, הערנדיק יעזשאָווס רייד. אין יעזשאָווס גאָרגל האָט עפּעס געבראַזגעט ווי צעבראָכן גלאָז און געגרילצט, ווי אַ ניט=געשמירטער שרויף.

— פאַרסמט מיט דער גוטסקייט פון די מענטשן, בין איך

אומגעקומען פון דער אומגליקלעכער מעגלעכקייט פון יעדן קבצן, וואָס רייסט זיך צו זיין אַ מענטש, — פון דער מעגלעכקייט צו זיין צופרידן מיט ווייניק, אין דערוואַרטונג פון אַ סך... אָ! דו ווייסט? — אויס מאַנגל פון זעלבסטאַכטונג קומען אום מער מענטשן, איידער פון שווינדזוכט, און אַט פאַרוואָס די פירער פון די מאַסן דינען, קען זיין, אַלס אַקאַלאַטאַטשניקעס און משגיחים!

— כאַפּט זיי דער רוח, די אַקאַלאַטאַטשניקעס! — האָט פאָמאַ אויסגערופן, אַ פּאָך טוענדיק מיט דער האַנט. — דו דערציילסט וועגן זיך...

— וועגן זיך! איך בין דאָ — אינגאַנצן! — האָט יעזשאָוו אויסגעשריען, בלייבנדיק שטיין אינמיטן צימער און דערלאַנגענדיק זיך אַ זעץ מיט די הענט אין ברוסט. — אַלץ, וואָס איך האָב געקענט — האָב איך שוין אויפגעטאָן... איך האָב דערגרייכט די מדרגה פון אַ בדחן פאַרן פובליקום — מערער קען איך ניט! וויסן, וואָס מען דאַרף טאָן, און ניט קענען דאָס טאָן, ניט האָבן קיין כּוח דערצו — אָט וואָס הייסט אַ פּיין!

— הער! וואַרט נאָר! — איז פאָמאַ לעבעדיקער געוואָרן. — דו זאָג-זשע מיר, וואָס מען דאַרף טאָן, כּדי רויִק צו לעבן... דאָס הייסט, כּדי צו זיין צופרידן מיט זיך?

— צוליב דעם דאַרף מען לעבן אומרויִק און אויסמיידן, ווי אַ שלעכטע קרענק, אַפילו די מעגלעכקייט צו זיין מיט זיך צופרידן!

פאַר פאָמען האָבן די ווערטער געקלונגען הויך, נאָר פּוסט, און זייערע קלאַנגען זיינען געבליבן פאַרשטאַרבן, ניט אויפרירנדיק אין זיין האַרץ קיין שום געפיל, ניט געבוירנדיק אין קאָפּ קיין איין מחשבה.

— מען דאַרף תּמיד לעבן אַ פאַרליבטער אין עפּעס, וואָס איז פאַר דיר ניט דערגרייכיק... דער מענטש ווערט העכער אין וואוקס, ווען ער ציט זיך אין דער הויך...

אויפהערנדיק איצט צו ריידן וועגן זיך, האָט יעזשאָוו גענומען ריידן מיט אַן אַנדער טאָן, רויִקער. זיין שטים האָט געקלונגען פעסט און זיכער, און זיין פּנים איז געוואָרן וויכטיק און שטרענג. ער איז געשטאַנען אינמיטן צימער מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט און

מיט אַן אויסגעצויגענעם פינגער און גערעדט, ווי ער וואָלט געלייענט:

— די מענטשן זיינען שפל, ווייל זיי שטרעבן צו זאַטקייט... אַ זאַטער מענטש — איז אַ בהמה, ווייל זאַטקייט איז אַ קערפּערלעכע זעלבסטצופרידנקייט... אויך גייסטיקע זעלבסטצופרידנקייט פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַ בהמה...

ער האָט ווידער עפּעס אַ צאַפּל געטאָן, ווי אַלע אָדערן און מוסקלען וואָלטן זיך פּלוצלונג אָנגעשטרענגט און ער האָט ווידער גענומען אַרומלויפן איבערן צימער אין אַן אויפגעבראַזטן צושטאַנד.

— אַ זעלבסטצופרידענער מענטש — איז אַ פאַרהאַרטעוועטע געשווילעכץ אויף דער ברוסט פון דער געזעלשאַפט... ער איז מיין פאַרשאָלטענער שונא. ער שטאָפּט זיך אָן מיט גראָשיקע אמתן, מיט אָפּגעגריזעטע שטיקלעך פון טוכלע חכמה און ער עקסיסטירט, ווי אַן אַלקער, אין וועלכן אַ קאַרגע באַלעבאָסטע האַלט דאָרט אַלע אַלטע שמאַטעס, וועלכע זי דאַרף מערנישט און טויגן שוין צו גאָרנישט... רירסט זיך נאָר צו צו אַזאַ מענטש, עפנסט נאָר אויף אין אים אַ טירל, הייבט באַלד אָן פון אים צו בלאָזן אויף דיר מיטן ריח פון צעפּאַלונג, און אין לופט, מיט וואָס דו אָטעמסט, גיסט זיך אַריין אַ שטראָם פון עפּעס אַ טוכלע שמוץ... די דאָזיקע אומגליקלעכע לייט הייסן עס מענטשן שטאַרקע אין גייסט, מענטשן מיט פּרינציפּן און איבערצייגונגען... און קיינער וויל ניט באַמערקן, אַז די איבערצייגונגען זיינען פאַר זיי — בלויז הויזן, מיט וועלכע זיי פאַרדעקן זיך די אָרעמע נאַקעטקייט פון זייערע נשמות... אויף די שמאָלע שטערנס פון אַזעלכע לייט שיינט שטענדיק די אַלעמען באַוואוסטע אויפשריפט: רו און זיכערקייט. דאָס איז אַ פאַלשע אויפשריפט. טו נאָר אַ רייב זייערע שטערנס מיט אַ פעסטער האַנט, און דו וועסט דערזען דעם אמתן שילד, — אויף אים איז אויסגעקריצט: באַגרענעצטקייט און ענגהאַרציקייט!...

פאָמאַ האָט געקוקט, ווי יעזשאָוו וואַרפט זיך איבערן צימער, און האָט מיט טרויער געטראַכט:

— וועמען זידלט ער דאָס? איך פאַרשטיי ניט... אַפּנים, מען האָט אים גענוג באַליידיקט... מען זעט דאָס...

— וויפיל האָב איך זיך שוין אָנגעזען אַזעלכע מענטשן! — האָט מיט צאָרן און שרעק געשריען יעזשאָוו. — וויפיל האָבן זיי זיך דאָס אָנגעפּיקעוועט אין לעבן, אָט די קליינע קרעמלעך! געפינסט דאָרט אי לייוונט אויף תכריכים, אי דזשעגעכץ, אי קאַנדלצוקער, אי בודאַקעס אויף אויסצוראָטן וואַנצן, — נאָר ווערסט דאָרט בשום אופן ניט געפינען גאָרנישט, וואָס זאָל זיין פריש, הייס און געזונט. קומסט צו זיי מיט אַ קראַנקער נשמה, אויסגעמאַטערט פון איינזאַמקייט, — קומסט צו זיי מיט אַ דורשט צו הערן עפּעס לעבעדיקס... זיי לייגן דיר פאָר עפּעס מעלה־גרהדיקס, עפּעס וואַרעם־איבערגעקייטע ביכער־געדאַנקען, וועלכע זיינען שוין זייער געוואָרן פון עלטער... און תמיד זיינען די דאָזיקע טרוקענע און האַרטע געדאַנקען אויף אַזויפיל קליינלעך, אַז כדי אויסצודריקן זיי איז נייטיק אַ גרויסער סכום פון קלינגענדיקע און פוסטע רייד. ווען אַזאַ איינער רעדט, דוכט מיר דאַן: אַז אַ זאַטע און אָנגעטרונקענע קליאַטשע, אַ באַהאַנגענע מיט גלעקלעך, — שלעפּט אַ וואָגן מיסט הינטערן שטאָט און אָט די אומגליקלעכע! — איז צופרידן מיט איר גורל...

— אויך, הייסט עס, איבעריקע מענטשן... — האָט פאָמאַ געזאָגט. יעזשאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און מיט אַ ביטערן שמייכל אויף די ליפּן פאָרגעזעצט:

— ניין, זיי זיינען ניט איבעריק, אָ, ניין! זיי עקסיסטירן אַלס מוסטער... אַלס באַווייז, ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף נישט זיין. צווישן זיך גערעדט — איז זייער אָרט אין די אַנאַטאָמישע מוזייען, דאָרטן, וואו ס'ווערן אויפגעהיט כלערליי מיגלעכע פאַרזעעניש, פאַרשיידענע קרענקלעכע אָפּווייכונגען פון דאָס האַרמאָנישע... אין לעבן, ברודער איז גאָרנישט איבעריק... אין לעבן בין אַפילו איך אויך נייטיק! נאָר די לייט, אין וועמעס נשמות ס'האָט זיך באַזעצט אַ קנעכטישע פּחדנות פאַרן לעבן, אין וועמעס ברוסט עס געפינט זיך אויפן אָרט פון געשטאָרבענעם האַרץ, — אַ געוואַלטיקער געשוויר פון דער נידעריקסטער זעלבסטפאַרגעטערונג, — אָט זיי — זיינען איבעריק... אָבער אויך זיי זיינען נייטיק, כאָטש צוליב דעם, איך זאָל אויף זיי קענען אויסגיסן מיין פאַראַכטונג...

דעם גאַנצן טאָג, ביז האַרט אין אָוונט אַריין, האָט זיך יעזשאָוו

געקאָכט, שיטנדיק מיט קללות אויף די מענטשן, וועמען ער האָט פיינט געהאַט, און זיינע רייד — הגם זייער אינהאַלט איז פאַר פאַמען געווען נעפלדיק — האָבן זיי דאָך אָנגעשטעקט אים מיט זייער בייזן אייפער, — אָנגעשטעקט, אַרויסרופנדיק ביי אים אַ קאָמפּעריש געפיל. צייטנווייז האָט אין אים אויך אויפגעפלאַמט אַן אומצוטרוי צו יעזשאָוון און אין איינעם אַזאַ מאָמענט האָט ער אים אָפן געפרעגט:

— נו... און די מענטשן אין די אויגן קאָנסטו אַזוי ליידן?

— ביי יעדער באַקוועמער געלעגנהייט... און יעדן זונטאָג — אין צייטונג... ווילסט — וועל איך דיר איבערלייענען?

ניט וואַרטנדיק אויף פאַמעס ענטפער, האָט ער פון די ווענט אַראָפּגעריסן עטלעכע צייטונגען און פאַרזעצנדיק דאָס אַרומלויפעניש איבערן צימער, האָט ער גענומען לייענען. ער האָט געבראָמט, געקוויטשעט, געלאַכט, געשאַרפט די ציין און געווען ענלעך אויף אַ בייזן הונט, וואָס רייסט זיך פון דער קייט אין זיין מאַטלאָזן צאָרן. ניט קענענדיק אויפכאַפּן דעם געדאַנק פון זיין חברס שאַפונגען, האָט דאָך פאָמאַ געשפּירט זייער דרייסטע געוואַגטקייט, זייער גיפטיקן אָפּלאַכן, זייער הייסן כעס, און אים איז געווען אָנגענעם... ווי מען וואָלט אים אין אַ הייסער באָד געפּאַרעט מיט בעזימער...

— געשיקט! — האָט ער אויסגערופן, אויפכאַפּנדיק אַמאָל עפעס אַ באַזונדער פראַזע. — שטאַרק געזאָגט!

פאַר אים האָבן פאַרבייגעשוועבט באַקאַנטע פאַמיליעס פון סוחרים און באַוואוסטע בירגער, וועמען יעזשאָוו האָט אָנגעגריפן דאָ דרייסט, דאָ שאַרף, דאָ מיט דרך־ארץ, דאָ מיט גאַל, דין, ווי אַ נאָדל.

פאַמעס צושטימונג, זיינע מיט צופרידנקייט ברענענדיקע אויגן און זיין צעפלאַמט געזיכט האָבן יעזשאָוון נאָכמער באַגייסטערט, און ער האָט נאָך העכער געבראָמט און געברילט, פאַלנדיק דאָ פון אויסשעפונג אויף דער זאָפע, דאָ ווידער אויפשפרינגענדיק און צולויפנדיק צו פאָמען.

— נו־זשע, לייען מיר איבער וועגן מיר! — האָט פאָמאַ אויסגעשריען, זיך פונאַנדערלאַכנדיק דערביי.

יעזשאָוו האָט געגומען זוכן אין הויפן צייטונגען, אַרויסגעריסן פון דאָרט אַ בלאַט, און נעמענדיק עס אין ביידע הענט, האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט פאַר פאָמען, ברייט צעשפּרייטנדיק די פיס. פאָמאַ האָט זיך אַוואַלגער געטאָן אין פאָטעל מיטן דורכגעזעצטן געזעם און זיך אײַנגעהערט, שמייכלענדיק בעת־מעשה.

די נאָטיץ וועגן פאָמען האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ באַשרייבונג פון דער הוליאַנקע אויפן פליט, און פאָמאַ האָט בעתן לייענען געגומען שפּירן, אַז באַזונדערס אייניקע ווערטער בייסן אים, ווי מיקן. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסטער. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ און האָט מרה־שחורהדיק געשוויגן. און די מיקן זיינען געוואָרן אַלץ מערער...

— דו האָסט זיך שוין צופיל צעשמירט! — האָט ער ענדלעך געזאָגט אַ צערודערטער און אומצופרידענער. — בלויז מיט דעם אַליין, וואָס דו ביסט מבייש מענטשן, וועסטו ביי גאָט ניט אויסנעמען...

— שווייג! וואַרט! — האָט יעזשאָוו קורץ אים צוגעוואָרפן און פאַרגעזעצט דאָס לייענען.

פעסטשטעלנדיק אין זיין אַרטיקל, אַז דער סוחר אין ענין פון שאַפן סקאַנדאַלן און מיאוסע שטיק דערהויבט זיך, אָן צווייפל, איבער די פאָרשטייער פון אַנדערע שטאַנדן, האָט יעזשאָוו געפרעגט, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — און געענטפערט:

— „מיר דוכט, אַז די דאָזיקע נטיה צו ווילדע שטיק איז אַ רעזולטאַט פון מאַנגל אין קולטור אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זי איז אַ פועל־יוצא פון איבערפלוס פון ענערגיע און ליידיקגייערײ. עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז אונזער סוחרימשאַפט — מיט קליינע אויסנאַמען — איז אַ שטאַנד, דער רייכסטער מיט געזונט, אָבער גלייכצייטיק אויך דער צום ווייניקסטן אַרבעטנדיקער“...

— דאָס איז אמת! — האָט פאָמאַ אויסגערופן, דערלאַנגענדיק אַ זעץ מיטן פויסט אין טיש. — אַזוי איז דאָס! כוח האָב איך ווי אַן אָקס, אָבער אַרבעט, ווי אַ וואָראָבײ...

„וואו־זשע זאָל דער סוחר אַהינטאָן זיין ענערגיע? אויף דער בערזע קאָן מען עס קיין סך ניט אויסברענגען, איז אָט פאַרשווענדט ער דעם עודף פון זיין מוסקלען־קאַפּיטאַל אין די קניי־

פעס אויף הוליאַנקעס, ניט האָבנדיק קיין פאָרשטעלונג וועגן אַנדערע, מער פּראָדוקטיווע און מער ווערטפולע פונקטן אין לעבן, אויף וואָס אויסצוברענגען זיינע כּוחות. ער איז נאָך — אַ חיה, און דאָס לעבן איז שוין געוואָרן פאַר אים אַ שטייג, און אים איז ענג דערין ביי זיין גוטן געזונט און ביי זיין נייגונג צו אַברייטן פאַרנעם. אַ פאַרצוימטער פון דער קולטור, כאַפּט זיך פונדעסטוועגן אַרויס ביי אים אַ ווילד־הוליעניש. דאָס סוחרישע הוליען — איז שטענדיק אַ בונט פון אַ געפאַנגענער חיה. פאַרשטייט זיך — דאָס איז שלעכט... נאָר, — אָך! — ס'וועט זיין נאָך ערגער, ווען די דאָזיקע חיה וועט צו זיין כּוח אויך צושמידן אַ ביסל שכל און אים דיסציפּלינירן! גלויבט — ער וועט אויך דאַן ניט אויפהערן צו מאַכן סקאַנדאַלן, נאָר דאָס וועלן שוין זיין היסטאָרישע געשעענישן. זאָל אונז גאָט אויסהיטן פון אַזעלכע געשעענישן, מחמת זיי וועלן אויסברעכן פון דעם סוחרס שטרעבונג צו מאַכט, זייער ציל וועט זיין די איבערהערשאַפט פון זיין שטאַנד — און דער סוחר וועט זיך ניט אָפּשטעלן צוליב דעם ציל פאַר קיינע שום מיטלען"...

— נו, וואָסטו זאָגן — ריכטיק? — האָט יעזשאָוו געפרעגט, ענדיקנדיק לייענען און אַוועקוואַרפנדיק די צייטונג אָן אַ זייט.

— דעם סוף פאַרשטיי איך ניט... — האָט פאָמאַ געענטפערט.— נאָר אָט וועגן כּוח — איז ריכטיק! וואו וועל איך אַהינטאָן מיין כּוח, אויב ס'איז ניטאָ אויף דעם קיין נאָכפראַגע! זאָל איך זיך אפשר... גיין שלאָגן מיט גזלנים, אָדער אַליין ווערן אַ גזלן...כּדי איך זאָל בכלל... אויפטאָן עפּעס גרויסעס... און ניט מיטן קאָפּ, נאָר מיט די הענט, מיט דער ברוסט... און דאָ — גיי אויף דער בערזע און פּאַס זיך צו, כּדי צו פאַרדינען אַ רובל... צו וואָס דאַרף איך אים? און ווידער וואָס איז דאָס? איז דען דאָס לעבן שוין אַזוי אויף שטענדיק איינגעאָרדנט? וואָס איז עס פאַר אַ לעבן, ווען אַלע באַקלאָגן זיך און אַלעמען איז ענג? ס'דאַרף זיין דאָס לעבן, מיין איך, לויטן געשמאַק פון די מענטשן... מיר איז ענג, הייסט עס, אַז איך דאַרף עס פונאַנדעררוקן... כּדי ס'זאָל ווערן פרייער... הייסט עס, אַז מען דאַרף עס צעברעכן און פונסניי בויען... אָבער ווי? אָט דאָ איז די צרה!...

וואָס דאַרף מען טאָן, אַז ס'זאָל זיך לעבן פרייער? איך פאַרשטיי דאָס ניט — און דאָ איז מיין סוף!

— נ־יאָ־אָ! — האָט יעזשאָוו אויסגעצויגן. — אָט צו וואָס דו ביסט דערקראָכן!... דאָס, ברודער, איז גוט! אַך, וואָלסט זיך אַ ביסל צוגעלערנט, ווי איז ביי דיר מיט ביכלעך? לייענסט עפּעס?

— ניין, איך האָב ניט ליב... איך האָב ניט געלייענט...

— דערפאַר האָסטו ניט ליב, ווייל דו האָסט ניט געלייענט...

— איך האָב אַפילו מורא צו לייענען... איך האָב געזען — איינע... איז עס ביי איר נאָך ערגער פון טרינקען! — און וואָס איז דער תכלית פון די ביכער? איינער טראַכט אויס עפּעס און דרוקט דאָס אָפּ, און אַנדערע לייענען דאָס... ווער עס איז נייגעריק, איז מילא... נאָר אַז מען זאָל זיך פון די ביכער לערנען, ווי צו לעבן, דאָס איז שוין עפּעס גאָרנישט קיין עסק. דאָס האָט דאָך אַלץ אַ מענטש אָנגעשריבן, און ניט גאָט, און וואָס פאַר אַ געזעצן און מאָכן קען דען דער מענטש פאַר זיך גופא איינשטעלן?

— און די עוואַנגעליע? דאָס האָבן דאָך אויך געשריבן מענטשן.

— די אַפּאָסטאָלן... זיי זיינען שוין היינט ניטאָ...

— נישקשה, — ענטפערסט זאַכלעך! ריכטיק, ברודער, אַפּאָ־סטאָלן זיינען היינט ניטאָ... ס'זיינען בלויז דאָ יודאַס, און זיי זיינען אויך גאָרנישטן.

פאָמאַ האָט זיך געפילט אויסגעצייכנט, מחמת ער האָט געזען, אַז יעזשאָוו הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו אים, פונקט ער וועגט אָפּ יעדן וואָרט, וואָס ער זאָגט. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער באַגעגנט צו זיך אַזאַ באַציִונג. פאָמאַ האָט דעריבער דרייסט און פריי אויסגעלייגט פאַר זיין חבר זיינע געדאַנקען, ניט זאָרגנדיק זיך וועגן די ווערטער און שפּירנדיק, אַז מען פאַרשטייט אים, ווייל מען וויל אים פאַרשטיין.

— ביסט אַ מערקווערדיקער בחור! — האָט אים יעזשאָוו געזאָגט — אין צוויי טעג אַרום נאָך דער באַגעגעניש. — און כאָטש דו רעדסט שווערלעך, דאָך שפּירט זיך אין דיר זייער פיל... אַ סך געוואַגטקייט! אַז דו וואָלסט געקענט אַ ביסל מער דעם סדר

העולם! וואָלסטו דאַן, אָ־אָ! זיך צערעדט... געגוג הויך, מיין איך... יאָ־אָ!

— פונדעסטוועגן קאָן מען זיך ניט ריין וואַשן מיט הוילע רייד... מען קען זיך מיט זיי אַליין ניט באַפרייען... — האָט פּאָמאַ באַמערקט מיט אַ זיפץ. — ווי האָסטו נאָר וואָס געזאָגט וועגן די לייט, וועלכע מאַכן זיך, אַז זיי ווייסן און קענען אַלץ... איך קאָן אויך אַזעלכע לייט... למשל, מיין טויף־פּאָטער... אָט אַנטקעגן זיי וואָלט מען זיך געדאַרפט שטעלן... זייער פּרצוף אויפּדעקן... דאָס איז שוין איינמאָל אַ מיאוס פּאָלק!...

— איך שטעל מיך ניט פאָר, פּאָמאַ, ווי דו וועסט לעבן, אויב דו וועסט איבּהאַלטן אין זיך דאָס, וואָס דו טראָגסט איצט אַרום מיט זיך... — האָט יעזשאָוו פאַרטראַכטערהייט זיך אָפּגערופן.

— מיר איז שווער... ס'פעלט מיר פעסטקייט... איך וואָלט, אפשר, אַמאָל געקענט וואָס אויפטאָן... איך פאַרשטיי דאָך גוט, אַז אַלעמען איז שווער און ענג... און אַז דער טויף־פּאָטער זעט עס אויך — ווייס איך אויך! נאָר ער האָט נוצן פון דער ענגשאַפט... אים איז אין דער ענגשאַפט גוט; ער איז שאַרף ווי אַ נאָדל און קען אומעטום, וואו ער וויל נאָר, דורכקריכן... אָבער איך בין אַ מענטש אַ גרויסער, אַ שווערער... ווער איך דערפאַר דערשטיקט! לעב איך דערפאַר אַ געבונדענער... און פונאַנדערבינדן זיך פון אַלץ — וואָלט איך געקענט מיט איין פּרווו: איך זאָל זיך נאָר גוט אַ הייב טאָן מיטן גאַנצן גוף... וועלן דאַן אַלע פּענטעס פון מיר אַראָפּפאַלן.

— און דערנאָך וואָס? האָט יעזשאָוו געפרעגט.

— דערנאָך? — פּאָמאַ האָט זיך פאַרקלערט, און טראַכטנדיק אַ ווײַלע, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: — איך ווייס ניט, וואָס דערנאָך... מירן נאָכדעם זען!

— מירן זען! — האָט יעזשאָוו מסכים געווען.

ער האָט געטרונקען, דער דאָזיקער קליינער, פון לעבן אָפּגעבריטער מענטשל. זיין טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי: אינדערפרי, ביים טיי, פלעגט ער דורכקוקן די אַרטיקע צייטונגען און שעפּן פון זיי מאַטעריאַל פאַר זיין פעליעטאָן פון די רעפּאָרטערישע נאָטיצן. דעם פעליעטאָן פלעגט ער אָנשרייבן באַלד אויפן אָרט, ביים

בּרעג טיש. נאָכדעם איז ער געלאָפן אין רעדאַקציע און דאָרט פלעגט ער אויסשניידן פון די אויסערשטאָטישע בּלעטער, אויסשניטן, פון וועלכע ער פלעגט צונויפשטעלן די „פּראָווינציעלע בּילדער". פרייטאָג האָט ער געמוזט אָנשרייבּן אַ זונטאָגדיקן פעליעטאָן. פאַר דעם אַליץ האָט מען אים געצאָלט הונדערט־פינף־און־צוואַנציק רובּל אַ חודש; געאַרבּעט האָט ער גיך, און די גאַנצע איבּעריקע פרייע צייט האָט ער געווידמעט זיך צו „בּאַאָבּאַכטן און צו שטודירן די וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן". צוזאַמען מיט פאָמען פלעגט ער זיך אַרומשלעפן בּיז שפּעט אין דער נאַכט איבּער די קלובּן, האָטעלן, שענקען, שעפּנדיק אומעטום מאַטעריאַל פאַר זיינע שרייבּערייען, וועלכע ער האָט אָנגערופן „בּערשטלעך צו רייניקן דאָס געזעלשאַפטלעכע געוויסן". דעם צענזאָר האָט ער בּאַטיטלט אַלס „פאַרוואַלטער צו פאַרשפּרייטן אין לעבּן דעם אמת און די גערעכטיקייט", די צייטונג האָט ער אַ נאָמען געגעבּן די „שדכנטע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט בּאַקענען אירע לעזער מיט די שעדלעכע „אידעען", און זיין אַרבּעט אין איר — „פאַרקויף פון זיין נשמה אין דעטאַל" און „עזותפּנימדיקע נייגונגען קעגן די נעטלעכע אינסטיטוציעס".

פאָמאַ האָט שלעכט פאַרשטאַנען, ווען יעזשאָוו שפּאַסט און ווען ער רעדט ערנסט. וועגן אַליץ האָט ער גערעדט הייס און ליידנשאַפטלעך, האָט אַליץ שאַרף פאַראורטיילט, און דאָס איז פאָמען געפעלן. נאָר אָנהייבּנדיק אָפט ריידן מיט ליידנשאַפט, האָט ער זיך אויך אַזוי ליידנשאַפטלעך סותר געווען און זיך אַליין פאַרלייקנט, אָדער געענדיקט זיין ריידן מיט עפּעס אַ קאָמישן אַרויסטריט. דאַן פלעגט זיך פאָמען אויסווייזן, אַז בּיים דאָזיקן מענטש איז גאָרנישט פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס ער זאָל ליבּן, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פעסט זיצן אין אים און אָנפירן מיט אים. בּלויז וועגן זיך גופא פלעגט ער ריידן מיט עפּעס אַ בּאַזונדער קול, און וואָס הייסער ער האָט גערעדט וועגן זיך, אַלץ אומבּרחמנותדיקער און בּייזער פלעגט ער זידלען אַלץ און אַלעמען. אויך צו פאָמען איז זיין בּאַציִונג געווען אַ דאָפּלטע — אַט האָט ער אים אויפגעמונטערט און גערעדט צו אים מיט היץ און ציטערניש איבּערן גאַנצן לייבּ:

— אַרבּעט! לייקן אָפּ און קער איבּער אַלץ, וואָס דו קענסט!

שטופּ זיך פאָרויס מיט דער גאַנצער ברוסט! טײערער פון דעם מענטשן איז גאָרנישט פאַראַן, זאָלסטו דאָס וויסן! שרײ מיטן גאַנצן כּוח: פרייהייט! פרייהייט!

און ווען פּאָמאַ, אַן אָנגעצונדענער פון די ברענענדיקע פונקען פון יעזשאָווס רייד, פלעגט אָנהייבן קלערן, ווי אַזוי ער זאָל אָפּלייקענען און איבערקערן די מענטשן, וועלכע ווילן ניט צוליב זייער באַקוועמלעכקייט ברייטער מאַכן דאָס לעבן, — פלעגט אים יעזשאָוו אָפּט איבעררייסן:

— וואַרף אַוועק! דו קענסט גאָרנישט! אַזעלכע, ווי דו, — דאַרף מען ניט... אײער צייט, — די צייט פון שטאַרקע, אָבער ניט פון קלוגע, איז שוין אַוועק, ברודער! דו האָסט פאַרשפּעטיקט... האָסט ניט קיין אָרט אין לעבן....

—ניין?... ליגסט!—האָט פּאָמאַ געשריען אַן אויפגעבראַכטער איבער דעם, וואָס זיינע איצטיקע רייד זיינען געווען אין סתירה מיט די פריערדיקע.

— נו, וואָס קענסטו מאַכן?

— איך?

— דו!

— אָט וואָס... דערהרגענען דיך! — האָט בייז גערעדט פּאָמאַ, ביילנדיק אַ פויסט.

— ע, סטראַשידלע! — האָט קוועטשנדיק מיט די פּלייצעס זיך אָפּגערופן יעזשאָוו, איבערצייגט און מיט באַדויערונג. — דאָס איז דען אַן אַרבעט? איך בין שוין אַזוי אויך אַ צעקאַליעטשעטער, אַן האַלב-טויטער...

און פּלוצלונג, אַן אויפגעפּלאַמטער פון אַ ברענענדיקער בייזקייט, האָט ער אינגאַנצן אויפגעצאַפּלט און גערעדט:

— מיין גורל האָט מיך באַליידיקט! פאַרוואָס האָב איך זיך דערנידעריקט און אָנגענומען נדבות פון דער געזעלשאַפט? צוליב וואָס האָב איך געאַרבעט, ווי אַ מאַשינע, צוועלף יאָר כּסדר? כּדי צו לערנען זיך... פאַרוואָס האָב איך צוועלף יאָר, אָן אָפּרו, געזופּט אין דער גימנאַזיע און אין אוניווערסיטעט די טרוקענע און לאַנגווייליקע פּאַסקודסטווע און סתירותדיקע נאַרישקייט, וואָס ניצט מיר

צו גאָרנישט? כּדי צו ווערן אַ פּעליעטאָניסט און טאָג־איין טאָג־אויס צו באַלאַגאַנעווען, און ווילן דאָס פּובליקום און אײַנריידן זיך, אַז דאָס איז איר נייטיק און נוציק... וואו איז דער פּולווער פון מיין יוגנט? איך האָב אויסגעשאָסן די גאַנצע אָנלאָדונג פון מיין נשמה צו דריי קאָפּיקעס אַ שאָס... וואָס פאַר אַ גלויבן האָב איך דערוואָרבן? בלויז דעם גלויבן, אַז אַלץ, וואָס איז דאָ אין לעבן, טויג אויף כּפּרות, אַז אַלץ דאַרף ווערן צעבראָכן, צעשטערט... וואָס האָב איך ליב? זיך... און איך שפּיר, אַז דער געגנשטאַנד פון מיין ליבע איז ניט ווערט די ליבע... וואָס קאָן איך טאָן?

ער האָט שיר ניט געוויינט און האָט אַלץ ווי געקראַצט מיט זיינע דינע, שוואַכע הענט די ברוסט און האַלז.

נאָר אַמאָל פלעגט אים באַהערשן אַ צופלוס פון מונטערקייט און ער פלעגט שוין ריידן אין אַן אַנדער גייסט.

— איך? נו, ניין, מיין לידל איז נאָך ניט אָפּגעזונגען! מיין ברוסט האָט עפּעס איינגעזאַפּט אין זיך און איך וועל עס אַ קנאַל טאָן, ווי אַ ביטש. וואַרט, איך וועל אַוועקוואַרפן די צייטונג, איך'ל זיך נעמען פאַר אַן ערנסטער זאַך און אָנשרייבן אַ קליין ביכל... איך וועל עס אַ נאָמען געבן — „די אָפּגייענדיקע": פאַראַן אַזאַ תּפילה — וואָס מען זאָגט עס ביים בעט פון אַ גוסס; און אָט־די געזעלשאַפט, די פאַרשאָלטענע, מיט דער קללה פון אינערלעכער מאַכטלאָזיקייט, וועט פאַר איר אויסגיין אָנגעמען מיין בוך, ווי אַ ווייִרויך.

זיך איינהערנדיק זיין יעדן וואָרט, נאָכפאָלגנדיק אים און פאַרגלייכנדיק אים מיט זיך, האָט פאָמאַ געזען, אַז אויך יעזשאָוו איז אַזאַ שוואַכער און פאַרפלאָנטערטער מענטש, ווי ער, פאָמאַ. יעזשאָווס שטימונג, האָט וואָס ווייטער אָנגעשטעקט פאָמען, זיינע רייד האָבן באַרייכערט פאָמעס שפּראַך, און ציטנווייז האָט ער מיט אַ פריידיקער איבעראַשונג באַמערקט, ווי לייכט און שטאַרק ער גופא זאָגט אַרויס דעם אָדער יענעם געדאַנק.

ניט איין מאָל האָט ער ביי יעזשאָוון געטראָפן עפּעס גאָר מאָדנע מענטשן, וועלכע, ווי אים האָט אויסגעוויזן, ווייסן אַלץ, פאַרשטייען אַלץ און זיי האָבן אַלץ קריטיקירט, געזען אין אַלץ אָפּ-

פאַרעדיי און פאַלשקייט. ער האָט זיך שווייגנדיק צוגעקוקט צו זיי, זיך צוגעהערט צו זייערע רייד; זייער דרייסטקייט איז אים געפעלן, נאָר אים האָט געדריקט און אָפּגעשטויסן פון זיי עפּעס זייער פּריצישע און גאַוװהדיקע באַציִונג צו אים. און דאַן האָט זיך אים שאַרף געהאָרפן אין די אויגן דאָס, וואָס אין יעזשאָװס צימער זיינען זיי אַלע געווען קליגער און בעסער, איידער אויפן גאַס און אין די רעסטאָראַנען. אין יעזשאָװס צימער זיינען זייערע געשפּרעכן געווען עפּעס אַנדערש, אַנדערע ווערטער, אַנדערע זשעסטן, אָבער אויסער די ווענט פון יעזשאָװס צימער, דרויסן — איז דאָס אַלץ פאַרביטן געוואָרן אויף דאָס סאַמע געוויינלעכע און מענטשלעכע. אָפט האָבן זיי זיך אַלע אין צימער געקאָכט, ווי אַ גרויסער שייטער, און יעזשאָוו איז צווישן זיי געווען די גרעסטע, פייערדיקסטע האָלעוועשקע, אָבער דער אָפּגלאַנץ פון דאָזיקן שייטער האָט שוואַך באַלויכטן די פינסטערניש פון פּאָמאַ גאָרדעיעווס נשמה.

איינמאָל האָט זיך יעזשאָוו צו אים אָפּגערופן:

— היינט — הוליען מיר! אונזערע זעצער האָבן געבילדעט אַן אַרטעל און נעמען די אַרבעט ביים אַרויסגעבער איינגעטיילטערהייט... ביי דער געלעגנהייט וועלן מיר זיך באַנעצן. איך בין אויך איינגעלאַדן... דאָס האָב איך זיי געראַטן... מירן גיין? וועסט זיי אויך שטעלן אַ פיינעם כּיבוד...

— מסכּים... — האָט געזאָגט פּאָמאַ, ווען עס איז געווען אַלץ איינס, מיט וועמען צו פאַרברענגען די צייט, וואָס איז אים געווען אַזוי שווער...

אינאָוונט, דעמזעלבן טאָג איז פּאָמאַ מיט יעזשאָוון געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן מיט גראָע געזיכטער, הינטערן שטאָט ביי אַ ברעג וועלדל. זעצער זיינען געווען אַ מאַן צוועלף; אָנשטענדיק אָנגעטאָן, האָבן זיי זיך געהאַלטן מיט יעזשאָוון פּשוט, חבריש, און דאָס האָט פּאָמען אַ ביסל פאַרוואונדערט און צעטומלט, מחמת אין זיינע אויגן איז יעזשאָוו דאָך געווען עפּעס אַ מין באַלעבאָס אָדער שעף איבער זיי און זיי אַלע — זיינע דינער. זיי האָבן גאָרדעיעוון ווי ניט באַמערקט, כאָטש יעזשאָוו האָט אים באַקענט מיט זיי. זיי האָבן אים אַלע געדריקט די האַנט און געזאָגט, אַז זיי

זיינען צופרידן, וואָס זיי זעען אים... ער האָט זיך געלייגט אָן אַ זייט אונטער אַ קוסט פון אַ נוססבוים און זיי אַלעמען נאָכגעשפירט, פילנדיק זיך פרעמד אין דער דאָזיקער קאָמפּאַניע און באַמערקט, אַז יעזשאָו איז ווי בכיוון אָפּגעגאַנגען וואָס ווייטער פון אים און האָט ווייניק־וואָס געלייגט אויף אים אויפמערקזאַמקייט. ער האָט באַמערקט ביי יעזשאָוון עפּעס אויסטערלישס: דער קליינער פּעליעטאָניסט האָט זיך ווי צוגעפּאַסט צום טאָן און צו די רייד פון די זעצער. ער האָט זיך געוויילט אינאיינעם מיט זיי ביים שייטער, האָט אָפּגעקאָרקעוועט די פלעשלעך ביר, האָט זיך געזידלט, הויך געלאַכט און זיך דורכאויס געמיט צו זיין ענלעך אויף זיי. ער איז אויך געווען אָנגעטאָן פּשוטער, ווי ער פלעגט זיך געוויינלעך אָנטאָן.

— עך, ברידער! — האָט יעזשאָו איסגעשריען מיט באַרמעדיי. — מיר איז גוט מיט אייך! איך בין דאָך אויך ניט קיין גרויסער פויגל... סך־הכל אַ זון פון אַ געריכטס־סטרוזש, דעם אונטער־אָפיצירס מאַטוויי יעזשאָוו!

„צוליב וואָס זאָגט ער דאָס? — האָט פאָמאַ געטראַכט. — אַ נפקא־מינה ווער וועמעס זון איז... כבוד גיט מען דאָך ניט צוליבן יחוס, נאָר צוליבן שכל“...

די זון איז פאַרגאַנגען, אויפן הימל האָט זיך צעצונדן אַ געוואַלדיקער פייערדיקער שייטער־הויפן, באַפאַרבנדיק די וואָלקנס מיט אַ קאָליר פון גאָלד און בלוט. פון וועלדל האָט געשמעקט מיט פייכטקייט, ס'האָט געבלאָזן מיט שטילקייט, און אויפן גראָז האָבן טומלדיק זיך געפּאָרעט מענטשלעכע געשטאַלטן. איינער פון זיי, ניט קיין הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ ברייטן שטרוי־הוט, האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע, אַ צווייטער, מיט שוואַרצע וואָנצעס, מיטן היטל אויף דער פּאַטילניצע, האָט מיט אַ האַלב־געזאַנג מויל אים אונטערגעזונגען. צוויי אַנדערע האָבן געצויגן איינער ביים צווייטן אַ שטעקן, אויספּרובירנדיק זייער כוח. אייניקע געשטאַלטן זיינען געווען פאַרנומען ביי אַ קאָשיק מיט ביר און פּראָדוקטן; אַ הויכער מאַן, מיט אַ האַלב־גראָער בערדל האָט צוגעוואָרפן צווייגן צום שייטער, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שווערן, ווייסלעכן רויך. די פייכטע צווייגן האָבן, אַריינפאַלנדיק אין פייער, געקנאַקט, אַזוי

טרויעריק אין געקוויטשקעט, און די האַרמאָשקע האָט אַרויסרופע־ריש אַרויסגעגעבן פון זיך אַ פריילעכע מעלאָדיע, און דעם זינגערס פאַלצעט האָט פאַרשטאַרקט און דערגאַנצט איר לעבעדיקן שפּילן.

אָן אַ זייט פון אַלעמען, ביים ברעג פון אַ ניט־גרויסן גראָבן, האָבן זיך צעלייגט דריי יונגע בחורים, און לעבן זיי איז געשטאַנען יעזשאָוו אין קלינגענדיק געדרשנט:

— איר טראָגט די הייליקע פאָן פון אַרבעט... איך בין אייך, ווי איר, אַ זעלנער פון דער זעלבער אַרמיי, מיר אַלע דינען איר מאַיעסטעט, דער פּרעסע... מיר דאַרפן דעריבער אַלע לעבן אין אַ שטאַרקער, געאייניקטער פריינטשאַפט...

— דאָס איז ריכטיק, ניקאָלאַי מאַטוויייעוויטש! — האָט אים איבערגעשלאָגן עמעצנס אַ גראָבער קול. — מיר ווילן אייך טאַקע בעטן — איר זאָלט ווירקן אויפן אַרויסגעבער! איר האָט אויף אים אַן איינפלוס! ביי אים איז אַי אַ קראַנקהייט, אַי שיכּרות אַלץ איינס... אַזוי קען מען ניט טראַקטירן... לויט זיין סיסטעם קומט אויס אַזוי: שיכּורט אונזערער אַ חבר, באַשטראָפן מיר אים מיט אַ טאָג שכירות, ווערט ער קראַנק — איז ווידער דאָס אייגענע... מיר וואָלטן אויפן פאַל פון קראַנקהייט צוגעשטעלט אַ באַשייניקונג פון אַ דאָקטאָר... וועלכער באַשטעטיקט די ריכטיקייט, און ער וואָלט — על־פּי יושר געצאָלט כאָטש אַ העלפט שכירות דעם פאַרטרעטער פון קראַנקן... אַניט איז אונז זייער שווער... ווי וועט זיין, אַז ס׳וועלן אויף אַמאָל קראַנק ווערן דריי אַרבעטער?

— נ־יאָ... דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק... — האָט יעזשאָוו מסכּים געווען. — נאָר, מיינע פריינט, — דער פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַציע...

פאָמאַ האָט אויפגעהערט צוהערן זיך צו זיין חברס רייד, ווערנ־דיק צוגעצויגן פון אַן אַנדער געשפּרעך. ס׳האָבן צווישן זיך גע־שמועסט צוויי: איינער אַ הויכער אַ שווינדזיכטיקער, אַ שלעכט־געקליידעטער, ער האָט אויסגעזען אַ כּעסן; דער צווייטער, אַ יונגינ־קער, מיט אַ בלאָנדער בערדל און האָר.

— לויט מיין מיי־נונג, — האָט הוסטנדיק אין שטרענג גערעדט דער הויכער, — לויט מיין מיינונג איז דאָס נאַריש! ווי קען מען

היינטיקע ציימן חתונה האָבן? פאַר אונזערן אַ ברודער איז דאָס שווער. ס'ווערן געבאָרן קינדער — צי קען דען קלעקן אויף זיי? און קליידער פאַרן ווייב דאַרף מען דאָך אויך... און עס ווענדט זיך נאָך, וואָס פאַר אַ ווייב דאָס איז...

— אַ מיידל איז זי זיך אַ וואוילע... — האָט שטיל געזאָגט דער בלאָנדער.

— נו, דאָס איז זי דערווייל אַ וואוילע... איין זאַך — איז אַ כלה, אָבער עפּעס אַנדערש איז שוין — אַ ווייב... אָבער ניט דאָס איז דער עיקר... מען קען פּרובירן... קען זיין, זי וועט אפשר זיין אַ וואוילע. מער נישט, ס'וועט ניט סטייען קיין מיטלען... וועסט זיך אַליין צערייסן אַרבעטנדיק, און זי וועסטו אויך אויסמאָרען... ס'איז אַן אוממעגלעכע זאַך פאַר אונז חתונה האָבן... מיר קענען דען אויסהאַלטן אַ פאַמיליע בײַ אַזעלכע פּרנסות? אָט זעסטו... איך בין פאַרהייראַט אינגאַנצן פיר יאָר... און ס'וועט שוין אינגיכן זיין פון מיר — אַ סוף. קיין שום נחת האָב איך ניט געהאַט... איטער דאגות און זאָרג...

ער האָט זיך צעהוסט, לאַנג געהוסט, מיט אַ ברום, און ווען ער האָט איפגעהערט, האָט ער זיך אָפּגערופן צום חבר, שטיקנדיק זיך:

— לאָז אָפּ... ס'וועט גאָרנישט אַרויסקומען...

יענער האָט אוממעטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און פאָמאַ האָט געטראַכט:

„ער רעדט זאַכלעך... ער קען אויך, קענטיק, פאַרשטיין אַן ענין"...

די ניט־אויפמערקזאַמקייט צו אים האָט אים אַ ביסל באַליידיקט און אין דער זעלבער צייט דערוועקט אין אים אַ געפיל פון יראת־הכבוד צו די דאָזיקע מענטשן, מיט די טונקעלע, מיט שטויב און בלײַ אָנגעזאַפּטע געזיכטער. זיי האָבן כמעט אַלע געפירט אַ זאַכלעך, ערנסטן געשפּרעך, און זייערע רייד האָבן געגלאַנצט עפּעס באַזונדערע ווערטער. קיינער פון זיי האָט אים ניט געחנפהט, ניט גע־קראָכן צו אים אַזוי דאָקוטשענדיק, ווי דאָס האָבן געוויינלעך געטאָן זיינע באַקאַנטע פון די שענקען, די חברים פון זיינע הוליאַנקעס. דאָס איז אים געפעלן...

— גאָר אַנדערע!... — האָט זיך אים געטראַכט, שמייכלענדיק אין זיך, — די האָבן זייער שטאָליך...

— און איר, ניקאָלאַי מאַטווייעוויטש, — האָט פאָמאַ פּלוצלונג דערהערט עמעצנס אַ שטים, ווי מיט אַ פאָרוואורף, — איר אורטיילט ניט לויט די ביכלעך, נאָר לויט לעבעדיקן אמת... צוליבן שטיקל ברויט שלאָגט מען זיך דאָך ניט לויט די ביכלעך, נאָר לויט דער באַדערפעניש, און לויט דעם, ווי גאָט אַליין הייסט דער נשמה, און ניט לויט ווי ס'איז געשריבן אין אייערע תקנות...

— דער־לויבט מיינע פריינט! דאָס, וואָס עס לערנט אונז די פּראַקטיק פון אונזערע מיטברידער...

פאָמאַ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַהין וואו יעזשאָוו האָט איך גערדשנט, ווי אַן אָראַטאָר, אַראָפּנעמענדיק דעם הוט און פאָכנדיק מיט איר איבערן קאָפּ. נאָר אין דערזועלבער צייט האָט מען זיך צו פאָמען אָפּגערופן:

— רוקט זיך צו נעענטער אַ ביסל צו אונז, הער גאָרדעיעוו!

לעבן אים איז געשטאַנען אַ נידעריקער און דיקער יונג, אין אַ בלוזע און אין הויכע שטיוול, און האָט גוטמוטיק געשמייכלט, קוקנדיק פאָמען אין געזיכט. פאָמען איז געפעלן זיין ברייטער, קיילעכדיקער פּנים מיטן גראָבן נאָז און ער האָט אויך מיט אַ שמייכעלע געענטפערט:

— מען קען אויך נעענטער... און וואָס איז מכוח דעם קאָניאַק — שוין צייט אפשר אָנהויבן? איך האָב דאָ מיט זיך פאַרכאַפּט אַ פלעשלעך צען... אויף יעדן פאַל...

— אָהאָ! קענטיק — איר זייט אַן ערנסטער סוחר... איך וועל תיכּף איבערגעבן אונזער קאָמפּאַניע אייער דיפּלאָמאַטישע נאָטע...

און ער האָט זיך אַליין דער ערשטער צעלאַכט פון זיינע ווערטער מיט אַ פריילעכן הויכן געלעכטער. אויך פאָמאַ האָט זיך צעלאַכט, פילנדיק, ווי ס'האָט אויף אים פון שייטער, אָדער פון דעם יונג געווייט מיט פריילעכקייט און וואַרעמקייט.

די אָוונט־רויטקייט האָט זיך לאַנגזאַם געלאָשן. ס'האָט אויסגעזען, ווי דאָרט, אין מערב, לאָזט זיך אַראָפּ אין דער ערד אַ געוואַלדיקער און ווייכער פורפּורנער פאָרהאַנג, אויפמאַכנדיק פאַרן

אויג דעם גרונדלאָזן תהום פון הימל מיט זיין פריילעכן גלאַנץ פון די שטערן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געשפּילט. אין דער ווייט, אין דער פינסטערער מאַסע, וואָס האָט געהייסן „שטאָט", האָט אַ ניט־געזעענע האַנט געזייט פייערן, און דאָ איז, — אין שווייַגנדיקער רו געשטאַנען דער וואַלד, דערהויבנדיק זיך, ווי אַ שוואַרצע וואַנט צום הימל... די לבנה איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען און איבערן פעלד איז געלעגן דער וואַרעמער בין־השמשות...

די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך פונאַנדערגעזעצט אין אַ גרויסן קרייז, ניט ווייט פון שייטער: פּאָפּאַ איז געזעסן גלייך מיט יעזשאָוון מיטן רוקן צום פייער און ער האָט געזען פאַר זיך אַ ריי העל־באַלויכטענע פנימער, פריילעכע און פשוטע. זיי זיינען שוין אַלע געווען אויפגעלעבט פון דער משקה, אָבער נאָך ניט שיכּור. זיי האָבן געלאַכט, געשפּאַסט, געפּרוווט זינגען און געטרונקען, פאַרבייסנדיק מיט אוגערקעס, ווייסברויט און וואורשט. דאָס האָט אַלץ געהאַט פאַר פּאָפּען אַ באַזונדער אָנגענעמען טעם. ער איז געוואָרן דרייסטער, אַרומגעכאַפּט פון דער אַלגעמיינער גוטער שטימונג, און ער האָט געפילט אין זיך אַ פאַרלאַנג צו זאָגן עפּעס אַ גוטע זאַך די דאָזיקע מענטשן, אויסנעמען ביי זיי אַלעמען מיט וואָס. זיצנדיק גלייך מיט אים, האָט זיך יעזשאָוו עפּעס געפּאָרעט אויף דער ערד, געשטויסן אים אין רוקן, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער צו זיך אַליין געברומשעט אונטערן נאָז עפּעס אומפאַרשטענדלעכס...

— ברידער! — האָט פּלוצלונג אַ געשריי געטאָן דער דיקער בחור. — לאָמיר אַ זונג טאָן עפּעס אַ סטודענטיש ליד... נו, איינס, צוויי!...

„Быстры ка-акъ во-олны" — *

האָט עמעצער אַ דונער געטאָן מיט אַ באַס —

„Д-ни-и нашей..." **

---

* שנעל, ווי די כוואַליעס.

** זייבען, די טעג פון אונזער...

— חבֿרים! — האָט יעזשאָװ אױסגערופֿן, אױפֿהײבנדיק זיך אױף די פֿיס מיט אַ גלאָז אין האַנט. ער האָט זיך אַ װאַקל געטאָן און זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער צװײטער האַנט אױף פּאָמעס קאָפּ. דאָס אָנגעהױבענע ליד האָט זיך איבערגעריסן, און אַלע האָבן אױסגעדרײט צו אים זײערע קעפּ...

— האָרעפּאַשניקעס! דערלױבט מיר צו זאָגן אײַך עטלעכע װערטער... װערטער פֿון האַרצן... איך בין גליקלעך מיט אײַך! מיר איז גוט צװישן אײַך... דאָס איז דערפֿאַר, װײל איר זײט — מענטשן פֿון אַרבעט, מענטשן, װעמעס רעכט אױף גליק איז אָן שום צװײפֿל, הגם דאָס װערט נאָך ניט אָנערקענט... אין אײַער געזונטער, נשמה־דערהײבנדיקער סבֿיבֿה פֿון ערלעכע מענטשן, אָטעמט זיך אַזױ גוט, אַזױ פֿרײ דעם עלנטן, הורכן לעבן פֿאַרסמטן מענטש...

יעזשאָװס שטימע האָט געציטערט, געקלונגען און זײַן קאָפּ האָט זיך געטרײסלט. פּאָמאַ האָט געפֿילט, װי עפּעס װאַרעמס האָט אַ טריף געטאָן אױף זײַן האַנט. ער האָט אַ קוק געטאָן אױפֿן צעקנײטשטן פּנים פֿון יעזשאָװן, װעלכער האָט פֿאָרגעזעצט זײַן רעדע, ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף:

— איך בין ניט אײנער... מיר זײַנען אַ סך אַזעלכע, פֿאַריאָגטע פֿון גורל, צעבראָכענע, קראַנקע מענטשן... מיר זײַנען — אומגליקלעכער פֿון אײַך, װײל מיר זײַנען שװאַכער אין גוף און אין גײַסט, אָבער מיר זײַנען שטאַרקער פֿון אײַך, װײל מיר זײַנען באַװאָפֿנט מיט װיסן... נאָר מיר האָבן ניט װאָס אַהינצוטאָן... מיר זײַנען אַלע גרײט קומען צו אײַך, און מיט פֿרײד זיך אײַך אינגאַנצן איבערגעבן, העלפֿן אײַך לעבן... מער האָבן מיר נישט װאָס צו טאָן! אָן אײַך זײַנען מיר — אָן אַ באָדן, איר אָן אונדז זײַט — אָן ליכט! חבֿרים! מיר זײַנען פֿון גורל גופֿא באַשאַפֿן, כּדי צו דערגאַנצן זיך אײנער דעם צװײטן!

„װאָס אַזױנס פֿאַרלאַנגט ער פֿון זײ?“ האָט פּאָמאַ געטראַכט, הערנדיק יעזשאָװס רעדע, װאָס איז פֿאַר אים געװען ניט פֿאַרשטענדלעך. און באַטראַכטנדיק די פּנימער פֿון די זעצער, האָט ער געזען, אַז זײ קוקן אױך אױפֿן ראַטאָר מיט אַ פֿראַגע, ניט באַגרײַפֿנדיק, װאָס ער װיל, און זײ לאַנגװײליקן זיך.

— די צוקונפֿט אײַערע, מײַנע פֿרײַנט! — האָט יעזשאָ װײַטער גערעדט, שױן ניט אַזױ פֿעסט, און שאָקלענדיק טרײַעריק מיטן קאָפּ, װי ער װאָלט באַדױערט די צוקונפֿט, און װי ער װאָלט קענען זײַן װילן אָפּגעטראָטן די מאַכט איבער איר, די דאָזיקע מענטשן. — די צוקונפֿט געהערט די מענטשן פֿון ערלעכער פּראַצע... אַ גרױסע אַרבעט שטײט אײַך פֿאָר! דאָס דאַרפֿט איר באַשאַפֿן די נײַע קולטור... אַליך, װאָס איז פֿרײַ, לעבעדיק און ליכטיק! איך — אַ געבאָרענער פֿון אײַער שטאַם און גײַסט, אַ זון פֿון אַ זעלנער — לײג אײַך פֿאָר: לאָמיר טרינקען פֿאַר אײַער צוקונפֿט! הור־ר־אַ!

אױסטרינקענדיק זײַן גלאָז, האָט יעזשאָ זיך שװער אַראָפּגעלאָזט אױף דער ערד. די זעצער האָבן פֿרײַנטלעך אױפֿגעכאַפּט זײַן איבערגעריסענעם אױסרוף, און אין דער לופֿט האָט זיך אַ קײַקל געטאָן אַ דונערדיקער, שטאַרקער געשרײ, װאָס האָט אױפֿציטערן געמאַכט די בלעטער אױף די בײמער.

— און איצט אַ ליד! — האָט װידער פֿאָרגעלײגט דער דיקער יונג.

— לאָמיר! — האָבן אים אונטערגעהאַלטן צװײ־דרײַ שטימען.

ס'האָט זיך אָנגעהױבן אַ טומלדיקער מײנונג־אױסטױש װעגן דעם, װאָס מען זאָל זינגען. יעזשאָ האָט געהערט דעם טומל, און באַװעגנדיק מיטן קאָפּ פֿון זײַט צו זײַט, האָט ער אַלעמען באַטראַכט.

— ברידער! — האָט ער װידער פּלוצלונג אױסגעשריען. — ענטפֿערט מיר... ענטפֿערט מיט אַ פּאָר װערטער אױף מײַן באַגריסונג צו אײַך...

װידער — הגם ניט אױף אַמאָל — זײַנען אַלע אַנטשװיגן געװאָרן, קוקנדיק אױף אים — אַנדערע מיט נײַגעריקײט, אַנדערע מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם שמײכל, אײניקע אַפֿילו מיט אַן אָפֿענער אױסגעדריקטער אומצופֿרידנקײט אױף די פּנימער. ער האָט זיך װידער אױפֿגעהױבן פֿון דער ערד און אַ באַגײַסטערטער גערעדט:

— מיר זײַנען דאָ צװײ... פֿאַרשטױסענע פֿון לעבן, — איך און אָט־דער... מיר װילן בײדע... אײנס און דאָס זעלבע... אױפֿמערק־

זאַמקייט צום מענטש... דאָס גליק צו פילן זיך נוציק פאַר די מענטשן... חברים! אויך אָט דער גרויסער און נאַרישער מענטש...

— אָבער, ניקאָלאַי מאַטווייעוויטש, באַליידיקט ניט דעם גאַסט! — האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ גראָבער, אומצופרידענער קול.

— יאָ, דאָס איז איבעריק! — האָט באַשטעטיקט דער דיקער יונג, וועלכער האָט פּאָמען אײַנגעלאַדן צום שייטער. — צו וואָס באַליידיקנדיקע ווערטער?

אַ דריטע שטים האָט הויך און דײַטלעך באַטאָנט:

— מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט צו פאַרברענגען... אָפּצורוען זיך...

— טיפּשים! — האָט יעזשאָוו שוואַך זיך צעלאַכט. — טײַערע טיפּשים!... איר האָט אויף אים רחמנות? אָבער — ווייסט איר, ווער ער איז? דאָס איז איינער פון די, וועלכע זויגן בײַ אײַך דאָס בלוט...

— גענוג, ניקאָלאַי מאַטווייעוויטש! — האָט מען געשריען צו יעזשאָוון. אַלע האָבן גענומען טומלען, ניט ליינדיק מער אויף אים קיין אַכט. פּאָמאַ האָט באַקומען אויף זײַן חבר אַזאַ רחמנות, אַז ער האָט זיך אַפילו ניט באַליידיקט אויף אים. ער האָט געזען, אַז די דאָזיקע מענטשן, וועלכע באַשיצן אים איצט פון יעזשאָווס אָנפאַלן, לייגן בכיוון ניט קיין אַכט אויפן פעליעטאָניסט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען יעזשאָוו וואָלט דאָס באַמערקט, וואָלט דאָס אים וויי געטאָן. און כדי אָפּצווענדן זײַן חבר פון דער מעגלעכער אומאָנגענעמלעכקייט, האָט ער אים אַ שטויס געטאָן אין זייט און זיך אָפּגערופן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— נו, דו, רכילותניק... מיר וועלן אפשר אויסטרינקען? צי אפשר איז שוין גאָר צייט אַהיים צו גיין?

— אַהיים? וואו האָט אַ היים דער מענטש, וועלכער האָט ניט קיין פּלאַץ צווישן מענטשן? — האָט יעזשאָוו געפרעגט און ווידער אַ געשריי געטאָן:

— חברים!

זײַן געשריי איז שוין אָבער דערטרונקען געוואָרן אין אַל-

געמיינעם טומל אָן אַ תשובה. ער האָט דאַן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך געווענדט צו פּאָמען:

— לאָמיר אַוועק פונדאַנען!...

— נו, לאָמיר גיין... כאָטש איך וואָלט נאָך דאָ אַ ביסל גע־זעסן... ס'איז אינטערעסאַנט... זיי פירן זיך, די שדים, גאַנץ אָנ־שטענדיק... בנאמנות!

— איך קען מער נישט: מיר איז קאַלט... דושנע...

— נו, אײדאַ!...

פּאָמאַ האָט זיך אויפגעהויבן, האָט גענומען דעם קאַפּעליוש און זיך אַ נויג־טוענדיק צו די זעצער, האָט ער הויך און פריילעך זיך געזעגנט:

— אַדאַנק, מיינע הערן, פאַרן כיבוד! אַדיע!

מען האָט אים אַרומגערינגלט און ס'האָבן זיך געהערט אַיינרײ־דערישע שטימען:

— וואַרט! וואוהין? אָט וועלן מיר זינגען צוזאַמען, האַ?

— ניין, מען דאַרף גיין... דעם חבר אַליין איז ניט באַקוועם... איך וועל אים באַגלייטן... פאַרברענגט אייך פריילעך די סעודה!

— עך, איר וואָלט אונטערגעוואַרט!... — האָט אויסגערופן דער דיקער יונג, און שטיל אַ שעפּטשע געטאָן: — אים וועלן מיר שוין אַליין באַגלייטן...

דער שווינדזיכטיקער האָט אויך שטיל געזאָגט:

— איר בלייבט... און מיר וועלן אים באַגלייטן ביזן שטאָט, דאָרט וועלן מיר אים אַרויפזעצן אויף אַ דראָזשקע — און פאַרטיק!

פּאָמען האָט זיך געוואָלט בלייבן און אין דער זעלבער צייט האָט ער עפּעס מורא געהאַט. יעזשאָז האָט זיך אָבער אויפגעהויבן און אײנטשעפּענדיק זיך אין זיין אַרבל פון מאַנטל, האָט ער גע־בורטשעט:

— קו־ם... כאַפּט זיי דער טייוול!

— צום ווידערזען, מיינע הערן! איך וועל גיין! — האָט פּאָ־מאַ געזאָגט און איז אַוועק פון זיי, באַגלייט מיט אויסרופן פון העפ־לעכן באַדויערן.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך יעזשאָו פונאַנדערגעלאַכט, שוין זייענדיק אַ טריט צוואַנציק פון שייטער, — זיי באַגלייטן מיך מיט באַדויערונג, און זיינען אַליין צופרידן, וואָס איך גיי אַוועק... איך האָב זיי געשטערט צו פאַרוואַנדלען זיך אין בהמות...

— דאָס איז אמת, אַז דו האָסט זיי געשטערט... — האָט פאָמאַ געזאָגט. — צו וואָס האַלטן דרשות? מענטשן זיינען זיך צוגעפעקומען פאַרבערענגען, און דו בעטלסט עפּעס ביי זיי... זיי איז דערפון לאַנגווייליק...

— שווייג! דו פאַרשטייסט גאָרנישט! — האָט שאַרף אַ געשריי געטאָן יעזשאָו. — דו מיינסט — איך בין שיכור? דאָס איז מיין גוף שיכור... אָבער מיין נשמה איז ניכטער... זי איז תמיד ניכטער און זי פילט אַלץ... אָ, וויפיל מיאוסעס איז דאָ אויף דער וועלט, וויפיל טעמפּעס, נעבעכדיקעס! און די מענטשן... די דאָזיקע נאַרישע, אומגליקלעכע מענטשן...

יעזשאָו האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַ כאַפּ טוענדיק פאַרן קאָפּ, איז ער אַ רגע געשטאַנען, וואַקלענדיק זיך אויף די פיס.

— נ־יאָ־אָ! — האָט פאָמאַ אויסגעצויגן. — זיי זיינען זייער ניט ענלעך איינער אויפן צווייטן... אָט־די זיינען זאַנדערש... העפּלעך... ווי פּריצים, כמעט... און זיי דענקען ריכטיק... און אַלץ אַזוי... מיט פאַרשטאַנד... זיי זיינען דאָך פונדעסטוועגן איינפאַכע־אַרבעטער...

אין חושך, האָט מען הינטער זיי הויך גענומען זינגען עפּעס אַ ליד, אין כאָר. תחילת ניט דרייסט, איז דאָס ליד, וואָס ווייטער געוואַקסן און זיך צעגאָסן מיט אַ ברייטער, מונטערער כוואַליע אין נאַכטיקן פרישן אַוויר איבערן פעלד.

— אָ, גאָט מיינער! — האָט יעזשאָו אַ זיפץ טוענדיק שטיל און אומעטיק געזאָגט. — מיט וואָס לעבט מען? צו וואָס בינדט מען זיך צו מיט דער נשמה? ווער וועט שטילן איר דאָרשט צו פריינטשאַפט, ברודערשאַפט, ליבע און צו ריינער הייליקער אַרבעט...

— דאָס זיינען איינפאַכע, פאַרשיידענע מענטשן, — האָט לאַנגזאַם און פאַרקלערט גערעדט פאָמאַ, ניט אַיינהערנדיק זיך אין די רייד פון חבר, וועלכער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע

רעיונות, — אַז מען קוקט זיך צו זיי צו — זיינען זיי נישקשה: אַפילו זייער... אינטערעסאַנטע... פּייערים... אַרבעטער... אַז מען באַטראַכט זיי אַזוי זיך — זיינען זיי אַלץ איינס, ווי פערד. זיי שלעפּן זיך, סאָפּענען...

— אונזער גאַנץ לעבן שלעפּן זיי אויף זייערע הויקערס! — האָט יעזשאָוו אויסגעשריען מיט אויפרעגונג. — שלעפּן, ווי פערד... הכנעהדיק, טעמפּעוואַטע... און אָט די אונטערטעניקייט זייערע — איז אונזער אומגליק, אונזער קללה...

און פאָמאַ, ווערנדיק מיטגעשלעפּט פון זיין געדאַנק, האָט געקלערט:

— זיי שלעפּן, זיי אַרבעטן דאָס גאַנצע לעבן פאַר גאָרנישט...און פלוצלונג — זאָגן זיי עפּעס אַזוינס — וואָס דו וואָלסט קיינמאָל אויף דיין לעבן ניט אויסגעטראַכט... הייסט עס — אַז זיי פילן... נ־יאָ־אָ. לעבן זיי איז אינטערעסאַנט...

יעזשאָוו איז, זיך וואַקלענדיק, געגאַנגען אַ לאַנגע צייט שטיל־שווייגנדיק, אָבער פלוצלונג האָט ער, מיט עפּעס אַ הייזעריקן, זיך ווערגנדיקן קול, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען, ווי פון זיין בויך, גענומען דעקלאַמירן, מאַכנדיק מיט די הענט אין דער לופט:

„Я жизнью жестоко обманутъ
И столько я бѣдъ перенесъ...“ *

— דאָס זיינען, ברודער, מיינע פערזן, — האָט ער געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך און צושאָקלענדיק טרויעריק מיטן קאָפּ. — ווי איז דאָרט ווייטער? פאַרגעסן... דאָרט רעדט זיך וועגן חלומות... וועגן הייליקע און ריינע פאַרלאַנגען... זיי זיינען דערשטיקט אין מיין ברוסט פון טשאַד פון לעבן... ע־עך!

Въ груди никогда не воспрянутъ
Рои погребенныхъ въ ней грёзъ...“ **

---

* איך בין פון לעבן גרויזאַם אָפּגענאַרט און וויפיל צרות האָב איך דאָס איבערגעטראָגן...

** אין ברוסט וועלן שוין מערנישט אויפוואַכן די פיל באַגראָבענע חלומות...

— ברודער! ביסט גליקלעכער פון מיר, ווייל דו ביסט — נאַריש... אָבער איך....

— הער אויף צו לאַכן! — האָט מיט עמפערונג געזאָגט פּאָמאַ. — הער בעסער, ווי זיי זינגען דאָרט...

— איך וויל ניט הערן קיין פרעמדע לידער... — האָט יעזשאָוו מיט ביטול געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — איך האָב מיין איי־גענע... ליד פון מיין, דורכן לעבן צעריסענער, נשמה...

און ער האָט ווידער מיט אַ ווילדער שטים זיך צעיאָמערט:

„Въ душ-шѣ никогда не воспря-анутъ
Р-рои погр-ребенныхъ въ ней грёзь...
Ихъ мно-ого та-амъ!“ *

— איך האָב געהאַט אַ גאַנצן בלומען־טאָפּ מיט לעבעדיקע און העלע חלומות, האָפענונגען... זיי זיינען אויסגעשטאָרבן... פאַר־וועלקט געוואָרן און אויסגעשטאָרבן... דער טויט איז אין מיין האַרצן... מתים־חלומות פוילן דאָ־ט... אָ!־אָ!

יעזשאָוו האָט זיך פונאַנדער־געוויינט, כליפּענדיק ווי אַ פרוי. פּאָמאַ האָט רחמנות באַקומען אויף אים און ס'איז אים געווען שווער מיט אים. טרייסלענדיק אים אומגעדולדיק פאַרן אַקסל, האָט ער גערעדט צו אים:

— הער שוין אויף! לאָמיר גיין... ס'אַר אַ שוואַכער דו ביסט, ברודער....

זיך אָנכאַפּנדיק זיך מיט די הענט פאַרן קאָפּ, האָט יעזשאָוו אויסגעגלייכט זיין איינגעבויגענעם קערפּער, האָט זיך אָנגעשטרענגט און ווידער בענקענדיק און ווילד זיך צעזונגען:

„Ихъ мно-ого та-амъ!
Склепъ имъ тамъ тѣ-сенъ!
Я въ саваны рифмъ ихъ одѣ-ѣлъ...
И много надъ ними я пѣсенъ
Печальныхъ и грустныхъ про-опѣ-ѣлъ!“ **

---

* אין זעל וועלן קיינמאָל ניט אויפוואכן די פיל באַגראָבענע חלומות... זיי זיינען דאָרט אָן אַ שיעור.

** זיי זיינען דאָרט פאַרהאַן אַ סך, דער קעלער איז זיי דאָרט ענג; איך האָב זיי אין תכריכים פון פערזן אָנגעטאָן... און אַ סך טרויעריקע און אומעטיקע לידער האָב איך וועגן זיי געזונגען!

— אָ, מײַן גאָט! — האָט פּאָמאַ פֿאַרצװײפֿלט אַ זיפֿץ געטאָן. — גענוג דיר שױן... קריסטוסן צוליב! ס'איז דאָך אַן אומעט, בנאמנות...

פֿון װײַט איז צו זײ געשװאומען הירכן חושך און שטילקײט אַ הױך געזאַנג, געזונגען אין כאָר. עמעצער האָט צוגעפּײפֿט צום טאַקט פֿון געזאַנג מיט אַ שאַרפֿן שנײדיקן פֿײַף, װאָס האָט געריסן דעם אױער און פֿאַרטריבן די כװאַליע פֿון די שטאַרקע שטימען. פּאָמאַ האָט געקוקט אַהין און געזען בלױז אַ הױכע, שװאַרצע װאַנט פֿון װאַלד, אַ העלן, שפּילנדיקן, פֿײַערדיקן פֿלעק פֿון שײַטער, און פֿאַרנעפּלטע פֿיגורן אַרום אים. די װאַנט פֿון װאַלד איז געװען װי אַ ברוסט, און דער שײַטער — װי אַ בלוטיקע װאונד אױף איר. ס'האָט אױסגעזען, װי די ברוסט צאַפּלט זיך, גײט אױס מיט בלוט, װאָס פֿאַרפּליִצט זי מיט הײסע שטראָמען. אַרומגעכאַפּט דורך דער געדיכטער פֿינסטערניש פֿון אַלע זײַטן, האָבן די מענטשן אױפֿן פּאָן פֿון װאַלד אױסגעזען, װי קלײנינקע, װי קינדער, זײ האָבן אױך װי מיטגעברענט, באַגאָסן מיטן פֿלאַם פֿון שײַטער, זײ האָבן געפּאַכט מיט די הענט און האָבן געזונגען זײער ליד הױך און שטאַרק.

און יעזשאָװ איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט פּאָמען און אַן איבערגעבראַכטער גערעדט צו אים:

— דו, געפּילדאָזער קלאָץ! פֿאַרװאָס שטױסטו מיך אָפּ? דו מוזט הערן דאָס ליד פֿון אַ שטאַרבנדיקער נשמה... און װײנען איבער איר... װײַל צוליב װאָס איז זי פֿאַרװאונדעט און גוססט? אַװעק פֿון מיר... אַװעק! דו מײנסט — איך בין שיכּור? איך בין — פֿאַרסמט... אַװעק פֿון מיר!

ניט אָפּרײַסנדיק די אױגן פֿון װאַלד און פֿון שײַטער, װאָס איז געװען אַזױ שײן אין חושך, איז פּאָמאַ אױף עטלעכע טריט אָפּגעטראָטן פֿון יעזשאָװן און שטיל אים געזאָגט:

— מאַך זיך ניט נאַריש... װאָס זידלסטו זיך אומזיסט?

— איך װיל איבערבלײַבן אַלײן און... פֿאַרענדיקן מײַן ליד...

ער האָט מיט ניט־זיכערע טריט זיך אױך אָפּגערוקט פֿון פּאָמען אָן אַ זײַט און האָט באַלד װידער זיך צעלאָזט מיט אַ יללה:

„Про-опѣлъ — и теперь не нарушу
Я больше ихъ мертваго сна...
Господь! упокой мо-ою душу!
Она-а безнаде-ежно-о больна-а...
Господь... упокой мо-ою душу... *

פאָמאַ האָט אויפגעציטערט בײַ די קלאַנגען פון דער דאָזיקער טרויעריקער ילל׳ה, און ער האָט שנעל גענומען נאָכגיין יעזשאָװן; נאָר נאָך איידער ער האָט אים דעריאָגט, האָט דער קליינער פעליעטאָניסט היסטעריש אַ קוויטש געטאָן, און מיט דער ברוסט זיך גלײַך געוואָרפן אויף דער ערד און זיך צעיאָמערט אַזוי טרויעריק און שטיל, ווי עס וויינען גרויסע קינדער...

— ניקאָלאַי! — האָט פאָמאַ אים באַרויִקט, אָננעמענדיק אים פאַר די אַקסל און אויפהייבנדיק אים. — הער-זשע אויף... וואָס איז מיט דיר? גאָט מײַנער... ניקאָלאַי! גענוג... ווי שעמסטו זיך ניט!

נאָר יעזשאָװ האָט זיך ניט געשעמט: ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד, ווי אַ פיש, וואָס מען האָט נאָר-וואָס אַרויסגעכאַפּט פון וואַסער, און ווען פאָמאַ האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף די פיס — האָט ער זיך שטאַרק צוגעדריקט צו זײַן ברוסט, אַרומכאַפּנדיק זײַנע זײַטן מיט די דאַרע הענט און האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען...

— נו, גענוג שוין! — האָט זיך פאָמאַ געבעטן בײַ אים, דורך שטאַרק-פאַרשטיפּטע ציין. — גענוג שוין, טײַערער...

און אַ צעררודערטער פון מיטלייד צום אויסגעפייניקטן מענטש, פול מיט רחמנות אויף אים און באַליידיקונג פאַר אים, האָט ער אין אַ צאָרנדיקן אויסברוך פון אַ ווילדער בענקעניש, זיך צעברילט מיט אַ דיקן הויכן קול, ווענדנדיק זײַן פּנים אַהין, וואו עס האָבן אין חושך געברענט די פײַערן פון דער שטאָט:

— פאַר-שאָל-טע-נע! זייט פאַרפלוכט! וואַרט... איך איר ווערט זיך דערשטיקן! זייט פאַרפלוכט!

* כ׳האָב אָפּגעזונגען, נאָר מער וועל איך שוין ניט שטערן זייער טויטן שלאָף... גאָט! באַרויִק מײַן נשמה! זי איז האָפענונגסלאָז קראַנק.. גאָט... באַרויִק מײַן נשמה...

XI.

— ליובאַווקאַ! — האָט זיך איינמאָל אָפּגערופן מאַיאַקין, אַהיים קומענדיק פון דער בערזע, — היינט אָוונט מאַך זיך פאַרטיק — איך ברענג אַ חתן. גרייט אונז צו אַ געשמאַקן צובייסן... שטעל אויס וואָס מער פון אונזער אַלטן זילבער אויפן טיש... די וואַזעס אויך פרוכט נעם אויך אַרויס... זאָל פאַרשמעקן אים אין נאָז אונזער טיש! זאָל ער זען, אַז ביי אונז איז יעדע זאַך — אַ זעלטנ-הייט!

זיצנדיק ביים פענסטער, האָט ליובאָוו געציי-עוועט דעם פאָ-טערס סקאַרפּעטקעס, און איר קאָפּ איז געווען נידעריק אַראָפּגעלאָזט איבער דער אַרבעט.

— צו וואָס דאַרף מען דאָס אַליץ, פּאַפּאַשאַ? — האָט זי אומ-צופרידן און אַ באַליידיקטע אַ פרעג געטאָן.

— צוליב טעם... צוליב געשמאַק... און צוליב אָרדענונג... ווייל אַ מויד — איז ניט קיין קליאַטשע... אָן אַ געשפּאַן קאָן מען זי ניט אָפּזעצן...

ליובאָוו האָט נערוועז פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, און אַוועקלייגנדיק די אַרבעט, האָט זי, אינגאַנצן רויט פון באַליידיקונג, אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער... דערנאָך האָט זי ווידער גענומען אין די הענט די סקאַרפּעטקעס, און נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט איבער זיי איר קאָפּ. דער אַלטער האָט געשפּאַנט איבערן צימער, צופנדיק מיט דער האַנט, אַ פאַרדאַגהטער, זיין פייערדיק בערדל; זיינע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ אין דער ווייט, און עס איז געווען קענטיק, אַז ער איז אינגאַנצן פאַרזונקען אין עפּעס אַ גרויסער און קאָמפּליצירטער מחשבה. דאָס מיידל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זי ניט הערן

און וועט ניט וועלן פֿאַרשטיין, ווי דערנידעריקנדיק עס זיינען נאָר איר זיינע רייד. אירע ראָמאַנטישע רעיונות וועגן אַ מאַן — אַ פּרינץ, אַ געבילדעטן מענטש, וועלכער זאָל אינאיינעם מיט איר לייענען די קלוגע ביכלעך און העלפֿן איר זיך פֿונאַנדערקלייבן אין אירע אומקלאָרע פֿאַרלאַנגען, — זיינען אין איר דערשטיקט געוואָרן דורכן אומצובֿרעכלעכן באַשלוס פֿון פֿאָטער, אויסצוגעבן זי פֿאַר שמאָלינען. זיי זיינען דערשלאָגן געוואָרן, צעפֿאַלן זיך און אָפּגעזעצט זיך אויף איר נשמה מיט אַ ביטערן אָפּזאַץ. זי איז געווען געוווינט צו קוקן אויף זיך, ווי אויף עפּעס העכערס און בעסערס פֿון אַ געוויינלעכער מיידל פֿון סוחרים־שטאַנד, — אַ מיידל אַ פּוכטע און אַ נאַרישע, וועלכע קלערט נאָר וועגן קליידער און האָט כמעט שטענדיק חתונה לויטן אויסקוק פֿון די עלטערן און זעלטן ווען לויטן אויסוואַל פֿון איר אייגן האַרץ. און אָט איצט ווערט זי אויסגעגעבן, נאָר דערפֿאַר — ווייל עס איז שוין צייט און אויך דערפֿאַר, ווייל איר פֿאָטער דאַרף האָבן אַן איידעם, וואָס זאָל איבערנעמען זיינע געשעפֿטן. און דער פֿאָטער, קענטיק, טראַכט, אַז זי אַליין פֿאַר זיך איז ניט פֿעיִק צוצוציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די מענער, און ער באַפּוצט זי דעריבער מיט זילבער. אַ צערודערטע, האָט זי נערוועז געאַרבעט, געשטאָכן זיך די פֿינגער, געבראָכן די נאָדלען, נאָר געשוויגן, וויסנדיק גוט, אַז אַלץ, וואָס זי קען זאָגן — וועט איר פֿאָטערס האַרץ סיי־ווי ניט דערהערן.

און דער אַלטער איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, וואו ער האָט מיט אַ האַלבער שטים געזונגען קאַפּיטלעך תּהילים, און האָט באַאיינפֿלוסנדיק די טאָכטער, געלערנט זי, ווי זי דאַרף זיך האַלטן מיטן חתן. ער האָט בעת־מעשה עפּעס וואָס גערעכנט אויף די פֿינגער, געבייזערט זיך און געשמייכלט.

— מם... אַזוי איז עס!... משפּט מיך גאָט, און באַטראַכט דאָס מייניקע... פֿון אַ מענטשן אַן אומגערעכטן און פֿאַלשן מאַך מיך פֿריי... נ־יאָ־אָ... דער מאַמעס שמאַראַגדן זאָלסטו אויך אָנטאָן, ליובאָוו...

— גענוג, פּאַפּאַשאַ! — האָט דאָס מיידל אויסגערופֿן מיט פֿאַרדראָס. — לאָזט עס, איך בעט אייך...

— זײ בריקע זיך ניט! הער, װאָס מען לערנט דיך...

ער איז װידער פאַרזונקען אין זײנע חשבונות. אָנשפּיצנדיק זײנע גרינגע אױגן, האָט ער גענומען זיך שפּילן מיט זײנע פינגער, װאָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך אַנטקעגן פּנים.

— פינף-און-דרײסיק פּראָצענט קומט אױס... ממ... אַ זשוליק אַ בחור... שיק אַראָפּ דײן ליכט און דײן אמת...

— פּאַפּאַשאַ! — האָט דערשלאָגן און מיט שרעק אױסגעשריען ליובאָװ.

— האַ?

— איר... אײַך געפעלט ער?

— װער?

— סמאָלין...

— סמאָלין? נ-יאָ... ער איז שױן אײנמאָל אַ חבֿרה-מאַן... ער איז אַ זאַכלעכער יונג... אַ גוטער סוחר! נו — איך בין שױן ניטאָ... איז זאָלסט זיך... באַװאָפּענען...

איבערבלײַבנדיק אַלײן, האָט ליובאָװ אַװעקגעװאָרפן די אַרבעט און זיך צוגעשפּאַרט אָן אָנלען פון שטול, פעסט צושליסנדיק אירע אױגן. אירע שטאַרק צונױפגעדריקטע הענט זײנע געלעגן אױף אירע קני און די פינגער האָבן געקנאַקט. פול מיט ביטערניש צוליב איר באַלײדיקטער אײגנליבע, האָט זי געפילט אַ שודערלעכן פּחד פאַר איר צוקונפט און זי האָט שטום געבעטן:

— אָ, מײן גאָט! — אָ, גאָט מײנער!... װאָלט ער כאָטש געװען אַן ערנסטלעכער מענטש!... מאַך, אַז ער זאָל זײן אַן ערנסטלעכער... אַ האַרציקער... אָ, גאָט! קומט צו גײן עפּעס אַ מאַנסביל, באַקוקט דיך... און נעמט דיך צו אױף לאַנגע יאָרן... אױב נאָר דו װעסט אים געפעלן! װי שענדלעך דאָס איז... װי שרעקלעך.... גאָט מײנער, גאָט! אױב איך װאָלט געקענט... אַנטלױפן!... זיך אַן עצה האַלטן מיט עמעצן... װאָס זאָל איך טאָן? װער איז ער? װי דערקענט מען אים? איך קען קײן זאַך ניט! איך האָב דאָך געטראַכט... אַזױפיל געטראַכט! געלײענט... צוליב װאָס האָב איך געלײענט? צוליב װאָס דאַרף איך װיסן, אַז מען קען לעבן אַנדערש.... אַזױ, װי איך קען דאָס ניט?... אפשר... קען זײן, װען

ניט די ביכער... וואָלט זיך מיר... ליכטער געלעבט... פשוטער... ווי דאָס פּייניקט מוך אַליין! ס'איז אַ נעבעכדיקע איך בין... אַן אומ־גליקלעכע... איינזאַם... וואָלט כאָטש טאַראַס געווען...

ביים דערמאָנען זיך אָן ברודער, האָט זי זיך געפילט נאָך מער באַליידיקט און ס'האָט איר נאָך מער באַנג געטאָן אויף זיך. זי האָט געהאַט אָנגעשריבן טאַראַסן אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן זי האָט, פול מיט נצחון, געגעדט וועגן איר ליבע צו אים, וועגן אירע האָ־פענונגען אויף אים; בעטנדיק דעם ברודער, ער זאָל וואָס גיכער קומען צו פאָרן, זען זיך מיטן פאָטער, — האָט זי אים געשילדערט די פּלענער פון אַ געמיינזאַמען לעבן, פאַרזיכערנדיק טאַראַסן, אַז דער פאָטער איז אַ חכם און אַז ער קען אַליין פאַרשטיין. זי האָט דערציילט וועגן זיין איינזאַמקייט, האָט זיך באַגייסטערט פון זיין לעבנספעיקייט און זיך גלייכצייטיק אויך באַקלאָגט אויף זיין באַ־ציִונג צו איר.

צוויי וואָכן האָט זי אומגעדולדיק געוואַרט אויף אַן ענטפער, און ווען זי האָט אים באַקומען און איבערגעלייענט — האָט זי זיך צעכליפּעט ביז היסטעריקע פון פרייד און אַנטוישונג. דער ענטפער איז געווען טרוקן און קורץ: טאַראַס האָט געמאָלדן, אַז אין אַ אַ חודש אַרום וועט ער זיין געשעפטלעך אויף דער וואָלגע און וועט ניט פאַרפעלן אַריינצוגיין צום פאָטער, אויב נאָר דער פאָטער האָט ווירקלעך גאָרנישט קעגן דעם. דער בריוו איז געווען קאַלט, ווי אייז; מיט טרערן האָט זי אים עטלעכע מאָל איבערגעלייענט, און געקנייטשט און געוויי קט אים, נאָר ער איז דערפון ניט געוואָרן וואַ־רעמער, נאָר בלויז דורכגענעצט. פון דעם זייטל האַרטן פּאָסט־פּאַפּיר, וואָס איז געווען באַשריבן מיט גרויסע, פעסטע אותיות, האָט ווי אַראָפּגעקוקט אויף איר דעם ברודערס צעקנאָדע־טער, אומצוטרוי־לעכער, פאַרוואָלקנטער פּנים, אַ מאָגערער און ווינקלדיקער, ווי דאָס פּנים פון פאָטער.

אויף יאַקאָוו טאַראַסאָוויטשן האָט דער בריוו געמאַכט אַן אַנדער איינדרוק. דערוויסנדיק זיך, אַז טאַראַס האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, האָט דער אַלטער אינגאַנצן אויפגעצאַפּלט און אַ באַלעב־

טער, מיט עפּעס אַ באַזונדער שמייכעלע, האָט ער אײַליק זיך געווענדט צו דער טאָכטער:

— נו־שוין, גיב אים אַהער! באַווייז־זשע! כע! לאָמיר אַ לייען טאָן, וואָס קלוגיטשקע שרייבן... וואו איז מיינע פּענסנע? ממ... „טײַערע שוועסטער!" נ־יאָ....

דער אַלטער איז געבליבן שטיל; האָט פֿאַר זיך איבערגעלייענט דעם זונס שרייבן, אַוועקגעלייגט דאָס בריוול אויפֿן טיש, און אויפֿהויבנדיק הויך די ברעמען, האָט ער מיט אַ פֿאַרוואונדערטן פּנים גענומען אַרומשפּרייזן אַ שווייגנדיקער איבערן צימער. דאַן האָט ער ווידעראַמאָל איבערגעלייענט דאָס בריוול; האָט אַ פֿאַרטראַכטער געפּויקט מיט די פֿינגער איבערן טיש און אַרויסגעזיפֿט:

— נישקשהדיק... גרונדיק אָנגעשריבן... אָן איבעריקע ווערטער... נו, וואָס? אפשר איז טאַקע דער מענטש דאָרטן פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין קעלט... די קעלטן זיינען דאָרטן אַזעלכע בייזע... זאָל ער קומען אַהער... וועלן מיר זען... אינטערעסאַנט... נ־יאָ... אין הודם תהילים ווערט געזאָגט וועגן די סודות פֿון אַ זון: דער שונא מיינער וועט זיך אַמאָל צוריקקערן... איך האָב פֿאַרגעסן, ווי איז דאָרט ווייטער.... דעם שונאס כלי־זיין זיינען סוף־כל־סוף געוואָרן טעמפּ... און זיין אָנדענק וועט פֿאַרלאָרן גיין מיט רעש... נו, מיר וועלן שוין מיט אים אַדורכשמועסן זיך אָן רעש...

דער אַלטער האָט זיך גענומט צו ריידן רויִק און מיט אַ ביטול־דיקן שמייכעלע, אָבער דאָס שמייכעלע איז ניט אַרויסגעקומען אויף זיין פּנים, די קנייטשן האָבן אויפֿגערעגט געציטערט און זיינע אייגלעך האָבן געפֿינקלט עפּעס באַזונדערס העל.

— דו שרייב אים נאָך אַ בריוול, ליובאָווקאַ... אַז ער מעג גאַנץ דרייסט קומען... יאָ...

ליובאָוו האָט ווידער געשריבן צום ברודער, נאָר דאָסמאָל איז שוין דער בריוו אירער געווען אַ קירצערער און אַ רויִקערער. אָבער אויך איצט האָט זי פֿון טאָג צו טאָג געוואַרט אויף אַ תשובה, מיינענדיק זיך פֿאָרצושטעלן, וואָס אַזוינס ער איז, אָט דער געהיימניש־פֿולער ברודער אירער? פֿריער פֿלעגט זי טראַכטן וועגן אים מיט אַ פֿאַרשטאָרבן האַרץ, מיט יענער פֿאַרגעטערטער פֿאַרערונג, מיט וועל־

כע גלייביקע טראַכטן וועגן די, וועלכע זיינען זיך מקריב, וועגן די מענטשן, וואָס פירן אַ גערעכטן לעבן, — איצט האָט זי פאַר אים מורא געהאַט, ווייל ער האָט פאַרן פרייז פון שווערע יסורים, פאַרן פרייז פון זיין יוגנט, וואָס איז אומגעקומען אין דער פאַרשיקונג, דערוואָרבן זיך דאָס רעכט פון זיין אַ שופט איבערן לעבן און איבער מענטשן... אָט וועט ער קומען צו פאָרן און וועט איר פרעגן:

— וואָס=זשע, דו האָסט חתונה פרייוויליק, אויס ליבע?

וואָס וועט זי אים קענען זאָגן? וועט ער איר מוחל זיין איר קליינלעכקייט? און צוליב וואָס האָט זי חתונה? איז דאָס אין דער ווירקלעכקייט אַליין, וואָס זי קען טאָן, כדי צו ענדערן איר לעבן?

איינס נאָכן אַנדערן זיינען אין דער מיידלס קאָפּ געבאָרן געוואָרן געדאַנקען, וועלכע האָבן זי צעטומלט און געפייניקט. זי איז געווען מאַכטלאָז צו קעגנשטעלן זיי עפּעס אַ באַשטימטן אַליין באַזיגערישן פאַרלאַנג. אַרומגעכאַפּט פון אַן אומרויִקער און נערוועזער שטימונג. נאָענט צו פאַרצווייפלונג, און קוים איינהאַלטנדיק די טרערן, האָט זי פונדעסטוועגן, האַלב=באַוואוסטזיניק, אָבער פּינקטלעך אויסגעפילט אַלע אָנווייזונגען פון פאָטער: זי האָט געדעקט דעם טיש מיטן אַלטן זילבער און מיטן זעלטענעם קרישטאָל, האָט אָנגעטאָן אַ זיידן קלייד פון שטאָל=קאָליר, און זיצנדיק פאַרן שפּיגל, האָט זי אַריינגעטאָן אין די אויערן די גרויסע שמאַראַגדן — דעם פאַמיליענאוצר פון די פירשטן גרוזינסקי, וואָס זיינען פאַרבליבן ביי מאַאַקינען אַלס משכון צוזאַמען מיט פיל אַנדערע זעלטענע קאָסטבאַרקייטן.

קוקנדיק אין שפּיגל אויף איר צערודערטן געזיכט, אויף וועלכן די גרויסע און זאַפטיקע ליפּן האָבן אויסגעזען נאָך שענער צוליב דער בלייכקייט פון די באַקן, באַטראַכטנדיק איר פולן ביוסט, וואָס איז געווען שטייף אַרומגענומען מיט זיידנס, האָט זי זיך דערפילט אַלס אַ שיינע, וואָס איז ווערט אויפמערקזאַמקייט פון יעדן מאַנספּיל, ווער ער זאָל ניט זיין. די גרינע שטיינער, וואָס האָבן געפינקלט אין אירע אויערן, האָבן זי באַליידיקט, ווי זיי וואָלטן איר געווען איבעריק. דערצו נאָך האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זייער שמערדירן לייגט זיך איר אויף די באַקן מיט אַ טונקעלן,

געלבלעכן שאָטן. זי האָט אַרויסגענומען פון די אויערן די שמאַראַגדן, פאַרבייטנדיק זיי אויף קלייניקע רובינטשיקעס, און געטראַכט בעת־מעשה וועגן סמאָלינען — וואָס איז ער פאַר אַ מענטש? ווי איז זיין כאַראַקטער? וואָס איז זיין פאַרלאַנג? צי לייענט ער ביכער?...

דאַן זיינען איר ניט געפעלן געוואָרן די טונקעלע קרייזן אַרום אירע אויגן און זי האָט פלייסיק גענומען זיי באַשיטן מיט פודרע, ניט אויפהערנדיק צו טראַכטן וועגן דעם, ווי שלעכט עס איז צו זיין אַ פרוי, און האָט זיך גופא פאַרגעוואָרפן אין דעם, וואָס זי האָט ניט קיין ווילן. ווען די פלעקן לעבן די אויגן זיינען שוין געווען באַהאַלטן אונטערן שיכט פון דער ווייסער פעטס און פודרע, האָט זיך ליובאָוו אויסגעדאַכט, אַז אירע אויגן האָבן פאַרלאָרן זייער גלאַנץ, און זי האָט צוריק אָפּגעווישט די פודרע. אַ לעצטער בליק אין שפיגל האָט זי איבערצייגט, אַז זי איז ווירקלעך שיין, — שיין מיט אַ גוטער און שטאַרקער שיינקייט, מיט אַ שיינקייט פון אַ פעכיקער סאָסנע. דער דאָזיקער אָנגענעמער באַוואוסטזיין האָט אַ ביסל באַרויִקט איר צערודערטע שטימונג און זי איז אַרויס אין גאַסטצימער מיט אַ סאָלידן גאַנג פון אַ רייכער כלה, וואָס ווייס איר ווערט.

דער פאָטער און סמאָלין זיינען שוין דאָרט געווען געקומען.

ליובאָוו האָט זיך אַן אויגנבליק אָפּגעשטעלט אין טיר, בליקנדיק שיין מיט אירע אויגן און שטאָלץ דריקנדיק אירע ליפּן. סמאָלין האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און איז איר געגאַנגען אַנטקעגן, גריסנדיק זי מיט דרך־ארץ. איר איז געפעלן געווען זיין גריסן זי — אַזוי געראָטן און שטיל, איר איז אויך געפעלן געווען זיין טייערער פראַק, וועלכער איז געלעגן אַזוי שיין אויף סמאָלינס בייגעוודיקער פיגור... ער האָט זיך ווייניק פאַרענדערט — דער זעלביקער רויטער, גלאַט־געשאָרענער, דורכאויס אין זומערשפּרינקלעך; בלויז די וואָנצעס זיינען ביי אים אויסגעוואַקסן לאַנגע און געדיכטע, און אויך די אויגן זיינען געוואָרן ווי גרעסער.

— ווי ער איז דאָס אויסגעוואַקסן, ע? — האָט מאַיאַקין אַ געשריי געטאָן צו דער טאָכטער, ווייזנדיק אויפן חתן.

סמאָלין האָט איר געדריקט די האַנט און שמייכלענדיק, גערעדט מיט אַ קלינגענדיקן באַריטאָן:

— איך דערלייב זיך צו האָפֿן — אַז איר האָט ניט פֿאַרגעסן אַן אַלטן חבר?

— נישקשה!... איר וועט שוין נאָכדעם ריידן, — האָט זיך אָפּגערופֿן דער אַלטער, באַקוקנדיק זיין טאָכטער מיט די אויגן. — דו, ליובאָוואַ, פֿאַראָרדן דאָ דערווייל, און מיר וועלן מיט אים פֿאַרענדיקן אַ געשפּרעך. נו־זשע, אַפֿריקאַן מיטריטש, דערקלער מיר...

— איר'ט מיר אַנטשולדיקן, ליובאָוו יאַקאָלעוונאַ? — האָט סמאָלין ווייך געפֿרעגט.

— ביטע, שטערט זיך ניט, — האָט ליובאָוו געענטפֿערט.

„אַן אידעלער און העפֿלעכער!“... — האָט ליובאָוו באַמערקט פֿאַר זיך אַליין, און אָפּגייענדיק פֿון טיש צום בופֿעט, האָט זי זיך אויפֿמערקזאַם גענומען צוהערן צו סמאָלינס געשפּרעך. ער האָט גערעדט ווייך, זיכער, מיט אַ פּשטות, אין וועלכער ס'האָט זיך געשפּירט פֿאַרערונג צום מיטשמועסער.

— איז אַזוי — איך האָב בערך פֿיר יאָר גרינדלעך שטודירט די לאַגע פֿון רוסישן לעדער אויף די אויסלענדישע מערק. די לאַגע איז אַ טרויעריקע און אַ שלעכטע! מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָט זיך אונזער פֿעל גערעכנט דאָרטן פֿאַר אַ מוסטערהאַפֿטע. איצט פֿאַלט דאָרט כּסדר די נאָכפֿראַגע און, פֿאַרשטייט זיך, אויך דער פּרייז. און דאָס איז פּולקום נאַטירלעך—מחמת ביים מאַנגל אין קאַפּיטאַל און קענטעניש האָבן ניט די אַלע לעדער־פֿאַבריצירער קיין מעגלעכקייט אויפֿצוהייבן די פּראָדוקציע אויף דער געהעריקער הייך און גלייכצייטיק זי אויך צו פֿאַרביליקערן... זייער סחורה איז געוואַלדיק שלעכט און טייער... און אַלע זיינען זיי דירעקט שולדיק קעגן רוסלאַנד מיט דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעפֿירט איר רעפּוטאַציע אַלס פּראָדוצירער פֿון בעסטן לעדער. בכלל האָט ניט דער קליינער אונטערנעמער, וועמען עס פֿעלט טעכנישע קענטענישן און קאַפּיטאַל, קיין מעגלעכקייט צו פֿאַרבעסערן זיין אויסאַרבעטונג צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער טעכניק, — אַזאַ אונטערנעמער איז, אַזוי אַרום, אַ צרה פֿאַרן לאַנד, אַ פּאַראַזיט פֿון איר האַנדל...

— מם.... — האָט דער אַלטער אַ בּורטשע געטאָן, קוקנדיק מיט איין אויג אויפֿן גאַסט, און מיטן צווייטן אויף דער טאָכטער. — הייסט עס, האָסט איצט בּדעה צו מאַכן אַזאַ גרויסע פֿאַבּריק, וואָס זאָל זיין פֿאַר אַלעמען — אַ קבר מיט אַ דעקל.

— אָ, ניין! — האָט סמאָלין אויסגערופֿן, אָפּוועגנדיק זיך מיט אַ לייכטן זשעסט פֿון דעם אַלטנס רייד. — צו וואָס טשעפּען אַנדערע? מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט? מיין ציל איז — אויפֿהייבן די באַדייטונג און דעם ווערט פֿון דער רוסישער פֿעל אין אויסלאַנד, און אָט, באַוואָפֿנט מיטן וויסן פֿון דער פּראָדוקציע, וועל איך בּויען אַ מוסטערהאַפֿטע פֿאַבּריק און אַרויסלאָזן אויפֿן מאַרק אַ מוסטערהאַפֿטע סחורה... האַנדל, דאָס איז דער כּבוד פֿון לאַנד...

— אַ סך, רעכנסטו, דאַרף מען האָבּן דערצו קאַפּיטאַל? — האָט מאַיאַקין געוואָלט געוואָר ווערן, אַ פֿאַרקלערטער.

— אַרום דריי הונדערט טויזנט...

„אַזויפֿיל, טאַטע, וועסטו ניט געבּן פֿאַר מיר“, — האָט ליובּאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— מיין פֿאַבּריק וועט אויך אַרויסלאָזן אויסגעאַרבּעטע זאַכן פֿון פֿעל, ווי וואַליזעס, שיך, לייצעס, רימענס א. אַז. וו.

— און מכּוח וואָס פֿאַר אַ פּראָצענט חלומסטו? — האָט דער אַלטער געפֿרעגט.

— איך חלום ניט, — איך רעכן אַלץ אויס אויפֿן האָר, מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט, וואָס איז נאָר מעגלעך בּיי אונזערע רוסישע באַדינגונגען, — האָט סמאָלין איבּערציינגנדיק געזאָגט. — דער אונטערנעמער מוז זיין שטרענג-ניכטער, ווי אַ מעכאַניק, וועלכער שאַפֿט אַ מאַשין... מען מוז האַלטן אויפֿן זינען דאָס דרייען זיך פֿון יעטווידער קלענסטן שרייפֿעלע, אויבּ דו ווילסט ערנסט פֿאַרנעמען זיך מיט אַן ערנסט געשעפֿט. איך קען אייך געבּן איבּערלייענען אַ מאַטעריאַל, וואָס איך האָבּ צונויפֿגעשטעלט, געשטיצט אויף מיין פּערזענלעכן שטודיום, וועגן כּי-צוכט און וועגן דאָס בּאַנוצן פֿלייש אין רוסלאַנד...

— זע נאָר! — האָט מאַיאַקין געשמייכלט. — דו, בּרענג מיר דיין מאַטעריאַל... מערקווערדיק! קענטיק — האָסט ניט אומזיסט פֿאַר-

בראַכט די צייט אין די סאַמע מערב-אייראָפּעס... נו, און איצט וועלן מיר עפּעס עסן אויפן רוסישן שטייגער...

— וואָס מאַכט איר, ליובאָוו יאַקאָלעוונאַ? — האָט סמאָלין געפרעגט, באַוואָפענענדיק זיך מיט גאָפּל-און-מעסער.

— ס'איז איר לאַנגווייליק ביי מיר... — האָט שוין מאַיאַקין געענטפערט פאַר דער טאָכטער. זי איז מיין הויז-פאַרוואַלטערין... די גאַנצעווירטשאַפט ליגט אויף איר, נו, האָט זי ניט קיין צייט צו פאַרברענגען...

— און ס'איז ניטאָ וואו אויך, דאַרף מען צוגעבן, — האָט ליובאַ געזאָגט. — די סוחרישע בעלער און אָוונטן האָב איך ניט ליב...

— און אין טעאַטער? — האָט סמאָלין געפרעגט.

— גיי איך אויך זעלטן... ניטאָ מיט וועמען...

— טעאַטער! — האָט אויסגערופן דער אַלטער. — זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, — צו וואָס איז דאָס דאָרט אַזאַ מאָדע געוואָרן, מען נעמט אַ סוחר און מען שטעלט אים פאָר פאַר אַ ווילדן שוטה? דאָס איז אַפילו זייער בריילעך, נאָר — אומפאַרשטענדלעך, במילא — ניט אמת! וואָס בין איך פאַר אַ שוטה, וויבאַלד איך בין אַ באַלעבאָס — אין דומע, אַ באַלעבאָס — אין מסחר, און אַפילו דאָס טעאַטערל איז אויך מיינער?... קוקסט אין טעאַטער אויפן סוחר, און זעסט — ער איז ניט אַזוי ווי אין לעבן! געווים, אויב מען שטעלט פאָר עפּעס היסטאָרישס — למשל: „דאָס לעבן פאַרן צאַר" מיט געזאַנג און טענץ, אָדער „האַמלעט", „די כישופמאַכערין", „וואַסי-ליסאַ" — דאַרף מען דאָרט ניט קיין ריכטיקייט, ווייל דאָס געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט און האָט צו אונז ניט קיין שייכות... ריכ-טיק אָדער ניט ריכטיק — וואָלט כאָטש געווען גוט... אָבער, אַז דו שטעלסט פאָר עפּעס אַ היינטצייטיקע — איז ליג ניט! איז באַווייז דעם מענטשן, ווי עס באַדאַרף צו זיין...

סמאָלין האָט זיך צוגעהערט צום אַלטנס רייד מיט אַ העפ-לעכן שמייכל און געוואָרפן צו ליובאָען אַזעלכע בליקן, פונקט ער וואָלט זי איינגעלאַדן, זי זאָל עפּעס זאָגן קעגן פאָטער. אַ ביסל אַ צעטומלטע האָט זי טאַקע זיך אָפּגערופן:

— אָבער דאָך, פּאַפּאַשאַ, איז דער סוחרים־שטאַנד דאָס רובֿ ניט געבילדעט און ווילד...

— נ־יאָ, — האָט מסכּים זייענדיק, געזאָגט סמאָלין, שאָקלענדיק מיט באַדויערונג מיטן קאָפּ, — דאָס איז אַ טרויעריקער אמת...

— אָט, למשל, פּאָמאַ... — האָט צוגעגעבן דאָס מיידל.

— אַ? — האָט מאַיאַקין אויסגערופן. —נו, איר זייט נאָך יונגעלייט, פֿאַר אײַך איז נאָך אַן עסק ביכער...

— און אין קיין שום געזעלשאַפֿטן נעמט איר ניט קיין אָנטייל? — האָט סמאָלין געפֿרעגט בײַ ליובאָ־ן. — ס'זיינען דאָך פֿאַראַן בײַ אײַך אַ סך פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטן...

— יאָ, — האָט ליובאָוו אָפּזיפֿצנדיק געזאָגט, — נאָר איך לעב אָן אַ זייט פֿון אַליך...

— די באַלעבאַטישקייט — האָט דער אַלטער אַרייגעמישט זיך. — מיר האָבן דאָ אַזויפֿיל פֿאַרשיידענע זאַכן... מען דאַרף אַליך האָבן אין זינען, האַלטן ריין און אין אָרדענונג...

ער האָט מיט זעלבסטצופֿרידנקייט, מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אויפֿן טיש, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט גלאַנציקן קרישטאָל און זילבער, און אויף אַ פּאָליצע, וואָס האָט זיך געבראָכן אונטער דער שווערקייט פֿון די כּלים, אָנגעוואָרפֿענע אין אַ בערגל, וואָס האָט דערמאָנט אַן אויסשטעלונג אין אַ שויפֿענסטער פֿון אַ קראָם. סמאָלין האָט דאָס אַליך באַטראַכט און אויף זיינע ליפּן האָט אַדורכגעשוועבט אַן איראָנישער שמייכל. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף ליובאָווס פּנים; זי האָט אין זיין בליק אויסגעכאַפּט עפּעס פֿריינטלעכס, מיטפֿילנדיקס צו איר. אַ לייכטע רויטקייט האָט באַדעקט אירע באַקן און זי האָט אינערלעך, מיט אַ ציטערדיקער פֿרייד געזאָגט זיך:

„גאָט צו דאַנקען!“...

דאָס פֿיַיער פֿון דעם שווערן, בראָנזענעם לאָמפּ האָט ווי העלער אויפֿגעלויכטן אויף די זייטן פֿון די קרישטאָלענע וואַזעס און אין צימער איז געוואָרן ליכטיקער.

— מיר געפֿעלט אונזער אַלטע, וואַילע שטאָט! — האָט סמאָלין גערעדט קוקנדיק אויפֿן מיידל מיט אַ ווייכן שמייכל, — די שטאָט

איז אַ שיינע, אַ לעבעדיקע... ס'איז דאָ אין איר עפּעס מונטער־דיקס, וואָס מאַכט שטימונג צו אַרבעט... איר בילדערישקייט אַליין רעגט שוין עפּעס אָן... ס'ווילט זיך דאָ לעבן מיט אַ ברייט לעבן... ס'ווילט זיך דאָ אַרבעטן אַ סך און ערנסט... דערצו איז עס — אַ אינטעליגענטע שטאָט... זעט, ס'איז אַ זאַכלעכע צייטונג דאָ גייט אַרויס... איבעריקנס —, מיר ווילן זי אָפּקויפן....

— ווער איז דער מיר? — האָט מאַיאַקין געפרעגט.

— איך, נו... אורוואַנצעוו און שטשוקין.

—דאָס איז — לויבנסווערדיק! — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן, דערלאַנגענדיק אַ קלאַפּ מיטן האַנט אויפן טיש, — דאָס איז — זייער ריכטיק! שוין צייט זיי צו פאַרמאַכן דעם פּיסק — שוין לאַנג צייט! דערהויפּט אָט דעם יעזשאָוו דאַרטן... עפּעס אַ אַ זעג אַזאַ ציינערדיקע... אָט אים לערנט אָן! אָבער נישקשהדיק!...

סמאָלין האָט ווידעראַמאָל צוגעוואָרפן ליובאָוון אַ שמייכל־דיקן בליק, און ווידער האָט איר האַרץ אויפגעצאַפּלט מיט פרייד. מיט אַ פּורפּור־רויטקייט אויפן פּנים האָט זי זיך אָפּגערופן צום פאָטער, אַדרעסירנדיק אינערלעך צום חתן:

— אויף וויפיל איך פאַרשטיי אַפריקאַן דימיטריעוויטש, קוקט ער אָפּ די צייטונג בכלל ניט צוליב דעם, כדי צו פאַרמאַכן איר דאָס מויל, ווי איר מיינט....

— אויף וואָס־זשע דען? — האָט דער אַלטער געפרעגט, ציענדיק מיט די אַקסלען. —מער ווי אַ מהומה אין אַ פּוסטע קלינגערייַ ברענגט זי ניט אַריין... געוויס, ווען דאָס פאָלק פון מעשים, דער סוחר, הייסט עס, וואָלט זיך אַליין גענומען שרייבן דאָרט...

— אַרויסגעבן אַ צייטונג, — האָט מיט איבערצייגונג גערעדט סמאָלין, איבערשלאָגנדיק דעם אַלטן זיינע רייד, — קען, אפילו גע־קוקט פון געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט, זיין זייער אַ רווחדיקער גע־שעפט. נאָר חוץ דעם, האָט אַ צייטונג אַן אַנדער ציל, אַ מער וויכ־טיקערן. — דאָס איז: באַשיצן די פּערזענלעכע רעכט און די אינ־טערעסן פון דער אינדוסטריע און האַנדל...

— אַט דאָס זאָג איך דאָך אײַך! װיבאַלד דער סוחר אַליין װעט אָנפירן מיט איר, מיט דער צײַטונג, — דעמאָלט — איז זי נײַטיק...

— דערלויבט, פּאַפּאַשאַ, — האָט ליובאָװ גענומען אַ װאָרט.

זי האָט אָנגעהויבן שפּירן אַ באַדערפעניש זיך אַרויסצו־זאָגן פאַר סמאָלינען; איר האָט זיך געװאָלט איבערצײַגן אים, אַז זי פאַרשטייט די באַדײַטונג פון זײַנע װערטער, אַז זי איז — ניט קיין פּראָסטע, סוחרישע טאָכטער, אַ טענצערקע און קליידלניצע. סמאָ־לין איז איר געפעלן. דאָס ערשטע מאָל האָט זי דערזען אַ סוחר, װעלכער האָט לאַנג געלעבט אין אויסלאַנד, און טראַכט אַזוי אי־בערצײַגנדיק, האַלט זיך אָנשטענדיק, איז אַזוי געראָטן אָנגעטאָן און רעדט מיט איר פאָטער — דעם ערשטן חכם אין שטאָט — מיט אַ דרך־ארצדיקן טאָן פון אַ דערװאַקסענעם מיט אַ מינדער־יעריקן.

„נאָך דער חתונה װעל איך מיט אים איבעררײדן, ער זאָל מיך מיטנעמען אין אויסלאַנד...“—האָט זי פּלוצלונג אַ טראַכט געטאָן, און װערנדיק צעטומלט פון דאָזיקן געדאַנק, האָט זי פאַרגעסן, װאָס זי האָט געװאָלט זאָגן דעם פאָטער. װערנדיק זײַער רויט, האָט זי אַ װײַלע געשװיגן, אַרומגעכאַפּט אינגאַנצן מיט אַ פּחד, אַז איר שטיל־שװײַגן קען סמאָלין אויסטײַטשן ניט גוט פאַר איר.

— איר האָט צוליבן שמועס דערװײַלע פאַרגעסן פאַרלייגן דעם גאַסט װײַן... — האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט נאָך עטלעכע אומ־אָנגענעמע רגעס פון שטילשװײַגן.

— דאָס איז שוין דײַן זאַך: דו ביסט די באַלעבאָסטע... — האָט דער פאָטער זיך געשפּאַרט.

— אָ, באַאומרויִקט זיך ניט! — האָט סמאָלין לעבעדיק אויס־גערופן. — איך טרינק כמעט ניט...

— טאַקע? — האָט מאַיאַקין געפרעגט.

— איך פאַרזיכער אײַך! אַמאָל אַ גלעזל, אָדער צװײ, װען איך בין מיד, ניט געזונט... אָבער װײַן צוליב פאַרגעניגן — איז מיר אומפאַרשטענדלעך... פאַר אַ קולטורעלן מענטשן זײַנען פאַראַן אַנ־דערע פאַרגעניגנס...

— דאַמען אפשר? — האָט דער אַלטער אַ פרעג געטאָן מיט אַ וואונק.

סמאָלינס באַקן און האַלז האָבן באַקומען אַ רויטן קאָליר, וואָס האָט זיך אים געוואָרפן איבערן גאַנצן פּנים. מיט אויגן פון אַנטשולדיקונג האָט ער אַ קוק געטאָן אויף ליובאָוון און טרוקן געענטפערט איר פאָטער:

— דאָס איז — טעאַטער, ביכער, מוזיק...

ליובאָוו איז געוואָרן אינגאַנצן אויפגעלעבט פון זיינע ווער־טער.

און דער אַלטער האָט ווי פון אונטערן שטערן אַ קוק געטאָן אויפן ווערדיקן יונגנמאַן, האָט שאַרפלעך געשמייכלט און פּלוצ־לונג אַרויסגעפּלאַצט:

— עך, דאָס לעבן באַוועגט זיך! פריער פלעגט אַ כלבֿל קייען אַ סקאָרינקע, איצט איז דעם הינטל די סמעטענע אַפילו שיטערלעך... אַנטשולדיקט, מיינע ליבע הערן, פאַרן זויערן וואָרט... דאָס וואָרט איז טאַקע ריכטיק אויפן אָרט! אָבער איך האָב ניט וועגן אייך געמיינט — נאָר בכלל...

ליובאָוו איז בלייך געוואָרן און מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף סמאָלינען. ער איז געזעסן תּיכּף, באַטראַכטנדיק אַן אַלטן זאַלצמעסטל, אין פאָרם פון אַ תּיבהלע, באַצירט מיט עמאַל, האָט געדרייט די וואָנצעס, ווי ער וואָלט ניט געהערט דעם אַלטנס רייד... זיינע אויגן זיינען אָבער געוואָרן טונקל, און די ליפּן זיינען געווען געשלאָסן עפּעס זייער פעסט, פון וואָס די ראַזירטע גאָמבע האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס.

— איז, הייסט עס, מיין הער, קינפטיקער ערשטער פאַברי־קאַנט, — האָט, ווי גאָרנישט ניט געווען, אַ זאָג געטאָן מאַיאַקין, — ידריי הונדערט טויזנט קערבלעך, און — דיין געשעפט וועט זיך פונאַנ־דערברענען, ווי אַ שרפה?

— און אין אָנדערטהאַלבן יאָר אַרום לאָז איך אַרויס מיין ערשטע פאַרטיקע סחורה, וואָס מען וועט עס רייסן ביי מיר פון די הענט, — האָט סמאָלין זיך אָפּגערופן פשוט, מיט אַן אומבאַזיגטער זיכערקייט

אין זיך, און אָנגעשטעלט אויפן אַלטנס אויגן אַ שטייפן קאַלטן בליק.

— הייסט עס: דאָס האַנדלסהויז פון סמאָלין און מאַיאַקין און — מער קיינער ניט? אַזוי — איז עס... אָבער... פאַר מיר איז שוין צו שפּעטלעך אַ ניי געשעפטל צו מאַכן, האַ? מען דאַרף רעכענען, אַז פאַר מיר איז שוין לאַנג אַ קבֿרל גרייט... ווי מיינסטו וועגן דעם?

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט סמאָלין עטלעכע רגעס געלאַכט מיט אַ זאַפטיקן, אָבער גלייכגילטיקן און קאַלטן געלעכטער און נאָכהער געזאָגט:

— ע, זאָל זיין גענוג...

דער אַלטער האָט אַ ציטער געטאָן ביי זיין געלעכטער און מיט שרעק זיך אָפּגערוקט מיט אַ קוים באַמערקטער באַוועגונג, מיטן גאַנצן גוף. נאָך סמאָלינס ווערטער האָבן אַלע דריי אַ ווײַלע געשוויגן.

— נ־יאַ־אָ... — האָט מאַיאַקין געזאָגט, ניט־אויפהייבנדיק דעם נידעריק־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — מען דאַרף אַ קלער טאָן וועגן דעם... איך דאַרף זיך מיישב זיין... — און אויפהייבנדיק נאָכהער דעם קאָפּ האָט ער שאַרף אָנגעקוקט זיין טאָכטער און דעם חתן, זיך אויפגעהויבן פון שטול און געזאָגט גראָב און אומעטיק: — איך וועל אויף אַ ווײַלע אַריין צו זיך אין קאַבינעט... איך מיין, איר וועט זיך ניט לאַנגווײַליקן אָן מיר...

און ער איז אַרויס, שווער שלעפּנדיק די פיס, מיט אַ געבויגענעם רוקן און אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ...

די יונגעלייט, בלייבנדיק אויג אויף אויג, האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט אייניקע פּוסטע פראַזעס, און דערפילנדיק, קענטיק, אַז דאָס דערווײַטערט זיי איינעם פון צווייטן, זיינען זיי ביידע אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַ שווערן און ניט־היימישן, אויסוואַרטנדיקן שווייגן. ליובאָוו האָט גענומען אַן אַפּעלסין און מיט אַ פאַרגרעסערטער אויפמערקזאַמקייט אָנגעהויבן שיילן אים, און סמאָלין האָט באַטראַכט זיינע וואָנצעס, אַרונטערלאָזנדיק זיינע אויגן נידעריק, דאַן האָט ער זיי פלייסיק געגלעט מיט זיין לינקער האַנט, געשפּילט

זיך מיט אַ מעסער און פֿלוצלונג מיט אַ שטילערן קול געפֿרעגט בײַם מײדל:

— אָ... — אַנטשולדיקט מיך פֿאַר ניט־באַשײדנקײט! — הפּנים, אײַך איז אין אמתן שװער, ליובאָװ יאַקאָװלעװנאַ, צו לעבן מיטן פּאַפּאַשאַ... ער איז בײַ אײַך פֿון אַלטן טעסטאַמענט און — אַנטשולדיקט — אַ האַרטער!

ליובאָװ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און אַ בליק געטאָן אױפֿן רײטן מענטשן מיט דאַנקבאַרע אױגן, זאָגנדיק אים:

— ניט לײכט, נאָר איך בין געװױנט... ער האָט אָבער אױך זײַנע מעלות...

— אָ, דאָס איז אָן ספֿק! אָבער איר, אַזאַ יונגע, אַזאַ שײנע און געבילדעטע, איר מיט אײַערע מײנונגען... איך האָב דאָך עפּעס װעגן אײַך געהערט...

ער האָט זיך אַזױ צאַרט און מיטפֿילנדיק צעשמײכלט און זײַן שטים איז געװען בײַ אים אַזױ װײך... אין צימער האָט אַ װײע געטאָן מיט װאַרעמקײט, װאָס דערװאַרעמט די נשמה, און אין דער מײדלס האַרץ האָט אַלץ העלער זיך צעברענט אַ ציטערדיקע האָפֿענונג אױפֿן גליק צו װערן באַפֿרײט פֿון דער ענגער געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון אײנזאַמקײט...

.XII

אַ געדיכטער גראָלעכער נעפּל איז געהאַנגען איבערן טייך און אַ דאַמפּער איז מיט אַ פאַרטויבנדיקן געשריי פּאַמעלעך געשוואומען קעגן שטראָם. פייכטע און קאַלטע, איינפאַרביקע — טויטלעכע כמאַרעס האָבן צונויפגעדריקט דעם דאַמפּער פון אַלע זייטן און איינגעשלונגען אַלע זיינע קלאַנגען, צונויפמישנדיק זיי אין זייער נעפּלדיקער פייכקייט. אַ מעשענער געבריל פון סיגנאַלן האָט הייזעריק געליאַרעמט, טרויעריק און אַזוי מאָדנע קורץ, אַרויסרייסנדיק זיך פון טרויב; דער קלאַנג האָט ווי ניט געפונען זיך קיין אָרט אין דער לופט, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ געדיכטער פייכטקייט און געפאַלן נידעריק אַ נאַסער און דערוואָרגענער. דער רעש פון די רעדער פון דאַמפּער האָט געקלונגען אַזוי פאַנטאַסטיש-הייזעריק, ווי ער וואָלט געבאָרן געוואָרן ניט דאָ נאָענט, בײַ די זייטן פון שיף, נאָר ערגעץ טיף, אונטן אויפן פינסטערן דעק פון טייך. פון דאַמפּער גופא איז ניט געווען צו זען ניט קיין וואַסער, ניט קיין ברעגעס, ניט קיין הימל: אים האָט פון אַלע זייטן אַרומגעכאַפּט אַ בלייענע גראָע געוועב, אָן אַן אָפּשפּיגלונג, איינטעניק-אייגנאַרטיק, וואָס איז געווען אומבאַוועגלעך, און געדריקט אויפן דאַמפּער מיט אַן אומבאַגרענעצטער שווערקייט, האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין באַוועגונג און ווי זיך געגרייט אַריינזויגן אויך אים אין זיך, ווי זי האָט איינגעזאַפּט זיינע קלאַנגען. ניט געקוקט אויף די פאַרטויבנדיקע קלעפּ פון רודער איבערן וואַסער און גלייכמעסיקן ציטער פון קאָרפּוס — האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאַמפּער וואַרפט זיך אויף איין אָרט, ווערגנדיק זיך אין גסיסה, שיפּעט, ווי אַן אויסגייענדיקע לעגענדאַרע, אומגעהייערע חיה, יאָמערט אין אַן אָפּשטאַרבנדיקער בענקעניש, יאָמערט פון ווייטאָג און פּחד פאַרן טויט.

די פֿייערן פֿון דאַמפּער זײַנען געווען אָן לעבן. אַרום די לאָמטערנעס אויפֿן מאַסט־בוים האָט זיך געבילדעט אַ געלער, אומבאַוועגלעכער פֿלעק; דער פֿלעק איז געשטאַנען אין נעפּל איבערן דאַמפּער, ניט אַרויסגעבנדיק פֿון זיך קיין גלאַנץ און גאָרנישט ניט באַלײַכטנדיק — אויסער די גראָע פֿינסטערניש. דער רויטער פֿייער פֿון דעק איז געווען ענלעך אויף אַ געוואַלדיקע אויג, וואָס איז אַרויסגעקוועטשט געוואָרן דורך עמעצנס אַ גרויזאַמער האַנט, און וואָס איז בלינד געוואָרן, אַ פֿאַרגאָסענע פֿון בלוט. בלײַכע ליכט־פֿלעקן זײַנען געפֿאַלן אין נעפּל פֿון די פֿענסטער פֿון דאַמפּער און האָבן באַשאָטנט זייער קאַלטן, ניט פֿרײלעכן נצחון איבערן שיף, וואָס איז געווען אַרײַנגעפּרעסט אין דער אומבאַוועגלעכער מאַסע פֿון דער שטיקנדיקער פֿײַכטקייט.

דער רויך פֿון די קוימענס איז געפֿאַלן נידעריק און צוזאַמען מיט די שטיקער נעפּל איז ער דורכגעדרונגען אין אַלע שפּאַלטן פֿון דעק, וווּ די פּאַסאַזשירן פֿון דריטן קלאַס האָבן זיך שווײַגעוודיק געטוליעט אין זייערע שמאַטעס, צונויפֿגעשלאָגענע אַלע צוזאַמען, ווי שעפּסן. פֿון דער מאַשין האָבן זיך געטראָגן שווערע, אָנגעשטרענגטע זיפֿצן, אַ ציטערדיקע גלעקל־געקלינגערײַ, הייזעריקע שטימען פֿון דער קאָמאַנדע און אָפּגעהאַקטע ווערטער פֿון מאַשיניסט:

— דער גאַנג איז אַ שטילער!... אַ מיטעלער!...

אין הינטערשטן טייל פֿון שיף זײַנען אין אַ ווינקל, אָנגעשטעלט מיט קוילעס געזאַלצענע פֿיש, געזעסן אַ גרופּע מענטשן, באַלויכטן פֿון עלעקטרישע לעמפּלעך. דאָס זײַנען געווען עפּעס תמימותדיקע אַזעלכע, וואַרעם און ריין־אָנגעטאָנענע פּויערים; איינער פֿון זיי איז געלעגן אויף אַ באַנק, אויסגעצויגן מיטן רוקן אַרויף, אַ צווייטער איז געזעסן בײַ זײַנע פֿיס, נאָך איינער איז געשטאַנען אָנגעלענט מיטן אַקסל אָן אַ קוילע, און צוויי אַנדערע זײַנען געזעסן פּשוט אויפֿן דעק. זייערע אַלעמענס פּנימער, פֿאַרטראַכטע אַזעלכע און אויפֿמערקזאַמע, זײַנען געווענדט אויף איינעם, אַ ביסל אָן אײַנגעבויגענעם מאַן אין אַן אָפּגעקראָכענער ריאַסע און מיט אַ צעריסענער פֿילענער היטל. דער מאַן איז מיט אַ געבויגענעם רוקן

געזעסן עפּעס אויף אַ קאַסטן, געקוקט אונטער זײַנע פֿיס און גערעדט מיט אַ שטילן, זיכערן קול:

— ס'וועט דאָך קומען אַ סוף צו גאָטס לאַנגער געדולד, און ס'וועט אויסברעכן זײַן צאָרן איבער די מענטשן... מיר אַלע זײַנען — ווי ווערים אַנטקעגן אים און ווי וועלן מיר דאַן קענען אויסמײַדן זײַן צאָרן, מיט וועלכע געווײנען קענען מיר אַרויסרופֿן בײַ אים זײַן לײַטזעליקייט צו אונז?

געטריבן פֿון זײַן בענקשאַפֿט, האָט זיך פּאַמאַ אַראָפּגעלאָזט פֿון זײַן קאַיוטע אויפֿן דעק, און איז שוין פֿון אַ לאַנגער ווײַלע געשטאַנען אין שאָטן פֿון עפּעס סחורה, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ ברעזענט און זיך אײַנגעהערט צו דער קורצער, זיך בעטנדיקער שטים פֿון מוסר־זאָגער. שפּאַנענדיק איבערן דעק, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער גרופּע און זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר, ווערנדיק צוגעצויגן דורך דער געשטאַלט פֿון וואָגלער. עס איז געווען פֿאַר אים עפּעס באַקאַנטס אין אָט דעם גרויסן שטאַרקן גוף, מיטן שטרענגען, פֿינסטערן פּנים און מיט די גרויסע רויקע אויגן. די געקרויזטע, האַלב־גראָע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון אונטער זײַן יאַרמולקע, זײַן ניט־געקאַמטע באָרד, אַ געדיכטע אַזאַ, אַ צעטײלטע אויף דיקע קנוילן, דער לאַנגער הויקערדיקער נאָז, די שפּיציקע אויערן, די גראָבע ליפּן — דאָס אַלץ האָט פּאַמאַ שוין אַמאָל געזען, נאָר האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, ווען און וואו.

— נ־יאָ... אַ סך ניט באַצאָלטע חובֿות, האָבן מיר קעגן גאָט! — האָט זיך אָפּגערופֿן איינער פֿון די פֿויערים, מיט אַ שווערן זיפֿץ.

— מען דאַרף תּפֿילה טאָן... — האָט קוים הערנדיק אַרויסגעמורמלט דער פֿויער, וואָס איז געלעגן אויפֿן באַנק.

— צו דען נאָר מיט תּפֿילות אַליין קען מען אַראָפּקראַצן פֿון דער נשמה אונזערע פֿאַרשאָלטענע זינד? — האָט הויך און כּמעט מיט פֿאַרצווייפֿלונג אין קול זיך אָפּגערופֿן עמעצער פֿון דער זײַט.

קיינער פֿון דער גרופּע אַרום דעם וואָגלער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן אויף אָט דער שטים, אָבער אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריקער און אַ לאַנגע צײַט זײַנען די מענטשן געזעסן אומבאַוועגלעך און שטום.

דער וואָגלער האָט אַלע צוהערער אַרומגענומען מיט אַן ערנסטן און פֿאַרטראַכטן בליק אין זיינע בלאָע אויגן און שטיל אַרויסגערעדט:

— ביי עפֿרעם סירין איז געזאָגט געוואָרן: „פֿאַרוואַנדל די נשמה דיינע אין אַ צענטער פֿון דיינע געדאַנקען און שטאַרק דיין ווילן צו באַפֿרייען זיך פֿון זינד"...

ער האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איבערוואַרפֿנדיק מיט די פֿינגער די הייליקע פּאַטשערקעס אויף זיין האַנט.

— טראַכטן, הייסט עס, דאַרף מען... — האָט זיך איינער פֿון די פּויערים אָפּגערופֿן... — און וועגן האָט דער מענטש צייט צו טראַכטן אויף דער וועלט, וואָס ער לעבט?

— אומעטום — אַ יאָגעניש....

— אין מדבר אַנטלויפֿן... — האָט הורכגעוואָרפֿן דער ליגנדיקער פּויער.

— ניט אַיעדער קאָן דאָס...

אַזוי האָבן די פּויערים גערעדט צווישן זיך — און ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ס'האָט זיך דערהערט אַ פּייף, אין דער מאַשין-אָפּטיילונג האָט אַ ציטער געטאָן דער גלעקל. פֿון ערגעץ-וואו האָט זיך דערטראָגן אַ הויכער אויסגעשריי:

— אָט! שוין זיך אָנגעהויבן...

— אָ, גאָט, הימלשע קיניגין! — האָט זיך דערהערט אַ שווערער קרעכץ.

און אַ הייזעריקער, האַלב-דערשטיקטער קול האָט געלאָזט הערן:

— נ-יי-ן... נ-יי-ן....

שטיקער נעפּל האָבן זיך פֿון ערגעץ אַריינגעריסן אויפֿן דעק און זיך צעשוואומען איבער איר מיט אַ קאַלטן, גראָען רויך...

— מענטשן גוטע, הערט זיך איין צו די רייד פֿון מלך דוד... — האָט גערעדט דער וואַנדערער, און צישאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן דיטלעך לייענען: „גאָט, לערן מיך אים דיין אמת; צוליב מיינע פֿיינט גלייך אויס מיין וועג צו דיר! ווייל אויף זייערע ליפּן איז ניטאָ קיין גערעכטיקייט, זייער האַרץ איז הבל, אַן אָפֿענער קבר — איז זייער האַלז, מיט זייערע צינגער חנפֿהנען זיי... משפּט זיי, גאָט, זאָלן זיי זיך אָפּווענדן פֿון זייערע מחשבות..."

— אַ־כט... זי־בן.... — האָט זיך פֿון ווייטן דערטראָגן מיט שווערע זיפֿצן.

דער דאַמפֿער האָט צאָרנדיק אַ הודיע געטאָן און גענומען גיין שטילער. דאָס קלאַפּעדיקע רוישן פֿון דאַמף האָט פֿאַרטריבט דעם וואָגלערס רייד און פּאַמעלאַ האָט געזען נאָר די באַוועגונג פֿון זיינע ליפּן.

— אַראָפּ פֿונדאַנען! — האָט זיך דערהערט אַ בייזער און הייכער געשריי. — ס'איז מיין אָרט!

— דיי־נער?

— אָט דאָרט איז דיי־נער!

— איך וועל דיר דערלאַנגען אין מאָרדע אַריין... וועסטו געפֿינען אַן אָרט... פֿריץ מיינער!

— אַ־ראָפּ!

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת. די פּויערים, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צום וואָגלער, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ אין דער זייט, פֿונוואַנען ס'האָט זיך געהערט די קריגעריי, און דער וואָגלער איז מיט אַ קרעכץ אַנטשוויגן געוואָרן. לעבן דער מאַשין האָט אויסגעבראָכן אַ לעבעדיקע און הויכע אַמפּעריי, ווי ס'וואָלטן זיך צעברענט טרוקענע צווייגן, וואָס מען האָט אַריינגעוואָרפֿן אין אַ צאַנקעדיקן שייטער.

— איכ'ל איך, טיוואָלים! ביידן דערלאַנגען...

— פֿירט זיי אָפּ צום קאַפּיטאַן...

— כאַ־כאַ־כאַ! אָט דאָס הייסט געכאַפּט אַ פּסק!

— ער איז אים נישקשהדיק אַריינגעפֿאָרן אין האַלדז!

— מאַטראָסן — זיינען פֿלינקע יונגען...

— אַ־כט... נ־יין... — האָט אויסגערופֿן דער ציילער.

— שנעלער — לאָזן! האָט זיך דערהערט דעם מאַשיניסטס הויכער אויסגעשריי.

אונטערוויגנדיק זיך איף די פֿיס איבער דער באַוועגונג פֿון דאַמפֿער, איז פּאַמעלאַ נאָך אַלץ געשטאַנען, צוגעטוליעט צום ברעזענט און זיך עמפֿינדליך איינגעהערט צו אַלץ, וואָס ס'האָט זיך

אַרום אים געטאָן, און אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין בילד, וואָס איז אים שוין געווען באַקאַנט.

אין נעפל און אין דער אומבאַשטימטקייט, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ פאַרן אויג ניט=דורכדרינגענדיקער טונקלקייט, באַוועגט זיך שווער און לאַנגזאַם ערגעץ=וואו דאָס לעבן פון די מענטשן. און די מענטשן זיינען באַזאָרגט איבער זייערע זינד, זיי זיפצן שווער, און דאָ רייסט מען זיך פאַר אַ וואַרעמען אָרט און מען שלאָגט זיך איינער מיט צווייטן, כדי צו פאַרכאַפּן דאָס אָרט — און מען נעמט נאָך צו קלעפ מצד די, וועלכע ווילן זיך דערשלאָגן אַ סדר אין לעבן. פחדנותדיק זוכן זיי אַ פרייען וועג צו זייער ציל.

— ניי=ן... אַ=כט...

שטיל טראָגט זיך איבערן שיף אַ נאָגנדיקער געשריי... אין די הייליקע תפילה פון וואָגלער ווערט פאַרטויבט אין טומל פון לעבן. און ניטאָ קיין באַפרייונג פון דער בענקעניש, ניטאָ קיין פרייד פאַר דעמיעניקן, וועלכער פאַרטראַכט זיך וועגן זיין גורל...

פאָמען האָט זיך געוואָלט ריידן מיט אָט דעם וואָגלער, אין וועמעס שטילע ווערטער האָט געקלונגען אַן איפריכטיקע מורא פאַר גאָט און אַ פחד איבער די מענטשן פאַר גאָטס אָנגעזיכט. דעם וואָגלערס עניוותדיקע, בעטנדיקע שטים האָט אין זיך פאַרמאָגט אַן איינגאַרטיקן כוח, וואָס האָט געצוואונגען פאָמען איינצוהערן זיך צו זיין טיפן, ברוסטיקן קלאַנג.

„טשיקאַווע צו פרעגן ביי אים, ווי ער לעבט... — האָט פאָמאַ געטראַכט, זאָרגפעלטיק אַרומקוקנדיק די גרויסע, איינגעבויגענע געשטאַלט. — און וואו האָב איך דאָס אים געזען? אפשר איז ער ענלעך אויף אַ באַקאַנטן?“

פלוצלונג האָט זיך פאָמען מיט עפּעס אַ באַזונדער קלאָרקייט פאָרגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער באַשיידענער מוסר=זאָגער איז ניט קיין אַנדערער, ווי דער זון פון אַלטן אַנאַני שטשוראָוו. אַ געפּלעפּטער פון דער דאָזיקער אַנטפּלעקונג, איז ער צו צום וואָגלער, און זעצנדיק זיך גלייך מיט אים, האָט ער פאַרבונדן מיט אים אַ געשפּרעך:

— פון אירגיז, אפשר, פאָטער?

יענער האָט אויסגעהויבן דעם קאָפּ, האָט לאַנגזאַם און שווער אויסגעדרייט צו פּאָמען זיין פּנים, זיך אַיינגעקוקט אין אים און מיט אַן עניוותדיקן, רויִקן קול געענטפערט:

— געווען איך אין אורגיז...

— אַן אַרטיקער אַליין, וואָס?

— ניין...

— און איצט — פונוואַנען?

— פון הייליקן סטעפּאַן...

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן, — ביי פּאָמען האָט ניט געקלעקט קיין דרייסטקייט צו פרעגן דעם וואָגלער, צי איז ער ניט שטשוראָוו?

— מירן פאַרשפּעטיקן צוליבן נעפּל, — האָט עמעצער זיך אָפּגערופן.

— ווי זאָל מען ניט פאַרשפּעטיקן!

אַלע האָבן געשוויגן, קוקנדיק אויף פּאָמען. אַ יונגער, אַ שיינער, ריין און רייך אָנגעטאָן, האָט ער דערוועקט ביי די אַרו-מיקע נייגעריקייט מיט זיין פּלוצלינגן באַווייזן זיך צווישן זיי. ער האָט געפילט די דאָזיקע נייגעריקייט, פאַרשטאַנען, אַז אַלע וואַרטן פון אים אַ וואָרט, ווילן פאַרשטיין, צוליב וואָס איז ער געקומען צו זיי, און דאָס אַלץ האָט אים צעטומלט און פאַרדראָסן.

— דאַכט זיך, איך האָב דיך וואו געזען, פאָטער... — האָט ער ענדלעך געזאָגט.

דער וואָגלער האָט, ניט קוקנדיק אויף אים, געענטפערט:

— אפשר...

— כ'וואָלט מיט דיר באַדאַרפט ריידן... — האָט פּאָמאַ ניט דרייסט און ניט הויך געמאָלדן.

— איז וואָס? רייד...

— קום מיט מיר...

— וואוהין?

— אין מיין קאַיוטע...

דער וואָגלער האָט אַ קוק געטאָן אויף פּאָמען געזיכט און אַנטשוויגן ווערנדיק, מסכים געווען:

— קום...

אַוועקגייענדיק האָט פּאָמאַ געשפּירט הינטער זיין רוקן די בליקן פון די פויערים, און ס'איז אים איצט געווען אָנגענעם צו וויסן, אַז זיי זיינען מיט אים פאַראינטערעסירט.

אין דער קאַיוטע האָט ער ווייך געפרעגט:

— אפשר וועסטו וואָס עסן? — זאָג — וועל איך הייסן דערלאַנגען...

— קריסטוס זאָל דיר העלפן... — וואָס באַדאַרפסטו?

דער מענטש, — אין דער אַלטער, אָפּגעקראָכענער ריאַסע, באַדעקט מיט לאַטעס, שמוציק און אָרומגעריסן, — האָט ביטולדיק אַרומגעקוקט די קאַיוטע, און ווען ער האָט זיך געזעצט אויף דער פּליושענער סאָפע, האָט ער פאַרקאַשערט אונטער זיך די פּאָלע פון זיין ריאַסע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט איינצוריכטן זיך פון דעם פּליוש.

— ווי הייסטו, פּאָטער? — האָט פּאָמאַ געפרעגט, באַמערקנדיק דעם ביטולדיקן אויסדרוק אויף זיין פּנים.

— מיראָן...

— ניט מיכאַיל?

— וואָס עפּעס מיכאַיל? — האָט דער וואָגלער געפרעגט.

— געווען... ביי אונז אין שטאָט... אַ זון ביי איינעם אַ סוחר, ביי שטשוראָוון... ער איז אויך אַוועק אין אירגיז... האָט מען אים גערופן מיכאַיל...

פּאָמאַ האָט גערעדט און דורכדרינגענדיק געקוקט אויפן פּאָטער מיראָן; נאָר יענער איז געווען רויק, ווי אַ טויב-שטומער.

— כ'האָב אַזעלכן ניט באַגעגנט... איך געדענק ניט, ניט געטראָפן... — האָט ער פאַרטראַכט געענטפערט. — וועגן אים האָסטו דאָס געוואָלט זיך נאָכפרעגן?

— יאָ-אָ...

— איך האָב מיכאַיל שטשוראָוון אין ערגעץ ניט געטראָפן... נו, זיי מיר מוחל, קריסטוסן צוליב! — און אויפהייבנדיק זיך פון דער סאָפע, האָט דער וואָגלער זיך פאַרנויגט פאַר פּאָמען און זיך געלאָזט צו דער טיר...

— דו וואַרט נאָר... זיך... לאָמיר שמועסן!... — האָט מאַמאַ אויסגערופן, אַ קער טוענדיק זיך צו אים אַן אומרויִקער. יענער האָט מיט אַ פראַגע אַ קוק געטאָן אויף מאַמען און זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפע.

פון ערגעץ ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ אומקלאָרער קלאַנג, ענלעך אויף אַ שווערן קרעכץ, — און באַלד נאָכדעם האָט זיך איבער די קעפּ פון מאַמען און זיין גאַסט צעהודזשעט דער צעשראָקענער אויסגעצויגענער פייף פון דער דאַמפער־טרייב. פון ווייט האָט מען אים צוריק געענטפערט שוין קלערער, און ער האָט זיך ווידער צעיללהט מיט אָפּגעהאַקטע און דערשראָקענע קולות. מאַמאַ האָט געעפנט דעם פענסטער... אין נעפל, ניט ווייט פון זייער דאַמפער, האָט זיך עפּעס באַוועגט מיט אַ שווערן גערויש, ס'זיינען פאַרבייגעשוואומען פלעקן פון אַ ליכטיקן געשפּענסט, דער נעפל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איז ווידער אָפּגעשטאָרבן אין אַ טויטער אומבאַוועגלעכקייט...

— ס'אַר אַ שרעק! — האָט מאַמאַ אויסגערופן, פאַרמאַכנדיק צוריק דעם פענסטער.

— וואָס איז דאָ זיך צו שרעקן? — האָט דער וואָגלעח געפרעגט.

— אָט־וואָס! ניט טאָג, ניט נאַכט איז איצט... ניט פינסטער, ניט ליכטיק! קיין זאַך זעט מען ניט... מיר שווימען ערגעץ וואו, מיר בלאָנדזשען איבערן טייך...

— האָב אין זיך אַ פייער, אַן אינערלעכן, האָב ליכטיקייט אין דער נשמה — וועסטו אַליץ דערזען... — האָט דער וואָגלער מוסרנדיק און שטרענג געזאָגט.

מאַמאַ האָט דערשפּירט אַן אומצופרידנקייט פון אָט־די קאַלטע ווערטער און האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויפן וואָגלער. יענער איז געזעסן מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, אַן אומבאַוועגלעכער, ווי אַ פאַרגליווערטער אין געדאַנקען און תפילות. די הייליקע פּאַטשערקעס אויף זיינע הענט האָבן שטיל געקלימפּערט...

זיין פּאָזע האָט אונטערגעגעבן מאַמען עפּעס אַ פרייע דרייסטקייט און ער האָט געזאָגט:

— זאָג, פּאַטער מיראָן, איז גוט אַזוי צו לעבן... אינגאַנצן אויף דער פריי.... אָן באַשעפטיקונג, אָן פאַמיליע... וואַנדערן, אַט, ווי דו?

דער פּאַטער מיראָן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך שטיל צעלאַכט מיט עפּעס אַ ווייכן, קינדערשן שמייכל. זיין גאַנצער פּנים, וואָס איז געווען פאַרברוינט פון ווינט און פון היץ, האָט אַ לייכט געטאָן מיט דער שיין פון אַן אינערלעכער פרייד. ער איז געווען שוין גאָר אַן אַנדער מענטש — ניט דער פריערדיקער מתפּלל און פרעדיקער פון אַ געראַכטיקן לעבן און מורא פאַר גאָט, נאָר אַ גוטער און פּשוטער פויער, וועמענס ווייכער געלעכטער האָט אויך ביי פּאַמען אַרויסגערופן אַ גוטמוטיקן שמייכל. נאָר אָפּלאַכנדיק און אַ קוק טוענדיק אויף פּאַמען, האָט מיראָן בלויז טיף אַ זיפץ געטאָן און קורץ געזאָגט:

— ס'איז דען שלעכט!...

— ביסטו, הייסט עס, צופרידן מיט דיין לעבן?

— איך באַלעסטיק ניט גאָטס אויערן מיט מיינע תּביעות... — נישקשה, מען לעבט! דאָס אָרעמע לעבן — איז גאָטס אמת... דאָס איז דאָס איינציקע לעבן — פריי פון די ערדישע נעצן...

— און איך... — האָט פּאַמאַ אָנגעהויבן ריידן, נאָר איז באַלד געבליבן שטיין און אַנטשוויגן געוואָרן. אין זיינע אויערן האָט נאָך אַלץ געקלונגען דער דאָזיקער אייבערדיקער פריילעכער געלעכטער...

— פאַרוואָס ביסטו אַוועק פון דער היינטיקער וועלט? — האָט ער ענדלעך אַ פרעג געטאָן נאָך זיין שטילשווייגן.

— פרעמדע צרות אַרט ניט מיינע ברידער.... — האָט מיראָן רויק געענטפערט און באַקוקנדיק די קאַוטע מיט אַן אויפמערקזאַמען, פאָרשנדיקן בליק, האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ ביטולדיקער באַדויערונג:

— ווי זיי האָבן דאָס אָנגעבויט! באַפּוצן זיך, באַצירן זיך פון דרויסן, אָבער אינעווייניק איז נאָך אַלץ די זעלבע טומאה...

— יאָ-אָ... — האָט פּאַמאַ אויסגעצויגן, קוקנדיק אין פּענס-

טער — איז דיר הייסט עס גוט צו וואָגלען? ס'איז פריי איינער אליין אַזוי צו לעבן?

— עך, ברודער מיינער! — האָט דער וואָגלער שטיל אויס־גערופן, צורוקנדיק זיך צו פּאָמען און אַריינקוקנדיק אים אין געזיכט צאַרט און אומעטיק. — איך פיל — אַז דיין נשמה איז צעחדערט... אמת?

פּאָמאַ האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט דער־וואַרטונג געקוקט אויף זיין מיטשמועסער. ביי מיראָנען האָט דאָס פּנים געגלאַנצט מיט אַ שטילער פרייד. ער האָט זיך מיט דער האַנט צוגערירט צו פּאָמעס קני און גערעדט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים:

— שטופּ אַוועק פון זיך דאָס ערדישע, ווייל ס'איז ניטאָ דערין קיין זיסקייט. איך זאָג אַן אמת וואָרט, — טרעט אָפּ פון דאָס ביי. געדענקסט, ס'ווערט געזאָגט: „וואויל איז דעם מאַן, וואָס הערט זיך ניט צו צום ראָט פון די רשעים און שטייט ניט אויפן וועג פון די זינדיקע?“ דערווייטער זיך פון זיי, דערפריש דיין זעל אין איינזאַמקייט און פיל אין דיין מחשבה מיט גאָט... ווייל נאָר דאָס טראַכטן וועגן גאָט קאָן ראַטעווען דעם מענטשן פון אַלע אומ־גליקן...

— ניט דאָס! — האָט פּאָמאַ זיך אָפּגערופן. — ניט ראַ־טעווען זיך דאַרף איך. צי האָב איך דען אַזוי־פיל געזינדיקט? אַנ־דערע אפשר... איך דאַרף נאָר פאַרשטיין...

— וועסט אויך פאַרשטיין, אויב דו וועסט זיך אָפּשיידן פון דער וועלט... גיי אַרויס אויפן פרייען וועג, אויף די פעלדער, אויף די סטעפּעס, אויף די שליאַכן, אויף די בערג... גיי אַרויס און קוק אָן די וועלט פון דער פרי, פון דער ווייט...

— אָט! — האָט פּאָמאַ אויסגעשריען. — אָט דאָס אייגענע מיין איך אויך... פון דער זייט זעט מען בעסער!

נאָר מיראָן האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע רייד, ער האָט גערעדט אַזוי שטיל, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גרויסער געהיימעניש, וואָס איז באַקאַנט בלויז אים, דעם וואַנדע־רער:

— די אַלטע וועלדער אַרום דיר וועלן זיך צערוישן מיט זיסע קולות וועגן גאָטס חכמה; גאָטס פֿייגעלעך וועלן דיר זינגען וועגן זיין הייליקן שם, און די גראָזן אין סטעפּ וועלן דיר רויכערן מיט קטורת פֿון דער געהייליקטער גאָטס מוטער...

דעם וואָגלערס שטים האָט זיך דאָ אויפֿגעהויבן און געציטערט פֿול מיט געפֿיל, דאָ זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט צו אַ סודותדיקן שעפּטשען. ער איז ווי געוואָרן יינגער: זיינע אויגן האָבן געשיינט אַזוי זיכער און קלאָר, און זיין גאַנצער פּנים האָט געגלאַנצט מיט אַ גליקלעכן שמייכל פֿון אַ מענטש, וועלכער האָט געפֿונען אַן אויסוועג פֿאַרן געפֿיל פֿון זיין פֿרייד און יובלט, אויסגיסנדיק איר.

— אין יעדער גרעזעלע שלאָגט גאָטס האַרץ; יעדע באַשעפֿעניש, צי אין דער לופֿט, צי אין וואַסער, אָטעמט מיט זיין הייליקן גייסט: אומעטום לעבט גאָט דער האַר, יעזוס קריסטוס! ס'איז אַ שיינקייט אויף דער ערד, אויף די פֿעלדער און אין די וועלדער! ביסט געווען אויפֿן קערזשענעץ? אַ שטילקייט איז דאָרט אַן אומגעוויינלעכע, די ביימער, די גראָזן — פֿון גן־עדן...

פֿאָמאַ האָט געהערט, און זיין פֿאָרשטעלונג, געפֿאַנגען פֿון שטילן, באַצויבערנדיקן דערציילן, האָט געמאָלט פֿאַר אים די דאָזיקע ברייטע פֿעלדער און געדיכטע וועלדער, פֿול מיט שיינקייט און שטילקייט, וועלכע באַרויקט די נשמה...

— קוקסט אין הימל, ליגנדיק ערגעץ אונטער אַ קשאַק, און דער הימל לאָזט זיך אינגאַנצן אַרונטער צו דיר, ווי ער וואָלט דיך וועלן אַרומנעמען... אויף דער נשמה איז וואַרעם און פֿרייִדיק — שטיל, ס'ווילט זיך דיר עפּעס קיין זאַך ניט, ביסט גאָרנישט ניט מקנא... און ס'ווייזט זיך דיר דאַן אויס, אַז אויף דער גאַנצער ערד — ביסטו בלויז און גאָט...

דער וואָגלער האָט גערעדט, און פֿאָמען האָבן זיין שטים און זיין זינגענדיקע שפּראַך דערמאָנט די וואונדערלעכע מעשהלעך פֿון דער אַלטער מומע אַנפֿיסאַ. ער האָט זיך געפֿילט אַזוי, ווי ער וואָלט, נאָך אַ לאַנגן וועג אין אַ הייסן טאָג, געטרונקען אַ ריינעם און קילן געטראַנק פֿון אַ וואַלדיק טייכל, — אַ געטראַנק דורכגענומען

מיטן ריח פון גראָזן און בלומען וועלכע ווערן פון אים געוואַשן... פאַר אים האָבן זיך אַליין ברייטער פונאַנדערגעוויקלט העלע בילדער: אָט איז אַ שטעגעלע אין אַ געדיכטן וואַלד; דורך די ביימערצווייגן דרינגען דורך דינע שטראַלן פון דער זון און ציטערן אין דער לופט און אונטער די ביים פון וואַנדערער... ס׳שמעקט געשמאַק מיט שוועמלעך און צעפוילטע בלעטער; אַ האָניק־ריח פון בלומען, אַ געדיכטער דופט פון סאָסנעס רויכערט זיך אומגעזען אין אַוויר און דרינגט אַריין אין ברוסט מיט אַ וואַרעמען, זאַטן שטראָם... אַרום איז אַ שטילקייט: בלויז די פייגלען זינגען, און די שטילקייט איז אַזוי כישופדיק, אַז ס׳ווייזט זיך אויס — אַז אויך אין דיין ברוסט זינגען פייגלען... דו גייסט, ניט אײַלנדיק זיך, און דיין לעבן גייט אויך, ווי אַ חלום...

און דאָ איז אַליין אַרומגעכאַפּט מיט אַ גראָען, טויטן נעפּל און מיר וואַרפן זיך אין אים אָן אַ וועג, בענקענדיק נאָך פרייהייט און ליכט. אָט האָט מען אונטן גענומען זינגען, מיט קוים הערנדיקע קולות, עפּעס האַלב אַ ליד, האַלב אַ תפילה. ווידער שרייט דאָרט עמעצער, שילט זיך, און מען זוכט אַליין אַ וועג:

— זי־בן מיט אַ האַלב... זי־בן!....

— און דו האָסט וועגן קיין זאַך ניט קיין זאָרג, — האָט דער וואָגלער ווייטער גערעדט און זיין שטים האָט געפּליסט, ווי אַ שטראָם, — אַ שמויק ברויט גיט מען אומעטום; און וואָס נאָך איז דיר, אַ פרייען אַזאַ — נייטיק? אויף דער וועלט ליגן זיך די זאָרג, ווי קייטן אויף דער נשמה...

— גוט רעדסטו! — האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט פאָמאַ.

— ברודער מיינער, טייערער! — האָט שטיל אויסגערופן דער וואָגלער, זיך נאָך נעענטער צורוקנדיק צו אים. — אויב דיין נשמה האָט דערוואַכט, אויב זי בעט זיך אויף דער פריי — איז פאַרשלעפּער זי ניט מיט געוואַלד, הער זיך צו צו איר שטים... ניטאָ אויף דער וועלט, אין איר רייץ קיין שום שיינקייט און הייליקייט — צוליב וואָס זאָל מען זיך אונטערוואַרפן איר געזעץ? אין יאָאַן זלאַטאָוסט ווערט געזאָגט: די אמתע שכינה איז דער מענטש! שכינה איז אַ

ייִדיש וואָרט און באַטייט — דאָס הייליקסטע פון אַלע הייליקסטע... דאָס הייסט...

דער צעצויגענער ברום פון טרייב האָט פאַרטויבט דעם וואָגלערס שטים. ער האָט זיך אײַנגעהערט, האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון דער סאָפע און זיך אָפּגערופן:

— דאָס פייפט מען צום האַפן... איך דאַרף דאָ אַראָפּשטייגן! נו, אַדיע, ברודערל! זאָל דיר גאָט געבן שטאַרקייט און כּוח צו קענען האַנדלען לויט דעם ווילן פון דײַן נשמה! אַדיע, טייערער!

ער האָט זיך נידעריק גענייגט פאַר פאָמען. ס'איז געווען עפּעס ווייבלעך צאַרטס און ווייכס אין זײַנע אָפּשייד־ווערטער און אין זײַן נייגן זיך. אויך פאָמאַ האָט זיך נידעריק גענייגט צו אים, גענייגט זיך און פאַרגליווערט געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אָן טיש.

— וועסט זײַן אין שטאָט, קום אַרײַן צו מיר... — האָט ער געבעטן דעם וואָגלער, וועלכער האָט שוין שנעל אַ דריי געטאָן דאָס הענטל פון טיר.

— איך וועל אַרײַנקומען! — איך וועל קומען... אַדיע. זאָל דיך קריסטוס היטן...

ווען דער דאַמפער האָט זיך מיטן זייט אַ זעץ געטאָן אָן האַפן, איז פאָמאַ אַרויס אויף דער גאַלעריע און גענומען קוקן אונטן אין נעפּל. איבער די בריקלעך פון דאַמפער זײַנען געגאַנגען מענטשן, נאָר צווישן די דאָזיקע טונקעלע געשטאַלטן, אַרומגעוויקלט מיט אַ געדיכטער פינסטערניש, האָט ער ניט דערקענט דעם וואָגלער. אַלע, וועלכע זײַנען אַראָפּ פון דאַמפער, זײַנען געווען אומקלאָר און אַלע זײַנען זיי שנעל פאַרשוואונדן פון אויג, ווי זיי וואָלטן צעגאַנגען אין דער גראָער פייכטקייט... מען האָט ניט געזען, ניט דעם ברעג, ניט קיין שום פעסטעס. דער האַפן האָט זיך געוויגט פון אויפרודערונג, וואָס דער דאַמפער האָט פאַרשאַפט, איבער אים האָט זיך געשאָקלט אַ געלבער פלעק פון אַ לאַמטערן, דער גערויש פון די טריט און דאָס מענטשלעך געווימל איז געווען, ווי פאַרשטיקט...

דער דאַמפער האָט אָפּגערודערט און זיך פאַמעלעך גערירט אין די כמאַרעס. דער וואָגלער, דער האַפן, דער געווימל פון די מענטשלעכע

קולות — אַלץ איז פּלוצלונג נעלם געוואָרן, ווי אַ חלום, און ס'איז ווידער איבערגעבליבן בלויז דאָס געדיכטע געוועב און דער דאַמפּער, וועלכער האָט זיך געדרייט אין אים. פֿאָמאַ האָט געקוקט פֿאָראויס אין דעם טויטן ים פֿון נעפּל און געטראַכט וועגן בלאָען ריינעם און צערטלעך־וואַרעמען הימל — וואו איז ער?

אויף מאָרגן נאָך האַלבנטאָג איז פֿאָמאַ שוין געזעסן אין יעזשאָווס צימער און אויסגעהערט שטאָטישע נייס פֿון זיין חבר. יעזשאָוו איז אַרויסגעקראָכן אויפֿן טיש, וואָס איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט צייטונגען, און וויגנדיק מיט די פֿיס דערציילט:

— ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַל־קאַמפּאַניע... די סוחרימשאַפֿט שטעלט אַרויס אַלס שטאָט־פּרעזידענט דיין טויף־פֿאָטער... דעם אַלטן מחבל! ווי אַ מחבל איז ער — אומשטאַרבלעך...כאָטש, ס'קען זיין, אים איז שוין געוואָרן אָנדערהאַלבן הונדערט יאָר. זיין טאָכטער מאַכט ער חתונה פֿאַר סמאָלינען... דו געדענקסט דעם רויטן! וועגן אים רעדט מען, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער מאַן... נאָר לויט הייַנטיקע צייטן רופֿט מען אָן אַלס אָרנטלעכע לייט אויך קלוגע אויסוואורפֿן... ווייל קיין מענטשן — זיינען ניטאָ! אַפֿריקאַשקאַ האַלט זיך איצט פֿאַר אַ פֿאָרגעשריטענעם מענטשן, ער האָט שוין באַוויזן אַריינצובאַקומען זיך אין דער אינטעליגענטישער געזעלשאַפֿט, האָט עפּעס ערגעץ געגעבן אַ נדבה — איז זיך באַלד אַרויסגערוקט. לויטן פּרצוף — איז ער אַ זשוליק פֿון ערשטן גראַד, אָבער ער וועט שפּילן אַ ראָלע, מחמת ער באַזיצט אַ געפּיל פֿון מאָס. נ־יאָ, ברודער, אַפֿריקאַשקאַ — איז אַ ליבעראַל... און אַ ליבעראַלער סוחר — איז אַ געמיש פֿון אַ וואָלף און אַ חזיר מיט אַ זשאַבע און אַ שלאַנג...

— כאַפּט זיי אַלעמען דער קאַדיק! — האָט פֿאָמאַ געזאָגט, אַ מאַך טוענדיק גלייכגילטיק מיט דער האַנט. — וואָס פֿאַר אַ שייכות האָב איך מיט זיי? וואָס הערט זיך ביי דיר — טרינקסט נאָך אַלץ?

— איך טרינק! פֿאַרוואָס זאָל איך ניט טרינקען?

דער האַלב אָנגעטאָנענער און צעשויבערטער יעזשאָוו איז געווען ענלעך אויף עפּעס אַן אַרומגעפּליקטן פֿויגל, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געריסן מיט אַ צווייטן פֿויגל און נאָך ניט באַוויזן קומען צו זיך פֿון דער מלחמה־איבערלעבונג.

— איך טרינק, ווייל איך מוז פון צייט צו צייט לעשן דעם פלאַם פון מיין באַליידיקט האַרץ... און דו — פייכטער קאָרטש, פוילסט אונטער צו ביסלעך?

— איך דאַרף גיין צום אַלטן... — האָט פּאָמאַ געזאָגט קנייטשנ־דיק דאָס געזיכט.

— איז גיי!

— ס'ווילט זיך ניט... ער וועט נעמען זאָגן מוסר...

— איז גיי ניט...

— איך מוז...

— איז גיי יאָ!

— נו, וואָס לעצעוועסטו? — האָט פּאָמאַ געזאָגט אַן אומצופרי־דענער, — פּונקט ווי ס'וואָלט אים אין אמתן געווען פריילעך...

— מיר איז, בנאמנות, פריילעך! — האָט יעזשאָוו אויסגערופן, אַראָפּשפּרינגענדיק פון שטול. אײַ, האָב איך דאָס נעכטן איינעם אַ הער דערלאַנגט אַ חלק אין בלאַט! איך האָב שפּעטער געהערט אַ קלוגן אַנעקדאָט: אַ געזעלשאַפט זיצט ביים ברעג ים און פילאָסאָפירט ברייטלעך וועגן לעבן. רופט זיך אָפּ אַ ייד: „רבותי! צו וואָס ברייען אַזויפיל פאַרשיידנאַרטיקע רייד? איך וועל אייך זאָגן אַלץ מיט איינמאָל: אונזער לעבן איז ניט ווערט קיין קאָפּיקע, אָט ווי דער דאָזיקער שטורמישער ים!“...

— ע, זאָל שוין זיין גענוג! — האָט פּאָמאַ אַ זאָג געטאָן. — אַ גוטן... איך גיי...

— גיי! איך בין היינט גוט געשטימט און קען ניט מיט דיר זיפצן... נאָכמער, ווען דו אַליין זיפצט אויך ניט, נאָר דו כרוקעסט.

פּאָמאַ איז אַוועק, איבערלאָזנדיק יעזשאָוון זינגענדיק מיטן גאַנצן גאָרגל:

„Греми въ бар-рабанъ и — не бойся...“ *

---

* פויק אין דער פויק און האָב ניט קיין מורא...

„אַ פּויק... ביסט דאָך אַליין אַ פּויק“... — האָט פּאָמאַ מיט אויפרעגונג אַ טראַכט געטאָן, אַרויסגייענדיק ניט אײַלנדיק זיך אויף דער גאַס.

בײַ מאַיאַקינען האָט אים אויפגענומען ליובאַ. עפּעס אַ צערודערטע און אויפגעלייגטע, האָט זי זיך פּלוצלונג באַוויזן לעבן אים, ריידנדיק שנעל:

— דו? מײַן גאָט! ווי בלייך דו זעסט אויס... ווי מאָגער... אַ גוט לעבן, ווייזט אויס, פּירסטו!

דערנאָך האָט זיך איר פּנים אומרויִק אויסגעקרימט און זי האָט כמעט מיט אַ שעפּטשען אויסגערופן:

— אַך, פּאָמאַ! דו ווייסט ניט — אָט!... הערסט? מען קלינגט! אפשר — ער...

און דאָס מיידל איז אַרויסגעלאָפן פון צימער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אין לופט דאָס גערויש פון איר זיידן קלייד און יעם צעטומלטן פּאָמען, וועלכער האָט נאָך ניט באַוויזן איר אַפילו צו פרעגן, וואו דער פאָטער איז? יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש איז געווען אין דער היים. יום-טובדיק אָנגעטאָן, אין אַ לאַנגן פראַק מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט, איז ער געשטאַנען אין טיר מיט צעשפּרייטע הענט, אָנהאַלטנדיק זיך אָן די לייסטן. זײַנע גרינע אייגעלעך האָבן דורכגעדרונגען פּאָמען, און דערשפּירנדיק אויף זיך זייער בליק, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך באַגעגנט מיט זיי.

— גוטמאָרגן, פײַנער מאַן! — האָט דער אַלטער אויסגערעדט, שאָקלענדיק מיט פאָרוואורף מיטן קאָפּ. — פונוואַנען באַוויליקט איר צו קומען? ווער האָט דאָס פון אײַך דאָס פּעטס אויסגעזויגן? אַ חזיר הכט אַ לוזשע, און פּאָמאַ — וואו ס'איז ערגער.

— קיין אַנדערע ווערטער האָט איר ניט פאַר מיר? — האָט פּאָמאַ ברוגזלעך אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק אויפן אַלטן פון דער זייט.

און פּלוצלונג האָט ער דערזען, אַז דער טויף-פאָטער האָט זיך אינגאַנצן אַ טרייסל געטאָן. זײַנע פיס האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן, די אויגן האָבן גענומען פינטלען און די הענט האָבן זיך מיט אָנשטרענגונג אײַנגעשטשעמעט אין די לייסטן. פּאָמאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, רעכענענדיק, אַז דעם אַלטן איז ניט גוט געוואָרן, נאָר

יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט מיט אַ הייזעריקער, כּעסדיקער שטים אַ געשריי געטאָן:

— ריר מיך ניט אָן... גיי אַוועק...

און זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ געוויינלעכן אויסדרוק...

פֿאָמאַ האָט אָפּגעטראָטן צוריק און זיך אָנגעשטויסן פּנים-אל-פּנים מיט עפּעס אַ ניט-הויכן און קיילעכדיקן מענטשל, וועלכער האָט באַגריסט מאַיאַקינען מיט אַ כריפּענדיקן קול:

— גוט-מאָרגן, פּאַפּאַשאַ!

— גוט-מאָר-גן, טאַראַס יאַקאָוולעוויטש, גוט מאָרגן... — האָט געענטפֿערט דער אַלטער, נויגנדיק זיך און שמייכלענדיק פֿאַרלאָרן און ניט צונעמענדיק די הענט פֿון די לייסטן.

פֿאָמאַ האָט אַ מטושטשער אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, געזעצט זיך אין פֿאָטעל און פֿאַרשטיינערט פֿון נייגעריקייט, גענומען קוקן מיט ברייט-צעעפֿנטע אויגן אויף דער באַגעגעניש פֿון פֿאָטער מיטן זון.

שטייענדיק אין טיר, האָט דער פֿאָטער פֿונאַנדערגעוויגט זיך מיט זיין קרענקלעכן גוף, האַלטנדיק זיך מיט די הענט אָן די לייסטן און דעם קאָפּ אויף אַ זייט, האָט ער מיט צונויפֿגעזשמורעטע אויגן שווייגנדיק געקוקט אויפֿן זון. דער זון איז געשטאַנען אַ טריט דריי פֿון אים, מיט אַ הויך אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן גראָ ווערן. מיט פֿאַרכמורעטע ברעמען און מיט גרויסע טונקעלע אויגן האָט ער געקוקט אויפֿן פֿאָטער. זיין שוואַרץ-שפּיציק בערדל און זיינע קליינע וואָנצעס האָבן געצוקט אויפֿן טרוקענעם פּנים, מיטן געקאַרבטן נאָז, ווי ביים פֿאָטער. דער קאַפּעליוש האָט אויך געציטערט ביי אים אין האַנט. הינטער זיין רוקן האָט פֿאָמאַ דערזען דאָס בלייכע, דערשראָקענע און פֿריילעכע פּנים פֿון ליובען — זי האָט געקוקט אויפֿן פֿאָטער מיט תּחנונימדיקע אויגן און ס'האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט באַלד אַ געשריי טאָן. איניקע רגעס האָבן אַלע געשוויגן און זיך ניט גערירט פֿון אָרט, דערדריקט פֿון דער גרויסקייט פֿון דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. דאָס שווייגן האָט צעשטערט די שטילע, אויסטערליש הייזעריקע און צאַפּלדיקע שטים פֿון יאַקאָוו מאַיאַקין:

— ביסט אַלט געוואָרן, טאַראַס...

דער זון האָט אַ שווייַגנדיקער געשמייכלט דעם פֿאָטער אין פּנים און מיט אַ שנעלן בליק אים באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

אָפּרייסנדיק די הענט פֿון די לייסטן, האָט דער פֿאָטער אַ שפּאַן געטאָן צום זון — און זיך אָפּגעשטעלט, ווערנדיק פּלוצלונג פֿאַרוואָלקנט. טאַראַס מאַיאַקין איז דאַן מיט אַ גרויסן שפּרייז צוגעקומען צום פֿאָטער און אויסגעשטרעקט צו אים אַ האַנט.

— נו... לאָמיר זיך צעקושן... — האָט דער אַלטער שטיל פֿאַרגעלייגט.

ביידע אַלטע האָבן זיך קאָנוואולסיוו אַרומגעקלאַמערט מיט די הענט און זיך שטאַרק צעקושט און דאַן אָפּגעטראָטן איינער פֿון צווייטן. די קנייטשן פֿון עלטערן האָבן געציטערט, דאָס טרוקענע געזיכט פֿון ייִנגערן איז געבליבן אומבאַוועגלעך, כמעט שטרענג. דער קוש האָט גאָרנישט געענדערט אין דער אויסערלעכער זייט פֿון דער סצענע, ליובאַ האָט זיך פֿון פֿרייד צעוויינט און פֿאָמאַ האָט זיך אומגעלומפּערט געדרייט אין פֿאָטעל, פֿילנדיק, אַז עס פֿאַרפּעלט אים אָטעם.

— עך... קינדער... ניט די פֿרייד פֿון מײַן האַרץ זייט איר — נאָר זיינע וואונדן... — האָט זיך מיט אַ קלינגענדיקער שטים באַקלאָגט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש, און קענטיק, ער האָט אַ סך אַרייַנגעלייגט אין אָט די רייד, מחמת באַלד נאָכדעם האָט ער אויפגעשיינט, איז געוואָרן מונטער און האָט זיך לעבעדיק אָפּגערופֿן, ווענדנדיק זיך צו דער טאָכטער:

— נו, דו ביסט זויער געוואָרן פֿון זיסקייט? אײַדאַ — גייַ גרייט עפּעס צו פֿאַר אונז... טיי און נאָך עפּעס... מירן מכבד זײַן דעם פֿאַרבלאָנדזשעטן זון! דו האָסט געווים, אַלטיטשקער, פֿאַרגעסן וואָס פֿאַר אַ טאַטן דו האָסט?

טאַראַס מאַיאַקין האָט מיט אַ פֿאַרטראַכטן בליק אין זיינע גרויסע אויגן געקוקט אויפֿן פֿאָטער און געשמייכלט, אַ שווייַגעדיקער, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, צוליב וואָס די גראָע האָר אויפֿן קאָפּ און אין דער באָרד זיינען געווען נאָך בולטער...

— נו, זעץ זיך! דערצייל — ווי האָסטו געלעבט, וואָסטו גע־

טאָן?... וואוהין קוקסטו? האַ! דאָס איז מיין טויט=זון... איגנאַט גאָרדעיעוום זון, פּאָמאַ... געדענקסטו איגנאַטן?

— איך געדענק אַלץ — האָט טאַראַס געזאָגט.

— האַ? דאָס איז גוט... אויב דו באַרימסט זיך ניט... האָסט חתונה געהאַט?

— אַן אַלמן...

— קינדער האָסטו?

— געשטאָרבן... געווען צוויי...

— אַ שאָד... איך וואָלט געהאַט אייניקלעך...

— מען קען פאַררייכערן? — האָט טאַראַס געפרעגט ביים פאָטער.

— ביטע!... זע נאָר, — ציגאַרן רויכערט ער...

— איר האָט דאָס ניט ליב?

— איך? טו, וואָס דו ווילסט, מיר איז אַלץ איינס... צו דאָס, וואָס איז פּריציש בין איך אַזוי זיך... ווען ניט איז אַ ציגאַר...

— צוליב וואָס זיך שטעלן נידעריקער פאַר די פּריצים? — האָט טאַראַס שמייכלענדיק געזאָגט.

— איך שטעל זיך דען נידעריקער? — האָט דער אַלטער אויסגערופן. — איך האָב דאָס פּשוט אַזוי געזאָגט... מיר איז קאָמיש... ס'איז אַן אָנשטענדיקער אַלטיטשקער, מיט אַן אויסלענדישער באָרד, און מיט אַ ציגאַר צווישן די ציין... ווער איז דאָס? מיין זונעלע... כע=כע=כע!—דער אַלטער האָט אַ שטורכע געטאָן טאַראַסן אין פּלייצע און אָפּגעשפּרונגען פון אים, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן. צי ער פרייט זיך אפשר ניט צו פרי, צי באַצייט ער זיך ווי ס'באַדאַרף צו זיין צום דאָזיקן גרויען מאַן? און ער האָט מיט אַ פראַגע און מיט חשד אַ קוק געטאָן אין זונס גרויסע אויגן, אַרומגערינגלט מיט געלבלעכע בערגלעך.

טאַראַס האָט געשמייכלט דעם פאָטער אין פּנים מיט אַ העפלעכן, וואַרעמען שמייכל און אַ פאַרקלערטער זיך אָפּגערופן:

— אָט אַזעלכן געדענק איך אייך... אַ פריילעכן און לעבעדיקן.... ווי איר וואָלט זיך פאַר די יאָרן אַ האָר נישט געענדערט...

דער אַלטער האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט, און אַ זעץ טוענדיק מיטן פויסט זיך אין ברוסט באַטאָנט:

— איך — וועל זיך קיינמאָל ניט ענדערן!... ווייל איבערן מענטש, וואָס וויים זיין ווערט, האָט דאָס לעבן ניט קיין מאַכט! אַזוי — האַ?

— אָהאָ! ס'אַר אַ שטאָלצער איר זייט...

— אין זון גערעכט, קענטיק! — האָט מיט אַ ביטערע גרימאַסע גערעדט דער אַלטער. — ביי מיר, ברודער, האָט דער זון זיבעצן יאָר געשוויגן פון שטאָלצקייט...

— דאָס איז דערפאַר, ווייל דער פאָטער האָט אים ניט גע־וואָלט אויסהערן... — האָט טאַראַס דערמאָנט.

— מילא! מאַלע וואָס איז געווען... גאָט אַליין וויים ווער פאַר וועמען איז שולדיק... ער, דער גערעכטיקער, וועט דאָס דיר זאָגן, וואַרט! אָבער איך וועל שווייגן... איצט איז ניט די צייט פאַר מיר צו ריידן וועגן דעם... דו זאָג מיר אָט וואָס — מיט וואָס האָסטו זיך די גאַנצע צייט פאַרנומען? ווי אַזוי ביסטו אויפן סאָדע־זאַוואָד אָנגעקומען? ווי האָסטו זיך דערשלאָגן צו אַ מענטש?

— אַ לאַנגע געשיכטע! — האָט טאַראַס אָפּזיפצנדיק געזאָגט, און אַרויסלאָזנדיק פון מויל אַ געדיכטן רויך, האָט ער, ניט אײַלנ־דיק, אָנגעהויבן: — ווען איך האָב באַקומען די מעגלעכקייט צו לעבן אויף דער פריי, בין איך אָנגעקומען אין דער קאַנטאָר פון פאַרוואַלטער איבער רעמעזאָווס גאָלדגרובן...

— איך קען זיי... זיי זיינען די רייכסטע מענטשן! דריי ברי־דער זיינען זיי... איך קען זיי אַלעמען! איינער איז — אַ פאַרזוע־ניש, דער צווייטער — אַ שוטה, און דער דריטער — אַ קאַרגער...

— צוויי יאָר צייט האָב איך געדינט ביי אים... און דערנאָך האָב איך חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער... — האָט מיט אַ כריפעדיקער שטים פאַרגעזעצט טאַראַס מאַיאַקין.

— מיטן פאַרוואַלטערס? ניט נאַריש...

טאַראַס האָט זיך פאַרטראַכט און אַנטשוויגן געוואָרן. דער אַל־טער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין טרויעריק געזיכט — און פאַר־שטאַנען דעם זון.

— מיט דער ווייב, הייסט עס, האָסטו גוט געלעבט... — האָט ער געזאָגט. — נו, וואָס־זשע? דער טויטער — איז אין גן־עדן,

אין דער לעבעדיקער שפּילט ווייטער... דו ביסט נאָך ניט אַזוי־אַלט... שוין לאַנג אַן אַלמן?
— דאָס דריטע יאָר....
— אַזוי... און ווי קומסטו צו די סאָדע?....
— דאָס איז דעם שווערס זאַוואָד...
— אַהאַ! וויפיל באַקומסטו?
— אַרום פינף טויזנט...
— מ... ניט קיין האַרטער ביסן! נ־יאָ־אָ! אָט נאַ דיר אַ קאַטאָרזשניק!
טאַראַס האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער מיט אַ פעסטן בליק און טרוקן געפרעגט אים:
— איבעריקנס — פונוואַנען נעמט איר דאָס, אַז איך בין געווען אויף קאַטאָרגע?
דער אַלטער האָט אויך אַ קוק געטאָן אויפן זון מיט איבער־ראַשונג, וואָס איז גיך פאַרביטן געוואָרן ביי אים אויף פרייד:
— ווי־זשע?... ניט געווען?... אַי זאָל אייך! הייסט עס — וואָס־זשע? דו באַליידיק זיך ניט: מען קען זיך דען פונאַנדערקלייבן? מען האָט געזאָגט — סיביר! נו און דאָרט — איז דאָך אַ קאַטאָרגע!...
— כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו מאַכן דערמיט אַ סוף, — האָט טאַראַס ערנסט און איבערציינגנדיק געזאָגט, פּאַטשנדיק מיט די הענט איבער די קני — וועל איך איצט דערציילן, ווי דאָס איז אַלץ געווען. איך בין געווען פאַרשיקט אין סיביר אויף זעקס יאָר און האָב די גאַנצע צייט פון דער פאַרשיקונג געלעבט אין לענער בערג־קרייז... אין מאַסקווע בין איך געזעסן אין טורמע אַן ערך צען חדשים... אָט דאָס איז אַלץ!
— אַז־יי! פונדעסטוועגן ע... וואָס־זשע באַטייט דאָס? — האָט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש צעטומלט און פריידיק געמורמלט.
— און דאָ האָט מען פאַרשפּרייט אָט דעם אומגעלומפּערטן קלאַנג...
— שוין אין אמתן — אַן אומגעלומפּערטער! — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ פאַרדראָס.

— און מען האָט מיר שוין איינמאָל ווייער אָנגעזאָלצן...
— ווי? טאַקע?
— יאָ... איך האָב גענומען פירן מיין געשעפט... און פאַר־לאָרן דעם קרעדיט צוליב דעם...
— טפוי! — האָט יאַקאָוו מאַיאַקין בייז אַ שפּיי געטאָן, — אַך, דו אַשמדאַי! זע נאַר!
איינהערנדיק זיך די גאַנצע צייט אויפמערקזאַם צום שמועס פון די מאַיאַקינס, און באַטראַכטנדיק מיט אַנטוישונג דעם געקו־מענעם, איז פאָמאַ געזעסן אין זיין ווינקל און אויפגערעגט געפינטלט מיט די אויגן. דערמאָנענדיק זיך ליובאָווס באַציִונג צום ברודער און געפינענדיק זיך ביז אַ געוויסער מדרגה אונטערן איינ־דרוק פון אירע דערציילונגען וועגן ברודער, האָט ער דערוואַרט צו דערזען אין זיין פנים עפּעס אומגעוויינלעכס, ניט ענלעכס אויף די געוויינלעכע מענטשן. ער האָט געטראַכט, אַז טאַראַס רעדט ווי ס׳איז אַנדערש, איז אויך אָנגעטאָן אַנדערש, און בכלל איז ער ניט דאָס, וואָס אַנדערע מענטשן. און דאָ איז פאַר אים געזעסן אַ סאָלידער, פּו־לער מאַן, שטרענג געקליידט, מיט שטרענגע אויגן, זייער ענלעך לייטן פנים אויפן פאָטער, מיטן איינציקן אונטערשייד, וואָס ער רויכערט סיגאַרן און האָט אַ שוואַרץ בערדל. ער רעדט קורץ, זאַכ־לעך, וועגן איינפאַכע געוויינלעכע זאַכן — וואו איז דען בײַ אים דאָס אויסערגעוויינלעכע? אָט האָט ער אָנגעהויבן דערציילן דעם פאָ־טער וועגן די גינסטיקע באַדינגונגען פון סאָדע־אויסאַרבעטונג... אויף קאַטאָרגע איז ער ניט געווען — ליובאָוו האָט געליִגט! און פאָ־מען איז געוואָרן אָנגענעם, ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט ריידן מיט ליובאָוון וועגן איר ברודער.
זי האָט זיך אָפּט באַוויזן אין טיר, בעתן געשפּרעך פון פאָטער און ברודער. איר פנים האָט געשיינט פון גליק, און אירע אויגן האָבן מיט התפעלות באַטראַכט טאַראַסעס שוואַרצע פיגור, אָנ־געטאָן אין אַזאַ אויסטערלישן, גראָבן פראַק, מיט קעשענעס בײַ די זייטן און מיט גרויסע קנעפּ. זי איז געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, און האָט אַלץ ווי אויסגעצויגן איר האַלז צו דער ריכטונג פון ברודער. פאָמאַ האָט מיט אַ פראַגע אין די אויגן געקוקט אויף

איר, נאָר זי האָט אים ניט באַמערקט, דורכלויפנדיק פאַרביי אים מיט טעלער און פלעשלעך אין האַנט.

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט אַ קוק געטאָן אין צימער גראָד אין דער צייט, ווען איר ברודער האָט דערציילט דעם פאָטער וועגן דער קאַטאָרגע. זי איז געבליבן פאַרגליווערט אויף איר אָרט, האַלטנדיק דעם טאַץ אין די אויסגעצויגענע הענט און געהערט אַלץ, וואָס דער ברודער האָט דערציילט וועגן זיין שטראָף, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן. זי האָט אויסגעהערט — און איז לאַנגזאַם געגאַנגען ווייטער, ניט באַמערקנדיק פאָמעס אַנטוישטן און שפּאָטישן בליק. אַ פאַרטיפטער אין זיינע געדאַנקען וועגן טאַראַסן, אַ ביסל אַ באַליידיקטער, וואָס קיינער באַמערקט אים ניט, און וואָס זינט טאַראַס האָט אים בעתן אַריינקומען געדריקט די האַנט האָט ער מער אים ניט געשענקט אַפילו קיין איין בליק, — האָט פאָמאַ אויף אַ ווילע אויפגעהערט איינהערן זיך צום געשפּרעך פון די מאַיאַקינס, נאָר פּלוצלונג האָט ער דערפילט, ווי מען האָט אים אַ נעם געטאָן פאַר די פּלייצעס. ער האָט איפגעצאַפּלט און איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, שיר ניט אומוואַרפנדיק דעם טויפּפאָטער, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים מיט אַ געשפּאַנטן פּנים:

— אָט — זע! אָט דאָס איז — אַ מענטש! אָט דאָס הייסט אַ מאַיאַקין! מען האָט אים געקאָכט אין זיבן קעסלען, מען האָט פון אים אויסגעקוועטשט דאָס פעטס, און ער — לעבט! און ער איז — רייך! פאַרשטאַנען? אָן שום הילף... איינער אַליין האָט ער זיך דערשלאָגן צו זיין פּלאַץ און ער איז — שטאָלץ! דאָס הייסט — אַ מאַיאַקין. אַ מאַיאַקין באַטייט אַ מענטש, וועלכער האַלט זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט... פאַרשטאַנען? לערן זיך! קוק אויף אים!... צווישן הונדערטער וועסטו אַזעלכן ניט געפינען, זוך צווישן טויזנטער... וואָס? איז וויים=זשע: מאַיאַקינען וועסטו פון אַ מענטש ניט איבערשמידן ניט אין אַ טייוול, ניט אין אַ מלאך...

אַ געטראָפענער פון אָט דעם ווילדן אָנגריף, האָט זיך פאָמאַ פאַרלאָרן און ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל זאָגן דעם אַלטן, אַלס ענטפער אויף זיין שרייעדיקער באַרימעריי. ער האָט געזען, אַז טאַראַס רייכערט זיך רויק זיין סיגאַר, קוקט אויפן פאָטער און די

ווינקלען פון זיינע ליפן ציטערן־אויף פון אַ שמייכל. זיין פנים איז גדלותדיק־צופרידן און זיין גאַנצע געשטאַלט איז עפעס אַזוי פרי־ציש־גאַווהדיק. דעם אַלטנס שמחה האָט אים ווי הנאה געטאָן.

און יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט אים מיט די פינגער געטאָר־קעט אין ברוסט און ווייטער גערעדט:

— איך קען אים ניט, מיין זון... ער האָט פאַר מיר ניט גע־עפנט זיין האַרץ... צווישן אונז איז אפשר אויסגעוואַקסן אַזאַ וואַנט, וואָס ניט נאָר אַן אָדלער וועט זי ניט קענען איבערפליען, נאָר דער טייוול אַליין וועט זי ניט אַריבערקריכן... אפשר, קען זיין, האָט זיין בלוט שוין אַזוי איבערגעקאָכט, אַז ס'איז ניט געבליבן דאָרט אַפילו קיין ריח פון פאָטער... אָבער ער איז — אַ מאַיאַקין! און דאָס שפּיר איך גלייך... איך פיל דאָס און זאָג: זיי מוחל היינט דיין קנעכט, רבונו־של־עולם!...

דעם אַלטן האָט זיין התפעלות געוואָרפן אינגאַנצן ווי אין אַ קדחת און ער האָט ווי אונטערגעטאַנצט, שטייענדיק פאַר פאָמען.

— נו, באַרויקט זיך, פאָטערל! — האָט טאַראַס זיך אָפגע־רופן, אויפהייבנדיק זיך ניט אַיילִיק פון שטול און צוגייענדיק צום פאָטער. — צו וואָס צעטומלען אַ יונגנמאַן? קומט, לאָמיר זיך זעצן...

ער האָט מיט ביטול אַ שמייכל געטאָן צו פאָמען, און נע־מענדיק דעם פאָטער אונטערן האַנט, אים צוגעפירט צום טיש...

— איך גלויב אין בלוט! אין קרוביש בלוט... — האָט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש גערעדט. — אין דעם שטעקט די גאַנצע קראַפט! מיין פאָטער, געדענק איך, פלעגט מיר זאָגן: יאַשקאַ! דו ביסט מיין אמתע בלוט! אָט... ביי די מאַיאַקינס איז דאָס בלוט אַ געדיכטע!... זי גיסט זיך איבער פון עלטערן צו עלטערן, און קיין שום ווייב וועט דאָס בלוט קיינמאָל ניט צעמישן... נו, מירן אויסטרינקען שאַמפּאַ־ניער! מירן טרינקען! נו, איז גוט! דערציייל מיר נאָך... דערצייל מיר וועגן זיך... ווי לעבט מען דאָרט אין סיביר?

און ווידער האָבן זיך דעם אַלטנס פרעגנדיקע אויגן, ווי אַ דערשראָקענער און אויסגעניכטערטער פון עפעס אַ געדאַנק, איינ־געקוקט אין זיין זונס פנים, און באַלד, אין עטלעכע רגעס אַרום, האָבן די געניע, אָבער קורצע תשובות פון זון ווידער דערוועקט

אין אים אַ רוישיקע פרייד. פּאָמאַ האָט אַלץ געהערט און האָט זיך צוגעקוקט, זיצנדיק רויִק אין זיין ווינקל.

— די גאָלד־אינדוסטריע, פאַרשטייט זיך, איז אַן אָנשטענדיקער געשעפט, — האָט טאַראַס גערעדט רויִק און וויכטיק, נאָר די דאָזיקע אָפּעראַציע איז פונדעסטוועגן אַ ריזיקאַלישע און פאָדערט אַ גרויסן קאַפּיטאַל... די ערד דערציילט דיר ניט קיין איין וואָרט, וואָס זי באַהאַלט אין זיך... ס'לוינט זייער צו האָבן אַן עסק מיט דער דאָרטיקער באַפעלקערונג... דער האַנדל מיט זיי, וואָס איז אַפילו ווי־ניט־איז אַוועקגעשטעלט, טראָגט אַ געוואַלדיקן פּראָצענט. דאָס איז שוין דורכאויס אַ זיכערע אונטערנעמונג... אָבער — אַ לאַנגווייליקע, מוז מען זאָגן. מען דאַרף דערצו ניט האָבן קיין גרויסע חכמה, אַ מענטש מיט גרויסע פעיִקייטן, אַ מענטש מיט אַ גרויסן פאַרנעם האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן...

ס'איז אַריינגעקומען ליובאָוו און אַלעמען איינגעלאַדן אין עסנשטוב. ווען די מאַיאַקינס זיינען אַהין אַרויס, האָט פאָמאַ אומבאַמערקט אַ שלעפּ געטאָן ליובאָוון פאַרן אַרבל. זי איז פאַרבליבן אַליין מיט אים, פרעגנדיק אים האַסטיק:

— וואָס ווילסטו?

— גאָרנישט... — האָט פאָמאַ שמייכלענדיק געזאָגט. — איך וויל דיך פרעגן — ביסט צופרידן?

— נאָך ווי! — האָט ליובאָוו אויסגערופן.

— פון וואָס?

— וואָס הייסט?

— אַזוי... פון וואָס?

— ביסט אַ מאָדנער! — האָט ליובאָוו געזאָגט, קוקנדיק אויף אים מיט פאַרוואונדערונג. — צי דען זעסטו ניט?

— וואָס זע איך? — האָט פאָמאַ שפּאָטיש געפרעגט

— פוי! וואָס איז מיט דיר? — האָט זי, קוקנדיק אומרויִק אויף אים, געזאָגט.

— ע־עך דו! — האָט פאָמאַ אויסגעצויגן מיט אַ פאַראַכטנדיקער באַדויערונג. — צי דען אַפּנים פון דיין פאָטער... פון אונ־ ער סוחרישן קרייז קאָן געבאָרן ווערן עפּעס גוטס? פון אַ רעטעך

קען מען קיין מאַלינעס ניט דערוואַרטן... האָסט מיר אָנגעלייגט: טאַראַס איז אַזאַ, טאַראַס איז אַזעלכער... וואָס איז דאָ אין אים? אַ סוחר, ווי אַלע סוחרים... און אַ בויך איז ביי אים אויך אַ סוחרישע... כע-כע! — ער איז געווען צופרידן, זעענדיק, ווי דאָס מיידל, אַן איבערגעבראַכטע פון זיינע ווערטער, בייסט די ליפּן, דאָ ווערנדיק רויט, דאָ בלייך.

— דו... דו, פּאָמאַ... — האָט זי, שטיקנדיק זיך, אָנגעהויבן, נאָר געבנדיק פּלוצלונג אַ טופּע מיטן פוס, האָט זי אויסגעשריגן:

— וואַג ניט צו ריידן מיט מיר!

אויפן שוועל פון צימער האָט זי אויסגעדרייט צו אים איר צאָרנדיקן פּנים און מיט אַ האַלבער שטים, אָבער מיט כּוח, האָט זי אים צוגעוואָרפן:

— או, אַ בעל-שנאה!...

פאָמאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. אים האָט זיך ניט געוואָלט גיין אַהין צום טיש, וואו ס׳זיצן דריי גליקלעכע מענטשן, ריידנדיק לעבעדיק איינער מיטן אַנדערן. ער האָט געהערט זייערע פריילעכע קולות, זייער צופרידענעם געלעכטער, דעם קלאַנג פון געשיר, און פאַרשטאַנען, אַז פאַר אים מיט זיין שווער האַרץ איז דאָ ניט קיין אָרט. אויב אַלע מענטשן וואָלטן אים געהערט, אָט ווי ליובאָוו איצט, — וואָלט אים געווען בעסער צווישן זיי, — האָט ער געטראַכט. דאַן וואָלט ער געוואוסט, ווי זיך צו האַלטן מיט זיי, דאַן וואָלט ער געפונען, וואָס צו זאָגן זיי. אָבער איצט — איז עס אומפאַרשטענדלעך: צי האָבן זיי רחמנות אויף אים, צי לאַכן זיי פון אים, דערפאַר וואָס ער האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג און קען זיך צו קיין זאַך ניט צופּאַסן? שטייענדיק אַ ווײַלע איינער אַליין אינמיטן צימער, האָט פאָמאַ אַליין ניט באַמערקנדיק, באַשלאָסן, אַוועקצוגיין ערגעץ ווייט פון דער דאָזיקער שטוב, וואו מענטשן האָבן זיך געפרייט, נאָר ער איינער איז געווען אַן איבעריקער. אַרויסגייענדיק אויפן גאַס, האָט ער דערשפּירט אין זיך אַ באַליידיקונג אויף די מאַיאַקינס: זיי זיינען דאָך אים פאָרט געווען די איינציקע מענטשן אויף דער וועלט, וועלכע זיינען אים געווען נאָענט. פאַר אים האָט זיך אַוועקגעשטעלט דעם טייפּאָטערס פּנים, אויף וועלכן ס׳האָבן פון איפרעגונג געציטערט

די קנייטשן, באַלויכטן מיט אַ פריידיקן גלאַנץ פון זיינע גרינע אויגן, פונקט זיי וואָלטן געשיינט מיט אַ פאָספאָר=ליכט.

„אין דער פינסטער לייכט אויך שימל", — האָט ער געטראַכט מיט עגמת=נפש. דערנאָך האָט זיך אים אויך דערמאָנט דאָס רויִקע, ערנסטע פנים פון טאַראַסן און גלייך מיט אים ליובעס געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט געצויגן צו אים. דאָס האָט אין אים דערוועקט קנאה און טרויער.

„ווער וועט אַזוי אויף מיר אַ קוק טאָן?... ניטאָ אַזאַ נשמה"...

ער האָט אויפגעוואַכט פון זיינע רעיונות אויפן ברעג טייך, בײם האַפן, אויפגעוועקט דורכן טומל פון אַרבעט. אומעטום האָט מען געטראָגן פאַרשיידענע זאַכן און סחורות; מענטשן האָבן זיך באַוועגט האַסטיק, באַזאָרגטע, געבוקעט צו די פערד, איבערעגנדיק זיך, געשריען איינער איבן צווייטן, אָנגעפילט די גאַס מיט אַ האַרמידער און אַ טאָלק, און פאַרטויבט דורכן טומל פון דער האַסטיקער אַרבעט. זיי האָבן זיך געשלעפט איבן שמאָלן שטעג, וואָס איז געווען ברוקירט מיט זאַמדיקע שטיינדלעך, און באַפוּיט פון איין זייט מיט הויכע הייזער, און פון דער צווייטער זייט אָפּגעטיילט מיט אַ שיפּועדיקן גראָבן, וואָס האָט זיך געצויגן צום טייך. דער קאָכעדיקער טאַראַראַם האָט אויף פאָמען געמאַכט אַזאַ אַיינדרוק, פונקט זיי וואָלטן זיך דאָ אַלע צונויפגעקליבן, כּדי צוזאַמען ערגעץ=וואו צו אַנטלויפן פון אָט=דער טומלדיקער אַרבעט אין שמוץ און ענגשאַפט, — יאָ, זיך צונויפגעקליבן צו אַנטלויפן און זיי אײַלן זיך דעריבער, וואָס גיכער צו פאַרענדיקן דאָס ניט=דערמאַכטע אַרבעט, וואָס לאָזט זיי ניט אָפּ פון זיך. אויף זיי האָבן שוין געוואַרט גרויסע דאַמפערס, וועלכע זיינען געשטאַנען בײם ברעג און אַרויסגעלאָזן פון די קוימענס קנײַלן רויך. דאָס אומרויִקע וואַסער פון טייך, וואָס איז געווען געדיכט אָנגעשטעלט מיט שיפן, האָט תּרעומותדיק און שטיל געפּליוסקעט אָן ברעג, ווי ס'וואָלט זיך געבעטן צו געבן איר כאָטש איין רגע רו און שטילקייט...

— אײַער הערשאַפט! — האָט זיך איבער פאָמען אויער דערהערט אַ גאָרגלדיקע שטים. — שענקט אַ נדבה אויף צונויפקלאַפּן אַ סעודה.

פאָמאַ האָט גלייכגילטיק אַ קוק געטאָן אויפן בעטלער: דאָס איז געווען אַ גרויסער, באַבערדיקטער יונג, אַ באָרוועסער, מיט אַ צעפליקטער העמדה און מיט אַ צעמזיקטן, געשוואָלענעם פּנים.

— גיי ווייטער! — האָט פאָמאַ אַרויסגעבורטשעט און זיך אָפּגעקערט פון אים.

— סוחר! וועסט שטאַרבן — וועסט דאָס געלט מיט זיך סיי־ווי ניט מיטנעמען — גיב אויף אַ קעלישעק! פוילסט זיך אַריינרוקן די האַנט אין קעשענע?

פאָמאַ האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן בעטלער: יענער איז געשטאַנען פאַר אים, באַדעקט מער מיט לאַטעס ווי מיט קליידער, און טרייסלענדיק זיך פון אויסניכטערונג, האָט ער עקשנותדיק געוואַרט, קוקנדיק פאָמען אין פּנים, מיט אויפגעשוואָלענע אויגן, פאַרגאָסענע מיט בלוט.

— אַזוי בעט מען דאָס? — האָט פאָמאַ זיך אָפּגערופן.

— ווי־זשע — כּורעים זאָל איך אפשר פאַלן פאַר דיר צוליב דיין צענערל? — האָט דרייסט געענטפערט דער לומפּ.

— נאַ! — האָט אים פאָמאַ אַריינגערוקט עפּעס אַ מטבע.

— מערסי!... אַ פופצנקאָפּיקענע... מערסי! און אויב דו וועסט באַווייליקן געבן נאָך אַ פופצנקאָפּיקענע — וועל איך דיר אויף אַלע פיר אַוועקשפּאַנען אָט אַהין צו דער קנייפּע — ווילסט?! — האָט דער לומפּ פאָרגעלייגט.

— נו, טרעט אָפּ! — האָט פאָמאַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איך האָב דיר געמאַכט אַן ערלעך פאָרשלאָג, נאָר גאָט האָט מיר, אַפּנים, ניט באַשערט קיין איבעריקע, — האָט דער לומפּ אַ זאָג געטאָן און אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט.

פאָמאַ האָט אים נאָכגעקוקט און געטראַכט:

— ער איז דאָך — אַ פאַרפאַלענער מענטש, און פונדעסטוועגן — אַזאַ דרייסטער... ער בעט אַ נדבה, ווי ער וואָלט געפאָדערט אַ חוב... פונוואַנען נעמט זיך מוט ביי אַזעלכע?...

און טיף אָפּזיפצנדיק, האָט ער זיך אַליין געענטפערט:

„פֿון דער פֿרייהייט... דער מענטש איז מיט גאָרנישט געבונדן... וואָס האָט ער צו זשאַלעווען? וואָס האָט ער מורא? און וואָס האָב איך מורא? און וואָס האָב איך צו זשאַלעווען?“

אָט די צוויי שאלות האָבן ווי אַ שטורם געטאָן פּאַמעס האַרץ און אַרויסגערופֿן ביי אים אַ טעמפּן יאוש. ער האָט געקוקט אויף דער באַוועגונג פֿון די האָרעפּאַשנע מענטשן און ס'האָט זיך אים עקשנותדיק געקלערט: וואָס האָט ער צו זשאַלעווען? וואָס האָט ער מורא?

„אַליין מיט מיין אייגענעם כּוח, קען איך, קענטיק, אין ערגיץ ניט אַרויסווייזן זיך... וועל איך זיך אַזוי ווי אַ שוטה דרייען צווישן די מענטשן... צו שאַנד און צו שפּאָט... אָט ווען זיי וואָלטן מיך כאָטש אָפּגעשטויסן... ווען זיי וואָלטן מיך געהאַסט.... דאַן אפשר... דאַן אפשר — וואָלט איך זיך געלאָזט איבער אַלע פֿיר זייטן!... ווילסט, צי ווילסט ניט — גיי!“

פֿון איינעם פֿון די פֿיל האַפּנס אויפֿן ברעג האָט זיך אין דער לופֿט דערטראָגן אַ פֿריילעכע „דובינושקאַ“. די משא-טרעגער האָבן געטאָן עפּעס אַן אַרבעט, וואָס האָט געפֿאָדערט האַסטיקע באַוועגונגען און זיי האָבן די אַרבעט אונטערגעיאָגט מיט אַ לידל און געזאַנג:

„Въ кабакахъ купцы большіе
Пью-ютъ наливочки густыя“ — *

האָט מיט אַ לעבעדיקן רעטשיטאַטיוו דערציילט דאָס געזאַנג.
דער אַרטעל האָט פֿריינטלעך אונטערגעכאַפּט:

„Ой, да дубинушка, ухнемъ!“ **

און דערנאָך האָבן די באַסן געשליידערט אין אַוויר שטאַרקע קלאַנגען:

„Идётъ, идётъ...“ ***

---

* אין די שענקען טרינקען גרויסע סוחרים געדיכטע געטראַנקען.
** אַי, קלעצעלע, לאָמיר אַ זעץ טאָן!
*** ס'גייט, ס'גייט...

און די טענאָרן האָבן איבערגעחזרט:

„Идётъ, идётъ...“ *

פּאָמאַ האָט זיך צוגעהערט צום ליד און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו די זינגער אויפן האַפן. דאָרט האָט ער געזען, ווי אַרבעטער, אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, קייקלען אַרויס אויף שטריק פון הינטערגרונד פון דאַמפער געוואַלדיקע קיילעס מיט געזאַלצענע פיש. שמוציקע אַזעלכע, אין רויטע בלוזעס, מיט פונאַנדערגעשפּילעטע קאָלנערס, מיט גרויסע הענטשקעס אויף די הענט, פאַרקאַשערטע ביז די עלנבויגנס, זיינען זיי געשטאַנען ביי דער עפענונג פון אונטערשטן שיף-טייל, פריילעך מיט אויפגעלעבטע פּנימער פון דער אַרבעט, און פריינטלעך, צום טאַקט פון ליד, געשלעפּט די שטריק. און פון אונטערשטן טייל פון דער שיף האָט זיך דערהייבן אַ הויכער, לאַבעדיקער קול פון דעם ניט-געזעענעם זינגער:

„А мужицкой нашей глоткѣ
Не-е хватаетъ вдоволь водки... **

און דער אַרטעל האָט הויך און חבריש, ווי איין גרויסע ברוסט, געזיפצט:

„Э-эхъ, дубинушка, ухнемъ!“ ***

פּאָמען איז געווען אָנגענעם צו קוקן אויף דער אַרבעט, וואָס איז געווען האַרמאָניש, ווי מוזיק. ער האָט מקנא געווען די אַרבעטער. די ברודיקע פּנימער פון די לאַסטטרעגער האָבן געלויכטן מיט שמייכלען, די אַרבעט איז געווען אַ לייכטע, זי איז געגאַנגען פלינק, און דער פאָרזינגער האָט זיך געפונען אין אַן אַרטיסטישן עקסטאַז. פּאָמען האָט זיך געטראַכט, אַז ס'איז גוט אַזוי צו אַרבעטן אינאיינעם מיט אַזעלכע וואוילע חברים אונטערן קלאַנג פון אַ פריילעך געזאַנג, מיד ווערן פון דער אַרבעט אויסטרינקען אַ גלאָז בראַנפן און צובייסן מיט פעטע קרויט, — צוגעגרייט פון דער גראָבער, און ברייטשער אַרטעל-קעכין.

* ס'גייט, ס'גייט...

** ס'קלעקט ניט גענוג בראנפן פאר אונזערע פויערישע העלדזער.

*** עך, קלעצעלע, לאָמיר אַ זעץ טאָן!

— פלינקער, חברה, פלינקער! — האָט זיך דערהערט לעבן אים אַן אומאָנגענעמער, גאָרגלדיקער געשריי. פּאַמאַ האָט זיך אומגעקוקט. אַ דיקער מאַן מיט אַ גרויסן בויך האָט מיט אַ שטעקן געקלאַפּט איבערן דעק פון האַפּן, געקוקט אויף די לאַסט־אַרבעטער מיט זיינע קליינע אייגלעך און געשריען:

— וויניקער גערעדט, און מער געטאָן...

דאָס פּנים און האַלז זיינען בײַ אים געווען פאַרגאָסן מיט שווייס; ער האָט אַלע רגע געווישט דעם שווייס מיט דער לינקער האַנט און האָט אַזוי שווער געאָטעמט, ווי ער וואָלט געקלעטערט אויף אַ באַרג.

פּאַמאַ האָט אומפריינטלעך אַ קוק געטאָן אויף דעם דאָזיקן מאַן און געקלערט:

„מענטשן אַרבעטן, און ער שוויצט... און איך בין נאָך ערגער פון אים... ווי אַ קראָ אויף אַ פאַרקאַן... איך טויג צו גאָרנישט"....

פון יעדן איינדרוק באַזונדער האָט זיך בײַ פּאָמען באַלד אויסגעטיילט די שטעכיקע מחשבה וועגן זיין אומפעיקייט אין לעבן. אַלץ, אויף וואָס זיין אויפמערקזאַמקייט האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט געהאַט אין זיך עפּעס באַליידיקנדיקס פאַר אים, און אָט דאָס באַליידיקנדיקס האָט זיך, ווי אַ ציגל, געלייגט אויף זיין ברוסט. אָן אַ זייט פון אים, בײַ די משא־געוויכטן, זיינען געשטאַנען צוויי מאַטראָסן, און איינער פון זיי, אַ ברייטבייניקער יונג מיט אַ רויטן פּנים, האָט דערציילט פאַר די חברים:

— ווי נאָר זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף מיר! האָט זיך דאָס, ברודער, אָנגעהויבן! זיי זיינען געווען פיר — און איך איינער! אָבער איך האָב זיך זיי ניט אונטערגעגעבן... ווייל איך האָב געזען — אַז זיי וועלן מיך דערהרגענען צום טויט! אַפילו אַ באַראַן ווערט זיך, כּל־זמן מען האָט פון אים ניט אָפּגעשונדן לעבעדיקערהייט די פעל... אָבער ווי איך האָב זיך נאָר אַ רים געטאָן! האָבן זיך תּיכּף אַלע אַ קייקל געטאָן עט וואוהין...

— פונדעסטוועגן האָט מען דיך אויך מכבד געווען? — האָט דער צווייטער מאַטראָס געוואָלט וויסן.

— 'פאַרשטייט זיך! — כ'האָב באַקומען... אַ מאָל פינף האָב איך אַראָפּגעשלונגען... נאָך דעריין האָב איך זיך דען געיאָגט? זיי האָבן מיך ניט דערהרגעט... נו, איז אַדאַנק!

— דאָס געוויס...

— אין שפּייזקאַמער, זאָגט מען אַייך, טייוואָלים! — האָט אַ דונער געטאָן מיט אַ ווילדן קול דער שווייסיקער מאַן אויף צוויי לאַסט־אַרבעטער, וועלכע האָבן געקייקלט איבערן דעק אַ קיילע מיט פיש.

— וואָס שרייסטו? — האָט פאָמאַ זיך בייז אַ קער געטאָן צו אים, אויפצאַפּלענדיק זיך פון געשריי.

— וואָס האָט דאָס צו אַייך? — האָט יענער געפרעגט, אַ קוק טוענדיק אויף פאָמען.

— אַזוי... מענטשן אַרבעטן און דו ווערסט צעשמאָלצן פון פעטס... מיינסט, אַז דו דאַרפסט נאָר שרייען אויף זיי? — האָט פאָמאַ, דראָענדיק, זיך געווענדט צו אים און צוגעקומען נעענטער צום שרייער.

— איר... זייט ניט זייער...

דער פאַרשוויצטער מאַן האָט זיך ווי פלוצלונג אָפּגעריסן פון זיין אָרט און אַוועק צו דער בירזשע. פאָמאַ האָט אים נאָכגעקוקט און איז אויך אַוועק פון האַפן. ער איז געווען פול מיט אַ פאַרלאַנג עמעצן אויסצוזידלען, טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל כאָטש ניט אויף לאַנג פאַרטרייבן זיינע מחשבות. אָבער די מחשבות האָבן אים כסדר פאַרפאָלגט:

— אָט ווי דער מאַטראָס... האָט זיך דאָרט צעשלאָגן — און געבליבן גאַנץ!... נ־יאָ־אָ... אָבער איך...

אינאָוונט איז ער ווידער אַוועק צו די מאַיאַקינס. דער אַלטער איז ניט געווען אין דער היים, און אין עסנשטוב איז ביים טיי געזעסן ליובאָוו מיטן ברודער. צוגייענדיק צו דער טיר, האָט פאָמאַ דערהערט טאַראַסעס הייזעריקע שטים:

—ווער־זשע צווינגט דאָס דעם פאָטער צו פאַרדרייען זיך מיט אים?

דערזעענדיק פאָמען, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, אָנשטעלנ־דיק אויף זיין פנים אַן ערנסטן, פרעגנדיקן בליק. אויף ליובאָווס

געזיכט האָט זיך קלאָר אויסגעדריקט אַ צעטומלעניש, און זי האָט אומצופרידן און גלייכצייטיק, ווי אַנטשולדיקנדיק זיך, אָפּגערופן זיך צו פּאָמען:

— האַ! דו ביסט דאָס...

„דאָס האָבן זיי גערעדט וועגן מיר“, — האָט פּאָמאַ פאַרשטאַנען און זיך געזעצט בײַם טיש.

טאַראַס האָט פון אים אַראָפּגענומען די אויגן און זיך טיפער באַקוועם געמאַכט אין פאָטעל. אַ ווײַלע האָט געדויערט דאָס אומבאַקוועמע שווייגן, און דאָס איז פּאָמען געווען אָנגענעם.

— דו וועסט גיין אויפן מיטאָג? — האָט ליובאָוו ענדלעך געפרעגט.

— אויף וועלכן מיטאָג?

— ווייסט נאָך ניט? קאָנאָנאָוו הײליקט אַ נײַעם דאַמפער... ס׳וועט אָפּגעריכט ווערן אַ גאָטעסדינסט און נאָכהער וועט מען פאָרן אַרויף דער וואָלגע...

— מען האָט מיך ניט גערופן, — האָט פּאָמאַ געענטפערט.

— מען האָט קיינעם ניט גערופן... ער האָט פּשוט אײַנגעלאַדן אויף דער בערזע — ווער ס׳וויל מיך באַערן, — זאָל קומען!

— איך וויל ניט...

— אַזוי? וועסט חרטה האָבן — דאָרט וועט זײַן אַ סך משקה, — האָט ליובאָוו געזאָגט, קוקנדיק אויף אים פון דער זײַט.

— אַז איך וויל, קען איך זיך אַליין אָנטרינקען... פאַר מײַנע אייגענע....

— איך ווייס... — האָט ליובאָוו געענטפערט, שאָקלענדיק אויסדריקלעך מיטן קאָפּ.

טאַראַס האָט בעת־מעשה געשפּילט זיך מיט דער טיי־לעפעלע, דרייענדיק זי צווישן זײַנע פינגער, און געקוקט אויף זיי, ווי פון אונטער די ברעמען.

— וואו איז דער טויפּפאָטער? — האָט פּאָמאַ געפרעגט.

— אין באַנק צוגעפאָרן... הײַנט איז דאָרט אַ זיצונג פון פאַרוואַלטונג... ס׳וועלן פאָרקומען וואַלן...

— מען וועט אים ווידער אויסקלייבן...

— זעלבסטפאַרשטענדלעך.

און ווידער האָט זיך דער געשפּרעך איבערגעריסן. מאַמאַ האָט גענומען נאָכקוקן נאָכן ברודער און שוועסטער. אַוועקלייגנדיק דאָס טיילעפל, האָט טאַראַס פּאַמעלעך, מיט גרויסע זופּן אויסגעטרונקען די טיי. צורוקגנדיק אַ שווייגנדיקער די גלאָז צו דער שוועסטער, האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו איר. זי האָט אים אויך געענטפערט מיט אַ שמייכל, פריילעך און גליקלעך, זי האָט גענומען דאָס גלאָז און אָנגעהויבן געטריי וואַשן. דערנאָך האָט איר געזיכט אָנגענומען אַן אָנגעצייגענעם אויסדרוק, זי האָט זיך ווי געהיט און מיט אַ האַלבער שטים, כמעט ווי פאַרגעטערנדיק, געפרעגט דעם ברודער:

— קענען מיר זיך אומקערן צום אָנהייב פון אונזער שמועס?

— ביטע זייער! — האָט טאַראַס קורץ געענטפערט.

— דו האָסט געזאָגט... איך האָב ניט פאַרשטאַנען — ווי דאָס איז? — איך האָב געפרעגט: אויב דאָס אַלץ — איז, לויט דיין מיינונג, אַן אוטאָפּיע, אויב דאָס אַלץ איז ניט מעגלעך... ס'הייסט די אידעען... איז וואָס זאָל טאָן אַ מענטש, ווען ס'באַפרידיקט ניט דאָס לעבן, אַזוי ווי עס איז?

דאָס מיידל האָט זיך מיטן גאַנצן גוף אַ צי געטאָן צום ברודער, און אירע אויגן האָבן זיך מיט אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג אָפּגעשטעלט אויפן ברודערס רויִקן פּנים. ער האָט מיד אַ קוק געטאָן אויף איר, האָט זיך אַ ריר געטאָן אין פאָטעל, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און רויִק און איבערצייגנדיק גערעדט:

— מען דאַרף אַ טראַכט טאָן, פון וועלכן מקור נעמט זיך די אומצופרידנקייט מיטן לעבן?... מיר שיינט, אַז ראשית נעמט זיך דאָס פון ניט קענען אַרבעטן... פון מאַנגל אין אַכטונג צו אַרבעט. והשנית, פון ניט ריכטיק אָפּשאַצן די אייגענע כוחות... דאָס אומגליק פון דאָס רוב מענטשן באַשטייט דערין, וואָס זיי האַלטן זיך פאַר פיל פעיִקער, ווי זיי זיינען אין אמתן... און עס פאָדערט זיך דאָך פון אַ מענטשן — ניט קיין סך: ער דאַרף זיך אויסקלייבן אַן אַרבעט לויט זיינע כוחות און דאָס מאַכן ווי מעגלעך בעסער, ווי מעגלעך אויפמערקזאַמער... מען דאַרף ליב האָבן דאָס, וואָס מען טוט, און דאַן וועט די אַרבעט — אַפילו די גרעבסטע — זיך דער־

הייבן צו אַ שאַפונג... אַ שטול, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט ליבשאַפט, וועט שטענדיק זיין אַ גוטער, שיינער און שטאַרקער שטול... און אַזוי איז — אין אַלץ... די לייען סמיילסן — האָסט ניט געלייענט? — דאָס איז זייער אַ זאַכלעך בוך... אַ געזונט בוך... לייען לעבאָקן.... בכלל, זאָלסטו געדענקען, אַז די ענגלענדער זיינען די סאַמע פעיִקסטע נאַציע, דערמיט דערקלערט זיך אויך זייער איבעראַשנדיקער דערפאָלג אויפן געביט פון אינדוסטריע און האַנדל... ביי זיי איז די אַרבעט כמעט אַ קולט... די הייך פון דער קולטור איז תמיד אָפּהענגיק פון דער ליבע צו אַרבעט... און וואָס העכער עס איז די קולטור, אַלץ טיפער ווערן באַפרידיקט די באַדערפענישן פון די מענטשן, אַלץ וויניקער שטערענישן טרעפן זיי אויפן וועג צו זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג... דאָס גליק איז מעגלעך — נאָר בעת דער פולער באַפרידיקונג פון די באַדערפענישן... אָט... און, ווי דו זעסט, איז דעם מענטשנס גליק אָפּהענגיק פון זיין באַציִונג צו זיין אַרבעט...

טאַראַס מאַיאַקין האָט גערעדט אַזוי פאַמעלעך און צעצויגן, ווי אים אַליין וואָלט געווען ניט אָנגענעם און לאַנגווייליק דאָס ריידן. אָבער ליובאָוו האָט מיט פאַרכמאַרעטע ברעמען און ציענדיק זיך אינגאַנצן אין דער ריכטונג צום ברודער, געהערט זיינע רייד מיט אַ דאָרשטיקער אויפמערקזאַמקייט אין אירע אויגן, גרייט אַלץ אָננעמען און איינזאַפן אין איר נשמה.

— און אויב דעם מענטשן איז דאָס אַלץ נמאס?... — האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעמישט פאָמאַ מיט אַ גראָבן קול, קוקנדיק טאַראַסן אין פנים.

— ס'הייסט, וואָס איז אים, אייגנטלעך, נמאס? — האָט מאַיאַקין רויִק געפרעגט, ניט קוקנדיק אויף פאָמען.

פאָמאַ האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, האָט זיך מיט די הענט אָנגעשפאַרט אָן טיש און אַזוי, ווי אַן אָקס, גענומען דערקלערן:

— אַלץ — ניט צום האַרצן... די געשעפטן... די אַרבעט... אַלע מענטשן... די מעשים... לאָמיר זאָגן, למשל, ווען איך זע, אַז אַלץ איז אַן — אָפּנאַרעריי... ניט קיין אַרבעט — נאָר אַזוי זיך אַ במקום... כדי צו פאַרשטאָפּן די פוסטקייט פון דער נשמה... איינ=

קע אַרבעטן, אַנדערע באַפֿוילן בלויז און שוויצן... און באַקומען דערפֿאַר מערער... פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי? האַ?

— איך פֿאַרשטיי ניט אייער געדאַנק... — האָט טאַראַס געמאָלדן, ווען פֿאָמאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, פֿילנדיק אויף זיך ליובאַווס ביטולדיקן און ברוגזדיקן בליק.

— איר פֿאַרשטייט ניט? — האָט פֿאָמאַ אַ פֿרעג געטאָן, קוקנדיק שפּאָטיש אויף טאַראַסן... — נו... לאָמיר זאָגן אַזוי: אַ מענטש שווימט איבער אַ טייך אין אַ שיפֿל... דאָס שיפֿל, קען זיין, איז אַ גוטס, אָבער אונטער אים איז פֿונדעסטוועגן אַלעמאָל אַ תּהום... דאָס שיפֿל איז אַ שטאַרקס... נאָר אויב דער מענטש זאָל דערשפּירן אונטער זיך אָט דעם פֿינסטערן אָפּגרונט... וועט אים שוין דאַן קיין שום שיפֿל ניט ראַטעווען...

טאַראַס האָט געקוקט אויף פֿאָמען גלייכגילטיק און רויִק. געקוקט און געשוויגן, און רויִק געפּיקלט מיט די פֿינגער אויפֿן ברעג טיש. ליובאָוו האָט זיך אומרויִק באַוועגט אויפֿן שטול. דער פֿערפֿענדיקל פֿון זייגער האָט מיט הייזעריקע, זיפֿצנדיקע קלאַנגען אויסגעשלאָגן די רגעס, און פֿאָמעס האַרץ האָט לאַנגזאַם און שווער געקלאַפּט, ווי פֿילנדיק, אַז דאָ וועט זיך קיינער ניט אָפּרופֿן מיט אַ וואַרעמען וואָרט אויף זיין שווערער פֿאַרצווייפֿלונג.

— אַרבעט — איז נאָך ניט אַלץ פֿאַרן מענטשן... — האָט ער גערעדט, מער צו זיך אַליין, ווי צו די מענטשן, וואָס האָבן ניט געגלייבט אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון זיינע רייד. — ס'איז ניט אמת, אַז אין אַרבעט — איז די באַרעכטיקונג... פֿאַראַן מענטשן, וואָס אַרבעטן גאָרנישט זייער גאַנץ לעבן, און דאָך לעבן זיי בעסער פֿאַר די אַרבעטנדיקע... איז ווי איז דאָס? און די אַרבעטנדיקע — זיי זיינען איינפֿאַך אומגליקלעכע... פֿערד! מען רייט אויף זיי און זיי ליידן... און מער גאָרנישט... נאָר פֿאַר גאָט האָבן זיי זייער פֿאַרענטפֿערונג... ווען מען וועט זיי פֿרעגן: צוליב וואָס האָט איר געלעבט, האַ? וועלן זיי דאַן זאָגן... מיר האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם... מיר האָבן דעם גאַנצן לעבן געאַרבעט... און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרענטפֿערונג האָב איך? און אַלע מענטשן, וועלכע פֿירן אָן, מיט וואָס פֿאַרענטפֿערן זיי זיך? צוליב וואָס לעבן

זיי? און איך מיין אַזוי, אַז אומבאַדינגט דאַרף יעדער מענטש פּעסט ווּיסן, — צוליב וואָס לעבסטו?

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, אויס־געשריען מיט אַ הייזעריקער שטים:

— צי שוין־זשע צוליב דעם ווערט דער מענטש געבאָרן, כּדי צו אַפּאַרבעטן, געלט אָנצוקלייבן, אַ הויז אויסצובויען, קינדער צו געבאָרן — און צו שטאַרבן? ניין, דאָס לעבן האָט עפּעס אַ באַדייטונג... אַ מענטש איז געבאָרן, געלעבט און געשטאָרבן... צוליב וואָס? מען מוז, בנאמנות, מען מוז באַגרייפן — צוליב וואָס לעבן מיר? ניטאָ קיין סדר אין אונזער לעבן... קיין שום סדר איז ניטאָ! — און נאָך — ניט אַלץ איז גלייך... דאָס זעט מען באַלד. אייניקע זיינען רייך — האָבן געלט פאַר טויזנט מענטשן... און זיי לעבן אָן באַשעפטיקונג... אַנדערע בויגן זייער גאַנץ לעבן דעם רוקן איבער דער אַרבעט און זיי האָבן קיין גראָשן ניט... און דאָך איז דער אונטערשייד צווישן מענטשן גאָר אַ קליינער... איינער לעבט אָן הויזן און דאָך טראַכט ער, ווי איינער, וואָס גייט אָנגעטאָן אין זייד...

אַ פאַרפלייצטער פון זיינע געדאַנקען, וואָלט פּאָמאַ נאָך לאַנג זיי פונאַנדערגעוויקלט, נאָר טאַראַס האָט אָפּגערוקט זיין פּאָטעל פון טיש, האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ זיפץ ניט הויך אַרויסגע־רעדט:

— ניין, אַדאַנק!.... מער וויל איך ניט הערן...

פּאָמאַ האָט באַלד איבערגעריסן זיין ריידן און אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און מיט אַ שמייכל אַ קוק געטאָן אויף ליובאָװן.

— פונוואַנען קומט צו דיר אַזאַ, — פילאָסאָפיע? — האָט זי רוקן און מיט אומצופרידן געברעגט.

— דאָס איז ניט קיין פילאָסאָפּיע...דאָס איז....אַזוי זיך...אַ שטראָף אַזאַ! — האָט פּאָמאַ שוין שטיל געזאָגט. — עפן־אויף די אויגן און קוק אויף אַלץ אָפן... וועט דאָס שוין דאַן אַליין אַריינקריכן אין קאָפּ...

— איבעריקנס, ליובאַ, לייג אַכט, — האָט טאַראַס זיך געווענדט צו איר, שטייענדיק מיטן רוקן צום טיש און קוקנדיק אויפן זייגער, —

אַז דער פּעסימיזם איז דורכאויס פרעמד דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע... דאָס, וואָס מען רופט אָן ביי סוויפטן און ביי בייראָנען פּעסימיזם, — איז נאָר אַ ברענענדיקער, גאַליקער פּראָטעסט קעגן דער אומפּולקומענהייט פון לעבן און מענטש... אָבער דעם קאַלטן, דענקענדיקן אין פּאַסיוון פּעסימיזם וועסטו ביי זיי ניט געפינען...

און דאַן, ווי דערמאָנענדיק זיך פּלוצלונג אָן פּאָמען, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אים מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, און קלאַפּנדיק מיט דער פּיאַטע פון פוס, זיך אָפּגערופן:

— איר באַרירט זייער וויכטיקע פראַגן... אויב... זיי אינטערעסירן אייך ערנסט... מוזט איר לייענען ביכער... אין זיי וועט איר געפינען ניט ווייניק ווערטפולע געדאַנקען וועגן זין פון לעבן... ווי — איר לייענט ביכער?

— ניין! — האָט פּאָמאַ קורץ געענטפערט.

— האַ?...

— איך האָב זיי ניט ליב...

— אָהאָ!... פונדעסטוועגן וואָלטן זיי אייך געקענט עפּעס העלפן... — האָט טאַראַס געזאָגט, און איבער זיינע ליפּן האָט אַ שוועב געטאָן אַ שמייכל...

— ביכער? אויב מענטשן קענען מיר ניט העלפן אין מיינע געדאַנקען — וועלן ביכער אַוודאַי ניט... — האָט פּאָמאַ טרויעריק געזאָגט.

ס'איז געוואָרן לאַנגווייליק און אומבאַקוועם מיט אָט־דעם גלייכגילטיקן מענטשן. ער וואָלט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט זיך אים פאַרגלוסט זאָגן ליובאָוון עפּעס באַליידיקנדיקס וועגן איר ברודער, און ער האָט געוואַרט, צי וועט טאַראַס אפשר אַרויסגיין פון צימער. ליובאָוו האָט געוואַשן די גלאָזוואַרג; איר פּנים איז געווען קאָנצענטרירט און פאַרקלערט און די הענט האָבן זיך פיל באַוועגט. שפּאַנענדיק איבערן צימער הין־און־צוריק, האָט זיך טאַראַס אָפּגעשטעלט לעבן די פּאָליצעס זילבער, אונטערגעפּיפּט, געפּייקלט מיט די פינגער איבער די גלאָז און באַטראַכט די כלים מיט פאַרזשמורעטע אויגן. דער פּערפּענדיקל פון זייגער האָט געפינקלט הינטערן גלעזערנעם שאַכטל, ווי עפּעס עמעצנס אַ ברייט־

לאַכעדיקער פּרצוף, און מאָנאָטאָן געטיקט די סעקונדעס... פּאָמאַ האָט באַמערקט, אַז ליובאָוו האָט אייניקע מאָל אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פראַגע, מיט ביטול און דערוואַרטונג, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שטערט איר, און זי וואַרט, און קען זיך ניט דערוואַרטן, אַז ער זאָל אַוועקגיין.

— איך וועל ביי אייך נעכטיקן... — האָט ער זיך, סוף־כּל־סוף אָפּגערופן מיט אַ שמייכל. — איך דאַרף איבעררײדן מיטן טויפּאַטער. חוץ דעם איז מיר גלאַט אומעטיק איינער אַליין אין דער היים...

— איז באַמי זיך צו זאָגן מאַרפושען, זי זאָל דיר צוגרייטן אַ נאַכטלעגער אין ווינקל־קאַמער... — האָט אים ליובאָוו האַסטיק געעצהט.

— איך קען דאָס טאָן...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון עסנשטוב. נאָר באַלד האָט ער דערהערט, ווי טאַראַס פרעגט עפּעס ניט הויך ביי דער שוועסטער.

„דאָס איז וועגן מיר!" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. פּלוצלונג איז אים אין קאָפּ דורכגעפלויגן אַ בייזע מחשבה: — „אפשר זיך איינהערן, וואָס קלוגע מענטשן ריידן"...

ער האָט זיך שטיל צעשמייכלט, און טרעטנדיק אויף די שפּיץ־פינגער, איז ער אָן גערויש אַריבער אין צווייטן צימער אין שכנות מיט דער עסנשטוב. קיין פייער איז דאָרט ניט געווען, נאָר בלויז אַ שמאָלע לענגע ליכט פון עסנשטוב האָט זיך דורכגעריסן דורך דער ניט־פאַרמאַכטער טיר און זיך געלייגט אויפן פינסטערן דיל. פּאָמאַ איז שטיל, מיט אַ פאַרשטאַרקטן האַרץ און מיט אַ בייזוויליקן שמייכל, צוגעגאַנגען האַרט צו דער טיר און זיך אָפּגעשטעלט...

— אַ שווערער מענטש... — האָט ער געהערט טאַראַסעס שטים.

ס'האָט זיך באַלד דערויף דערהערט ליובאָווס האַסטיקער און נידעריקער קול:

— ער האָט דאָ די גאַנצע צייט געהוליעט... שאַרלאַטאַנעווע — שרעקלעך! ס'האָט זיך דאָס ביי אים אָנגעהויבן פּלוצלונג... תּחילת האָט ער צעמזיקט אין קלוב דעם וויצע־גובערנאַטאָרס איידים. דער

פּאַפּאַשאַ האָט אַלץ געאַרבעט, כּדי צו פֿאַררייבן דעם סקאַנדאַל, און נאָך גוט, וואָס דער צעשלאָגענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ מענטש מיט זייער אַ שלעכטער רעפּוטאַציע... אַ שווינדלער... און בכלל — אַ טונקעלע פּערזענלעכקייט... פֿונדעסטוועגן האָט דאָס געקאָסט דעם פֿאָטער אַ פּאָר טויזנט רובל... אין דער צייט, וואָס דער פֿאָטער האָט זיך משתּדל געווען וועגן דעם ערשטן סקאַנדאַל, האָט דערווײַלע פּאָמאַ שיר ניט דערטרונקען אַ גאַנצע געזעלשאַפֿט אויף דער וואָלגע.

— כאַ־כאַ־! אָט אַ חיה! און ער פֿאַרנעמט זיך דאָס מיט פֿאָרשונגען וועגן זין פֿון לעבן...

— אַ צווייטן מאָל איז ער געפֿאָרן אויף אַ דאַמפֿער מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע חבֿרה־לײַט אַזעלכע, ווי ער, געהוליעט און פּלוצלונג זאָגט ער זיי: בעט גאָט! איך וועל אײַך אַלעמען באַלד אַרײַנשלײַדערן אין וואַסער! ער איז זייער אַ שטאַרקער... יענע שרײַען... און ער: איך וויל דינען דעם פֿאָטערלאַנד און אָפּרייניקן די ערד פֿון אַזעלכע מיאוסע מענטשן, ווי איר...

— נו? דאָס איז שאַרפֿזיניק!

— אַ שרעקלעכער מענטש! וויפֿיל ווילדע שטיק ער האָט דאָס שוין אָפּגעטאָן פֿאַר דער צייט... וויפֿיל געלט ער האָט דאָס פֿאַרלעבט!...

— נאָר... זאָג — דער פֿאָטער פֿירט דאָך אָן מיט זיינע געשעפֿטן, איז אויף וועלכע באַדינגונגען — ווייסטו ניט?

— איך ווייס ניט! ער האָט פֿון אים אַ פֿולשטענדיקע באַפֿולמעכטיקונג... וואָס איז?

— אַזוי... אַן אָנשטענדיק געשעפֿט! פֿאַרשטייט זיך, אַוועקגעשטעלט אויף אַ ריין רוסישן שטייגער, דאָס הייסט — זייער שלעכט... און דאָך איז עס אַ גלענצנד געשעפֿט! אויב מען זאָל זיך מיט אים פֿאַרנעמען, ווי געהעריק, קאָן ער זיין... דער רײַכסטער גאָלד־גרוב...

— פּאָמאַ טוט לחלוטין גאָרניש... אַלץ ליגט אין דעם פֿאָטערס הענט...

— יאָ? דאָס איז אויסגעצייכנט...

— ווייסט, צייטנווייז דאַכט מיר, אַז ביי פּאָמען איז דאָס... אַזאַ הורכגעטראַכטע שטימונג אַזאַ... זיינע רייד — זיינען אויפריכטיקע און ער קען זיין... זייער... אַן אָנשטענדיקער... נאָר איך קען ניט צונויפבינדן זיין סקאַנדאַליעזן לעבן מיט זיינע רייד און געדאַנקען... איך קאָן דאָס בשום אופן ניט פאַרשטיין!

— ס'לוינט ניט וועגן דעם צו זאָרגן... אַ ניט־דערוואַקסענער און פוילאַק — און זוכט נאָך אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין פוילקייט...

— ניין, זעסט, אַמאָל איז ער... ווי אַ קינד... דערהויפּט פלעגט דאָס זיין פריער...

— נו, איך האָב שוין געזאָגט: אַ ניט־דערוואַקסענער. לוינט דען צו ריידן וועגן אַן עם־הארץ און פרא־אָדם, וועלכער וויל אַליין זיין אַן עם־הארץ און פרא־אָדם, וואָס ער באַהאַלט דאָס ניט? דו זעסט דאָך: ער טראַכט אַזוי, ווי דער בער אין משל, וואָס האָט זיך געלערנט בויגן שטאַנגען...

— ביסט צו־שטרענג...

— יאָ, איך בין שטרענג! מענטשן פאַרלאַנגען דאָס... מיר, רוסישע, זיינען אַלע שרעקלעך צעלאָזן... צום גליק איז דאָס לעבן אַזוי, אַז ווילנדיק־ניט־ווילנדיק דרעסירן מיר זיך צו ביסלעך... חלומות זיינען אַן עסק פאַר יונגע בחורים און מיידלעך, אָבער ערנסטע מענטשן — דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט ערנסטע זאַכן...

— אַמאָל, האָב איך שטאַרק רחמנות אויף אים... וואָס וועט ווערן פון אים?

— דאָס גייט מיר ניט אָן... איך מיין, אַז קיין שום באַזונדערס וועט פון אים ניט אַרויס, ניט קיין גוטס, ניט קיין שלעכטס... אַ הפקר־יונג... וועט פאַרלעבן דאָס געלט, רויִנירן זיך... וואָס־זשע נאָך? ע, זאָל ער! אַזעלכע ווי ער, זיינען איצט שוין זעלטן... איצט פאַרשטייט שוין דער סוחר דעם כוח פון בילדונג... אָבער דער דאָזיקער מילך־ברודער דיינער, וועט פאַרפאַלן ווערן...

— אמת, מיין הער! — האָט פאָמאַ אויסגערופן, עפענענדיק די טיר און ווייזנדיק זיך אויפן שוועל. אַ בלאַסער, מיט פאַרוואָלקנטע ברעמען און מיט פאַרקרימטע ליפן, האָט ער פון דער זייט געקוקט

איף טאַראַסן און הייזעריק געֶרעדט: — אמת! איך וועל פאַר־פאַלן ווערן אין — אָמן! הלוואַי וואָס גיכער!
ליובאָוו איז מיט שרעק אויפן פּנים אויפגעשפּרונגען פון שטול און צוגעלאָפן צו טאַראַסן, וועלכער איז רויק געשטאַנען אינמיטן צימער מיט די הענט פאַרוקט אין די קעשענעס.
— פּאָמאַ! אָ! מיאוס! דו האָסט אונטערגעהערט... אַך, פּאָמאַ! האָט זי פאַרלאָרן גערעדט.
— שווייג דו! שעפּס... — האָט איר פּאָמאַ אָפּגעענטפערט.
— נ־יאָ, אונטערהערן אונטערן טיר איז ניט גוט־ט! — האָט לאַנגזאַם אַרויסגערעדט טאַראַס, ניט אַראָפּלאָזנדיק פון פּאָמען זיין ביטולדיקן בליק.
— זאָל זיין ניט גוט! — האָט פּאָמאַ געזאָגט, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט — צי דען בין איך שולדיק, וואָס דעם אמת קען מען נאָר אונטערהאָרכן אונטערן טיר?
— גיי אַוועק, פּאָמאַ! איך בעט דיך! — האָט ליובאָוו געבעטן ביי אים, צוטוליענדיק זיך צום ברודער.
— איר האָט מיר אפשר וואָס צו זאָגן? — האָט טאַראַס רויק געפרעגט.
— איך? — האָט פּאָמאַ אויסגערופן. — וואָס קען איך זאָגן? איך קען אייך גאָרנישט זאָגן!... דאָס קענט איר — ביטע — איר קאָנט אַליין...
— הייסט דאָס, איר האָט מער נישט וואָס צו ריידן מיט מיר? — האָט טאַראַס ווידער געפרעגט.
— ניין!
— זייער אָנגענעם...
ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו פּאָמען און געפרעגט ביי ליובאָוון:
— ווי מיינסטו — דער פאָטער וועט קומען שפּעט?
פּאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און דערשפּירנדיק עפּעס עֶלעכם אויף יראת־הכבוד צום דאָזיקן מענטש, איז ער פאַר־זיכטיק אַרויס פון הויז. אים האָט זיך ניט געוואָלט גיין צו זיך אין זיין גרויסער, ליידיקער היים, וואו זיין יעדער טראָט האָט געוועקט אַ

קלינגענדיקן אָפּקלאַנג, און ער האָט געשפּאַנט איבער דער גאַס, אַרומגערינגלט פון בענקענדיק־גראָען בין־השמשות פון שפּעטיקן האַרבסט. אים האָט זיך געטראַכט וועגן טאַראַס מאַיאַקין.

„אַ האַרטער אַזאַ... אין טאַטן געראָטן... אָבער ניט אַזאַ צעפלויגענער... קאָן אויך, געוויס — פון יענעם די נשמה אַרויס־קוועטשן... און ליובקאַ — האָט אים געהאַלטן שיר פאַר אַ הייליקן... אַ שוטה! ווי ער האָט דאָס מיר אַ חלק אַוועקגעגעבן! פּונקט אַ ריכטער... אָבער זי — איז צו מיר גוט“...

נאָר אָט־די דאָזיקע אַלע רעיונות האָבן ניט דערוועקט אין אים קיין שום געפילן — ניט קיין באַליידיקונג אויף טאַראַסן, ניט קיין סימפּאַטיע צו ליובאָוון. ער האָט געטראָגן אין זיך עפּעס שווערס און אומבאַקוועמלעכס, עפּעס אומפאַרשטענדלעכס פאַר אים. דאָס איז אויסגעוואַקסן אין זיין ברוסט, און אים האָט אויסגעוויזן, אַז זיין האַרץ איז אויפגעשוואָלן און נאָגט, ווי פון אַ געשוויר. ער האָט זיך צוגעהערט צום אומאויפהערלעכן און ניט געשטילטן ווייטאָג, האָט באַמערקט, אַז ער וואַקסט מיט יעדער שעה אַלץ מער, שטאַרקט זיך, און ניט ווויסנדיק מיט וואָס אים איינצושטילן, האָט ער טעמפּ געוואַרט, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

אָט איז פאַרביי אים דורכגעפלויגן דעם טויפּפּאָטערס פלינקער פערד. פאָמאַ האָט דערזען אין דער ברישקע יאַקאָוו מאַיאַקינס קליינע געשטאַלט, אָבער ער האָט גאָרנישט דערוועקט אין אים. אַ לאַמטערן־צינדער איז דורכגעלאָפן פאַרביי פאָמען, איבערגעיאָגט אים, צוגעשטעלט אַ לייטער צו אַ גאַסן־לאָמפּ און אַרויפגעקראָכן אויף אים. אָבער דער לייטער האָט ניט אויסגעהאַלטן די שווערקייט פון קערפּער און זיך אַראָפּגערוקט, דער לאַמטערן־צינדער האָט אַרומגעכאַפּט דעם פאָנאַר־סלופּ, זיך אָנגעהאַלטן און מיט כּעס און הויך געשאָלטן. עפּעס אַ מיידל האָט אַ שטויס געטאָן פאָמען מיט אַ פּאַק אין זייט און זיך פאַרענטפערט:

— אַך, אַנטשולדיקט...

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און גאָרנישט געענטפערט. דערנאָך איז פון הימל געפאַלן אַ קאַלטער טוי, — קליינע, קוים זעעוודיקע טראָפּנס פייכטקייט האָבן פאַרנעפּלט דעם פייער פון דער

גאַס־לאַמטערן און די שוי־פענסטער פון די געשעפטן מיט אַ גראָ־לעכן שטויבל. פון שטויב איז שווער געוואָרן צו אָטעמען...

— אפשר אַריינגיין צו יעזשאָוון נעכטיקן? מאַכן מיט אים אַ כוסע... — האָט פאָמאַ אַ קלער געטאָן און אַוועק צו יעזשאָוון, ניט האָבנדיק קיין שום פאַרלאַנג ניט צו זען דעם פעליעטאָניסט, ניט צו טרינקען מיט אים...

ביי יעזשאָוון אויף דער סאָפע איז געזעסן עפּעס אַ צעכראַס־טעטער בחור אין אַ בלוזע און גראָע הויזן. דאָס פּנים איז ביי אים געווען אַ טונקלס, ווי אָפּגעוויאָנדזלט, די אויגן גרויסע, אומבאַוועגלעכע און ברוגזדיק; איבער די גראָבע ליפּן האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט בערשטלדיקע, זעלנערישע וואָנצעס. ער איז געזעסן אויף דער סאָפע מיט איפגעהויבענע פיס, אַרומגענומען מיט זיינע לאַנגע הענט און אָנגעשפּאַרט אויף זיי זיין גאָמבע. יעזשאָוו איז געזעסן אין פאָטעל מיט איין זייט, אַריבערגעוואָרפן זיינע פיס איבער איינעם פון די אָנ־לענס. צווישן די ביכער און פּאַפּירן אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלעשל בראַנפן און אין צימער האָט געשמעקט מיט עפּעס גע־זאַלצנס.

— וואָ שלעפּסטו זיך אַרום? — האָט יעזשאָוו מקבל־פּנים געווען פאָמען מיט אַ פראַגע, און צושאָקלענדיק צו אים מיטן קאָפּ, אָפּגערופן זיך צום מאַן, וואָס איז געזעסן אויף דער סאָפע: — גאָרדעיעוו!

יענער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן אַריינגעקומענעם און מיט אַ שניידיקער, סקריפּעדיקער שטים זיך פאָרגעשטעלט:

— קראַסנאָשטשעקאָוו...

פאָמאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן ברעג פון דער סאָפע און געמאָלדן יעזשאָוון:

— איך בין געקומען צו דיר נעכטיקן...

— נו, איז וואָס? רייד ווייטער, וואַסילי...

יענער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף פאָמען און אַרויס־געכאָרכלט:

— לויט מיין מיינונג, פאַלט איר אומזיסט אָן אויף די נאַרישע לייט... מאַזאַנעלאַ איז געווען אַ שוטה, אָבער דאָס, וואָס מען האָט

געדאַרפט טאָן, האָט ער איסגעפירט אויפן בעסטן אופן. אפילו אַ וועלכער ניט איז ווינקעלריד — איז באַשטימט אויך אַ טיפּש... פונ־דעסטוועגן אָבער, אויב ער וואָלט ניט אַריינגעזעצט אין זיך די קייזער־לעכע פּיקעס, זעסטו — וואָלטן די שווייצערס אים אָנגעפּייפט. קנאַפּ שוטים אַזעלכע זיינען פאַראַן! פונדעסטוועגן — זיינען זיי די העלדן... און די חכמים — זיי בלייבן פּחדנים... ווען ער וואָלט אַ זעץ געטאָן מיט דער גאַנצער קראַפט איבער די מכשולים, נאָר בעסער געטראַכט: וואָס דערפון וועט אַרויס? און ווי ניט צו פאַרלאָרן צו ווערן אומזיסט? פּאַר אַן אַרבעט בלייבט ער שטיין, ווי אַ פּלאָקן... ביז ער ווערט ניט פאַרגליווערט... אַ נאַר — און דאָך אַ מוטיקער! דערלאַנגט גלייך מיטן שטערן — אַ זעץ אין וואַנט! צעברעכט ער דעם שאַרבן — איז וואָס? קעלבערנע קעפּ זיינען ניט טייער... אָבער אַז ער מאַכט שוין יאָ אַ שפּאַלט אין וואַנט... בויערן די חכמים אויס דערפון אַ גאַנצן טויער, גייען דורך — און שרייבן זיך צו דעם כּבוד... ניין, ניקאָלאַי מאַטוויייאַטש, דרייסטקייט איז אַ גוטע זאַך, אויך אַן שׂכל...

— וואַסילי, דו רעדסט שטותעריי! — האָט יעזשאָוו אַ זאָג געטאָן, אויסשטרעקנדיק צו אים אַ האַנט.

— אַוודאי! — האָט וואַסילי מסכּים געווען. — מיט לאַפּטשעס קען איך ניט פרעסן קיין קרויט... און דאָך בין איך ניט קיין בלינדער... איך זע: חכמה איז דאָ אַ סך, אָבער קיין סדר — אַ האָר נישט. ביז די חכמים טוען אַ קלער, און ריידן זיך צונויף, ווי קליגער צו מאַכן עס, יאָגן זיי די נאַראָנים אַריבער... אָט דאָס איז אַלץ...

— וואַרט נאַר! — האָט יעזשאָוו זיך אָפּגערופן צו קראַסנאָ־שטשעקאָוו, וועלכער האָט זיך שוין געקליבן אַוועקגיין.

— איך קען ניט. איך בין היינט דעזשורנער... כ'האָב שוין אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט... איך וועל מאָרגן אַריינקומען, — מען קען?

— ביטע זייער! איך וועל דיך שוין פונאַנדערנעמען!

— דאָס איז טאַקע אייער זאַך...

וואַסילי האָט זיך פּאַמעלעך געבראַכט אין אָרדענונג, אויס־געהויבן זיך פון דער סאָפע, אַריינגענומען אין זיין גרויסער, שוואַר־

בער לאַפּע יעזשאָווס גאַל, אויסגעטריקנט הענטל און אַ דריק געטאָן:

— אַדיע!

דאַן אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ צו פּאַמען און מיט איין זייט זיך אַרויסגערוקט דורך דער טיר.

— האָסט געזען? — האָט יעזשאָוו אַ פרעג געטאָן פּאַמען, ווייזנדיק אים מיט דער האַנט אויף דער טיר, הינטער וועלכער ס'האָבן זיך נאָך געהערט שווערע טריט.

— ווער איז ער?

דער געהילף־מאַשיניסט וואַסקאַ קראַסאָשטשעקאָוו... אָט פון אים נעם אַ ביישפּיל: צו פופצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען זיך לייענען, און צו אַכט־און־צוואַנציק האָט ער שוין אויסגעלייענט, דער רוח ווייס אים, וויפיל גוטע ביכער, חוץ דעם האָט ער נאָך אויסגעלערנט פולשטענדיק צוויי שפּראַכן... איצט פאָרט ער קיין אויסלאַנד...

— צו וואָס? — האָט פּאַמאַ געפרעגט.

— לערנען זיך ווייטער... זען ווי מענטשן לעבן דאָרט... און דו — ביסט נאָך אַלץ אַ זייערער... צוליב וואָס?

— וועגן די נאַראָנים האָט ער גוט געדרשנט, — האָט פּאַמאַ באַטראַכט אַ זאָג געטאָן.

— איך ווייס ניט, ווייל איך בין — ניט קיין נאַר...

— גאַנץ זאַכלעך! אַ טעמפּער מענטש דאַרף באַלד עפּעס טאָן... אַרויפוואַרפן זיך, איבערקערן....

— האָסט אָנגעהויבן ווייטער דאָס אייגענע! — האָט יעזשאָוו אויסגערופן. — דו זאָג מיר בעסער אָט־וואָס: איז אמת, אַז מאַיאַקינס זון איז צוריקגעקומען?

— אמת...

— אַזוי!...

— וואָס איז?

— גאָרנישט!

— אָבער אויף דיין פּנים איז קענטיק, אַז ס'איז יאָ עפּעס...

— מיר קענען אָט דעם זון... מיר האָבן געהערט וועגן אים...

— און איך האָב אים שוין געזען...

— נו? ווי איז ער?

— האַ... דער טייוול ווייס אים! וואָס פאַר אַן עסק האָב איך מיט אים?

— ענלעך אויפן טאַטן?

— דיקער... קיילעכדיקער... מער ערנסטער... ער איז אַזאַ... קאַלטער...

— הייסט עס, ער וועט נאָך זיין ערגער פון יאַשקען... נו, דו, ברודער, קוק מיט ביידע אויגן! אַניט וועלן זיי דיך ביידע אַרומגריזשען...

— זאָלן זיי!

— זיי וועלן דיך באַראַבעווען... — וועסט בלייבן אַ קבצן...

דער דאָזיקער טאַראַס האָט אין יעקאַטערינבורג נישקשהדיק באַאַרבעט דעם שווער זיינעם...

— איז זאָל ער מיך אויך באַארבעטן, אויב ער וויל... איך וועל אים דערפאַר, אויסער אַ דאַנק, קיין וואָרט ניט זאָגן...

— דו רעדסט נאָך אַלץ דאָס אייגענע...

— יאָ...

— כדי צו באַפרייען זיך?

— נו, יאָ...

— וואַרף אַוועק! אויף וואָס דאַרפסטו פרייהייט? וואָס וועסטו טאָן דערמיט? דו טויגסט דאָך צו גאָרנישט, ביסט אַן עם־האָרץ... קענסט אַפילו ניט קיין שייטל האָלץ צעשפּאַלטן?! אָט ווען איך זאָל זיך קענען באַפרייען פון דער באַדערפעניש צו טרינקען שנאַפּס און צו עסן ברויט!

יעזשאָוו איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס, געשטעלט זיך אַנטקעגן פאָמען און גענומען ריידן מיט אַ הייכן קול, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט:

— איך וואָלט צונויפגעקליבן די רעשטלעך פון מיין צעריסענער נשמה און צוזאַמען מיטן בלוט פון מיין האַרץ אַ שפּיי געטאָן אין פּרצוף פון אונזער אינטעליגענציע, דער טייוול זאָל זי נעמען!

איך וואָלט זיי געזאָגט: פליגעלעך! איר — דער בעסטער זאַפט פון מיין לאַנד! דער פאַקט פון אַייער זיין איז אָפּגעצאָלט מיטן בלוט און מיט די טרערן פון צענדליקער דורות רוסישע לייט, אָ! לייַן! ווי טייער איר קאָסט אַייער לאַנד! וואָס־זשע טוט איר פאַר איר? צי האָט איר די טרערן פון עבר פאַרוואַנדלט אין פּערל? וואָס האָט איר געגעבן דעם לעבן? וואָס האָט איר געטאָן? איר האָט דערלויבט צו באַזיגן אַייך! וואָס טוט איר איצט? איר דערלויבט צו איזדיעקעווען זיך איבער אַייך...

ער האָט מיט צאָרן אַ טופּע געטאָן מיט די פיס, און שטשירענדיק די ציין, געקוקט אויף פאָמען, מיט אַ בייזן בליק, ענלעך אויף אַ צערייצטער, ווילדער חיה.

— איך וואָלט זיי געזאָגט: איר! איר קלערט צופיל, אָבער איר זייט נאָך אַלץ ווייניק קלוג און נאָך אַלץ מאַכטלאָז — און פחדנים זייט איר אַלע! אַייער האַרץ איז אָנגעפּיקעוועט מיט מאָראַל און גוטע פּניות, נאָר עס איז ווייך און וואַרעם, ווי אַ פּערענע, דער גייסט פון שאַפן שלאָפט דאָרט רויק און האַרט, און עס קלאַפּט ניט אין אַייך, נאָר וויגט זיך אום, ווי אַ וויגעלע. אַיינטונקענדיק מיין פינגער אין בלוט פון מיין האַרץ, וואָלט איך זיי אָנגעשמירט אויף זייערע שטערנס דעם חותם פון מיינע פאָרוואורפן און זיי, די אָרעמע אין גייסט, די אומגליקלעכע אין זייער זעלבסטצופרידנקייט, וואָלטן געליטן... אָ, דאַן וואָלטן זיי געליטן! מיין בייטש איז דין, און מיין האַנט איז האַרט! און איך האָב צופיל ליב, כדי צו האָבן רחמנות! זיי וואָלטן געליטן! אָבער איצט — ליידן זיי נאָך ניט, מחמת זיי ריידן שוין צופיל, שוין צו אָפט און הויך וועגן זייערע יסורים! זיי ליגן! דאָס אמתע ליידן איז שווייגעוודיק, און די אמתע ליידנשאַפט ווייסט ניט קיין גרענעצן!... ליידנשאַפט, ליידנשאַפט! ווען וועט עס געבאָרן ווערן אין אונזערע הערצער? מיר זיינען אומגליקלעך צוליב מאַנגל אין ליידנשאַפט...

פאַרהיקענדיק זיך, האָט ער זיך צעהוסט און לאַנג געהוסט, היפּנדיק איבערן צימער און פאָכנדיק מיט די הענט, ווי אַ משוגענער. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן פאָ־

מען מיט אַ בלייך געזיכט און מיט בלוט־פאַרגאָסענע אויגן. ער האָט שווער געאָטעמט, די ליפּן האָבן בײַ אים געציטערט, אויפ־הערקנדיק און אַנטפּלעקנדיק זיינע קליינע שפּיציקע ציין. אַ צעכראַס־טעטער, מיט קורצע האָר אויפן קאָפּ, איז ער ענלעך געווען אויף אַ פּיש, וואָס מען האָט אים אַרויסגעשליידערט פון וואַסער... פּאַמאַ האָט אים אַזוי געזען ניט דאָס ערשטע מאָל, אָבער ער איז אויך איצט, ווי אַלעמאָל, געוואָרן אָנגעשטעקט פון יעזשאָווס אויפרעגונג. ער האָט שווייגנדיק געהערט די בּרויזנדיקע רייד פון דאָזיקן קליינעם מענטש, ניט געבנדיק זיך די מי צו פאַרשטיין זייער זין, ניט וועלנדיק וויסן, קעגן וועמען זיי זיינען געריכט, — ער האָט געשלונגען בלויז זייער קראַפט. יעזשאָווס ווערטער האָבן אויף אים געשפּריצט, ווי הייסע וואַסער, און געוואָרעמט זיין נשמה.

— איך וועל זיי זאָגן, אָט־די דאָזיקע אומגליקלעכע לײַדיק־גייערס: זעט: דאָס לעבן גייט פאָרויס און לאָזט אײַך פון הינטן!

— עך! נישקשהדיק! — האָט פּאַמאַ אויסגערופן מיט באַ־גייסטערונג און זיך גענומען אונטערהויבן אויף דער סאָפע. — ביסט אַ העלד, ניקאָלאַי! אַ־אַ! גיב זיי! זאָג זיי גלייך אין די אויגן!

נאָר יעזשאָוו האָט זיך ניט געניי טיקט אין דערמונטערונג, ס'האָט אויסגעזען, אַז ער הערט אַפילו ניט פּאָמעס אויסרופן און ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך ווייס די מאָס פון מיינע כּוחות, איך ווייס — זיי וועלן שרייען צו מיר: שווייג! זיי וועלן מיר זאָגן: שטיל! זיי וועלן דאָס זאָגן קלוג, זיי וועלן דאָס זאָגן רויִק, אויסדריקנדיק זיך איבער מיר, זיי וועלן דאָס זאָגן פון דער הייך פון זייער גרויסקייט... איך ווייס — איך בין אַ קליין פייגעלע, אָ, איך בין ניט קיין נאַכטיגאַל! איך בין גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט זיי, איך בין נאָר אַ פעליעטאָניסט, אַ מענטש צו ווײַלן דאָס פּובליקום... זאָלן זיי שרייען און מיך איבעררייסן, זאָלן זיי! אַ פּאַטש וועט פאַלן אין מיין באַק, אָבער דאָס האַרץ וועט נאָך אַלץ קלאַפּן! און איך וועל זיי זאָגן: יאָ, איך בין אַ פּראָסטאַק! און מיין ערשטע מעלה קעגן אײַך איז דאָס, וואָס איך ווייס ניט קיין איין אמת פון די פּאַפּירענע ביכער, וואָס זאָל זיין פאַר מיר טייערער, ווי דער מענטש! דער מענטש

איז די גאַנצע וועלט און זאָל לעבן אויף אייביק דער, וואָס טראָגט אין זיך די גאַנצע וועלט! אָבער איר, וועל איך זאָגן, איר, וואָס צוליב אַ וואָרט, אין וועלכן ניט אַלעמאָל, קען זיין, איז דאָ אַן אינהאַלט, וואָס זאָל אַייך זיין פאַרשטענדלעך, — איר, וואָס אָפּט זייט איר גרייט צוליב אַ וואָרט אָנצומאַכן איינער דעם צווייטן וואונדן און ווייטאָגן, איר, וואָס צוליב אַ וואָרט שפּריצט איר איינער אויפן אַנדערן מיט גאַל, איר פאַרגוואַלדיקט די נשמה... דאָס לעבן וועט ביי אַייך דערפאַר שטרענג אויפמאָנען, גלויבט: אַ שטורעם וועט אויסברעכן און וועט אַייך פאַרטיליקן און אַראָפּשווענקען אַייך פון דער ערד, ווי אַ רעגן און ווינט — דעם שטויב פון דיביימער! אין דער מענטשלעכער שפּראַך איז דאָ בלויז איין וואָרט, וועמעס אינהאַלט איז פאַר אַלעמען קלאָר און טייער, דאָס דאָזיקע וואָרט ווען מען רעדט עס אַרויס, קלינגט עס אַזוי: פרייהייט!

— שטורעם! — האָט פאָמאַ אַ ברום געטאָן, אויפשפּרינגענדיק פון דער סאָפע און אָנכאַפּנדיק יעזשאָוון פאַר די אַקסלען. מיט פינקלדיקע אויגן האָט ער אַריינגעקוקט אין יעזשאָווס פּנים, בויגנדיק זיך צו אים, האָט ער כמעט געקרעכצט מיט בענקשאַפט און ביטערניש: — ע־עך! ניקאָלקאַ... טייערער, איך האָב אויף דיר אַזוי רחמנות ביזן טויט! אַזוי רחמנות — אַז איך קען דאָס ניט אויסדריקן!

— וואָס איז? וואָס ווילסטו? — האָט יעזשאָוו אויסגעשריען, אָפּשטופּנדיק אים אַ פאַרוואונדערטער און אַן אַראָפּגעשלאָגענער פון דער פּאָזיציע דורך פאָמעס אומדערוואַרטן און אויסטערלישן השתפכות־הנפש.

— עך, ברודער! — האָט פאָמאַ גערעדט, אַראָפּלאָזנדיק די שטים, פון וואָס דער קול ביי אים איז געוואָרן איבערציינגדיקער און פולער. — ביסט אַ לעבעדיקע נשמה... פאַרוואָס ווערסטו פאַרלאָרן?

— ווער? איך? איך ווער פאַרלאָרן? ליגנסט!

— טייערער! ווערסט גאָרנישט ניט זאָגן קיינעם! האָסט ניט וועמען! ווער וועט דיך הערן? בלויז איך נאָר...

— גיי צום טײַוול! — האָט יעזשאָװ בײַז אַ געשריי געטאָן, אָפּשפּרינגענדיק פֿון אים ווי אַן אָפּגעבריטער.

אָבער פֿאָמאַ איז ניט אָפּגעטראָטן און גערעדט איבערצייגנדיק און מיט גרויס טרויער:

— הער רייד! רייד צו מיר! איך וועל פֿונאַנדערטראָגן דײַנע ווערטער וואוהין מען דאַרף... איך פֿאַרשטיי זיי... און אַך, ווי איך וועל די מענטשן אָפּברענען! וואַרט נאָר!... ס'וועט קומען פֿאַר מיר די געלעגנהייט...

— גיי אַוועק! — האָט יעזשאָװ היסטעריש אַ געשריי געטאָן, צוגעדריקט מיטן רוקן צו דער וואַנט פֿון פֿאָמעס אָנגריף. ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרלאָרענער, אַ דערדריקטער, אַ צעררייצטער און זיך אָפּגעווערט פֿון פֿאָמעס הענט, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטרעקט צו אים.

אין דער צײַט האָט זיך אויפֿגעמאַכט די טיר פֿון צימער און אויפֿן שוועל איז געבליבן שטיין עפּעס אַ שוואַרצע פֿרויען-געשטאַלט. איר פּנים איז געווען בייז, אויפֿגעבראַכט, איין באַק איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ טיכל. זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, אויסגעצויגן צו יעזשאָוון איר האַנט און זיך אָפּגערופֿן מיט שוים אויף די ליפּן און מיט אַ פֿײַפֿערײַ:

— ניקאָלאַי מאַטוועיעוויטש! אַנטשולדיקט... דאָס איז דאָך אוממעגלעך! אַזאַ חיהשער געבריל... אַ ברומען... אַלע טאָג געסט... די פּאָליציי גייט אַרום... ניין, מער קען איך דאָס ניט אויסהאַלטן! איך בין נערוועז... זייט אַזוי גוט און ליידיקט אָפּ מאָרגן דעם צימער... איר וואוינט ניט אין אַ מדבר... אַרום אײַך — זײַנען דאָ מענטשן... און נאָך דערצו — אַ געבילדעטער מענטש! אַ שרײַבער: אַלע מענטשן נייטיקן זיך אין רו... מיר טוט וויי די צײַן... איך בעט אײַך, טאַקע מאָרגן... איך וועל אָנקלעפּן אַ צעטל... איך וועל מעלדן אין פּאָליציי...

זי האָט גערעדט גיך און דער גרעסטער טייל פֿון איר רייד איז נעלם געוואָרן אין איר פּייפֿן און שוימען; ס'האָבן זיך אויסגעטיילט בלויז יענע ווערטער, וועלכע זי האָט אויסגעשריען מיט אַ קוויטשענדיקן, אויפֿגערעגטן קול. די קניפּלעך פֿון טיכל האָבן

אויף איר קאָפּ אַרויסגעשטאַרטשעט, ווי קליינע הערנער, און געטרייסלט זיך פֿון דער באַוועגונג פֿון אירע קינבאַקן. ביים אָנבליק פֿון איר אויפֿגערעגטן און קאָמישן אויסזען, האָט פּאָמאַ ביסלעכווייז גענומען אָפּטרעטן אויף הינטערווייַלעכס צו דער סאָפֿע, יעזשאָוו איז בעת־מעשׂה געשטאַנען און געריבן זיך דעם שטערן, קוקנדיק אויף איר און צוהערנדיק זיך מיט אָנשטרענגונג צו אירע רייד...

— איז זאָלט איר וויסן זיין! — האָט זי פֿאַרענדיקט איר שרייען, און שוין זייענדיק הינטערן טיר, נאָכאַמאָל איבערגעחזרט: — אַלזאָ, מאָרגן! ס'אַר אַ סקאַנדאַל...

— צי אַלדי־רוחות! — האָט יעזשאָוו אַרויסגעשעפּטשעט, קוקנדיק טעמפּעוואַטע צו דער טיר.

— נ־יאָ־אָ! ס'אַר אַ בריאה! שטרענג! — האָט פּאָמאַ אָפּגערופֿן זיך, קוקנדיק אויף יעזשאָוון מיט פֿאַרוואונדערונג און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפֿע.

יעזשאָוו איז מיט אויפֿגעהויבענע פּלייצעס צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעגאָסן זיך אַ האַלבע טיי־גלאָז מיט בראַנפֿן, אויסגעזופּט און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. אַ רגע האָט מען געשוויגן. דערנאָך האָט פּאָמאַ ניט הויך און, ווי היטנדיק זיך, אַרויסגעזאָגט:

— ווי דאָס איז אַלץ אַזוי פּלוצלונג געשען... — מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן מיטן אויג אַ פּינטל צו טאָן און נאַדיר — אַזאַ פּסק... האַ?

— דו! — האָט יעזשאָוו אַרויסגעברומט דאָסמאָל שוין שטילער, אָבער מיט דער זעלביקער בייזקייט, וואָס פֿריער, און מיט דער זעלביקער ווילדקייט, קוקנדיק אויף פֿאָמען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. — דו שווייג! דו... דער טייוול זאָל דיך נעמען... לייג זיך און שלאָף!... ס'אַר אַ חיה... אַ קאָשמאַר אַזאַ... או!

און ער האָט פֿאָמען באַוויזן אַ פֿויסט. דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן נאָך בראַנפֿן און ווידער אויסגעטרונקען...

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין פּאָמאַ געלעגן אַן אויסגעטאָנענער אויף דער סאָפֿע און מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן נאָכגעשפּירט נאָך יעזשאָוון, וועלכער איז אומבאַוועגלעך געזעסן אין אַ

צעבראָכענער פּאָזע בײַם טיש. ער האָט געקוקט אויפֿן דיל און זײַנע ליפּן האָבן זיך שטיל באַוועגט... פּאַמאַ איז געווען אײַטער זיך — ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס יעזשאָוו איז אויף אים אין כּעס, און דאָס האָט אים געוואונדערט. צי ניט דערפֿאַר, ווײַל מען האָט אים אָפּגעזאָגט פֿון צימער? ער אַליין האָט דאָך געשריען...

— אָ, אַשמדאַי... — האָט יעזשאָוו געפּליסטערט און געקריצט מיט די ציין.

פּאַמאַ האָט פֿאָרזיכטיק אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ פֿון קישן. מיט אַ טיפֿן און רוישיקן קרעכץ האָט יעזשאָוו ווידער אויסגעצויגן זײַן האַנט צום פֿלעשל... דאַן האָט זיך פּאַמאַ שטיל אָפּגערופֿן צו אים:

— לאָמיר בעסער גיין ערגעץ אין אַ האָטעל... ס'איז נאָך ניט שפּעט...

יעזשאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך אויסטערליש צעלאַכט, רײַבנדיק מיט די הענט דעם קאָפּ. נאָכדעם האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון שטול און קורץ געענטפֿערט פּאַמען:

— טו זיך אָן!...

און זעענדיק, ווי לאַנגזאַם און ניט געשיקט פּאַמאַ האָט זיך אַ ריר געטאָן אויף דער סאָפֿע, האָט ער אומגעדולדיק און מיט כּעס אַ געשריי געטאָן:

— נו, גיכער־זשע, קלײַב זיך צו!... דו — די פֿאַרקערפּערונג פֿון ניט געשיקטקייט... דו — סימבאָלישער גלאָמפּ!

— דו זידל זיך ניט! — האָט פּאַמאַ מיט אַ פֿרידלעכן שמייכל זיך אָפּגערופֿן. — כּדאַי זיך אויפֿצורעגן צוליב דעם, וואָס אַ אישה האָט זיך דאָרט צעקוואָקעט—

יעזשאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, אויסגעשפּיגן און זיך שנײַדיק צעלאַכט...

XIII.

— אַלע זײַנען שוין דאָ? — האָט איליאַ יעפּימאָװיטש קאַ־נאָנאָװ אַ פרעג געטאָן, שטייענדיק אױפן שפּיץ פון זײַן נײַעם דאַמפּער און מיט שײַנענדיקע אױגן באַקוקט דעם עולם געסט. — דאַכט זיך, אַלע!

און אױפהױבנדיק אינדערהױך זײַן דיקן און רױטן, גליקלעכן פּנים, האָט ער אַ געשרײ געטאָן צום קאַפּיטאַן, װעלכער איז שױן געשטאַנען גרייט אױפן בריקל בײַ דער רעד:

— שװים אָפּ, פּעטרוכאַ!

— גוט!...

דער קאַפּיטאַן האָט אַנטבלױזט זײַן גרױסן פּליכיקן קאָפּ, זיך פרום איבערגעצלמט, אַ קוק געטאָן אױפן הימל, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זײַן ברײטער, שװאַרצער באָרד, אַ כריאַקע גע־טאָן און אָפּגעגעבן אַ באַפעל:

— איך צוריק!

די געסט האָבן שװײַגנדיק און אױפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט דעם קאַפּיטאַנס אַרבעט, און לױט זײַן בײַשפּיל זיך אױך גענומען צלמען, דערבײַ האָבן זײערע היט און צילינדערס אַ שװעב געטאָן אין דער לופט, װי אַ סטאַיע שװאַרצע פײגלען.

— בענטש אונז, גאָט! — האָט קאַנאָנאָװ מילד אױסגערופן.

— גיב־אָפּ דעם שטײער! פאָרױס! — האָט דער קאַפּיטאַן באַ־פוילן.

דער געװאַלדיקער „איליאַ מוראָמעץ" האָט מיט אַ מעכטיקן קרעכץ אַרױסגעלאָזט אױפן ברעג פון האַפן אַ געדיכטן קנױל פון װײַסן דאַמף, און לײַכט, װי אַ שװאַן, געלאָזט זיך קעגן שטראָם.

— שרײַן אַוועק! — האָט מיט התפּעלות זיך אָפּגערופן דער האַנדלס־ראַטגעבער לופּ גריגאָריעוו ריעזניקאָוו, אַ מאַן אַ הויכער, אַ דאַרער און חשובער. — אַפילו זיך קײן טרײסל ניט געטאָן! ווי אַ דאַמע אין טאַנץ!

— מיטעלער גאַנג!...

— ניט קײן שיף — נאָר אַ לוויתן! — האָט זיך מיט אַ פרומען זיפץ אָפּגערופן דער געשפּרענקלטער און אײַנגעבוי־גענער טראָפּים זובאָוו, דער סטאַראָסטע פון סאָבאָר און דער גרעס־טער פּראָצענטניק אין שטאָט.

דער טאָג איז געווען אַ גרויער; דער האַרבסטיק־באַדעקטער הימל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער פון טײַך און צוגעגעבן אים אַ קאַלטן, בלײַענעם אויסזען. בלאַנקענדיק מיט דער פרישער פאַרב, איז דער דאַמפער געשוואומען איבערן אײַנפאַרביקן פאָן פון טײַך, ווי אַ געוואַלדיקער העלער פלעק, און דער שוואַרצער רויך פון זײַן אָטעמען איז ווי אַ שווערער וואָלקן געשטאַנען אין לופט. אײַנגאַנצן אַ ווײַסער, מיט ראָזע אַקסן און העל־רויטע רעדער, האָט ער מיטן שפּיץ לײַכט געשניטן דאָס קאַלטע וואַסער און פונאַנדער־געיאָגט אים איבער די ברעגעס. די שויבן און די קײַלעכדיקע פענסטער פון די קאַיוטעס און קאָרידאָרן האָבן העל געשײַנט, ווי זײ וואָלטן געשמײכלט מיט אַ זעלבסטצופרידענעם, נצחונדיקן שמײכל.

— השובע הערן פון דער געזעלשאַפט! — האָט קאַנאָנאָוו, אַוועקנעמענדיק די הוט פון קאָפּ, אויסגערופן, נײגנדיק זיך נידעריק צו די געסט. — נאָכדעם, ווי מיר האָבן נאָר־וואָס, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעגעבן גאָט — דאָס זײַניקע, איז דערלויבט, אַז די מוזיקאַנטן זאָלן אויך אָפּגעבן דעם קײסער — דאָס קײסערלעכע!

און ניט דערוואַרטנדיק קײן תשובה פון די געסט, האָט ער צוגעשטעלט די פײַסט צום מויל און אויסגעשריען:

— אָרקעסטער! שפּילט: „זײ גערימט!"

דער מיליטערישער אָרקעסטער, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער מאַשין, האָט אַ זעץ געטאָן אַ מאַרש.

און מאַקאַר באָבראָוו, דער דירעקטאָר און גרינדער פון אָר־טיקן סוחרישן באַנק, האָט גענומען אונטערזינגען מיט אַן אָנגע־

נעמען באַס, פּיקלענדיק מיט די פינגער אויף זיין גרויסן בויך צום טאַקט!

— זיי גערימט, זיי גע=רימט אונזער רוסישער צאַר — טראַ=ראַ=טאַ! בום!

— איך לאַד אײַך, מיינע הערן, צום טיש! ביטע! מיט וואָס גאָט האָט צוגעשיקט... כע=כע! איך בעט אײַך, אונטערטעניק... — האָט קאָנאָנאָוו גערופן זיינע געסט, שטופנדיק זיך אין דער ענגער גרופּע, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט.

געסט זיינען געווען אַ מאַן דרייסיק, אַלע אָנשטענדיקע לייט, די פליאָר פון דער אָרטיקער סוחרימשאַפט. די עלטערע פון זיי, וועלכע האָבן געהאַט פליכן אין זיינען שוין געווען גרא, האָבן געטראָגן אַלטמאָדישע רעק, היטלען און שטיוול, ווי פלעשער. נאָר אַזעלכע זיינען געווען ניט קיין סך: דאָס רוב זיינען געווען אין צילינדערס, שיך און אין מאָדערנע וויזיטקעס. זיי האָבן זיך אַלע געקליבן אויפן שפּיץ דאַמפער און ביסלעכוויז, אויף די בקשות פון קאָנאָנאָוון, אַראָפּ אויפן אונטערשטן דעק, וואָס איז געווען אונטער אַ דעכל פון לייוונט. דאָרט זיינען געשטאַנען געדעקטע טישן מיט מאַכלים. לופּ ריעזניקאָוו איז געגאַנגען געאָרעמט מיט יאַקאָוו מאַיאַקינען, און טויגנדיק זיך צו זיין אויער, אים עפּעס אַריינגעשעפּטשעט. יענער האָט געהערט און איידל געשמייכלט. פאָמאַ, וועמען דער טייפּאָטער האָט אויך געבראַכט אויף דער פייערונג, נאָך לאַנגע אַיינריידעניש, — האָט זיך ניט געפונען קיין קאָלעגע צווישן אָט=די פּאַר אים ניט=סימפּאַטישע מענטשן און ער האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט פון אַלעמען, אַ בלאַסער און מרה=שחורהדיקער. די לעצטע צוויי טעג האָט ער צוזאַמען מיט יעזשאָוון שטאַרק געשיכורט און איצט האָט אים דער קאָפּ געקנאַקט פון אויסניכטערונג. אים איז געווען ניט אָנגענעם צווישן דער דאָזיקער סאָלידער און ברייטלעכער געזעלשאַפט; דער טומל פון די קולות, דאָס שאַלן פון דער מוזיק און דאָס רוישן פון דאַמפער — דאָס אַליץ האָט אים אויפגערייצט.

ער האָט געפילט אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט אויסצוניכטערן זיך, און ס'האָט אים ניט געלאָזט צו רו דער געדאַנק וועגן

דעם, פֿאַרוואָס איז דער טויפּפּאָטער געווען צו אים היינט אַזוי ווייך און צוליב וואָס האָט ער אים געבראַכט אַהער, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די גרעסטע סוחרים אין שטאָט? צוליב וואָס האָט ער אַזוי צודרינגלעך צוגערעדט אים און אַפֿילו אײַנגעבעטן זיך בײַ אים צו גיין צו קאַנאָנאָוון אויף דער גאָטעסדינסט און אויפֿן מיטאָג?

— דו מאַך זיך ניט נאַריש, לאָמיר גיין! — האָט פּאָמאַ זיך דערמאָנט דעם פּאָטערס רייד צו אים. — וואָס מיידסטו אויס מענטשן? דער כאַראַקטער בײַם מענטשן איז פֿון דער נאַטור, און וואָס שייך רײַכקייט ביסטו ניט קיין סך נידעריקער פֿאַר זיי... מען דאַרף זיך האַלטן מיט אַלעמען גלײַך... קום!

— אָבער ווען, פּאַפּאַשאַ, וועט איר מיט מיר ערנסט ריידן? — האָט פֿאָמאַ געפֿרעגט, נאָכפֿאָלגנדיק די באַוועגונג פֿון יאַקאָוו טאַראַסאָוויטשעס פּנים און זײַנע גרינע אויגן.

— דאָס מיינסטו נאָך אַליץ מכּוח דײַן באַפֿרײַען זיך פֿון די געשעפֿטן? כע־כע! מירן ריידן... מירן נאָך ריידן, פֿרײַנט מײַנער! ביסט אַן אויסטערלישער... וואָס־זשע? — וועסט גיין אין אַ מאָנאַסטיר און אַוועקוואַרפֿן דײַן אייגנס? לויטן בײַשפּיל פֿון די הייליקע קנאים?... האַ?

— מירן נאָכדעם... שוין זען!... — האָט פֿאָמאַ געענטפֿערט.

— זאָל זײַן אַזוי... נאַר דערוויילע, ביזן מאָנאַסטיר, — וועלן מיר פֿאָרן! קלייב זיך צו לעבעדיקער... רייב אויס דײַן שילדל מיט עפּעס אַ פֿײַכטער זאַך, אַניט זעט עס אויס בײַ דיר, ווי אָנגעשוואָלן. הוצדעם באַשפּריץ זיך מיט אָדעקאָלאָן, — נעם בײַ ליובאָוון, — עס זאָל ניט שטינקען פֿון דיר מיט שענק... אַיידאַ!

קומענדיק צו פֿאָרן אויפֿן דאַמפֿער אין דער צײַט פֿון דער תּפֿילה, האָט זיך פֿאָמאַ געשטעלט אָן אַ זײַט אין די גאַנצע גאָטעסדינסט באַטראַכט הינטער די סוחרימס פּלייצעס.

זיי זײַנען אַלע געשטאַנען אין אַ פֿרומען שווײַגן; זייערע פּנימער זײַנען געווען פֿרום קאָנצענטרירט; זיי האָבן מתפּלל געווען אויפֿריכטיק און צאַרט, זיפֿצנדיק טיף און בוקנדיק זיך נידעריק, ווענדנדיק רירנדיק די אויגן צום הימל. פֿאָמאַ האָט געקוקט דאָ אויף דעם,

דאָ אויך יענעם און זיך דערמאָנט דאָס, וואָס אים איז געווען באַקאַנט וועגן זיי.

— אָט איז לופּ ריעזניקאָוו, — ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס באַלעבאָס פון אַן עפּנטלעך הייזל און איז מיטאַמאָל רייך געוואָרן. מען דערציילט, אַז ער האָט דערשטיקט איינעם פון זיינע געסט, אַ רייכן סיבירער... זכאָוו האָט זיך אין דער יוגנט פאַרנומען מיט איינקויפן פויערשע לייוונט. צוויי מאָל האָט ער באַנקראָטירט... קאָנאָנאָוון האָט מען מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק געמשפּט פאַר אַן אונטערצינדונג און איצט געפינט ער זיך אונטער אַ געריכטס־אויספאָרשונג פאַר פאַרגוואַלדיקן אַ מינדעריעריקע מיידל. צוגלייך מיט אים — איז שוין דאָס צווייטע מאָל צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט אונטער דער זעלבער באַשולדיקונג אויך זאַכאַר קירילאָוו ראַבוסטאָוו, — אַ דיקער, נידעריקער סוחר מיט אַ קיילעכדיק געזיכט און מיט פריילעכע בלאָע אויגן... צווישן די אַלע מענטשן איז ניטאָ כמעט קיין איינער, וועגן וועמען פאָמען זאָל ניט זיין באַוואוסט עפּעס אַ שענדלעכע זאַך.

און ער האָט געוואוסט, אַז זיי אַלע זיינען מקנא דעם דערפאָלג פון קאַנאָנאָוון, וועלכער פלעגט פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערן די צאָל פון זיינע דאַמפערס. פיל פון זיי זיינען צעקריגט צווישן זיך און קיינער פון זיי שטיצט ניט אונטער איינער דעם צווייטן אין אַ שטרייטיקן האַנדלס־ענין און יעדער איינער פון זיי ווייסט אויפן אַנדערן צו דערציילן ניט קיין גוטע און ניט קיין ערלעכע מעשים...אָבער איצט, זייענדיק דאָ פאַרזאַמלט אַרום דעם זיגערישן און גליקלעכן קאַנאָנאָוון, האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטאַרקער, פינס־טערער מאַסע, געשטאַנען און געאָטעמט, ווי איין מענטש, אָנגע־שטרענגטע אַזוי — שווייגיקע און אַרומגערינגלט מיט עפּעס, הגם ניט קיין זעענדיקס, אָבער פעסטס, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פאָמען אָפּגעשטויסן פון זיי און דערוועקט אין אים אַ פּחד פאַר זיי:

„שווינדלערס"... — האָט ער געטראַכט, זיך אַליין צוגעבנדיק מוט.

זיי האָבן נאָך אַלץ שטיל אונטערגעהוסט, פאַרקייכט זיך, געזיפצט, געצלמט זיך, געקניט, און אַרומרינגלענדיק די גייסטלעכע

מיט אַ פֿעסטער וואַנט, זײַנען זיי געשטאַנען, ניט אָפּטרעטנדיק און האַרט, ווי גרויסע שוואַרצע שטיינער.

„צבֿועקעס!“ — האָט פּאָמאַ פֿאַר זיך אויסגערופֿן.

לעבן זײַן זייט איז געשטאַנען דער הויקערדיקער קרומער פּאַוולין גושטשין, וועלכער האָט דאָ ניט לאַנג אַוועקגעלאָזט איבער דער וועלט די קינדער פֿון זײַן האַלב־משוגענעם ברודער. ער האָט פֿרום געדאַוונט, קוקנדיק מיטן אײנציקן אויג צום אומעטיקן הימל:

— „גאָטעניו! ניט מיט דײַן צאָרן משפּט מיך... שטראָף מיך מיט רחמים“...

און פּאָמאַ האָט געפֿילט, אַז דער דאָזיקער מענטש בעט בײַ גאָט רחמים מיט זײַן אומצוברעכלעכן און טיפֿסטן גלייבן אין גאָטס חסד.

— „גאָט, אונזער פֿאָטער, וואָס דו האָסט געהייסן נחן דײַן קנעכט, אויסבויען זיך אַ תּיבה אויף צו ראַטעווען די וועלט“... — האָט מיט אַ דיקער באַס־שטימע מתפּלל געווען דער גייסטלעכער, גלאָצנדיק די אויגן צום הימל און שפּרייטנדיק אינדערהויך די הענט: — „היט אויך אָט־די שיף און גיב איר אַ מלאך אַ באַשיצער... און די שווימער אויף איר זאָלסטו היטן“...

די סוחרים האָבן אַלע געמיינזאַם, מיט ברייטע האַנט־באַוועגונגען געצלמט זיך און דאָס צלמען האָט זיך אָפּגעשאָטנט אויף זייער ברוסט, און אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך אויסגעדריקט איין געפֿיל — אמונה אין דעם כּוח פֿון זייערע תּפֿילות...

אָט־די אַלע בילדער האָבן זיך אײַנגעקריצט אין פּאָמעס זכּרון און אויפֿגעוועקט אין אים אַן אַנטוישונג אין די לײַט, וואָס גלייבנדיק אַזוי פֿעסט אין גאָטס גענאָד, זײַנען זיי דאָך אַזוי האַרט צום מענטשן. ער האָט פֿאַרעקשנט זיי נאָכגעפֿאָלגט, וועלנדיק כאַפּן זייער פֿאַלשקייט, איבערצייגן זיך אין זייער שקר...

אים האָט אויפֿגערייצט זייער סאָלידע האַלטונג, זייער געשלאָסענע זיכערקייט אין זיך. זייערע זיגרייכע פּנימער, זייערע הויכע רייד, זייער געלעכטער. זיי האָבן זיך שוין אויסגעזעצט אַרום די טישן, סערווירט מיט מאכלים, און זיך תּאוודיק געקוויקט מיטן

געוואַלדיקן גרויסן, כּמעט קלאַפּטערדיק־לאַנגן פיש, וואָס איז געווען שיין באַשאָטן מיט גרינס און מיט גרויסע קרעבסן. טראָפּים זובאָוו האָט שוין אונטערגעבונדן אַ סאַלפעטקע און מיט גליקלעכע, זיס־צונויפגעזשמורעטע אויגן געקוקט אויפן געוואַלדיקן פיש און זיך געווענדט צום שכן זיינעם, דעם מילנער יאָנאַ יושקאָוו:

— יאָנאַ ניקיפאָריטש! זע — אַ וואַלפיש! פונקט פאַר דיין פערזאָן אַ פוטליאַר אָנגעמאָסטן... האַ? כאַ־כאַ! ווי אַ פוס אין אַ שטיוול וועסטו אַריינקריכן אין אים, האַ? כע־כע!

דער קליינער און קיילעכדיקער יאָנאַ האָט פאָרזיכטיק אויסגעצויגן זיין קורצע האַנט צו אַ זילבערנעם צעבערל מיט פרישער איקרע, האָט הונגעריק געסמאַקעוועט מיט די ליפּן און געגלאָצט מיט די אויגן אויף די פלעשלעך לעבן אים, מורא האָבנדיק טאָמער קערט ער זיי איבער.

אַנטקעגן קאַנאָנאָוון איז אויף שטענגלעך געשטאַנען אַ האַלבעמערדיקע קיילע מיט אַלטן שנאַפּס, וואָס ער האָט ספּעציעל אויסגעשריבן פון פוילן; אין אַ געוואַלדיקער געפעס, ענלעך אויף אַ קרעבס, אַרומגעשמידט מיט זילבער, זיינען געלעגן אויסטערס, און העכער פון אַלע מיט טעמים האָט זיך דערהויבן עפּעס אַ פילפאַרביקער טאָרט, געמאַכט אין פאָרם פון אַ טורעם.

— מיינע הערן! איך בעט אייך! הטעמען וואָס עס שמעקט! — האָט קאַנאָנאָוו געשריען. — ביי מיר איז אַלץ צוזאַמען אָנגעשטעלט... וואָס עס איז עמעצן צום האַרצן... אונזערע רוסישע, אייגענע — פרעמדע, אויסלענדישע... אַלץ אינאיינעם! אַזוי איז בעסער... ווער וואָס עס פאַרלאַנגט? ווער האָט אַפּעטיט צו אָט־די שנעקעס, אָדער צו אָט יענע קרעבסן — האַ? פון אינדיע, זאָגט מען, זיינען זיי...

און זובאָוו האָט אין דער זעלבער צייט געדעדט צו זיין שכן מאַיאַקין:

— די תּפילה „אויב איר וועט בויען אַ שיף" איז צו אַ לאַסט־דאַמפער אָדער צו אַ טייך־דאַמפער ניט צוגעפּאַסט, דאָס הייסט, ניט דאָס, וואָס ניט צוגעפּאַסט, נאָר דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג... אַ טייך־דאַמפער, אַלס אַזעלכער, — איז אַ שטענדיקער וואוינאָרט פאַר דער קאָמאַנדע, דאַרף ער דעריבער פאַרגלייכט ווערן צו אַ

שטוב... הייסט עס, ס'איז נייטיק, חוץ דער תפילה „ווען איר'ט בויען אַ שיף", — אויך נאָך אַ תפילה וועגן בויען אַ הויז... דו וועסט עפּעס טרינקען?

— איך בין אַ מענטש ניט קיין טרינקער, גיב מיר אָן קימל-שנאַפּס... — האָט געענטפערט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש.

פּאַמאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט בייַם עק טיש, צווישן עפּעס אומבאַקאַנטע, שעמעוודיקע און באַשיידענע מענטשן. ער האָט די גאַנצע צייַט געפּילט אויף זיך דעם אַלטנס שאַרפן בליק.

— „ער האָט מורא, טאָמער וועל איך מאַכן אַ סקאַנדאַל"... — האָט פּאַמאַ געטראַכט.

— ברידער! — האָט אומפאַרשעמט געכריפּעט דער דיקער דאַמפער-אייגנטימער יאַשטשוראָוו. — אָן הערינג קען איך ניט! איך הייב אומבאַדינגט אָן פון הערינג... אַזאַ טבע האָב איך...

— מוזיקאַנטן! שפּילט אויף דעם „פּערסישן מאַרש"...

— האַלט! בעסער — „ווי באַרימט"...

— זאָל זייַן „ווי באַרימט"...

דאָס זיפּצן פון דער מאַשין און דער גערויש פון די דאַמפער-רעדער, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די קלאַנגען פון מוזיק, האָבן געבילדעט אין דער לופט עפּעס ענלעכס אויף אַ ווילד ליד פון אַ ווינטער-זאַווייע. דאָס פּייפן פון דער פליוט, דאָס שאַרפע זינגען פון די קלאַרנעטן, דאָס בייזע ברומען פון די באַסן, דאָס זעצן פון קליינעם פּויק און דער רעש פון די קלעפּ אין גרויסן פּויק, — דאָס אַלץ איז געפאַלן אויפן מאָנאָטאָנעם און הייזעריקן קלאַנג פון די רעדער, וועלכע האָבן געשפּאָלטן דאָס וואַסער, בונטאַריש געטראָגן זיך אין אַוויר און אייַנגעשלונגען דעם טומל פון די מענטשלעכע קולות און זיך נאָכגעיאָגט נאָכן דאַמפער, ווי אַ שטורעם-אויסברוך, צווינגענדיק די מענטשן צו שרייַען מיט דער גאַנצער שטים. צייַטנווייז פלעגט זיך פון דער מאַשין דערטראָגן אַ בייזער הודזשען פון דאַמף און אין דאָזיקן קלאַנג, וואָס האָט זיך אומגעריכט אַרייַנגעריסן אין כאַאָטישן האַרמידער פון געשרייען און ברילערייַען, איז געווען עפּעס אויפרייַצנדיקס און ביטולדיקס...

— און דאָס, וואָס דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַררעכענען מיר דעם וועקסל — וועל איך דיר ביזן גרוב ניט פאַרגעסן! — האָט עמעצער געשריען מיט אַ ברוגזער שטים.

— געוואַלד! דאָ איז דען אַן אָרט פאַר חשבונות? — האָט זיך דערהערט באַבראַזס באַס.

— ברידער! מען דאַרף האַלטן רעדעס!

— מוזיקאַנטן — שש!

— דו קום צו גיין צו מיר אין באַנק, וועל איך דיר דערקלערן, פאַרוואָס איך האָב ניט פאַררעכנט...

— אַ רעדע! שטילער...

— מוזי-קאַנטן, הערט-אויף!

— שפּילט „Во лузахъ“...

— מאַדאַם אַנגלו!...

— מען דאַרף ניט! יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש — מיר בעטן!

— דאָס רופט זיך — אַ סטראַסבורגער קעזקוכן...

— מיר בעטן! מיר בעטן!

— אַ קעזקוכן אַזאַ? ניט ענלעך... פונדעסטוועגן וועל איך פאַרזוכן...

— טאַראַסיטש! אַרבעט...

— ברידער! בנאמנות, פריילעך!...

— און אין דער „שיינער יעלענע“ איז זי, גאָלובטשיק, דערשינען אינגאַנצן אַ נאַקעטע... — האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסן אין טומל די דינע און ווייכע שטים פון ראָבוסטאָוון.

— וואַרט! יעקב האָט אָפּגענאַרט — עשוון? אַהאַ!

— איך קען ניט! דער צונג איז ביי מיר ניט קיין האַמער, און אַליין בין איך אויך ניט יונג...

— יאַשאַ! מיר בעטן אייך אַלע!...

— קום אַנטקעגן!

— מירן דיך אויסקלייבן פאַר אַ שטאָט-פּרעזידענט...

— טאַראַסיטש! לאָז זיך ניט בעטן!...

— שש!... שטילער! מיינע הערן! יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט דאָס וואָרט!

— שש!

אָבער גראָדע אין דער צייט, ווען דער טומל איז שטיל געוואָרן, האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ הויכער, פֿאַראַכטנדיקער שעפּטשען:

— איז האָט די שלמה מיך אַזאַ קניפּ געטאָן...

און באָבראָוו האָט געפֿרעגט מיט אַ הויכן באַס:

— אין וועלכן אָרט?

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער, וואָס איז אָבער באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, מחמת יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש מאַיאַקין, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אויפֿגעשטעלט פֿון זיין פּלאַץ, האָט געגעבן אַ הוסטל און גלעטנדיק דעם פּליך, באַטראַכט די סוחרימשאַפֿט מיט אַן אָפֿוואַרטנדיקער אויפֿמערקזאַמקייט און מיט אַן ערנסטן בליק.

— נו, ברידער, שטעלט אָן אויערן! — האָט קאָנאָנאָוו אויסגעשריען מיט צופֿרידנהייט.

— מיינע הערן סוחרים! — האָט מאַיאַקין אָנגעהויבן מיט אַ שמייכל. — ס'איז פֿאַראַן אין די רייד פֿון די געבילדעטע און געלערנטע מענטשן אַ וואָרט אַזאַ, אַן אויסלענדישער, „קולטור" רופֿט ער זיך. איז אָט וועגן דאָזיקן וואָרט וועל איך מיט אייך אַ שמועס טאָן זייער איינפֿאַך...

— עט, וואו ער צילט! — האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ צופֿרידענע שטים.

— שש! רויק!...

— גנעדיקע הערן! — האָט מאַיאַקין געהעכערט זיין שטים. — רק מען שרייבט אין די צייטונגען וועגן אונז, סוחרים, אַז מיר זיינען, אַזוי צו זאָגן, מיט דער קולטור ניט באַקאַנט, מיר ווילן זי כלומרשט ניט, און מיר פֿאַרשטייען זי ניט. מען רופֿט אונז אָן דאָרט ווילדע, ניט קיין קולטורעלע מענטשן... וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס — קולטור? ס'איז פֿאַר מיר, אַן אַלטן מאַן, אַ באַליידיקונג צו הערן אַזעלכע רייד. איז האָב איך איינמאָל זיך פֿאַרנומען מיט דורכשטודירן דאָס דאָזיקע וואָרט — וואָס שטעלט עס פֿאָר מיט זיך?

מאַיאַקין איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן, האָט מיט די אויגן אַ פיר געטאָן איבערן עולם, און מיט אַ נצחונדיקן שמייכל פאַמעלעך פאַרגעזעצט:

— ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, לויט מײַן אונטערזוכונג, אַז דאָס וואָרט באַדײַט פאַרגעטערונג, דאָס הייסט, ליבע, די הויכע ליבע צו טעטיקייט און צום לעבנס־סדר. אַזוי! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — אַזוי! אַלזאָ — אַ קולטורעלער מענטש איז דער, וועלכער האָט ליב אַרבעט און אָרדענונג... וועלכער האָט בכלל — ליב אײַנצואָרדענען דאָס לעבן, ליבט דאָס לעבן און ווייס זײַן אייגענעם ווערט און דעם ווערט פון לעבן... גוט! — האָט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש זיך אַ צאַפּל געטאָן; זײַנע קנייטשן זײַנען זיך צעגאַנגען איבער זײַן פּנים, ווי שטראַלן פון זײַנע שמייכלדיקע אויגן ביז צו זײַנע ליפּן, און זײַן גאַנצער פּליכיקער קאָפּ איז געוואָרן ענלעך אויף אַ טונקעלן שטערן.

די סוחרימשאַפט האָט שווײַגנדיק און אויפמערקזאַם געקוקט אים אין מויל און אַלעמענס פּנימער זײַנען געווען אָנגעשטרענגט מיט אויפמערקזאַמקייט. די לײַט זײַנען אַזוי פאַרגליווערט געבליבן זיצן אין די פּאָזעס, וואָס מאַיאַקינס רעדע האָט זיי געטראָפן.

— ווײַבאַלד אַזוי, — און נאָר אַזוי, — דאַרף מען דאָס וואָרט אויסטײַטשן, — ווײַבאַלד אַזוי, איז — די מענטשן, וועלכע רופן אונדז אָן ניט־קולטורעלע און ווילדע, זאָגן רכילות און טאַדלען אונדז אומזיסט: מחמת זיי האָבן ליב אָט דאָס וואָרט, נאָר ניט זײַן זין, אָבער מיר האָבן ליב דעם שורש פון וואָרט, מיר האָבן ליב זײַן ריכטיקן תוך, מיר האָבן ליב — אַרבעט! מיר זײַנען דאָס די, וועלכע האָבן דעם אמתן קולט פון לעבן, דאָס הייסט, די באַגײַסטערונג פאַרן לעבן, אָבער ניט זיי: זיי האָבן בלויז ליב צו קריטיקירן, — אָבער מיר האָבן ליב מעשים... און אָט, מײַנע הערן סוחרים, האָבן מיר אַ בײַשפּיל פון אונדזער קולטור, דאָס הייסט, פון אונדזער ליבע צו מעשים, — די וואָלגע! אָט איז זי, אונדזער טײַערע מאַמעלע! מיט יעדן טראָפּן וואַסער קען זי באַשטעטיקן אונדזער פאַרדינסט און אָפּלייקענען דעם אומזיסטן בילבול אויף אונדז... קוים הונדערט יאָר זײַנען אַוועק, מײַנע האַרן, פון יענער צײַט, ווען אונדזער אימפּעראַטאָר, פּיאָטר דער גרויסער, האָט איבער דעם דאָזיקן טײַך אַוועקגעלאָזט די ערשטע פאַרדעקטע

באַרקעס, און איצט גייען איבער אים טויזנטער דאַמפּערס... ווער האָט זיי געבויט? דער רוסישער פּויער איז לחלוטין ניט געבילדעט! די אַלע גרויסע דאַמפּערס, בערלינעס — וועמעס זיינען זיי? אונזערע! ווער האָט זיי אויסגעטראַכט? מיר! דאָס איז אַלץ — אונזערס, דאָס איז אַלץ — די פּרוכט פון אונזער שכל, פון אונזער רוסישן אײַנפאַל און גרויסער ליבע צו אַרבעט! קיינער האָט אונז אין קיין זאַך ניט געהאָלפן! מיר האָבן אַליין פונאַנדערגעבויט זיך איבער דער וואָלגע, פאַר אונזער אייגן געלט האָבן מיר אָנגעדונגען מיטאַרבעטער — פונאַנדערגעבויט זיך און פונאַנדערגעפירט איבער דער וואָלגע, אויף אירע אַלע טויזנטער לאַנגע וויאָרסטן טויזנטער דאַמפּערס און פאַרשיידענע שיפן. וואָסער שטאָט איז די בעסטע אויף דער וואָלגע? די, וועלכע האָט מער סוחרים... וועמענס הייזער אין שטאָט זיינען די בעסטע? די סוחרישע! ווער זאָרגט מער פון אַלעמען פאַרן אָרעמאַן? דער סוחר! צונויפקלייבנדיק גראָשנווייז — קאָפּיקעס, איז ער מנדב הונדערטער טויזנטער. ווער האָט אויסגעבויט די קלויסטערס? מיר! ווער גיט מער פון אַלעמען געלט דער מלוכה? די סוחרים!... מיינע הערן! בלויז אונז אַליין איז באַשעפטיקונג טייער צוליב דער באַשעפטיקונג גופא, בלויז מיר אַליין האָבן ליב אָרדענונג און דאָס לעבן! און דער, וואָס רעדט אויף אונז — איז פּלאַפּלט ער בלויז... און מער גאָרנישט! זאָל ער! בלאָזט דער ווינט — רוישן די ווערבעס, הערט אויף בלאָזן — שווייגן אויך די ווערבעס... און מען קען פון די ווערבעס ניט מאַכן ניט קיין רודע, ניט קיין בעזים... אַ נוצלאָזער בוימל! פון נוצלאָזיקייט איז דאָס דער טומל... וואָס האָבן זיי, אונזערע קריטיקער געטאָן? מיט וואָס האָבן זיי פאַרשענערט דאָס לעבן? מיר ווייסן ניט... אָבער אונזער טעטיקייט — זעט מען גלייך! מיינע הערן סוחרים! זייענדיק די ערשטע מענטשן פון לעבן, די סאַמע האָרעפּאַשנע, וואָס האָבן ליב זייער אַרבעט, זעענדיק אין אַייך מענטשן, וועלכע האָבן אַלץ געמאַכט, און קענען אַלץ מאַכן, — הייב איך אויף מיט מיין גאַנצן האַרצן און מיט מיין גאַנצער אַכטונג און ליבע צו אַייך מיין פולן כוס — פאַרן באַרימטן און גייסטיק=שטאַרקן, אַרבעטנדיקן רוסישן כּוח־טום... לאַנג לעבן זאָל איר! פאַרן נאָמען פון דער מוטער רוסלאַנד! הורראַ=אַ!

מאַיאַקינס שניידיקער, צאַפּלדיקער געשריי האָט אַרויסגערופן אַ פאַרטיבנדיקן, באַגייסטערטן ענטוזיאַזם בײַ דער סוחרימשאַפט. די אַלע גרויסע, פלײשיקע גופים, אויפגעברויזטע פון ווײַן און פון דער רעדע פון אַלטן, האָבן זיך אַ ריר געטאָן און אַרויסגעלאָזט פון זייערע ברוסטן אַזאַ פרײַנטלעכן, מאַסיוון אויסגעשריי, אַז ס'האָט געדאַכט, אַז אַלץ אַרום — האָט אַ ציטער געטאָן און אויפגעטרייסלט.

— יאַקאָוו! גאָטס שומר ביסטו! — האָט געשריען זובקאָוו, הייבנדיק זײַן בעכער צו מאַיאַקינען.

אומוואַרפנדיק שטולן, אָפּשטופנדיק דעם טיש, פון וואָס דאָס געשיר און די פלעשער האָבן זיך צעקלונגען און אַראָפּגעפאַלן, זײַנען די סוחרים געקראָכן צו מאַיאַקינען מיט די כוסות אין די הענט, אויפגעברויזטע, פרײלעכע אַזעלכע, אַנדערע אַפילו מיט טרערן אין די אויגן.

— האַ? אָט דאָס הייסט גערעדט! — האָט קאָנאָנאָוו געזאָגט, אָנכאַפּנדיק ראָבוסטאָוון פאַר דער פלייצע און טרייסלענדיק אים. — די — פאַרשטייי! אַ גרויסע רעדע געהאַלטן!

— יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש! לאָמיר זיך צוקושן!

— אויפהייבן מאַיאַקינען!

— מוזיקאַנטן, שפּילט...

— דערלאַנגט! דעם מאַרש... דעם פּערסישן...

— מען דאַרף ניט קיין מוזיק! צום טייוול!

— אָט שפּילט מען שוין! עך, יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש! אַ-קאָפּ!

— דער טייוול איז קליין... אָבער אַ סך שכל האָט ער...

— לייגסט, טראָפּים!

— יאַקאָוו! וועסט אינגיכן שטאַרבן... עך, אַ שאָד! אַזאַ שאָד... מען קען דאָס גאָר ניט אויסדריקן!

— אָבער ס'אַר אַ לוויה ער וועט האָבן!

— מײַנע הערן! לאָמיר גרינדן אַ קאַפּיטאַל אויף מאַיאַ-קינס נאָמען! איך לייג אַרײַן אַ טויזנטער!

— שווייגט! וואַרט! הערט!

— מײַנע הערן! — האָט, אינגאַנצן טרײסלענדיק זיך, פֿון ס'ניי אָנגעהויבן יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש. — און נאָך דערפֿאַר זײַנען מיר די ערשטע מענטשן פֿון לעבן און די אמתע באַלעבאַטים אין אונזער פֿאָטערלאַנד, ווײַל מיר זײַנען — פּויערים!

— ריכטיק!

— אַזוי! מאַמעלע ערלעכע! נו, איז דאָס אַן אַלטער!

— שטײט! לאָז ריידן...

— מיר זײַנען געבירטיקע רוסישע לײַט, און אַלץ, וואָס פֿון אונז — איז געבירטיק רוסיש! הייסט עס, אַז דאָס אַלץ איז דאָס סאַמע אמתע... דאָס סאַמע נוציקע און אומבאַדינגטע...

— ווי צוויי מאָל צוויי!

— זייער פּשוט.

— קלוג, ווי אַ שלאַנג!

— און קורץ, ווי...

— ווי אַ שפּאַרבער! כאַ-כאַ!

די סוחרים האָבן אַרומגערינגלט זײער אָראַטאָר מיט אַן ענגן רינג, געקוקט אויף אים מיט פֿעטע אויגן און שוין מער נישט גע־קענט פֿון התפּעלות רויִק הערן זײַן ריידן. אַרום אים איז געשטאַנען אַ טומל פֿון קולות. און צונויפֿגיסנדיק זיך מיטן רוישן פֿון מאַשין און מיט די קלעפּ פֿון די רעדער איבערן וואַסער, האָט ער גע־בילדעט אַ שטורעם פֿון קלאַנגען, וועלכע האָבן פֿאַרטויבט די צי־טערדיקע שטים פֿון אַלטן. די באַגײַסטערונג פֿון דער סוחרימשאַפֿט איז געוואַקסן; אויף אַלע פּנימער האָט געשײַנט אַ פֿײַערלעכקייט; צו מאַיאַקינען האָבן זיך געצויגן הענט מיט בעכערס; מען האָט אים געפּאַטשט איבערן פּלײצע, געשמועסט, געקושט, צאַרט אים אַרײַנ־געקוקט אין געזיכט. און עמעצער האָט אין התפּעלות אויסגע־קוויטשעט:

— אַ קאַם-מאַרינסקע! אַ רוסישע!

— דאָס האָבן מיר געמאַכט אַלץ! — האָט יאַקאָוו טאַראַ־סאָוויטש נאָך אַלץ געשריען, ווײַזנדיק אויף דעם טײַך. — אַלץ איז דאָ אונזערס! מיר האָבן געבויט דאָס לעבן!

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ הויכער אויסגעשריי, וועלכער האָט פאַרשריען אַלע קלאַנגען:

— האַ! דאָס האָט איר? אַך איר...

און באַלד נאָכדעם האָט זיך אין דער לופט אויסדריקלעך דערהערט אַ מאַרך־וידלעריי, אָפּגעטאָקט מיט אַ בייזן, הייזעריקן, אָבער שטאַרקן קול. אַלע האָבן דאָס מיטאַמאָל דערהערט און אויף אַ רגע—אַנטשוויגן געוואָרן, זוכנדיק מיט די אויגן דעם יעניקן, וועלכער האָט זיי געזידלט. אין דער דאָזיקער רגע האָט זיך בלויז געהערט דאָס שווערע קרעכצן פון דער מאַשין און דאָס סקריפּען פון די רולער־קייטן.

— ווער האַווקעט דאָס? — האָט קאַנאָנאָוו אַ פרעג געטאָן מיט אָנגעכמורעטע ברעמען...

— עך! מיר קענען ניט אָן סקאַנדאַלן! — האָט מיט אַ גע־בראָכענעם זיפץ אויסגעדריקט זיך ריעזניקאָוו.

— ווער זידלט זיך דאָס אינמיטן דערינען?...

די פּנימער ביי די סוחרים האָבן אויסגעדריקט אַן אומרויִקייט, נייגעריקייט, פאַרוואונדערונג און אַ פאָרוואורף, און אַלע האָבן זיך ווי פאַרווירט צעטומלט. בלויז איין יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש איז געווען רויִק און אַפילו צופרידן מיט דער געשעעניש. אויפשטעלנדיק זיך אויף די שפּיץ־פינגער, האָט ער געקוקט, מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז, ערגעץ אויפן עק טיש, און זיינע אייגלעך האָבן אויסטערליש געגלאַנצט, ווי ער וואָלט דאָרט דערזען עפּעס, וואָס איז געווען כּאַ־אים אָנגענעם.

— גאָרדיעוו... — האָט שטיל געזאָגט יאָנאַ יזשקאָוו...

און אַלעמענס קעפּ האָבן זיך אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג, וואוהין יאַקאָוו מאַיאַקין האָט געקוקט.

אָנגעלענט מיט די הענט אויפן טיש, איז דאָרט געשטאַנען פאָמאַ מיט אַ פּנים פול מיט צאָרן. מיט פאַרשטשירעטע ציין, האָט ער שווייגנ־דיק באַטראַכט די סוחרישע געזעלשאַפט, מיט ברענענדיקע, ברייט־צעעפנטע אויגן. דער אונטערשטער קינבאַק האָט ביי אים געציטערט, זיינע פּלייצעס האָבן זיך געהויבן און די פינגער פון די הענט, וואָס האָבן זיך פעסט איינגעשטשעמעט אָן ברעג טיש, האָבן קאָנוואולסיוו

געקראַצט דעם טישטעך. ביים אָנבליק פון זיין וועלפיש־ביזן פּנים און צאָרנדיקער פּאָזע איז די סוחרימשאַפט אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן.

—וואָס האָט איר אויסגעגלאָצט די קוקערס? — האָט פּאָמאַ געפּרעגט און פון כ׳ניי באַגלייט זיין פראַגע מיט אַ שטאַרקער זידלעריי.

— זיך אָנגעשיכּורט! — האָט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט באָבראָוו.

— צו וואָס האָט מען אים אַהער איינגעלאַדן? — האָט שטיל געשעפּטשעט ריעזניקאָוו.

— פּאָמאַ איגנאַטיעוויטש! — האָט רויִק געבעטען קאָנאָנאָוו. — סקאַנדאַלעווען דאַרף מען ניט... אויב... דיר... דרייט זיך דער קאָפּ — איז גיי, ברודער, שטיל און רויִק אין קאַיוטע און — לייג זיך! לייג זיך, ליבינקער, און...

— שטיל, דו! האָט זיך פּאָמאַ צעברומט, ריכטנדיק צו אים מיט די אויגן, — וואַג ניט מיט מיר צו ריידן! איך בין ניט שיכּור... איך בין דאָ ניכטערער פון אייך אַלעמען! פאַרשטאַנען —...

— דו וואַרט נאָר, נשמהניו... ווער האָט דיך אַהער גערופן? — האָט רויט פון באַליידיקונג געפרעגט קאַנאָנאָוו.

— דאָס האָב איך אים געבראַכט! — האָט זיך דערהערט מאַיאַקינס שטים...

— האַ! נו, דאַן... פאַרשטייט זיך... איז זייט מוחל, פּאָמאַ איגנאַטיעוויטש... נאָר אַזוי ווי דו האָסט אים אַהער געבראַכט, יאַקאָוו... איז דאַרפסטו אים באַרויִקן... אַניט — איז ניט פיין....

פּאָמאַ האָט געשוויגן און געשמייכלט. אויך די סוחרים האָבן געשוויגן, קוקנדיק אויף אים.

— עך, פּאָמקאָ! — האָט מאַיאַקין אָנגעהויבן. — ווילסט ווידער פאַרשעמען מיין עלטער...

— פּאַפּאַשאַ! — האָט ווייזנדיק די ציין געענטפערט פּאָמאַ. — איך האָב דאָך נאָך גאָרנישט געטאָן, הייסט עס, אַז ס׳איז נאָך פרי צו זאָגן מיר מוסר... איך בין ניט שיכּור... איך האָב ניט געטרונקען, נאָר איך האָב אַלץ געהערט... מיינע הערן סוחרים! איר׳ט מיר דער־

ליבן צו האַלטן אַ רעדע? אַט האָט דער דורך אײַך געערטער טויפּ־פּאַטער מײַנער גערעדט... און איצט וועט איר הערן דעם טויפזון...

— וואָס פאַר אַ רעדעס? — האָט ריעזניקאָוו פּראָטעסטירט. — צו וואָס דאָס ריידן, מיר זײַנען זיך דאָ צונויפגעקומען פאַרברענגען...

— ניין, לאָז אָפּ, פּאַמאַ איגנאַטיעוויטש...

— טרינק בעסער עפּעס...

— לאָמיר טרינקען! אַך, פּאַמאַ... ביסט אַ זון פון אַ וואוילן טאַטן!

פּאָמאַ האָט זיך אָפּגערוקט פון טיש, זיך אויסגעגלייכט און, שמייכלענדיק, אַלץ געהערט, ווי מען רעדט אים אײַן מיט ווייכע רייד. צווישן די אַלע סאָלידע לײַט איז ער געווען דער סאַמע יינגסטער און שענסטער. זײַן שלאַנקע געשטאַלט, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ראָק, האָט זיך אָנזעעוודיק אויסגעטיילט פון דער מאַסע פעטע גופים מיט די גראָבע בייכער. זײַן ברוין געזיכט מיט די גרויסע אויגן איז געווען גלייכער און פרישער פון די פעטע, רויטע צורהס, וועלכע זײַנען געשטאַנען אנטקעגן אים. מיטן אַן אויסדרוק פון דערוואַרטונג און עמפּערונג. ער האָט אויסגעשטעלט די ברוסט פאָרויס, צונויפגעדריקט די ציין, און פאַרבויגנדיק די פּאָלעס פון ראָק, אַרייַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס...

— מיט חניפה און בקשות וועט איר מיר איצט דאָס מויל ניט פאַרמאַכן! — האָט ער זיך אָפּגערופן האַרט און מיט דראָונג. — צי איר וועט יאָ הערן אָדער ניט, איך וועל אַלץ איינס ריידן... אַרויסטרייבן מיך פונדאַנען האָט איר ניט וואוהין...

ער האָט אַ וויג געטאָן מיטן קאָפּ, אַ הייב געטאָן די פּלייצעס און רויק געמאָלדן:

— נאָר טאָמער וועט מען מיך אָנרירן מיט אַ פינגער — וועל איך דערהרגענען! איך שווער בײַ גאָט... וויפיל איך קען, וועל איך דערהרגענען!

דער עולם, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי קוסטעס אונטער אַ ווינט. ס'האָט זיך דערהערט אַן אומ־

רויק שעפּטשען. פּאָמעס געזיכט איז געוואָרן פינסטער, זיינע אויגן זיינען געוואָרן קיילעכדיק...

— נו, דאָ האָט זיך גערעדט, אַז איר האָט געמאַכט דאָס לעבן... און אַז איר האָט געשאַפן דאָס סאַמע ריכטיקסטע און אמתדיקסטע...

פּאָמאַ האָט טיף אָפּגעזיפצט און מיט אַן אומבאַשרייבלעכער שנאה באַקוקט די פּנימער פון די צוהערער, וועלכע האָבן זיך פּלוצלונג עפּעס מאָדנע אָנגעבלאָזן, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעשוואָלענע... די סוחרימשאַפט האָט געשוויגן, דריקנדיק זיך אַלץ פעסטער איינער צום צווייטן. אין די הינטערשטע רייען האָט עמעצער אַ בורטשע געטאָן:

— וועגן וואָס רעדט ער? האַ? פון אַ ספר אַר״יס אָדער פון קאָפּ אויסגעטראַכט?

— אָ, מ-מנוולים! — האָט גאָרדעיעוו אויסגעשריען, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ? — וואָס האָט איר געמאַכט? ניט קיין לעבן האָט איר געמאַכט — נאָר אַ תּפיסה... ניט קיין אָרדענונג האָט איר איינגעפירט — נאָר קייטן האָט איר אויסגעשמידט פאַרן מענטש... ס'שטיקט, ס'איז ענג, ניטאָ זיך וואו אַ קער צו טאָן פאַר אַ לעבעדיקער נשמה... דער מענטש גייט אונטער... איר זייט נשמות פאַרדאַרבער... צי פאַרשטייט איר כאָטש, אַז איר לעבט נאָר צוליב דער מענטשלעכער געדולד?

— וואָס רעדט ער אַזוינס? — האָט אויסגערופן ריעזניקאָוו, פּאַטשנדיק מיט צאָרן און עמפּערונג אין די הענט. — איליאַ יעפימאָוו? וואָס איז דאָס? איך קען אַזעלכע דרשות ניט הערן...

— גאָרדעיעוו! — האָט אַ געשריי געטאָן באָבראָוו. — זע — די רעדסט עפּעס ניט גלאַט...

— פאַר אַזעלכע רייד אָי-אָי-אָי! — האָט זובאָוו געוואָרנט מיטן פינגער.

— שטיל! — האָט פּאָמאַ אַ בריל געטאָן, און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. — איר האָט זיך צעכריוקעט...

— מיינע הערן! — האָט אַ קלונג געטאָן, ווי אַ סקריפּ פון אַ זעגל איבער אײַזן, די רויקע-בייזע שטים פון מאַיאַקין. — טשעפּעט אים ניט!... איך בעט אײַך אונטערטעניק... שטערט אים

ניט!... זאָל ער בילן... זאָל ער זיך אָנשפּילן... פון זיינע רייד וועט איר ניט צעבראָכן ווערן...

— אַך, ניין, איך דאַנק אײַך זייער! — האָט יושקאָוו שרייענ־דיק ניט מסכּים געווען.

לעבן פּאָמען איז געשטאַנען סמאָלין און אים געשעפּטשעט אין אויער:

— הערט אויף, גאָלובטשיק! וואָס איז מיט אײַך, איר זייט פון זינען אַראָפּ? זיי וועלן דאָך אײַך...

— אַוועק פונדאַנען! — האָט פּאָמאַ שטייף געזאָגט, בליצנדיק אויף אים מיט צאָרנדיקע אויגן. — גיי צו מאַיאַקינען, לעק זיך אים אונטער... אפשר וועט דיר צופאַלן אַ ברעקל!

סמאָלין האָט אַ פּייף געטאָן דורך די ציין און זיך אָפּגע־רוקט אָן אַ זייט. אויך די סוחרימשאַפט האָט זיך גענומען פונאַנ־דערשיטן איבערן דאַמפּער. דאָס האָט נאָכמער צערייצט פּאָמען: אים האָט זיך געוואָלט צושמידן זיי צום אָרט מיט זיינע ווערטער — אָבער ער האָט ניט געפונען ביי זיך אַזעלכע שטאַרקע ווערטער.

— איר האָט געמאַכט דאָס לעבן? — האָט ער געשריען. — ווער זייט איר? שווינדלער זייט איר, רויבער...

עטלעכע מענטשן האָבן זיך ווידער אויסגעדרייט צו פּאָמען, ווי ער וואָלט זיי אַ רוף געטאָן.

— קאָנאָנאָוו! אינגיכן וועט מען דיך משפּטן פאַר אַ מיידל? אויף קאַטאָרגע וועט מען דיך פאַרשיקן... אַדיע, איליאַ! אומזיסט בויסטו דאַמפּערס... אין סיביר וועסטו גיין...

קאָנאָנאָוו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול; זיין פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, און ער האָט שווייגנדיק געדראָט מיטן פויסט. פּאָמאַ האָט הייזעריק פאַרגעזעצט:

— נישקשה... גוט... איך וועל דאָס ניט־ט פאַרגעסן...

פּאָמאַ האָט געזען זיין אויסגעקרימטן פּנים מיט די ציטער־דיקע ליפּן און פאַרשטאַנען, מיט וואָס פאַר אַ געווער און מיט וואָס ער וועט שטאַרקער פון אַלץ טרעפן די דאָזיקע לייט:

— כאַ־כאַ־כאַ! בויער פון לעבן! גושטשין — שענקסט אַ נדבה דיינע פּלימעניצעס — האַ? גיב כאָטש צו קאָפּיקע אַ טאָג...

ניט קיין ביסל — זיבן-און-זעכציק טויזנט האָסטו ביי זיי צוגענבעט... באַבראָוו! פאַרוואָס האָסטו אויף דיין געליבטער אָנגערכילותט, אַז זי האָט דיך באַגנבעט און האָסט זי אין טורמע אַריינגעזעצט? אויב זי האָט דיך דערעסן — וואָלסטו זי כאָטש דעם זון אָפּגעגעבן... אַליין איינס, האָט ער איצט מיט אַן אַנדערער פאַרפירט אַ פלירט... און דו האָסט ניט געוואוסט? עך, גראָבער חזיר... כאַ-כאַ! און דו, לופּ — עפּן ווידער אויף אַ פריילעך הייזל, און פליק דאָרט אַרום די געסט, ווי די ליפּעס... שפּעטער וועלן דיר די שדים אַרומפּליקן, כאַ-כאַ! מיט אַזאַ וואוילטעטיקן פּנים איז גוט צו זיין אַ שווינדלער!... ווען האָסטו דעמאָלט דערהרגעט, לופּ?

פּאָמאַ האָט גערעדט, איבערדרייסנדיק זיין רעדע מיט אַ בייזן, הילכיקן געלעכטער, און געזען, אַז זיינע ווערטער האָבן די געהעריקע ווירקונג אויף די מענטשן. פריער, ווען ער האָט געהאַלטן אַ רעדע צו אַלעמען, האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פון אים, אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, צונויפגעזאַמלט זיך אין גרופּעס און פון וויטן געקוקט אויפן אַנטפּלעקער פון זייערע מעשים מיט פאַראַכטנדיקע און בייזע אויגן. ער האָט געזען די שמייכלען אויף זייערע פּנימער, ער האָט געשפּירט אין זייער יעדער באַוועגונג עפּעס ביטולדיקס און פאַרשטאַנען, אַז זיינע ווערטער, הגם זיי מאַכן זיי בייז, רירן זיי דאָך ניט אָן אַזוי טיף, ווי ער וואָלט געוואָלט. דאָס אַליין האָט אָפּגעקילט זיין צאָרן, און ביי אים האָט זיך שוין באַזעצט דאָס ביטערע באַוואוסטזיין, אַז זיין אָנפאַל אויף זיי האָט ניט קיין דערפאָלג... אָבער ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן יעטווידערן באַזונדער, — האָט זיך די באַציִונג פון די צוהערער צו אים שנעל און שאַרף געביטן.

ווען קאַנאָנאָוו האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול, פונקט ווי ער וואָלט ניט אויסגעהאַלטן די לאַסט פון פּאָמעס גרויזאַמע ווערטער, — האָט פּאָמאַ באַמערקט, אַז אויף די פּנימער פון איניקע פון די סוחרים האָבן זיך באַוויזן גיפטיקע און צביעותדיקע שמייכלען פון שאָדנפרייד. ער האָט אויך אויפגעכאַפּט עמעצנס פאַרוואונדערטן און אַיינשטימידיקן שעפּטשען:

— אָט — דערלאַנגט ער דאָס!

דער דאָזיקער שעפּטשען האָט צוגעגעבן פאָמען כּוחות און ער האָט מיט מער זיכערקייט און ליידנשאַפטלעכקייט גענומען שליידערן פאַרוואורפן, חוזק־שמייכלען און זידלערייען אויף די אַלע, וועלכע האָבן זיך אים נאָר געוואָרפן אין די אויגן. ער האָט פריילעך געברילט, זעענדיק ווי זיינע ווערטער ווירקן. מען האָט אים געהערט שווייגנדיקערהייט, אויפמערקזאַם; עטלעכע מענטשן האָבן זיך אַ רוק געטאָן צו אים נעענטער.

ס'האָבן זיך דערהערט פּראָטעסט־אויסרופן, אָבער נישט קיין הייכע, קורצע, און יעדן מאָל, ווען פאָמאַ האָט אויסגעשריען עמעצנס אַ נאָמען, — האָבן אַלע געשוויגן און געהערט און בייזוויליק מיט שאָדנפרייד געוואָרפן אַ בליק אויפן אָנגעגריפענעם קאָלעגע.

באָבראָוו האָט צעמישט געלאַכט, אָבער זיינע קליינינקע אייגלעך האָבן אויפגערייצט פאָמען, ווי שרויפן, און לופּ רעזניקאָוו איז מיט צעפירטע הענט אויפגעשפרונגען אומגעלומפּערט און שטיקנדיק זיך אַרויסגערעדט:

— זייט אַלע עדות... וואָס איז דאָס? ניי־ן! איך וועל דאָס ניט מוחל זיין! איך וועל זיך קלאָגן פאַרן פרידנסריכטער... וואָס איז דאָס? — און פּלוצלונג אַ קוויטש געטאָן מיט אַ דין קולכעל, אויסציענדיק צו פאָמען די הענט:

— בינד אים!...

פאָמאַ האָט געלאַכט:

— דעם אמת וועסטו ניט בינדן, ליי־גסט! ער וועט אַ געבונדענער אויך ניט אַנטשטומט ווערן.

— גו־וט! — האָט קאָנאָנאָוו געצויגן מיט אַ הייזעריקער, אָפּגעריסענער שטים.

— אָט זעט, מיינע הערן סוחרים! — האָט געקלונגען מאַיאַקינס שטים, — האָט הנאה — אָט וואָס ער איז!

די סוחרים האָבן איינער נאָכן אַנדערן זיך אַ רוק געטאָן צו פאָמען, און אויף זייערע פּנימער האָט ער דערזען צאָרן, נייגעריקייט, בייזוויליקע שאָדנפרייד פון פאַרגעניגן, פּחד... עמעצער פון די באַשיידענע מענטשן, צווישן וועלכע ער איז געזעסן, האָט אים אַ שעפּטשע געטאָן:

— גוט אַזוי!... זאָל אײַך גאָט העלפֿן... גיט זײ אַ חלק: גאָט וועט דאָס אײַך פֿאַררעכענען פֿאַר אַ מצווה...

— ראָבוסטאָוו! — האָט פֿאָמאַ געשריען, — וואָס לאַכסטו? וואָס ביסטו צופֿרידן? דיר קומט אויך קאַטאָרגע...

— זעצט אים אַרויס אויפֿן ברעג! — האָט זיך ראָבוסטאָוו פּלוצלונג פֿונאַנדערגעשריען, אויפֿשפּרינגענדיק אויף די פֿיס.

און קאַנאָנאָוו האָט געגוואַלדעוועט צום קאַפּיטאַן:

— צוריק! אין שטאָט! צום גובערנאַטאָר...

און עמעצער האָט איבערצייגנדיק, מיט אַ טרייסלדיקער שטים פֿון אויפֿרעגונג, גערעדט:

— דאָס איז צוגעגרייט... דאָס איז בכיוון.... דאָס האָט מען אים אויסגעלערנט... אָנגעשיכורט, כּדי ער זאָל האָבן חוצפּה...

— ניין, דאָס איז אַ בונט!

— בינדט אים! פּשוט — נעמט און בינדט אים!

פֿאָמאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פֿלאַש שאַמפּאַניער און געפּאָכט הערמיט אין דער לופֿט.

— רירט זיך נאָר צו! ניין, קענטיק, אַז איר וועט מיך שוין מוזן אויסהערן...

ער האָט פֿון ס'ניי מיט אַ צעהיצטער פֿרייד, משוגע פֿון גליק, ביים אָנבליק פֿון די צעשראָקענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפֿן אונטער די קלעפּ פֿון זיינע רייד, גענומען אויסשרייען נעמען און מאַרק־זידלערייען. די מענטשן האָבן זיך אַיינגעקאָרטשעט און דער אויסגעבראָכענער טומל איז ווידער אַנטשטילט געוואָרן. די מענטשן, וועמען פֿאָמאַ האָט ניט געקאָנט, האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ דאָרשטיקער נייגעריקייט, ווי מסכּים זייענדיק מיט אים. אַנדערע אַפֿילו מיט אַ פֿריידיקער פֿאַרוואונדערונג. איינער פֿון זיי, אַ קליינינקער, גראָער אַלטיטשקער מיט ראָזע באַקן און מייזלשע אייגלעך, האָט זיך פּלוצלונג געווענדט צו די הורך פֿאָמען באַליידיקטע סוחרים און מיט אַ זיס קול אויסגעזונגען:

— דאָס זיינען ווערטער — פֿון געוויסן! דאָס איז גאָרניט! מען דאַרף איבערליידן.... אַ נביאישע אַנטפּלעקונג... מיר זיינען זינדיק: דעם אמת דאַרף מען דאָך זאָגן, מיר זיינען זייער...

מען האָט אויף אים אַ בורטשע געטאָן און זובאָוו האָט אים אַפילו אַ שטורכע געטאָן אין פּלייצע. ער האָט זיך נידעריק אַ נייג געטאָן און פאַרשוואונדן צווישן עולם...

— זובאָוו! — האָט געשריען פאָמאַ. — וויפיל מענטשן האָסטו איבער דער וועלט אַוועקגעלאָזט? צי חלומט זיך דיר איוואַן פּעטראָוו מיאַקיניקאָוו, וועלכער האָט זיך צוליב דיר דערשטיקט? איז אמת, אַז בעת יעדער ג'אַטעסדינסט גנבעסטו פון די קלויסטער־פּרושקעס צען קערבלעך?

זובאָוו האָט ניט דערוואַרט קיין אָנפאַל און איז פאַרגליווערט געבליבן שטיין אויף זיין אָרט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. אָבער באַלד האָט ער זיך צעקוויטשקעט מיט זיין דין קולכל, אויפשפּרינגענדיק אויסטערליש פון אָרט.

— האַ! מיך אויך? אויך מיך?

און אָנבלאָזנדיק פּלוצלונג די באַקן, האָט ער מיט היץ גענומען דראָען מיטן פויסט פאָמען, אויסרופנדיק מיט אַ קוויטשענדיקן קול:

— ער רעדט נאָך, דער משוגענער! — ער האָט ניט אין האַרצן קיין גאָט!... איך וועל פאָרן צום אַרכיערײ! אַפּיקורס דו! דיר קומט קאַטאָרגע!

די מהומה אויפן דאַמפער איז געוואַקסן, און פאָמאַ, זעענדיק די צעבייזטע, פאַרלאָרענע און באַליידיקטע מענטשן, האָט זיך געפילט פאַר אַ לעגענדאַרישן העלד, וועלכער קעמפט מיט געוואַלדיקע חיות. זיי האָבן זיך געטומלט, פאָכנדיק מיט די הענט אין לופט, גערעדט עפּעס איינער צום אַנדערן — איניקע זיינען געווען רויט פון צאָרן, אַנדערע בלייך, אָבער אַלע זיינען זיי געווען מאַכטלאָז אָפּצושטעלן דעם שטראָם פון זיין איזדיעקעווען זיך איבער זיי.

— מאַטראָסן! — האָט ריעזניקאָוו געשריען, צופּנדיק קאַנאַנאָוון פאַרן אַקסל. — וואָס איז מיט דיר, איליאַ? האַ? האָסטו אונז איינגעלאַדן אויף הוזק?

— קענען איין כלבל... — האָט געקוויטשעט זובאָוו.

לעבן יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש מאַיאַקינען האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ המון, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו זיין שטילן ריידן מיט אַ בייזקייט, מסכּים זייענדיק און שאָקלענדיק מיט די קעפּ.

— וואָס שווייגסטו, יאַקאָוו? נעם זיך צו אים! — האָט הויך געעדט ראָזומאָוו. — מיר זיינען אַלע עדות... הייבּ-אָן..

און אין אַלגעמיינעם האַרמידער פון די קולות האָט זיך געהערט די הויכע, שטראָפנדיקע שטים פון פאָמאַ:

— ניט קיין לעבן האָט איר געמאַכט — נאָר אַ מיסטקאַסטן! אַ בלאָטע און אַ שטיקעניש האָט איר אָנגעמאַכט מיט אייערע מעשׂים. איר האָט דען געוויסן? געדענקט איר דען אין גאָט? אַ צענערל — אָט דאָס איז אייער גאָט! און דאָס געוויסן האָט איר פאַרטריבן... וואוהין האָט איר אים פאַרטריבן? בלוטזויגערס! מיט אַ פרעמדן כּוח לעבט איר... מיט פרעמדע הענט אַרבעט איר! פאַר דעם אַלץ וועט איר באַצאָלן! ווען איר וועט פגרן וועט דאָס אייך אַלץ פאַררעכנט ווערן! אַלץ, ביז דאָס מינדסטע טרער... וויפיל בלוטיקע טרערן האָט דאָס פאָלק פאַרגאָסן צוליב אייערע גרויסע געשעפטן! אַפילו אין גהינום וועט איר, מנוולים, ניט האָבן קיין אָרט לויט אייערע פאַרדינסטן... ניט אין פייער, נאָר אין קאָכעדיקער בלאָטע וועט מען אייך פרעגלען... אייביק וועט איר ניט אויסקריכן די עינויים, וואָס איר האָט אָנגעטאָן... די רוחות וועלן אייך שליידערן אין די קעסלען און דאָרט פאַרגיסן אייך... כאַ-כאַ-כאַ! פאַרגיסן! כאַ-כאַ-כאַ! חשובֿע סוחרימשאַפט... בּרייער פון לעבן... אָ, טייוואָלים!...

פאָמאַ האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן מיט אַ הויכן געלעכטער און באַפנדיק זיך פאַר די זייטן, האָט ער זיך געוואַקלט אויף די פיס מיט אַן איינגעהויבענעם קאָפּ.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך עטלעכע מענטשן איבערגעקוקט און תּיכּף זיך אַ וואָרף געטאָן אויף פאָמען און צוגעדריקט אים מיט זייערע קערפּערס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל.

— אַריינגעפאַלן! — האָט איינער זיך אויסגעדריקט מיט אַ פאַרסאָפּעטן קול.

— האַ-אַ? אויף אַזאַ אופן גאָר? — האָט פאָמאַ הייזעריק אַ געשריי געטאָן.

אין איין אויגנבליק האָט זיך אַ קופּע שוואַרצע קערפּערס אַ וואָרף געטאָן צו פּאָמען, געפּאָרעט זיך אויף איין אָרט, געטופּעט מיט די פיס און ס'האָבן זיך געהערט פאַרטרייבנדיקע קולות:

— וואַרפט אים אַנידער אויף דער ערד!...

— האַלט אים פאַרן האַנט... פאַרן האַנט! אָ-אָי...

— פאַרן באָרד?

— גיט אַהער אַ סאַלפּעטקע... בינד אים מיט סאַלפּעטקעס...

— ביי-סן זיך גאָר?!

— אַ-זוי! וואָס? אַ-האַ!

— שלאָג זיך ניט! וואַג ניט צו שלאָגן זיך...

— פאַרטיק!...

— אַ גבר!...

— לאָמיר אים אַראָפּטראָגן אונטן... אויפן דעק...

— אויפן ווינטעלע... אויסלופטערן זיך... כע-כע.

מען האָט פּאָמען, ווי אַ פּאַק, אַראָפּגעטראָגן אויפן דעק, געלייגט אים לעבן ווענטל פון קאַפּיטאַנס קאַיוטע און אָפּגעטראָטן פון אים, ברענגענדיק אין אָרדענונג די קאָסטיומען און אָפּווישנדיק זיך דעם שוויס פון געזיכט. אַ פאַרמאַטערטער פון קאַמף און אַן אומבאַהאָלפענער צוליב דער חרפה פון זיין מפּלה, איז ער שווייגנדיק געלעגן, אַן איינגעריכטער אין עפּעס, אַן אַרומגעריסענער, שטאַרק פאַרבונדן די הענט און פיס מיט סאַלפּעטקעס און האַנטעכער. מיט בלוט-פאַרגאָסענע, קיילעכדיקע אויגן האָט ער געקוקט אין הימל, זיין בליק איז געווען טעמפּ און פינסטער, ווי ביי אַן אידיאָט, און זיין ברוסט האָט זיך ניט גלייך און שווער באַוועגט...

איצט איז געקומען די ריי זיך נוקם צו זיין אָן אים. אָנגעהויבן האָט זובאָוו. ער איז צוגעקומען צו אים, אים אַ שטויס געטאָן מיטן פוס אין זייט און מיט אַ זיסער שטים, ציטערנדיק איינגאַנצן פון פאַרגעניגן פון נקמה, געפרעגט:

— נו, וואָס, שטראָפנדיקער נביא? האַ? נו-זשע, פאַרזוך אויך דעם טעם פון בבלס געפאַנגענשאַפט, כע-כע-כע!

— וואַרט... — האָט פּאָמאַ מיט אַ הייזעריקן קול אָפּגעענטפערט, ניט קוקנדיק אויף אים. — וואַרט... איכ'ל זיך אָפּרוען...

דעם צונג האָט איר מיר ניט צוגעבונדן... — נאָר זאָגנדיק דאָס, האָט שוין פּאָמאַ פאַרשטאַנען, אַז מער קען ער גאָרנישט טאָן און גאָרנישט זאָגן. און ניט דערפאַר קען ער ניט, ווייל מען האָט אים געבונדן, נאָר דערפאַר, ווייל ס׳האָט שוין ביי אים עפּעס אַלץ אויסגעברענט און ס׳איז אים געוואָרן פינסטער און ליידיק אויף דער נשמה...

צו זובאָוון איז צוגעקומען ריעזניקאָוו. דערנאָך האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן גענומען דערנעענטערן אַנדערע פון די געסט... באָבראָוו, קאַנאָנאָוו און נאָך עטלעכע מענטשן מיט יאַקאָוו מאַיאַקינען בראש זיינען אַרומגעגאַנגען, שמועסנדיק צווישן זיך וועגן עפּעס פאַרזאָרגט און ניט הויך.

דער דאַמפער איז מיט פולן דאַמף געגאַנגען צו דער שטאָט. פון טרייסלעניש מיטן גאַנצן קאָרפּוס האָבן אויף די טישן געציטערט און געקלונגען די פלעשלעך, און אָט דעם צעבראָכענעם און תחנונימדיקן קלאַנג האָט פּאָמאַ געהערט קלערער פון אַלץ. לעבן אים איז געשטאַנען אַ המון מענטשן, וואָס האָט צו אים גערעדט באַליידיקנדיקע רייד.

אָבער די פּנימער פון אָט-די מענטשן האָט פּאָמאַ געזען ווי הינטער אַ נעפּל און זייערע ווערטער האָבן ניט אָנגערירט זיין האַרץ. אין אים, אין דער טיפעניש פון זיין נשמה איז געוואַקסן עפּעס אַ גרויסער, ביטערער געפיל; ער האָט נאָכגעשפירט זיין וואוקס און כאָטש ער האָט עס נאָך ניט פאַרשטאַנען, האָט ער דאָך שוין איבערגעלעבט עפּעס בענקענדיקס, עפּעס דערנידעריקנדיקס...

— די באַטראַכט נאָר, — הולטאַי די! — וואָסטו געמאַכט פון זיך? — האָט גערעדט ריעזניקאָוו. וואָס פאַר אַ לעבן איז איצט פאַר דיר מעגלעך? איצט וועט דאָך קיינער פון אונז ניט וועלן אַפילו אַ שפּיי טאָן אויף דיר!

— וואָס האָב איך געטאָן? — האָט פּאָמאַ געמיט זיך צו פאַרשטיין. די סוחרים זיינען געשטאַנען אַרום אים אין אַן ענגער פינסטערער מאַסע...

— נ-נו, — האָט זיך אָפּגערופן יאַשטשוראָוו, — איצט, פּאָמקאַ, איז מיט דיר שוין געענדיקט...

— מ־מירן דיך... — האָט שטיל געברומט זובאָוו.

— בינד מיך פונאַנדער! — האָט פּאָמאַ געבעטן.

— דאָס ניט! — אַ שיינעם דאַנק!

— בינד מיך אָפּ...

— ס'שאָדט ניט! קענסט אַזוי אויך ליגן...

— רופט צו דעם טויפּפּאָטער...

נאָר יאַקאָוו מאַראַסאָוויטש איז גראָד צוגעקומען אַליין. ער איז צוגעגאַנגען, זיך אַוועקגעשטעלט האַרט לעבן פּאָמען און געקוקט אויף זיין אויסגעצויגן געשטאַלט שאַרף, מיט שטרענגע אויגן, באַטראַכט אים — און שווער אַ זיפץ געטאָן.

— נו, פּאָמאַ... — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— הייסט מיך אָפּבינדן... — האָט פּאָמאַ געבעטן שטיל מיט אַ דערשלאָגענער שטים.

— וועסט ווידער ווילדעווען? ניין, ליג שוין אַזוי... — האָט אים געענטפערט דער טויפּפּאָטער.

— איך וועל מער אַ וואָרט ניט ריידן... איך שווער ביי גאָט! בינד מיך פונאַנדער... איך שעם זיך! קריסטוסן צוליב... איך בין דאָך ניט שיכור... נו, בינד מיר אָפּ, די הענט קענט איר לאָזן...

— שווערסט זיך, אַז דו וועסט מער ניט ווילדעווען? — האָט מאַיאַקין געפרעגט.

— אָ, גאָט!... מער וועל איך ניט... מער נישט... — האָט פּאָמאַ געקרעכצט.

מען האָט אים אָפּגעבונדן די פיס, נאָר די הענט האָט מען אים נאָך געלאָזן פאַרבונדענע. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אַלעמען און מיט אַ נעבעכדיקן שמייכל שטיל אַרויסגעזאָגט:

— אייער זיג...

— מירן תמיד זיגן! — האָט דער טויפּפּאָטער אים געענטפערט מיט אַ שטרענגן שמייכל.

אַן איינגעבויגענער, מיט פאַרבונדענע הענט אויף הינטן, איז ער שווייגנדיק געגאַנגען צום טיש, ניט אויפהייבנדיק אויף קיינעם די אויגן. ער איז געוואָרן נידעריקער אין וואוקס און דאַרער. די

צעשויבערטע האָר זיינען אים געפאַלן אויפן שטערן און אויף די שלייפן; די צעריסענע און צעריבענע מאַנישקע איז געווען אַרויסגערוקט פון דער זשילעטקע, און דער קראַגן האָט אים פאַרשטעלט די ליפן. ער האָט געדרייט מיטן קאָפ, כדי אַרונטערצורוקן דעם קראַגן אונטער דער גאָמבע, אָבער, — ער האָט דאָס ניט געקאָנט אויספירן. דאַן איז צוגעקומען צו אים דער גראָינקער אַלטיטשקער, פאַרריכט אים, וואָס מען דאַרף, אַ קוק געטאָן אים מיט אַ שמייכל אין די אויגן און געזאָגט:

— מע מוז איבערקומען...

איצט, אין מאַיאַקינס אָנוועזנהייט, האָבן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פריער געטשעפעט מיט פאָמען, — געשוויגן, קוקנדיק מיט נייגעריקייט און מיט אַ פראַגע אויפן אַלטן און דערוואַרטנדיק עפעס פון אים. ער איז געווען רויִק, נאָר זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט עפעס, ווי ניט באַגרייפנדיק דאָס געשעענע, — צופרידן און ליכטיק...

— גיט מיר בראַנפן... — האָט פאָמאַ געבעטן, אַוועקזעצנדיק זיך ביים טיש און אָנשפאַרנדיק זיך מיט דער ברוסט אָן ברעג. זיין איינגעבויגן געשטאַלט האָט אויסגעזען נעבעכדיק און אומבאַהאָלפן. אַרום אים האָט מען גערעדט שטילערהייט, און געגאַנגען, ווי עפעס פאָרזיכטיק. אַלע האָבן געקוקט דאָ אויף אים, דאָ אויף מאַיאַקינען, וועלכער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגנאיבער פאָמען. דער אַלטער האָט אים ניט גלייך געגעבן בראַנפן. תחילת האָט ער זיך גוט צוגעקוקט צו אים, נאָכהער האָט ער, ניט אַיילנדיק זיך, אָנגעגאָסן אַ קעלישעק און ענדלעך עס, שווייגנדיק, אונטערגעטראָגן צו פאָמעס ליפן. יענער האָט אויסגעזופט דעם בראַנפן און געבעטן:

— נאָך!

— ס'קלעקט!... האָט מאַיאַקין געענטפערט.

באַלד דערויף איז אַיינגעטרעטן אַ שווערע מינוטיקע שטילקייט. צום טיש איז מען צוגעקומען אָן גערודער, אויף די שפיץ־פינגער, און צוגייענדיק, האָט מען אויסגעצויגן די האַלז, כדי צו דערזען פאָמען.

— נו, פאַמקאַ, פאַרשטייסטו כאָטש איצטער, וואָס די האָסט אָפּגעטאָן? — האָט מאַיאַקין געפרעגט. ער האָט גערעדט שטיל, אָבער אַלע האָבן געהערט זיין פראַגע.

פאָמאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אָפּגעשוויגן.

— מוחל זיין — קען מען דיר ניט! — האָט מאַיאַקין פאַרגעזעצט, הייבנדיק פּעסט זיין שטים, — כאָטש מיר אַלע — זיינען קריסטן, נאָר מוחל זיין ווען מיר דיר ניט... זאָלסטו וויסן זיין...

פאָמאַ האָט אויפגעהויבן זיין בליק און אַ פאַרקלערטער געזאָגט:

— אָבער הערן אייך, פּאַפּאַשאַ, האָב איך פאַרגעסן... וועגן אייך האָב איך נאָך גאָרנישט געזאָגט...

— אָט איז עס! — האָט מיט ביטערניש אויסגעשריען מאַיאַקין, וויזנדיק מיט דער האַנט אויפן טויפזון: — איר זעט?

ס'האָט זיך ווידער דערהערט אַ הייזעריקער פּראָטעסטירנדיקער געמורמל.

— נו, ס'איז אַלץ איינס! — האָט פאָמאַ ממשיך געווען מיט אַ זיפץ — אַלץ איינס! ס'איז גאָרנישט... עפּעס ממשותדיקס איז דערפון ניט אַרויסגעקומען...

און ער האָט זיך ווידער איבערגעבויגן איבערן טיש.

— וואָס האָסטו געוואָלט? — האָט דער טויף־פּאָטער שטרענג געפרעגט.

— וואָס? — האָט פאָמאַ אויפגעהויבן דעם קאָפּ אויף די סוחרים און זיך צעלאַכט.

— כ'האָב געוואָלט שוין...

— שיכור! פּאַסקודניאַק!

— איך בין ניט שיכור! — האָט פאָמאַ אומעטיק דערווידערט. — איך האָב בסך־הכל אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך... איך בין געווען דורכאויס ניכטער...

— אפנים, — האָט געזאָגט באָבראָוו, — ביסט גערעכט, יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש: ער איז טאַקע ניט ביים זינען...

— איך? — האָט אויסגעשריען פאָמאַ.

נאָר מען האָט אויף אים מערנישט געלייגט קיין אַכט. ריעזניקאָוו, זובאָוו און באָבראָוו האָבן זיך איבערגעבויגן איבער מאַיאַקינען און שטיל וועגן עפּעס גענומען ריידן.

„אַן אַפּוטרופּסות"... — האָט פאָמאַ דערהערט אַ וואָרט.

— איך בין ביים זינען! — האָט פאָמאַ אַרויסגעזאָגט, וואַרפנדיק זיך איופן ווענטל פון שטול און געקוקט אויף די סוחרים מיט פאַרנעפּלטע אויגן. — איך פאַרשטיי, וואָס איך האָב געוואָלט. איך האָב געוואָלט זאָגן דעם אמת... איך האָב געוואָלט אַראָפּרייסן אייערע מאַסקעס...

אים האָט ווידער אַרומגעכאַפּט אַן אומרו, און ער האָט פּלוצלונג אַ ריס געטאָן די הענט, זיך מיענדיק צו באַפרייען זיי.

— ע־ע! וואַרט נאָך! — האָט אויסגערופן באָבראָוו, אָנכאַפּנדיק אים פאַר די אַקסלען. — האַלט אים צו.

— נו, האַלט! — האָט מיט בענקעניש און ביטערניש געזאָגט פאָמאַ. — האַלט... אָבער אויף וואָס דאַרפט איר מיך?

— זיץ רויק! — האָט שטרענג אַ געשריי געטאָן אויף אים דער טויף־פאָטער.

פאָמאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אַלץ, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, האָט צו גאָרנישט געבראַכט, אַז זיינע רייד האָבן ניט צעשמעטערט די סוחרים. אָט רינגלען זיי אים אַרום אין אַ געדיכטער מאַסע און ער זעט אַפילו גאָרנישט, צוליב זיי. זיי זיינען רויק, פעסט, באַציען זיך צו אים, ווי צו אַ שיכור און סקאַנדאַליסט, און פּלאַנעווען עפּעס קעגן אים. ער האָט זיך דערפילט נעבעכדיק, פאַרניכטעט, דערדריקט דורך אָט דער פינסטערער מאַסע פון די שטאַרקע אין גייסט, די קלוגע און סאָלידע לייט. אים האָט אויסגעוויזן, אַז זינט ער האָט זיי געזידלט איז שוין אַוועק אַ סך צייט, אַזוי פיל צייט, אַז ער האָט זיך גופא איצט אויסגעוויזן עפּעס אַ פרעמדער, וואָס פאַרשטייט ניט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן די דאָזיקע לייט און צוליב וואָס ער האָט דאָס געטאָן. ער האָט אַפילו געשפּירט אין זיך אַ באַליידיקונג, ענלעך אויף בושה פאַר זיך גופא. אים איז געוואָרן ענג אין האַלז און ער האָט דערפילט אין ברוסט עפּעס אַ ווייטיקע זאַך, ווי עפּעס שטויביקס

אָדער אַשיקס וואָלט פאַרשאָטן זיין האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט שווער און ניט גלייכמעסיק. ער האָט פאַר זיך גופא געוואָלט קלאָר מאַכן זיין האַנדלונג, און האָט פּאַמעלעך און באַקלערט גערעדט, ניט קוקנדיק אויף קיינעם.

— איך האָב געוואָלט זאָגן דעם אמת... צי דען איז דאָס אַ לעבן?

— שוטה! — האָט מיט ביטול געזאָגט מאַיאַקין. — וואָס פאַר אַן אמת קאָנסטו זאָגן? וואָס פאַרשטייסטו דען?

— דאָס האַרץ מיינס איז אויסגעווייטאָגט... איך פאַרשטיי! וואָס פאַר אַ פאַרענטפערונג האָט איר אַלע פאַר גאָט? צוליב וואָס לעבט איר? ניין, איך פיל... איך האָב געשפּירט דעם אמת.!

— ער האָט חרטה! — האָט זיך אָפּגערופן ריעזניקאָוו מיט חוזק.

— לאָז אים! — האָט אויך מיט ביטול זיך אָפּגערופן באָבּראָוו.

עמעצער האָט צוגעגעבן:

— שוין פון זיינע רייד איז צו זען, אַז ער איז גערירט פון זינען...

— דעם אמת צו זאָגן — זיינען ניט אַלע באַרופן! — האָט שטרענג און מיט מוסר געזאָגט יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש, אויפהייבנדיק די האַנט אינדערהויך. דעם אמת פאַקט מען ניט מיטן האַרץ, נאָר מיטן שכל... פאַרשטייסטו דאָס? אויב דו האָסט דאָס דערשפּירט, איז דאָס פּוסטע זאַכן! אַ קו פילט אויך, ווען מען רייסט איר פאַרן עק. און דו — פאַרשטיי! פאַרשטיי אַליין! פאַרשטיי אויך דעם שונא... זיי תופס, וועגן וואָס ער טראַכט אין שלאָף, און דאַן דערלאַנג אים!

ווי געווינלעך האָט מאַיאַקין געפּרוווט זיך דאָ אויך צו פאַרנעמען מיט זיין פּראַקטישער פילאָסאָפיע, נאָר פאַרשטייענדיק באַצייטנס, אַז דעם באַזיגטן לערנט מען ניט קיין מלחמה, האָט ער אויפגעהערט. פאָמאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ טעמפּן בליק און אויסטערליש געשאָקלט מיטן קאָפּ...

— שעפּס! — האָט מאַיאַקין אַ זאָג געטאָן.

— לאָז מיך צורו! — האָט תּחנונימדיק געבעטן פֿאָמאַ. — אַלץ איז אַייערס! נו, — וואָס נאָך ווילט איר? נו, איר האָט מיך צעטראָטן... צעמזיקט... דאָס קומט מיר! וואָס בין איך? אַ גאָט!...

אַלע האָבן אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער. און אָט דער אויפמערקזאַמקייט איז געווען עפּעס פּאַראורטיילנדיקס, בייזס...

— איך האָב געלעבט, — האָט פֿאָמאַ געזאָגט מיט אַ הייזעריקן קול. — געזען... געטראַכט. ס'האָט אָנגעריסן ביי מיר אין האַרצן פֿון טראַכטן! און אָט האָט געפּלאַצט דער געשוויר... איצט בין איך שוין אינגאַנצן אַן אָפּגעשוואַכטער, — פּונקט דאָס גאַנצע בלוט וואָלט אויסגערונען... ביז היינט האָב איך געלעבט... געטראַכט דאָך, אַז אָט וועל איך זאָגן דעם אמת... נו, האָב איך שוין געזאָגט...

ער האָט גערעדט איינטעניק, און ס'איז געווען ענלעך, ווי ער וואָלט גערעדט פֿון היץ...

— איך האָב שוין אַלץ אַרויסגעזאָגט... און בלויז זיך אויסגעליידיקט... מער גאָרנישט! קיין שום סימן ניט געבליבן פֿון מיינע רייד... מער גאָרנישט... אויף וואָס האָסט מען איצטער?... אַלץ איז געבליבן, ווי געווען...

יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש האָט זיך ניפּטיק צעלאַכט.

— וואָס=זשע, — האָסט געמיינט מיטן צונג אָפּלעקן אַ באַרג? האָסט אָנגעקליבן שנאה פֿאַר אַ וואַנץ און געגאַנגען אויף אַ בער? איז וואָס? פֿאַרזעעניש דו!... דער טאַטע דיינער וואָלט דאָס דיך איצט געזען אין אַזאַ מעמד... עך!

— און דאָך, — האָט פּלוצלונג הויך און זיכער זיך אָפּגערופן פֿאָמאַ און זיינע אויגן האָבן זיך פֿונסניי צעפֿלאַקערט, — און דאָך — זייט איר אין אַלץ שולדיק! איר האָט איבערגעפּירט דאָס לעבן! איר האָט אַלץ ענג געמאַכט... צוליב אייך איז אַ שטיקעניש... צוליב אייך! און הגם מיין אמת קעגן אייך איז שוואַך... איז דאָס דאָך פֿאָרט אַן אמת! איר — פֿאַרפֿלוכטע! זייט אַלע פֿאַרשאָלטן...

ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אין שטול, פּרובירנדיק באַפרייען די הענט, און זיך צעשריען, שפּריצנדיק גרויזאַם מיט די אויגן:

— בינד מיך אָפּ!

מען האָט אים נאָך ענגער אַרומגערינגלט, די פּנימער בײַ די סותרים זיינען געוואָרן ערנסטער, און ריעזניקאָוו האָט אים מיט גוטן געבעטן:

— טומל ניט, סקאַנדאַלעווע ניט! באַלד קומען מיר אין שטאָט... מאַך זיך ניט מיאוס און פֿאַרמיאוס אויך ניט אונז... מיר קענען דאָך ניט דיר גלייך פֿון האַפֿן — אין משוגעים הויז אָפּשיקן?

— יאָ־אָ?! — האָט פֿאָמאַ אַ געשריי געטאָן. — איז ווילט איר מיר טאַקע אין אַ משוגעים־הויז אָפּפֿירן?

מען האָט אים ניט געענטפֿערט. ער האָט געקוקט אויף זייערע געזיכטער און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— האַלט זיך רויק!... מירן דיר אָפּבינדן!... — האָט עמעצער געזאָגט.

— ניט נייטיק! — האָט פֿאָמאַ געענטפֿערט. — אַלץ איינס... אַ שפּײַ! ס׳וועט גאָרנישט זיין...

און זיין ריידן האָט ווידער געהאַט אַ פּנים, ווי ער וואָלט גערעדט פֿון היץ.

— איך בין אַ פֿאַרפֿאַלענער... איך ווייס! אָבער ניט צוליב אײַער כּוח... נאָר צוליב מיין שוואַכקייט... יאָ! איר זייט אויך ווערים פֿאַר גאָט... וואַרט! איר וועט דערשטיקט ווערן.... איך בין אַ פֿאַרפֿאַלענער פֿון בלינדקייט... איך האָב אַסך געזען און בין געוואָרן בלינד... ווי אַ נאַכט־פֿויגל... נאָך יינגלווייז, געדענק איך... האָב איך געטריבן אַ נאַכט־פֿויגל צו אַ גראָבן... ער איז געפֿלויגן און זיך אָן עפּעס אָפּגעקלאַפּט... די זון האָט אים פֿאַרבלענדט... האָט ער זיך אינגאַנצן צעשלאָגן — און פֿאַרלאָרן געגאַנגען... דער טאַטע האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: אַזוי איז אויך אַ מענטש: ער שליידערט זיך אַרום, שליידערט זיך, צעקלאַפּט זיך, מאַטערט זיך און וואַרפֿט זיך אויף וואָס עס מאַכט זיך... אַבי נאָר אָפּצורוען.... עי! בינד מיר אָפּ די הענט...

זיין פּנים איז בּלייך געוואָרן, זיינע אויגן האָבּן זיך פאַרמאַכט, זיינע פּלייצעס האָבּן זיך אַ צאַפּל געטאָן. אַן אַרומגעפלּיקטער און צעקנייטשטער, האָט ער זיך אַ וויג געטאָן אויפן שטול, זיך אַ זעץ געטאָן מיט דער בּרוסט אָן בּרעג טיש און גענומען עפּעס שעפּטשען...

די סוחרים האָבּן זיך פּולדייטיק איבּערגעקוקט. אַנדערע האָבּן געשטורכעט איינער דעם צווייטן אין זייט און שווייגנדיק אָנגעוויזן מיט די קעפּ אויף פּאָמען. יאַקאָוו מאַיאַקינס פּנים איז געווען אומבּאַוועגלעך און פינסטער, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.

— אפשר אָפּבּינדן? — האָט געשעפּטשעט בּאָבּראָוו.

— אָט קומען מיר שוין נענטער...

— ניין, מען דאַרף ניט... — האָט מיט אַ האַלבּער שטים געענטפערט מאַיאַקין. — מירן אים איבּערלאָזן דאָ... עמעצער זאָל שיקן נאָך דער קאַרעטע... און גלייך אין שפּיטאָל...

— און וואו זאָל איך זיך אָפּרוען? — האָט ווידער געפּלאַפּלט פּאָמאַ. — וואוהין וועל איך זיך אַהינטאָן? — און ער איז געבּליבּן פאַרגליווערט אין אַ אומבּאַקוועמער פּאָזע פון אַ צעבּראָכענעם, אינגאַנצן אַן אויסגעקרימטער, מיט אַן אויסדרוק פון ווייטאָג אויפן פּנים...

מאַיאַקין האָט זיך איפגעהויבּן פון אָרט און אַוועק אויבּן, וואָרענענדיק אין דער שטיל:

— גיט אַכטונג... ער זאָל, חלילה, אין וואַסער ניט אַ שפּרונג טאָן...

— אַ רחמנות אויפן יונג... — האָט בּאָבּראָוו אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק אין דער זייט, וואו יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש איז אַוועק.

— קיינער איז אין זיין משוגעת ניט שולדיק... — האָט אַן אָנגעכמורעטער געענטפערט ריעזניקאָוו.

— יאַקאָוו — אַפּנים... — האָט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ אין מאַיאַקינס זייט, אַרויסגעפּליסטערט זובּאָוו.

— יאַקאָוו? ער האָט דאָ ניט פאַרשפּילט...

— נ־יאָ־אָ... ער'ט איצטער... כע־כע!

— ער'ט אים שוין בּאַזאָרגן... כע־כע־כע!

זייער שטילער געפליסטער און געלעכטער האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן קרעכצן פון דער מאַשין און האָבן, קענטיק, ניט דערגרייכט צו פאָמען. ער האָט אומבאַוועגלעך געקוקט פאַר זיך מיט אַ פאַרלאָשענעם בליק, און בלויז זיינע ליפן האָבן זיך קוים באַוועגט...

— דער זון איז צו אים צוריקגעקומען... — האָט באָבראָוו געשעפּטשעט.

— איך קען אים, דעם זון זיינעם, — האָט זיך אָפּגערופן יאַשטשוראָוו. — איך האָב אים געטראָפן אין פּערם...

— וואָס פאַר אַ מענטש איז ער?

— אַ זאַכלעכער... אַ קלוגער יונג...

— נו?

— ער פירט אָן מיט אַ גרויסן געשעפט אין אוסאָל...

— הייסט עס, אַז אָט דעם דאַרף ניט יאַקאָוו... נ־יאָ... אָט וואו ס'האַלט!

— זעט — ער וויינט?

—אָ?

פאָמאַ איז געזעסן אַן אָנגעשפּאַרטער אויפן אָנלען פון שטול מיט אַן אַראָפּגענידערטן קאָפּ אויף אַן אַקסל. זיינע אויגן זיינען געווען געשלאָסן און פון אונטער די וויעס האָבן זיך איינע נאָך דער צווייטער געקייקלט טרערן. זיי זיינען גערונען איבער די באַקן אויף די וואָנצעס... פאָמעס ליפן האָבן קאָנוואולסיוו אויפגעציטערט און די טרערן זיינען פון די וואָנצעס אַראָפּגעפאַלן אויף דער ברוסט. ער האָט געשוויגן און זיך ניט גערירט, נאָר זיין ברוסט האָט זיך געהויבן שווער און ניט גלייכמעסיק. די סוחרים האָבן געקוקט אויף זיין בלייכן, איינגעפאַלענעם און אויסגעפייניקטן פּנים, וואָס איז געווען נאַס פון טרערן, אויף זיינע ליפן, וועלכע האָבן זיך אין די ווינקלען נידעריק אַראָפּגעלאָזט, און שטיל און שווייגנדיק האָבן זיי זיך גענומען דערווייטערן פון אים...

און אָט איז פאָמאַ געבליבן אַליין מיט די פאַרבונדענע הענט אויף הינטן בײַם טיש מיט די אָנגעשטעלטע שמוציקע כלים און פאַרשיידענע שיריים פון דער סעודה. צייטנווייז פלעגט ער לאַנגזאַם

אויפֿמאַכן די שווערע, אָנגעשוואָלענע וויעס און זיינע אויגן, פֿאַרלאָשענע און טרויעריקע, האָבן געקוקט אויפֿן טיש, אויף וועלכן אַלין איז געווען שמדציק, צעשטערט און איבערגעקערט...

ס׳זיינען אַוועק דריי יאָר.

מיט אַ יאָר צוריק איז יאַקאָוו טאַראַסאָוויטש מאַיאַקין געשטאָרבן. שטאַרבנדיק ביים פֿולן באַוואוסטזיין, איז ער פֿאַרבליבן זיך טריי, און עטלעכע שעה פֿאַרן טויט גערעדט צום זון, צו דער טאָכטער און צום איידעם:

— נו, קינדערלעך, — לעבט רייך! יאַקאָוו האָט זיך אָנגעגעסן שוין מיט אַלע גראָזן. הייסט עס, אַז שוין צייט פֿאַר יאַקאָוון זיך אָפּצוטראָגן פֿונדאַנען... איר זעט — איך שטאַרב, אָבער איך בין ניט פֿאַרצווייפֿלט... און דאָס וועט מיר גאָט פֿאַררעכענען... איך האָב אים, דעם טוב ומטיב, נאָר מיט שפּאַסן באַאומרויִקט, אָבער קיינמאָל ניט — מיט טענות־ומענות. אָך!... גאָט! איך בין צופֿרידן, וואָס איך האָב געקענט לעבן... מיט דיין חסד! אַדיע, קינדערלעך... לעבט פֿריינטלעך... און קליגט זיך ניט צופֿיל. ווייסט — ניט דער איז אַ קדוש, וואָס באַהאַלט זיך פֿון עבירות און ליגט זיך רויִק... מיט מורא וועסטו זיך ניט באַהאַלטן פֿון זינד... וועגן דעם רעדט זיך אין משל וועגן די טאַלאַנטן... און ווער ס׳וויל אין לעבן זיך צו עפּעס דערשלאָגן — דער האָט ניט מורא פֿאַר זינד... דעם פֿעלער וועט גאָט אים מוחל זיין... גאָט האָט באַשטימט דעם מענטש אויף צו מאַכן אַ לעבן... אָבער ער האָט אים ניט געגעבן גענוג שכל... הייסט עס, אַז ער וועט ניט אַזוי שטרענג מאָנען די חובות... ווייל ער איז הייליק און פֿול מיט רחמים...

ער איז געשטאָרבן נאָך אַ קורצער, אָבער זייער יסורימדיקער גסיסה...

יעזשאָוון האָט מען צוליב עפּעס אַרויסגעשיקט פֿון שטאָט, אינגיכן נאָך דער געשעעניש אויפֿן דאַמפֿער.

אין שטאָט איז אויפֿגעקומען אַ נייער גרויסער האַנדלס־הויז אונטער דער פֿירמע: „טאַראַס מאַיאַקין און אַפֿריקאַן סמאָלין“...

פֿאַר די גאַנצע דריי יאָר האָט מען פֿון פּאָמען נישט געהערט. מען האָט גערעדט, אַז נאָך זיין אַרויסגיין פֿון שפּיטאָל האָט אים מאַיאַקין אָפּגעשיקט ערגעץ אויפֿן אוראַל צו די קרובים פֿון זיין מוטער.

ניט לאַנג צוריק האָט זיך פּאָמאַ באַוויזן אויף די גאַסן פֿון שטאָט. עפּעס אַן אויסגעריבענער אַזאַ, אַ צעקנייטשטער און שוואַכזיניקער. תמיד אַ שיכּורער, פֿלעגט ער זיך ווייזן — אַמאָל אַ מרה־שחורהדיקער, מיט פֿאַרוואָלקנטע ברעמען און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף דער ברוסט, אַמאָל אַ שמייכלדיקער מיט אַ נעבעכדיקן און אומעטיקן שמייכל פֿון אַ גליקלעכן. אַמאָל פֿלעגט ער ווילדעווען, אָבער דאָס פֿלעגט טרעפֿן זעלטן. וואוינען וואוינט ער ביי דער שוועסטער אין הויף, אין צוגעבויטן פֿליגל...

די סוחרים און שטאָטישע לייט, וועלכע קאָנען אים, לאַכן פֿון אים אָפּ. פּאָמאַ גייט אויף דער גאַס און פּלוצלונג גיט אים עמעצער אַ רוף מיט אַ אויסגעשריי:

— עי, דו, נביא! קום אַהער!

פּאָמאַ גייט זייער זעלטן צו צו דעם, וואָס רופֿט אים, — ער מיידט אים מענטשן און האָט ניט ליב צו ריידן מיט זיי. נאָר ווען ער קומט יאָ צו, — זאָגט מען אים:

— נו־זשע, זאָג עפּעס אַ וואָרט וועגן סוף פֿון דער וועלט, האַ? כע־כע־כע! נ־נ־ביא!

. . . .